STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10027

GEDANK UN HOKHME

Aharon Rozmarin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געדאנק און חכמה

פון

אהרן ראָזמארין

אייגענאַרטיגע געדאַנקען אויף אַלע פיער און פופציג סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וואָס שפּרודלען מיט תורה און חכמה פון אונזערע חכמים, גאונים און גדולי התורה ז״ל, און ענטהאַלטען הונדערטער אויסער געוויינלאך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל, און גלאַט גוטע ווערטלאך.

אום פּאָבלישינג קאָ.
ניו יארק, נ. י.
תשט״ו

Copyright, 1954, *by*
OM PUBLISHING COMPANY

All rights are reserved—No part of this book may be reproduced in any form whatsoever without permission in writing from the publisher.

איבערדרוקען אָדער איבערזעצען דאָס בוך אין גאַנצען אָדער אַ טייל אָהן
דער שריפטליכער ערלויבעניש פון דעם אַרויסגעבער איז פאַרבאָטען.

OM PUBLISHING COMPANY
22 Ludlow Street
New York 2, N. Y.
1954

לזכר נשמת
אחותי פעסיע
ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

ביכער פון דר. אהרן ראָזמאַרין

געדאַנק און חכמה, דרשות אויף אַלע סדרות [אין אידיש].

לכבוד שבת, געדאַנקען אויף אַלע סדרות [אין אידיש].

אברהם אבינו׳ם ביאָגראַפיע, לויט תלמוד און מדרש [אין אידיש].

דער תנ״ך דערצעהלט [אין אידיש].

אָן ענטפער, [אין אידיש].

די שעהנקייט פון אידענטום [אין אידיש].

Golden Rules [אין ענגליש] — אינהאַלט דער זעלבער ווי אין „די שעהנקייט פון אידענטום".

Do You Know This One? — פראַגען און ענטפערם פאַר אַלט און יונג [אין ענגליש].

Moses im Lichte Der Agada — אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פון משה רבינו לויט תלמוד און מדרש [אין דייטש].

אינהאַלט:

עטליכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסער........ 9
די וויכטיגקייט פון שבת........................ 15

בראשית

בראשית 25
נח 31
לך לך 37
וירא 44
חיי שרה 51
תולדות 57
ויצא 63
וישלח 69
וישב 75
מקץ 81
ויגש 87
ויחי 93

שמות

שמות 103
וארא 110
בא 116
בשלח 122
יתרו 128
משפטים 134
תרומה 141
תצוה 147
כי תשא 153
ויקהל 159
פקודי 165

ויקרא

ויקרא 173
צו 178
שמיני 183
תזריע 189
מצורע 194
אחרי מות 200
קדושים 206
אמור 213
בהר 218
בחוקותי 223

במדבר

במדבר 231
נשא 236
בהעלותך 241
שלח 247
קרח 252
חקת 258
בלק 264
פינחס 270
מטות 276
מסעי 281

דברים

דברים 289
ואתחנן 294
עקב 299
ראה 304
שופטים 309
כי תצא 315
כי תבוא 321
נצבים 327
וילך 333
האזינו 340
וזאת הברכה 345

* * *

קריאה לראש השנה 350
ערשטע טעג סוכות, חול המועד 355
הושענא רבה, שמיני עצרת, שמחת תורה 360
קריאה ליום א׳ של פסח 367
קריאה לשבת חול המועד של פסח 373
קריאה ליום ח׳ של פסח 379
קריאה ליום ב׳ של שבועות 384

קוצותיו תלתלים [שיר השירים ה, יא] ... מלמד שיש לדרוש על כל קוץ וקוץ תילי תילים של הלכות.

(עירובין כא, ב)

אל יהי המשל הזה קל בעיניך שעל ידי המשל הזה אדם יכול לעמוד בדברי תורה.

(שיר השירים רבה, פרשה א)

דרוש וקבל שכר (סנהדרין עא, א)

לשעבר כשהיתה הפרוטה מצויה, היתה נפש האדם מתאוה לשמוע דבר הלכה, ועכשיו שאין הפרוטה מצויה, נפש האדם מתאוה לשמוע דבר אגדה.

(סופרים פרק טז)

רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם, למוד הגדה שמתוך כך אתה מכיר את הקדוש ברוך הוא, ומדבק בדרכיו.

ספרי עקב, פיסקא מט)

עטליכע ווערטער וועגן דעם פאַרפאַסער*)

אין דער וועלט פון חכמת ישראל, פון אידישער וויסענשאַפט, פונקט ווי אין אַנדערע וויסענשאַפטען, זיינען פאַראַן, אַזוי צו זאָגען, געוויסע ספּעציאַליסטען. אַ געלעהרטער ווידמעט זיך אַ געוויסען געביט, און אויסער זיין „פעלד" אינטערעסירט איהם כמעט גאָרנית. ער לעבט אין יענעם יאָהרהונדערט מיט וועלכען זיין ספּעציעל געביט באַשעפטיגט זיך, און אפילו אַקטועלע, אַלטעגליכע פּראָבלעמען, אָדער גאָר מאָדערנע ליטעראַטור, אינטערעסירען איהם נישט.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ געוויסען פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַסיריש־באַבילאָנישער ליטעראַטור, צי ער לייענט אויך מאָדערנע ליטעראַטור, האָט ער געענטפערט: „געוויס, אָט האָב איך נאָר וואָס איבערגעלייענט יוזעפוס'עס געשיכטע פון די אידען".

פאַרשטעהט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער זעהר אַלטער אַסירישע באַבילאָנישער ליטעראַטור איז די קנאַפּע צוויי טויזענט יאָהר אַלטע געשיכטע פון יאָזעפוס אַ „מאָדערנע ווערק".

עס זיינען פאַראַן, אָבער, אידישע געלעהרטע, ספּעציעל צווישען די איינגערע, וואָס נישט קוקענדיג אויף זייערע ספּעציעלע וויסענשאַפטליכע געביטען, אינטערעסירט זיי אַלץ וואָס קומט פאָר אין אידישען לעבען. זיי קענען זיך נישט באַנוגענען מיט אָפּשליסען זיך אין די ביבליאָטעקען און אַרויסגעבען וויסענשאַפטליכע ווערק, ווי וויכטיג זיי זאָלען נישט זיין פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק. זיי אינטערעסירט אַלץ וואָס קומט פאָר אין אידישען לעבען, און ווידמען צייט און ענערגיע צו העלפען מיט וואָרט און טאַט צו פאַרשטאַרקען דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבען. דער וואוילזיין פון אידישען פאָלק איז אַ שטיק פון זייער נשמה, און אחוץ זייערע וויסענשאַפטליכע באַשעפטיגונגען, שטעהען זיי געטריי אויף דער וואַך צו היטען און צו העלפען פאַרשטאַרקען דעם וואוילזיין און די עקזיסטענץ פון אונזער געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק. און איינער פון אָט דער דאָזיגער גע־צעהלטער קלאַס געלעהרטע, וואָס קעמפט אונערמידליך פאַר חיזוק

*) אויסצוגען פון אַן אַרטיקעל וועגן ד״ר ראָזמאַרין וואָס איז ערשינען אין „אַמעריקאַנער", סעפּטעמבער 25, 1946.

הדת והאמונה, פאַר אַ געזונט, פּאָזיטיוו אידיש רעליגיעז און נאַציאָנאַל לעבען איז ד״ר אהרן ראַזמאַרין.

געבוירען אין אוסטילע, וואָלינער גובערניע, ביי אַ פאַרמעגליכער חסידיש-לומדישער פאַמיליע, שטרעבט זיין פאָטער ר׳ משה ז״ל אַז ראַזמאַרין זאָל ווערען אַ רב, בעת זיין מוטער בראנצי ע״ה, זעהט אַז ער זאָל קריגען אַ גוטע וועלטליכע בילדונג. שוין אין זיין פריהסטער יוגענד צייכענט זיך ראַזמאַרין אויס מיט אַן אויסערגעוועהנליך גוטען זכרון און „תפיסה״. און דערצו איז ער נאָך געבענטשט מיט אַ געוואַל-דיגער התמדה, שטייגט ער טאַקע פון טאָג צו טאָג סיי אין לערנען, סיי אין וועלטליכער בילדונג.

באַלד נאָך דעם ערשטען וועלט-קריג טרעפט זיך ראַזמאַרין מיט זיין קאָזין פּראָפעסאָר ישראל פריעדלענדער ז״ל, וועלכער איז דאַן געקומען פון אַמעריקע קיין אייראָפּע אַלס פאָרשטעהער פון „דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״. און באַשליסט צו פאָהרען קיין אַמעריקע.

קומענדיג קיין אַמעריקע הויבט ער באַלד אָן פאָרטצוזעצען זיין תלמוד׳ישען און אַלגעמיינעם שטודיום. ער שטודירט גלייכצייטיג אויך יוריספּרודענץ, און אין אַ קורצער צייט אַרום הויבט ער אָן דרוקען אַרטיקלען אין דער ענגליש-אידישער פּרעסע. ער מאַכט זיין „דעביוט״ אין ענגליש מיט אַ סעריע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, צווישען זיי: „די געשיכטע פון די כוזרים״; „די פאַלאַשען״ (שוואַרצע אידען פון אַבעסיניע); „די ווייסע, שוואַרצע און ברוינע אידען פון ווייטען מזרח״; „די געשיכטע פון די אידען אין מאַראָקאָ״. ד״ר י פייטלאָ-וויטש, דער „טאַטע״ פון די פאַלאַשען, איז אַזוי באַגייסטערט פון ראַז-מאַרינ׳ס באַהערשען די געשיכטע פון די פאַלאַשען, אַז ער שלאָגט איהם פאָר צו פאָהרען קיין אַבעסיניע און איבערנעמען זיין אַמט אַלס פיהרער פון די דאָרטיגע אידען. און עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז אין ד״ר עמנואל בערענפעלד׳ס (זוהן פון דעם באַריהמטען געלעהרטען ד״ר שמעון בערענפעלד ע״ה) פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון פּראָפעסאָר מאַרטין פיליפּסאָנ׳ס „נויסטע געשיכטע דעם יידישען פאָלקעס״, זיינען ראַזמאַרינ׳ס וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען אַנגעגעבען אַלס קוועלען-מאַטעריאַל.

נאָך עטליכע יאָהר אין אַמעריקע פאָהרט ראַזמאַרין קיין דייטש-לאַנד צו פאַרפאָלקאָמען דאָרט זיין שטודיום. אין יענער צייט ווען אַן אויסלענדער האָט געוואָלט אויפגענומען ווערען אַלס סטודענט אין דער בערלינער אוניווערזיטעט האָט ער געמוזט דורכמאַכען אַ רייהע שריפטליכע עקזאַמענס, און אויב ער האָט אויסגעהאַלטען, האָט ער

געמוזט דורכמאַכען אַ רייהע מינדליכע עקזאַמענס, און ערשט דאַן איז ער אָנגענומען געוואָרען. אָבער ראָזמאַרינ׳ס שריפטליכע עקזאַמענס, זיינען געוועזען אַזוי אויסגעצייכענט, אַז מען האָט איהם אינגאַנצען באַפרייט פון די מינדליכע עקזאַמענס — דער גרעסטער כבוד פאַר אַ סטודענט.

נאָך אַ פּאָר יאָהר אין דער בערלינער אוניווערזיטעט זעצט ער פאָרט זיין שטודיום אין דער ווירצבורגער אוניווערזיטעט, אָבער ניט אויף דעם חשבון פון אידישע לימודים, און באַקומט דעם טיטול „דאָק־טאָר דער פילאָזאָפיע" מיט די העכסטע אויסצייכענונגען.

ד״ר ראָזמארין הויבט זיך דאַן אָן באַטייליגען מיט צעהנדליגער אַרטיקלען וועגען ביבלישע פּערזענליכקייטען אין דעם ליכט פון דער אגדה׳שער ליטעראַטור אין דעם נייטען און צעהנטען באַנד פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאאיקא", וואָס איז ערשינען אין בערלין. צו גליי־כער צייט שרייבט ער אויך אַרטיקלען אין דער דייטש־אידישער פּרעסע.

אין צווישען ערשיינט ד״ר ראָזמאַרינ׳ס אַ וויסענשאַפטליך ווערק „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" — —אַ ביאָגראַפיע פון משה רבינו, באַזירט אויף תלמוד און מדרש. צעהנדליגער פאַך־געלעהרטע האָבען וועגען דעם בוך געשריבען מיט די גרעסטע לויב געזאַנגען, צווישען זיי: פּראָפעסאָר ש. קרויס, ע״ה, וועלכער האָט וועגען דעם געשריבען צוויי באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען אין צוויי באַזונדערע וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען; פּראָפעסאָר בערנאַרד העלער פון בודאַפּעסט האָט אָנגע־וויזען אין זיין רעצענזיע אין דער „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענטום׳ס", וואָס דער ברעסלויער ראַבינער סעמי־נאַר האָט אַרויסגעגעבען, אַז עס איז אַ פאָלשטענדיגע, גרינדליכע ביאָגראַפיע פון משה רבינו. פּראָפּ. ש. י. פייגין, ע״ה, פון דער שיקאַגער אוניווערזיטעט האָט אין „הדאר" אָנגעוויזען אַז דאָס ווערק דאַרף איבערגעזעצט ווערען אויף העברעאיש און געלערענט ווערען אין די שולען. י. י. וואהל ז״ל, האָט באַמערקט אין „צוקונפט", אַז סטיליסטיש שטעהט עס העכער אפילו פון עדמונד פלעג׳ס (באַריהמטער פראַנ־צויזיש־אידישער שריפטשטעלער) בוך וועגען משה רבינו. פּראָפעסאָר משה שאָר ז״ל, הויפט ראַבינער פון וואַרשע, האָט געשריבען „נמטיה אפריון לפועלא טבא". פּרץ ווערניק ז״ל האָט עס געהאַלטען פאַר אַ „העכסט באַלעהרענד און אינטערעסאַנט אָנגעשריבען ווערק".

צוריק־קומענדיג קיין אַמעריקע לאַדעט דזשייקאָב דע־האַאז ע״ה איין ראָזמאַרינ׳ען אַלס מיטאַרבייטער פון דער „ענציקלאָפּעדיע אָוו

דזשואיש נאַלעדזש", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. צו גלייכער צייט הויבן אָן ערשיינען ד"ר ראַזמאַרינ'ס אַרטיקלען אין די פאַרשיידענע אידישע טעגליכע, וועכענטליכע, מאָנאַטליכע זשורנאַלען אין אַמעריקע, קאַנאַדע און זיד-אַמעריקע, אין מאַנכע אויסלענדישע העברעאישע צייטונגען, און אין כמעט אַלע ענגליש-אידישע זשורנאַלען. פילע פון זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אין אַנדערע שפּראַכען. ער האָט אויך אָנגעפיהרט מיט דעם באַריהמטען קאָלום „פראַגען און ענטפערס", וואָס איז ערשינען יעדער טאָג אין „מאָרגען זשורנאַל", און מיט דעם וועכענטליכען אַרטיקעל „לכבוד שבת" אין „אַמעריקאַנער".

באַהערשענדיג דאָס געוואַלדיג ברייטע מדרש געביט, פאַרענדיגט ער אינצווישען אַ ווערק אין העברעאיש, וואָס באַהאַנדעלט יעדע ביבלישע פּערזענליכקייט, פּאַסירונג און מאָטיוו אין דעם ליכט פון דער אגדה-ליטעראַטור. דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק וואָס וועט אַנטהאַלטען אַן ערך פון צעהן גרויסע בענדער. אויסער דעם האָט ער פאַרטיג אַן ענגלישע איבערזעצונג פון רש"י אויף תורה, וואָס אַנטהאַלט אויך פילע אייגענע חידושים, און נאָך אַנדערע וויסענשאַפטליכע כתבי יד.

ד"ר ראַזמאַרין, וועלכער איז אגב אַ מוסמך, אָבער וויל ניט אָננעמען קיין רבנישע שטעלע, איז אָבער ניט גלאַט אַ בוך-וואָרעם. ער איז נישט פון יענע געלעהרטע וואָס לעבען זיך אויס אין די אַלטע עפּאָכעס פון זייערע ספּעציעלע געביטען. זיין ספּעציאַליטעט איז טאַקע די אגדה'שע ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז ממש פאַרליבט. ער איז איבערצייגט אַז ווען די ברייטע אידישע מאַסען זאָלען זיין באַקאַנט מיט אונזער מדרש-ליטעראַטור, באַזונדערס מיט איהר עטישען טייל, וואָלטען פיעלע פון אונז היינט צו טאָג געוועזן שטאָלצערע אידען. אָבער אין דער זעלבער צייט נעמט ער אַן אַקטיווען אנטייל אין די אידישע געגענוואַרטיגע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

זייענדיג אַ הייסער אָנהענגער פון אַ רעליגיעזן ארץ ישראל, האָט ער פאַרעפענטליכט אין דער ענגליש-אידישער פרעסע „אַן אָפענעם בריעף צו ענגלאַנד", ווען די פּיל-קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגען איהר טרויעריג באַריהמטען חלוקה-פּלאַן. ניט קיין קלענערע ווי לאָרד דזשאָרדזש, לאָרד מעלטשעט, לאָרד סעמועל, דער דאַמאָלסדיגער קאָלאָניאַל מיניסטער אָרמסבי גאָר, דער אַרטשבישאָף פון קענטערבורי, דער סעקרעטאַר פון דער „ליעג אָף ניישאָנס", דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און אַנדערע, האָבען איהם געשריבען אַז זיי האָבען „שטודירט" זיין אַרטיקעל. מאַדאַם פּיל, די פרוי פון לאָרד פּיל (טשער-

מאַן פון דער קאָמיסיע) האָט אים געשריבען, אַז דער לאָרד וועט שטודירען דעם אַרטיקעל אַזוי שנעל ווי ער וועט אויפשטעהן פון קראַנקען בעט, אָבער ווי באַוואוסט איז ער געשטאָרבען.

ד"ר ראָזמאַרין איז אַ הייסער קעמפער פאַר אַ שטאַרק רעליגיעז־נאַציאָנאַל אידענטום. זיין איבערצייגונג איז אַז ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל פיהרען אַ שטרענג רעליגיעז לעבען פּראַקטיש, און זיין באַקאַנט מיט די רעליגיעזע לעהרעס פון דעם אידענטום, וואָלט דאָס געדינט אַלס בעסטער שוץ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק און גלייכצייטיג אַלס שטאַרקסטע וואפען געגען אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. זיין שיטה איז אַז אַ אידיש לעבען געבויט אויף אַ פּאָזיטיווען, רעליגיעזען פונדאַמענט איז דער שטאַרקסטער פּאַנצער געגען אונזערע אינערע און אויסערע געגנער. זיין אנשויאונג איז, אַז אַ אידיש לעבען וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון דער נאַבעלער, פּאָזי־טיווער אידעאָלאָגיע פון אידישקייט, אַ אידישקייט וואָס בארוהט בלויז אויף „געגען־אַנטיסעמיטיזם" אנשטאַט אויף „פּאַר־אידענטום", אַ אידישקייט וואָס שיילט זיך אַרויס פון פאַרפאָלגונגען, אַ אידישקייט וואָס איז אַ קינד פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַזאַ אידישקייט איז אַן אַבנאָרמאַלע ערשיינונג, און איז במילא געפעהרליך פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אָט דאָס דערקלעהרט טאַקע פאַרוואָס ד"ר ראָזמאַרין איז פון די ערשטע געגנער פון דער אַזוי גערופענער „גוד־וויל" באַוועגונג. זיין צוגאַנג איז אַ גאַנץ פּשוט'ער, אָבער אַ געזונט לאָגישער. זיין אַרגו־מענט איז אַז ווען אַ ראַבאַי „פּרעדיגט" אין אַ קלויסטער און לאַדט איין זיינע „צאן קדשים" איהם צו הערען, האָט ער ניט דעם מוט צו רעדען וועגען דער שעהנקייט פון אידישקייט. אנשטאַט דעם זינגט ער לויב־געזאַנגען, אַז דער „אותו האיש" איז געוועזן אַזוינס און אַזעלכעס. שפּעטער לאַדט דער ראַבאַי איין דעם גלח צו רעדען אין זיין סינאַגאָג, און יענער, פאַרשטעהט זיך, האַלט אין איין באַווייזען, אַז „אותו האיש" איז געוועזן אַ גרויסער נביא און אַ איד דערצו. די „צאן קדשים" הערען סיי פון זייער ראַבאַי און סיי פון דעם גלח אַז „אותו האיש" איז געוועזן איינס אין דער וועלט, איז צו וואָס גלויבען אין תורת משה און ווערען געיאָגט און געפּלאָגט, עס איז דאָך שוין בעסער צו גלויבען אין איהם און זיין אַ מענטש מיט לייטען גלייך.

ד"ר ראָזמאַרינס מוטיגער קאַמף געגען „גוד־וויל" איז געוואָרן באַקאַנט פון זיין קאַמף געגען שעכטער'ס סעמינאַר פאַר איינלאַדען „גוד־וויל" גלחים און מיסיאָנערען. און ווען די סעמינאַר ראַבאַיס

האָבן אַרויסגעגעבן געגען איהם אַ פּאַמפלעט אין אידיש און העב־רעאיש, האָט, פאַרשטעהט זיך, ראָזמאַרין געענטפערט מיט אַ פּאַמ־פלעט, וואָס ווימעלט אגב מיט לומדות, און אָנגעוויזען אַז זיי שלאָגען ניט אָפּ אפילו איינע פון זיינע באַשולדיגונגען.

אַלס רעזולטאַט פון זיין איבערצייגונג אַז נאָר אַ פונדאַמענטאַל פּאָזיטיוו-רעליגיעז-נאַציאָנאַל לעבען איז דאָס איינציגע מיטעל פאַר אַ געזונטע און דויערהאַפטע אידישע עקזיסטענץ, און דאָס קען דערגרייכט ווערען נאָר דורך באַקענען זיך מיט דער אידישער רעליגיע־זער און נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, האָט ד״ר ראָזמאַרין אויף זיך גענומען צו פאַרעפענטליכען אַ רייהע ביכער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, וועלכע וועלען העלפען דעם לעזער זיך באַקענען מיט דער שעהנקייט פון דער אידישער לעהרע און עטיק [1]).

און זאָל דאָ צוגעגעבען ווערען אַז אַ פאָלק וואָס האָט געגעבען דער וועלט אַזאַ נאָבעלע, עטישע לעהרע נאָך מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, ווען די היינטיגע אַזוי גערופענע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאָך געווען ווילדע באַרבאַרען, אַזאַ פאָלק מוז און וועט ענדליך זיעגען איבער אַלע זיינע אינערליכע און אויסערליכע שונאים. אַזאַ פאָלק, ווי ישראל סבא, וועט זיכער איבערלעבען זיינע איצטיגע שונאים, פונקט ווי עס האָט איבערגעלעבט זיינע אַמאָליגע המן׳ס. ווארום, אַן אינטענסיוו-רעליגיעז אידיש לעבען, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, באַזירט אויף תורה, נביאים, תלמוד און אידישער עטיק, איז די שטאַרקסטע און בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ געזונטע, דויערהאַפטע עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

---

1) לעצטענס זיינען ערשינען זיינע ווערק „די שעהנקייט פון אידענ־טום״ אין אידיש, און Golden Rules אין ענגליש, וועלכע באַהאַנדלען אַזעלכע וויכטיגע טעמעס ווי:

אמת און ליגען, אויפריכטיגקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינדשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסדים און פראַצענט, צדקה, פאַרגינען און מקנא זיין, אַכטען און באַליידיגען, באַשיידענקייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג, איניגקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און איג־נאָראַנץ, לעהרער און פיהרער, אַרבייט, אַרבייטער און אַרבייטסגעבער, דער סטאַטוס פון דער אידישער פרוי, דעמאָקראַטיע, קריג און פריעדען. דר. ראָזמאַרין איז אויך דער רעדאַקטאָר פון דער רעליגיעזער וואָכענצייטונג „דער איד״.

די וויכטיגקייט פון שבת

פּונקט ווי דאָס סאָציאַלע לעבען פאָדערט געוויסע פאָרמען פון עטי־קעטע, געוויסע קאָנווענציאָנעלע אויפפיהרונגען, אַזוי אויך פאַרמאָגט אונזער רעליגיע אַ רייהע פון מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס וועלכע רעגולירען דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַלטעגליכע לעבען. ווען אַ איד דאַווענט, איז אפילו ווען ער פאַרגעהט זיך אין העכסטער התלהבות, בלייבט עס דאָך פאַר איהם בלויז אַן אַבסטראַקטער פאָרם פון רעליגיעזען אויסלעבען זיך. דאַגעגען אָבער ווען ער איז מקיים אַ מצוה, פיהרט דורך אַ רעליגיע־זען מנהג, איז עס פאַר איהם אַ קאָנקרעטע זאַך. ער טאַפּט עס ממש אָן מיט די הענט.

זייענדיג אַן אַלט פאָלק, און די ערשטע וועלכע האָבען פּראָק־לאַמירט דעם מאָנאָטעאיסטישען גלויבען — דעם גלויבען אין **אחד** — זיינען אונזערע מצוות שוין אַלט טויזענטער יאָהרען. און אונזערע מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען ניט גלאַט סימבאָלען וואָס דרוקען בלויז אויס אונזערע רעליגיעזע געדאַנקען און געפיהלען, נאָר זיי העלפען אויך דעם מענטשען צו **לעבען** רעליגיעז. און שבת איז איינער פון די אַלער־פונדאַמענטאַלסטע זיילען פון אונ־זער רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען לעבען. שבת איז איינער פון די שטאַרקסטע רינגען אין אידישקייט.

אויב מיר ווילען עקזיסטירען אַלס אַ **אידיש** פאָלק מוזען מיר אָפּהיטען שבת. אָהן שבת קען קיין אידיש פאָלק ניט זיין, פּונקט ווי עס קען ניט זיין קיין שבת אָהן אַ אידיש פאָלק. וואָרום שבת איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער גאַנצער תורה, פון דעם גאַנצען רעליגיע־זען און נאַציאָנאַלען לעבען. דער פאַקט וואָס „בשבת ניתנה תורה לישראל" [1] — אַז שבת איז די תורה געגעבען געוואָרען די אידען — באַווייזט אַז שבת איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין דער אידישער רעליגיע.

שבת איז אַזוי אַלט ווי בריאת העולם, און דער באַשעפער פון דער וועלט איז געווען דער ערשטער שומר שבת. דערצעהלט אונז

1) שבת פו, ב.

דאך די תורה, אז אין זעקס טעג האט דער אלמעכטיגער באשאפען די וועלט, און דעם זיבעטען טאג האט ער גערוהט [2]. אז דער אלמעכ-טיגער האט אנערקענט שבת אלס דעם טאג פון רוה, קען מען אויך זעהן דערפון וואס שבת איז קיין מן ארונטערגעפאלען פון הימעל [3]. און ניט נאר איז שבת די עלטסטע אידישע רעליגיעזע אינסטיטוציע, נאר דאס אפהיטען שבת איז שוין אויך אזוי אלט ווי דאס אידישע פאלק. האט דאך שוין אברהם אבינו מקיים געווען די גאנצע תורה, אפילו עירובי תבשילין און עירובי חצירות און אפילו א „מצוה קלה שבעל פה" [4]. זאגען דאך די חכמים ז"ל בפירוש אז יעקב אבינו האט אפגעהיט שבת „קודם שניתן" [5]. אויך די אידען אין מצרים האבען אפגעהיט שבת. ווען משה, וועלכער איז ערצויגען געווארען אין דעם עגיפטישען קעניג'ס הויף, איז אונטערגעוואקסען, און ער האט צום ערשטען מאל דערזעהען ווי שווער די אידען שקלאפען אין מצרים, האט ער אפעלירט צו פרעה'ן ער זאל זיי באוויליגען א רוה-טאג יעדע וואך, און ער האט באשטימט שבת אלס דעם טאג פון רוה [6].

נאכמעהר, לויט די חכמים ז"ל איז די מצוה פון שבת געגעבען געווארען די אידען נאך פאר מתן תורה. ווען די אידען זיינען אריבער דעם ים-סוף, האבען מארשירט דריי טעג אין דער מדבר שור און זיינען אנגעקומען קיין מרה, זיינען זיי דארט געבאטען געווארען אפצוהיטען שבת [7]. זיינען דאך די הייליגקייט פון שבת און די מצוה פון אפהיטען שבת פראקלאמירט אין די עשרת הדברות [8]. און ניט נאר הייסט אונז די תורה רוהען שבת, נאר „שבת הוא לד' בכל מושבותיכם" [9], וואו א איד זאל זיך ניט געפינען דארף ער אפהיטען שבת. האלט טאקע די תורה אין איין ווארענען: „את שבתותי תשמורו", „ושמרתם את השבת" [10]. און ניט נאר טאר מען ניט שבת טהון קיין שום מלאכה, נאר אפילו דאס בית המקדש טאר מען שבת ניט בויען [11]). רוהט דאך אפילו דער סמבטיון שבת [12]). שבת איז דער

2) בראשית ב, ב—ד; שמות לא, יז.
3) שמות טז, כב—ל.
4) יומא כח, ב; קידושין פב, א; תנחומא לך לך; בראשית רבה פרשיות מט, סד, צה.
5) בראשית רבה פרשה עט.
6) שמות רבה פרשה א, פרשה ה;
7) זעהט: שמות טו, כה און רש"י דארט; שבת פז, א—ב; סנהדרין נו, ב.
8) שמות כ, ח—יב.
9) ויקרא כג, ג.
10) זעהט שמות לא, יג—יז.
11) יבמות ו, א; זעהט אויך שבת מט, ב.
12) בראשית רבה פרשה יא.

אייביגער אָפּמאַך אויף אַלע דורות, צווישען דעם באַשעפער פון דער וועלט און ישראל סבא[13]). און פונקט ווי יום הכפורים, דער הייליגסטער און פורכטיגסטער טאָג פון יאָהר, ווערט אויך שבת באַצייכענט אַלס „שבת שבתון[14]).

פאַר אַזוי וויכטיג האָבען די אידען אין משך פון אַלע דורות באַטראַכט שבת, אַז אפילו די יעניגע וועלכע האָבען ניט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען אין אָפּהיטען פאַרשידענע אַנדערע מצוות, האָבען זיי שבת דאָך נישט פאַרשוועכט[15]). דער נביא ירמיהו וואָרענט אַז דאָס פאַרשוועכען שבת וועט פיהרען דערצו אַז ירושלים וועט חרוב ווערען[16]). און אונזערע חכמים ז"ל זאָגען טאַקע „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת[17]), אַז ירושלים איז חרוב געוואָרען נאָר דערפאַר ווייל מען האָט דאָרט פאַרשוועכט דעם שבת. אָבער אַזוי ווי אונזער רעליגיע באַטראַכט דעם מענשען'ס לעבען פאַר זעהר טייער, איז בלויז „פקוח נפש דוחה שבת"[18]), נאָר ווען אַ מענש איז קריטיש קראַנק, מעג מען, אונטער געוויסע אומשטענדען, פרעגענדיג פריהער אַן אָרטאָדאָקסישען רב, מחלל שבת זיין.

די „קעניגין" און די „כלה" שבת[19]) איז געגעבען געוואָרען די אידען אַלס „מתנה טובה". דער אַלגעגענוואַרטיגער האָט געזאָגט צו משה'ן: „מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם"[20]) — איך האָב אין מיינע אוצרות אַ גוטע מתנה, איהר נאָמען איז שבת, און איך וויל זי געבען דעם פאָלק ישראל, געה און זאָג זיי. און געגעבען איז עס געוואָרען „בצנעא" — שטילערהייט — אָהן טאַראַראַם, אָהן „פובלימיטי"[21]). און ווען שבת האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר ניט האָבען קיין בן-זוג, האָט כביכול געענטפערט: „כנסת ישראל היא בן זוגך"[22]) — דאָס פאָלק ישראל איז דיין חתן.

אויסער דעם וואָס „שכל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה"[23]) — אַז ווער עס היט אָפּ שבת ווערט דערוויטערט פון

---

13) שמות לא יג—יז;
14) שמות לא, טו; ויקרא כג, ג.
15) זעהט: ישעיה א, יג; עמוס ח, ה.
16) ירמיה יז, כז; יחזקאל כ.
17) שבת קיט, ב; זעהט יחזקאל כב, כו.
18) מכילתא תשא; יומא פה, א.
19) שבת קיט, א.
20) שבת י, ב; ביצה טז, א.
21) ביצה טז, א.
22) בראשית רבה פרשה יא.

דער עבירה — פארמאגט שבת אין זיך די אייגענשאפט וואס עס איז „מוספת קדושה על ישראל״ [24]) — עס מאכט אידען הייליגער. און געגעבען געווארען איז שבת בלויז צוליב דעם צוועק אז מען זאל דעם טאג פארברענגען אין לערנען [25]). און כאטש דער צוועק פון שבת איז צוליב גייסטיגען פארגעניגען, דארף מען אבער גלייכצייטיג ניט איגנארירען דעם פיזישען עונג שבת. אדרבה, מען דארף עסען און טרינקען פון דעם שענסטען און בעסטען [26]), און ווייך דארף אויך זיין דערביי [27]). אט זעהען מיר, צום ביישפיל, ווי ניט קיין קלענערער ווי שמאי הזקן האט שטארק מקפיד געווען צו קויפען דאס בעסטע פלייש אויף שבת — „מצא בהמה נאה אומר זו לשבת, מצא אחרת נאה הימנה מניח את השניה ואוכל את הראשונה״ [28]).

און אז עס לוינט זיך, קען מען זעהען פון פאלגענדען: ר׳ חייא בר אבא האט אמאל געהאלטען שבת ביי א בעל הבית אין לודקיא, האט מען סערווירט טייערע עסענס און געטראנקען אין קאסטבארע, גאלדענע און זילבערנע כלים. האט ר׳ חייא א פרעג געטהון: „בני, במה זכית?״ — מיין קינד, פאר וועלכע מעשים טובים האסטו דאס זוכה געווען? האט דער בעל הבית געענטפערט: „איך בין געוועזן א קצב, פלעג איך האלטען די בעסטע בהמה אויף שבת״ [29]).

זיינען מיר דאך געבענטשט שבת מיט א נשמה יתירה [30]), האט טאקע שבת דאס עסען א גאר באזונדערען טעם. און עס איז כדאי צו דערמאנען אז א קיסר האט אמאל געפרעגט רבי יהושע בן חנניא: „מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף? אמר לו תבלין אחד יש לנו ושבת שמו, שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף. אמר לו תן לנו הימנו, אמר לו כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו״ [31]) — פאר וואס האט דאס שבת׳דיגע עסען א באזונדערען געשמאק? האט ער איהם געענטפערט: מיר האבען אזא מין „פאטראווע״ וועלכע הייסט שבת, טהוען מיר דאס אריין אין עסען, און דאס גיט עס א ספעציעלען געשמאק. זאגט ער צו איהם, גיב אונז א ביסעל דערפון. האט ער איהם געענטפערט, ווער עס היט אפ

23) מכילתא בשלח.
24) מכילתא תשא.
25) ירושלמי שבת פרק טו, הלכה ג; זעהט פסיקתא רבתי סוף פיסקא כג.
26) שבת קיח, ב; דברים רבה פרשה ג.
27) פסחים קו, א.
28) ביצה טז, א.
29) שבת קיט, א.
30) ביצה טז, א.
31) שבת קיט, א.

שבת העלפט עס, און ווער עס היט ניט אָפּ שבת, העלפט עס ניט. נאָכמעהר, „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות, מחבלו של משיח, ומדינה של גיהנום, וממלחמת גוג ומגוג"[32]). נעמליך, ווער עס איז מקיים שבת די מצוה פון „שלוש סעודות", ווערט געראַטעוועט פון דריי אומגליקען: משיח-ווייהען, גיהנום, און פון דער גוג ומגוג מלחמה.

שבת דאַרף מען זיך קליידען ריין און שעהן[33]). „צריך אדם להיות לו שני עטפים, אחד לחול ואחד לשבת"[34]) — אַ מענש דאַרף האָבען צוויי גאַרניטורען, אַ וואָכעדיגען און אַ שבת'דיגען. זאָגען דאָך די חז"ל אַז „כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ מהוצאת שבתות...[35]) — דעם מענשען'ס גאַנצע פּרנסה ווערט באַשטימט צווישען ראש השנה און יום הכפור, אויסער די אויסגאַבען וואָס אַ מענש דאַרף אויף שבת. נאָכמעהר, „כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים"[36]), „נותנין לו משאלות לבו"[37]) — ווער עס פאַרשאַפט דעם שבת פריידע, דעם גיט מען אומבאַשרענקט רייכטום, מען גיט אים אַלץ וואָס זיין הארץ פאַרלאַנגט. איז דאָך עונג שבת אַ זעכציגסטעל פון עולם הבא[38]).

וואָרום נאָר דאַן ווען מען היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין קען מען האָבען אַן אמת'ע גייסטיגע הנאה פון אידישקייט. און דער נביא שרייבט אויס: „אם תשיב משבת רגלך, עשות חפצך ביום קדשי וקראת לשבת עונג... אז תתענג..."[39]) — אַז דו וועסט רוהען שבת, ניט פיהרען קיין געשעפטען, און פאַרוואַנדלען שבת אין אַן עונג שבת, דאַן וועסטו געפינען פריידע אין דעם אויבערשטען.

אַזוי גרויס און וויכטיג איז דער כוח פון שבת אַז „כל המשמר שבת כהלכתה, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו"[40]) — ווער עס היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, אפילו ווען ער איז זינדיג ווי דער דור אנוש, איז מען איהם מוחל. נאָכמעהר, „אלמלי

---

32) שבת קיח, ב.
33) שבת קיג, א; דברים רבה פרשה ג.
34) רות רבה פרשה ה. פערגלייכט: ירושלמי פאה פרק ח, הלכה ז; תנחומא בראשית ב; פסיקתא דעשרת הדברות; שאילתות דרב אחאי גאון אַנהויב בראשית.
35) ביצה טז, א.
36) שבת קיח, א.
37) שבת קיח, ב.
38) ברכות נז, ב.
39) ישעיה נח, יג—יד.
40) שבת קיח, ב.

משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין״ [41]) — ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל אָפּהיטען צוויי שבתים ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטען זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרען. און „אילו היו ישראל משמרין שבת אחת כתיקונה, מיד היה בן דוד בא״ [42]) — און ווען אידען זאָלען אָפּהיטען איין שבת ריכטיג, וואָלט משיח בן דוד געקומען. איז דאָך שבת גלייך צו אַלע מצוות [43]). זאָגען דאָך אונזערע חכמים ז״ל אַז כביכול זאָגט: „אם תזכו לשמור שבת, מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצוות שבתורה״ [44]) — ווען איהר זאָלט זוכה זיין אָפּצוהיטען שבת, וועל איך דאָס באַטראַכטען גלייך ווי איהר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה.

און וויל מען ווירקליך פאַרשטעהן די גרויסע באַדייטונג, די אונגעהויערע וויכטיגקייט פון אָפּהיטען שבת, קען מען דאָס אפשר אַמבעסטען זעהען פון דעם שלאָגיגען מאמר חז״ל, אַז ווער עס היט אָפּ שבת איז „כאילו עשה את השבת״ [45]) — איז גלייך ווי ער אַליין האָט באַשאַפען דעם שבת.

און טאַקע דערפאַר וואָס שבת איז אַזוי וויכטיג פאַר ישראל'ס אייביגער עקזיסטענץ אַלס א אידיש פאָלק, האָט שבת געהאַט אוים-צושטעהן ניט ווייניגער פאַרפאָלגונגען ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. אונצעהליגע מאָהל האָבען די שונאי ישראל פאַרבאָטען די אידען אָפּצוהיטען שבת [46]). זייענדיג, אָבער, איבערצייגט אַז שבת און אי-דענטום זיינען נשמה און גוף, אַז אָהן שבת קען דאָס אידישע פאָלק ניט אָטעמען, האָבען אידען אין אַלע דורות ממש מקריב געווען זייערע לעבענס פאַר אָפּהיטען שבת.

אונזער רעליגיע איז דאָך דער איינציגער באַנד וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט. אַנדערע פעלקער זיינען פאַרבונדען דורך זייער לאַנד, רעגירונג, שפּראַך. אָבער מיר אידען, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם ערד קוגעל, איבעראַל אַ קליינע מינאָריטעט, זיינען ניט פאַרבונדען איינער מיט דעם אַנדערען דורך פיזישע מיטלען. מיר רעדען כמעט אַזוי פיעל שפּראַכען וויפיל לענדער עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. געאָג-ראַפיש זיינען מיר אויך ניט פאַרבונדען. רעליגיע איז דאָס איינציגע

41) שבת קיח, ב.
42) ירושלמי תענית פרק א, הלכה א; שמות רבה פרשה כה.
43) ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט; שמות רבה פרשה כה.
44) שמות רבה פרשה כה.
45) מכילתא תשא.
46) זעהט צום ביישפיל ראש השנה יט, א; מעילה יז, א.

וואָס פאַרבינדט דאָס גאַנצע וועלט אידענטום. און שבת איז דער שטאַרקסטער רינג אין דער רעליגיע־קייט וועלכע פאַרבינדט אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, און דער שטאַרקסטער ווינקעלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

און ווען אידען קומען שבת פון שוהל, באַגלייט פון צוויי מלאכים [47]), און אין הויז שמעקט דער שבת אַרום פון אַלע ווינקע־לעך, איז עס באמת „בא שבת בא מנוחה" [48]) — אַ מאָדנע רוהיגקייט נעמט אַרום דעם מענשען. אַלע זיינע דאגות פון אַ גאַנצע וואָך ווערען אויסגעוועבט און פאַרשוואונדען.

און אויב עס געפינען זיך אידען וועלכע זיינען מחללי שבת בשוגג, זיי ווילען אָפּהיטען שבת, נאָר זיי זיינען געביך דערצו ממש געצוואונגען דורך פאַרשיעדענע אומשטענדען, איז אויף זיי אַ גרויסער רחמנות. אָבער די מחללי שבת במזיד, די וועלכע פאַרשוועכען די טייערסטע און הייליגסטע אידישע מתנה, ווייל אַזוי וויל זיך זיי, זיי קען מען בלויז ענטפערען אַז דער פיעלע־טויזענטער־יאָר אַלטער שבת האָט שוין איבערגעלעבט פיעלע מחללי שבת פון דעם סאָרט און וועט אויך די איבערלעבען. וואָרום די חכמים ז"ל האָבען שוין געזאָגט: „שאין שבת בטלה מישראל" [49]) — שבת ביי אידען וועט קיינמאָל ניט בטל ווערען. איז טאַקע וואונשענסווערט אַז אַלע אידען זאָלען זיך אַ נעם טהון אָפּהיטען שבת ווי עס בעדאַרף צו זיין, און דאָס וועט זיין אַן אונגעהויערער ביטראַג צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

---

47) שבת קיט, ב.

48) תוספות סנהדרין לח, א, ד"ה חצבה.

49) מכילתא תשא.

בראשית

בראשית

פאַראַכטאָגען האָבען אַלע אידען אין אַלע לענדער זיך געפרייט מיט דער תורה. עס איז דאָך געווען שמחת תורה. איז דאָס טאַקע זעהר שעהן, און אויך ריכטיג. זיינען דאָך מיר אידען די איינציגע אין דער גאַנצער וועלט וואָס האָבען אַ תורה. וואָס דען, עשו האָט אַ תורה?! עשו דאַרף ביקסען, שווערדען, קאַנאָנען, אַטאָם־באָמבעס. אַזוי ליב האָבען מיר אידען די תורה, אַז ווען מיר לייענען שמחת תורה די לעצטע סדרה „וזאת־הברכה", איז כאָטש מיר וויסען אַז דעם ערשטען שבת נאָך סוכות וועלען מיר אָנהויבען מיט „בראשית", האָבען מיר אָבער קיין געדולד צו וואַרטען ביז שבת. נאָר טאַקע שמחת תורה גופא, אַזוי שנעל ווי מיר ענדיגען „וזאת־הברכה" הויבען מיר באַלד אָן לייענען אַ טייל פון „בראשית".

און אין דעם ליגט זעהר אַ טיפער שׂכל. עס איז דאָך פאַראַן אַ שטן. און מיר אידען זיינען דאָך גרויס אין זיינע אויגען. איז וואָס זשע טהוט ער, דער שטן? ער האַלט אין איין מקטרג זיין אויף אונז. קומט ער צו לויפען שמחת תורה פאַר דעם כסא הכבוד און ליאַרעמט: האַ, האַ, דו זעהסט, באַ־שעפער פון דער וועלט, ווי דיינע אידעלעך זיינען זיך משמח וואָס זיי האָבען שוין געענדיגט די תורה און פטור אָן עסק! ענטפערט מען אים: אָה, שטן, זעה, זיי האָבען נאָר וואָס געענדיגט, און זיי האָבען אפילו קיין געדולד צו וואַרטען ביז שבת, ווען זיי וועלען נאָך אַמאָל אָנהויבען לייענען די תורה, נאָר זיי הויבען שוין אָן. און דער שטן מוז נעבאַך מודה זיין, אַז יאָ, עס איז אמת.

אָבער, צווישען אונז גערעדט, מוזען מיר דאָך מודה זיין, אַז ליידער, ליידער, זיינען פאַראַן אידען וואָס האָבען אפילו ניט קיין חומש אין הויז. פלעגט טאַקע ר' יאָשע בער ז"ל זאָגען: „שמחת תורה איז דער טייטש אַז די תורה זאָל זיך משמח זיין מיט דיר. ניט נאָר זאָלסטו זיך פרעהען מיט דער תורה, נאָר אויך די תורה זאָל זיך פרעהען מיט דיר. און וואָס פאַרלאַנגט דען די תורה פון אונז? מיר זאָלען אין איר אַריינקוקען. און גלויבט מיר, אַז דער יעניגער וואָס קוקט אַריין אין דער תורה און לערענט אַ פרשה חומש מיט רש"י, טהוט אים ניט באַנג. עס איז דאָך דער בעסטער, דער קלוגסטער, דער הייליגסטער ספר וואָס איז פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט. אויף דער וועלט זיינען פאַראַן פילע פעלקער, און זיי האָבען אַלע גרויסע, רייכע ליטע־ראַטורען. נו, האָבען זיי באַוויזען צו שאַפען אפילו איין פסוק וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטען מיט אַ פסוק פון דער תורה? אַ נעכטיגער טאָג. און מיינט איר, אַז מיר אידען, דער עם הספר, קען יאָ שאַפען אַ תורה? עס הויבט זיך ניט אָן. אפילו מיר, וואָס האָבען געשאַפען אַ תלמוד ירושלמי, אַ תלמוד בבלי, אַ מדרש, און נאָך, אפילו מיר האָבען ניט געקאָנט, און קענען ניט,

שאַפען אפילו איין פסוק, וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטען מיט אַ פסוק פון דער תורה. פאַרוואָס? ווייל די תורה איז הימליש. דער אויבערשטער האָט זי אונז געגעבען. איז פאַרוואָס־זשע טאַקע באַטראַכטען מיר די תורה פאַר אונזער אייגענטום? דערפאַר ווייל ווען כביכול האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דער תורה צו אַלע פעלקער און ממש זיי געבעטען, זיי זאָלען זי אָננעמען, האָבען זיי ניט געוואָלט. אָבער אונזערע אורעלטערען האָבען באַלד „געכאַפּט", אַז דאָס איז אַ וויכטיגער עניך, און זיי האָבען מקבל געווען די תורה.

איז הויבען מיר היינטיגען שבת אָן, אין אַ מזל'דיגער שעה, מיט „בראשית". און לאָמיר האָפען, אַז היינטיגס יאָר וועלען אחינו בני ישראל מעהר און אָפטער ווי ביז איצט אַריינקוקען אין דעם ספר הספרים.

און אָט הערט וואָס די היינטיגע סדרה האָט אונז צו דערציילען: פאַר אַלעם דערציילט אונז די סדרה „בראשית", אַז דער אַלמעכטיגער האָט באַשאַפען די וועלט אין זעקס טעג. און זי רעכענט אויס אַלץ וואָס עס איז באַשאַפען געוואָרען אין יעדען טאָג באַזונדער. און נאָך דער באַשאַפונג פון יעדען טאָג שטעהט „וירא אלקים כי טוב", און כביכול האָט געזעהן, אַז עס איז גוט. זיינען דאָך אָבער פאַראַן אבערגלויביגע מענשען (יעדער מענש וואָס איז ניט גלויביג, ווערט אבערגלויביג), רעדען זיי זיך איין, אַז מאָנטאָג איז אַ „שלעכטער" טאָג און זיי היטען זיך אָנצוהויבען מאָנטאָג אַ מסחר, צי אונטערנעמען אַ רייזע, און אזוי ווייטער. דאַגעגען האַלטען זיי, אַז דינסטאָג איז אַ „גוטער" טאָג. פאַרוואָס? ווייל נאָך די באַשאַפונגען פון מאָנטאָג שטעהט ניט אין דער תורה „כי טוב", דאַגעגען נאָך די באַשאַפונגען פון דינסטאָג זאָגט די תורה צוויי מאָל „כי טוב".

נו, וואָלטען די דאָזיגע „אויפגעקלערטע" אבערגלויבער גוט אַריינגעקוקט אין דער תורה, וואָלטען זיי דאָך געזעהן, אַז מאָנטאָג האָט כביכול אָנגעהויבען אַן אַרבייט, און ער האָט זי ניט געענדיגט, דערפאַר שטעהט ניט „כי טוב". דאַגעגען דינסטאָג האָט ער פאַרענדיגט די אַרבייט וואָס ער האָט אָנגעהויבען מאָנטאָג, האָט ער געזאָגט „כי טוב". און דעם זעלבען דינסטאָג האָט ער אָנגעהויבען אַ נייע אונטערנעמונג, און ער האָט זי אויך געענדיגט, האָט ער ווידער געזאָגט „כי טוב".

און דעם זעקסטען טאָג האָט דער אויבערשטער באַשאַפען אדם הראשון. איז הערט־זשע, אגב, ווי די באַשאַפונג פון דעם ערשטען מענשען איז צוגעגאַנגען. אונזערע חכמים ז"ל זאָגען, אַז אין דער ערשטער שעה איז אויפגעגאַנגען אויף דער מחשבה אים צו באַשאַפען. אין דער צווייטער שעה האָט דער אַלמעכטיגער זיך באַראַטען מיט די מלאכים. אין דער דריטער שעה האָט ער צונויפגענומען די ערד פון אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, כדי אַז קיין געגענט זאָל זיך ניט קענען באַרימען, אַז פון זיין ערד איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען. אין דער פערטער שעה האָט כביכול געקנאָטען די ערד. אין דער פינפטער שעה זיינען די אברים געמאַכט געוואָרען. אין דער זעקסטער שעה האָט ער אים געמאַכט ווי אַ גולם. אין דער זיבעטער שעה האָט ער אין אים אַריינגעבלאָזען די נשמה. אין דער אַכטער שעה האָט ער אים אַריינגעפירט אין גן־עדן אריין. אין דער ניינטער שעה האָט ער אים פאַרבאָטען צו עסען פון עץ־הדעת. אין דער צענטער שעה האָט אדם הראשון

ע׳בר געווען אויף דעם געבאָט. אין דער עלפטער שעה איז אדם הראשון גע׳משפט געוואָרען. און אין דער צוועלפטער שעה איז ער באַפרייט געוואָרען. און געווען איז עס אום ראש־השנה.

האָט אָבער אדם הראשון זיך באַקלאָגט „לא טוב היות האדם לבדו״. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט זיין אַליין, איינזאַם. ער האָט געוואָלט האָבען אַ לעבענס־פריינד. וואָרום אַ מענש איז בטבע אַ סאָציאַלע באַשעפעניש. ער האָט ליב געזעלשאַפט, פריינד. ער האָט ניט האָלד צו זיין אָפּגעזונדערט אַליין. האָט כביכול אים איינגעשלעפערט, און פון זיינע אַ ריפּ האָט ער באַשאַפען אדם הראשון׳ס לעבענס־ באַגלייטערין חוה. איז טאָמער איז אייך, אגב, קשה, ווי קומט עס וואָס לויט דעם שטייגער פון דער וועלט זוכט אַ מאַן אַ פרוי גיכער ווי אַ פרוי אַ מאַן. דאָס הייסט, דער מאַן איז דער יעניגער וואָס דאַרף פאַרשלאָגען (פראָפּאָזען בלעז). האָבען שוין אונזערע חכמים ז״ל געגעבען אויף דעם אַן ענטפער: דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען איינער פאַרלירט עפּעס זוכט ער עס. דער מאַן האָט פאַרלוירען אַ ריפּ, נו, זוכט ער די אבדה.

און דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבען אדם הראשון דעם גן־עדן. און ער האָט אים אָנגעזאָגט פון וועלכע בוימער ער טאָר ניט עסען. האָט דאָך שוין שלמה המלך געזאָגט „מים גנובים ימתקו״, אַז דאָס פאַרבאָטענע שמעקט בעסער. האָבען חוה און אדם געגעסען פון די פאַרבאָטענע פרוכט, און דער אויבערשטער האָט זיי ארויסגעטריבען פון דעם גן־עדן.

און די היינטיגע סדרה דערציילט אונז פון דעם ערשטען מאָרד אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, און אַ ברודער־מאָרד נאָך דערצו. קין האָט דער׳הרג׳עט זיין איינציגען ברודער הבל, און דאָס האָט ער געטהון אויס קנאה. זעהען מיר דערפון צו וואָס קנאה קען פירען.

איז, אגב, כדאי צו באַמערקען, אַז קנאה איז נאָך עלטער אפילו פון קין און הבל. ווען דער שלאַנג האָט געזעהן ווי די מלאכים גיבען אָפּ כבוד אדם הראשון, האָט ער אים מקנא געווען. זאָגט טאַקע שלמה המלך, דער קלוגסטער פון אַלע מענשען „קשה כשאול קנאה״, אייפערזוכט איז גרויזאַם ווי דער קבר. און אין משלי ווערט בפירוש געזאָגט, אַז „קנאה איז דאָס פאַרפוילט־קייט פון די ביינער״. טייטשט עס די גמרא גאַנץ איינפאַך: ווער עס טראָגט קנאה אין האַרצען, ווערען זיינע גלידער פאַרפוילט, די קנאה פאַרצעהרט זיין קערפּער. זעהען מיר, אַז קנאה פאַר דעם מענשען, איז ווי זשאַווער פאַר דעם אייזען. עס פרעסט אים אויף.

און ניט נאָר קנאה, נאָר מחלוקת, קריגעריי, צאַנקעריי, זיינען אויך ניט בעסער. און אויך דאָס לערנען מיר אָפּ פון דער היינטיגער סדרה. דער מדרש בראשית רבה פרעגט: פאַרוואָס שטעהט ניט „כי טוב״ ביי דעם צווייטען טאָג (מאָנטאָג) פון דער וועלט־באַשאַפונג, און ער ענטפערט, ווייל עס שטעהט דערביי „ויבדל״, און ער האָט צעשייד (די וואַסערען וואָס זיינען געווען אונטער דעם הימעל, און די וואַסערען וואָס זיינען געווען איבער דעם הימעל). אַלזאָ, אין דעם דאָזיגען טאָג איז באַשאַפען געוואָרען אַ פירוד, אַ

צווישענשייד, אַ מחלוקת. לערנען מיר אָפּ דערפון אַ קל־וחומר. מה דאָך אויף אַזאַ אונשולדיגען צווישענשייד, וואָס איז דאָך נויטיג געווען פאַר דעם באַשאַף פון דער וועלט, ווערט ניט געזאָגט „כי טוב״, אַ פשיטא שוין אַן אמת׳ער, ווירקלעכער מחלוקת קען דאָך אודאי און אודאי ניט זיין גוט.

אַי, איז דאָך אַ קשיא, ביי דעם ערשטען טאָג פון דעם וועלט־באַשאַף שטעהט דאָך אויך „ויבדל״, נעמליך „ויבדל אלקים בין האור ובין החושך״. דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ צווישענשייד צווישען דעם ליכט און פינסטערניש, און דאָך שטעהט „כי טוב״? האָט שוין הרב ש. קליין געגעבען דערויף אַ גוטען תירוץ. אין דעם ערשטען טאָג איז דער צווישענשייד געמאַכט געוואָרען צווישען „ליכט״ און „פינסטערניש״. און אויף דעם איז שייך צו זאָגען „כי טוב״. וואָרום אַזוי איז ריכטיג. אַזוי דאַרף זיין. ליכטיגקייט און פינסטערניש קענען ניט געהן צוזאַמען. זיי קענען ניט לעבען צוזאַמען. אָבער אין דעם צווייטען טאָג איז דאָך דער אונטערשיד ניט געמאַכט געוואָרען צווישען צוויי פאַרשידענע עלעמענטען, נאָר צווישען איין און דעמזעלבען עלעמענט, „בין מים למים״, צווישען וואַסער און וואַסער, צווישען דעם זעלבען מין. אויף אַזאַ צווישענשייד, קען מען ניט זאָגען אַז „דאָס איז גוט״.

אַלזאָ, צווישענשייד, אונאייניגקייט, צאַנקעריי, מוזען ברענגען שלעכטע רעזולטאַטען. דאַגעגען אייניגקייט, פאַרשטענדניש איינער פאַר דעם צווייטען, מיטפילען, מיטהעלפען איינער דעם צווייטען, מוז זיך ענדיגען מיט „כי טוב״, מיט גוטען. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

אַ פרוי, וואָס האָט, פאַר קיין שום אידישער טאָכטער געדאַכט, ניט געהאָט קיין קינדער, איז אַמאָל געקומען צו ר׳ מאיר פרעמישליאַנער ז״ל און זי האָט געבעטען אַז ער זאָל תפילה טהון פאַר איר זי זאָל געבענטשט ווערען מיט אַ קינד. און זי האָט אים, אגב, פאַרטרויט, אַז זי איז נאָך ניט אַזוי אַלט, זי פיהרט נאָך דעם „סדר נשים״. בעת די אידענע איז געשטאַנען, און האָט אויסגעגאָסען איר ביטער הארץ, איז אַריינגעקומען אַן אָרימער איד און האָט אַנידערגעלייגט אַ צעטעל, אַז דאָס גאַנצע לעבען איז ער געווען אַ טרעגער, געטראָגען אויף די פּלייצעס די שווערסטע פעק און זעק, און דערפון האָט ער געצויגען פרנסה פאַר זיך און זיין בני־בית. אָבער איצט איז ער שוין אַלט און צעבראָכען. ניטאָ מעהר קיין כח. ער איז צו שוואַך צו טראָגען די שווערע משאות. ער מוז אַלזאָ האָבען אַ פערד און וואָגען, און אנשטאָט צו טראָגען די שווערע לאַסטען אויף די פּלייצעס, וועט ער עס קענען פיהרען אויף דעם וואָגען. האָט זיך אָנגערופען דער רבי צו דער אידענע: „קויפט דעם אידען אַ פערד און וואָגען, וועט איר געהאָלפען ווערען״. די אידענע האָט ניט געוואוסט וואָס דער רבי מיינט. האָט ער געזאָגט צו איר מיט אַ שמייכעל: „פאַרשטעהט איר מיך, ביז איצט האָט איר ׳געפיהרט׳, און ער האָט ׳געטראָגען׳. פון איצט אָן און ווייטער וועט ער ׳פיהרען׳ און איר וועט ׳טראָגען׳ ״.

און ווי די היינטיגע סדרה דערציילט אונז, איז אדם הראשון׳ען פאַרבאָטען געוואָרען צו עסען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת. האָט דער רבי ר׳ זישע

אַמאָל געפרעגט זיין ברודער, דעם רבי אלימלך ז״ל: „ברודער טייערער, די הייליגע ספרים זאָגען דאָך, אַז אדם הראשון האָט ענטהאַלטען אַלע אידישע נשמות. איז דאָך דיין נשמה אויך דאָרט געווען. איז פאַרוואָס־זשע טאַקע האָסטו אים געלאָזט עסען פון די פאַרבאָטענע פרוכט?״ האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים געענטפערט: „דער שלאַנג האָט געהאַלטען אין איין איינרעדען אדם׳ען, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט עסען פון די פאַרבאָטענע פרוכט וועט ער זיין ווי כביכול. הייגט ווען איך זאָל אים ניט געוועז לאָזען עסען, וואָלט ער זיך דאָך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק, אפשר טאַקע יאָ, אפשר איז טאַקע דער שלאַנג געווען גערעכט. און מיר ווייסען דאָך, אַז הרהורי עבירה קשים מעבירה, אַז טראַכטען וועגען אַן עבירה, איז נאָך ערגער פון טהון די עבירה. איז גלייכער ער זאָל באַגעהן די זינד, איידער ער זאָל זיך אַרומטראָגען דאָס גאַנצע לעבען מיט זינדיגע געדאַנקען״.

איז, ווי מיר ווייסן, האָט טאַקע אדם הראשון געגעסען פון דעם עץ הדעת. די תורה זאָגט דאָך בפירוש „ותתן גם לאשה עמה ויאכל״. איז פאַראַן אויף דעם אַ מדרש פליאה: „מה ראה אדם הראשון וחטא? ראה שתים ולא ראה שלש״. וואָס האָט אדם הראשון געזעהן און ער האָט געזינדיגט? ער האָט געזעהן צוויי, און דריי האָט ער ניט געזעהן. איז דאָס עפּעס אַ מאָדנער מאמר, ממש אומפאַרשטענדליך. ערקלערט עס דער ווילנער גאון ז״ל אַזוי: אונזערע חכמים ז״ל זאָגען אין פרקי אבות „הסתכל בשלשה דברים, ואין אתה בא לידי עבירה: דע מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין והשבון״. טראַכט שטענדיג פון די דריי זאַכען, וועסטו ניט זינדיגען, נעמליך: פון וואַנען דו ביסט אַרויסגעקומען, וואוהין דו געהסט, און פאַר וועמען דו וועסט מוזען אָפּגעבען דין און חשבון. אדם הראשון האָט דאָך געקענט זעהן בלויז צוויי זאַכען: וואוהין ער וועט געהן, און פאַר וועמען ער וועט דאַרפען אָפּגע־בען דין וחשבון. אָבער דעם „מאין באת״ האָט ער דאָך ניט געקענט זעהן, ווייל דער אויבערשטער אליין האָט דאָך אים באַשאַפען! איז אָט דאָס איז טאַקע דער פשט פון „ראה שתים״, ער האָט געזעהן בלויז צוויי זאַכען „ולא ראה שלש״, אָבער דעם „מאין באת״, פון וואַנען ער שטאַמט, האָט ער ניט געזעהן.

און „ויהי מקץ ימים רבים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לד׳״, זאָגט דערויף דער „כלי יקר״ ז״ל אַן אמת׳דיג וואָרט: עס זיינען פאַראַן גבירים וואָס אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען יונג און געזונט, וועלען זיי ניט געבען קיין פרוטה אויף צדקה. נאָר ווען זיי ווערען אַלט, ווען זיי פיהלען שוין דעם „מקץ ימים״, איז „ויבא... מנחה״, ערשט דאַן דערוועקט זיך אין זיי דאָס געפיהל פון געבען צדקה. איז דאָס, פאַרשטעהט זיך, אַ גאַר גרויסע זינד. וואָרום געבען צדקה דאַרף יעדער איינער. אפילו דער וואָס לעבט פון צדקה, דאַרף אויך געבען צדקה.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי דעם „כלי יקר״ וועלען מיר שוין ענדיגען מיט זיינס נאָך אַ גוט וואָרט: ווי קומט עס, וואָס ביי די אַלע אַנדערע ברואים וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען ביי דער וועלט־שאַפונג, זאָגט דער פסוק „כי

טוב״, און ביי „ויברא אלקים את האדם״, ביי דער באַשאַפונג פון דעם מענ־
שען, ווערט ניט געזאָגט „כי טוב״? נאָר דער תירוץ איז, ווייל אַלע אַנדערע
זאַכען וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען, זיינען מיט דעם מאָמענט פון זייער
באַשאַפונג געווען פאָלקאָם פאַרענדיגט. זיי זיינען געווען פולשטענדיג פאַר־
טיג, פערפעקט, מען האָט תיכף געקאָנט זעהן זייערע נוצען. און מעהר פון
וואָס זיי זיינען געווען ביי דער באַשאַפונג, האָט מען ניט ערוואַרטעט. ווי זיי
זיינען באַשאַפען געוואָרען, אַזוי וועלען זיי שוין בלייבען. אָבער דעם מענשען
איז געגעבען געוואָרען די בחירה. ער דאַרף זיך ערשט אַנטוויקלען. ער איז
טאַקע באַשאַפען געוואָרען, אָבער ניט פאָלקאָם. זיין אַנטוויקלונג, און וואָס
פון אים וועט ווערען, איז אינגאַנצען אָפּהענגיג פון אים אַליין. איז דעריבער
האָט דער פסוק ניט געקאָנט זאָגען „כי טוב״. ווייל מען דאַרף דאָך ערשט
פריהער זעהן, וואָס ער וועט פון זיך מאַכען, וואָס פון אים וועט אויסוואַקסען,
ווי אַזוי ער וועט זיך אויפפיהרען, אין וואָס פאַר אַ וועגען ער וועט געהן.

נח

דער זוהר זאָגט אין פּרשה „נשא" „הכל תלוי במזל", אַלץ ווענדעט זיך אין מזל, „ואפילו ספר תורה בהיכל", אַפילו אַ ספר תורה דאַרף אויך האָבען מזל. די תורה אַנטהאַלט פיר און פופציג סדרות. יעדע סדרה האָט אַ נאָמען, און בלויז זעקס סדרות הייסען נאָך מענשען, נעמליך: נח, חיי שרה, יתרו, קורח, בלק, פּנחס. איז נח טאַקע געווען אַ בר־מזל. דער גאַנצער דור פון זיין צייט איז אָפּגעווישט געוואָרען פון דער וועלט אָבער ער און זיין הויז־געזינט זיינען געבליבען לעבען.

ווען דער בורא עולם האָט געזעהן, אַז די מענשען זיינען ניט דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרטעט פון זיי, האָט ער באַשלאָסען זיי אומצובריינגען. איז דאָך אָבער אונזער פאָטער אין הימעל אַ בעל הרחמים, און ער האָט אויסער־געוועהנליכען געדולדה, האָט ער זיי גאַנצע הונדערט און צוואַנציג יאָר גע־וואָרענט דורך נח׳ן, זיי זאָלען זיך בעסערען, זיי זאָלען ווערען „מענשען". זיינען אָבער פאַראַן מענשען, וואָס אַז איר באַהאַנדעלט זיי מיט „זיידענע הענטשקעס", מיינען זיי, אַז דאָס טהוט איר דערפאַר, ווייל איר האָט מורא פאַר זיי, צי פאַר אַן אַנדער אורזאַכע, און איר וועט זיי בשום אופן ניט איבער־צייגען, אַז דאָס טהוט איר דערפאַר, ווייל איר זייט אַ „מענש". און נח׳ס דור איז געווען פון אָט דעם דאָזיגען סאָרט מענשען. האָבען זיי זיך אויסגע־לאַכט פון אַלע וואָרנונגען, און האָבען געהאַלטען אין איין זינדיגען. האָט כביכול געהייסען נח׳ן מאַכען אַ תיבה פאַר זיך, פאַר זיין הויז־געזינט און פאַר געוויסע חיות, בהמות און פויגעל. ער האָט געבראַכט אַ מבול, וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט. דער גאַנצער דור איז אומגעקומען, און די אַלע, וואָס זיינען געווען אין דער תיבה און אויך עוג מלך הבשן, וואָס האָט זיך געהאַלטען אונטער דעם דאַך (פּידאַשעק) פון דער תיבה, זיינען ניצל געוואָרען פון אַ זיכערען טויט.

און פון נח׳ן און זיינע קינדער האָט די מענשהייט זיך אָנגעהויבען צו פּרוכפּערען און מעהרען. האָבען דאָך אָבער מענשען אַ קורצען זכרון, האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען צו זינדיגען. זיי האָבען אפילו אָנגעהויבען בויען אַ טורעם (סקאַי סקרייפּער), וואָס זאָל דערגרייכען ביז צום הימעל. נו, האָט דער אַלמעכטיגער זיי צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און אויס טורעם.

און די סדרה זאָגט אונז „נח איש צדיק תמים היה בדורותיו". באַמערקט דערויף רש״י ז״ל: יש דורשים אותו לגנאי. נעמליך, מאַנכע חכמים האַלטען, אַז „בדורותיו" איז ניט קיין קאָמפּלימענט פאַר נח׳ן. דאָס הייסט, אַז נח איז געווען אַ צדיק בלויז אין זיין דור, ווען אַלע זיינען געווען רשעים. וואָלט ער אָבער געווען געלעבט אין די צייטען פון אברהם אבינו, למשל, וואָלט ער ניט געווען באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ צדיק. זאָגט דערויף ר׳ מאיר פּרעמישליאַנער ז״ל: רש״י וויל דערמיט אָנמערקען, אַז געגען די מיילער

פון מענשען איז אַפילו דער באַריהמטסטער מענש ניט באַוואָרענט. ניט שטענדיג, אַלזאָ, דאַרף מען זיך רעכענען מיט וואָס „מענשען זאָגען". די תורה אַליין זאָגט דאָך „נח איש צדיק תמים היה", אַז נח איז געווען אַ צדיק, און דאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געהאַט אַזאַ געהויבענע מיינונג וועגען אים.

דאַרף זיך אַ מענש שטאַרק היטען ניט אַריינצופאַלען אין מענשען׳ס מיילער. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט זעלטען ליידען דערפון גאַנץ אומשולדיגע מענשען. אַ רב, אַן עהרליכער איד און אַ למדן, איז אַמאָל געקומען צו ר׳ יצחק יעקב רייניס ז״ל, און האָט זיך פאַרקלאָגט אַז ער האָט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות פון חסידים, וויל זיי זיינען אים חושד אין „השכלה". האָט ר׳ יצחק יעקב צו אים געזאָגט: „איך האָב פאַר אייך אַן עצה, שרייבט זיי אַ בריף, וועלען זיי שוין זעהען, אַז זייער חשד איז אַן אומזיסטער".

אַמאָל טרעפט טאַקע, אַז אַ מענש קען באַווייזען, אַז דאָס, וואָס „מענשען זאָגען" אויף אים איז אויסגעטראַכט. אָבער אין די מערסטע פאַלען איז עס אונמעגליך. ווי זאָגען אונזערע חכמים ז״ל: „חברא חברא אית ליה". יעדער איינער האָט אַ ידיד, איז איינער דערציילט דעם צווייטען, און די רכילות צעשפּרייט זיך ווי אַ „געוויטער". איז ווי־זשע קען מען עס יעדען איינעם באַווייזען?

איז די בעסטע זאַך זיך זעהר צו היטען ניט אַריינצופאַלען צו יענעם אין מויל אַריין. און דאָס בעסטע מיטעל איז צו לעבען אין אַלע הינזיכטען מיט חשבון. יעדער שריט, יעדע באַוועגונג, יעדע האַנדלונג, יעדע טהאַט דאַרף זיין פריהער פאַרזיכטיג באַטראַכט. און אויף ווי וויט אַ מענש דאַרף לעבען מיט חשבון, מיט אויסרעכענונג און באַרעכענונג, קען מען זעהן פון פאָלגענדער פּאַסירונג:

דער לאָדזער רב, ר׳ אליהו חיים ז״ל, איז, ווי באַוואוסט געווען אַ גרויסער בעל צדקה. ער פלעגט געבען איבער זיינע כוחות. און אַזוי ווי זיינע שכירות זיינען ניט געווען גענוג, איז ער שטענדיג געווען אַ בעל חוב. וואָרענדיג אין לאָדז, האָט די וואַרשעווער קהילה אים עטליכע מאָל אַנגעבאָטען אַ כתב רבנות, וויל ער איז דאָך געווען פון די גרעסטע לומדים, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען. איינמאָל האָט מען אים געפרעגט: „רבי, פאַר־וואָס אייגענטליך נעמט איר טאַקע ניט אָן דאָס וואַרשעווער רבנות? ווי לאָזט מען עס עפּעס אָפּ אַזאַ חשוב׳ע קהילה ווי וואַרשע?" האָט דער רבי געענט־פערט: „איך וועל אייך זאָגען. ווי איר ווייסט, זיינען מיינע הוצאות גרעסער פון מיין הכנסה, און איך האַלט אין איין מאַכען חובות. איז דאָך די קשיא, אויף וואָס קוקענדיג לייה איך? אויף מיינע מאַיאָנטקעס? נאָר וואָס דען, איך לייה אויף דעם סמך, אַז עס וועט קומען אַ גרעסערע קהילה און מיך אַרויסנעמען פאַר אַ רב, וועט זי אָפּצאָהלען מיינע חובות. און אַזוי האָב איך זיך טאַקע שטענדיג געפיהרט. ווען איך בין געווען רב אין דרעטשין, האָב איך געליהען אויף פּרוזשינע. ווען איך בין געווען רב אין פּרוזשינע, האָב איך געליהען אויף לאָדז. איצט אַז איך בין אין לאָדז, לייה איך אויף וואַרשע. אָבער אַז איך וועל אַרויס קיין וואַרשע, אויף וועמען וועל איך לייהען?"

און „כי מלאה הארץ חמס", ווען די וועלט איז געוואָרען פול מיט „חמס", זאָגען די חכמים, און רש"י ז"ל אויף דעם אָרט, „לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל", אַז נאָר איבער דער זינד פון גזלה איז זייער גזר דין פאַרזיגעלט געוואָרען. וואָרום, זאָגט ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן ז"ל, אויב אַ מענש קומט שוין אַראָפּ צו אַזאַ נידעריגער מדרגה, דאַן קען ער דאָך ניט פאַרלאַנגען, אַז דער אויבערשטער זאָל אויף אים יאָ האָבען רחמנות.

איז טאַקע דער סוף געווען, אַז „וימח את כל היקום... מאדם ועד בהמה". און כביכול האָט אָפּגעווישט פון דער ערד אַלע באַשעפעניש, מענשען און בהמות. פרעגט די גמרא: אויב דער מענש האָט געזינדיגט, וואָס זיינען די בהמות שולדיג? קען דאָס פאַרגליכען ווערען צו איינעם, וואָס האָט זיך גע־קליבען חתונה צו מאַכען זיין זוהן. ווען די חתונה, די סעודה און אַלץ זיינען שוין געווען פאַרטיג, האָט פּלוצים פּאַסירט אַן אומגליק מיט דעם חתן, און ער איז געשטאָרבען. האָט דער פאָטער צעשטערט די חופה, פאַרניכטעט די סעודה און געזאָגט: דאָס אַלץ האָב איך דאָך צוגעגרייט בלויז פאַר מיין זוהנ'ס כבוד וועגען. אָבער איצט, אָהן אים, איז די חופה איבעריג; די סעודה איז איבעריג. די בהמות און חיות זיינען דאָך באַשאַפען געוואָרען בלויז פאַר דעם מענשענ'ס געברויך, אָבער אָהן אים ווער דאַרף זיי האָבען?

און געווען איז די תיבה ניט בלויז אַ מין שיפעל, נאָר אַ שיף אַ מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. געמאַכט איז זי געווען פון „פּימסען" האָלץ (אַזוי פלעגט דער רבי טייטשען) און כביכול האָט נח'ן געהייסען אויסשמירען די תיבה מיט „כפר", דאָס איז פון דעם לשון כפרה. געמליך, אַז די תיבה וועט מכפר זיין אויף נח'ס זינד. און געהאַלטען האָט די תיבה דריי הונדערט יאָרד די לענג, פופציג יאָרד די ברייט און דרייסיג יאָרד די הויך. און געווען זיינען דאָרט דריי שטאָק. דער אונטערשטער שטאָק פאַר מיסט (גאַרבעדזש), דער צווייטער — פאַר חיות, בהמות, דער דריטער — פאַר נח'ן און זיין הויז־געזינד. און אַ פענסטער, אַ לופטשיק איז אויך דאָרט געווען, אָבער ניט פון גלאָז, נאָר פון דימענטן, ברילייאַנטען און פערל. און אַ דאַנק דעם טאַקע איז ביינאַכט געווען ליכטיג אין דער תיבה.

איז נח'ן טאַקע געגאַנגען גאַנץ גוט אין דער תיבה. ער האָט געהאַט מיט זיך זיין גאַנצע פאַמיליע און פון כל טוב. איז דאָך אָבער ניט פאַראַן אַזאַ מין זאַך אויף דער וועלט ווי הונדערט פּראָצענט גוט. איז איינער גע־בענטשט מיט רייכטום, פעהלט אים גאָר געזונט, צי קינדער. בענטשט דער אויבערשטער איינעם מיט אַ האַלב דוצענד, צי מעהר, קינדערלעך, פייפט גאָר ביי אים דער דלות אין אַלע ווינקעלעך. איז הערט־זשע: פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט אַ תיבה פול מיט בהמות, חיות, עופות, אַ זאָאָלאָגישען גאָרטען דאַרף מען זיי דאָך קאָרמענען. האָט טאַקע נח זיי אָפּגעהיט און זיי געגעבען עסען אין צייט. אַ בפירוש'ע גמרא אַז אַ מענש טאָר ניט עסען, איידער ער גיט זיין „שטומע צונג" צו עסען. איז דאָך אָבער אַ מענש ניט מער ווי אַ בשר ודם, האָט נח אַמאָל פאַרשפּעטיגט צו געבען דעם לייב זיין פּאָרציע. איז דאָך אַ לייב אַ ווילדע חיה, בפרט נאָך ווען עס קומט אים אָן דער פּרעס (פאַראַן מענשען אויך אַזעלכע), האָט דער לייב אים דערלאַנגט, ווי

אַ לייב קען, און נח האָט אָנגעהויבען צו הינקען. „איחר מזונות לארי והכישו". איז הערט־זשע אַן הלצה׳דיגען טייטש, פון וועלכען, אגב, ניט אַלע פרויען וועלען זיין צופרידען. ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער ז״ל פלעגט זאָגען: אָט דאָס, ווייזט אויס, מיינט די גמרא מיט „אחורי ארי ולא אחורי אשה". עס איז נאָך אַלץ בעסער צו פאַרשפעטיגען צו געבען דעם לייב זיין שפייז, איידער צו פאַרשפעטיגען צו געבען דער ווייב די „פעידע". זיך אָנצוהויבען מיט דער ווייב איז נאָך פיל געפעהרליכער ווי מיט אַ לייב.

און אין אונזער אַמעריקע, איז דאָס נאָך דאָפּעלט געפעהרליכער. וואָרום דאָס ווייב הויבט זיך אויף און געהט אַליין פאַרדינען, ווערט דער מאַן אַ „קאָוועקאָכער", דאָס ווייב דאַרף דאָך געהן „מאַכען אַ לעבען". ביסלעכווייז געוואוינט ער זיך צו אָנצוטהון דאָס „פאַרטוך" און ווערט מיט דער צייט אַ פאַלנע בעל הבית׳טע. דאָס לעבען אין הויז הויבט זיך אָן פיהרען פאַרקערט. און וואָס פאַרקערט טויג ניט. די דאָזיגע פאַרקערטע לעבענס האָבען נאָך קיינעם קיין גוטס ניט געטהון, ניט דעם מאַן, ניט דער פרוי. די פרויען וואָס האָבען געדולד צו וואַרטען ביז דער מאַן וועט זיך אַרויפאַרבייטען, איז אפילו ווען זיי מוזען אָנפאַנגס אַביסעל צוליידען, זיינען זיי מיט דער צייט דאָך די געווינער. ווי זאָגען אונזערע חכמים ז״ל: יצא הפסדו בשכרו, עס לוינט זיך, און וואויל איז צו זיי.

און די היינטיגע סדרה דערציילט אונז אויך פון דעם דור הפלגה, דער דור וואָס האָט געוואָלט בויען אַ טורעם ביז אין הימעל אַריין, און דערגרייכען כביכול. פרעגט דער מדרש בראשית רבה: דער דור הפלגה איז דאָך געווען פונקט אַזוי זינדיג ווי דער דור המבול, פאַרוואָס־זשע איז דער דור המבול אין גאַנצען אָפּגעווישט געוואָרען פון דער וועלט, און דער דור הפלגה איז בלויז צעשפּרייט געוואָרען איבער דער וועלט, אָבער פאַרניכטעט געוואָרען זיינען זיי ניט? און דער מדרש ענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער דור המבול האָט זיך באַשעפטיגט מיט גזלה, זיי זיינען געווען פשוט׳ע רויבער און פיינט געהאַט איינער דעם אַנדערען, אָבער דער דור הפלגה זיינען געווען פריינטליך איינער צום אַנדערען, זיי האָבען געלעבט בשלום צווישען זיך, דערפאַר זיינען זיי ניט פאַרטיליגט געוואָרען. אַזוי וויכטיג איז שלום. און אונזערע חכמים ז״ל געהען אפילו אַזוי ווייט און באַהויפּטען: שלום איז אַזוי גרויס, אַז אפילו ווען אידען וואָלטען חלילה געדינט די עבודה זרה און געלעבט צווישען זיך אין שלום, וואָלט כביכול זיי ניט געקענט טהון קיין שלעכטס.

און אין אַ הויז, וואו עס הערשט אַ „פאַרקערט לעבען", קען בשום אופן ניט עקזיסטירען קיין פרידען. עס מוזען פאַרקומען צוויסטיגקייטען, קריגערייען, און דאָס פיהרט צו קאַרגשאַפט. די פרוי דערזעהט פלוצים, אַז זי האָט ניט קיין פאַרזאָרגער, קריגט זי מורא פאַר דעם מאָרגען און הויבט אָן שפּאָרען. און קאַרגשאַפט איז אַ גרויסער חסרון. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

ר׳ ניסי בעלזער ז״ל איז, ווי באַוואוסט, געווען באַריהמט אַלס איינער פון די גרעסטע חזנים פון זיין צייט. ער איז געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינליכען „געהער" פאַר מוזיק. ער האָט אַליין פאַרפאַסט ניגונים.

אָבער קיין „קול“ האָט ער ניט געהאַט. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט דעם בעסטען כאָר. ער איז געוועזן אַ זעהר גרויסער חשוב אין דעם טאַלנער הויף, און ר׳ דוד׳ל טאלנער ז״ל האָט אים זעהר מקרב געוועזן. פלעגט ער טאָקע פון צייט צו צייט אַראָפּקומען מיט זיינע משוררים קיין טאַלנע דאַווענען און זינגעןביים טיש. האָט דער טאלנער אים געפרעגט: „זאָג מיר, ניסי, וויפיל אַ שטייגער קאָסט דיר די קאַפּעליע אַ יאָר?“ „צוויי טויזענט רובעל“, האָט ר׳ ניסי געענטפערט. „אויב אַזוי“, האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון, „ביזטו דאָך גאָר אַ קמצן. ווען דו זאָלסט זיך לאָזען קאָסטען נאָך אַ פּאָר הונדערט רובעל, וואָלסטו דאָך שוין געקאָנט האָבען אַ חזן צו די משוררים“.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי חזנים, איז הערט נאָך איינס: דער קאַלישער חזן ר׳ ישראל יפה ז״ל איז געוועזן אַ גרויסער למדן, און קלוג ווי דער טאָג. פאָהרענדיג איינמאָל אין אַ ווינטער טאָג מיט זיינע משוררים אין אַ געוויסער שטאָט, איז זיי אויסגעקומען צו האַלטען שבת אונטערוועגס. זיינען זיי פאַרפאָהרען אין אַ דאָרף צו אַ קרעטשמער, וואָס איז געוועזן אַ פאַרגרעבטער חברה־מאַן, און ער האָט זיי געהייסען פאָהרען ווייטער. דער חזן האָט געזאָגט, אַז ער וויל באַצאָהלען, אָבער דער קרעטשמער האַלט זיך ביי דאָס זייניגע. ער מוז באַצאָהלען דעם פּריץ טויזענט רובעל, און האָט ניט אַ גראָשען. דער קאָפּ ווערט אים צעשאָסען אויף שטיקער, און דאָ וועלען זיי אים נאָך פאַרזינגען דעם קאָפּ.

רופט זיך אָן דער חזן: „דאָס גאָר, סך הכל טויזענט רובעל! פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איך האָב אַן עצה“. דער קרעטשמער איז געוואָרען אַן אַנדער מענטש. ער האָט זיי אָפּגעגעבען די בעסטע צימערען, און מען האָט געפּראַוועט אַ שבת כיד המלך. שבת־צו־נאַכטס, ווען די אורחים האָבען זיך אָנגעהויבען קלויבען אין וועג אַריין, מאַכט דער קרעטשמער: „נו, חזן, וואָס איז אייער עצה?“ און ער ענטפערט: אין קאַליש איז וואַקס שטאַרק געשטיגען. נעמט גלייך טויזענט פּוד וואַקס און פיהרט אַוועק קיין קאַליש, און איינס־צוויי פאַרדינט איר די טויזענט רובעל“. „וואו זאָל איך נעמען וואַקס? און נאָך טויזענט פּוד דערצו?“, פרעגט דער קרעטשמער. און דער חזן חידוש׳ט זיך: „אַזוי! איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט ניט קיין געלט, האָב איך געמיינט, אַז וואַקס האָט איר יאָ, האָב איך פאַר אייך אַן עצה. אָבער אַז קיין וואַקס האָט איר אויך ניט, איז וואָס־זשע קען איך טהון?“

און איצט הערט אַ לומדות פון אַ פּרעזידענט פון אַ ניו יאָרקער תלמוד תורה. ווען דער באַריהמטער דיכטער ח. נ. ביאַליק ע״ה איז געוועזן אין ניו יאָרק, האָט אַ לעהרער איינגעלאַדען דעם פּרעזידענט פון דער תלמוד תורה ער זאָל געהן מיט אים הערען ביאַליק׳ן רעדען. „ווער איז ביאַליק?“, האָט דער פּרעזידענט געפרעגט. „וואָס הייסט ווער? דער גרעסטער אידישער ׳משורר׳ (דיכטער), האָט דער לעהרער געענטפערט. רופט זיך אָן דער פּרעזידענט: „איך געה ניט הערען קיין חזן, וועל איך געהן הערען אַ משורר?!“

און די סדרה נח זאָגט אונז „יום ולילה לא ישבותו“. זאָגען אונזערע חכמים ז״ל, אַז דאָס איז אַ וואָרנונג אַז אַ בן נח היט אָפּ שבת, קומט אים

מיתה. איז דאָך די קשיא, אברהם אבינו איז דאָך אין כלל פון די בני נח, און מיר ווייסן דאָך, אַז ער האָט אָפּגעהיט שבת? גיט דערויף דער בעל הפלאה ז״ל אַן אינטערעסאַנטען תירוץ: מיר אידען רעכענען דעם טאָג, אָנ־הויבענדיג מיט דער נאַכט, אַ נאַכט און דער טאָג זיינען אַ מעת לעת, איין טאָג. ווי עס שטעהט אין דער פריהערדיגער סדרה „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד״. אין דער היינטיגער סדרה רעדט זיך דאָך פון אַ שבת, וואָס באַ־שטעהט פון יום און לילה. פריהער דער טאָג און דערנאָך די נאַכט, ווי די גוים רעכענען, איז עס שוין אויסגעהאַלטען.

און מיר וועלען ענדיגען מיט אַ טרעפענד וואָרט פון „אור החיים״ ז״ל. דער פסוק זאָגט „על כן יאמר כנמרוד גבור ציד לפני ה׳״. נמרוד׳ס שלעכטקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטהון אַלדאָס בייז, אונטער דער מאַסקע פון „לפני ה׳״, אַז אַלץ וואָס ער טהוט איז לשם שמים. אַי איז דאָס אמת! קאַרג מענשען טהוען דאָס היינט צו טאָג?

לך לך

צום סוף פון דער סדרה „נח" ווערט דערצעהלט, אז תרח האָט געהאַט אַ זוהן אברם, און אברם האָט גענומען אַ ווייב שרי. אין אָנהויב פון דער סדרה זאָגט דער אויבערשטער צו אברם׳ן „לך לך מארצך"... פאַרלאָז דיין לאַנד, דיין געבורטס־שטאָט און דיין פאָטער׳ס הויז, און געה אין דעם לאַנד אריין וואָס איך וועל דיר ווייזען, און איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשען, און איך וועל מאַכען דיין נאָמען גרויס, און דו וועסט זיין אַ ברכה.

איז די דאָזיגע סדרה זעהר רייך אין פּאַסירונגען: אברם האָט געפאָלגט דעם אויבערשטען, און פאַרלאָזט זיין לאַנד. דערווייל ברעכט אויס אַ הונגער, ציהט ער קיין מצרים. איז אָבער שרי געווען אַן אויסערגעווייגליכע שעהנהייט, וויל דער קעניג פּרעה זי צונעמען. שיקט דער אַלמעכטיגער אָן אויף אים און זייניגע שרעקליכע מכות, און ער קעהרט אום שרי׳ן צו אברם׳ן. דערווייל צוקריגען זיך לוט׳ס פּאַסטוכער מיט אברם׳ס פּאַסטוכער, און אברם מוז זיך אָפּשיידען פון זיין פּלימעניק לוט. פּלוצים ווערט אברם געוואויר אַז דער מלך פון סדום האָט געפאַנגען לוט׳ן מיט זיין גאַנץ פאַרמעגען. יאָגט אברם נאָך דעם מלך פון סדום, צעשלאָגט אים מיט זיין אַרמיי, און באַפרייט לוט׳ן.

נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג איז דער אויבערשטער מודיע אברם׳ן, אַז ער וועט האָבען אַ זוהן, און אַז זיינע קינדער וועלען זיין פאַרשקלאַפט אין אַ פרעמד לאַנד, אַ געוויסע צייט. אין צווישען ווערט ישמעאל געבוירען, און ווען אברם איז ניין־און־ניינציג יאָר אַלט, גיט אים כביכול די מצוה פון מל זיין. אברם איז מל זיך, זיין דרייצען־יאָריגען זוהן ישמעאל, און אַלע מענער פון זיין הויז. וועלען מיר צוערשט איבערגעבען אַ פּאָר איינצעל־הייטען פון אברם׳ס געבורט.

אין יענער צייט האָט געקיניגט אַ מלך, אַ גרויסער רשע, וואָס האָט זיך אַליין געהאַלטען פאַר אַ גאָט, און געהייסען האָט ער נמרוד. ער האָט אויפ־געשטעלט אַ הויכען טורעם פון קיילעכדיגע ציגעל, און אַ גרויסען טראָן פון צעדער־האָלץ אויף אַ שטיינערנעם פונדאַמענט פון צעדער־האָלץ; אַ טראָן פון קופּער אויף אַן אייזערנעם פונדאַמענט; אַ טראָן פון גאָלד אויף אַ זילבערנעם פונדאַמענט, און אַ טראָן פון פּערל און בריליאַנטען אויף דעם סאַמע שפּיץ פון טורעם. דאָרט איז ער געזעסען, און אַלע פעלקער פלעגען קומען זיך בוקען צו אים. און תרח׳ן האָט ער באַשטימט אַלס הויפּט פון אַלע זיינע אַרמייען.

האָט נמרוד געזעהן אין די שטערען, אַז אין זיינע לעבּ־צייטען וועט גע־בוירען ווערען איינער וואָס וועט אָפּלייקענען אַז ער איז אַ גאָט. האָט ער זיך באַראַטען מיט אַלע זיינע קלוגע לייט, און זיי האָבען אים געראָטען אויפ־

צובויען אַ גרויס הויז, און אַלע מעוברת'ע פרויען זאָלען דאָרט געבוירען זייערע קינדער, און די ניי־געבוירענע אינגלעך זאָלען באַלד דאָרט געטויטעט ווערען. נמרוד האָט געפאָלגט, און זיבעציג טויזענט אינגלעך זיינען אומגע־בראַכט געוואָרען.

דערווייל איז אמתלאי, תרח'ס ווייב, שוואַנגער געוואָרען, אָבער זי האָט עס געהאַלטען בסוד אפילו פון איר מאַן. ווען די צייט איז געקומען, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט, אַוועק לעבען אַ געוויסען טייך, וואו עס האָט זיך געפונען אַ הייל, און דאָרט האָט זי געבוירען אברם'ן. געוועז איז עס אין חודש תשרי, און געוועזן איז דאָס אַ קינד אַ ניצוץ פון מלאך מיכאל. ווי נאָר זי האָט דערזעהן ווי די גאַנצע הייל לייכט ווי די זון פון דער ליכטיגקייט פון דעם קינד'ס פנים, האָט זי אים איינגעדעקט און געזאָגט: „דיין באַשעפער וועט דיך ניט פאַרלאָזען" און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

איז געקומען דער מלאך גבריאל, און פון זיין רעכטען פינגער האָט דאָס קינד געזויגען מילך. ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרען צעהן טעג, האָט ער אָנגעהויבען שפּאַצירען ביים ברעג פון טייך, און גערעדט לשון קודש, און כאָטש בלויז צעהן טעג אַלט, האָט שוין זיין מוח'על געאַרבייט, און ער האָט זיך געוואונדערט: ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז דער ראָד זאָל זיך שטענ־דיג דרעהען פון זיך אַליין! עס מוז דאָך זיין איינער וואָס דרעהט דאָס ראָד. האָט ער באַשלאָסען אַז די ערד איז דער פיהרער פון דער וועלט, זי גיט דאָך אַלע באַשעפענישען עסען און דערהאַלט זיי ביים לעבען. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזעהן אַז די ערד מוז האָבען רעגען, האָט ער געענדערט זיין באַשלוס און געהאַלטען אַז דער הימעל איז דער פיהרער. האָט ער אָבער באַלד איינ־געזעהן אַז די זון גיט ליכט דער גאַנצער וועלט, און מאַכט אַלץ וואַקסען, איז אים אויסגעקומען אז די זון פיהרט די וועלט. ווען די זון איז אונטער־געגאַנגען און די לבנה און שטערען האָבען זיך באַוויזען, האָט ער זיך אי־בערצייגט, אַז עס מוז זיין אַ פיהרער וואָס פיהרט אָן מיט דעם אַלעמען, און אַזוי האָט דאָס קינד זיך דערגרונטעוועט צום אמת. האָט כביכול אים געלאָזט וויסען, אַז ער איז דער אַלמעכטיגער, „און דיך וועל איך זאַלבען פון אַלע דורות וואָס זיינען געווען פאַר דיר, און וואָס וועלען זיין נאָך דיר".

און אַ מאַמע איז דאָך אַ מוטער, איז זי געקומען זעהן וואָס דאָס קינד מאַכט. אָבער די הייל איז געווען ליידיג. איז זי געגאַנגען לענג אויס דעם ברעג פון טייך און האָט ביטער געוויינט. האָט זי באַגעגענט אַ יונגער מאַן, און ער האָט זי געפרעגט וואָס זי וויינט. האָט זי אים דערציילט די מעשה. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז איר קינד. „און זיי וויסן, מאַמע, אַז עס איז פאַראַן אַן אַלמעכטיגער, און נאָר אים דאַרף מען דינען. געה אַהיים און זיי דאָס מודיע נמרוד'ן".

און ווען תרח האָט דאָס דערצעהלט דעם מלך נמרוד, האָט ער געצי־טערט פון שרעק. אַ קינד פון עטליכע טעג זאָל קענען געהן, רעדען און זאָגען אַזעלכע זאַכען! האָט ער אויף דער עצה פון זיינע קלוגע לייט באַוואָ־פענט זיין גאַנצע אַרמיי און זיי געשיקט נאָך אברם'ן. האָט דער מלאך גבריאל געמאַכט אַ וואָלקען צווישען אברם'ן און דער אַרמיי. די סאָלדאַטען האָבען זיך דערשראָקען און זיינען צוריקגעלאָפען. גבריאל האָט אים געזאָגט

אין דעם אויבערשטענס נאָמען, אַז ער זאָל געהן קיין בבל, צו נמרוד'ן, און פראָקלאַמירן אַז עס איז פאַראַן בלויז איין פאָטער אין הימעל. האָט אברם געפאָלגט. און די ערשטע וואָס ער האָט באַגעגענט זיינען געוועזן טאַקע זיינע עלטערען, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איר דינט אַ מענשען וואָס איז פונקט ווי איר. פון היינט אָן זאָלט איר דינען דעם באַשאַפער פון דער וועלט".

איז תרח אַוועק צו נמרוד'ן און האָט עס אים דערציילט. האָט ער פאַר־רופען זיינע קלוגע לייט, און זיי האָבען אים געראַטען ארויסצוגעבען אַ באַ־פעהל אַז זיבעציג טעג נאָכאַנאַנד זאָל דאָס גאַנצע לאַנד פייערען, און אַלע זאָלען קומען זיך בוקען צו אים. האָט מען געפאָלגט. ווען נמרוד איז געזע־סען אויף זיין טראָן, און אַלע מלוכה־לייט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַרזאַמעלט און געבוקט זיך צו אים, איז געקומען אברם, און איז צוגעגאַנגען גלייך צום טראָן, און אים געשאָקעלט, און געשריען: „דו אומווירדיגער נמרוד, זאָלסט וויסען אַז עס איז פאַראַן בלויז איין פאָטער אין הימעל, ער איז ניט קיין גוף, ער לעבט אייביג און שטאַרבט ניט, ער דרימעלט ניט און שלאָפט ניט", און אַלע געטשקעס זיינען אומגעפאַלען. פון שרעק איז נמרוד אַראָפּ־געפאַלען פון טראָן, און עטליכע שעה איז ער אזוי געלעגען. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט: „אברם, איז דאָס דיין קול, אָדער דאָס קול פון דיין אויבערשטען?" און נמרוד האָט מודה געווען אַז דער פאָטער אין הימעל איז דער וועלט־באַשעפער.

אַזוי זיינען אַוועק גאַנצע צוואַנציג יאָר. אברם האָט געהאַלטען אין איין פאַרשפרייטען דעם אויבערשטענס נאָמען. געהענדיג איינמאָל אין גאַס, קומט צו אים צו אַן עלטערע פרוי און בעט אים ער זאָל איר פאַרקויפען עפּעס אַזוי אַ פיינעם גאָט. פרעגט ער זי: „באַבעניו, וואָס האָסטו געטהון מיט דעם גאָט וואָס מיין ברודער הרן האָט דיך פאַרקויפט?" ענטפערט זי: „מען האָט אים צוגע'גנב'עט". „אויב אַזוי", האָט אברם געזאָגט, „פאַרוואָס־זשע דינסטו צו אַזעלכע געטער וואָס קענען אפילו זיך אליין ניט אָפּהיטען פון גנבים?" און די אַלטיטשקע האָט מודה געווען, אַז אברם איז גערעכט, און זי האָט אָנגעהויבען דינען דעם אויבערשטען.

איז דאָך אָבער נמרוד געווען אַ גרויסער רשע, און עס האָט זיך אים זעהר ניט געוואָלט אויפגעבען זיין גאָטהייט, האָט ער סוף כל סוף איינגע־זעצט אברם'ן אין תפיסה. נאָכהער האָט מען אים אַריינגעוואָרפען אין קאַלך־אויווען, און דער אויבערשטער האָט אים מציל געווען.

ווען כביכול האָט געזעהן אַז אברם גלויבט אין אים מיט אַן אמת, האָט ער אים געהייסען פאַרלאָזען דאָס זינדיגע לאַנד, און ער האָט אים געזאָגט: „געה אַוועק, מארצך וממולדתך ומבית אביך, פון דיין לאַנד, פון דיין געבורטס־שטאָט און פון דיין פאָטער'ס הויז". פרעגט דער אלשיך ז"ל אַ גוטע קשיא: עס וואָלט דאָך אייגענטליך באַדאַרפט שטעהן פאַרקערט, פון דיין פאָטער'ס הויז, פון דיין געבורטס־שטאָט און פון דיין לאַנד! און ער ענטפערט: דער שטייגער פון דעם מענשען איז, אַז ווען איינער פאַרלאָזט זיין היים, איז דאָס וואָס ער האָט ליבער, בלייבט אים לענגער אין געדעכעניש. צוערשט הויבט

ער אַן פאַרגעסען דאָס לאַנד, דערנאָך די געבורטס־שטאָט, און ערשט דערנאָך דעם פאָטער׳ס הויז, די אייגענע.

און דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט, אַז אין דעם פרעמדען לאַנד וועט ער אים גרויס מאַכען. פרעגט זיך: צו וואָס האָט ער באַדאַרפט פאַרוואַ־גלט ווערען אין דער פרעמד צו ווערען גרויס? ערקלעהרט עס ר׳ משה חפץ ז״ל זעהר ריכטיג. נעמליך, גרויס ווערען קען מען בלויז אין דער פרעמד. די אייגענע סביבה, די מענשען וואָס קענען איינעם פון דער יוגענט אָן, וועלען קיינמאָל ניט צוגעבען זיין גרויסקייט: „אָט דער אָ! איך געדענק דאָך ווען ער האָט זיך נאָך געשפּילט אין זאַמד״.

און ווי באַוואוסט, איז דאָך אברהם אבינו געווען דער גרעסטער מכניס אורח. מיר ווייסען דאָך אַז זיין הויז האָט געהאַט טירען אין אַלע זייטען, כדי אַ דורכרייזענדער זאָל זיך אפילו ניט דאַרפען באַמיהען צו זוכען די טיר, פון וועלכער זייט ער זאָל ניט אָנקומען זאָל ער האָבען אַ טיר. וואָרום די מצוה פון הכנסת אורחים איז געוואַלדיג גרויס. די גמרא זאָגט: „גדולה הכנסת אורחים מהקבלת השכינה״, אַז די מצוה פון הכנסת אורחים איז נאָך גרעסער אפילו פון מקבל זיין די שכינה.

מוז מען צוגעבען אַז די מצוה פון הכנסת אורחים זיינען אידען דווקא מקיים. אין דער אַלטער היים איז כמעט ניט געווען קיין איד וואָס האָט ניט פון צייט צו צייט געהאַט אַן אורח אויף שבת, צי אפילו אין מיטען דער וואָך. מאַנכע האָבען זיך באַריהמט געמאַכט מיט זייער הכנסת אורח׳ישקייט. אַזוי, למשל, איז ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער ז״ל געווען אַ גרויסער מכניס אורח. איינמאָל האָט ער געהאַט אַן אורח אויף שבת. נאָך שבת איז דער אורח אַוועקגעפאָהרען און האָט פאַרגעסען זיין שבת׳דיגען הוט. אַ שטיקעל צייט איז אַוועק, און דער איד איז ניט געקומען אָפּנעמען, האָט ר׳ ישעיה פאַר־קויפט דעם הוט פאַר עטליכע גילדען, און געדונגען דערפאַר אַ שטיקעל ערד. ער האָט עס געלאָזט אַקערען, זייען, שניידען, און די תבואה האָט ער פאַרקויפט. אַזוי האָט ער געטהון עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד. אין אַ צייט אַרום איז דער אורח ווידער געקומען צו ר׳ ישעיה׳ן. האָט ר׳ ישעיה אים באַלד דערקענט, און ער האָט אים געפרעגט צי ער האָט ניט אַמאָל עפּעס פאַר־געסען ביי אים? און דער אורח האָט געענטפערט, אַז ער האָט פאַרגעסען זיין שבת׳דיגען הוט. „וויפיל אַ שטייגער האָט עס די ווערט געהאַט?״ און דער אורח האָט געענטפערט: „מסתמא אַ זיבען־אַכט גילדען״. האָט ר׳ ישעיה אַרויסגענומען עטליכע הונדערט גילדען און געזאָגט: „אָט דאָס האָב איך פון אייער הוט, נאַט עס אייך, עס געהערט צו אייך״.

ר׳ אליה חיים ז״ל, לאָדזער רב, איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח. ער פלעגט אליין באַדינען די אורחים. איידער ער איז געגאַנגען שלאָפען, פלעגט ער אַריינגעהן זעהן צי דער אורח איז גוט צוגעדעקט, צי ער ליגט באַקוועם. איינמאָל האָט ער באַמערקט, ווי דעם אורח׳ס שטיוועל זיינען צעריסען, איז ער אין מיטען דער נאַכט אַריינגעגאַנגען, האָט צוגענומען דעם אורח׳ס שטיוועל און אַוועקגעשטעלט זיינע.

פאַרשטעהט זיך, אַז ווי אין יעדער זאַך, איז אויך אין דעם פאַל פון הכנסת אורחים פאַראַן אויסנאַמען. אַזוי, למשל, זיינען אַמאָל געפאָהרען

מחותנים מיט אַ כלה אין אַ שטעדטעל אַריין אויף חתונה. געווען איז עס ווינטער, אַ שטאַרקער פראָסט, און די כלה איז שיעור ניט געפרוירען גע־וואָרען. קומענדיג אין אַ דאָרף האָט מען אַנגעקלאַפּט ביים אַרענדאַר, אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט עפענען די טיר. „ס'טייטש, ר' איד, עפענט די טיר, זייט מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים, אַז ניט וועט דאָך די כלה חלילה דערפרוירען ווערען. „אויב די כלה וועט געפרוירען ווערען, וועל איך מקיים זיין די מצוה פון הלוית המת", האָט דער אַרענדאַר געענטפערט. אָבער מען מוז צוגעבען אַז די מצוה פון הכנסת אורחים איז איינע פון די מצוות וואָס אידען זיינען מקיים. און אפשר טאַקע דערפאַר ווייל עס ציהט זיך נאָך פון אברהם אבינו.

דער אויבערשטער האָט געזאָגט אברהם'ן: „והיה ברכה". זאָגען דאַרויף די חכמים און רש"י ז"ל „בך חותמין ולא בהם". ערקלערט ר' יחזקאל ז"ל פון קאזמיר אַזוי: די חכמים זאָגען: אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט — על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים. ווי מיר ווייסען, האָבען די אבות פון דער וועלט פאַרגעשטעלט מיט זיך די דאָזיגע דריי זיילען פון דער וועלט. אברהם אבינו וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער מידה פון הכנסת אורחים, סימבאָליזירט דעם זייל פון „גמילות חסדים". יצחק אבינו וואָס איז בארייט געווען זיך צו לאָזען מקריב זיין אויף דער עקידה, שטעלט מיט זיך פאָר דעם זייל פון „עבודה". יעקב אבינו וואָס האָט געלערענט אין בית מדרש פון שם ועבר רעפּרעזענטירט דעם זייל פון „תורה". אין משיח'ס צייטען וועט מען דאָך לערנען ווייניג, און קיין עבודה וועט אויך ניט זיין, וועט דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירען אין דעם זכות פון גמילות חסדים. איז אָט דאָס מיינט „בך חותמין". אויף דיר וועלען די אידען זיך האַלטען. מיט דיר וועט זיך ענדיגען דער גלות. ביי דער מצוה פון גמילות חסדים וועלען אידען בלייבען ביז דער לעצטער מינוט אין גלות.

וואָרים די מצוה פון העלפען אַן אָרימאַן, צי פון גמילות חסדים, איז אַזוי גרויס, אַז ווען אַ מענש העלפט אַן אָרימאַן איז גלייך ווי ער וואָלט אים באַשאַפען. זאָגט טאַקע דער זוהר: ביי אברהם אבינו ווערט געזאָגט „ואת הנפש אשר עשו בחרן". אברהם האָט דען באַשאַפען מענשען? נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח, און ער האָט רחמנות געהאַט אויף מענשען, ווערט עס אים גערעכענט גלייך ווי ער וואָלט זיי באַשאַפען.

און אברהם האָט גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט, און ער האָט געוואַנדערט: „וילך למסעיו", באַמערקען די חכמים און רש"י ז"ל, „היה הולך ולן באכסניות, שלן בהם בהליכתו למצרים". אברהם איז שטענדיג איינגעשטאַנען אין די זעלבע סטאַנציעס. צוריקוועגס איז ער שטענדיג פאַר־פאָהרען אין דער זעלבער אכסניא, אין וועלכער ער איז איינגעשטאַנען אַהין־צו־וועגס. באַמערקט דאַרויף דער „כתב סופר" ז"ל: אויפגעקומענע גבירים זיינען זיך געוויינליך נוהג, אַז ווען זיי ווערען פלוצים רייך, הויבען זיי באַלד אָן ענדערען זייער לעבענס־שטייגער, הויבען זיך אָן פיהרען רייכער. אָבער אברהם אבינו ניט. צי אָרים צי רייך, ער האָט שטענדיג געפיהרט דעם זעל־בען לעבענס־שטייגער. איז דאָס טאַקע זעהר אמת. נעמט אונזער ניו יאָרק. ווערט אַ איד אין בראָנזוויל, צי אין וויליאַמסבורג רייך, ציהט ער זיך באַלד

אַרויס קיין באָראָ פּאַרק צי פלעטבוש. העלפט אים דער אויבערשטער נאָך אַביסעלע, ציהט ער זיך אַרויס קיין וועסט ענד עוועניו, פון דאָרט קיין סענ־טראַל פּאַרק וועסט. דאָס זעלבע מיט האָטעלען. פריהער פאָהרט ער קיין ספּרינג וואַלי ,נאכהער קיין לייקוואוד, דאַן גאָר קיין פלאָרידא. אבער אברהם האָט זיך כסדר געפיהרט אויף דעם זעלבען שטייגער. און „וילך למסעיו מנגב ועד בית אל״. באַמערקט דאַרויף דער „מטה אהרן״ ז״ל אַן אמת׳דיג וואָרט: דער שטייגער פון היינטיגע גבירים איז, אַז וואָס רייכער זיי ווערען, אַלץ מעהר דערווייטערען זיי זיך פון דער אידישער סביבה. זיי הערען אויף געהן אין שוהל אריין, הערען אויף שיקען די קינדער אין אַ תלמוד תורה צי אַ ישיבה, דערווייטערען זיך פון אַ בית המדרש. אָבער אברהם, ווי רייך ער איז געוואָרען און וואו ער האָט ניט געוואַנדערט, איז עס אַלץ געווען „ועד בית אל״, איז עס אַלץ געווען מיט דעם בית מדרש.

אַי, פאַרוואָס־זשע טאַקע גיט דער אויבערשטער די גבירים רייכקייט? איז דער תירוץ ווייל אָהן דעם וואָלטען זיי ניט געקענט „מאַכען אַ לעבען״. און אונזער פאָטער אין הימעל איז דאָך אַ בעל הרחמים, אַ באַרעמהערציגער, העלפט ער זיי אַזוי אַרום צו דער פרנסה. אָט הערט אַ מעשה:

ווי באַוואוסט, איז דער באַריהמטער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן ע״ה געווען זיין גאַנץ לעבען אַ בוכהאַלטער ביי אַ רייכען געשעפטסמאַן אין בערלין. דער סוחר איז אַליין געווען אַ זעהר פּשוט׳ער מענש, און נישט־קשה׳דיג פון אַן עם הארץ, אָבער געשעפטען האָט ער געפיהרט זעהר גרויסע, און פאַרשטעהט זיך, געהאַט פילע אָנגעשטעלטע. איינמאָל האָט איינער באַמערקט צו מענ־דעלסאָנ׳ען: זעהט אַליין ווי שלעכט כביכול פיהרט זיין וועלטעל. איהר זענט אַזוי געלערענט, אַזאַ באַריהמטער פילאָזאָף, זענט איר ביי יענעם, און אייער בעל־הבית, אַזאַ פּראָסטער מענש, פיהרט אַזעלכע גרויסע געשעפטען, און איז רייך ווי קורח. האָט מענדעלסאָן אים געענטפערט: אדרבה, דערפון גופא איז אַ ראיה, אַז דער בורא עולם פיהרט שוין דוקא גאָר גוט די וועלט. איך, וואָס האָב שטודירט, זיך איינגעשאַפּען בילדונג, קען האָבען פרנסה פון בוכ־האַלטעריע, אָבער וואָס וואָלט נעביך מיין בעל־הבית געטהון, ווען ער וואָלט ניט געווען קיין גביר?

און אברהמ׳ס פּאַסטוכער האָבען זיך געקריגט מיט לוט׳ס פּאַסטוכער. אברהמ׳ס פיה זיינען געגאַנגען פאַרצוימט די מיילער כדי זיי זאָלען זיך ניט פּאַשען אויף פרעמדע פעלדער און לאָנקעס. דאָס איז דאָך גזלה. דאַגעגען לוט׳ס פּאַסטוכער האָבען ניט געצוימט די פיה. נאָך מעהר, לוט׳ס פּאַסטוכער פלעגען טענה׳ן: וואָס נעמט איר זיך אַזוי אָן אייער בעל־הבית׳ס קריוודע, ער האָט דאָך ניט קיין קינדער, וועט דאָך סיי ווי לוט אים ירש׳ענען, איז וואָס־זשע אַרט עס אייך? האָט אברהם זיך געבעטען: לאָמיר זיך ניט קריגען, „כי אנשים אחים אנחנו!״ וואָרים מיר זיינען דאָך פאָרט אייגענע. און ווען אייגענע קריגען זיך, טהוט עס מעהר וועה. ווען אַן אייגענער דערלאַנגט, זאָגט „הדרש והעיון״ ז״ל, איז דער קלאַפּ שטאַרקער, ער טהוט מעהר וועה ווי דער קלאַפּ פון אַ פרעמדען. „נאמנים פצעי אוהב״ — די וואונדען פון אַ פריינט זיינען פיהלבאַרער. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: ווען אייזען שלאָגט אייזען איז דער קלאַפּ שטאַרקער ווי ווען אייזען שלאָגט, למשל, האָלץ.

„ואברהם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב... וילך למסעיו". זאָגען דאַרויף אונזערע חכמים און רש"י ז"ל: בחזירתו פרע הקפותיו, אויף דעם וועג צוריק האָט אברהם אָפּגעצאָהלט אַלע חובות. טייטשט דער „מצח אהרן" ז"ל אזוי: אברהם איז שולדיג געווען דעם עולם פילע חובות, ווייל די מענשען האָבען זיך געוואונדערט, און געהאַלטען אין איין פרעגען קשיות: אברהם איז דאָך אַזאַ צדיק, צום סוף מוז ער גאָר שטענדיג זיין נע־ונד, און האַלטען אין איין אַרומוואַנדערען. ער איז אַזאַ צדיק און מוז נאָך ליידען הונגער, ער איז אַזאַ צדיק און אפילו די פרוי רויבט מען אים אַוועק? אָבער איצט ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט „במקנה, בכסף ובזהב", מיט פיה, זילבער און גאָלד, זיינען אַלע קשיות מיט אַמאָל פאַרענטפערט געוואָרען.

און מיר וועלען ענדיגען מיט אַ גוט וואָרט פון דעם דובנער מגיד ז"ל: די סדרה זאָגט „ותרדמה נפלה על אברם". דער אויבערשטער האָט געוויזען אברהם'ן דעם גלות, אַז זיינע קינדער וועלען זיין אין אַ פרעמד לאַנד און דאָרט דורכמאַכען פאַרשידענע צרות. און איינס פון זיי וועט זיין „תרדמה", דאָס דרימלען, דאָס גאָרניט טהון. דאָס וואָס אידען וועלען אָפּשלאָפען דאָס ביסעל יאָרען אין גלות. זיי וועלען זיצען מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרניט טהון.

עס איז דאָך דאָ אַזוי פיל צו טהון! מען דאַרף העלפען אַרויסראַטעווען דאָס איבערגעבליבענע ביסעל אידען פון די רשעות'דיגע לענדער. מען דאַרף העלפען בויען דאָס לאַנד ישראל, און ביי אונז איז „תרדמה", מיר שלאָפען. שוין צייט זיך אויפצוכאַפּען!

וירא

דערציילט אונז די סדרה „וירא“ ווי דריי מלאכים, אין געשטאַלט פון מענשען, האָבען אָפּגעשטאַט אברהם אבינו אַ באַזוך, און זיי האָבען אים צוגעזאָגט, אַז איבער־אַ־יאָר וועט שרה אים געבוירען אַ אינגעל. און זיי זיינען פון דאָרט אַוועק צו פאַרניכטען די שטעדט סדום און עמורה, ווייל די דאָרטיגע איינוואוינער זיינען געווען זעהר זינדיג. אברהם אבינו האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל זיי ניט פאַרניכטען, אָבער זייערע זינד זיינען געווען צו גרויס. האָבען די מלאכים פאַרניכטעט די שטעדט מיט זייערע איינוואוינער, אַ חוץ לוט׳ן און זיין הויז־געזינט. אָבער לוט׳ס ווייב האָט ניט געפאָלגט די מלאכים וועלכע האָבען געזאָגט לוט׳ן און זיין פאַמיליע, אַז פאַרלאָזענדיג די שטאָדט זאָלען זיי זיך ניט אויסדרעהען און צוריקקוקען אויף דער שטאָדט, און זי האָט יאָ צוריקגעקוקט, איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטיק זאַלץ.

דערווייל איז אַוועק אַ יאָר און שרה האָט געבוירען יצחק׳ן. אין אַ צייט אַרום האָט דער אויבערשטער געפּרואווט אברהם׳ן און ער האָט אים געהייסען פיהרען יצחק׳ן צו דער עקידה. פאַרשטעהט זיך, אַז אברהם האָט געפאָלגט. ער האָט געפיהרט יצחק׳ן צום באַרג מוריה. און בעת ער האָט גענומען דאָס מעסער צו שעכטען יצחק׳ן פאַר אַ קרבן, האָט אַ מלאך ניט געלאָזט. אברהם האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געזעהן אַ ווידער, האָט ער אים מקריב געווען אויף יצחק׳ס אָרט.

איז וועלען מיר איבערגעבען אין איינצעלהייטען ווי די עקידה איז צוגעגאַנגען. אָבער פריהער דאַרף באַמערקט ווערען: ווי קומט עס טאַקע, אַז כביכול זאָל הייסען אברהם׳ן מקריב זיין זיין זוהן? דער אויבערשטער פאָדערט דען חלילה פון אידען זיי זאָלען מקריב זיין מענשען?! נאָר די חכמים ז״ל ענטפערען שוין, אַז כביכול האָט טאַקע ניט געזאָגט אַזוי. אין פסוק שטעהט, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם׳ן „והעלהו“, ער זאָל אים אַרויפברענגען אויף דעם באַרג מוריה, אָבער עס שטעהט ניט „והקריבהו“ — זיי אים מקריב.

און איצט וועגען דער עקידה. ווען יצחק איז אַלט געוואָרען זיבען און דרייסיג יאָר, איז שמועסענדיג איינמאַל מיט ישמעאל׳ן, האָט זיך ישמעאל באַרימט פאַר אים און געזאָגט: „זעהסטו, ווען איך בין געווען אַ דרייצען יאָריג אינגעל, האָב איך שוין געטהון דעם אויבערשטענס ווילען. ער האָט געהייסען מל זיין, און איך האָב געפאָלגט“. האָט יצחק אים געענטפערט: „וואָס־זשע באַרימסטו זיך פאַר אַזאַ קלייניגקייט, ווען דער בורא עולם זאָל הייסען מיין פאָטער מיך מקריב זיין פאַר אַ קרבן עולה, וואָלט איך דאָס

געטהון מיט גרויס פרייד". ווען כביכול האָט דאָס געהערט, איז עס אים שטאַרק געפעלען, און ער האָט באַשלאָסען אויסצופּרואווען אברהם'ן.

אין איין שעהנעם טאָג זיינען די מלאכים געקומען פאַר דעם אויבערשטען, און צווישען זיי איז אויך געווען דער שטן, וואָס איז געקומען רעדען שלעכטס אויף די מענשען. האָט דער אויבערשטער געפרעגט דעם שטן: „פון וואַנען קומסטו?" און דער שטן האָט געענטפערט: „איך האָב אַרומגעשוועבט איבער דער וועלט". „איז וואָס־זשע האָסטו עפּעס צו זאָגען וועגען די מענשען?" האָט דער באַשעפער געפרעגט, און דער שטן האָט געענטפערט:

„איך האָב געזעהן די מענשען וואָס דינען דיך, און דערמאָנען דיך, אָבער דאָס טהוען זיי בלויז ווען זיי דאַרפען דיך, ווען זיי פאַרלאַנגען עפּעס פון דיר. אָבער ווי נאָר דו דערפילסט זייער פאַרלאַנג, און דו גיסט זיי וואָס זיי בעטען דיך, פאַרגעסען זיי באַלד אין דיר און דערמאָנען דיך ניט מעהר. אָט נעם, למשל, אברהם'ן. צום אָנהויב, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין קינדער, האָט ער דיך געדינט. איבעראַל וואו ער האָט זיך געפונען, האָט ער געבויט מזבחות, און מקריב געווען אויף זיי קרבנות צו דיר, און ער האָט אויפגע־פאָדערט די מענשען זיי זאָלען דיך דינען. און איצט, נאָכדעם ווי זיין זוהן יצחק איז אים געבוירען געוואָרען, האָט ער דיך פאַרלאָזט. ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע מענשען, אָבער דיך האָט ער פאַרגעסען. ער האָט דאָך צו דיר ניט מקריב געווען אפילו אַ ציגעלע. אָט זיינען שוין אַוועק זיבען און דרייסיג יאָר זינט יצחק איז געבוירען געוואָרען, און אין דער דאָזיגער גאַנצער צייט האָט ער ניט געבויט פאַר דיינעטוועגען קיין מזבח, ניט מקריב געווען קיין קרבן, פּשוט דערפאַר, ווייל וואָס ער האָט געוואָלט פון דיר האָסטו דאָך אים שוין געגעבען. אָט דער דאָזיגער אַלטער, צו הונ־דערט יאָר האָסטו אים געשאָנקען אַ זוהן, איז פון דער גרויסער סעודה וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיג מקריב צו זיין צו דיר אפילו אַ טייבעלע. נאָכמעהר, ער האָט נאָך געשלאָסען אַ בונד מיט ערלים און עובר געווען אויף דעם געבאָט ניט צו שליסען מיט זיי קיין בונד. דו רופסט אים 'מיין פריינד'. איז פאַר אַלע האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און דיך האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען!"

רופט זיך אָן כביכול: „האָסטו זיך גוט צוגעקוקט צו מיין קנעכט אברהם? עס איז דאָך ניטאָ זיין גלייכען אין דער וועלט. ער איז דאָך אַן עהרליכער, גערעכטער מענש וואָס האָט מורא פאַר זיין באַשעפער, און טהוט ניט קיין שלעכטס. אָט דאָס אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער דאָך בלויז געטהון צוליב זיין זוהן, און פונדעסטוועגען, ווען איך זאָל אים זאָגען: 'שעכט דיין קינד פאַר מיינעטוועגען', וועט ער דאָס גלייך טהון. איך שווער, אַז ווען איך זאָל אים זאָגען 'זיי מקריב יצחק'ן פאַר אַ קרבן עולה', וועט ער אים ניט צוריקהאַלטען פון מיר, אַ פּשיטא שוין, ווען איך זאָל אים הייסען מקריב זיין שאָף און רינדער".

האָט דער שטן זיך אָנגערופען: „איך בעט דיך, מיין האַר, הייס אים דאָס טהון, וועלען מיר זעהן צי ער וועט פאָלגען, פּרואוו אים באַלד אויס".

האָט טאַקע באַלד, אין יענער נאַכט, כביכול זיך באַוויזען צום אברהם אבינו און צו אים געזאָגט: „ניין מאָל האָב איך דיך שוין אויסגעפּרואווט,

און דו האָסט אויסגעהאַלטען. איז האַלט אויס נאָך אַט דעם דאָזיגען נסיון, כדי מענשען זאָלען ניט זאָגען, אַז יענע זיינען געווען בלויז קליינינקייטען, דערפאַר האָסטו זיי אויסגעהאַלטען״.

וואָס פאַר אַ מין נסיון איז דאָס?״ האָט אברהם געפרעגט.

„איך וויל דיך בעטען דו זאָלסט נעמען דיין זוהן...״

„האַר פון דער וועלט, איך האָב דאָך צוויי זיהן, וועלכען מיינסטו?״ פרעגט אברהם.

„דיין איינציגען זוהן״, ענטפערט כביכול.

„ביידע זיינען דאָך איינציגע. יצחק איז אַ בן־יחיד ביי זיין מוטער שרה, און ישמעאל איז אַן איינציגער ביי זיין מוטער הגר״, טענה׳ט אברהם.

„דעם וועלכען דו האָסט ליב״, זאָגט דער אויבערשטער.

„איך האָב זיי ביידע ליב!״ רופט אויס אברהם.

„דעם וואָס דו האָסט זעהר ליב״, באַמערקט דער רבונו של עולם.

„איז דען פאַראַן אַ גרעניץ? לאָזט זיך דען אַזאַ זאַך מעסטען?״ פרעגט אברהם.

„יצחק׳ן״, ענטפערט דער באַשעפער.

„איך בין גרייט!״ האָט אברהם אויסגעשריען, „וואָס זאָל איך אים טהון?״

„געה קיין ירושלים און ברענג אים אַרויף דאָרט אויף איינעם פון די בערג פאַר אַן עולה״, ענטפערט דער אויבערשטער.

„האַר פון די וועלטען, אויף וועלכען באַרג?״ פרעגט אברהם.

„דאָרט וואו דו וועסט זעהן מיין כבוד שטעהט און וואַרט אויף דיר; דער באַרג אויף וועלכען דו וועסט זעהן ליכטיגקייט שיינען און אַ וואָלקען צוגעבונדען. דאָס איז די שכינה, און דאָרט איז דער פּלאַץ פון דער עבודה״, האָט דער בורא עולם געענטפערט.

„אָבער האַר פון דער וועלט, קען מען דען ברענגען אַ קרבן אָהן אַ כהן? און בין איך דען כשר גענוג אים מקריב צו זיין? בין איך דען אַ כהן?״ טענה׳ט אברהם.

„איך האָב דיך שוין לאַנג באַשטימט אַלס כהן״, האָט כביכול געענטפערט.

האָט אברהם דאָס באַלד אָנגענומען באהבה, און ער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען ווי אַזוי אַוועקצונעמען יצחק׳ן פון זיין מוטער שרה. ער איז אַריינגעקומען אין שרה׳ס געצעלט, זיך אַנידערגעזעצט לעבען איר, און האָט צו איר אַזוי געזאָגט: „ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר, האָב איך שוין דערקענט דעם וועלט־באַשעפער, און אונזער זוהן איז שוין גרויס, און ער האָט נאָך ניט געלערענט ווי צו דינען דעם אויבערשטען, וועל איך אים מאָרגען אַוועקפיהרען צו שם און עבר, ער זאָל ביי זיי לערנען״. און שרה האָט מסכים געווען.

איז אברהם אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, און ער האָט אליין איינגעשפּאַנט דאָס אייזעל, וואָס איז, אגב, באַשאַפען געוואָרען פרייטאָג נאַכט ווען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, אויף וועלכען משה רבינו האָט געריטען קיין מצרים, און אויף וועלכען משיח בן דוד וועט רייטען. און ער, יצחק, ישמעאל און אליעזר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

געהענדיג אויף דעם וועג האָבען דערווייל ישמעאל און אליעזר זיך

אַנגעהויבען צו קריגען איבער דער ירושה. ישמעאל האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אברהם׳ס עלצטער זוהן, וועט ער אים ירש׳נען נאָך יצחק׳ס טויט. אליעזר האָט געענטפערט: „אברהם האָט דאָך אַרויסגעטריבען דיך און דיין מאַמען, און ער האָט דאָך געשוואָרען, אַז דו וועסט אים ניט ירש׳נען, איז וועמען־זשע וועט ער איבערלאָזען זיין פאַרמעגען, אויב ניט מיר, זיין אי־בערגעגעבענעם קנעכט, וואָס האָט אים געטריי געדינט טאָג און נאַכט".

דערוויל האָט זיך אויף דעם וועג באַוויזען דער שטן אין דעם געשטאַלט פון אַן אַלטען מענשען, אַן עניו, אַ דערשלאָגענער, און ער האָט געפרעגט אברהם׳ן:

„וואוהין לאָזטו זיך?"

„בעטען", ענטפערט אברהם.

„אַז מען געהט דאַווענען, צו וואָס דאַרף מען אַ מעסער און האָלץ?" פרעגט דער אַלטער.

„איך ווייס", ענטפערט אברהם, „טאָמער קומט אונז אויס זיך צו פאַר־זאמען אַ טאָג אָדער צוויי, וועט מען דאָך דאַרפען עפּעס שעכטען און עסען.

„אַלטער", רופט זיך אָן דער שטן, „בין איך דען ניט געווען ווען דער הייליגער האָט דיר געזאָגט, דו זאָלסט מקריב זיין דיין זוהן! און דו אַלטער געהסט טויטען אַ זוהן וואָס איז דיר געבוירען געוואָרען צו הונדערט יאָר! רעכענסטו דען צו האָבען נאָך אַ זוהן? טאָמער ברענגסטו אום די דאָזיגע נשמה, וועסטו דאָך דאַרפען אָפּגעבען דין!"

אָבער אברהם האָט אים ניט געוואָלט הערען.

איז דער שטן אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט אין דער גע־שטאַלט פון אַ יונגען, שעהנעם בחור. ער האָט זיך געשטעלט אין יצחק׳ס רעכטער האַנט, און ער האָט אים געפרעגט:

„וואוהין געהסטו?"

„לערנען תורה", האָט יצחק געענטפערט.

„ביי דיין לעבען, צי נאָך דיין טויט?" האָט דער שטן געפרעגט.

„וואָס הייסט?" האָט יצחק זיך גע׳חידוש׳ט, „איז דען פאַראַן אַ מענש וואָס לערענט נאָך דעם טויט?"

און דער שטן האָט אויסגערופען:

„אָה, דו אומגליקליכער זוהן פון אַן אומגליקליכער מוטער! וויפיל תעניתים האָט דיין מוטער געפאַסט צוליב דיר! וויפיל תפלות האָט זי גע־בעטען ביז זי האָט דיך געבוירען! און איצט קומט דער אַלטער, וואָס איז פון זינען אַראָפּ פון אַלטקייט, און פיהרט דיך שעכטען! מיין קינד, פאָלג אים ניט! פאַרוואָס זאָל אַזאַ טייערע נשמה, און אַזאַ שעהן געשטאַלט, ווי דו, אומקומען אומזיסט און אומנישט פון דער וועלט!"

אָבער יצחק האָט געענטפערט, אַז אויב דאָס איז דעם באַשעפער׳ס פאַר־לאַנג און זיין פאָטער׳ס געבאָט, וועט ער פאָלגען, און ער האָט אַ זאָג געטהון צו אברהם׳ן: „טאַטע, וואָס וויל דער יונגערמאַן?" און אברהם האָט אים גע־

ענטפערט, אַז דאָס איז דער שטן וואָס באַמיהט זיך צו שטערען אויסצופאָלגען דעם אויבערשטענס רצון. און אברהם האָט אָנגעשריגען אויף דעם שטן.

איז דער שטן אַוועק און האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ טייך. ווען אברהם איז צוגעקומען צום טייך, איז ער גלייך אַריין אין וואַסער, און ער האָט גע־הייסען יצחק'ן, ישמעאל'ן און אליעזר'ן אים נאָכגעהן. ווען דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט זייערע העלזער, האָט אברהם געזאָגט: איך ווייס אַז אויף דעם אָרט איז קיינמאָל ניט געווען קיין וואַסער, עס מוז זיין דער שטן, וואָס וועגדט אָן אַלע מיטלען אונז צו שטערען. און ער האָט אויסגעשריען: „רבונו של עולם, איך בין זיך איצט עוסק מיט דיין מצוה, דאָס וואַסער דערגרייכט שוין ביז צום האַלז, איז אויב איך ווער, אָדער יצחק ווערט, דערטרונ־קען, ווער־זשע וועט ערפילען דיין געבאָט? ווער וועט פאַראייניציגען דיין נאָמען?" און דער הייליגער האָט געענטפערט: „דו וועסט פאַראייניציגען מיין נאָמען", און אין איין אויגענבליק איז געוואָרען אויס וואַסער.

אויף דעם דריטען טאָג האָט אברהם דערזעהן ווי פון אַ באַרג ציהט זיך אַ פייער־זייל ביז צום הימעל, אַ שווערער וואָלקען איז אויף דעם באַרג, און דעם אויבערשטענס כבוד אין דעם וואָלקען. אויך יצחק האָט עס געזעהן. אָבער ישמעאל און אליעזר האָבען עס ניט געזעהן. האָט אברהם זיי געהייסען דאָרט בלייבען מיט דעם אייזעל, און ער מיט יצחק'ן האָבען זיך געלאָזט צום באַרג.

פרעגט יצחק אברהם'ן: „טאַטע, פייער און האָלץ האָבען מיר, און וואו איז דאָס שעפעלע פאַר אַ קרבן?" האָט אברהם אים געענטפערט: „מיין קינד, דער באַשעפער האָט דיך אויסדערוויילט פאַר דעם קרבן". „אַלץ וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געהייסען, וועל איך טהון מיט גרויס פרייד", האָט יצחק געענטפערט.

קומענדיג צום באַרג האָט יצחק געזאָגט: „טאַטע, אייל זיך צו, בינד גוט מיינע הענט און פיס. וואָרום איך בין דאָך אַ יונגערמאַן, ווען איך וועל דערזעהן דאָס מעסער, קען איך זיך נאָך דערשרעקען און דיר דערלאַנגען און באַקומען אַ מום, וועט דאָך פסול ווערען דער קרבן. און דאָס אַש זאָלסטו אַריינלייגען אין אַ קעסטעלע און אַנידערשטעלען אין מיין מוטער'ס צימער".

האָט אברהם געבונדען יצחק'ן, און די מלאכים האָבען אָנגעהויבען בעטען דעם אַלמעכטיגען „ אָה, האַר פון דער וועלט, פאָטער פון רחמים און חסד, לייז אויס דיין קנעכט יצחק. דערבאַרעם זיך אויף דיין קנעכט אברהם. דו זעהסט דאָך ווי יצחק ליגט געבונדען אויף דעם מזבח ווי אַ בהמה געשאָכטען צו ווערען! וואו איז אברהם'ס שכר פאַר זיין פאַרשפרייטען דיין נאָמען צווי־שען די מענשען? פאַר זיין הכנסת אורחים? מאַכסטו בטל דעם בונד וואָס דו האָסט געשלאָסען מיט אברהם'ן, אַז דעם בונד וועסטו מקיים זיין דורך יצחק'ן? דאָס מעסער ליגט דאָך שוין אויף דעם האַלז! ביז ווען וואַרטסטו?"

און אַזוי ווי דאָס מעסער האָט דערגרייכט צום האַלז, איז יצחק'ס נשמה אַרויסגעפלויגען. דריי טרערען פון די מלאכי השרת זיינען אַרונטערגעפאַלען און האָבען פאַרדאַרבען דאָס מעסער. דער הייליגער האָט באַלד אַ וואונק גע־געבען צום מלאך מיכאל: וואָס שטעהסטו? לאָז אים ניט!

האָט מיכאל אַ געשריי געטהון:

„אברהם, אברהם, וואָס טהוסטו?"

„ווער ביסטו?" האָט אברהם געפרעגט.

„איך בין אַ מלאך", האָט מיכאל געענטפערט.

האָט אברהם זיך אָנגערופען: „נעם דיין זוהן און ברענג אים פאַר אַ קרבן", האָט כביכול מיר אליין געזאָגט. און איצט, אויב דאָס איז זיין וואונש, זאָל ער מיר אַליין זאָגען. האַר פון דער וועלט, איז דען ניט געווען אָנטפּלעקט פאַר דיר, אַז איך וועל טהון דיין רצון מיט דעם גאַנצען האַרצען?"

האָט דער הימעל זיך געעפענט, און דער אויבערשטער האָט געענטפערט: „עס איז פאַר מיר געווען אַנטפּלעקט, אַז דו וועסט דאָס טהון". „איז פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר אָזעלכעס געטהון?" פרעגט אברהם. און כביכול האָט גע־ענטפערט: „איך האָב געוואָלט דיך באַקאַנט מאַכען אין דער וועלט, מען זאָל זעהן, אַז ניט אומזיסט האָב איך דיך אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער". „איך וועל אָבער ניט אַראָפּגידערען פון דעם מזבח, ביז איך וועל ניט זאָגען אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגען", האָט אברהם זיך אָנגערופען. און דער אויי־בערשטער האָט געזאָגט: רעד!

און אברהם האָט אָנגעהויבען: „האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז פון מיר וועסטו אויפשטעלען אַ גאַנצע וועלט?" „יאָ", ענטפערט דער אויבערשטער. „פון וועמען?" פרעגט אברהם, און כביכול ענטפערט: „פון יצחק'ן". „זעהסטו", טענה'ט אברהם, „דו האָסט דאָך געוואוסט אַז ווען דו האָסט געהייסען מקריב זיין יצחק'ן, האָב איך דאָך דיר געקאָנט זאָגען: נעכטען זאָגסטו מיר, 'פון יצחק'ן וועסטו האָבען קינדער', און איצט הייסטו אים גאָר שעכטען! און דו וואָלסט דאָך ניט געווען געהאַט וואָס צו ענטפערען. אָבער איך האָב דיר גאָר־ניט געזאָגט. איז דערפאַר ווען יצחק'ס קינדער וועלען פאַר דיר גע'משפט ווע־רען אין דעם טאָג — ראש־השנה — איז וויפיל אָנקלעגער עס זאָלען אויף זיי אויפשטעהן, איז פונקט ווי איך האָב געשוויגען, אַזוי זאָלסטו זיך ניט צוהע־רען צו זיי. דו זאָלסט זיי געדענקען יצחק'ס עקידה, און עס פאַררעכענען גלייך ווי זיין אַש ליגט אויף דעם מזבח". „איז אויב אַזוי", האָט כביכול געענטפערט, „זאָלען זיי בלאָזען מיט אָט דעם שופר". און ער האָט אים אָנגעוויזען אויף אַ ווידער, וועמעס הערנער זיינען געווען פאַרטשעפּעט אין אַ דאָרן. און דער דאָזיגער ווידער איז, אגב, איינס פון די צעהן זאַכען וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פרייטאָג פאַרנאַכט פון דער וועלט־שאַפונג. דער־ווייל האָט די נשמה זיך אומגעקערט צו יצחק'ן. און אברהם האָט מקריב געווען דעם ווידער אויף יצחק'ס אָרט.

ווען אברהם האָט זיך באַמיהט צו ראַטעווען סדום פון פאַרניכטונג, האָט ער גע'טענה'ט „אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר". זאָגט דאַרויף דער „אהבת דוד" ז"ל: ניט קיין צדיקים אין בית המדרש, נאָר „בתוך העיר", אין שטאָדט, אין גאַס, צווישען מענשען.

און ווען די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם׳ן, זיינען זיי דערשינען אין דעם געשטאַלט פון מענשען. ווען זיי זיינען געקומען צו לוט׳ן, האָבען זיי זיך באַוויזען טאַקע ווי מלאכים. פאַרוואָס? ענטפערט ר׳ לייב שרה׳ס ז״ל: אברהם איז דאָך געווען אַ גרויסער מכניס אורח. ער האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישען מלאכים און מענשען. ער האָט געהאַלטען די טיר אָפען פאַר יעדען איינעם, אַפילו פאַר דעם פשוט׳סטען מענשען. דאַגעגען לוט, ווען ער וואָלט ניט געווען זעהן פאַר זיך מלאכים, נאָר בלויז געוויינלעכע מענשען, וואָלט ער זיי ניט געווען געלאָזט איבערטרעטען די שוועל.

און ווי מיר זעהען פון דער דאָזיגער סדרה, איז ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט פרואווען אברהם׳ן צי ער איז גרייט מקריב צו זיין זיין זוהן, האָט ער אליין אים געהייסען דאָס טהון. נעמליך, „ויאמר אליו קח נא את בנך...״. דאַגעגען, ווען ער האָט אָפּגעהאַלטען אברהם׳ן פון צו קוילענען יצחק׳ן, האָט ער דאָס געטהון דורך אַ מלאך, „ויקרא אליו מלאך... ויאמר אל תשלח ידך אל הנער...״. פאַרוואָס טאַקע אַזוי? ענטפערט דאַרויף ר׳ יצחק דינאָווער ז״ל אַזוי: אויף ניט אומצוברענגען אַ מענשען, מעג מען זיך פאַרלאָזען אויף אַ מלאך אויך. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אָפּ־שעכטען אַ אידען, טאָר מען קיינעם ניט הערען, אפילו ניט קיין מלאך, דאָס מוז מען הערען פון דעם בורא עולם אליין.

חיי שרה

און אונזער מוטער שרה איז געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און זיבען און צוואַנציג יאָר. נאָך איר פטירה האָט אברהם געשיקט אליעזר׳ן זוכען אַ פרוי פאַר יצחק׳ן, און ער האָט געבראַכט רבקה׳ן. נאָך יצחק׳ס חתונה האָט אברהם גענומען אַן אַנדער ווייב. זי האָט אים געבוירען זעקס קינדער. און אברהם איז נפטר געוואָרען צו הונדערט און פינף און זיבעציג יאָר.

איז הערט־זשע וואָס עס האָט פאַראורזאַכט שרה׳ס טויט. ווען אברהם האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקידה, האָט דער שטן ניט גערוהט, און ער איז אַוועק צו שרה׳ן. ער האָט זיך באַוויזען צו איר אין דער געשטאַלט פון אַן אַלטען מאַן, און ער האָט צו איר געזאָגט: „ווייסטו גאָרניט וואָס אברהם האָט היינט געטהון יצחק׳ן? ער האָט אים געבונדען אויף דעם מזבח. יצחק שרייט און וויינט, אָבער קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים. קיינער דער־באַרעמט זיך ניט אויף אים“. אָט אַזוי האָט דער שטן איבערגע׳חזר׳ט זיינע רייד עטליכע מאָל צו שרה׳ן, און ער איז פאַרשוואונדען.

ווען שרה האָט דאָס געהערט, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז טאַקע אַ געוויינליכער מענש, וואָס האָט זיך געפונען נעבען איר זוהן, און ער איז אומישנע געקומען איר דאָס דערציילען. האָט שרה אָנגעהויבען צו וויינען און צו קלאָגען. זי האָט זיך געוואָרפען אויף דער ערד, געשאָטען ערד אויף איר קאָפּ און זי האָט געזאָגט: „מיין קינד, הלואי וואָלט איך היינט געשטאָרבען אויף דיין אָרט. וועה צו מיר, וואָס איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט, אַז מיין פרייד זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין טרויער. נייניציג יאָר בין איך אַלט געוועזען, ווען איך האָב דיך געבוירען, און איצט ביזטו פאַרצעהרט געוואָרען פון מעסער און פייער. מיין איינציגע טרייסט איז, וואָס דו האָסט ערפילט דעם אויבערשטען׳ס ווילען. וואָרום ווער קען עס עפּעס עובר זיין אויף דעם באַשעפער׳ס רייד? יעדער מענשענס לעבען איז דאָך ביי אים אין דער האַנט. דו ביזט גערעכט, אַלמעכטיגער, און דיינע מעשים זיינען גערעכט. איך פרעה זיך מיט דיין געבאָט. בלויז מיין אויג וויינט ביטער, אָבער דאָס האַרץ פרעהט זיך“.

און שרה האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף דעם שויס פון איינער פון אירע דינסטען, און זי איז שטיל געבליבען ווי אַ שטיין. און דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבען, און זי איז אַרומגעגאַנגען פרעגען, צי מען האָט ניט גע־זעהן איר זוהן יצחק. זי איז געגאַנגען קיין חברון, און יעדען איינעם, וואָס זי האָט באַגעגענט, האָט זי געפרעגט, אָבער קיינער האָט איר גאָרניט געקאָנט זאָגען. האָט זי אַרויסגעשיקט אירע דינסטען און קנעכט זוכען אברהם׳ען און יצחק׳ן. זיי האָבען אומעטום געזוכט און ניט געפונען.

אין צווישען האָט דער שטן זיך נאָך אַמאָל באַוויזען פאַר שרה׳ן אין

דער געשטאַלט פון אַ מענשען, און ער האָט צו איר געזאָגט: „איך האָב דיר געזאָגט ליגען, איך האָב דיך אָפּגענאַרט. אברהם האָט יצחק׳ן ניט געשאָכטען, און יצחק לעבט". ווען שרה האָט דאָס דערהערט, איז זי אַזוי שוואַך געוואָרען פון פרייד, אַז די נשמה איז איר אויף דעם אָרט אויסגעגאַנגען.

ווען אברהם איז צוריקגעקומען פון דעם בארג מוריה, האָט ער גע־טראָפען שרה׳ן אַ טויטע. ער האָט זי באַוויינט, געזאָגט „אשת חיל", און ער איז געגאַנגען זוכען אַ קבר פאַר אירעט וועגען. און כאָטש דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט: קום, ציה אין דעם לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייל דיר וועל איך עס געבען, פונדעסטוועגען, אין דעם מאָמענט ווען ער האָט ניט געהאַט אפילו אַ קבר פאַר זיין ווייב, האָט ער ניט געפרעגט קיין קשיות אויף דעם אויבערשטען. ער איז אַוועק צו די קינדער פון חת, די איינוואוינער פון דעם לאַנד, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך בין אַ פרעמ־דער, פון אַן אַנדער לאַנד, איך האָב זיך דאָ באַזעצט מיט אייך, איז גיט־זשע מיר אַ שטיקעל פלאַץ צו באַערדיגען מיין טויטען". האָבען די קינדער פון חת אים געענטפערט: „דו ביזט אַ קעניג איבער אונז, דו ביזט אַ האַר איבער אונז, דו ביזט אַ גאָט איבער אונז, אין די בעסטע פון אונזערע קברים קענסטו באַגראָבען דיינע מתים, קיין מענש וועט דיר ניט אָפּזאָגען זיין קבר". אָבער אברהם האָט זיי געענטפערט: „די וועלט האָט א מלך און באַשעפער. אויב איר ווילט, איך זאָל מקבר זיין מיין מת, איז ווירקט אויף עפרון החתי, אַז ער זאָל מיר געבען די מערת המכפלה".

אברהם האָט דאַן אָפּגעקויפט די מערת המכפלה פאַר פיר הונדערט שטיק זילבער, און אויף דעם קאָנטראַקט, אַז ער קויפט עס אָפּ אויף אייביג, האָבען זיך גע׳חתמ׳עט פיער עדים, נעמליך: אמיגל, דער זוהן פון אבישוע החתי, אליחורף, דער זוהן פון אשונש דער חוי, עבדון, דער זוהן פון אחירע פון גרר, און עקדיל, דער זוהן פון אבודיש דער צידוני. און מען האָט שרה׳ן מקבר געווען מיט קעניגליכען כבוד.

מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער האָט אברהם אַ טראַכט געטהון וועגען חתונה מאַכען יצחק׳ן. „ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו המושל בכל אשר לו שים נא ידך תחת ירכי". האָט אברהם געזאָגט צו זיין קנעכט אליעזר וואָס האָט געוועלטיגט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגען... שווער מיר, אַז דו וועסט ניט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זוהן פון די טעכטער פון כנען. זאָגט דאַרויף דער „באר מים חיים" ז"ל אַ גוט וואָרט: ווען עס קומט צו פרומקייט, למשל צו כשרות, גלויבט איין איד דעם אַנדערען אויף דעם וואָרט. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ גמילות חסד, דאַן פרעגט שוין דער געבער גוט נאָך ווער דער לייהער איז. און אפילו דאַן באַוואָרענט ער זיך מיט אַלער־ליי באַוואָרענישען. אברהם אָבער האָט זיך אויפגעפיהרט גאָר אַנדערש, ממש פאַרקערט. אין געלט־זאַכען, האָט ער פולשטענדיג געטרויט דעם הויז־פאַרוואַלטער אליעזר. ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם „המושל בכל אשר לו". ער האָט אים אָנגעטרויט זיין גאַנץ פאַרמעגען, אָהן קיין שום באַוואָרענישען, אָהן וועלכע עס איז גאַראַנטיע. אָבער ווען עס איז געקומען צו אַ דבר־מצוה, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט צו באַוואָרענען, אַז יצחק זאָל ניט נעמען אַ בת כנען פאַר אַ ווייב, דאַן האָט ער שוין ניט געטרויט אליעזר׳ן. נאָכמעהר,

ער האָט געפאָדערט פון אים אַ שבועה, אַ גאַראַנטיע, אַז ער וועט אויספאָלגען זיין בקשה.

און דער „כלי יקר" ז"ל טייטשט אייך, אַז די ווערטער „המושל בכל אשר לו" באַציהען זיך אויף אברהם'ן. די תורה מיינט דערמיט צו לויבען אברהם אבינו, אַז ער איז געווען הערשער איבער זיין פאַרמעגען. געוויינליך הערשט דאָס געלט איבער די גבירים. די רייכע ווערען קנעכט ביי זייערע מטבעות. אָבער אברהם איז געווען „המושל בכל אשר לו". ער איז געווען הערשער איבער דעם געלט, און ניט דאָס געלט איבער אים.

און אברהם האָט מיטגעגעבען אליעזר'ן אַ כתב, אַז אַלץ וואָס ער פאַר־מאָגט געהערט יצחק'ן. דאָס האָט ער געטהון כדי עס זאָלען זיך געפינען בעלנים אויף אים. און אליעזר האָט גענומען צעהן קעמלען אָנגעלאָדען מיט כל טוב, און צעהן קנעכט, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און כאָטש פון קרית ארבע ביז קיין חרן געדויערט געוויינלעך זיבעצעהן טעג, האָט אליעזר געמאַכט די רייזע אין בלויז דריי שעה. ער האָט געהאַט קפיצת הדרך. דער וועג איז אים אַנטקעגען געשפרונגען.

אליעזר האָט געלאָזט רוהען די קעמלען נעבען אַ ברונעם. ער האָט תפילה געטהון צו דעם אויבערשטען ער זאָל אים צושיקען דעם רעכטען זיווג פאַר יצחק'ן. און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די מיידעל, וואָס ער וועט בעטען אַ טרונק, וועט זיין באַרייט אים אָנצוטרינקען, און אויך זיינע קעמלען, איז אַ סימן, אַז זי איז ווערט צו זיין יצחק'ס ווייב. און בעת ער איז אַזוי געשטאַנען און מתפלל געווען, איז אָנגעקומען רבקה, אַן אייניקעל פון נחור, וואָס איז געווען אברהם'ס ברודער, מיט דעם קרוג אויף דעם אַקסעל, און זי האָט זיך געלאָזט צום ברונעם. ווי נאָר דאָס וואַסער האָט זי דערזעהן, האָט זיך עס אויפגעהויבען. רבקה האָט אָנגעפילט דעם קרוג און זיך געלאָזט צוריקגעהן. אליעזר איז איר באַלד אַנטקעגען געלאָפען און געבעטען אַ טרונק, און זי האָט אים געענטפערט: „טרינק, מיין האַר, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען". ער האָט איר באַלד געגעבען גאָלדענע און זילבערנע מתנות, אויך צוויי בראַסלעטען געגען די צוויי לוחות, צעהן שטיקער גאָלד געגען די עשרת הדברות (צעהן געבאָט). אליעזר איז מיטגעגאַנגען מיט רבקה'ן צו אירע עלטערען. ער האָט זיי דערציילט וועגען דעם שידוך, און רבקה האָט געזאָגט: „איך געה".

צוועלף אַזייגער ביי טאָג האָט אליעזר זיך געלאָזט צוריק צו זיין האַר מיט דער צעהן־יאָריגער רבקה און איר אַם דבורה. דריי אַזייגער ביי טאָג, אַזוי אַרום מנחה־צייט, זיינען זיי אָנגעקומען קיין חברון. יצחק איז דאַן גע־גאַנגען אין פעלד אַריין דאַווענען מנחה. ווען רבקה האָט אים דערזעהן פאַרטיפט אין תפילה, האָט זי זיך געטראַכט, אַז ער מוז געוויס זיין אַ גרויסער מענש, בפרט נאָך ווען זי האָט דערזעהן, אַז זיין געשטאַלט איז ווי פון אַ מלאך, און זי האָט זיך צוגעדעקט מיט דעם שלייער. יצחק האָט געבראַכט רבקה'ן אין זיין מוטער'ס געצעלט אַריין, און דאָס ליכט וואָס איז אויסגע־גאַנגען, ווען שרה איז געשטאָרבען, האָט ווידער אָנגעהויבען צו שיינען. און אַלע ברכות, וואָס האָבען זיך אָפּגעטהון פון הויז מיט שרה'ס פטירה, האָבען זיך אומגעקערט מיט רבקה'ס ווערען יצחק'ס ווייב.

ווען אליעזר איז געקומען צו רבקה׳ס עלטערען, האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט „עבד אברהם אנכי״, איך בין אברהם׳ס קנעכט. איז צו וואָס איי־גענטליך האָט ער דאָס געזאָגט? נאָר, ענטפערט דער „כפלים לתושיה״ ז״ל, אליעזר איז דאָך געגאַנגען אַלס שדכן, און שדכנים קומט דאָך אַמאָל אויס צונויפצופיהרען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, קומט זיי אויס אַמאָל אַביסעל „מגזם״ צו זיין, און אַמאָל מוז מען אויסטראַכטען עפּעס, וואָס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. האָט דערפאַר אליעזר געפונען פאַר נויטיג צו לאָזען וויסען, אַז ער איז אברהם׳ס קנעכט, און אברהם׳ס אַ מענש איז ניט מגזם און זאָגט ניט קיין ליגען.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי „ניט זאָגען קיין ליגען״, איז הערט־זשע אַ שעהנס: איין מאָל איז איין אַ שמחת תורה, ווען ר׳ אייזל חריף ז״ל איז געווען אויפגעלייגט, שמחת תורה׳דיג, האָט ער אַ זאָג געטהון צו זיינע בעלי בתים: „פון היינט אָן זאָלט איר מיך מעהר ניט רופען ׳סלאָנימער רב׳, רופט מיך פון היינט אָן ׳וואַרשעווער רב׳״. האָבען זיך די בעלי בתים שטאַרק פאַרוואונדערט און אַ פרעג געטהון: „רבי, פאַרוואָס?״ האָט ער זיי געענט־פערט: „פשוט דערפאַר, ווייל ווער עס רופט מיך ׳סלאָנימער רב׳ זאָגט אַ קיילעכדיגען ליגען. ווייל ניט סלאָנים וויל מיך פאַר א רב, און ניט איך וויל סלאָנים פאַר אַ שטאָדט. זעהט איר, ׳וואַרשעווער רב׳ איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש: איך וויל דאָך וואַרשע פאַר אַ שטאָדט, נאָר וואָס דען, וואַרשע וויל מיך ניט פאַר קיין רב, איז דאָך דאָס כאָטש בלויז אַ האַלבער ליגען״.

און פאַרוואָס, מיינט איר, וויל אַמאָל אַ רב ניט אַ געוויסע שטאָדט? ווייל די בעלי בתים וויסען ניט זיין ווערט. איז ניט בלויז שאַצען זיי אים ניט אָפּ, נאָר עס מאַכט זיך נאָך אַמאָל, אַז מען באַרעדט אים אפילו. ווען ר׳ יאָסעלע סלאָנימער האָט געגעסען קעסט ביי זיין שווער ר׳ אייזל חריף ז״ל, האָט דער שווער אַמאָל אַ זאָג געטהון צום איידעם: „ווער פון אונזביידע איז, אייגענטליך, סלאָנימער רב, אַז שאלות פסק׳ענען מיר ביידע ניט, ווייל דאַרויף איז דאָך דאָ ר׳ פייטעל דער מורה מוראה. ביי אַ דין־תורה זיצען מיר ביידע, פון די שכירות לעֲבען מיר ביידע, איז ווער־זשע איז טאַקע רב, איך צי דו?״ ענטפערט דער איידעם: „נו, אדרבה, וואָס זאָגט דער שווער דאַרויף?״ האָט ר׳ אייזל אַ שמייכעל געטהון: „כאַפּ זיך אַרויס אין גאַס, וועסטו הערען ווער מען באַרעדט״.

זיינען געווייס פאַראַן קהלות וואָס ווייסען ליידער ניט ווי צו באַהאַנדלען זייער רב, זייער גייסטיגען פיהרער. האָט טאַקע אַמאָל אַ רב שוין גאָרניט קיין שעהנעם פּנים ביי זיין קהלה. דער זעלבער ר׳ אייזעל ז״ל איז אַמאָל געפאָהרען מיט אַ בעל עגלה. נו, ווי עס פלעגט זיך אַמאָל טרעפען מיט אַ בעל עגלה, האָט דער וואָגען זיך איבערגעקערט. ר׳ אייזעל איז אַרויסגע־פאַלען און האָט זיך צעדראַפּעט דאָס גאַנצע פּנים. ווען ער איז צוריקגע־קומען אין שטאָדט אריין, האָבען די בעלי בתים אים אַ פרעג געטהון: „רבי, וואָס איז געשעהן מיט אייער פּנים?״ האָט דער רב אַ שמייכעל געטהון: „אַ שעהן פּנים האָט ביי אייך דער רב...״.

באַזונדערס שווער איז די לאַגע פון אַ רב, וואָס פאָדערט פון דער קהלה צו זיין פרימער, צו געבען מעהר צדקה, צו העלפען מעהר די תורה אינסטי־

טוציעס, און אַזוי ווייטער. דערפאַר טאַקע האָט דער סאַראַקער רב ר׳ דוד שלמה אייבעשיץ ז״ל ניט געלעבט שטאַרק בשלום מיט זיינע בעלי בתים. ער האָט געזאָגט מוסר און געפאָדערט מעשים טובים, זיי אָפט פאַרגעוואָרפען, אַז סאַראָקע איז די ערגסטע שטאָדט. ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל, איז די גאַנצע שטאָדט געגאַנגען אים באַגלייטען, קינד און קייט, אַלט און יונג, אַלע זיינען געגאַנגען באַגלייטען דעם רב. ווען זיי זיינען שוין געווען הינטער דער שטאָדט, האָט זיך אָנגערופען דער רב צו די בעלי בתים: „איצט זעה איך וואָס פאַר אַ שעהנע שטאָדט סאַראָקע איז!" האָבן די בעלי בתים זיך שטאַרק פאַר׳חידוש׳ט און געפרעגט: „סטייטש, רבי, איר האָט דאָך שטענדיג געהאַט צו אונז טענות, און געזאָגט, אַז „סאַראָקע איז די ערגסטע שטאָדט?" האָט דער רב אַ שמייכעל געטהון: „אָט דאָס מיין איך טאַקע, אַז אַלע בעלי בתים זיינען אַרויס פון דער שטאָדט, איז סאַראָקע טאַקע אַ זעהר שעהנע שטאָדט...".

און נאָכדעם ווי יצחק האָט גענומען רבקה׳ן, האָט אברהם גענומען קטורה׳ן, נעמליך הגר׳ן פאַר אַ ווייב. זי האָט געהייסען קטורה, וויל אירע מעשים זיינען געווען אַזוי פיין ווי „קטורת". און זי האָט געבוירען זעקס זיהן. אברהם האָט פאַר זיי אויסגעבויט אַן אייזערנע שטאָדט, און אַזוי הויך איז זי געווען אַרומגעבויט, אַז די זון האָט ניט געקאָנט אַריינשיינען. האָט אברהם זיי געגעבען בריליאַנטען און טייערע שטיינער, און ווען דער אַל־מעכטיגער וועט פאַרשעהמען די לבנה און די זון, וועלען אָט די דאָזיגע שטיינער לייכטען.

אברהם האָט דאַן אָנגעזאָגט יצחק׳ן, אַז ער זאָל געהן אין דעם אויבער־שטען׳ס דרכים. יצחק האָט געענטפערט: „אַלץ וואָס מיין האַר געביט מיר, וועל איך טהון, פון דעם באַשעפער׳ס געבאָט וועל איך ניט אָפקערען. אַלץ וואָס דו האָסט מיר געבאָטען, וועל איך אָפהיטען".

און אין יענער צייט, ווען יעקב און עשו זיינען אַלט געווען פופצעהן יאָר, איז אברהם נפטר געוואָרען אין אַ גוטער עלטער, וויל ישמעאל האָט תשובה געטהון נאָך ביי זיין לעבען. אברהם האָט געלעבט הונדערט פינף און זיבעציג יאָר. אייגענטליך האָט ער באַדאַרפט לעבען הונדערט און אַכציג יאָר. נאָר כדי ער זאָל ניט זעהן ווי זיין אייניקעל עשו געהט אַרויס לתרבות רעה, זיינען אים די יאָרען פאַרקירצט געוואָרען. און טאַקע אין דעם זעלבען טאָג, ווען אברהם איז נפטר געוואָרען, האָט עשו עובר געווען אויף פינף עבירות.

און נפטר געוואָרען איז אברהם ניט דורך דעם מלאך המות. וואָרום ער האָט ניט געהאַט קיין שליטה איבער אברהם׳ן, פונקט ווי דער יצר הרע האָט ניט געהאַט איבער אים קיין שליטה. און דעם אויסערסט טייערען שטיין וואָס אברהם פלעגט טראָגען אויף דעם האַלז, און ווען אַ קראַנקער האָט אים געזעהן, איז ער באַלד אויסגעהיילט געוואָרען, האָט דער אויבערשטער אויפגעהאָנגען אויף דעם זון־ראָד.

צו דער לויה זיינען געקומען אַלע מלכים, האַרען און אַלע איינוואוינער, און האָבען אים אָפּגעגעבען גרויס כבוד. געווען איז דאָס אַכט און דרייסיג יאָר נאָך שרה׳ס פּטירה. די גרעסטע מענשען פון דער וועלט זיינען געשטאַנען אין אַ שורה, און זיי האָבען געזאָגט: „וועה צו דער וועלט, וואָס האָט פאַרלוירען דעם פיהרער, וועה צו דער שיף וואָס האָט פאַרלוירען דעם קאַפּיטאַן״. אַ גאַנץ יאָר האָבען אַלע געטרויערט נאָך אים און אַלע האָבען צוגעגעבען, אַז ער איז געווען אַ רעכטפאַרטיגער מענש, סאַי מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט, סאַי מיט מענשען. און דערפאַר טאַקע וועט אברהם זיצען ביי דער טיר פון דעם גיהנום און וועט ניט אַריינלאָזען אַהין די גע׳מל׳טע. און ווי נאָר אברהם איז נפטר געוואָרען, איז דעם אויבערשטען׳ס ליבע איבערגעגאַנגען צו זיין זוהן יצחק.

און מיר וועלען ענדיגען מיט אַ גוט ווערטעל פון דעם רבי׳ן ר׳ בונים ז״ל. די סדרה רעכענט אויס ישמעאל׳ס קינדער. הייסען דריי פון זיי „ומשמע ודומה ומשא״, טייטשט דער רבי ר׳ בונים ז״ל אַזוי: „ומשמע״, אַ מענש דאַרף קענען הערען. „ודומה״, אַ מענש דאַרף קענען שוויגען, „ומשא״, אַ מענש דאַרף קענען איבערטראָגען. אַ טייער וואָרט.

תולדות

צוואַנציג יאָר נאָך איר חתונה מיט יצחק׳ן האָט רבקה געבוירען אַ צווי־לינג, עשו און יעקב. איז עשו געווען אַ יעגער. ער האָט ליב געהאַט צו פאַנגען חיות און פויגעל. יעקב איז געווען א יושב אהלים, אַ קאַבינעט־מענש. ער איז געזעסען און געלערענט. האָט יצחק ליב געהאַט עשו׳ן, און רבקה האָט ליב געהאַט יעקב׳ן. קומענדיג איינמאָל אַ מידער פון דעם פעלד, האָט עשו פאַרקויפט יעקב׳ן די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזען. דערווייל האָט זיך געמאַכט אַ הונגער אין לאַנד, האָט יצחק אַוועקגעצויגען קיין גרר. דאָרט איז יצחק שטאַרק רייך געוואָרען. דער מלך אבימלך האָט אים געהייסען פאַרלאָזען דאָס לאַנד, איז ער געגאַנגען קיין באר שבע. דערווייל איז יצחק עלטער געוואָרען. זיין ראיה איז קאַליע געוואָרען. האָט ער געבעטען עשו׳ן, ער זאָל אים ברענגען עפּעס צו עסען, און ער וועט אים בענטשען איידער ער פאַרלאָזט די וועלט. האָט רבקה געראַטען יעקב׳ן, אַז ער זאָל זיך מקדים זיין, ברענגען יצחק׳ן אַ שטיקעלע שאָפען פלייש וואָס זי וועט צוגרייטען, און יצחק וועט אים בענטשען. האָט יעקב געפאָלגט, און יצחק האָט אים געבענטשט. ווען עשו איז געקומען און געוואויר געוואָרען דערפון, האָט ער ביטער געשריגען. האָט יצחק אויך אים געבענטשט. אָבער עשו האָט שטאַרק פיינד געקריגען יעקב׳ן, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אַז נאָך יצחק׳ס פטירה וועט ער אים הרג׳ענען. ווען רבקה איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט זי געראַטען יעקב׳ן אַנטלויפען צו איר ברודער לבן, קיין חרן. האָט יעקב געפאָלגט, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דערציילט אונז די תורה „ויתרוצצו הבנים בקרבה״, אַז יעקב און עשו האָבען זיך געבאָרעט אין דער מוטער׳ס טראַכט. „ותלך לדרוש את ה׳״. זאָגט דאַרויף רש״י ז״ל: זי איז געגאַנגען זיך ערקונדיגען ביי דעם אויבער־שטען „שיגיד לה מה תהא בסופה״. ערקלעהרט עס דער רבי ר׳ בונים ז״ל אַזוי: רבקה האָט גערעכענט אַז זי טראָגט איין קינד, וואָס אַמאָל וועט ער דינען דעם אויבערשטען, און אַמאָל — להבדיל אלף הבדלות — די עבודה זרה. האָט זי, פאַרשטעהט זיך, געוואָלט וויסען מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען. וואָס וועט זיין דעם קינד׳ס לעצטער באַשלוס. און דאָס איז דער פאַל מיט יעדען מענשען. דאָס גאַנצע לעבען רייסט זיך דער מענש אַרום מיט דעם יצר הרע, אַמאָל איז דער מענש דער זיגער, אַמאָל איז דער יצר הרע גובר. אָבער די הויפּט זאַך איז, ווער עס געווינט צום סוף. און דאָס האָט רבקה געוואָלט וויסען. זי האָט געוואָלט וויסען ווּעמען וועט ער דינען צו לעצט.

ווי זאָגט דאָס ענגלישע ווערטעל „אָלל איז וועלל דהעט ענדס וועלל״, אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט. מיינט איר דאָך אַז שעקספּיער איז דער

פאַטער פון דעם דאָזיגען ווערטעל, הויבט עס זיך גאָר ניט אָן. אמת, דער ענגלישער שריפטשטעלער האָט עס טאַקע געזאָגט, אָבער אונזערע חכמים ז״ל האָבען דאָס שוין געזאָגט מיט אַן אַנדערטהאַלבען טויזענט יאָר פאַר שעקספּיער׳ן. נעמליך „סופך טוב כולך טוב״.

און אַז דער סוף איז דער עיקר, קענען מיר זעהן פון פילע ביישפּילען. אָט נעמט למשל מלחמה. איין צד קען געווינען איין שלאַכט נאָך דער אַנ־דערער. אָט האָט דאָך דייטשלאַנד געהאַלטען אין איין געווינען שלאַכט נאָך שלאַכט. אָבער די לעצטע שלאַכט האָט געוואונען דער אַנדערער צד, און דייטשלאַנד׳ס אַלע אומצעהליגע געוואונענע שלאַכטען האָבען געפּלאַצט ווי זייפען־בלאָזען. ווארום דער סוף, אָט דאָס איז דער עיקר.

און אַזוי ווי עשו איז געווען דער בכור, האָט יעקב צו אים געזאָגט: „מכרה כיום את בכורתך לי״, פאַרקויף מיר די בכורה. זאָגט אונז דער פּרקי דרבי אליעזר, אַז יעקב האָט צו אים גע׳טענה׳ט: „הער זיך איין, ברודער לעבען, עס זיינען פאַראַן צוויי וועלטען, די וועלט און יענע וועלט. אויף דער וועלט קען מען לעבען אַ גוטען טאָג, עסען, טרינקען, האַנדלען, רייך ווערען, הייראַטען, האָבען קינדער. אָבער אויף יענער וועלט איז דאָס אַלץ ניטאָ. איז אויב דו ווילסט, לאָמיר זיך איינטיילען, דו נעם דיר די וועלט, און איך וועל נעמען יענע וועלט״. און זיי האָבען אָפּגעמאַכט אַזוי. נאָכדעם ווי יעקב איז צוריק געקומען פון לבן׳ען מיט קינדער, קנעכט און פיל רייכ־טום, און עשו האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט: „סטייטש, ברודער יעקב, דיר געהערט דאָך עולם הבא און מיר עולם הזה, איז פון וואַנען־זשע נעמט זיך צו דיר אַזאַ עשירות? איז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן אַז מיר זאָלען מאַכען שותפות, מיר אַ העלפט פוןביידע וועלטען, און דיר אַ העלפט פון ביידע וועלטען״. אָבער יעקב האָט ניט געוואָלט שליסען דעם שותפות.

און גערעכט איז טאַקע געווען יעקב. פאַרוואָס האָט עשו פּלוצים געוואָלט מאַכען שותפות מיט יעקב׳ן? ווייל ער האָט דערזעהן אַז יעקב האָט קנעכט און דינסטען און שעפּסען און רינדער. האָט ער פאַרוויקעלט די שמד אין דער יראה, אַז ער וויל כלומרשט אויך אַ שטיקעל עולם הבא. און דאָס איז ניט געווען עשו׳ס ערשטע מאָל אָפּצונאַרען מען זאָל מיינען אַז ער איז אַן „אָרטאָדאָקס״. אָט פלעגט ער דאָך זיין אייגענעם פאָטער אָפּנאַרען, און פרעגען, למשל, „טאַטע, ווי אַזוי גיט מען מעשר פון שטרוי?״ און פון וואַנען מיינט איר נעמט זיך דאָס? פון אַן אומריינע צונג. עשו׳ס צונג איז געווען אומריין. ניט געזאָגט אַ וואָרט אמת. און יעקב האָט עס געוואוסט. און אַן אומריינע צונג איז ניט נאָר אַן „אַלטע״ מחלה, נאָר אפילו אין היינ־טיגע דורות איז די דאָזיגע קראַנקהייט היבש פאַרשפּרייט. ר׳ הירש אויער־באַך, קאָנינער רב ז״ל, איז אַמאָל, לא אליכם, קראַנק געוואָרען. האָט מען, פאַרשטעהט זיך, געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. איז דער דאָקטאָר געקומען, ער האָט באַטראַכט דעם חולה, און ער האָט אים געהייסען זיך ווייזען די צונג. „אייער צונג, רבי״, זאָגט דער דאָקטאָר, „איז ניט ריין״. האָט דער רב אַ קרעכץ געטהון: „יאָ, דאָקטאָר, איך ווייס, אָבער ווער, בעוונותינו הרבים, האָט עס היינט אַ ריינע צונג?״

און זעהט איר, טאַקע איידער צו האָבען אַן אומריינע צונג, איז שוין פיל גלייכער צו האָבען אַ האַרבאַטע נאָז. פון אַזאַ נאָז קען מען כאָטש האָבען אַ שטיקעל נוצען ביים לעבען. אַט הערט אַ מעשה שהיה: ר׳ שמואל מונקעס ז״ל פון ליובאַוויטש איז געווען אַ איד אַ פּקח און אַ גרויסער וויצלער. איינמאָל איז ער געפאָהרען אין וועג מיט אַ חברה חסידים. געגען אָוועגד זיינען זיי פאַרפאָהרען אין אַ קרעטשמע. דערזעהענדיג אַזאַ חברה קבצנים, האָט דער קרעטשמער פאַרריגעלט די טיר און ניט געוואָלט זיי אַריינלאָזען. ר׳ שמואל האָט אים שטאַרק געבעטען און געזאָגט אַז זיי ווילען בלויז דאַווענען מנחה, און באַלד נאָך מנחה וועלען זיי אָוועקפאָהרען, און דער קרעטשמער האָט זיי ענדליך אַריינגעלאָזט. ר׳ שמואל האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער דער שטוב אַהין און צוריק, און אַ טראַכט געטהון פון זיך מכין זיין צו מנחה. דערווייל באַמערקט ער ווי אין אַ וויגעלע ליגט אַ קינד מיט אַ האַרבאַטע נעזעלע. האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט לעבען דעם וויגעלע, און אָנגעהויבען פאַרגלאָצען מיט די אויגען, געמאַכט פאַרשידענע העויות, אַרויפגעלייגט די הענט אויף דעם קינד, און ער האָט אַ זאָג געטהון: „דאָס קינד וועט האָבען אַ גוטע עלטער״. ווען די קרעטשמערקע האָט דאָס דערהערט, איז זי אַרויסגעלאָפען צום מאַן און האָט אים דערציילט אַז דער איד וויזט אויס צו זיין אַ „גוטער איד״, און אַז ער האָט געבענטשט דאָס קינד מיט אַ גוטער עלטער. דער קרעטשמער האָט שוין ניט אָפּגעלאָזט ר׳ שמואל׳ן מיט זיין חברה. ער האָט באַלד געגרייט אַ טיש מיט דעם בעסטען און שעהנסטען, געמאַכט פאַר די געסט געלעגערס, און אין דער פריה זיי געגעבען אַ פיינעם פרישטיק. ווען די געסט האָבען זיך געקליבען אַוועקצופאָהרען, פרעגט דער קרעטשמער ר׳ שמואל׳ן: „רבי, וואָס אַזעלכעס האָט איר געזעהן אויף מיין קינד?״ און ר׳ שמואל האָט אים געענטפערט: „איך האָב געזעהן אַז דאָס קינד האָט אַ האַרבאַטע נאָז, וועט עס האָבען אַ גוטע עלטער, די ברילען וועלען ביי אים ניט אַראָפּפאַלען, ווי ביי עלטערע מענטשען״.

און נאָכדעם ווי יצחק האָט אויף דעם מלך אבימלך׳ס באַפעהל פאַרלאָזט גרר און געצויגען קיין באר שבע, איז אבימלך צו אים געקומען און געזאָגט: מיר זעהען דאָך אַז דער אויבערשטער איז מיט דיר, איז לאָמיר־זשע שליסען אַ בונד „אם תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך״. אבימלך האָט אַלזאָ שטאָלצירט מיט דעם „לא נגענוך״, ווען דו האָסט געוואוינט אויף אונזער באָדען, האָבען מיר דיך ניט געטשעפּעט. היינט צו טאָג זיינען אויך פאַראַן לענדער, וואָס אויב זיי פאַגראָמירען ניט קיין אידען, ברענען זיי ניט אין קאַלך־אויווענס, באַטראַכטען זיי דאָס פאַר אַן אויסערגעוויינליכקייט. כאָטש צאָל זיי נאָך צו דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט קיין מערדער, קיין רוצחים.

און עס איז כדאי צו ברענגען דעם אינטערעסאַנטען משל פון מדרש. (די וואָס מיינען אַז דער רוסישער פאַבעל־שרייבער קרילאָוו איז דער פאָטער דערפון, האָבען אַ טעות). אַ לייב האָט אַמאָל זיך אונטערגעלעהנט דאָס האַרץ מיט אַ פאַרצוקטער חיה. איז אים אָבער פלוצים געבליבען שטעקען אַ ביין אין האַלז. די וועהטאָגען זיינען געווען שרעקליך. איז דער קעניג פון די חיות אַרומגעלאָפען איבער דעם וואַלד און געדעוועט מיט זיין לייבען־שטימע, וואָס האָט זיך אָפּגערופען איבער דעם גאַנצען וואַלד, און ער האָט אויסגע־

רופען: דער וואָס וועט אַרויסנעמען דעם ביין פון מיין האַלז, דעם וועל איך גוט באַלוינען. ווען דער באַטשאַן (שטאָרך) האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד געקומען צו פליהען. ער האָט אַריינגעשטעקט זיין לאַנגען שנאָבעל אין דעם לייב׳ס פּיסק אַריין, אַרויסגעשלעפּט דעם ביין, און געוואַרט אויף זיין לוין. נאָכדעם ווי דער לייב איז געקומען צו זיך, און האָט געהערט וואָס דער שטאָרך פאַרלאַנגט, האָט ער אַרויסגערעוועט מיט אַ געלעכטער: „וואָס, באַצאָהלט ווילסטו? ניט גענוג וואָס דיין פּיסק איז געווען אין מיין מויל, און דו ביזט אַרויס אַ גאַנצער, ווילסטו נאָך אַ באַלוינונג?!...” אבימלך האָט געוואוסט אַז דער אויבערשטער איז געווען מיט יצחק׳ן, און ער שטעלט אים אין פּסוק אַריין „כאשר לא נגענוך”, מיר האָבען דיך ניט געטשעפּעט!”

און ווען יעקב האָט געפאָלגט זיין מוטער רבקה, און געבראַכט יצחק׳ן דעם מאָלצייט, האָט ער געזאָגט, ווי אַן איידעלער מענש רעדט: „קום נא, שבה, ואכלה...” זיי אַזוי גוט, און זעץ זיך און עס. אָבער ווען עשו האָט גע־בראַכט יצחק׳ן דעם מאָלצייט, האָט ער אַ זאָג געטהון, טאַקע ווי אַ עשו: „יקום אבי ויאכל”, שטעל זיך אויף, טאַטע, און עס! איז אפילו אין אַ פּשוט׳ן אויסדרוק קען מען דערקענען דעם כאַראַקטער, די איידעלקייט פון אַ מענשען.

און נאָך אַ זאַך: ווען אַ פאָטער, צי אַ מוטער, דאַרף אָנקומען צו אַ קינד, איז אויב דאָס קינד איז איידעל, איז נאָך האַלב צו דערליידען. אָבער וועה צו דעם וואָס מוז נעבעך אָנקומען צו אַ קינד אַ גראָבען יונג. ווען יעקב האָט געבראַכט דעם מאָלצייט צו יצחק׳ן האָט ער אים געזאָגט: „כי הקרה ה׳ אלקיך לפני”. דאַגעגען ווען עשו האָט געבראַכט יצחק׳ן עסען, האָט ער געזאָגט „יקום אבי ויאכל מציד בנו”. זאָגט דאַרויף דער „כסף נבחר” ז״ל: וועה צו דעם וואָס דאַרף אויף דער עלטער אָנקומען צו קינדער, זיי זאָלען אים אויסהאַלטען. אָבער, פאַרשטעהט זיך, אַז ניט אַלע קינדער זיינען גלייך. אַן איידעל קינד מאַכט עס אויף אַן איידעלען אופן. ער טרייסט דעם פאָטער, צי די מוטער: זיי ניט געפאַלען ביי זיך, „כי הקרה ה׳ אלקיך לפני”, דו עסט ניט מיינס, נאָר דעם אויבערשטענס. אָבער אַ קינד אַ גראָבער יונג, האַלט אין איין זאָגען „יקום אבי ויאכל מציד בנו”. ער האַלט אים אין איין דער־מאָנען, אַז דאָס עסט ער פון זיינס, פון דעם זוהן׳ס האָרעוואַניע.

זאָגט טאַקע די וועלט אַז עס איז לייכטער פאַר איין טאַטען אויסצוהאַלטען צעהן קינדער, איידער פאַר צעהן קינדער אויסצוהאַלטען איין טאַטען. און פּונקט ווי אפשר איין פון צעהן קינדער פאַרשטעהט ווי געהעריג אָפּצוהיטען און מקיים זיין דעם כיבוד אב ואם, עהרליך האַלטען טאַטע־מאַמע, אַזוי אויך אין לומדות פאַרשטעהען ניט אַלע ווי עס אָפּצושאַצען. אָט הערט אַ מעשה שהיה: ר׳ לייב, דער בעל „קצות”, און ר׳ יעקב, דער בעל „נתיבות” ז״ל,ביידע צוויי באַריהמטע גאונים, האָבען זיך אָפט געשפּאַרט אין לערנען, און יעדער איינער האָט זיך באַמיהט אַרויסצואווייזען וואָס מעהר גאונות, וואָס מעהר חריפות און בקיאות. האָט זיך געמאַכט אַז ביידע גאונים זיינען געקומען אין אַ שטאָדט אריין, און זיי זיינען ביידע איינגעשטאַנען אויף דער זעלבער אכסניא (סטאַנציע, האָטעל). פאַרשטעהט זיך, אַז גאַנץ שטאָדט איז געקומען מקבל פנים זיין די צוויי גאונים. רופט זיך אָן דער „נתיבות” צום „קצות”: „אַ מאָדנע פלא, מיר ווייסען דאָך דעם אמת, אַז איר קענט מער

פון מיר, און דאָך, קוקט זיך צו וועט איר זעהן אַז פון יעדע הונדערט מענ־שען וואָס קומען אונז מקבל פנים זיין, קומען אַ נײַנציג צו מיר, און בלויז אַ צעהן צו אייך!״ האָט דער „קצות״ אַ שמייכעל געטהון: „אָט דאָס איז דאָך טאַקע די מעשה, וואָס פון הונדערט מענשען, זיינען קוים צעהן מבינים אויף לומדות...״

זעהט איר, אָבער אמת׳ע לומדים, אמת׳ע גאונים זיינען שוין דוקא יאָ מבינים אויף לומדות: ר׳ עקיבא אייגער און ר׳ יעקב ליסער ז״ל, זיינען אַמאָל געקומען קיין ווארשע אויף אַן אסיפה פון רבנים. איז, פאַרשטעהט זיך, גאַנץ ווארשע געגאַנגען מקבל פנים זיין די צוויי גדולי ישראל. ווען זיי האָבען זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם פיאַקער (דראָשקע), האָט דער עולם אויסגעשפּאַנט די פערד, און זיי אַליין האָבען געשלעפּט די קאַרעטע. ווען ר׳ עקיבא האָט דאָס דערזעהן, האָט ער געהאַלטען אַז דאָס טהוט דער עולם לכבוד ר׳ יעקב ליסער, איז ער אַראָפּ פון דעם פאַיטאָן, זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם, און האָט געהאָלפען שלעפּען די דראָשקע. ר׳ יעקב ליסער האָט געמיינט אַז דאָס טיילט מען צו דעם כבוד ר׳ עקיבא׳ן. איז ער אַראָפּ פון דער דראָשקע, און האָט צוזאַמען מיט דעם עולם געשלעפּט די בריטשקע אַ גאַנץ שטיק וועג, ביז דער עולם האָט זיך געכאַפּט אַז קיינער איז ניטאָ אין דער דראָשקע.

און ווען יעקב האָט געבראַכט יצחק׳ן דאָס עסען, האָט יצחק, כאָטש שוואַך אויף די אויגען, דאָך פאַרדעכטיגט אַז דאָס איז ניט עשו, און ער האָט געזאָגט „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״. זאָגט דער מדרש בראשית רבה אַז פאַרשטעהער פון פאַרשיידענע פעלקער זיינען אַמאָל געקומען צו דעם ניט־אידישען פילאָזאָף אבנימוס הגרדי און האָבען אים געפרעגט צי זיי וועלען קענען באַזיגען דאָס אידישע פאָלק. האָט ער זיי געענטפערט: געהט אין די שוהלען און בתי מדרשים, איז אויב איר וועט דאָרט הערען דעם „הקול קול יעקב״, אויב אידישע קינדער זיצען און לערנען, וועט איר זיי אויף קיין פאַל ניט מנצח זיין. טאָמער אָבער פוסטעווען די בתי מדרשים, די ישיבות, חדרים, תלמוד תורות, דער „הקול קול יעקב״ הערשט דאָרט ניט, עס איז שטיל, דאַן „והידים ידי עשו״, דאַן וועט איר זיכער זיי בייקומען.

אָבער, פאַרשטעהט זיך, אַז לערנען דאַרף מען לשם לערנען, און לשם וויסען. עס זיינען פאַראַן אָבער מאַנכע, אַבי זיי ווייסען אַביסעלע, ממש אויף דעם שפּיץ מעסער, רעדען זיי זיך שוין איין אַז זיי ווייסען מי יודע וויפיל, און נעמען זיך אפילו שרייבען ספרים. איז אַמאָל געקומען אַ מחבר צו ר׳ יחזקאל פּיוועל, דעם ווילנער שטאָדט־מגיד ז״ל, און געבעטען ער זאָל אים געבען אַן הסכמה אויף אַ פּירוש וואָס ער האָט געמאַכט אויף רש״י. דער מגיד האָט אַריינגעקוקט אין דעם חיבור, געבלעטערט אַהין און אַהער, און געזעהן אַז דער מחבר פאַרשטעהט ניט קיין פשט אין רש״י. האָט ער גענומען לייענען די הסכמות וואָס אַנדערע האָבען אים געגעבען. זעהט ער דאָרט ווי זיי לויבען דעם מחבר, און רופען אים אַן „גאון״. גיט דער מגיד אַ שמייכעל: אַלע „גאונים״ האָבען ניט געקענט רש״י (די „גאונים״ האָבען געלעבט אַ שטיק צייט פאַר רש״י ז״ל).

און יצחק האָט געבענטשט יעקב׳ן און צווישען די ברכות האָט ער אים

אויך געבענטשט „הוה גביר לאחיך". זאָגט דאַרויף דער „הדרש והעיון" ז"ל אַ גוט וואָרט, נעמליך, אַ גביר זאָלסטו זיין לאחיך, צו דיינע ברידער. זאָלען דיינע ברידער געניסען פון דיין רייכטום. עס זיינען פאַראַן, לײדער, אידען נגידים, וואָס גיבען מיט דער ברייטער האַנט אויף כל'ערליי ניט־אידישע צוועקען, אָבער אַז זיי דאַרפען קודם כל זיין גבירים „לאחיך", צו זייערע אייגענע ברידער, צו זייער אייגען פאָלק, דאָס פאַרגעסען זיי אין גאַנצען.

און ווען עשו איז געוואויר געוואָרען אַז יצחק האָט געבענטשט יעקב'ן, „וישטום עשו את יעקב", האָט עשו פיינד געקריגען יעקב'ן. האָט מען אַמאָל געפרעגט ר' יונתן אייבשיץ ז"ל: פאַרוואָס ווען עס מאַכט זיך ביי אַ אידען אַ שאלה, לויפט מען באַלד צום רב. און אַז דער רב צי דער דיין, פסק'ענט טריפה, איז מען מקיים דעם פסק, אפילו ווען דער שאָדען איז אַביסעל גרעסער, און מען האָט צום רב ניט קיין טענות. דאַגעגען ווען עס קומט צו מסחר, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גזל'ן פרעמד געלד, וויל מען ניט געהן צום רב. עס געדויערט לאַנג ביז יענער וויליגט איין צו געהן צו אַ דין־תורה. און אַז ער געהט שוין יאָ, איז ניט אַזוי לייכט איז ער מקיים דעם פסק, מעג די סומע זיין ווי קליין. פאַרוואָס איז עס אַזוי? איז דען דער לאו פון טריפה האַרבער פון דעם לאו פון גזלה?

האָט ר' יונתן געענטפערט: ביי אַ שאלה פון כשרות, איז כאָטש דער בעל הבית האָט היזק אין פאַל פון טריפה, פאַרדינט אָבער דערפון קיינער גאָר ניט. אָבער ביי אַ דין־תורה וועגען געלט זאַכען, איז בעת איינער פאַרלירט געווינט דאָך דער צווייטער בעל דין, איז אַרט אים ניט אַזוי וואָס ער פאַרלירט, ווי דאָס וואָס דער צווייטער פאַרדינט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט עשו'ן. עשו'ס שנאה אויף יעקב'ן האָט געברענט ניט דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעוואוירען די ברכות, און האָט באַקומען אַ קליינע ברכה, נאָר „על הברכה אשר ברכו אביו", נאָר דערפאַר וואָס יעקב איז געבענטשט געוואָרען, וואָס יעקב האָט דערפון מרויח געוועזן.

ויצא

ויצא יעקב", און יעקב האָט גענומען דעם וואַנדער שטאָק, און ער איז געגאַנגען קיין חרן. אויף דעם וועג האָט ער זיך געלייגט שלאָפען, און גע'חלומ'ט ווי אַ לייטער שטעהט און דערגרייכט ביז צום הימעל. מלאכים געהען אויף אים אַרויף און אַראָפּ. און דער אויבערשטער זאָגט אַז ער וועט געבען דאָס לאַנד אים, און זיינע קינדער וועלען זיין אַזוי פיל ווי דער שטויב פון דער ערד.

און דערנאָך איז ער ווייטער געגאַנגען ביז ער איז געקומען צו אַ ברונעם. דאָרט האָט ער געטראָפען לבן'ס טאָכטער רחל, וואָס איז געקומען אָנטרינקען די שאָף. און יעקב איז געקומען צו זיין מוטער'ס ברודער לבן, און ער האָט געאַרבייט ביי אים זיבען יאָר ער זאָל אים געבען רחל'ן פאַר אַ ווייב. אָבער נאָך די זיבען יאָר האָט אים לבן אָפּגענאַרט און האָט אים געגעבען לאה'ן אנשטאָט רחל'ן. האָט יעקב געאַרבייט נאָך זיבען יאָר און ער האָט גענומען אויך רחל'ן. און לאה האָט אים געבוירען זעקס זיהן: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולון און אַ טאָכטער דינה. זיין קעבס־ווייב בלהה, האָט אים געבוירען צוויי זיהן — גד און אשר. און רחל האָט אים געבוירען יוסף און אַ צייט שפּעטער בנימין. יעקב האָט דאַן גענומען זיינע פרויען און קינדער און פאַרמעגען, און ער האָט פאַרלאָזען לבן'ען.

ווען יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אַ זאָג געטהון: „ווי פורכטיג איז דאָס דאָזיגע אָרט, ניט אַנדערש ווי דאָס איז דעם אַלמעכטיגען'ס הויז", „וזה שער השמים", און דאָס איז דער טויער צום הימעל. זאָגט דארויף דער „טוב הארץ" ז"ל אַ גוט וואָרט: יעדער איד וואָס וואוינט אין ישראל איז אַ צדיק. וואָרום וואָלט ער ניט געווען קיין צדיק, וואָלט אים די ישראל ערד ניט פאַרטראָגען. און אויב מענשען אין ישראל האַלטען איינעם פאַר אַ רשע, איז דער פאַקט וואָס דאָס לאַנד פאַרטראָגט אים, באַווייזט אַז ער איז אַ צדיק, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס מענשען האַלטען אַנדערש. ווייל אַניט, וואָלט דאָס לאַנד אים ניט פאַרטראָגען. וואָרום ארץ ישראל ווערט אָנגערופען „שער השמים", און עס הייסט אויך ארץ צבי. און אָט דאָס מיינט דער פסוק „זה השער לה' צדיקים יבואו בו" (די ערשטע אותיות מאַכען „צבי"). דאָס איז אַ רמז אַז דער וואָס וואוינט אין ישראל, אין ארץ „צבי", איז אַ צדיק.

זיינען טאַקע באַריהמטע אידען אין גלות געווען הייסע חובבי ציון. זיי האָבען ליב געהאַט ישראל מיט דעם גאַנצען הארץ, מיר דער גאַנצער נשמה. און אַזוי ווי דאָס באַזעצען זיך אין ישראל איז מיט יאָרען צוריק געווען פאַרבונדען מיט אויסערגעוויינליכע שוועריגקייטען, האָבען פילע פון זיי זיך מקריב געווען צו פאָהרען כאָטש אָנקוקען דאָס לאַנד פון אונזערע אבות מיט די אייגענע אויגען. איז ווען דער ראָזשינאָיער רב, ר' מרדכי

גימפעל יפה ז"ל איז אויף די עלטערע יאָרען געקומען קיין ישראל, איז ער געפאָהרען אָנקוקען די אידישע קאָלאָניעס וואָס האָבען זיך דאַן אָנגעהויבען צו בויען. ווען ער איז אָנגעקומען קיין „ראשון לציון" וואָס מען האָט דאַן געהאַלטען פאַר אַ ניט זעהר פרומע קאָלאָניע, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, און אַ זאָג געטהון: „טאַקע אפילו אַ ביסעל אַ חוצפה פון אַן אלמנה, אָבער פון דעסטוועגען 'ברוך מציב גבול אלמנה'". און מיט גרויס התלהבות האָט ער געמאַכט די ברכה וואָס מען מאַכט אויף אויפגעבויטע ישובים אין ישראל. אַט אַזוי שטאַרק איז דער כוח פון אונזער לאַנד. אויב אפילו אַביסעל וויניגער פרום, פאַרדעקט דאָס וואוינען אין ישראל זעהר פיל.

און יעקב האָט אַ נדר געטהון אַז אויב דער אַלמעכטיגער וועט אים אָפּ־היטען און געבען „לחם לאכול ובגד ללבוש", אַ שטיקעל ברויט און א מלבוש, וועט ער זיין זיין אויבערשטער. מאַכט דערויף דער „כלי יקר" ז"ל אַ גלענצענדע באַמערקונג: ווען אַ איד פאַרדינט בלויז דאָס אַלערנויטיגסטע וואָס מען דאַרף האָבען איבערצוקומען די וואָך, ער פאַרדינט אויף אַ שטיקעל ברויט און אַ מלבוש, דאַן איז דער פאָטער אין הימעל זיין אויבערשטער. ער פיהרט זיך אידיש. טאָבער אָבער טהוט דער אַלמעכטיגער אים אָפּ אַ שפּיצעל און גיט אים רייכטום, דאַן דאַרף ער שוין האָבען אַז דאָס ביסעל אידישקייט זאָל זיך ביי אים האַלטען.

און ווער עס מיינט אַז אַט דער סאָרט גבירים האָט אַ הנאה פון זיין פאַרמעגען, האָט במחילת כבודו אַ טעות. מען האָט אַמאָל דערציילט ר' ישראל מאיר, דעם „חפץ חיים" ז"ל, אַז אַ געוויסער גביר האָט חתונה גע־מאַכט זיין טאָכטער, האָט זי געטראָגען צו דער חופה אַ מאַנטעל מיט צוועלף דימענטענע קנעפּ, און יעדער קנאָפּ האָט געקאָסט טויזענט רובעל. האָט דער רבי זיך אָנגערופען: וואָס פאַר אַ הנאה האָבען דען די גבירים פון זייער עשירות? אַ געוויינליכער איד דאַרף ניט פילנעווען די קנעפּלעך פון זיין בגד. אַז ער פאַרלירט אַ קנעפּעל איז וואָס? נעהט מען אָן אַן אַנדערען. אָבער אַז אַ קנאָפּ קאָסט טויזענט רובעל, דאַרף מען דאָך האַלטען אין איין היטען די קנעפּ. ווערט מען דאָך אַ קנעכט ביי די קנעפּלעך! איז דאָס טאַקע זעהר אמת. האַלטען דאָך טאַקע אונזערע רייכע פרויען אין איין היטען זייערע צעהן־טויזענט דאָלאַרדיגע מינק־פעלצען. מען זאָגט יאַקבי אַז מאַנכע פרויען דעקען זיך אפילו ביינאַכט צו מיט די מינק־פעלצען, פשוט אויס מורא אַז אַ גנב זאָל זיך ניט „דערבאַרעמען" אויף זיי.

און איצט הערט אַ טייער וואָרט פון רבי נפתלי ראפּשיצער ז"ל: ווען יעקב האָט דערזעהן רחל'ן ברענגען די שאָף צום ברונעם, האָט ער זיך גע־וואונדערט. וואָרום עס איז נאָך געווען אין מיטען טאָג, און געוויינליך טרינקט מען אָן די טשערעדעס פאַרנאַכט, ווען מען טרייבט זיי אַהיים. און ער האָט געזאָגט „הן עוד היום גדול, לא עת האסף המקנה". אין דעם „אלף־בית" זיינען פאַראַן אותיות וואָס ווען מען רעכענט זיי צוזאַמען, וועלען זיי באַטרע־פען צעהן אָדער הונדערט. א און ט זיינען צעהן, ב און ח זיינען צעהן, ג און ז און ד און ו זיינען צו צעהן. י און צ זיינען הונדערט, כ און פ זיינען הונדערט, ל און ע, מ און ס זיינען צו הונדערט. אָבער די אותיות ה און נ האָבען ניט קיין פאָר. און אַט דאָס מיינט דער פסוק. אַזוי לאַנג ווי מיר אידען זיינען

אין דער לאַגע פון „הן", אַזוי לאַנג ווי מיר קענען זיך ניט פאַרבינדען, אַזוי לאַנג ווי עס הערשט ניט צווישען אונז קיין אחדות, קיין איינינקייט, איז „עוד היום גדול, לא עת האסף המקנה", וועט זיך דער ביטערער גלות נאָך ציהען, קען גאָר ניט זיין קיין קיבוץ גלויות.

אַי וואָלטען מיר אידען דאָס באַדאַרפט אין זינען האָבען! אמת, מיר האָבען ברוך השם דערלעבט די אתחלתא דגאולה, דעם אָנהויב פון דער גאולה, פון דער אויסלייזונג. און מיר ווייסען דאָך אַז דאָס וואָס אַלע אידען (מיט אַ נישטיגער אויסנאַהמע) זיינען געווען פאַראייניגט און געקעמפט אַלע ווי איינער, יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייטען און פעהיגקייטען, ווער מיט געלט, ווער מיט מסירות נפש, און ווער מיט בלוט, האָט אומגעהויער פיל געהאָלפען, וואָס מיר האָבען היינט צו טאָג אונזער לאַנד, מיט אַ אַנדערט־האַלב מיליאָן אידען דאָרט, כן ירבו. אָבער קיין קיבוץ גלויות איז עס נאָך ניט. און אויב די אתחלתא דגאולה האָט געפאָדערט אַזאַ שטאַרקע פאַראיי־ניגונג צווישען אידען, איז וויפיל־זשע אחדות פאָדערט זיך שוין פאַר דער אמת'ער גאולה!

און יעקב האָט זיי געזאָגט „לא עת האסף המקנה", עס איז נאָך צו פריה אַהיים צו טרייבען די טשערעדעס, „השקו הצאן ולכו רעו", טרינקט אָן די שעפסען און פאַשעט זיי וויטער. האָט ר' מאיר פרעמישליאַנער ז"ל אַמאָל אויסגעשריען: רבונו של עולם, אויב „לא עת האסף המקנה", אויב עס איז נאָך ניט די צייט צונויפצוזאַמלען די שאָף, די אידען, איז „השקו הצאן ולכו רעו", גיב־זשע זיי כאָטש פרנסה, זיי זאָלען האָבען כוח איבערצוטראָגען דעם ביטערען גלות, און דערלעבען די גאולה שלמה, די פאָלשטענדיגע אויסלייזונג.

און אפילו אין אונזער אידיש לעבען איז ניט פאַראַן ביי אונז קיין אחדות. די חכמים ז"ל זאָגען אַז משיח וועט ניט קומען ביז מיר וועלען אַלע זיין „זכאי", אידען ווי אין פסוק שטעהט, אָדער מיר וועלען אַלע חלילה זיין „חייב". נו, ווייסען מיר דאָך, אַז מיר האָבען אידען פוןביידע סאָרטען, און דאָס טויג ניט. אָט הערט אַ מעשה שהיה: ר' יצחק נטע ז"ל אַ סופר אין דווינסק, איז געווען אַ גרויסער ירא שמים, אַ פרומער, עהרליכער איד ווי אַ סופר אין יענע צייטען. זיינער אַ זוהן, אויך אַ ירא שמים, האָט זיך גע־שטעלט צום פריזיוו, און מען האָט אים „אָפגעגעבען", דאָס הייסט צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, בעת אַנדערע אידישע בחורים האָט מען דוקא באַפרייט פון מיליטער־דינסט. האָבען לצים אין שטאָדט זיך גערייצט מיט דעם סופר: „נו, ר' יצחק נטע, וואָס זאָגט איר איצט? די בחורים וואָס זיינען ניט אַזוי פרום זיינען דוקא באַפרייט געוואָרען, אָבער אייער זוהן, וואָס איז אַן אמת'ער פרומער, עהרליכער יונגערמאַן, האָט מען אָפגעגעבען?!" האָט דער סופר זיי געענטפערט: „פאַרשטעהט איר מיך, דער קיסר הייסט נעמען פאַר סאָל־דאַטען אידען און להבדיל גוים. פאָלגט נאַטשאַלסטוואַ, און מען נעמט אמת'ע גוים און להבדיל אמת'ע אידען. אַזוי ווי מיין זוהן איז ברוך השם אַן אמת'ער איד, האָט מען אים צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט. אָבער יענע הולטייעס זיינען דאָך ניט קיין אידען און ניט קיין גוים, האָט מען זיי אויסבראַקירט.

ווען יעקב איז געקומען צו לבן'ען, באַמערקט דער „מלאכת מחשבת" ז"ל, האָט לבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפט און געקושט און געזאָגט „אך עצמי

ובשרי אתה", דו ביזט דאָך מיין ביין און מיין פליש. איז ער דאָך אָבער פאַרט געווען לבן ארמי, איז נאָכדעם ווי יעקב האָט געוויילט ביי אים אַ חודש צייט, האָט אים שוין לבן געזאָגט „הכי אחי אתה", ביזטו דען מיין ברודער? און דער סוף איז דאָך טאַקע געווען אַז יעקב האָט ביי אים אָפּגעקנעכטעוועט גאַנצע פערצעהן יאָר. דאַרפען מיר פון דעם אויך אָפּלערנען, אַז אַפילו דער אַנגעלייגסטער גאַסט זאָל ניט איבערכאַפּען די מאָס. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: בתחלה נעשה אורח ואחר כך טורח. צום אָנהויב איז מען אַ גאַסט און שפּע־טער — אַ לאַסט.

און די סדרה דערציילט אונז אַז יעקב האָט געאַרבייט פאַר רחל'ן זיבען יאָר, „ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו אותה". ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אַז די זיבען יאָר זיינען געווען אין זיינע אויגען ווי עטלעכע טעג. איז דאָך די קשיא: געוויינליך איז עס דאָך פאַרקערט. מיר ווייסען דאָך אַז ווען אַ מענש וואַרט אויף אַ זאַך וואָס איז אים טייער, צי אויף אַ מענשען וואָס איז אים ליב, איז יעדער טאָג אַ יאָר, און ביי יעקב'ן איז גאָר געווען אַ יאָר אַ טאָג? ערקלערט עס ר' שלמה קלוגער ז"ל אַזוי: יעקב האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט רחל'ן, אַז דער תנאי פון דינען לבן'ען זיבען יאָר איז ביי אים געווען אַזאַ ביליגער פּרייז, גלייך ווי ער וואָלט פון אים פאַרלאַנגט אַז ער זאָל אים דינען בלויז עטליכע טעג.

דער „יד יוסף" ז"ל, ווידער, ערקלערט עס אויף אַן אַנדער אופן: דער שטייגער פון דער וועלט איז אַז וואָס לענגער פאַרליבטע זיינען צוזאַמען, אַלץ מעהר ווערט די ליבע אויסגעוועבט. מיט דער צייט ווערט די ליבע שוואַכער, אָפּגעקיהלטער. אָבער די ליבשאַפט צווישן יעקב'ן און רחל'ן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ניט געקוקט דאַרויף וואָס ער איז געווען מיט איר אין איין הויז צוזאַמען גאַנצע זיבען יאָר, איז עס געווען אין זיינע אויגען ווי בלויז עטליכע טעג.

איין מעלה דאַרף מען אָבער לבן'ען דאָך צוגעבען, נעמליך ער האָט גע־טרויעט יעקב'ן צוויי טעכטער. און אגב, עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז בלהה און זלפה זיינען אויך געווען לבן'ס טעכטער. און אין דעם פּרט האָט יעקב געהאַט מעהר מזל פון דעם רמ"א. ווען רבי משה איסרליש ז"ל האָט פאַר־לוירען זיין ווייב, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלדיגען הספד וואָס איז געווען פול מיט בקיאות און חריפות, און דער עולם איז געווען אויסערסט איבערראַשט. זיין שווער ר' שכנא ז"ל האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, און דער רמ"א האָט זיך צו איר געשדכנ'ט. אָבער ר' שכנא האָט אים אָפּגעזאָגט: דו קענסט מעהר מיין איידים ניט זיין. וואָרום אַז דו האָסט געקענט זאָגען אַזאַ גע־וואַלדיגען הספד, אויף דיין אייגען ווייב, איז אַ סימן אַז דו האָסט מיין טאָכ־טער ניט ליב געהאַט.

און נאָכדעם ווי יעקב האָט אָפּגעפּראַצעוועט די זיבען יאָר, און לבן האָט אים געגעבען לאה'ן, האָט ער מסכים געווען אים צו געבען רחל'ן פאַר נאָך זיבען יאָר פּראַצע. קען מען דאָך מיינען אַז לבן האָט מסכים געווען צום שידוך פאַר רחל'ן, ווייל ער האָט געוואָלט אַז זיין טאָכטער זאָל האָבען אַזאַ מאַן ווי יעקב, הויבט עס זיך גאָר ניט אָן. ער איז גאָר אויסען געווען אַ גאַנץ אַנדער זאַך. אָט הערט: לבן האָט געזאָגט יעקב'ן „טוב תתי אותה לך מתתי

אותה לאיש אחר״, מיר איז ליבער צו געבען רחל׳ן דיר פאַר אַ ווייב, איידער צו אַן אַנדער מאַן. זאָגט דארויף דער רבי ר׳ בונים ז״ל: ווען אַ צדיק האָט חתונה מיט אַ שלעכטער פרוי, קען ער זי מאַכען פאַר גוט און פרום. ווען אַ צדקת האָט חתונה מיט אַ רשע, קען זי אים מאַכען פאַר אַ פרומען, עהרליכען מענשען. ווען לבן האָט איינגעזעהן אַז יעקב איז אַ צדיק און רחל איז אַ צדקת, האָט ער זיך געטראַכט שוין בעסער אַז זיי זאָלען ביידע חתונה האָבען, איידער יעקב זאָל חתונה מיט אַ זינדיגע פרוי, און רחל מיט אַ רשע, ווארום דאמאָלסט וועט דאָך פון ביידע באַזונדער אַרויסקומען צדיקים.

און די סדרה דערציילט אונז אַז רחל איז געוועזן אַן עקרה, און האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט קיין קינדער. און ענדליך איז רחל מעוברת געוואָרען. איז הערט־זשע אַ וואָרט: אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו דעם קאָזעניצער מגיד ר׳ ישראל ז״ל, און האָט אים איין אַ שמועס דערציילט, אַז ביי אַן אַלט פּאַר פאָלק איז געבוירען געוואָרען אַ אינגעל, כאָטש זיי זיינען ניט געפאַהרען צו אַ גוטען אידען. האָט דער מגיד אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט: „אויב אַזוי האָט טאַקע דער רבונו של עולם געטהון אַ גאַר וואוילע זאַך. געוויינליך, אין אַזאַ פאַל, איז אָדער מען פאַהרט צום לובלינער ׳חוזה׳, אָדער צו מיר. נו, האָט דער אַלמעכטיגער באַוויזען, אַז אויך ער קען העלפען מיט אַ בן־זכר״.

פלעגט טאַקע רבי נפתלי ראָפּשיצער ז״ל זאָגען: עס זיינען פאַראַן גוטע אידען וואָס ווילען אַז די יעניגע וואָס דאַרפען האָבען א ישועה זאָלען קומען צו זיי, און זיי וועלען פאַר זיי מתפלל זיין. איך, אָבער, שטעה אויף פאַרטאָג און בעט דעם רבונו של עולם אַז די אַלע וואָס דאַרפען האָבען אַ ישועה, זאָלען געהאָלפען ווערען ביי זיך אין דער היים, און זאָלען גאַר ניט דאַרפען קומען צו מיר און מיינען אַז איך האָב זיי געהאָלפען.

און אַז מיר האַלטען ביי „גוטע אידען״, וויל איך אייך אגב אורחא איבערגעבען אַ שעהנס: ר׳ ישראל ריזשינער ז״ל פלעגט עסען ווייניג, און גאַנץ פּשוט׳ע מאכלים, ניט געפיהרט קיין ברייטען טיש. דאַגעגען דער אפּטער רבי ר׳ אברהם העשיל ז״ל, פלעגט פיהרען אַ ברייטען טיש, מיט פיינע מאכלים און געטראַנקען, און פלעגט טאַקע עסען אויך. איז אַמאָל דער ריזשינער געקומען אויף באַזוך צום אפּטער, האָט דער אפּטער אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד און מען האָט געגרייט אַ טיש ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ געהויבענעם גאַסט.ביים טיש האָט דער אפּטער זעהר ווייניג געגעסען. פרעגט אים דער ריזשינער: „ווי קומט עס וואָס איר עסט אַזוי ווייניג, דאָס איז דאָך ניט לויט אייער דרך?״ האָט דער אפּטער געענטפערט: איך וועל אייך זאָגען. שבת איז אַן אורח ביי דער וואָך. איז די וואָך מכבד שבת מיט גוטע מאכלים, פלייש, פיש און גוטע געטראַנקען. יום טוב איז אַן אורח לגבי שבת. אַז אַ יום טוב פאַלט אויס אין אַ שבת, איז שבת מכבד דעם אורח יום־טוב. פאַר זיין כבוד וועגען עסט מען עפּעס אַ ספּעציעל מאכל. ווען אָבער דער אורח איז אַזעלכער וואָס עסט ניט, ווען, למשל, יום כפור פאַלט אויס אין אַ שבת, עסט שבת אליין אויך ניט.

און ווען לבן האָט צוגענומען ביי יעקב׳ן פיה, איז „והיה העטופים ללבן, והקשורים ליעקב״. פלעגט ר׳ משה קאָברינער ז״ל טייטשען אַזוי: „עטופים״, די „פאַרוויקעלטע״, די צבועקעס, זיי שטאַמען פון לבן ארמי,

פון דעם ליגנער לבן. „והקשורים״, די וואָס זיינען „צוגעבונדען״ צום אויפערשטען מיט אַן אמת, מיט אויפריכטיגקייט, זיי געהערען צו יעקב׳ן.

און אַ ליגנער איז לבן געווען אַן ערשט קלאַסיגער. פון דער ערשטער מינוט וואָס יעקב האָט איבערגעטראָטען זיין שוועל, האָט ער אים אָנגעהויבען אָפּנאַרען און געזאָגט ליגענס. האָט יעקב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און האָט געמוזט פון אים אַנטלויפען. איז ווען לבן האָט נאָכגעיאָגט יעקב׳ן און האָט אים דערגרייכט, האָט ער געזאָגט צו יעקב׳ן „למה נחבת לברוח... ולא הגדת לי, ואשלחך בשמחה״. טייטש ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו ז״ל אַזוי: פאַרוואָס ביזטו די גאַנצע צייט געווען אַזאַ „באַהאַלטענער״? ווען איך זאָל געווען וויסען פריהער אַז דו ביזט טאַקע אַזאַ צדיק, וואָלט איך דיר דאָך שוין לאַנג געווען „משלח״ געווען. ווייל אַזעלכע מענשען ווי דו, זיינען ניט פאַר מיר...

און אַזוי ווי אַזעלכע לייט ווי לבן זיינען ניט געווען פאַר יעקב׳ן איז וישב יעקב למקומו, ויעקב הלך לדרכו. זאָגט דארויף ר׳ משה לייב סאַסעווער ז״ל אַ גוט וואָרט: אַזוי לאַנג ווי יעקב איז געווען ביי לבן׳ען, האָט ער קיין ברירה ניט געהאַט, און ער האָט זיך געמוזט צופאַסען צו לבן׳ס האַנדלונג. ער האָט געמוזט לבן׳ען צאָהלען מיט דערזעלבער מטבע. אָבער אַזוי שנעל ווי „וישב לבן למקומו״, ווי נאָר לבן איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, און יעקב איז פון אים פּטור געוואָרן, איז „ויעקב הלך לדרכו״, האָט יעקב זיך באַלד אומגעקערט צו זיין אייגענעם דרך, צום דרך פון תמימות און עהרליכקייט.

כאָטש אין אמת׳ען גערעדט, איז דאָך יעקב, אפילו זייענדיג ביי לבן׳ען, געבליבען דערזעלבער צדיק. עם לבן „גרתי״ ו„תרי״ג״ מצוות שמרתי, מיט לבן׳ען האָב איך געוואוינט, אָבער די תרי״ג מצוות האָב איך אָפּגעהיט. אָבער אַ לבן׳שע סביבה טויג ניט. אַ גוי׳אישע סביבה איז ניט געזונט פאַר אידישקייט. קיין גוטס פאַר אַ אידיש לעבען קומט דערפון ניט אַרויס. אַן אמת׳ער יעקב קען מען אַם בעסטען זיין ווען מען איז אָפּגעטיילט פון לבן׳ען. וואָסזשע זאָל אָבער טהון אַ איד אין גלות? „עם לבן גרתי״, ער מוז פאָרט וואוינען מיט לבן׳ען? איז דער תירוץ, אַז ער זאָל זיך אָפּלערנען פון יעקב׳ן דעם „תרי״ג מצוות שמרתי״. ער זאָל זיך ניט לאָזען באַאיינפלוסען פון דער דרויסענדיגער סביבה, און פיהרען אַ אידיש לעבען ווי עס פּאַסט פאַר יעקב אבינו׳ס אַן אייניקעל.

וישלח

באַכדעם ווי יעקב האָט פאַרלאָזען זיין שווער לבן, און האָט זיך געלאָזט מיט זיין פאַמיליע און האָב און גוטס צוריק אַהיים, האָט ער דאָך געוואוסט אַז זיין ברודער עשו טראָגט אויף אים אַ שנאה, איז „וישלח יעקב מלאכים", האָט יעקב געשיקט שלוחים צו עשו'ן, זיי זאָלען אים זאָגען אַז ער איז רייך. זיינען די שלוחים צוריקגעקומען און האָבען דערציילט אַז עשו געהט אים אַנטקעגען מיט אַ מחנה פון פיר הונדערט מאַן. האָט יעקב מורא געקריגען. און ער האָט צעטיילט זיינע מענשען און רינדער אין צוויי באַזונדערע מחנות. טאָמער איז עשו אויסען עפּעס שלעכטס און וויל אויף אים אָנפאַלען, איז אַז ער וועט אַטאַקירען איין מחנה, וועט זיך דערווייל די אַנדערע מחנה קענען ראַטעווען. ביינאַכט איז יעקב מיט די זייניגע אַריבערגעגאַנגען דעם טייך יבוק. האָט אים באַגעגענט אַ מלאך וואָס האָט זיך געראַנגעלט מיט אים. און איידער דער מלאך איז אַוועק האָט ער געזאָגט צו יעקב'ן אַז פון היינט אָן איז זיין נאָמען ניט מעהר יעקב, נאָר ישראל.

ווען יעקב האָט באַגעגענט עשו'ן, האָט עשו אים אַרומגעכאַפּט און געקושט, און יעקב האָט אים געגעבען אַ מתנה פון פילע שאָף און רינדער. יעקב האָט פאָרטגעזעצט זיין רייזע און ניט וויט פון אפרת איז רחל געלעגען געוואָרען מיט בנימין'ען. זי איז דאָרט דערפון געשטאָרבען, און איז געבראַכט געוואָרען צו קבורה אין אפרת וואָס הייסט אויך בית לחם. יעקב איז אָנגעקומען קיין חברון. דערווייל איז יצחק „איינגעזאַמעלט געוואָרען צו זיין פאָלק" אין עלטער פון הונדערט און אַכציג יאָר. עשו, יעקב און זיינע קינדער האָבען אים מקבר געווען.

ווען יעקב האָט באַגעגענט עשו'ן האָט ער אים געזאָגט „עם לבן גרתי". זאָגען די חכמים און רש"י ז"ל אויף דעם אָרט ו„תרי"ג מצוות שמרתי". טייטשט ר' אשר רימענאָווער ז"ל אַזוי: יעקב האָט אים געזאָגט „דו זאָלסט זיך ניט וואונדערען וואָס כאָטש איך האָב געוואוינט ביי לבן'ען צוויי צעהנדליג יאָר און דאָך „גרתי", און דאָך בין איך געבליבען אַ „גר", אַ פרעמדער. דאָס איז דערפאַר ווייל „ותרי"ג מצוות שמרתי", ווייל איך בין אַ איד, און אַ איד ווי לאַנג ער זאָל ניט וואוינען אין אַ לאַנד, איז ער אַלץ אַ גר, אַ פרעמדער.

וויל מען זיך טיילען מיט די ליידען און פריידען פון דעם פאָלק ישראל דאַרף מען וואוינען צוזאַמען מיט אידען, זיך באַטייליגען אין דעם קהלה'ס אונטערנעהמונגען, העלפען די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, תורה אנשטאַלטען, וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס. ווייל אַ איד זיין אַ טייל פון דעם פאָלק ישראל, מוז ער זעהן אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל זיין אַ טייל פון אים. און פאַרשטעהט זיך אַז ער דאַרף לעבען כדת משה וישראל. אַט הערט אגב אַ שעהנס: ר' יעקב צבי מעקלענבורג ז"ל, מחבר פון „הכתב והקבלה", איז געווען רב אין

קעניגסבערג. האָט אַ געוויסע באַריהמטע פאַמיליע אים איינגעלאַדען צו געבען חופּה וקדושין זייערס אַ קינד, אָבער ער האָט ניט געקענט ערפילען זייער וואונש, ווייל על פּי דין האָט מען יענעם פּאַרעל ניט געטאָרט געבען קיין חופה וקדושין. זיינען דאָך אָבער די מחותנים פון חתן׳ס צד געווען חשובים אין קייזערליכען הויף, איז אָנגעקומען צום רב אַ באַפעהל פון די „הויכע פענסטער״ אַז ער זאָל געבען חופה וקדושין. באַפעהל איז באַפעהל. און ווען עס איז געקומען צו מסדר קדושין זיין, האָט דער רב געזאָגט „הרי את מקודשת... כדת פרידריך דער גרויסער״... האָט אים איינער אונטערגעכאַפּט: „הער ראַבינער... ׳כדת משה וישראל׳״. האָט דער רב געענטפערט: „כדת משה וישראל איז עס ניט״.

און ווען יעקב האָט שוין געוואוסט אַז עשו געהט אים אַנטקעגען, האָט ער שטאַרק מורא געהאַט. האָט דאָך יעקב אַ טייער מיטעל, נעמליך, דעם „הקול קול יעקב״, האָט ער געבעטען דעם אויבערשטען: „הצילני נא מיד אחי מיד עשו״, ראַטעווע מיך פון מיין ברודער עשו׳ס הענט. און אַזוי ווי דער אויבערשטער העלפט די וואָס העלפען זיך אַליין, האָט יעקב טאַקע באַלד זיך גענומען צו פּראַקטישע מעשים. ער האָט קודם כל איינגעטיילט זיינע שאָף און רינדער אין מעהרערע טשערעדעס. צווישען איין טשערעדע און דער אַנדערער האָט ער געלאָזט אַ מרחק, פּלאַץ, און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע מענשען יעדען באַזונדער... „ואמרת מנחה היא שלוחה לאדוני״. זאָגט דער „שדה תבואות״ ז״ל דאַרויף אַז יעקב האָט אָנגעזאָגט זיינע דינער, אַז וואָס עשו זאָל זיי ניט פרעגען, זאָלען זיי געבען בלויז איין ענטפער „מנחה שלוחה לאדוני״, דאָס איז אַ מתנה געשיקט צו מיין האַר. און דאָס אַליין איז גענוג, ווייל אַ „מתנה״ פאַרענטפערט פילע זאַכען.

יאָ, מיט אַ מתנה קען מען פאַרענטפערען אפילו אַ האַרבע קשיא. אַט הערט: דער לאָדזשער גביר פּאָזנאַנסקי ע״ה האָט געמאַכט אַ אידישען שפּיטאָל, און האָט אים אויסגעהאַלטען. אַזוי ווי דער שפּיטאָל איז געשטאַנען לעבען דעם הויז פון דעם דייטש איינשטאַט, אייגענטימער פון אַ ביער־ברויעריי, האָט דער דייטש געוואָלט פּטור ווערען פון דעם שפּיטאָל. ער האָט זיך געפּאָזעוועט ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל דעם אידישען שפּיטאָל פאַרמאַכען. ווען שטאָדט איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָבען די אידען אויפגעהערט צו טרינקען איינשטאַט׳ס ביער, מיט דער הסכמה פון דעם רב ר׳ אליה חיים ז״ל.

אַזוי ווי דער דייטש האָט געהערט אַז דער רב האָט געלייגט א חרם אויף זיין ביער, האָט ער דערלאַנגט אַ מסירה אַז דער רב פיהרט ממש אַ מלוכה אין לאָדזש, און אַז ער האָט אפילו פאַרבאָטען די אידען צו טרינקען זיין ביער. איז אַראָפּגעקומען פון פעטערבורג אַן עלצטער, אויסצופאָרשען דעם ענין, און ער האָט געזעהן אַז יאָ, עס איז טאַקע אמת, אידען טרינקען ניט איינשטאַט׳ס ביער. האָט ער געשיקט נאָך דעם רב, און געפרעגט: „ס׳טייטש, ווייסט איר דען ניט אַז אַזאַ האַנדלונג איז געגען דעם געזעץ?״ האָט דער רב געענטפערט: „חס וחלילה, איך האָב אַזאַ פאַרבאָט קיין מאָל ניט אַרויסגעגעבען, און איך קען עס דיר באַווייזען. הייס איינשטאַט׳ן אַרויסשטעלען אין מאַרק

אַ פאַס ביער פריי פאַר יעדען, ווער עס וויל, זאָל טרינקען וויפיל ער וויל, ווערסטו זעהן צי אידען וועלען טרינקען, צי ניט".

איז די עצה געפעלען דעם עלצטען, און ער האָט אַזוי געטהון. מען האָט אַרויסגעפיהרט אין מאַרק אַריין אַ פאַס ביער, און מודיע געווען אַז ווער עס וויל, קען טרינקען וויפיל ער וויל. האָבען זיך אידען ניט געלאָזט לאַנג בעטען, איינס, צוויי און דאָס פאַס איז ליידיג געוואָרען. האָט דער רב זיך אָנגערופען צום עלצטען: „זעהסטו, אדוני פריץ, אידען טרינקען יאָ איינשטאַט'ס ביער, זיי ווילען בלויז ניט קויפען, און דאָס קען דאָך זיי קיינער ניט נויטען"...

און ווען עשו האָט באַגעגענט יעקב'ן, האָט ער אויך געזעהן „ואת אחד עשר ילדיו", זיינע עלף קינדער. יעקב האָט דאָך דאַן שוין געהאַט צוועלף קינדער. פרעגט טאַקע דער מדרש „ודינה היכן היתה?" וואו איז יעקב'ס טאָכטער דינה דאַן געווען? און דער מדרש ענטפערט אַז יעקב האָט באַהאַלטען דינה'ן אין אַ קאַסטען (קופערט), עשו זאָל זי ניט זעהן. איז פון וואַנען דרינגען דאָס די חכמים ז"ל אַז דינה האָט געפעהלט, און ניט איינער פון די זיהן? ערקלערט עס ר' חיים וואָלאָזשינער אין נאָמען פון ווילנער גאון ז"ל אַזוי: דער מדרש זאָגט אַז דאָס בית המקדש איז געבויט געוואָרען אין בנימין'ס חלק, ווייל בנימין האָט זיך ניט געבוקט צו עשו'ן. וואָרום בנימין איז דאָך נאָך דאַן אויף דער וועלט ניט געווען. איז דערפון געדרונגען אַז דינה האָט געפעהלט. וואָרום ווען איינער פון די זיהן וואָלט געווען געפעהלט, און ער האָט זיך ניט געבוקט צו עשו'ן, איז פאַרוואָס־זשע האָט גראדע בנימין זוכה געווען אַז דאָס בית המקדש זאָל זיך געפינען אין זיין טייל, און ניט יענער זוהן?

און אגב, אַ גוט וואָרט פון דעם „קניני קדם" ז"ל: אין ספרי ווערט געבראַכט, אַז בנימין האָט זוכה געווען אַז דאָס בית המקדש זאָל געבויט ווערען אין זיין חלק, ווייל ער איז דער איינציגער פון יעקב'ס קינדער וואָס איז געבוירען געוואָרען אין ארץ ישראל. יעקב'ס אַלע אַנדערע קינדער זיינען געבוירען געוואָרען אין חוץ לארץ. און נאָר אַן ארץ ישראל קינד פאַרמאָגט אין זיך דעם נויטיגען מוט און שטאָלץ זיך ניט צו בוקען פאַר עשו'ן.

יאָ, אידישקייט, אידיש לעבען קען עקזיסטירען בלויז ביי דעם אידען וואָס בויגט זיך ניט און בוקט זיך ניט פאַר עשו'ן. דאָס אידישע הויז וואָס זוכט ניט נאָכצוטהון דעם ניט־אידישען שכן, נאָר פיהרט אַן אינטענסיוו אידיש לעבען, ווי די אידישע רעליגיע לערענט אונז, אין דעם הויז הערט מען אַ דבר תורה, די קינדער ווייסען וואָס אידישקייט איז, און זיי לעבען אידישקייט. און אַזעלכע קינדער בוקען זיך ניט פאַר עשו'ן. אדרבה, זיי זיינען שטאָלץ מיט זייער אידישקייט, ווייל זיי ווייסען אַז עס איז דאָ מיט וואָס צו שטאָלצירען.

און ווי די סדרה דערציילט אונז, איז ווען יעקב האָט געהאַלטען ביים אַריבערגעהן דעם טייך יבוק, האָט אים באַגעגענט אַ מלאך און האָט זיך אָנגעהויבען צו ראַנגלען (באָרען) מיט אים. ברענגט דאַרויף די גמרא צוויי מיינונגען. איין מאן דאמר האַלט אַז „כגוי נדמה לו", דער מלאך האָט זיך באַוויזען צו יעקב'ן אין געשטאַלט פון אַ גוי. און אַ צווייטער מאן דאמר האַלט אַז „כתלמיד חכם נדמה לו", אַז ער האָט זיך באַוויזען צו אים אין דער געשטאַלט פון אַ תלמיד חכם. איז דאָס עפּעס אַ מאָדנע מחלוקת. וואָס

אייגענטליך איז דער זין דערפון? ערקלערט עס דער „חתם סופר“ ז״ל אויף אַ גלענצענדען אופן:

דער מדרש זאָגט אַז יעקב איז באַגאַנגען צוויי זינד. ער האָט נעמליך חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטער. און דאָס האָט ער געטהון דערפאַר ווייל ער האָט געהאַלטען אַז אין חוץ לארץ האָט ער דעם דין פון אַ בן נח, פון אַ גוי, אויף וועמען עס איז ניט חל דער פאַרבאָט צו חתונה האָבען מיט צוויי שוועסטער. און די צווייטע זינד איז דאָס וואָס אין די צוויי און צוואַנציג יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי לבן׳ען, האָט ער ניט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם. אַ תלמיד הכם ווען ער איז עוסק אין תורה, איז ער פטור פון דער דאָזיגער מצוה, ווייל „גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אב ואם“. באַשטעהט אַלזאָ די מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישען די צוויי חכמים אין דעם: פאַר וועלכע זינד איז יעקב באַשטראָפט געוואָרען אַז דער מלאך זאָל זיך מיט אים ראַנגלען. איינער האַלט אַז פאַר דער זינד פון „כגוי נדמה לו“, וואָס יעקב האָט אָנגעווענדעט אויף זיך דעם דין פון אַ בן נח. דער צווייטער האַלט אַז דער עונש איז געווען פאַר דעם חטא פון „כתלמיד חכם נדמה לו“, וואָס יעקב האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ תלמיד חכם, און האָט דערורייל ניט מקיים געווען די מצוה פון עהרליך האַלטען טאַטע־מאַמע.

און דער מלאך האָט זיך אָפּגעראַנגעלט מיט יעקב׳ן אַ גאַנצע נאַכט, אָבער ער האָט אים ניט געקענט בייקומען. ווען דער מאָרגען שטערן האָט שוין געהאַלטען ביים אויפגעהן, און דער מלאך האָט זיך שוין געדאַרפט אומקערען זאָגען שירה, איז „ויגע בכף ירכו“, האָט ער דערלאַנגט יעקב׳ן אין דער „דיך“. זאָגט דער אברבנאל דארויף אַ טייער, אמת׳דיג וואָרט, נעמליך, ווען עשו זעהט אַז ער קען יעקב׳ן ניט בייקומען, נעמט ער זיך צו זיינע קינדער. אַי, איז דאָס אמת!

זעהט־זשע, עשו פאַרשטעהט יאָ אַז דער פונדאַמענט פון דער עקזיס־טענץ פון דעם אידישען פאָלק אַלס אַן אידיש פאָלק זיינען אונזערע קינדער. וואָרום די קינדער פון היינט זיינען דאָך די טאַטעס און מאַמעס פון מאָרגען. און מיר אַליין פאַרשטעהען דאָס אַזוי ווייניג! וואָלטען מיר דאָס יאָ פאַר־שטאַנען, וואָלט דאָך שבת און יום־טוב אין די שוהלען ניט געווען אַ קינד אַ יקר המציאות. וואָלטען דאָך ניט בלויז פינף און צוואַנציג פראָצענט פון אונזערע קינדער אין אַמעריקע, נאָר טאַקע די גאַנצע הונדערט פראָצענט געלערענט אין תלמוד תורות, העברעאישע שולען, ישיבות קטנות (פּאַראָקיעל סקוהלס). האַלטען מיר זיך טאַקע פאַר אַן „עם חכם ונבון“, פאַר אַן „עם הספר“. אָבער ווען עס קומט צו חינוך, צו ערציהען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון אידישקייט, פאַרשטעהען מיר ניט די אויסערגעוויינליכע וויכטיקייט דערפון. אָבער עשו פאַרשטעהט עס יאָ! מיר פאַרנאַכלעסיגען עס בתכלית ה׳פאַרנאַכלעסיגקייט, און עשו פאַרשטעהט גוט ווי עס אויסצו־נוצען. מיר פאַרשטעהען ניט אַז אונזערע קינדער זיינען דער פונדאַמענט און די זיילען פון דעם קיום האומה, פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און עשו פאַרשטעהט עס יאָ!

און ווען עשו האָט דערזעהן יעקב׳ס רייכטום, האָט ער זיך זעהר פאַר־וואונדערט: ס׳טייטש, ווי קומט דאָס אַליץ צו דיר, און יעקב האָט אים געענט־פערט: „למצא חן בעיני אדוני״. זאָגט דאַרויף ר׳ יצחק יעקב ריינעס ז״ל: די חכמים ז״ל באַמערקען אַז יעקב און עשו האָבען זיך איינגעטיילט מיטביידע וועלטען. יעקב האָט גענומען עולם הבא, און עשו האָט גענומען עולם הזה. איז ווען עשו האָט דערזעהן יעקב׳ס רייכטום, די פילע שאָף און רינדער, האָט ער אים געפרעגט: האָ, ווי קומט דאָס אַליץ עפעס צו דיר? דיר קומט דאָך בלויז יענע וועלט? האָט יעקב אים געענטפערט „למצא חן בעיני אדוני״. אָט דאָס גאַנצע רייכטום מוז איך האָבען פאַר דיינעט וועגען, איך זאָל אויס־נעמען אין דיינע אויגען. מיר מוזען שטענדיג האָבען גרייט אַ „מנחה לעשו״. אַ ניט וואָלטען מיר דעם ביטערען גלות ניט געקאָנט אויסהאַלטען. אָהן „לא יחרץ״ געלט וואָלט אַ איד אין גלות זיך ממש ניט געקענט אַ ריהר טהון.

און „לא יחרץ געלט״ דאַרף מען ניט נאָר פאַר עשו׳ן, נאָר עס מאַכט זיך אַמאָל אַז מען דאַרף עס אפילו פאַר אַ אידען. האָט הערט אַ מעשה: אין סלאָנים איז געווען אַ „מוסר״. איז ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ קהל׳שער ענין, וואָס די רעגירונג האָט דערפון ניט באַדאַרפט וויסען, פלעגט מען אים געבען „לא יחרץ״ געלט, ער זאָל האַלטען דאָס מויל. איינמאָל האָט זיך געמאַכט עפעס אַ גאָר וויכטיגער ענין, און דער „מוסר״ האָט פאַרלאַנגט ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט רובעל. מען האָט גערופען אַן אסיפה, מיט דעם רב ר׳ אייזל חריף ז״ל בראש. מען האָט גערופען דעם „מוסר״, זיך געדונגען, אָבער ער איז דורכאויס באַשטאַנען אויף זיינס, אַ גראָשען ניט ווייניגער, אַ ניט געהט ער מסר׳ן. האָט דער רב אַ געשריי געטהון: דו שייגעץ, דו יונגאַטש, ווילסט פופציג רובעל איז גוט, און אויב ניט, וועט קהל געפינען אַן אַנדער „מוסר״ וואָס וועט עס מאַכען פאַר אַ פינף און צוואַנציגער.

און ווען יעקב און זיין הויז־געזינט זיינען אָנגעקומען אין דער שטאָדט שכם, האָט שכם בן חמור פאַרפיהרט דינה׳ן. דאָס האָט זעהר אויפגערעגט יעקב׳ס קינדער, באַזונדערס שמעון און לוי, און זיי האָבען באַשלאָסען, אָהן יעקב׳ס וויסען, צו נעמען נקמה פאַר זייער שוועסטער, און זיי האָבען געראַטען די איינוואוינער פון שכם זיך מל צו זיין. נאָכדעם ווי זיי האָבען געפאָלגט, האָבען יעקב׳ס קינדער פאַרניכטעט די שטאָדט. פרעגט זיך צו וואָס האָבען יעקב׳ס קינדער באַדאַרפט זיך באַנוצען מיט אַ פאָרטעל. זיי זיינען דאָך געווען געוואַלדיגע גבורים, וואָלטען זיי דאָך זיך געווען געקענט „ספראַווען״ מיט זיי אָהן אַ „פאָרטעל״. ענטפערט דאַרויף ר׳ יונתן אייבעשיץ ז״ל אזוי: ווען זיי וואָלטען געווען אויסגע׳הרג׳עט די איינוואוינער פון שכם ניט גע־מל׳טערהייט, וואָלט דאָך די גאַנצע וועלט אויפגעהויבען אַ ליאַרם, געמאַכט אַ שטורם. אָבער ווען די אנשי שכם האָבען זיך מל געווען, זיינען זיי דאָך איבעראַל באַקאַנט געוואָרען אַלס אידען. זיינען יעקב׳ס קינדער געווען זי־כער אַז די וועלט וועט זיך ניט וויסענדיג מאַכען. פאַר אויסגעקוילעטע אידען נעמט זיך די וועלט ניט אָן.

איז דאָס ניט סתם אַ המצאה, נאָר אַן אמת וואָס אונזער דור האָט געזעהן מיט די אייגענע אויגען. ווען די נאַציס ימח שמם האָבען פאַרניכטעט דאָס טשעכאָסלאָוואַקיש דערפעל, „לידיצע״, האָט די גאַנצע גוי׳אישע וועלט אויפ־געשטורעמט. און מען האָט עס צוריק אויפגעבויט. אָבער ווען מען האָט אויף די ברוטאַלסטע אופנים פאַרניכטעט זעקס מיליאָן קדושים, האָט די גוי׳אישע וועלט אפילו אַ קרעכץ ניט געטהון.

און יעקב איז ניט געווען צופרידען מיט דעם וואָס זיינע קינדער האָבען פאַרניכטעט שכם. ער האָט טאַקע אויך מורא געהאַט: „ואני מתי מספר, ונאספו עלי והכוני״. יעקב האָט דאָך געהאַט בלויז געצעהלטע מענשען, קענען דאָך די פריינד פון שכם׳ס איינוואוינער אים טויטען. איז דאָס געוויס אַ שטאַרקע טענה. אָבער יעקב׳ס קינדער האָבען אויך געהאַט אַן אייזען־שטאַרקע טענה, נעמליך, „הכזונה יעשה את אחותינו״. זאָלען מיר לאָזען אַזוי באַליידיגען אונזער שוועסטער?! איז ווען איינער געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע וואָס מען באַליידיגט אים זעהר טיף, אָבער ער איז ניט שטאַרק גענוג זיך אַנטקעגען צו שטעלען, איז בלייבט בלויז איין אויסוועג, נעמליך, „קום עלה בית אל״, זאָגט דער „דרשות אל עמי״ ז״ל.

וישב

„וישב יעקב", און יעקב האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד פון זיינע עלטערען. יעקב האָט ליב געהאַט יוסף'ן מעהר פון אַלע קינדער, און די ברידער האָבען יוסף'ן פיינט געקריגען. דערוויל האָט זיך יוסף'ן גע־חלום'ט ווי ער מיט זיינע ברידער בינדען סנאָפּעס אין פעלד, און די ברידער'ס סנאָפּעס בוקען זיך צו זיין סנאָפּ. און ער האָט ווידער גע'חלום'ט ווי די זון און די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו אים. האָבען די ברידער אים נאָך מעהר פיינט געקריגען.

איינמאָל האָט יעקב געשיקט יוסף'ן אין פעלד אַריין צו זעהן וואָס די ברידער מאַכען, האָבען זיי אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים. זיין קאָלירט העמדעל האָבען זיי איינגעטונקט אין בלוט פון אַ ציגעלע, און עס געשיקט צו יעקב'ן ער זאָל זעהן אַז אַ ווילדע חיה האָט אים פאַרצוקט. די ישמעאלים האָבען אים ווייטער פאַרקויפט, ביז ער איז ענדליך פאַרקויפט געוואָרען צו פוטיפר, פרעה'ס אַ האַר. יוסף האָט נושא חן געווען ביי פוטיפר'ן, און ער האָט אים באַשטימט אַלס הויפּט פון זיין הויז. אַזוי ווי יוסף איז געווען אויסערגעוויינליך שעהן, האָט זיך פוטיפר'ס וויב אין אים פאַרליבט. איז ער דאָך אָבער געווען אַ צדיק, האָט ער איר וואונש ניט דערפילט. האָט זי אויסגעקלערט אַ בלבול אויף אים, אַז ער האָט זיך געטשעפּעט צו איר, און מען האָט אים איינגעזעצט אין טערמע. דער הויפּט פון דער טערמע האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעהער איבער די אַרעסטאַנטען.

דערוויל האָבען זיך פאַרזינדיגט פרעה'ס הויפּט פון די בעקער, און דער הויפּט פון די משקה־באַדינער. האָבען זיי גע'חלום'ט חלומות, און יוסף האָט באַשייד די חלומות, אַז דער הויפּט פון די משקה־באַדינער וועט צוריק באַקומען זיין פּאָסטען, און דעם הויפּט פון די בעקער וועט מען אויפהענגען. און אַזוי איז געווען.

די לעצטע צוויי וואָכען האָבען מיר געלייענט די סדרות „ויצא יעקב", „וישלח יעקב". היינטיגען שבת לייענען מיר „וישב יעקב", און איבער דריי וואָכען וועלען מיר אם ירצה השם לייענען די סדרה „ויחי יעקב". לערנען מיר דערפון אַז „ויצא יעקב", אַזוי שנעל ווי איינער פאַרלאָזט זיין הויז, זיין שטאָדט און זיין לאַנד, און הויבט אָן וואַנדערען, איז „וישלח יעקב", דאַרף ער אָנהויבען שיקען מתנות, געבען כאַבאַר. וואָרום אין דער פרעמד איז שווערער זיך איינצואָרדענען ווי ביי זיך אין שטאָדט, וואו מען איז געבוירען געוואָרען. און אַחוץ דעם איז וואַנדערען גלאַט ניט קיין אָנגענעמער ענין. וויסען מיר דאָך אַז וואַנדערען פאַרמיגערט דעם נאָמען, קינדער און טאַקע געלט אויך. אָבער „וישב יעקב", אַזוי שנעל ווי יעקב האָט זיך באַזעצט אויף אַ פּלאַץ, איז „ויחי יעקב", האָט ער אָנגעהויבען לעבען. פריהער איז ער

געווען אַ קנעכט ביי לבן'ען, און איצט איז ער געוואָרען אַ בעל הבית פאַר זיך. און צו זיין אַ בעל הבית פאַר זיך איז טאַקע אַ גאָר טייערע זאַך. נאָר במה דברים אמורים, ווען איז דאָס אַלץ געראָדעט, אַז אין הויז הערשט שלום, מען פיהרט אַ אידישע הויז, מאַן און פרוי ציהען אין איין ריכטונג. טאָמער אָבער ציהט איינער אַהין און איינער אַהער; דער מאַן וויל געבען די קינדער אַ אידישע ערציהונג, און די פרוי, למשל, האַלט גאָר פון אַ „מאָדערנע עדיו־קיישאָן", טויג עס ניט. פון דעם קינד וועט שוין קיין לייט ניט ווערען, כאָטש ער וועט אין דעם לחלוטין נישט זיין שולדיג.

האָט טאַקע ביי יעקב'ן אין הויז געהערשט שלום ושלוה. אָבער איין שטיקעלע חסרון האָט זיך יאָ אַריינגעכאַפּט. יעקב האָט ליב געהאַט יוסף'ן מעהר פון אַלע קינדער. האָט דאָס פאַרדראָסען די אַנדערע קינדער, און זיי האָבען אָנגעהויבען פיינט האָבען יוסף'ן. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען מן השמים. יוסף'ן איז באַשערט געווען צו ווערען וויצע־מלך פון דעם מעכטיגסטען לאַנד אין יענער צייט אום צו ראַטעווען יעקב'ן און זיין הויז־געזינד אין די הונגער יאָרען. אָבער דערווייל האָט עס געשאַפען קנאה און שנאה צווישען די ברידער. לערנען מיר דערפון אַז עלטערען דאַרפען באַהאַנדלען אַלע קינדער גלייך. און די גמרא זאָגט אונז טאַקע „לעולם אל ישנה אדם בנו מן הבנים", מען טאָר ניט מאַכען אַן אונטערשייד צווישען קינד און קינד, מען דאַרף ליב האָבען אַלע גלייך.

און די סדרה דערציילט אונז „וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם", און יוסף'ס ברידער זיינען געגאַנגען פיטערען (פאַשען) זייער פאָטער'ס שאָף. זאָגט דאַרויף רש"י ז"ל: אויף דעם וואָרט „את" שטעהט פינטעלעך. לערענט עס אונז אַז זיי זיינען געגאַנגען פיטערען זיך אַליין. איז וואָס מיינט עס? זיי זיינען דאָך געווען מענשען! זאָגט דאַרויף דער „חתם סופר" ז"ל, אַ דער דאָזיגער דרוש איז ניט צו שאַנד פאַר יעקב'ס קינדער. נאָר דאָס מיינט אַז די פיינדשאַפט פון די ברידער, און דאָס פאַרקויפען שפּעטער יוסף'ן קיין מצרים, וואו ער איז געוואָרען דער אויפזעהער איבער גאַנץ מצרים און איבער די תבואה, אָט דאָס אַלץ איז געווען פאַר זייער טובה וועגען, „לרעות את עצמן", כדי יעקב און זיין הויז־געזינד זאָלען שפּעטער, אין די הונגער־יאָרען, ניט דאַרפען ליידען קיין הונגער.

און ווען יעקב האָט געשיקט יוסף'ן צו די ברידער, האָט ער אים געזאָגט ער זאָל געהן אויסגעפינען „את שלום אחיו", שלום אין דעם זינען פון גאַנצ־קייט. ער זאָל זוכען „שלימות", ניט קיין פעהלער. און אָט דאָס מיינט טאַקע די גמרא מיט „מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה", די זון זעהט קיינמאָל ניט קיין פגם, קיין חסרון אין דער לבנה. דער אמת גרויסער מענש, דאָס אמת „גרויסע ליכט", זוכט ניט קיין פעהלער ביי די יעניגע וואָס זיינען קלענער פון אים. אדרבה, ער האַלט פון זיך גאָר ווייניג. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

ווען ר' ישעיה הורוויץ ז"ל, פראַנקפורטער רב, איז נפטר געוואָרען, האָט ער איבערגעלאָזט אין זיין צוואה, אַז דער וואָס וועט פאַרענטפערען געוויסע דריי קשיות, זאָל פאַרנעמען זיין כסא הרבנות. האָט מען אַרויסגעשיקט דריי וויכטיגע לומדים, זיי זאָלען געפינען אַזאַ למדן. זיינען די שלוחים געפאָהרען

פון שטאָדט צו שטאָדט, ביז זיי זיינען ענדליך אָנגעקומען קיין קראָקא. גראד איז אין יענעם טאָג געווען אַ ברית, און מען האָט אויך איינגעלאַדען די דריי אורחים. ביי דער סעודה האָט דעם ניי־געבוירענעם אינגעלעס אַ ברודערעל געהאַלטען אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט פאַרענטפערט די דריי קשיות. די אורחים האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט. זיי האָבען געפרעגט ווער עס האָט אים אויסגעלערענט די דרשה, און מען האָט זיי אָנגעוויזען אויף דעם שמש ר׳ יוסף שמואל ז״ל. זיינען זיי צו אים צוגעגאַנגען און האָבען געזאָגט אַז זיי ווילען מיט אים רעדען וועגען אַ וויכטיגען ענין. ער האָט זיי געענט־פערט, אַז ער איז אַ מלמד, און טאָר ניט מבטל זיין קיין צייט. זיי האָבען אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט, און ווען ער האָט דערהערט אַז זיי ווילען אים נעמען פאַר אַ רב אין פראַנקפורט, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ מלמד, ווי קומט ער צו ווערען אַ רב אין אַזאַ שטאָדט ווי פראַנקפורט. זיי האָבען אים דערציילט פון דער צוואה, אָבער ער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, און די שלוחים זיינען אַוועקגעפאָהרען מיט ליידיגען. עטליכע טעג שפּעטער איז ר׳ יוסף שמואל קראַנק געוואָרען. ליגענדיג אין בעט, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און געזאָגט: רבונו של עולם, אויב דו ווילסט דוקא אַז איך זאָל זיין רב אין פראַנקפורט, בין איך מבטל מיין רצון פאַר דיינעם. ער האָט אָנגענומען דאָס רבנות, און גע׳שם׳ט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זיין גאונות און צדקות.

און ווען די ברידער האָבען דערזעהן יוסף׳ן פון דער וויטענס „ויתנכלו אתו להמיתו״. טייטשט רש״י ז״ל „אותו כמו אתו, עמו, כלומר אליו״. איז דער דאָזיגער טייטש זעהר אומפאַרשטענדליך. מען זאָגט אפילו אַז רש״י׳ס אַ תלמיד האָט געפאַסט דריי טעג אויף רש״י׳ס קבר, ער זאָל אים מגלה זיין דעם טייטש. וועל איך איבערגעבען דעם טייטש פון דעם ווילנער גאון ז״ל: דאָס וואָרט „אותו״ פון דעם דאָזיגען פסוק, כמו אתו, איז ווי „אתו״ אין דעם פסוק והשיב את הגזלה... או את הפקדון אשר הפקד „אתו״. און ווי דער „עמו״ אין דעם פסוק לא נעשה „עמו״ דבר. און אין אָט די אַלע דריי ערטער האָט עס די באַדייטונג פון „אליו״.

און ווען יעקב האָט דערהערט אַז אַ ווילדע חיה האָט פאַרצוקט זיין זוהן יוסף, האָט ער זיך ניט געלאָזט טרייסטען, און ער האָט געזאָגט „כי ארד אל בני שאולה״. טייטשען די חכמים און רש״י ז״ל אויף דעם אָרט אַז דאָס וואָרט „שאולה״ מיינט גיהנם. איז ווי קומט עס וואָס דער עהרליכער יעקב, דער איש תם, זאָל גאָר האָבען דעם גיהנם פאַר די אויגען, בעת עשו טראַכט גאָר קיינמאָל ניט פון גיהנם. ערקלערט עס דער רבי ר׳ העשיל ז״ל אַזוי: יעקב און עשו האָבען זיך דאָך, ווי מיר ווייסען, איינגעטיילט מיטביידע וועלטען, יעקב׳ן עולם הבא, און עשו׳ן עולם הזה. ווען עשו, אלזאָ, זאָל געווען טראַכ־טען, אַז ער וועט קריגען גיהנם, וואָלט דאָך שוין דער דאָזיגער געדאַנק גופא אים געווען אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבען, אַז ער וואָלט אפילו ניט גע־ווען געהאַט קיין הנאה פון עולם הזה. דאַגעגען ווען יעקב וואָלט געווען זיכער אַז ער וועט האָבען גן עדן, וואָלט ער דאָך פון צופיל פרייד געווען געהאַט ביידע וועלטען.

און יעקב האָט שוין גאָר געוואוסט פאַרוואָס עס לוינט זיך מותר צו זיין

אויף עולם הזה, אַבי צו קריגען יענע וועלט. אַט הערט וואָס עס טהוט זיך דאָרט: אין דעם גן־עדן זיינען פאַראַן צוויי טויערען ביי וועלכע עס שטעהען זעקס הונדערט טויזענט מלאכים, און יעדען איינעם׳ס פּנים שיינט אַזוי ווי דאָס ליכטיגקייט פון דעם הימעל. און ווען דער צדיק קומט צו, נעמען זיי אַרונטער פון אים די מלבושים מיט וועלכע ער קומט פון קבר. וואָרום ביי תחיית המתים ווערט מען אָנגעטהון מיט די מלבושים וואָס מען האָט געטראָגען אויף דער וועלט, און מען טהוט אים אָן אַכט מלבושים פון עהרען־וואָלקען. אויף דעם קאָפּ טהוט מען אים אָן צוויי קרוינען, איינע פון די טייערסטע דימענטען און פּערל און איינע פון גינגאָלד. אין דער האַנט גיט מען אים אַכט טייערע פּירות. מען פיהרט אים אַריין אין אַ פּאַלאַץ וואו עס געפינען זיך פאַרשיידענע טייכען, וואָס זיינען אַרומגערינגעלט מיט אַכט הונדערט פאַרשיידענע בוימער. פאַר יעדען צדיק באַזונדער איז פאַראַן אַ חופּה, לויט זיין כבוד, און עס פליסט פון איר פיר טייכען, איינער פון בוימעל, איינער פון „אפרסמון״, איינער פון וויין און איינער פון האָניג. איבער יעדער חופּה געפינט זיך אַ גאָלדענער ווינשטאָק אין וועלכען עס הענגען דרייסיג טייערע פּערעל. יעדער פּערעל שיינט מיט אומבאַשרייבליכען בליאַסק. אין יעדער חופּה שטעהט אַ טיש פון טייערע בריליאַנטען און פּערעל. זעכציג מלאכים שטעהען לעבען יעדען צדיק און זאָגען אים ער זאָל עסען דעם האָניג מיט שמחה, און טרינקען דעם וויין וואָס איז באַשאַפען געוואָרען ביי דער שאַפונג פון דער וועלט (יין המשומר).

אַזוי שעהן זיינען די צדיקים אַז דער מיאוס׳טער פון זיי זעהט אויס ווי יוסף הצדיק און ווי רבי יוחנן, וואָס זיינען געווען אויסערגעוויינליכע שעהנהייטען. זילבערנע מילגרוים בלומען רינגלען זיי אַרום געגען דער זון. קיין נאַכט איז דאָרט נישט פאַראַן. און איינגעטיילט איז דער טאָג אין דריי טיילען. אין דעם ערשטען טייל פון טאָג איז דער צדיק אַ יונגער אינגעל. געהט ער אריין אין דער אָפּטיילונג פון אינגלעך, און פרעהט זיך דאָרט ווי אַ קינד. אין דעם צווייטען טייל פון טאָג ווערט ער פאַרוואַנדעלט אין אַ בחור. ער געהט אריין אין דער אָפּטיילונג פון די בחורים, און פרעהט זיך דאָרט מיט די בחורים. אין דעם דריטען טייל פון טאָג ווערט ער אַ מענש פון די עלטערע יאָרען. ער געהט אריין אין דער אָפּטיילונג פון די עלטערע, און ער איז זיך משמח מיט זיי. און דאָס איז כדי ער זאָל פאַרזוכען אַלערליי שמחות. וואָרום די שמחה פון אַ קינד איז ניט ווי די שמחה פון אַן ערוואַק־סענעם מענשען, און די שמחה פון אַ בחור איז ניט ווי די שמחה פון אַן עלטערען מענשען.

און אין גן עדן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע „ווינקעלעך״, און אין דעם קלענסטען ווינקעלע זיינען פאַראַן אַכט הונדערט טויזענט פאַרשיידענע סאָר־טען שמעקענדיגע בוימער. און אין יעדען ווינקעלע שטעהען זעקס הונדערט טויזענט מלאכים און זינגען מיט שטימען וואָס אַ מענש קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען. אין דער מיט פון גן־עדן שטעהט דער „עץ החיים״, און ער באַדעקט דעם גאַנצען גן־עדן. דער „עץ החיים״ האָט אַ האַלבען מיליאָן פאַרשיידענע טעמים. איין טעם איז געשמאַקער פון דעם אַנדערען. איבער אים זיינען פאַראַן זיבען עהרען־וואָלקענס. פון אַלע פיר זייטען בלאָזען

ווינטעלעך און זיין געשמאַקער־דופטיגער ריח טריפט אין דער גאַנצער וועלט, פון איין עק ביז צום אַנדערען. אונטער אים זיצען די תלמידי חכמים און לערנען תורה. איבער יעדען תלמיד חכם הענגען צוויי חופות, איינע פון שטערען, און די אַנדערע פון זון און לבנה. און צווישען איין חופה און דער אַנדערער איז פאַראַן אַ פאָרהאַנג פון עהרען־וואָלקען. און פאַראַן זיינען דאָרט דריי הונדערט און צעהן וועלטען. און עס געפינען זיך דאָרטען זיבען כיתות פון צדיקים. אין דער ערשטער כיתה געפינען זיך רבי עקיבא און זיינע חברים. די צווייטע כיתה באַשטעהט פון די וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים. אין דער דריטער זיצען רבי יוחנן און זיינע תלמידים. אין דער פערטער געפינען זיך אַזעלכע וואָס דער „ענן", דער וואָלקען האָט זיי באַדעקט. די פינפטע באַשטעהט פון בעלי תשובה. די זעקסטע כיתה באַשטעהט פון בחורים (בעטשלאָרס) וואָס האָבען קיינמאָל ניט געזינדיגט. די זיבעטע כיתה איז פון אָרימע לייט וואָס האָבען געלערענט און זיך פיין אויפגעפיהרט, און דער אויבערשטער זיצט צווישען זיי און ערקלערט זיי די תורה.

און ווען די צדיקים קומען צום גן־עדן, זאָגט כביכול צום מלאך גבריאל: באַגריס זיי אין מיין נאָמען. געהען באַלד די מלאכים מיכאל און גבריאל און באַגריסען זיי אין דעם אויבערשטענס נאָמען. זאָגען די צדיקים צו זיי: געהט, זאָגט דעם באַשעפער אַז מיר ווילען ער זאָל אנטייל נעמען מיט אונז אין דער סעודה וואָס איז אָנגעגרייט אין גן־עדן. ערפילען די מלאכים זייער וואונש, און באַלד באַוויזט זיך כביכול. ער הייסט זיי זיך זעצען. ער אליין זעצט זיך צווישען זיי, און ער זאָגט זיי, אַז דאָס איינציגע וואָס ער האָט פון זיי פאַרמיטען איז דער כסא הכבוד, און איצט גיט ער זיי אַ טייל פון דעם כסא הכבוד.

און באַלד ווערען אַריינגערופען די גרויסע פיהרער, די זיבען פאַסטוכער. אדם, שת, אנוש, מתושלח, שטעלען זיך אין זיין רעכטער האַנט, אברהם, יצחק, יעקב, שטעלען זיך לינקס, און די אַכט פירשטען, ישי, שאול, שמואל, עמוס, צפניה, חזקיהו, אליהו און משיח. דוד שטעלט זיך געגען דער שכינה, זעקס טפחים, און משה רבינו שטעלט זיך אָפּגערוקט פון דער שכינה זעקס טפחים, ווי די לענג פון די לוחות. און אַזוי ווי שאול האָט ניט קיין פלאַץ צו זיצען, זאָגט דוד המלך צום רבונו של עולם: שאול האָט געקעניגט פאַר מיר, און ער איז אַ צדיק גמור, קומט אים אַ פלאַץ. גיט אים דער אויבער־שטער אַן אָרט. רופט זיך אָן שלמה המלך צו דוד'ן, פאַר שאול'ן האָסטו געבעטען אַן אָרט, דאַרפסטו דאָך פאַר מיר אודאי בעטען. הויבט כביכול אָן צו לויבען שלמה'ן און זאָגט: זיין אייגען הויז האָט אים גענומען גאַנצע דרייצעהן יאָר אויפצובויען, אָבער דאָס בית המקדש האָט ער אויפגעבויט אין זיבען יאָר, און ער האָט אים געגעבען אַ פלאַץ צו זיצען.

נאָכדעם ווי יעדער איינער זיצט שוין אויף זיין אָרט, גרייט משה רבינו צו אַ סעודה פאַר די צדיקים. מלכי צדק שטעלט זיך אויף, און גיט יעדען צדיק זיין שכר. און כביכול שטעלט זיך אויף און פרעגט יעדען צדיק וואָס פאַר אַ ווייץ ער וויל, און ער זאָגט: איך אליין וועל זיך פרעהען מיט אייך.

דאַן קומען די רשעים און זעהען דעם גרויסען כבוד וואָס די צדיקים האָבען. ווי אברהם, יצחק און יעקב שטעהען אין דער שפיץ, און פייערדיגע

בליצען געהען אַרויס פון זייערע מיילער. ליכטיגע שטראַהלען באַדעקען זייערע קעפּ, און זייער לויטערקייט בליאַסקעט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערען. זאָגען די רשעים: וואויל דעם פאָלק וואָס אַזעלכעס געשעהט צו אים; וואויל צו דעם וואָס דער אויבערשטער איז זיין מלך; וואויל צום מלך וואָס אַזעלכע צדיקים זיינען מיט אים; און וואויל צו אַ פאָלק וואָס דער הייליגער טיילט זיי צו אַזאַ כבוד.

אין יענער מינוט שיקט כביכול נאָך דעם מלאך המות און נאָך דעם יצר־הרע, און ער טויטעט אים דורך פייער פון דעם טייך דינור, און ער ווערט פאַרשוואונדען פון דער וועלט, ווי אין פסוק שטעהט: ובלע המות לנצח. און דער הייליגער ווערט די ישועה, די נחמה און די שמחה פון די צדיקים.

האָב איך אייך איבערגעגעבען בלויז אַ „ביליאָנטעל" טייל פון דעם וואָס עס טהוט זיך דאָרט. אָבער דאָס אַליין איז שוין גענוג איינצוזעהן אַז יעקב האָט גוט געוואוסט פאַרוואָס ער וויל בעסער יענע וועלט. אָבער זוכה זיין צו יענער וועלט, צום גן־עדן, דאַרף מען עס פריהער פאַרדינען אויף דער וועלט. און דאָס קען מען בלויז דורך פיהרען אַ אידיש לעבען, ווי די תורה, די נביאים, און די חכמים ז"ל לערנען אונז. און מיר וועלען ענדיגען מיט אַ שעהנעם טייטש־וואָרט פון דער היינטיגער סדרה:

דער פסוק זאָגט „ויבא הביתה לעשות מלאכתו", יוסף איז אַריינגעקומען טהון זיין אַרבייט, און פוטיפר'ס ווייב האָט זיך ערקלערט אין ליבע צו אים. זאָגען די חכמים און רש"י ז"ל אויף דעם אָרט, אַז יעקב'ס געשטאַלט איז געקומען יוסף'ן פאַר די אויגען. זאָגט ר' מאיר פּרעמישליאַנער ז"ל: יעקב האָט זיך געפיהרט אויף דעם אַלטען, פאַרצייטיגען אידישען שטייגער. יוסף, אָבער, דער אינגערער דור, האָט זיך שוין געפיהרט אַביסעל מאָדערנע. ער האָט „געקרייזעלט" די האָר, זיך „געפוצט". ער האָט געוואָלט ווייזען אַז מען קען זיין אַ „מאָדערנער" מענש, און דאָך זיין אַ גוטער, עהרליכער איד. אָבער ווען ער האָט באַדאַרפטביישטעהן דעם שווערען נסיון „נראית לו דמות דיוקנא של אביו", האָט ער דערזעהן דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער. ער האָט איינגעזעהן אַז דעם פאָטער'ס דרך איז פאָרט דער ריכטיגער, פאָרט דער בעסערער, דער געזינטסטער.

מקץ

פּרעה האָט געַחלום׳ט אַז ער שטעהט ביי דעם טייך (נילוס). פון דעם טייך געהען אַרויס זיבען שעהנע, פעטע קיה, און זיי פּאַשען זיך אויף די לאָנקעס. און באַלד נאָך זיי קומען אַרויס זיבען מאָגערע קיה. די מאָגערע בהמות האָבען אויפגעגעסען די זיבען פעטע קיה, און מען האָט אפילו ניט געקענט דערקענען אַז זיי האָבען זיי אויפגעגעסען. און פּרעה האָט זיך אויפ־געכאַפּט פון זיין שלאָף. און פּרעה האָט ווידער געַחלום׳ט ווי זיבען פעטע זאַנגען געהען אויף, אויף איין שטרוי, און נאָך זיי שפּראָצען זיבען מאָגערע זאַנגען, און די זיבען מאָגערע זאַנגען האָבען איינגעשלונגען די זיבען פעטע זאַנגען, און פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט. האָט ער זיך דערשראָקען, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, און ער האָט גערופען אַלע כשוף מאַכער און קלוגע לייט, אָבער זיי האָבען ניט געקענט אויסטייטשען די חלומות.

האָט דער שר המשקים דערצעהלט פּרעה׳ן אַז אין תפיסה זיצט אַ אידישער בחור, און ער איז אַ גרויסער מומחה אויסצוטייטשען חלומות. האָט מען באַלד געשיקט נאָך אים, און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אונזער יוסף הצדיק, יעקב אבינו׳ס זוהן, און ער האָט אויסגעטייטשט די חלומות אַזוי: אין מצרים וועלען זיין זיבען פעטע יאָר („פּראָספּעריטי״) און דאַן וועלען קומען זיבען הונגער יאָר. און ער האָט געראַטען פּרעה׳ן, דעם מלך פון מצרים, ער זאָל באַשטימען אַ מענשען (אַ „קאָמישאָנער״), וועמענס אויפגאַבע עס זאָל זיין אַנצוזאַמלען גענוג תבואה אין די זיבען גוטע יאָר, עס זאָל „סטאַיען״ פאַר די זיבען הונגער יאָר.

פּרעה׳ן זיינען די אויסטייטשונג און די עצה געפעלען, און ער האָט טאַקע באַשטימט יוסף׳ן פאַר דעם „אויפזעהער״. און אַ דאַנק דעם איז יוסף געוואָרען שני למלך — וויצע־קעניג — און ער האָט געראַטעוועט מצרים און פילע אַנדערע לענדער פון אַ זיכערען הונגער־טויט.

פאַראַן אַ סברה, אַז די איז געווען זיינע אַ פלימעניצע, נעמליך, זיין שוועסטער

און יוסף האָט חתונה געהאַט מיט אסנת, פּוטיפרע׳ס טאָכטער (עס איז דינה׳ס טאָכטער), און זי האָט אים געבוירען צוויי זיהן מנשה און אפרים. אַזוי ווי דער הונגער האָט זיך אָנגעהויבען פילען אויך אין כנען, האָט יעקב אבינו געשיקט זיינע זיהן קיין מצרים צו קויפען תבואה. יוסף האָט באַלד דערקענט זיינע ברידער, אָבער זיי האָבען אים ניט דערקענט. און דער מדרש דערצעהלט אונז, אַז יוסף האָט זיי דערקענט ווייל ווען ער איז פון זיי אַוועק, זיינען זיי שוין געווען מענשען מיט בערד, האָט זייער אויסזעהן זיך ניט פיעל געענדערט. דאַגעגען ער, ווען ער איז אַוועק פון זיין פאָטער׳ס הויז איז ער נאָך געווען אַ יונג אינגעל, אינגאַנצען זיבעצעהן יאָר אַלט. איצט איז ער שוין געווען אַ מענש פון א יאָר דרייסיג מיט אַ באָרד, האָבען זיי אים ניט דערקענט.

אַזוי ווי יוסף האָט זעהר געוואָלט זעהן זיין פאָטער יעקב און זיין ברודער בנימין, האָט ער אומיסנע באַשולדיגט זיינע ברידער אַז זיי זיינען שפּיאָנען, און ער האָט זיי געזאָגט: „אַז איר וועט מיר ברענגען אייער ברודער וואָס, ווי איר האָט פריער דערמאָנט, איז געבליבען מיט אייער פאָטער, וועל איך זיין איבערצייגט אַז איר האָט געזאָגט דעם אמת", און ער האָט פאַרהאַלטען שמעון'ען אַלס משכון. ער האָט זיי פאַרקויפט תבואה, אָבער ער האָט גע־הייסען זיינע משרתים אַז זיי זאָלען אַריינלייגען דאָס געלט פאַר דער תבואה אין זייערע זעק. און יעקב'ס קינדער האָבען זיך אומגעקערט צו זייער פאָטער יעקב. אָט דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דער סדרה.

ווייסען מיר אַז אונזער פאָטער יעקב האָט גע'חלום'ט אַ חלום; אַז פרעה'ס שר המשקים און שר האופים, דער הויפט „באַטלער", און דער הויפט־בעקער האָבען גע'חלום'ט חלומות; אַז שלמה המלך האָט גע'חלום'ט חלומות (זעהט מלכים א' קאַפּיטעל ג'). אָבער וואָס איז דער אונטערשיד פון יעקב אבינו'ס און שלמה המלך'ס חלומות, און די חלומות וואָס פרעה און זיינע „מישטאַלעריעס" האָבען געזעהן? דער אונטערשיד איז אַ גע־וואַלדיג גרויסער.

יעקב האָט געזעהן אין חלום: והנה סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו". יעקב האָט גע'חלום'ט, אַז ער זעהט ווי אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ דערגרייכט ביז דעם הימעל, און מלאכים געהען אויף אים אַרויף און אַראָפּ. און שלמה דער חכם בן חכם, דער מלך בן מלך, דער קלוגסטער מענש אין דער וועלט, האָט גע'חלום'ט ווי דער אויבערשטער זאָגט אים: „שאל מה אתן לך", זאָג מיר וואָס דו פאַרלאַנגסט, וועל איך עס דיר געבען. האָט שלמה געענטפערט: „גיב דיין קנעכט אַ האַרץ וואָס זאָל קענען אונטערשיידען צווישען גוטס און שלעכטס".

און וואָס האָבען די גוים געזעהן אין זייערע חלומות? פרעה'ס „באַטלער" (שר המשקים) האָט גע'חלום'ט אַז ער זעהט אַ וויינשטאָק, און אַז ער דערלאַנגט פרעה'ן אַ גלעזעל משקה. דער הויפט־בעקער האָט גע'חלום'ט אַז ער האָט אַ קויש מיט געבעקס. און פרעה, דער קעניג פון מצרים האָט געחלום'ט פון בהמות, פעטע קיה, מאָגערע קיה, פעטע זאַנגען און מאָגערע זאַנגען.

איז, זעהט־זשע דעם אונטערשיד. יעקב אבינו האָט אין זיין חלום געזעהן ערדישע זאַכען, אָבער גלייכצייטיג אויך הימלישע, גייסטיגע זאַכען. יעקב האָט געזעהן ווי אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד, אָבער אַז דער לייטער דערגרייכט ביז צום הימעל. ערד און הימעל. גשמיות צוזאַמען מיט רוחניות. ווארום ווען האָט גשמיות'דיגס אַ ווערט, אויב עס איז פאַר־בונדען מיט רוחניות. געוויס איז ברויט מיט קאַרטאָפליעס, מיט „טשיקענס" אַן עניך, אָבער ווען? אַז עס איז דאָ דערביי אויך גייסט, תורה, מעשים טובים. אָבער אָן רוחניות, אָן גייסט, וואָס איז נפקא מיניה וויפיל זעקלעך קאַר־טאָפליעס (בולבעס) אַ מענש עסט אויף? און אַז ער עסט אויף נאָך פופציג זעקלעך קאַרטאָפליעס, צי נאָך טויזענט ברויט, איז וואָס?

און וואָס האָט שלמה המלך גע'חלום'ט? ער האָט גע'חלום'ט פון אַ האַרץ,

ער זאָל קענען אונטערשיידען פון גוטס און שלעכטס! ער זאָל קענען משפט'ן זיין פאָלק אויף אן ערליכען, גערעכטען אופן.

נו, און וואָס האָבען די גוים גע'חלומ'ט? זיי האָבען גע'חלומ'ט פון ווייך, געבעקס, פעטע בהמות, מאָגערע בהמות, פעטע זאַנגען מאָגערע זאַנגען. זיי האָבען גע'חלומ'ט פון ווייך, פרישע בולקעלעך, גוטע קאָטלעטען, סטייקס!

און דאָס איז דער אונטערשיד צווישען גוי און איד. דער גוי חלומ'ט פון ווייך, ראָלס, און קאָטלעטען, דער איד חלומ'ט טאַקע אויך פון עסען, ווייל אָן עסען קען מען דאָך פיזיש ניט לעבען. אָבער גלייכצייטיג חלומ'ט ער אויך פון גייסט, ווייל אָהן גייסט, אָהן תורה, אָהן מעשים טובים, אָהן וויסען דעם אונ־טערשיד פון גוטס און שלעכטס, האָט דאָך דאָס גאַנצע לעבען ניט קיין ווערט.

„ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם, והנה עומד על היאור". האָט דער „איד הקדוש" געזאָגט: עס איז די פליכט פון יעדער אידען, ער זאָל עפענען די אויגען, ווערען וואַכעדיג, וועט ער באַלד דערזעהן, „והנה עומד על היאור". אַז ער שטעהט ביי ליכטיגקייט (דאָס וואָרט היאור, ענטהאַלט אין זיך דאָס וואָרט „אור", וואָס מיינט ליכטיגקייט), און ביי ליכטיגקייט זאָל ער בלייבען שטעהן. ווארום אָהן ליכטיגקייט איז דאָס לעבען פינצטער.

און נאָך אַ גוט וואָרט: „ויהי מקץ שנתים ימים", ווען דער מענש קומט אויף דער עלטער, ווען ער האָט שוין ביים פאַרלאָזען די וועלט (און דאָס מוז דאָך יעדער איינער, דאָס וועלען דאָך אפילו די גרעסטע פילאָזאָפען ניט אָפּלייקענען), „ופרעה" — דאַן אַנטפּלעקט ער (פון דעם לשון כי פרעֹה אהרן) אַז „חולם", אַז זיין גאַנץ לעבען איז געווען ניט מער ווי אַ חלום.

און ר' דוד'ל טאַלנער ז"ל פלעגט טייטשען דעם פסוק אַזוי: „ויהי מקץ", וואָס וועט זיין דער סוף? „שנתים ימים", מען פאַרשלעפּט די יאָרען, „ופרעה חולם", און מען לאָזט זיך פאַרפיהרען פון חלומות, פאַנטאַזיעס, און גלאַט איינגערעדטע נאַרישקייטען.

און ווער מיינט איר חלומ'ט אַממערסטען? דער יעניגער וואָס האָט בלויז אין זינען דעם קערפּער, דעם גוף. דער קאָזשעניצער מגיד ז"ל, האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה: פאַרוואָס רופט מען דעם קערפּער אויף העברעאיש גוף? ווייל די אותיות פון „גוף" מאַכען גוף וויל פרעסען; גוף וויל פּיען (טרינקען); גוף וויל פופען (שלאָפען); און גוף וועט פוילען.

זיינען פאַראַן אויך אידען, ליידער, וואָס האָבען אין זינען בלויז דעם קערפּער, בעת פאַר דער נשמה זאָרגען זיי כמעט גאָר ניט. איז וואָס־זשע מיינט איר, איז דער סוף פון אַזעלכע אידען? אַט הערט אַ גוט ווערטעל. דער גאון ר' אברהם משה ז"ל, פון ראַקאָוו, איז פאַרשטעהט זיך געווען שטאַרק מפורסם פאַר זיין לומדות. איז אַמאָל אַ איד אַ גביר צוגעגאַנגען צו אים אין בית המדרש און געזאָגט: „רבי, געדענקט איר אַז ווען מיר זיינען געווען קליינע אינגלעך, האָבען מיר ביידע געשפּילט אין פערדלעך?" „געוויס געדענק איך", האָט דער רבי געענטפערט, „אַמאָל בין איך געווען אַ פערד און אַמאָל ביזטו געווען אַ פערד, אָבער ווער איז געבליבען אַ פערד?"

און פאַרוואָס מיינט איר זיינען פאַראַן צווישען אונז אידען אַזוי פיעל פערד? ווייל זייער איינציגער וואונש איז „לחיים טובים". אַלץ וואָס זיי

ווילען איז אַ גוט לעבען, „אַ גרינג געמיט און אַ שווערען בייטעל״. זיי אינטערעסירט בלויז דאָס חומר׳דיגע, דאָס מאַטעריעלע. האָט דער רבי אלימלך ז״ל ריכטיג באַמערקט, אַז ווען צוויי אידען טרינקען „לחיים״, זאָל דער צווייטער ניט ענטפערען „לחיים טובים״, נאָר ער זאָל ענטפערען „לחיים טובים ולשלום״. ווארום „לחיים טובים״ באַטרעפט פונקט ווי דאָס וואָרט „קללה״ — הונדערט פינף און זעכציג. מען דאַרף טאַקע וועלען אַ גוט לעבען, מיט געזונט און פרנסה. אָבער דאָס איז בלויז נוגע דעם גוף. אַ איד דאַרף אָבער אויך אין זינען האָבען דעם „שלום״, די נשמה זאָל זיין גאַנץ.

אויף „ויבא יעקב שלם״ . . . זאָגען אונזערע חכמים און רש״י ז״ל אויף דעם אָרט: „שלם בממונו, שלם בגופו, שלם בתורתו״. ווייל אפילו ווען איינער איז רייך, האָט שעהן פרנסה, און ער איז אויך געזונט, איז נאָך אַלץ ניט „שלם״, אויב ער איז ניט „שלם בתורתו״, אויב ער באַזאָרגט זיך ניט גלייכצייטיג מיט תורה, מיט דעם גייסטיגען, אויב ער האָט ניט אין זינען די נשמה. ער מעג טאַקע חלום׳ען פון אַ לייטער וואָס שטעהט אויף דער ערד, אָבער גלייכצייטיג דאַרף ער אויך טרוימען, און טאַקע זיך באַמיען צו פאַרווירקליכען אַז „וראשו מגיע השמימה״, אַז דער לייטער זאָל דערגרייכען צום הימעל. ער דאַרף טרוימען פוןביידע, פון ערד און הימעל, פון דעם מאַטעריעלען, אָבער אויך פון דעם גייסטיגען.

זענען טאַקע פאַרהאַן, ברוך השם, אידען וואָס האָבען אין זינען דאָס גייסטיגע פונקט ווי דאָס מאַטעריעלע. זיי לערנען תורה, גיבען צדקה, און טהוען גלאַט מעשים טובים. איז וואויל און גוט צו זיי אויף ביידע וועלטען. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען אַז דאָס גייסטיגע באַשטעהט, למשל, אין סיגופים, אין זיך אַליין פייניגען, אין האַלטען אין איין פאַסטען. ווי זאָגט מען אויף טעאַטער לשון, „זיי שפילען מיט אַן אויג צו דער גאַלעריע״. זיי ווילען זיך אויספיינען פאַר דעם פאָטער אין הימעל, איידער לערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י, צי צו העלפען אַן אָרימאַן, אָדער א וואויל־טעטיגען אַנשטאַלט. אויף אַזאַ איינעם איז פשוט אַ רחמנות.

צום קאָזשעניצער מגיד זצ״ל, איז אַמאָל געקומען אַ איד, דאַר ווי אַ צאָהן־שטעכער, האָט געטראָגען צעריסענע מלבושים, און אויסגעזעהן פאַר׳־חושך׳ט ווי די נאַכט, און ער האָט געזאָגט דעם מגיד, אַז ער האַלט אין איין קלאָגען אויף גלות השכינה. עטלעכע טעג אין דער וואָך פאַסט ער, און אויף דעם הוילען לייב טראָגט ער אַ פשוט׳ן זאַק. האָט דער מגיד זיך אָנגערופען: „ווי עס ווייזט אויס איז דער יצר הרע שוין גאָר ניט קיין נאַר, ער האָט דיך נישט־קשה׳דיג „אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין״.

די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז ווי די ברידער האָבען געזאָגט צו יוסף׳ן „כלנו בני איש אחד נחנו״, מיר אַלע זיינען די קינדער פון איין פאָטער. זאָגט דאַרויף דער „חן טוב״ ז״ל אַ טייער וואָרט: דאָס וואָרט „נחנו״ (דאָס זעלבע וואָס אנחנו — מיר) געפינט זיך דריי (פיר) מאָל אין תנ״ך, נעמליך:

כלנו בני איש אחד נחנו, נחנו פשענו ומרינו, נחנו נעבור חלוצים. דאָס איז אָנצוהערען, אַז אויב „כלנו בני איש אחד נחנו", אויב אידען זיינען איינס, לעבען צווישען זיך אין אחדות, איז כאָטש „נחנו פשענו ומרינו", איז אַפילו ווען מיר זינדיגען און ווידערשפעניגען, איז „נחנו נעבור חלוצים", וועלען מיר זיך דאָך שטאַרקען און גובר זיין אונזערע שונאים, און זיך צוריק־קערען אין אונזער לאַנד.

איז דאָס ניט נאָר אַ געניאַל וואָרט, נאָר עס איז אַן אמת וואָס אונזער דור זעהט עס מיט די אייגענע אויגען. מיר אידען ליידען פון אַ קראַנקהייט וואָס הייסט צעשפליטערטקייט. זאָגט איינער אַזוי, זאָגט דער אַנדערער פונקט קאַפויר, נאָר דערפאַר ווייל יענער האָט געזאָגט אַזוי. האָבען אַ טייל אידען געזאָגט אַז מען דאַרף צוריקבאַקומען ארץ ישראל, האָבען אַנדערע געזאָגט, צו וואָס ארץ ישראל, זיי געפעלט גאָר אוגאַנדאַ, צי וויס איך וואָס. זעהן מיר דאָך, אַז ווי נאָר מיר האָבען אַ זאָג געטהון „כלנו בני איש אחד נחנו", מיר אַלע זיינען איינס, איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם, און מיר ווילען בלויז אונזער לאַנד, דאָס לאַנד וואָס דער אויבערשטער האָט אונז צוגעזאָגט דורך אונזערע אבות אברהם, יצחק, יעקב, משה, יהושע, איז טאַקע „נחנו נעבור חלוצים", האָבען טאַקע אונזערע חלוצים באַקעמפט דעם שונא, און דאָס לאַנד ישראל איז ווידער דעם פאָלק ישראל'ס.

און אַזוי ווי היינטיגער שבת איז דאָך שבת חנוכה, וועלען מיר זאָגען עטלעכע ווערטער וועגען דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען יום־טוב.

וואָס מיינט דאָס וואָרט חנוכה? — באַנייען. נעמליך, נאָכדעם ווי די השמונאים האָבען באַזיגט דעם שונא און אים פאַרטריבען פון אונזער לאַנד, האָבען זיי געמאַכט אַ „חנוכת הבית". זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען די אומריינקייטען וואָס דער רשע אנטיוכס האָט אַריינגעבראַכט אין בית המקדש און זיי האָבען אים „באַנייט".

עס איז אויך פאַראַן אַ סברה, אַז חנוכה מיינט חנו כ"ה — זיי האָבען גערוהט דעם פינף און צוואַנציגסטען טאָג אין כסלו. ווארום דאַן האָבען די מכבים שוין געהאַט פולשטענדיג באַזיגט דעם שונא, און זיי האָבען שוין געקאָנט זיך אָפּרוהען פון די מלחמות.

און וואָס באַדייטעט דער נאָמען „מכבי"? עס איז געוועהנליך אָנגענומען אַז דאָס זיינען די ראשי תיבות (די ערשטע אותיות) פון מי כמוך באלים ה', און דאָס זאָל האָבען געווען דער עמבלעם פון די מכבים. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ סברה. נעמליך אַז עס מיינט מתתיהו כהן בן יוחנן, — נעמליך דער נאָמען מתתיהו, דער פאָטער פון די מכבים.

און וואָס באַדייטען די אותיות נ. ג. ה. ש. אויף דעם חנוכה דריידעל? זאָגט מען אַז דאָס מיינט נס גדול היה שם, — אַ גרויסער נס איז דאָרט פאָרגעקומען. פאַראַן נאָך אַ סברה. ווי באַוואוסט האָט דער רשע אַנטיוכס פאַרבאָטען די אידען צו לערנען תורה. האָבען די אידען אויסגעטראַכט דאָס דריידעל, אַזוי אַז ווען זיי קומען זיך צונויף לערנען, און דער שונא כאַפּט זיי, האָבען זיי געוויזען דאָס דריידעל, נעמליך אַז ניט זיי לערנען, נאָר זיי

שפּילען גאָר אין אַזאַ מין שפּיל. אין שפּעטערע דורות ווען עס איז שוין געוואָרען אַ מנהג פאַר קינדער צו שפּילען חנוכה אין דריידעל, אין געלט, האָט די „נ״ אָנגעהויבען באַדייטען נישט, „ג״ — גאַנץ, „ה״ — האַלב, „ש״ — שטעל איין.

און פאַרוואָס הויבט מען אָן מיט איין ליכטעל און יעדע נאַכט מיט איין ליכטעל מער, און ניט פאַרקערט, נעמליך מען זאָל אָנהויבען מיט אַכט ליכטלעך און יעדע נאַכט מיט איין ליכטעל ווייניגער? איז טאַקע פאַראַן וועגען דעם אַ פּלוגתא צווישען די בית שמאי און די בית הלל. די בית שמאי האלטען מען זאָל אָנהויבען מיט אַכט, און יעדען אָוועגט מיט איינס ווייניגער. און די בית הלל האַלטען מען זאָל אָנהויבען מיט איין ליכטעל און יעדען חנוכה אָוועגט מיט איין ליכטעל מער. און מיר פּסק׳ענען ווי די בית הלל, נעמליך מער ליכט! מער ליכט!

ויגש

די הייניגע סדרה איז אַ פאָרטזעצונג פון דער געשיכטע פון יוסף׳ן און זיינע ברידער, און זי דערצעהלט אונז „ויגש אליו יהודה״. ווען יוסף האָט געוואָלט פאַרהאַלטען זיין ליבלינגס־ברודער בנימין, האָט יהודה זיך איינגעשטעלט פאַר אים און געזאָגט, אַז ער האָט גאַראַנטירט יעקב׳ן אַז ער וועט בנימין׳ען אהיים ברענגען. איז וועט ער אונטער קיינע אומ־שטענדען אים איבערלאָזען. און ער האָט פאָרגעשלאָגען יוסף׳ן ער זאָל בע־סער אים פאַרהאַלטען אַנשטאָט בנימין׳ען.

יוסף איז געוועזן שטאַרק גערירהט, און האָט זיך שוין ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען. האָט ער געהייסען אַלע אַנוועזענדע פאַרלאָזען דאָס צימער, און ער האָט זיך דערקענט צו די ברידער. האָבען די ברידער זיך אַזוי דער־שראָקען, אַז זיי האָבען פשוט ניט געקאָנט אַרויסרעדען קיין וואָרט. אָבער יוסף האָט זיי געזאָגט זיי זאָלען זיך ניט נעמען צום האַרצען וואָס זיי האָבען אים פאַרקויפט קיין מצרים. עס איז געווען כביכול׳ס ווילען. ער האָט זיי געגעבען מתנות, און פיעל תבואה, און זיי געשיקט אַהיים זיי זאָלען ברענגען יעקב׳ן מיט זיין גאַנץ הויז־געזינד.

ווען יעקב האָט דערהערט אַז יוסף לעבט, און אַז ער איז שני למלך פון מצרים, איז ער געווען איבערגליקלעך, און מיט זיין גאַנץ הויז־געזינד, האָב־און־גוטס, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין מצרים. יוסף איז זיי אַרויסגעפאָרען אַנטקעגען. ער האָט פאָרגעשטעלט יעקב׳ן און מאַנכע פון זיינע ברידער פאַר פרעה׳ן, און פרעה האָט זיי אָפּגעגעבען גושן, די בעסטע געגענט אין מצרים.

„ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני״, און יהודה האָט זיך צוגע־נעהנטערט צו יוסף׳ן, טייטשט דער קאָצקער ז״ל, און ער האָט אים גע־זאָגט: „בי אדוני״, אין מיר איז דער האַר פון דער וועלט! מיין ניט אַז דו הויבסט זיך אָן מיט אַבי וועמען. דו דערטשעפּעסט מיט יעקב׳ס א קינד! און רבי נפתלי ראָפּשיצער ז״ל באַמערקט: „ויגש אליו״ — און יהודה האָט געפּאָדערט פון יוסף׳ן ער זאָל באַפרייען זיין ברודער בנימין, כדי זיי זאָלען קענען אַזוי אַרום מאַכען גרויס דעם נאָמען פון באַשעפער פון דער וועלט. ווארום די אותיות פון „ויגש אליו״ זיינען די ערשטע אותיות פון גדלו לה׳ אתי ונרוממה שמו יחדיו.

און יהודה האָט געהאַלטען אַ הייסע רעדע, און האָט צווישען אַנדערעס גע־זאָגט „אדוני שאל את עבדיו לאמור, היש לכם אב . . . ונאמר אל אדוני יש לנו אב זקן״. טייטשט דער איד הקדוש דעם פסוק אַזוי: דער אויבערשטער פרעגט זיין פאָלק ישראל „היש לכם אב״ — צי ווייסט איר אַז איר האָט אַ פאָטער אין הימעל. ונאמר אל אדוני, ענטפערען מיר דעם אויבערשטען

„יש לנו אב זקן”, געוויס ווייסען מיר אַז מיר האָבען אַן אַלטען טאַטען אין הימעל. וילד זקונים קטן, אָבער מיר פיהרען זיך אויף ווי קליינע קינדער.

און יהודה האָט ווייטער גע׳טענה׳ט „ותאמר אל עבדיך, אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם, לא תוסיפון לראות פני”, און דו האָסט געזאָגט צו דיינע קנעכט, אויב אייער אינגערער (קליינער) ברודער וועט ניט קומען מיט אייך, זאָלט איר מיך מעהר ניט זעהן. זאָגט דארויף ר׳ לוי יצחק פון ברעדיטשעוו ז״ל אַ טייער וואָרט, נעמליך, אַז דערמיט מיינט די תורה יענע אידען וואָס זאָרגען בלויז פאַר זיך. אַז דער רבונו של עולם העלפט זיי, און עס פעהלט זיי ניט קיין פרנסה, אַביסעל פרום זיינען זיי אויך, זיינען זיי באַוואָרענט מיטביידע וועלטען, איז וואָס געהט זיי אָן דער צווייטער. זאָגט אונז די היינטיגע סדרה „אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם”, אויב אייער קליינער ברודער, דער אָרימער, דער וואָס קען ניט לערנען, דער וואָס איז ניט פרום גענוג, וועט ניט מיטגעהן מיט אייך; אויב איר וועט אים ניט העלפען, נאָר איר וועט אים גאָר אויסשליסען פון אייערע רייען, און זיך אויף אים ניט אומקוקען, איז — „לא תוסיפון לראות פני”, זאָלט איר זיך ניט ווייזען פאַר מיר. אַזעלכע אידען וויל איך ניט אָנקוקען.

און דאָ פרעגט זיך אַ קשיא: ווען יוסף האָט געהייסען די ברידער ברענגען בנימין׳ען, האָבען זיי דאָך געקאָנט ברענגען אַנאַנדער מאַן און זאָגען אַז דאָס איז בנימין. נאָר דער תירוץ איז, אַז יעקב׳ס אַ קינד זאָגט ניט קיין ליגען. יעקב אבינו׳ס אַ קינד געהט מיט דעם אמת, און אמת איז טאָקע דער זיכערסטער וועג. אָט הערט א מעשה שהיה: דער מחבר ז״ל פון „מחצית השקל” דערצעהלט אַ מעשה נורא, וואָס האָט פאַסירט מיט אים אליין: מען האָט געפונען הינטער דער שטאָדט אַ גע׳הרג׳עטען מענשען. לעבען דעם טויטען איז געלעגען אַ פאַרבלוטיגט מעסער, און מען האָט דערקענט אַז דאָס מעסער שטאַמט פון דעם רב׳ס הויז. פאַרשטעהט זיך, אַז אַ שרעקליכער פחד איז באַפאַלען די גאַנצע שטאָדט. עס איז געווען קלאָר פאַר יעדען איינעם אַז דער מערדער האָט גע׳גנב׳עט דאָס מעסער פון דעם רב׳ס הויז, כדי צו פאַרוויקלען דעם רב אין דעם מאָרד. מענשען האָבען געראָטען דעם רב אַז ביי דעם פּראָצעס זאָל ער לייקענען אַז דאָס מעסער איז פון זיין הויז. אָבער ער האָט ניט געפאָלגט, און אויף דעם ריכטער׳ס פראַגע האָט ער גלייך געענטפערט אַז דאָס מעסער איז זיינס, אָבער דעם מאָרד איז ער ניט באַגאַנגען. דער רב איז באַפרייט געוואָרען. און ווען מען האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער האָט ניט געלייקענט אַז דאָס מעסער איז זיינס, האָט ער גע־ענטפערט, פאַר וואָס האָט יהודה ניט מיטגענומען אַן אַנדער מאַן אויף בנימין׳ס אָרט? ווייל ער האָט ניט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך צו זאָגען אַ ליגן.

זעהט איר, עס קען אַמאָל אויך פאַסירען אַז דער אמת זאָל פאַרשאַפען אַביסעל עגמת נפש, אָבער ער לוינט זיך דאָך צו האַלטען אמת פאַר דעם וועגווייזער. ר׳ יונתן אייבעשיץ ז״ל איז געווען זעהר אָנגעזעהן ביי „נאַ־טשאַלסטוואָ” און טאָקע ביי דעם קיסר אַליין, וועלכער פלעגט פאַרפיהרען מיט אים שמועסען גאַנץ אָפט. איינמאָל אין א פרימאָרגען איז דער רב געגאַנגען אין בית המדרש אריין, טרעפט אים אָן דער מלך אַליין און פרעגט אים וואוהין ער געהט. „איך ווייס ניט, אַדוני קעניג”, האָט דער רב גע־

ענטפערט. איז דער קיסר געוואָרען שטאַרק אין כעס פון דעם דאָזיגען ענטפער, און ער האָט געהייסען איינזעצען דעם רב אין תפיסה אריין. פאַרנאַכט, ווען דעם קעניג׳ס צאָרן האָט זיך אַביסעל אָפּגעקילט, האָט ער געהייסען ברענגען צו זיך דעם רב. ער האָט אים געפרעגט ווי האָט ער געוואַגט אַזוי צו ענטפערען? צי האָט ער דען ניט געוואוסט אַז טרייבען קאַטאָוועס מיט דעם קיסר, מיינט פשוט מורד צו זיין אין מלכות?! און דער רב האָט געענטפערט: אדוני קעניג, חס וחלילה, איך האָב ניט געטריבען קיין קאַטאָוועס, איך האָב עס געמיינט מיט אן אמת. ווארום א מענש ווייסט קיינמאָל ניט וואוהין ער געהט. אָט בין איך געגאַנגען אין בית המדרש אַריין, און בין גאָר געקומען אין טורמע אַריין״ . . .

און נאָכדעם ווי יוסף האָט זיך באַקענט צו זיינע ברידער, האָט ער זיי געהייסען אַהיים פאָהרען, און זאָגען יעקב׳ן ער זאָל קומען מיט זיין הויז־געזינד קיין מצרים „וישבת בארץ גושן והיית קרוב אלי״. זאָגט דארויף ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער ז״ל אן אמת׳דיג וואָרט: וויל מען לעבען מיט קרובים אין פרידען, איז דאָס בעסטע צו וואוינען וואָס ווייטער פון זיי — אז דו וועסט וואוינען אין גושן, ווייט פון מיין רעזידענץ, וועסטו מיר זיין נאָהענט, וועלען מיר זיין פריינד.

און, אגב, זעהן מיר פון דער היינטיגער סדרה אז יוסף איז געווען אַ גרויסער מכיר טובה. ער האָט געזאָגט זיינע ברידער: אז איר וועט קומען אַהיים „והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים״, זאָלט איר זאָגען לאבי כל כבודי, אַז דער גאַנצער כבוד וואָס איך האָב דאָ איז „לאבי״, געהערט מיין פאָטער. וואָרום ווען ער זאָל מיך ניט געווען שיקען צו אייך אין פעלד אַריין, וואָלט איך דאָך ניט געווען געקומען צו אָט דעם אַלעם.

איז טאַקע נאָר א יוסף הצדיק, קען זיין מענש געגוג אַזוי צו רעדען. כבוד איין אַן „אַרטיקעל״ וואָס כמעט יעדער מענש יאָגט זיך נאָך דעם. און די וואָס יאָגען זיך נאָך דעם וועלען זיך ניט אָפּשטעלען כמעט פאַר קיין שום זאַך, אַבי עס צו דערגרייכען. מען האָט שוין אפילו געפיהרט מלחמות, צוליב כבוד. אָבער יוסף, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ אויסערגעוויינליך גרויסען כבוד, איז ער דאָך געווען באַשיידען געגוג צו זאָגען, אַז דער גאַנצער כבוד געהערט גאָר צו זיין פאָטער יעקב.

און ווי טאַקע האָט יוסף געקענט אַנדערש זיין? די תורה זאָגט „ויהי ה׳ את יוסף״, דער אויבערשטער איז געווען מיט יוסף׳ן. איז פאַרשטעהט זיך אַז יוסף האָט נישט אין זינען געהאַט קיין „ערדישען״ כבוד. יוסף האָט גע־טראַכט פון דעם פאָטער אין הימעל. ביי אים איז געווען „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״. איז וואָס־זשע טאַקע איז געווען דער סוף? מיט אַ פּאָר יאָר פריער איז ער געלעגען אין אַ גרוב, געווען אַ דינער ביי אַ שררה אין מצרים, דאַן האָט ער זיך געוואַלגערט אין תפיסה, און שפּעטער זיינען מענשען פון דער גאָרער וועלט צו אים געפאָרען.

אַ קאַרלינער חסיד איז אַמאָל געפאָרען צום רבי׳ן ז״ל קיין קאַרלין. דורכפאָרענדיג דאָס שטעטעל אַנטיפּאָליע, האָט ער אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי דעם רב, אַ גרויסער למדן און צדיק, אָבער אַ מתנגד. האָבען זיי פאַר־פירט אַ שמועס, און דער חסיד האָט אים דערצעהלט אַז ער פאָרט צום

רבי׳ן. רופט זיך אָן דער רב: „נו, אַז מען וויל פאָהרען צו א רבי׳ן, מוז מען דען פאָרען אַזש קיין קאַרלין?" און דער חסיד האָט געענטפערט: „וואָס דען זאָל איך טהון אַז ביז קאַרלין איז ניט פאַראַן קיין רבי, איך בין אַ יודע מחשבות, און ווייס אַז עס איז ניטאָ".

„אויב איר זענט אַ יודע מחשבות, איז זאָגט׳זשע מיר וואָס איך טראַכט אין דער איצטיגער מינוט?" זאָגט דער רב. ניט קלערענדיג קיין סעקונדע, האָט דער חסיד געענטפערט: „איר טראַכט „שויתי ה׳ לנגדי תמיד". „ניט געטראָפען", האָט זיך אָנגערופען דער רב, „איך האָב אין דער מינוט געטראַכט וועגען גאָר עפּעס אַנדערש". „אָט דערפאַר טאַקע פאָהרט מען ניט צו אייך", האָט דער חסיד אַ זאָג געטהון מיט אַ טאָן פון א זיגער.

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז „ויפול יוסף על צוארי בנימין אחיו ויבך" — יוסף איז אַרויפגעפאַלען אויף זיין ברודער בנימין׳ס העלזער, און ער האָט געוויינט. וואָס עפּעס „צוארי"? בנימין האָט דען געהאַט צוויי העלזער? זאָגען דאַרויף אונזערע חכמים און רש״י ז״ל אויף דעם אָרט „על שני מקדשים שעתידין להיות בחלקו של בנימין וסופן ליחרב". דאָס איז, נעמליך, געווען אַ רמז אַז די צוויי בתי מקדש וואָס וועלען זיך געפינען אין זיין טעריטאָריע וועלען חרוב ווערען. יוסף האָט, אַלזאָ, געוויינט ווייל ער האָט פאָראויסגעזעהן אַז די שנאת חנם, וואָס האָט גורם געווען, אַז זיינע ברידער זאָלען אים פאַרקויפען קיין מצרים, די זעלבע שנאת־חנם וועט אויך פיהרען אַז די בתי מקדש זאָלען חרוב ווערען.

אוי, ליבע אידען, ווי לאַנג נאָך וועט עקזיסטירען אין אונזערע אייגענע רייען שנאה פון איד צו איד?! איז ניט גענוג וואָס די גאַנצע וועלט האָסט אונז, דאַרפען נאָך מיר אַליין האָסען איינער דעם אַנדערען? ווי באַוואוסט איז די תורה געגעבען געוואָרען ביי דעם באַרג סיני. פרעגט די גמרא (שבת פּט, א) „מאי הר סיני"? וואָס מיינט סיני? און די גמרא ענטפערט: „הר שממנו ירדה שנאה לעולם", דער באַרג פון וועלכען עס האט אַראָפּגענידערט די שנאה צו אידען. דאָס הייסט, אַז צוזאַמען מיט דעם וואָס די אידען האָבען מקבל געווען די תורה, האָט זיך אָנגעהויבען די שנאה פון די גוים צו אונז: זיי זיינען פשוט אייפערזיכטיג, וואָס מיר אידען האָבען אַזאַ תורה, און זיי האָבען ניט.

אי, וואָס איז דאָס אונזער שולד? אונזערע חכמים ז״ל זאָגען דאָך בפירוש, אַז דער אויבערשטער האָט זיך אַרומגעטראָגען צו אַלע פעלקער מיט דער תורה, ממש געקלאַפּט אין זייערע טירען, און זיי געבעטען זיי זאָלען זי מקבל זיין, אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט! און פאַר וואָס מיינט איר האָבען זיי ניט געוואָלט? אָט הערט פאַרוואָס. ווען כביכול האָט אָנגעבאָטען די תורה צו די קינדער פון עמון און מואב, האָבען זיי געפרעגט: „וואָס שטעהט געשריבען אין דער תורה?" האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „לא תנאף", דו זאָלסט ניט פיהרען אַן אונאַנשטענדיגען לעבען. האָבען זיי גע־ענטפערט: „וואָס רעדסטו, מיר אַליין זיינען דאָך די קינדער פון זנות!"

האָט דער אַלמעכטיגער זיך געווענדעט צו די קינדער פון ישמעאל. האָבען זיי אויך געפרעגט: „וואָס זאָגט דיין תורה?" האָט כביכול זיי געענט־

פערט: „לא תגנוב", מען טאָר ניט גנב'נען. האָבען זיי געענטפערט: „האר פון דער וועלט, דאָס איז דאָך גראַדע די ברכה מיט וועלכער אונזער פאָטער האָט אונז געבענטשט, טאָ ווי־זשע קענען מיר אָננעמען אַזאַ תורה?"

איז כביכול אַוועק צו די קינדער פון עשו, און האָט זיי אָנגעבאָטען די תורה. האָבען זיי געפרעגט: וואָס לערענט דיין תורה?" האָט ער זיי געענט־פערט: „לא תרצח", איר זאָלט ניט הרג'ענען קיין מענשען. האָבען זיי זיך אָנגערופען: ווי קענען מיר אָננעמען אַזאַ תורה? אונזער פאָטער עשו האָט דאָך אונז בפירוש אָנגעזאָגט „ביי דיין שווערד זאָלסטו לעבען"! אונזער פראָפעסיע איז צו הרג'ענען מענשען, איז ווי־זשע קענען מיר אָננעמען אַ תורה וואָס לערנט אונז פונקט פאַרקעהרט?

האָט כביכול ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, און ער האָט זיך גע־ווענדעט צו אונז אידעלעך. און אונזערע אורעלטערען האָבען פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון די נאָבעלע געזעצען און מאָראַלישע מידות וואָס די תורה לערענט, און זיי האָבען זיך ממש געכאַפּט. אַזוי אַנטציקט זיינען זיי געווען פון די טייערע זאַכען וואָס די תורה לערענט, אַז זיי האָבען אפילו אויס־געשריגען פריער „נעשה", און דערנאָך „נשמע", און דערפאַר האַסען אונז די גוים. זיי זיינען אונז פשוט מקנא. אָבער די זעלבע תורה לערענט דאָך אונז אַז מען טאָר ניט פיינט האָבען. און אָט דאָס פאַרגעסען מיר. אי ווען האַסען מיר איינער דעם צווייטען! מיר פאַרגעסען אַז מיט דער זעלבער אינטענסי־טעט און באַשלאָסענקייט מיט וועלכער די אידישע לעהרע באַפעהלט דעם מענשען ליב צו האָבען דעם צווייטען, מיט דער זעלבער אויסגעשפּראָכענקייט פאַרוועהרט זי אונז ממש צו האַסען דעם מיט־מענשען. „לא תשנא את אחיך בלבבך", דו זאָלסט ניט האַסען דיין ברודער, דיין מיט־מענשען אין דיין האַרץ. פאַרגעסען מיר, אָבער, אַז פיינדשאַפט איז דעם מענשענס רואינירונג.

און אין אמת'ן איז דאָך פיינדשאַפט ניט מעהר ווי אַ מענשליכע שוואַכ־קייט. אַ מענש מיט אַ שטאַרקען כאַראַקטער וועט זיך בשום אופן ניט לאָזען פאַרפיהרען פון דער שלעכטער מידה פון פיינד האָבען דעם צווייטען, און ער וועט שטענדיג באַווייזען עס בייצוקומען. ווייל וואָס אייגענטליך איז דער אורשפּרונג פון פיינדשאַפט? פון וואַנען נעמט זיך עס? דורך וואָס ווערט עס אַרויסגערופען? מעהרסטענטיילס איז עס די קאָנסעקווענץ פון נאַרישע, אומגעלומפּערטע, באַזיסלאָזע פליאָטקעס פון „גערעדט און געזאָגט", און ניט מעהר. אַ מענש מיט שכל און כאַראַקטער פאַרלירט ניט דעם קאָפּ, און לאָזט זיך ניט פאַרפיהרען. און אפילו ווען איינער טהוט דעם אַנדערען אַ קריוודע, איז אויב דער געקריוודעטער איז אַ מענטש וואָס איז ווערט צו טראָגען דעם נאָמען „מענטש", וועט ער רעאַגירען דאַרויף אויף אַזאַ אופן, אַז דער זינדיגער וועט חרטה האָבען אויף זיין אומגעוואונשענעם טהאַט, און זייערע גוטע באַציהונגען וועלען נאָך אפשר שטאַרקער ווערען.

מענטשען האָבען ליב אַ שטאַרקען, אַ העלד. איז ווער מיינט איר איז אַ העלד? זאָגען דאַרויף אונזערע חכמים ז"ל „איזהו גבור מי שעשה שונאו אוהבו" — א העלד איז דער וואָס מאַכט פון א פיינד א פריינד. איז דאָס טייער ווי גאָלד. ווארום מיר זעהן דאָך אין דעם אַלטעגליכען לעבען אז פיינדשאַפט פיהרט צו צאַנקערייען אין דעם פאַמיליען־לעבען, אין סאָציאַלען לעבען,

און ווי זאָגען אונזערע חכמים ז״ל: „דער וואָס האָט פיינד דעם מיט־מענשען, איז פונקט ווי ער וואָלט פאַרגאָסען אידיש בלוט״.

האָט יוסף הצדיק, יעקב אבינו׳ס א קינד, דאָס זעהר גוט פאַרשטאַנען. כאָטש ער האָט דאָך געהאַט גענוג אורזאַכע פיינד צו האָבען זיינע ברידער. ווען זיי האָבען אים אריינגעוואָרפען אין דעם גרוב האָבען זיי דאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס איז גאָר פאַר זיין טובה וועגען, און פאַר זייער טובה וועגען. ווארום ווען ניט יוסף, וואו וואָלטען זיי געקראָגען ברויט אין די הונגער יאָרען? פונדעסטוועגען האָט ער זיי ניט פיינט געהאַט. אדרבה, ער האָט זיי נאָך געטרייסט, און געזאָגט צו זיי אַז דאָס איז געווען דעם בורא העולם׳ס רצון, און אַז אַזוי האָט באַדאַרפט זיין. דאַרפען מיר זיך אָפּלערנען פון דעם קלוגען יוסף. „לא תשנא את אחיך בלבבך״, האָס ניט דיין ברודער.

דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען עטליכע מענשען האָבען אַן אַלגעמיינעם פיינד, פאַראייניגען זיי זיך, און זיי קעמפען צוזאַמען געגען דעם אַלגעמיינעם שונא, אלע גוים האַסען דאָך אונז. וואָלטען מיר דאָך זיך באַדאַרפט פאַראייניגען און קעמפען געגען דעם אַלגעמיינעם שונא. איז טוען מיר דאָס ניט. און אנשטאָט דעם, רייסען מיר זיך אַרום צווישען זיך. איז שוין די העכסטע צייט אַז מיר זאָלען איינזעהן אַז מיט ליבע פון איינעם צום אנדערען קען מען מער דערגרייכען ווי מיט שנאה״. „מ׳קען כאַפּען מער פליגען מיט האָניג ווי מיט עסיג״. איז דאַרפען מיר זיך דאָס נעמען אין קאָפּ אריין.

ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", און יעקב האָט געלעבט אין מצרים זיבעצעהן יאָר. און ווען ער איז אַלט געוואָרען הונדערט און זיבען און פערציג יאָר, האָט ער געזעהן, אַז זיינע טעג דערנעהנטערען זיך, האָט ער גערופען יוסף'ן און אים געבעטען ער זאָל אים צוזאָגען, אַז ער וועט אים מקבר זיין אין דעם קבר פון זיינע עלטערען, און יוסף האָט אים צוגעזאָגט.

אויף יוסף'ס פאַרלאַנג האָט יעקב דאַן געבענטשט יוסף'ס צוויי זיהן אפרים און מנשה. ער האָט גערופען אלע זיינע זיהן, און זיי געבענטשט און ער איז „איינגעזאַמעלט געוואָרען אין זיין פאָלק". אויף יוסף'ס באַפעהל, האָבען די דאָקטוירים אים באַלזאַמירט. זיבעציג טעג האָט מצרים געטרויערט נאָך אים, און מען האָט אים אַוועקגעפיהרט אין דער מערת המכפלה, וואו די אבות אברהם און יצחק רוהען.

צוריקקומענדיג, האָט יוסף געזאָגט זיינע ברידער זיי זאָלען זיך ניט זאָרגען, ער וועט זיי שפייזען. ווען יוסף איז אַלט געוואָרען הונדערט און צעהן יאָר, און געפיהלט אַז די ענדע איז נאָהענט, האָט ער אָנגעזאָגט אַז ווען די אידען וועלען ארויסגעהן פון מצרים זאָלען זיי מיטנעמען זיינע ביינער. און יוסף איז געשטאָרבען אין עלטער פון הונדערט און צעהן יאָר. מען האָט אים באַלזאַמירט, און באַהאַלטען אין אַן ארון.

איז אויף „וישתחו ישראל על ראש המטה", אַז יעקב האָט זיך געבוקט ביי צוקאָפּענס פון דעם בעט, זאָגען די חכמים און רש"י ז"ל „שהשכינה למעלה מראשותיו של חולה", אַז די שכינה רוהט צוקאָפּענס פון אַ קראַנקען. איז הערט'זשע אַן אינטערעסאַנטע מעשה.

אין אַ שטאָט אין דער אַלטער היים האָט דער אידישער שפּיטאָל זיך געהאַלטען ביים פאַרמאַכען. פשוט ווייל די קבצנים אַליין האָבען אים ניט געקאָנט אויסהאַלטען, און די גבירים האָבען ניט געוואָלטביישטייערען. צו וואָס דאַרף אַ גביר אַ שטאָט־שפּיטאָל? אין אַ נויט וועט ער פאָהרען קיין וואַרשע צי גאָר קיין ווין אָדער בערלין.

גראָד איז דאַן אָנגעקומען דער קעלמער מגיד ז"ל אין יענער שטאָט. האָט מען אים דערצעהלט די מעשה. די גאַנצע שטאָט איז, פאַרשטעהט זיך, געקומען הערען דעם באַרימטען מגיד צווישען מנחה און מעריב. שטע־הענדיג אויף דעם באַלעמער האָט דער מגיד אָנגעהויבען מיט אַ מעשה: איר ווייסט דאָך, ליבע פריינד, אַז די שכינה רוהט ביי אַ חולה צוקאָפּענס. האָט די שכינה זיך איינמאָל פאַרקלאָגט פאַר דעם רבונו של עולם, פאַר וואָס ער שיקט זי תמיד אין אָרימע הייזער. „האַר פון אַלע וועלטען", האָט זי גע'טענה'ט, „ווען איך קום צו אַ חולה, זעה איך צרות אויף צרות. דאָס

אַלקערל איז ד׳ על ד׳, דאָס בעט אַ צעבראָכענס, אַ קישען איז ניט בנמצא, נאַקעטע, הונגעריגע, דורשטיגע קינדערלעך וואַלגערען זיך אַרום אויף אַ ליימענע בריק (פּאַדלאָגע, פּלאָר). דער דלות פּייפּט אין אַלע ווינקעלעך, און דער קראַנקער געהט ממש אויס פון יסורים, און עס איז ניטאָ קיין גראָשען צו רופען אַ דאָקטאָר, אויף צו באַצאָהלען פאַר אַ רעצעפּט, אויף צו קויפען אַ גלאָז מילך. איך קען עס פשוט מעהר ניט איבערטראָגען, איך קען דעם צער ניט פאַרליידען. בעט איך דיך, האַר פון אלע וועלטען, שיק מיך בעסער צו וואוילהאַבענדע מענשען וואָס וואוינען אין רייכע הייזער, שטאַלענע בעטען, גענוג בעטגעוואַנד, און אין הויז געפינט זיך פון כל טוב״. האָט דער אַל־מעכטיגער אָנגענומען דער שכינה׳ס בקשה.

און די גבירים האָבען אָנגעהויבען, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אונטער צו קרענקען, און עס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז עס איז ניט געווען קיין איין גבירישע הויז וואו עס האָט זיך ניט געפונען אַ חולה. דער שכינה איז עס געגאַנגען גוט ווי די וועלט. זי האָט גערוהט אין גרויסע, לופטיגע, שעהן־מעבלירטע צימערען, ממש פּאַלאַצען. די בעטען האָבען געבליאַסקעט מיט שניי־ווייסען בעט־געוואַנד. און אָנשטאָט דלות האָבען אַלע ווינקעלעך דער־צעהלט פון רייכטום, פון כל טוב!

ווען די רייכע פון דער שטאָט האָבען דערזעהן וואָס עס טהוט זיך, אַז עס איז שלעכט, אַלע האַלטען זיי אין איין קרענקען, איז וואָס׳זשע האָבען זיי געטהון? זיינען זיי געגאַנגען און האָבען געמאַכט אַ שפּיטאָל פאַר אָרימע־לייט. טאָמער ווערט אַן אָרימאַן קראַנק, זאָל ער האָבען וואו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגען, זאָל ער האָבען אַ בעט, אַ ריין קישען, אַ גלאָז מילך, אַ דאָקטאָר, אַ רעצעפּט, און זאָל די שכינה קענען רוהען לעבען אים.

„איז אויב, רבותי״, האָט אויסגעשריגען דער קעלמער, „אויב איהר גבירים וועט ניט געבען מער קיין געלט צו שטיצען דעם אידישען שפּיטאָל, וועט ער זיך דאָך מוזען פאַרמאַכען, וועט דאָך די שכינה מוזען קומען רוהען צו אייך, אין אייערע לוקסוסדיגע היימען!״

האָט דאָס טאַקע געקאָנט אַמאָל פּאַסירען אין דער אַלטער היים. אָבער אין אַמעריקע, האָט מען אין דעם פּרט זיך גאָרניט וואָס צו באַקלאָגען אויף אונזערע גבירים. אדרבה, זאָל נאָר דער אויבערשטער העלפען זיי זאָלען זיין בכח צו געבען, געבען זיי דוקא אויף שפּיטעלער (מען זאָל זיי נאָר נוצען אין גוטע אנגעלעגענהייטען, ווי אַ קימפּעט) מיט אַ ברייטער האַנט.

זעהט איהר, ווען עס קומט צו תורה אנשטאַלטען, צו שטיצען ישיבות, אָדער נויטבאַדערפטיגע תלמידי חכמים, זיינען דאָ מאַנכע וואָס זיצען שטייף אויף דעם בייטעלע. און אז איהר באַווייזט זיי מיט אַ שטיקעלע תורה אַז מען דאַרף געבען, איז ענטפערען זיי אייך אָפּ מיט אַ שטיקעלע תורה. אָט הערט אַ מעשה:

דער דובנער מגיד ז״ל איז אמאָל געקומען צו אַ איד אַ גביר, וואָס איז אויך געווען אַ למדן, פאַראַן אויך אַזעלכע, און ער האָט אים געבעטען אַ נדבה אויף פדיון שבוים. האָט דער גביר אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שמועסען אין תורה. דער דובנער מגיד האָט געזאָגט איין חידוש נאָך דעם אַנדערען, און דער גביר האָט

צוריק געענטפערט מיט זיינע אייגענע חידושים. האָט דער דובנער זיך מיישב געווען און ער האָט געזאָגט אַ שטיק תורה וועגן פּדיון שבוים. איז אָבער דער גביר אויך ניט געבליבן הינטערשטעליג, און ער האָט דערלאַנגט זיינס אַ שטיקעל תורה אין דעם ענין פון פּדיון שבוים.

ווען דער מגיד האָט געזעהן אַז עס נעמט ניט קיין סוף, רופט ער זיך אָן צום גביר: איך וועל אייך דערציילען א משל: איינער איז אַמאָל געקומען אין א ווייטער מדינה. האָט ער באַמערקט אַז יענע איינוואוינער ווייסען ניט אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך ווי „ציבעלע". אַזוי ווי ער האָט מיט זיך מיטגעהאַט אַ קרענצעל ציבעלעס, האָט ער עס זיי אַוועקגעגעבען. ווען זיי האָבען געזעהן וואָס פאַר אַ געשמאַקען טעם ציבעלעס געבען צו צום עסען, האָבען זיי אים זייער געדאַנקט, און זיי האָבען אים געגעבען אַזוי פיעל גאָלד וויפיעל די ציבעלעס האָבען געוואויגען.

אין אַ צייט אַרום איז דער מאַן נאָכאַמאָל געקומען אין יענער מדינה. אָבער די איינוואוינער האָבען שוין דאַן געהאַט אייגענע ציבעלעס, בעת פון קנאָבעל האָבען זיי נאָך ניט געוואוסט, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין קלומיקעל אַ קרענצעל קנאָבעל, און ער האָט עס זיי דערלאַנגט, און ער האָט, פאַרשטעהט זיך, ערוואַרטעט אַז זיי וועלען אים אויך דאָס מאָל געבען די זעלבע וואָג אין גאָלד. וואָס אָבער, האָבען זיי געטהון? זיי האָבען אים אָפּגעוואויגען ציבעלעס אַנטקעגען דעם קנאָבעל און אים דערלאַנגט. דאָס זעלבע, האָט געזאָגט דער מגיד, איז מיט מיר. איך זאָג אייך תורה, זאָגט איר מיר צוריק תורה. איך וויל אָבער זעהן געלט אַנטקעגען תורה!

אָדער נעמט דעם ביישפּיעל: צו ר' פּנחס, דעם „בעל הפלאה" ז"ל, איז אַמאָל געקומען אַ פרוי און האָט זיך באַקלאָגט, אַז איר מאַן איז אַ גרויסער פאַרשווענדער, ער צעטיילט זיין גאַנץ געלט אויף צדקה, אויף גמילות חסדים, וואו אַ ישיבה, אַ קראַנקען־הויז, אַ מושב זקנים, אָדער גלאַט אַ נויט־באַדערפטיגער איד, גיט ער מיט דער פולער האַנט, ממש איבער די כוחות.

תוך כדי דיבור, בעת די פרוי שטייט נאָך און האַלט אין „אויסגיסען איר ביטער האַרץ", קומט אַריין אַ איד אַן אָרימאַן, און באַקלאָגט זיך אַז ער גייט, פאַר קיינעם געדאַכט, ממש אויס פון הונגער. ניטאָ אַ שטיקעל ברויט פאַר ווייב און קינדער. און ער דערציילט אַז ער האָט אַ רייכען ברודער, אַ גביר אדיר, אָבער ער וויל אים ניט געבען קיין פּרוטה.

האָט דער רבי געשיקט רופעןביידע, דעם בעל צדקה און דעם קאַרגען. און ער האָט געפרעגט דעם בעל צדקה „פאַרוואָס ביזטו אַזאַ פּזרן? פאַרוואָס וואַרפסטו זיך עפּעס אַזוי מיט געלט?" האָט אים דער בעל צדקה געענטפערט: „רבי, וואָס הייסט איך בין אַ פּזרן? אַ מענש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענש! 'היום כאן ומחר בקבר', אַ מענש ווייסט דאָך ניט ווענעמס מאָרגען עס איז! דאַרף מען אַריינכאַפּען וואָס מען קען, און געבען צדקה נאָך מעהר ווי מען קען".

„און פאַרוואָס", האָט דער רבי געפרעגט דעם קאַרגען, „ביזטו אַזאַ קמצן? פאַרוואָס ביזטו אַזאַ אכזר אַז דו האָסט ניט קיין רחמנות אפילו אויף דיין אייגענעם ברודער? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט אַז ער האָט ניט קיין שטיקעל ברויט פאַר זיין בני בית און דער אויבערשטער האָט דיר געהאָלפען,

איז פאַרוואָס העלפסטו אים ניט אַרויס?" האָט דער קאַרגער געענטפערט: „רבי, אַ מענש ווייסט דאָך ניט ווי לאַנג ער וועט לעבען, טאָמער לעב איך הונדערט יאָר? מוז איך זיך דאָך פאַרזאָרגען אויף דער עלטער!"

האָט דער רבי זיך אָנגערופען, — „השם יתברך זאָל אייך ביידע אויס־היטען פון דעם פאַר וועלכען איר האָט מורא!..."

און ווען יוסף האָט געבראַכט זיינע צוויי זיהן מנשה און אפרים צו יעקב'ן ער זאָל זיי בענטשען, זאָגט די סדרה „וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים, והוא הצעיר", יעקב האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, און ער האָט זי אַרויפגעלייגט אויף אפרים'ס קאָפּ, וואָס איז געווען דער איינגערער. זאָגט דאַרויף דער „תחית ישראל" ז"ל אַ גוט וואָרט, נעמליך, פאַרוואָס האָט טאַקע יעקב אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויף אפרים'ען, דעם איינגערען, און ניט אויף מנשה'ן, דעם עלטערען? ווייל דער יונגערער נויטיגט זיך אין דער רעכטער, אין דער שטאַרקערער האַנט. דער יוגענט דאַרף מען שענקען וואָס מער אויפמערקזאַמקייט, די יוגענט דאַרף מען שטאַרקען, מחזק זיין!

האָט דאָס יעקב אבינו שוין פאַרשטאַנען מיט אַן ערך פון פיער טויזענט יאָר צוריק. אָבער וואָס טהוען מיט פאַר דער יוגענט? מיר בויען פאַר זיי „דזשימנייזיומס", און „סווימינג פולס". מיר מאַכען זיי פאַר „בוי־סקאַאוטס". יאָ, מיר זיינען זיי מחזק, מיר שטאַרקען זיי — פיזיש! אָבער גייסטיג? פינף און זיבעציג פּראָצענט פון אונזערע קינדער אין ניו יאָרק אַליין שמעקען אַפילו ניט אַריין אין אַ תלמוד תורה, און פון די איבעריגע פינף און צוואַנציג פּראָצענט, זיינען אַ צוואַנציג פּראָצענט ניט מער ווי בר מצוה קאַנדידאַטלעך, און ווייסען ניט ווי אַן אלף זעהט אויס.

און אין די קלענערע שטעטלעך איז די מערכה נאָך ערגער. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל דאָס גאַנצע אידישקייט איז אָפּהענגיג פון בלויז איין מענטשען. דער איינער איז דער ראַבאַי, דער שוחט, דער לערער, דער חזן און וואָס נישט? אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו ר' בונם פּשיסכער ז"ל פרעגען אַן עצה: אזוי ווי ער איז אַ שוחט און א חזן אין א קליין שטעטעל, און אין דעם שטעטעל פעלט א סופר, איז וויל ער זיך לערנען זיין א סופר, אפשר וועט ער פון אַלע דריי פּראָפעסיעס קענען ציען חיונה. האָט אים דער רבי געענטפערט: פון שטענדיג אָן האָט דער יצר הרע געהאַט אַ שווער שטיקעל אַרבייט איבערצורעדען צום שלעכטען יעדען מענשען באַזונדער, ווארום ער האָט טאַקע אָנגעטראָפען אַ היבשע צאָל מענשען, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט איבעררעדען. איז ער געפאַלען אויף אַן המצאה, און ער האָט אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען זיין מיאוסע פּראָפעסיע צווישען אַזעלכע יחידים וואָס דורך זייערע הענט קען ער מכשיל זיין א רבים. ער האָט זיך גענומען צו א שוחט, א חזן, א סופר. שפּעטער איז דער יצר הרע געפאַלען אויף נאָך אַ בעסערע המצאה. וועלענדיג פאַרגרינגערען זיין ארבייט, האָט ער פון א שוחט געמאַכט אויך אַ חזן. איצט, ווייזט אויס, טראַכט ער זיך, צו וואָס דאַרף ער זיך באַמיען איבערצורעדען דריי באַזונדערע מענשען, וועט ער מיט איבעררעדען איינעם טרעפען דריי, און דער איינער וועט מכשיל זיין דריי!

אַט די דאָזיגע לאַגע פון איינעם פאַר דריי, צי ווי אין מאַנכע שטעטלעך, איינער פאַר פינף, איז ממש אן אומגליק פאַר אידישקייט און אידענטום. אידישע פירער וואָלטען זיך באַדאַרפט ערנסט פאַרטראַכטען וועגען דעם וואָס דאָס אידענטום פון דער פּראָווינץ ווערט שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט, און די קאָנסעקווענצען דערפון וועט דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידענטום ליידען.

עס איז שוין דערגאַנגען אזוי ווייט, אַז מען דערציילט שוין אפילו אַנעקדאָטען אויף דעם חשבון פון די „אַלע אין איינעם". מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ אידען פון אַ קליין שטעטעל אין אַמעריקע: „וואָס מאַכט אייער גייסטיגער פירער?" האָט ער געענטפערט: „געשטאָרבען". „וואָס מאַכט אייער חזן?" „געשטאָרבען". „וואָס מאַכט אייער שמש?" „געשטאָרבען". „וואָס מאַכט אייער שוחט?" „געשטאָרבען". „וואָס מאַכט אייער היברו טיטשער?" „געשטאָרבען". „וואָס מאַכט אייער סאָשעל דירעקטאָר?" — „געשטאָרבען". „וואָס רעדט איר, וואָס? איז חלילה אייער גאַנצע קהלה אויסגעשטאָרבען?" „חס וחלילה", האָט דער איד געענטפערט, „אָט די אַלע זיינען געווען איין מענטש!"

איז טאַקע זייער וויכטיג, און די העכסטע צייט, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום זאָל זיך אַ נעם טאָן מיט מער ענערגיע צו גרינדען נייע ישיבות קטנות, מחזק צו זיין די יוגענט. מיר דאַרפען זיך אָפּלערנען פון יעקב אבינו און אַרויפלייגען די רעכטע האַנט אויף די יונגע סיי אין די גרויסע שטעדט און סיי אין דער פּראָווינץ. ווארום העלפען איינעם אַז ער זאָל קענען און האָבען די מעגלעכקייט צו לערנען, שטעהט נאָך העכער ווי אַליין זיך צו לערנען.

אָט הערט וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט: ווי באַוואוסט איז דאָך ישׂשכר געווען עלטער פון זבולון. און כאָטש ישׂשכר האָט כסדר עוסק געווען אין תורה און זבולון איז געווען א סוחר, פונדעסטוועגען ווערט זבולון דערמאָנט פריער פאַר ישׂשכר סיי אין יעקב אבינו'ס ברכות און סיי אין משה רבינו'ס ברכות. פאַרוואָס? ווייל דער וואָס שטיצט תורה און א בן תורה, דער וואָס ער־מעגליכט דעם צווייטען צו לערנען, און זבולון האָט דאָך מעגליך געמאַכט אַז ישׂשכר זאָל קענען זיצען רוהיג און לערנען, דער שטעהט נאָך העכער אפילו פון דעם לערנען אַליין. וואָלטען מיר דאָס בעדאַרפט זיך נעמען אין קאָפּ אריין, און טאַקע גלייכצייטיג זעהן צו ערמעגליכען די יוגענט, דאָס צוקונפטיגע אַמעריקאַנער אידענטום, צו לערנען.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי ישׂשכר וועל איך אויך איבערגעבען צווי גוטע טייטשען אויף איין און דעם זעלבען פסוק.ביידע זיינען גאָר אמת'דיג, אויסגעהאַלטען אין דעם אלטעגליכען לעבען. מען דאַרף בלויז וויסען ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען אָנצווענדען דאָס איינע אָדער דאָס אַנדערע. די סדרה זאָגט וועגען ישׂשכר'ן „וירא מנוחה כי טוב . . . ויט שכמו לסבול", ישׂשכר האָט געזעהן אַז רוה איז זעהר גוט, האָט ער איינגעבויגען דעם אַקסעל צו ליידען. טייטשט אויס ר' בונים פשיסכער ז"ל אַזוי: אויב איינער וויל האָבען „מנוחה", פיהרען א רוהיג לעבען, דאַרף ער („לסבול") זיין א סבלן, ארונטער בויגען די פּלייצע און פאַרקוקען פילע עוולות וואָס ווערען געגען אים באַגאַנגען, און פילע זאַכען פאַרשווייגען.

דאַגעגען ר׳ אייזל סלאָנימער ז״ל טייטשט אויס דעם פסוק אַנדערש, נעמליך, „ויט שכמו לסבול״ טאָמער בויגט איינער אַראָפּ דעם אַקסעל, ער הויבט אָן נאָכצוקומען, ער פאַרשווייגט, און פאַרקוקט אומרעכטען, וואָס זוערען געגען אים באַגאַנגען; קוים הויבט ער אָן אַרויסווייזען אַ שוואַכקייט איז דאַן „ויהי למס עובד״ ווערט ער אַ קנעכט, און מען נעמט גלייך אויף אים רייטען. נאָכגעבען איז טאַקע אָפּטמאָל אַ גרויסע מעלה, ניט נאָכגעבען, באַשטעהן אויף רעכט איז אויך אָפט מאָל וויכטיג. נאָר וואָס דען, מען דאַרף וויסען וואו איין און וואו אויס.

און איצט ווילען מיר זעהן ווי קלוג יעקב אבינו איז געווען. ער האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער: „קברו אותי אל אבותי אל המערה אשר בשדה עפרון החתי, במערה אשר בשדה המכפלה אשר על פני ממרא בארץ כנען אשר קנה אברהם את השדה מאת עפרון החתי לאחוזת קבר. שמה קברו את אברהם ואת שרה אשתו, שמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו ושמה קברתי את לאה. מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני חת״. צו וואָס האָט יעקב באַדאַרפט אויסרעכענען דאָס אַלץ? ערקלערען עס די מפרשים אַזוי:

אונזער פאָטער יעקב האָט פאַראויסגעזעהן אַז די ניט־אידישע שכנים אין ישראל ווילען ווילען צונעמען די מערת המכפלה, האָט ער בכיון עס באַשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען, וואָס זאָלען באַווייזען אַז זי געהערט אונז. „קברו אותי אל אבותי אל המערה״ — נאָר אין דער מערה, אָבער ניט אין איינער פון די אַנדערע מערות, וואָס געפינען זיך דאָרט. נאָר אין דער „מערה אשר בשדה עפרון החתי״. נאָר אין דער מערה וואָס געפינט זיך אין עפרון החתי׳ס פעלד. אָבער אַזוי ווי עס איז שוין זיבעצעהן יאָר, אַז יעקב האָט פאַרלאָזען ארץ ישראל, קען דאָך זיין אַז עפרון׳ס יורשים האָבען עס דערווייל צוגענומען, זאָלט איר ווייזען דעם קאָנטראַקט, נעמליך „אשר קנה אברהם את השדה״, אַז אברהם האָט עס געקויפט. טאָמער, ווידער, ווילען זיי טענה׳ן אַז דער פאַרקויפער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפען, זאָלט איר ווייזען אַז עס איז געקויפט געוואָרען „מאת עפרון החתי״, און ער איז געווען דער נשיא. און אויב זיי ווילען טענה׳ן אַז דער פלאַץ איז פאַרקויפט געוואָרען אויף צו באַאַרבייטען, ניט אויף אַ קבר, זאָלט איר ווייזען אַז עס איז געווען „לאחוזת קבר״, בפירוש פאַר א בית־הקברות. און טאָמער ווילען זיי טענה׳ן אַז דער מסחר איז ניט מער גילטיג, ווייל די גאַנצע צייט האָבען די קויפערס עס ניט באַנוצט, זאָלט איר ווייזען אַז „שמה קברו את אברהם ואת שרה אשתו״. קען זיך מאַכען אַז די בני ישמעאל ווילען טענה׳ן אַז זיי זיינען גלייכבאַרעכטיגטע יורשים, זאָלט איר זאָגען אַז „שמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו״. באַווייזט עס דאָך קלאָר אַז ישמעאל׳ס קינדער האָבען אָפּגעטראָטען זייער רעכט צו יצחק׳ס קינדער. און טאָמער ווילען קומען די בני עשו מיט דער זעלבער טענה, זאָלט איר זיי דערקלערען „ושמה קברתי את לאה״, אַז דער זכות איז איבערגעגאַנגען צו מיר. און אויב די אַלגעמיינע איינוואוינער ווילען טענה׳ן אַז עפרון האָט גאָרניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפען, ער האָט אַזוי געטהון ווייל ער איז געווען אַ הערשער, אָבער קיין רעכט האָט ער ניט

געהאַט. זאָלט איר וויסען אַז „מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני חת", אַז דער מסחר איז צושטאַנד געקומען אין געגענוואַרט פון אַלע. אַלע איינוואוינער האָבען צוגעשטימט צום מסחר.

און די היינטיגע סדרה ענדיגט זיך מיט „וימת יוסף..." און געלעבט האָט יוסף הונדערט און צעהן יאָר". זאָגט דער פרקי דרבי אליעזר, אַז אייגענטליך האָט יוסף בעדאַרפט לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָר, נאָר וואָס דען? ער האָט געהערט ווי יהודה האָט געזאָגט צעהן מאָל „עבדך אבי", דיין קנעכט מיין פאָטער, און ער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט ווי מען רופט אָן זיין פאָטער יעקב „דיין קנעכט", האָט מען ביי אים אָוועקגענומען צען יאָר. איז דאָך די קשיא: אין פסוק שטייט דאָך ניט מער ווי פינף מאָל „עבדך אבי"? ענטפערט דאַרויף ר' וואָלף סטריקאָווער ז"ל, אַז די קשיא איז גיט קיין קשיא. ווארום די תורה זאָגט דאָך בפירוש „כי המליץ בינותם" אז יוסף האָט גערעדט מיט די ברידער דורך אַ דאָלמעטשער, דורך אַן איבערזעצער. איז יעדעס מאָל וואָס די ברידער האָבען געזאָגט „עבדך אבי" האָט דאָך דער איבערזעצער עס איבערגע'חזר'ט פאַר יוסף'ן, איז דאָך דער דאָזיגער אויסדרוק איבערגע'חזר'ט געוואָרען צען מאָל.

חזק, חזק, ונתחזק.

שמות

שמות

בּ׳ו, הויבּען מיר היינט אָן אין אַ גוטער מזל׳דיגער שעה דעם צווייטען חומש „שמות״, און די סדרה הייסט אויך „שמות״. דערציילט אונז די סדרה, אַז דער קעניג פּרעה פון מצרים האָט זיך פּלוצים דערשראָקען פאַר זיינע אידישע איינוואוינער, און ער האָט זיי אָנגעהויבּען אָנטהון געבּראָטענע צרות. ער האָט זיי שרעקליך פאַרשקלאַפט. און טאָמער איז דאָס ניט געווען גענוג, האָט ער אַרויסגעגעבּען אַ בּאַפעהל, אַז יעדער ניי־געבּוירען אידיש אינגעלע זאָל מען אַריינוואַרפען אין טייך אַריין.

און יוכבד, עמרם׳ס פרוי, האָט אין יענער צייט געבּוירען אַ אינגעלע. האָבּען זיי עס אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע און עס אָוועקגעשטעלט אין טשערעט אין בּרעג פון דעם טייך, און דעם קינד׳ס שוועסטער, מרים, האָט זיך אָוועקגעשטעלט פון דער ווייטען צו זעהן וואָס מיט דעם קינד וועט פּאַסירען. און פּרעה׳ס טאָכטער איז געקומען צום טייך זיך בּאָדען אין דער בּאַגלייטונג פון אירע דינסטען, און זי האָט דערזעהן דאָס קעסטעלע, האָט זי געהייסען עס אַרויסנעמען. ווען זי האָט דערזעהן דאָס וויינענדיגע אינגעלע האָט זי זיך דאַרויף דערבּאַרעמט.

און מרים האָט זי געפרעגט, צי זי זאָל רופען אַן אַם, האָט פּרעה׳ס טאָכטער געזאָגט, אַז יאָ. האָט מרים גערופען דעם קינד׳ס מוטער, און זי האָט עס אַהיים גענומען צו זויגען. נאָכדעם ווי זי האָט אָנטוויינט דאָס קינד, האָט זי עס צוריקגעבּראַכט צו דער פּרינצעסין, און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבּען משה. ווען משה איז עלטער געוואָרען, איז ער געגאַנגען זעהן ווי עס געהט עפּעס זיינע בּרידער די אידען. און ער האָט בּאַמערקט ווי אַ מצרי שלאָגט א איד, האָט ער דער׳הרג׳עט דעם מצרי.

ווען פּרעה איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט ער געוואָלט טויטען משה׳ן, אָבּער ער האָט בּאַוויזען צו אַנטלויפען קיין מדין. צוקומענדיג צו אַ בּרונעם, האָט ער געזעהן ווי די פּאַסטוכער לאָזען ניט יתרו׳ס זיבּען טעכטער אָנטרינקען זייערע שאָף, האָט ער זיך אָנגענומען פאַר זיי, און יתרו האָט אים געגעבּען זיין טאָכטער צפּורה פאַר אַ ווייבּ.

פּאַשענדיג יתרו׳ס שאָף אין דער מדבּר, האָט כביכול זיך צו אים בּאַ־וויזען אין אַ בּרענענדיגען דאָרן און האָט אים געהייסען געהן קיין מצרים און בּאַפרייען די פאַרשקלאַפּטע אידען. איז משה געגאַנגען און צוזאַמען מיט זיין בּרודער אהרן, וואָס האָט זיך געפונען אין מצרים, איז ער געקומען צו פּרעה׳ן און געזאָגט, אַז דער אויבּערשטער האָט זיי געשיקט זיי זאָלען אים זאָגען, אַז ער זאָל אַרויסשיקען די אידען. אָבּער פּרעה האָט ניט געוואָלט, און ער האָט אָנגעהויבּען נאָך מער פאַרשקלאַפען די אידען.

„ואלה שמות בני ישראל״, און דאָס זיינען די נעמען פון יעקב׳ס קינדער:

ראובן, שמעון, לוי, יהודה . . . איז צו וואָס עפּעס רעכענט די תורה נאָך אַמאָל אויס זייערע נעמען? און דער מדרש ענטפערט: צוליב פיער זאַכען זיינען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון דער עגיפּטישער קנעכטשאַפט, זיי האָבען ניט געענדערט זייער לשון, די פרויען זיינען געווען פרומע, ערליכע ווייבער און האָבען געפיהרט אַ ריין פאַמיליען־לעבען. עס זיינען ניט געווען צווישען זיי קיין מוסרים, און זיי האָבען ניט געענדערט זייערע נעמען. ראובן איז געבליבען ראובן און ניט „ראָבערט". שמעון איז געבליבען שמעון און ניט „סימאָר" און אַזוי ווייטער.

וואָלטען אונזערע „ראָבערטס" און „סימאָרס" און „אַרנאָלדס" און „עוועלינס" און „ראָזאַלינדעס" דאָס זעהר באַדאַרפט וויסען. יעדער תנ"ך־יי־שער נאָמען באַדייטעט עפּעס און טראָגט הינטער זיך אַ שטיק אידישע געשיכטע. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבען פאַר אונזערע משה'לעך און רחל'עך די גוי'אישע נעמען? פילע פון די גוי'אישע נעמען זיינען גאָר די נעמען פון זייערע אַמאָליגע אָפּגעטער! איז שוין באמת צייט, אַז אונזערע זיהן און טעכטער זאָלען זיך ניט שעמען מיט זייערע אידישע נעמען. אַז עס האָט געפּאַסט אונזערע אבות צו טראָגען אידישע נעמען, מעג דאָך אונז זיכער פּאַסטען.

זעהט איר, דוקא די גוים שעהמען זיך ניט מיט אידישע נעמען. אָט האָט, למשל, פרענקלין געהייסען בענדזשאַמין (בנימין). פּרעזידענט לינקאָלן האָט געהייסען אייברעהעם (אברהם). פּרעזידענט האַרדינג האָט געהייסען גמליאל. ענגלאַנד'ס באַריהמטער פּרעמיער־מיניסטער לאָיד דזשאָרדזש האָט געהייסען דוד (דייוויד). דער באַריהמטער איטאַליענישער דיכטער ד'אַנונציא האָט גע־הייסען גבריאל, און עס זיינען פאַראַן טויזענטער אַנדערע.

אמת עס קען טאַקע אַמאָל אויסקומען צו בייטען, צוליב פאַרשידענע אורזאַכען, דעם צווייטען נאָמען. דאַרף עס אָבער זיין מיט טעם און געשמאַק און ניט סתם אין דער וועלט אַריין, כדי עס זאָל קלינגען גוי'איש. ווי באַוואוסט, איז רבי יצחק אלחנן'ס ז"ל פאַמיליען נאָמען געווען ספּעקטאָר. און דער קאָוונער גובערנאַטאָר האָט שטאַרק געהאַלטען פון „ראבין ספּעקטאָר", און ער האָט אים זעהר רעספּעקטירט. נאָך זיין פּטירה איז זיין זוהן ר' הירש ז"ל געוואָרען דער ממלא מקומו. איז ער געקומען צום גובערנאַטאָר מיט אַ וויזיט, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס ראובן „ראַבינאָוויטש". דער גובערנאַטאָר האָט אים זעהר פיין אויפגענומען, און ער האָט אגב אים אַ פרעג געטהון: „אייער פאָטער האָט דאָך געהייסען ספּעקטאָר, ווי־זשע קומט עס וואָס איר הייסט גאָר ראַבינאָוויטש?" און ר' הירש האָט אים געענטפערט: „מיין פאָטער האָט געענדערט מיין פאַמיליען נאָמען אויס פּאַטריאָטיזם צו רוסלאַנד. „ספּעקטאָר" איז פּויליש און עס מיינט רבי. האָט ער מיך גערופען ראַבינאָוויטש, וואָס מיינט אויף רוסיש אַ רב'ס אַ זוהן".

און אַזוי ווי די היינטיגע סדרה דערציילט אונז פון משה'ס געבורט, וועלען מיר איבערגעבען די פּאַסירונג לויט ווי אונזערע חכמים ז"ל שיל־דערען זי.

ווען פּרעה האָט אַרויסגעגעבען די ביטערע גזירה צו וואַרפען די ניי־גע־בוירענע אידישע אינגלעך אין טייך אַריין, האָט עמרם, וואָס איז געווען

דער פאַרזיצער פון דעם סנהדרין, אָפּגעֶגט זיין פרוי יוכבד, כדי ער זאָל ניט האָבן מער קיין קינדער. יוכבד איז שוין אָבער דאַמאָלס געווען שוואַנגער. און אַלע אידען האָבן נאָכגעטהון זיין ביישפּיל.

אין יענע טעג האָט אַ הימלישע שטימע גערעדט צו מרים׳ען, עמרם׳ס און יוכבד׳ס טאָכטער, און מרים האָט נביאות געזאָגט: „ביי מיינע עלטערען וועט אַמאָל געבוירען ווערען א זוהן וואָס וועט ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל פון די הענט פון די מצריים״. און זי האָט זיך געווענדעט צו איר פאָטער און געזאָגט: „דיין גזירה איז גרויזאַמער פון פרעה׳ס. ער וויל פאַרטיליגען בלויז די זכרים, אָבער דו מאַכסט אוממעגליך פאַר די אידען יעדע נאָכקומענשאַפט, אפילו נקבות״.

האָט עמרם געפאָלגט זיין דאַמאָלס זעקס יאָריגער טאָכטער, און ער האָט צוריקגענומען יוכבד׳ן.

יוכבד, וואָס איז דאַן אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָר, האָט ווידער אָנגעהויבען צו בליען מיט יוגענטליכער שעהנקייט. עמרם האָט זי אויפסניי געפירט אונטער דער חופה. מרים און אהרן האָבן פאַר זיי געטאַנצט, און די מלאכים האָבן געזונגען „אם הבנים שמחה הללוי״.

ווען יוכבד איז צוריקגעקומען צו עמרם׳ען, איז זי שוין דאַן געווען שוואַנגער דריי חדשים. אָבער די מצריים האָבן גערעכענט איר שוואַנגערשאַפט זייט איר צוריקקעהר.

און מיטוואָך, דעם זיבעטען טאָג אין אדר, נאָך דער דריטער מאָרגען־שטונדע, אין דעם יאָר 2365 נאָך דער וועלט־שאַפונג, איז משה געבוירען געוואָרען. אין דעם אויגענבליק, ווען דאָס קינד האָט דערזעהן דעם שיין פון דער וועלט, איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרען פול מיט ליכט־שיין, וואָס איז געווען גלייך ווי דער שיין פון דער זון און דער לבנה. און משה איז געבוירען געוואָרען גע׳מל׳ט און איז געווען פון אויסערגעוויינליכער שעהנקייט. פון אָט דעם האָבן די עלטערען באַלד דערקענט די צוקונפטיגע מיסיע, וואָס זייער טאָכטער מרים האָט נביאות געזאָגט. און זיי האָבן אים גערופען „טוב״ אָדער „טוביי״, דער אַלמעכטיגער איז גוט.

צו ראַטעווען דאָס קינד פון פרעה׳ס גרויזאַמען באַפעהל, האָבן די עלטערען אים באַהאַלטען דריי חדשים אין אַ קעלער. מער, אָבער, פון דריי חדשים האָבן זיי אים ניט געקענט פאַרבאָרגען, ווייל נאָכדעם האָבן די מצריים פאַרדעכטיגט יוכבד׳ס אַנטבינדונג. און אַ חוץ דעם פלעגען די מצריים ברענגען קליינע קינדער אין די אידישע הייזער, און זיי האָבן זיי געמאַכט וויינען, ווייל טאָמער באַהאַלטען די אידען די ניי־געבוירענע אינגלעך, איז ווען זיי וועלען הערען קינדער וויינען, וועלען זיי אויך אָנהויבען וויינען. האָבן משה׳ס עלטערען באַשלאָסען, אַז עס איז בעסער איבערצולאָזען דאָס קינד אויף דעם אַלמעכטיגען׳ס באַראָט, איידער ווי צו האַלטען אים אין אַן אומזיכערער באַהעלטעניש.

האָט יוכבד גענומען אַ קעסטעלע פון ראָהר, און האָט עס אויסגעשמירט מיט פעך פון אויסענווייניג און מיט ליים פון אינעווייניג. זי האָט אַריינגעלייגט דאָס קינד אין קעסטעלע און האָט עס אַנידערגעשטעלט אין דעם

טשערעט ביי דעם ברעג פון דעם טייך. און זיין שוועסטערל מרים האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דערווייטענס צו זעהן וואָס מיט אים וועט פּאַסירען.

אין יענע טעג פלעגט בתיה, פרעה׳ס טאָכטער, זיך געהן באָדען, כדי צו היילען איר קרעציגען קערפּער, איז ווי נאָר זי האָט אָנגעריהרט דאָס קעסטעלע, איז איהר קרעץ אויסגעהיילט געוואָרען. אָבער אַזוי ווי משה האָט ניט געוואָלט זויגען פון מצרים׳שע פרויען, האָט מרים געבראַכט דעם קינד׳ס מוטער.

און אין דעם אויגענבליק, ווען משה איז געבוירען געוואָרען, האָט ער געקאָנט שטעהן אויף זיינע אייגענע פיס, און ער האָט גערעדט מיט זיינע עלטערען. אין עלטער פון דריי חדשים האָט ער שוין נביאות געזאָגט. נאָך צוויי יאָר האָט יוכבד אים אַנטוויינט און אים צוריקגעבראַכט צו דער פּרינ־צעסין. די פּרינצעסין האָט אים אַ נאָמען געגעבען משה, ווייל „מן המים משיתהו״ — פון דעם וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגען.

און משה האָט געהאַט נאָך אַ גאַנצע רייהע אַנדערע נעמען. זיין פּאָטער האָט אים גערופען „חבר״, ווייל צוליב אים האָט ער זיך נאָך אַמאָל באַהעפט מיט זיין ווייב. זיין מוטער האָט אים גערופען „יקותיאל״, ווייל איר האָפנונג איז געווען אויף דעם רבונו של עולם. זיין שוועסטער מרים האָט אים גערופען „ירד״, ווייל זי האָט „אַראָפּגענידערט״ צום טייך צו זעהן זיין שיקזאַל. זיין ברודער אהרן האָט אים גערופען „אבי זנוח״, ווייל זיין פּאָטער עמרם האָט צוריק גענומען זיין פרוי יוכבד, כדי דאָס קינד זאָל געבוירען ווערען. זיי זיידע קהת האָט אים גערופען „אבי גדר״, ווייל דער פּאָטער אין הימעל האָט פאַרריכט דעם לאַך אין ישראל, ווען ער האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט. זיין אַם האָט אים גערופען „שמעי׳ בן נתנאל״, ווייל אין זיינע לעב־צייטען וועט דער אויבערשטער „הערען״ דאָס זיפצען פון די אידען, און ער וועט זיי העלפען פון זייערע אונטערדריקער, און דורך אים וועט דער „אויבערשטער געבען״ די תורה. אָבער באַקאַנט איז ער מיט דעם נאָמען משה, וואָס בתי׳ האָט אים געגעבען. און אפילו כביכול אַליין האָט אים קיינמאָל ניט גערופען אַנדערש.

און בתיה האָט דאָס קינד זעהר ליב געהאַט. זי פלעגט אים האַלזען און קושען, און האָט אים קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינליכער שעהנקייט האָבען אַלע פּרינצען און שררות אים ליב געהאַט. אַלע האָבען אים געוואָלט זעהן. און ווען אימיצער האָט אים איינמאָל געזעהן, האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט אָפּרייסען פון אים.

אויך דער קעניג פרעה אַליין האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען אויסערסט באַגייסטערט פון זיין הויכען, שעהנעם און גראַדען וואוקס. און אַט אַזוי האָט די פּרינצעסין, פרעה׳ס טאָכטער, ערצויגען אין דעם קעניגליכען הויף צוזאַמען מיט די אַנדערע פּרינצען, דעם יעניגען, וואָס וועט זיך אַמאָל אָפּרעכענען מיט איר פּאָטער, דעם קעניג, און מיט די מצריים, פאַר די גע־ברענטע צרות, וואָס זיי האָבען אָנגעטהון דעם פאָלק ישראל.

אָבער ניט נאָר האָט משה׳ס קערפּערליכע אַנטוויקלונג איבערגעיאָגט זיינע יאָרען, נאָר אויך זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען געווען פון אויסער־געוויינליכער נאַטור. שוין אַלס קליין קינד האָט ער געוואוסט אַנצודייטען

זיין גלאַרדייכע צוקונפט ווי אויף פּרעה׳ס נידערלאַגע. ווען ער איז אַלט געווען אין גאַנצען דריי יאָר, איז ער איינמאָל געזעסען אויף בתיה׳ס שויס אין געגענוואַרט פון דער קעניגין אלפּרעניה, בלעם און אַנדערע גרויסע מלוכה־לייט. האָט ער אַראָפּגענומען די קרוין פון דעם קעניג׳ס קאָפּ, און ער האָט זי אַרויפגעטהון אויף זיין אייגענעם קאָפּ. די דאָזיגע טאַט האָט שטאַרק איבערגעשראָקען דעם קעניג, און ער האָט געפרעגט זיינע מלוכה־לייט אַן עצה.

האָט זיך אָנגערופען בלעם, און ער האָט געזאָגט: „אָה, קעניג, געדענקסטו, אַז דו האָסט אַמאָל געחלום׳ט ווי דו זיצסט אויף דעם טראָן, און פאַר דיר שטעהט אַן אַלטער מאַן מיט אַ וואָג אין האַנט. דער מאַן בינדט אַלע מצריים, זייערע פירשטען און די גרויסע לייט פון דעם לאַנד, און ער לייגט זיי אַרויף אויף איין וואָגשאָל. און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל לייגט ער אַרויף ניט מעהר ווי איין לעמעלע, און דאָס לעמעלע האָט איבערגעוואויגען. איך האָב דיר פּותר חלום געווען, ערקלערט דעם חלום, אַז אַ גרויס אומגליק הענגט איבער מצרים. ביי די אידען וועט געבוירען ווערען אַ מאַן, וואָס וועט פאַרניכטען גאַנץ מצרים, און ער וועט אַרויספיהרען אַלע אידען מיט אַ שטאַרקער האַנט פון דעם לאַנד מצרים. אַלזאָ, לויט מיין עצה, זאָלסטו טויטען דאָס קינד.״

דערויף האָט דער קעניג אים געענטפערט, אַז ער וועט זיך צוערשט באַראַטען מיט די קלוגע פון זיין לאַנד, צי דאָס קינד איז איבערהויפּט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין טאַט, און צי עס פאַרדינט טויט־שטראָף.

און דער קעניג האָט צוזאַמענגערופען אַלע קלוגע לייט, און ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. האָט זיך אָנגערופען דער מלאך גבריאל, וואָס האָט זיך געפונען צווישען די מלוכה־לייט אין געשטאַלט פון אַ מענשען, און געזאָגט, אַז צוערשט דאַרף מען זיך איבערצייגען, צי דאָס קינד האָט געהאַנדעלט מיט פאַרשטאַנד. און ער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל ברענגען דיאַמאַנטען און גליהענדע קוילען און זעהן צו וועלכען ער וועט אויסשטרעקען די האַנט. וועט ער וועלען נעמען דאָס צירונג, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ פאַרשטענדליך קינד. און אויב ער וועט אויסשטרעקען די האַנט צו נעמען דאָס פייער, איז אַ באַווייז, אַז מען קען אים ניט האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין טאַט.

איז דער דאָזיגער פאָרשלאַג געפעלען געוואָרען. און אַזוי ווי מען האָט אַוועקגעשטעלט די דיאַמאַנטען און די גליהענדע קוילען, האָט דאָס קינד אויסגעשטרעקט די האַנט צו די דיאַמאַנטען. אָבער דער מלאך האָט אָפּגעווענדעט זיין האַנט צו די קוילען, און דאָס קינד האָט צוגעריהרט די קויל צום מויל און זיך פאַרברענט די ליפּען. זייט דאַן איז ער פאַרבליבען אַ „כבד פה״. פּרעה און זיינע ראַטגעבער זיינען געווען איבערצייגט, אַז דאָס קינד איז נאָך ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיין טאַט, און מען האָט אים ניט באַשטראָפט.

און משה איז געבליבען אַלס בתיה׳ס זוהן אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ אין דער געזעלשאַפט פון פּרינצען. ער איז געווען געקליידעט אין פּורפּור. זיין שטערען איז געווען באַפּוצט מיט אַ קאָסטבאַרען עדעלשטיין, און דער גאַנצער קעניגליכער הויף און גרויסע־לייט פון דעם לאַנד האָבען אים אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

ווען משה איז שפּעטער געוואויר געוואָרען פון בלעם׳ס עצה, האָט ער געזוכט אַ געלעגענהייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים. אָבער אַזוי שנעל ווי בלעם האָט דאָס באַמערקט, איז ער אַנטלאָפען מיט זיינע צוויי זיהן צו דעם עטיאָ־פּישען קעניג קיקנוס.

און כאָטש משה איז ערצויגען געוואָרען אין פּרינצליכען לוקסוס־לעבען, האָט ער דאָך גענומען אַ טיפען אינטערעס אין דער לאַגע פון זיינע פאַר־שקלאַפּטע ברידער. געהענדיג איינמאָל קיין גושן, האָט ער געזעהן ווי פאַר־שקלאַפּט זיי זיינען. האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין. ער האָט אונטערגעשטעלט די אַקסעל און האָט געוואָלט העלפען יעדען אַרבייטער. ער האָט אַפּעלירט צו פּרעה׳ן, אַז ער זאָל די פאַרשקלאַפּטע אידען באַוויליגען כאָטש איין רוה־טאָג אין דער וואָך, נעמליך דעם זיבעטען טאָג. פּרעה האָט זיין בקשה ערפילט, און אַזוי אַרום האָבען די אידען אין מצרים אָפּגעהיט שבת נאָך איידער די עשרת הדברות זיינען געגעבען געוואָרען.

און ווען משה האָט געזעהן ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען, און דער איד האָט אים דערציילט, אַז דער מצרי האָט זיך ביינאַכט אַריינגעגנב׳עט אין זיין הויז און האָט אים געבונדען, פאַראומרייניגט זיין פרוי, און איצט וויל ער אים טויטען, האָט משה אויסגערופען דעם שם המפורש, און דער מצרי איז געפאַלען אַ טויטער אויפ׳ן אָרט.

אָבער שפּעטער האָבען דתן און אבירם אים געמסר׳ט, און פּרעה האָט באַפוילען, אַז מען זאָל אים טויטען. ער האָט געהייסען ברענגען אַ שאַרפע שווערד, וואָס האָט ניט איר גלייכען. ניט ווייניגער ווי צעהן מאָל האָט מען זי געלייגט אויף משה׳ס האַלז, אָבער זיין האַלז איז געוואָרען ווי אַ מאַרמאָר־שטיין, און עס האָט אים ניט געשאַדט. דערווייל איז אַראָפּ אַ מלאך פון דעם הימעל און האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון משה׳ן. זיי האָבען גע־כאַפּט דעם מלאך, און משה איז דערווייל פאַרשוואונדען. אַ מלאך האָט משה׳ן אַרויסגעפיהרט פון מצרים, און ער האָט אים אַוועקגעפירט אויף אַ מרחק פון פערציג טעג רייזע פון דער מצרים׳שער גרענעץ. זיין ברודער אהרן איז גע־בליבען אין מצרים, און ער איז געווען טעטיג ביי די אידען אַלס נביא. פּרעה האָט אָנגעהויבען נאָך מעהר צו פאַרשקלאַפּען די אידען, און זייער יאָך איז געוואָרען שווערער פון טאָג צו טאָג.

אָט דאָס איז בקיצור די געשיכטע פון משה רבינו׳ס יוגענט, וואָס האָט שפּעטער באַפרייט די אידען פון זייער צוויי הונדערט און צעהן יאָריגער קנעכטשאַפט, זיי אַרויסגעפיהרט פון דעם שקלאַפען־לאַנד מצרים און זיי געגעבען די תורה.

און פאַרשקלאַפּט האָט זיי פּרעה צוליב דעם „רב ועצום ממנו״. זאָגט דערויף ר׳ אביש פראַנקפורטער ז״ל אַן אמת׳דיג וואָרט. עס איז נעמליך די זעלבע טענה, וואָס מיר אידען הערען נאָך היינט צו טאָג אין כמעט אַלע לענדער: „ממנו״ — פון אונז. די אידעלאַך ווערען רייך פון אונז. איז דער־פאַר „הבה נתחכמה לו פן ירבה״. זאָגט דערויף דער רמב״ן ז״ל: נעמען גלאַט און אויסראָטען אַן אומשולדיג פאָלק וואָלט דאָך געמאַכט אַ צו שלעכטען איינדרוק, אפילו ביי די פעלקער פון דער וועלט. איז דאַריבער „הבה נתחכמה״,

דאַמיר זיך באַנוצען מיט אַ פּאַרטעל, מיר וועלען אַרויפליגען אויף זיי שווערע שטייערען, און דאָס איז דאָך געזעצליך.

און דער „יד יוסף" ז"ל גיט צו: מיר דאַרפען געפינען אַן עצה צום „לו", צו דער אידישער אחדות, צו דער אידישער איינינגקייט. „פּן ירבה", אפשר וועט עס העלפען, אַז זיי זאָלען ברעכען זייער אחדות און זיך טיילען אין „מעהרערע" גרופּען און פּאַרטייען. און ווי אַזוי קאָן מען דאָס דערגרייכען? דורך „וישימו עליו שרי מסים", דורך אַרויפליגען אויף זיי שטייערען. ווארום דאָס וועט ברענגען צו מחלוקת'ן. יעדער איינער וועט שרייען פאַרוואָס דאַרף ער צאָהלען מעהר שטייער ווי דער אַנדערער, און דאָס וועט ברעכען זייער איינינגקייט.

נעמט זיך דאָך אָבער דער אויבערשטער סוף כל סוף אַן די אידישע קריוודע, האָט ער זיך באַוויזען צו משה'ן אין אַ דאָרן „והסנה איננו אכל". פאַרוואָס עפּעס גראַדע אין אַ ברענענדיגען דאָרן? און דער „כלי יקר" ז"ל ענט־פערט, אַז פּונקט ווי דער „סנה" ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, אַזוי איז דאָס געווען אַ רמז, אַז די מצריים וועלען ניט קענען זיי פאַרניכטען. און נאָך אַ זאַך: פּונקט ווי דער „סנה", וואָס ווען ער ברענט, פלאַקערט ער און מאַכט אַ גערויש, אַזוי אויך איז עס מיט די אידען. אפילו ווען אַרום זיי ברענט אַ פייער פון געבראָטענע צרות, שטעכט איין איד דעם אַנדערען, ליידער, ווי אַ דאָרן, און עס פלאַקערט צווישען זיי שנאה, קריגעריי און גלאַט קנאה.

און כביכול האָט געזאָגט משה'ן: „אל תקרב הלום", זאָגט דערויף דער מדרש רבה: „מכאן שבקש משה מלכות". משה האָט פאַרלאַנגט פון דעם אויבערשטען, אַז ער זאָל אים געבען תקיפות, ער זאָל קענען צווינגען די אידען, זיי זאָלען מקיים זיין די תורה. אָבער כביכול האָט אים געענטפערט: ניין, גוים דאַרפען תקיפות, מאַכט. אָבער דער אידישער גלויבען, דער גלויבען אין „אחד" נויטיגט זיך ניט אין מאַכט. ווארום „המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא". די תורה איז הייליג און דורכאויס אמת. און הייליגע, אמת'ע זאַכען דערגרייכען און דרינגען אַריין אין דעם מענשען'ס האַרץ אַריין אָהן צוואַנגס־מיטלען, אָהן מאַכט־מיטלען, אָהן תקיפות.

וארא

דערציילט אונז די היינטיגע סדרה ווי דער אויבערשטער זאָגט צו משה'ן: זאָג די אידען אַז „והוצאתי... והצלתי... וגאלתי... ולקחתי... והבאתי אתכם אל הארץ"... און איך וועל אייך ארויסנעמען פון דער מצרים'שער פאַרשקלאַפונג, און איך וועל אייך מציל זיין פון דער אַרבייט, און איך וועל אייך אויסלייזען, און איך וועל אייך נעמען פאַר מיין פאָלק, און איך וועל אייך אַריינברענגען אין דעם לאַנד אַריין.

איז דאָס, ווי מיר ווייסען, טאַקע מקוים געוואָרען. פון דער עגיפּטישער קנעכטשאַפט זיינען אונזערע אור־עלטערען פטור געוואָרען נאָך אַ צוויי הונדערט און צעהן יאָריגער פאַרשקלאַפונג. מיר זיינען געוואָרען דעם אויבערשטענ'ס פאָלק, און ער איז געוואָרען אונזער פאָטער. און ער האָט טאַקע אונז אַריינגעבראַכט אין דעם לאַנד אַריין פון אונזערע אבות אברהם, יצחק און יעקב.

אָבער ניט אַזוי לייכט איז דער דאָזיגער פּראָצעס צוגעגאַנגען. משה האָט געהאַט צו טהון מיט אַ גוי פּרעה, וואָס איז געווען אַ געוואַלדיגער עקשן, און נאָך אַ שונא ישראל דערצו. פיינט געהאַט די אידען האָט ער אפילו ניט, אַ סימן ער האָט דאָך ניט געוואָלט זיי זאָלען פאַרלאָזען זיין לאַנד. נאָר וואָס דען? ער האָט פאַרלאַנגט איין קלייניגקייט. ער האָט געוואָלט, אַז אחינו בני ישראל זאָלען שטענדיג זיין זיינע שקלאַפען. האָבען מיר דאָך אָבער אַ באַרעמהערציגען פאָטער אין הימעל, האָט ער געזאָגט: „גענוג", וויפיל איז דער שיעור אַז מיינע קינדער זאָלען שקלאַפען? איז דאָך, אָבער, פּרעה געווען אַן עקשן, האָט מען אים באַדאַרפט דערלאַנגען קלעפּ.

איז קלעפּ טאַקע ניט קיין אידישע מידה. אַ איד האָט דריי סאָרטען כלי זין. צוערשט באַנוצט ער „דורון". ער פּרובירט קויפען זיין פרייהייט פאַר געלט. אַז עס העלפט ניט, באַנוצט ער זיך מיט „תפלה". ער בעט, ער אַפּעלירט, ער פּרוּווט באַווייזען אַז עס קומט אים. און ווען אויך דאָס העלפט ניט, האָט ער ניט קיין ברירה און באַנוצט „מלחמה".

האָט משה באַנוצט אַלע מעגליכקייטען. ער האָט אַפּעלירט צו פּרעה'ן. ער האָט אים געוויזען סימנים אַז דער אויבערשטער האָט אים געשיקט. אָבער פּרעה'ס עקשנות האָט פאַרטונקעלט זיין שכל, און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט. האָט משה אָנגעהויבען דערלאַנגען מכות.

אויף דעם אויבערשטענ'ס באַפעהל האָט אהרן אויסגעשטרעקט דעם געטליכען שטעקען איבער אַלע וואַסערען פון מצרים, און זיי זייגען פאַרוואַנ־דעלט געוואָרען אין בלוט. אפילו דאָס וואַסער וואָס האָט זיך געפונען אין פעסער, אין פלעשער, אין גלעזער, וואו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ טראָפּען וואַסער איז עס פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין בלוט. יאָ, אפילו ווען אַ

מצרי האָט אויסגעשפּיגען, איז באַלד דערפון געוואָרען בלוט. זיינען דאָך אָבער די מצריים ניט געווען קיין נאַראָנים, פלעגען זיי גיין צוזאַמען מיט די אידען צו די טייכען שעפּען וואַסער. איז די אידען האָבען געשעפּט וואַסער, און דאָס וואָס די מצריים האָבען געשעפּט איז געווען בלוט. זיינען די מצריים געפאַלען אויף אַן המצאה און יעדער מצרי האָט געזאָגט צו אַ אידען, לאָמיר טרינקען פון איין כלי. זיינען דאָך אידען רחמנים בני רחמנים, האָבען זיי מסכים געווען. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַז דאָס וואָס דער איד האָט געטרונקען איז געווען וואַסער, און דאָס וואָס דער מצרי האָט געטרונקען איז געווען בלוט. און אָט די דאָזיקע מכה „דם" האָט געדויערט גאַנצע זיבען טעג, און דאַן האָט זי אויפגעהערט.

און אַזוי ווי פּרעה האָט שוין געקאָנט אָפּכאַפּען דעם אָטעם, האָט ער ווידער זיך איינגעעקשנ'ט, און ניט אַרויסגעלאָזט די אידען. האָט משה אים געוואָרענט גאַנצע פיער און צוואַנציג טעג, אַז אויב ער שיקט ניט אַרויס די אידען, וועט זיין לאַנד געשלאָגען ווערען מיט „זשאַבעס", מיט „פראָשען" (צפרדע). און פאַרוואָס מיינט איר האָט די ערשטע מכה געהאָט צו טהון מיט וואַסער און די צווייטע מכה מיט אַ באַשעפעניש וואָס לעבט אין וואַסער? ווייל אונזער אַלטיטשקער אין הימעל פיהרט אַ גאָר גוטען חשבון. כביכול האָט געזאָגט זאָל קומען וואַסער, און אַ זאַך וואָס לעבט אין וואַסער און באַשטראָפען די מצריים וואָס ווילען אומברענגען אַ פאָלק וואָס וועט מקבל זיין די תורה וואָס איז געגליכען צו וואַסער.

איז דאָך אָבער פּרעה געווען אַ גוי אַן עקשן, האָט ער זיך ניט וויסענדיג געמאַכט. איז געגאַנגען אהרן און האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקען איבער אַלע טייכען פון מצרים. איז אַרויס איין זשאַבע, און זי האָט אָנגעהויבען צו קוואַקען. און טאַקע באַלד זיינען זיך צונויפגעלאָפען אַזוי פיל פראָשען, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פול מיט זיי. און אַז די מצריים האָבען אָנגעהויבען זיי צו שלאָגען, האָט יעדע איינע פון זיי אָנגעהויבען צו שפּריצען מיט אָהן אַ שיעור זשאַבעס. און זיי זיינען געווען פול אומעטום, אפילו אין די אויוונס ווען מען האָט געבאַקען ברויט.

און נאָך דעם ווי די מכה האָט זיך אָפּגעטהון, איז פּרעה געבליבען דער זעלבער עקשן וואָס פריהער. האָט משה אים ווידער געגעבען פיער און צוואַנציג טעג, און אַזוי האָט ער געטהון פאַר יעדער מכה, און אהרן האָט ווידער אויסגעשטרעקט דעם שטעקען, און דאָס לאַנד איז געשלאָגען געוואָרען מיט כנים — לייז. בקיצור, די היינטיגע סדרה רעכענט אויס ניט ווייניגער פון זיבען מכות מיט וועלכע גאַנץ מצרים, אויסער גושן וואו די אידען האָבען געוואוינט, איז געשלאָגען געוואָרען. אָבער פּרעה'ס האַרץ איז געווען האַרט ווי אַ שטיין, און ער האָט זיך אפילו ניט געוואָלט צוהערען צו משה'ס רייד.

אגב, אויך די אידען זיינען ניט געווען אַזוי גיריג זיך צוצוהערען צו משה'ן. די סדרה זאָגט בפירוש „ולא שמעו אל משה". אָבער, זאָגט דער „דרור המור" ז"ל, דאָס איז געווען דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט געהאַט צו אים קיין צוטרוי, ווייל ער האָט ניט געלעבט צוזאַמען מיט זיי. משה האָט געלעבט אַ שטיק צייט אין מדין. האָט ער, פאַרשטעהט זיך, ניט גענומען קיין פיזישען אַנטייל אין זייערע צרות. ער האָט ניט געליטען פיזיש זייערע וועהטאָ־

גען, זייערע שמערצען. לערנען מיר דערפון, אַז אַ פיהרער קען געווינען דעם צוטרוי פון זיין פאָלק נאָר דאַן ווען ער ליידט גלייך מיט זיי.

דאָס האָט טאַקע משה גע'טענה'ט צום אויבערשטען, זאָגט ר' יצחק וואָרקער ז"ל: „הן בני ישראל לא שמעו אלי", אַז די אידען הערען מיך ניט, וועל איך נאָך קענען מלמד זכות זיין אויף זיי. אָבער „ואיך" — ווי אַזוי וועט זיין, וואָס וועל איך טהון „ישמעני פרעה", אַז פרעה וועט מיך יאָ הערען? וואָס פאַר אַ פנים וועל איך האָבען, אַז פרעה וועט מיך יאָ הערען און די אידען ניט? דאַן איז „ואני ערל שפתים", דאַן בלייב איך דאָך פאַר דיר, רבונו של עולם, חלילה אָהן לשון!

און פאַרוואָס מיינט איר איז טאַקע משה געווען אַן „ערל שפתים", אַ שטאַמלער? און דער „באר יצחק" ז"ל ענטפערט: אַז דאָס איז דערפאַר כדי מען זאָל ניט קענען זאָגען אַז משה האָט געווירקט מיט זיין שעהן רעדען, מיט זיינע גלאַטיגע רייד, מיט זיינע אָראַטאָרישע פעהיגקייטען אויף די אידען; מען זאָל ניט קענען נאָכדעם זאָגען אַז ער האָט זיי גענומען מיט גוטע רייד.

איז טאַקע משה'ן ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט צו געווינען דעם צוטרוי פון די אידען. און דער אויבערשטער אַליין האָט אויסדריקלעך געוואָרענט משה'ן און אהרן'ען אַז זיי וועלען האָבען אַ שווער שטיקעל אַרבעט. „ויצום אל בני ישראל", ער האָט געזאָגט משה'ן און אהרן'ען: איר זאָלט וויסען אַז מיינע קינדער זיינען עקשנים. זיי קענען דערצערענען און אפילו באַלעסטיגען אַ מענשען, אָדער ווי דער מדרש זאָגט: „סרבנים, רגזנים, טרחנים". און צו זיין פיהרער ביי אידען, מוזט איר זיין גרייט דערצו.

און דערפאַר טאַקע, זאָגט ר' העניך פון אַלעקסאַנדער ז"ל, האָט דער אויבערשטער זיי געגעבען גלייכצייטיג אַן עצה. נעמליך, „ויצום אל בני ישראל... אלה ראשי בית אבותם". ער האָט געזאָגט משה'ן און אהרן'ען זאָגט זיי: „דערמאָנט זיך אידען אין אייער יחוס, אין אייער אָפשטאַם. פון וואַנען איר שטאַמט אָפּ, ווער אייערע אבות זיינען געוועזן. עס פּאַסט ניט פאַר אייך, אַז איר, וואָס שטאַמט־אָפּ פון אַזאַ גרויסען יחוס ווי אברהם, יצחק און יעקב, זאָלט זיין קנעכט און פאַרשקלאָפט ביי די מצריים!"

און אַזוי איז עס טאַקע אויך אין דעם אַלטעגליכען לעבען. יעדע זאַך דאַרף זיין צוגעפּאַסט צום מענשען, לויט ווי עס פּאַסט זיך פאַר אים. ווען דער „נודע ביהודה" ז"ל איז געוואָרען רב אין פראַג, האָט ער, ווי דער שטייגער איז ביי אידען, געהאַט מתנגדים, געגנער, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז ער איז ניט ראוי צום פראַגער כסא הרבנות. אַזוי ווי ער איז געוועזן פון קליינעם וואוקס, איז ווען ער האָט זיך געזעצט צום ערשטען מאָל ביי דעם טיש צו לערנען מיט דעם עולם, האָט ער געמוזט האַלטען דעם קאָפּ אויפ־געהויבען. צווישען עולם האָבען זיך געפונען אויך מאַנכע פון זיינע געגנער. האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופען: „רבי, דער טיש איז פאַר אייך צו הויך". האָט דער „נודע ביהודה" אים געמיטלאַך געענטפערט: „איר האָט אַ טעות, דער שטול (כסא הרבנות) איז פאַר מיר צו נידעריג"...

און אַז יעדער איינער דאַרף זיין לויט אים פּאַסט, וועלען מיר אויך זעהן פון פאָלגענדער מעשה שהיה: ווען ר' יעקב ז"ל איז געוואָרען רב אין ליסא, זיינען די „פני" פון דער שטאָדט אַרויסגעפאָרען אין אַ קאַטש אים אנטקעגען.

ווען דער רב האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער קאָטש, האָבען עטליכע בעלי בתים, גרויסע לומדים, באַלד אָנגעהויבען צו שמועסען מיט אים אין לערנען. בעת דער שמועס האָט זיך אַנטוויקעלט, האָט דער שמייסער, וואָס איז געזעסען אויף דער קעלנע, זיך אויך אַריינגעמישט אין דעם שמועס, און ער האָט אַרויסגעוויזען גרויס בקיאות און חריפות. האָט ר׳ יעקב אַ זאָג געטהון צו די בעלי בתים: „הייסט שוין צוריקפאַרען, ווי קום איך צו זיין אַ רב אין אַ שטאָדט וואו אפילו אַ פשוט׳ער בעל עגלה איז אַזא גרויסער למדן?״ האָבען די בעלי בתים אָנגעהויבען שמייכלען און געזאָגט: „רבי, דאָס איז נישט קיין פשוט׳ער בעל עגלה, נאָר איינער פון די דיינים. פאַר אייער כבוד וועגען איז ער געוואָרען אויף אַ ווייל אַ בעל עגלה״. דעריבער, אַז אַ דיין ווערט אַ בעל עגלה אויף אַ שטונדע צוליב דעם כבוד פון אַ גרויסען רב, איז אפילו גאָר שעהן. אָבער אַז די אייניקלעך פון אברהם, יצחק און יעקב זאָלען זיין שקלאַפען ביי די מצרים, דאָס פאַסט זיכער ניט.

איז טאַקע לומדות זעהר שעהן, פיין און גוט. אָבער לומדות איז איין זאַך, און זיך פיהרען ווי אידען איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אָפּזייענדיג היפשע עטליכע יאָר רב אין ליסאַ, האָט דער זעלבער ר׳ יעקב אָנגענומען אַ כתב רבנות אין סטרי, און ער האָט געשיקט רופען די וויכטיגע בעלי בתים און זיי מודיע געווען אַז ער פאַרלאָזט זייער קהלה. „סטייטש, רבי, פאַרוואָס? עס פעהלט אייך דען חלילה עפּיס ביי אונז?״ „ניין״, האָט דער רבי געענטפערט, „אַזוי פעהלט מיר ביי אייך גאָרניט, אָבער זינט איך בין רב ביי אייך איז דאָס די ערשטע שאלה וואָס מען פרעגט מיך!״

און אַז אַלץ דאַרף זיין לויט עס פאַסט יעדען, זעהען מיר בפירוש אין דער היינטיגער סדרה. די תורה זאָגט אונז: „הוא אהרן ומשה אשר אמר ה׳ להם הוציא את בני ישראל... הם המדברים אל פרעה... הוא משה ואהרן״. מערקט זשע גוט אַז פריהער שטעהט אהרן און משה, און דערנאָך שטעהט משה און אהרן. פאַרוואָס? גיט דערויף ר׳ בונים פשיסכער ז״ל אַ גלענצענדע ערקלערונג: צו רעדען מיט די אידען איז אהרן ומשה, נעמ־ליך, פריהער אהרן, ווייל אהרן איז די גאַנצע צייט געווען מיט די אידען אין גלות מצרים, ניט ווי משה וואָס איז גאַנצע פערציג יאָר געווען ווייט פון די אידען ערגיץ אין מדין. אָבער ווען עס איז געקומען צו רעדען מיט פרעה׳ן, איז משה ואהרן, משה פריהער, ווייל משה איז דאָך ערצויגען געוואָרען אין דעם הויף פון מצרים׳ס קעניג.

און כאָטש פרעה האָט אַזוי פאַרשקלאַפט די אידען, פונדעסטוועגען האָט משה געהאַט מיטלייד מיט אים און די מצריים. אַזוי איז שוין די טבע פון די אידען, זייענדיג אַ קינד פון „רחמנים בני רחמנים״, פאַרגעסט ער באַלד די צרות וואָס די רשעים טהוען אים אָן, און ער האָט נאָך מיטלייד מיט זיי. די סדרה דערצעהלט אונז אַז משה האָט געזאָגט „לא נכון לעשות כן... הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו״. ווי קומט עס וואָס משה האָט מורא געהאַט צו שעכטען בהמות אין געגענוואַרט פון די מצריים? האָט ער דען

ניט געהאַט חלילה קיין בטחון? טייטשט דער „חתם סופר" ז"ל דעם פּסוק אַזוי: הן, עס איז טאַקע אמת אַז „נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו", איך בין זיכער, אַז ווי באַלד דאָס איז דעם אויבערשטען'ס רצון, האָבען מיר ניט פאַרוואָס מורא צו האָבען. עס וועט אונז זיכער ניט געשעהן קיין שלעכטס. אָבער „לא נכון לעשות כן", אָבער עס איז ניט ריכ־טיג, עס איז ניט אָנשטענדיג צו נעמען די מצריים'ס אָפּגעטער (זיי האָבען געדינט צו בהמות) און זיי שעכטען פאַר זייערע אויגען. אָט דאָס הייסט אַ אידיש האַרץ, אידישע אָנשטענדיגקייט. פּרעה פאַרשקלאָפּט די אידען, מאַטערט זיי מיט די שווערסטע אַרבייטען, אַרבייט מיט זיי עבודת פּרך, וואַרפט זייערע ניי־געבוירענע אינגעלאַך אין טייך אַריין; אַז אַ איד האָט ניט באַוויזען אויפצומויערען אַ געוויס שטיק וואַנט אין משך פון טאָג, איז ער געצוואונגען געווען אַריינצומויערען אין וואַנט אַריין זיין אייגען קינד. אַזאַ אכזר איז ער געווען. און דאָך האָט דער אידעלער משה, דער משה וואָס האָט געגעבען אַ תורה וואָס לערענט „לא תקום ולא תטור", דו זאָלסט ניט נעמען קיין נקמה, און דו זאָלסט ניט נאָכטראָגען קיין שנאה אין האַרצען, ניט געהאַט דאָס האַרץ ווער צו טהון די געפיהלען פון די אכזרים, פון די אידען־פייניגער און שעכטען זייערע אָפּגעטער פאַר זייערע אויגען!

אָט הערט אַ מעשה שהיה: ר' שלמה ליפּשיץ ז"ל, איז איינמאָל, אַן ערב פּסח, געגאַנגען אין גאַס וועגען מצות, האָט מען אויף אים אַרויפגע־וואָרפען ניט קיין אָנגענעמע זאַך. איז דער רב אַוועק אַהיים, אַריין אין חדר און געוויינט. ווען די רביצין האָט דאָס דערזעהן, האָט זי אים געפרעגט: „וואָס וויינסטו? וואָס נעמסטו עס זיך אַזוי צום האַרצען, מאַלע וואָס לאָבוסעס, לאַידאַקעס האָבען געטהון?!" האָט דער רב איר געענטפערט: „איך וויין ניט, איך בין בלויז מתפלל אַז השם יתברך זאָל זיי ניט באַשטראָפען!" אָט אַזוי וויט און טיף געהט דאָס רחמנות־געפיהל ביי אידען, ביי די רחמנים בני רחמנים.

און אָט האָט איר נאָך אַ ביישפּיל פון רחמנות: א איד אַן אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צו ר' נחום'קע הארדנער ז"ל און האָט זיך באַקלאָגט אַז ער האָט ניט וואו איבערצונעכטיגען. עס איז געווען ווינטער, דער פראָסט האָט געברענט. האָט דער רב אים איינגעלאַדען אַלס זיין אורח, אים געגעבען עסען און טרינקען, און אַ געלעגער, כאָטש ער אַליין האָט געהאַט אַן "אַלקערעל" ד' על ד'. אינדערפריה, דער רב שטעהט אויף, און דער אורח איז ניטאָ. טראַכט ער מסתמא האָט ער באַדאַרפט פריה אַוועקגעהן. דער רב וויל אַוועק־געהן איז ניטאָ זיין פּעלץ, נעלם געוואָרען. רעדט ער ניט קיין וואָרט און געהט אין בית המדרש אַריין אָהן דעם פּעלץ. ווען מען האָט דערזעהן אין בית המדרש אַז דער רב איז געקומען אָהן דעם נייעם פּעלץ וואָס חברה ש"ס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק אים געגעבען אַ מתנה, האָט מען זיך אָנגעה־הויבען צו שושקען. רופט זיך אָן אַ בחור: „איך האָב נאָר וואָס געזעהן אין גאָס א אידען אָנגעטהון אין דעם רב'ס פּעלץ". האָט מען געוואָלט לויפען כאַפּען דעם גנב. האָט זיך, אָבער, אָנגערופען דער רב צום בחור: „איז דער

פעלץ גוט אויף אים?" "יאָ", האָט דער בחור געענטפערט, "אַקוראַט זיין מאָס". "אויב אַזוי", האָט דער רבי זיך אָנגערופען, "זאָל ער אים טראָגען געזונטערהייט; ער איז נעביך אַן אָרימאַן, עס איז ווינטער, און דער פראָסט איז אַזוי שטאַרק"...

און איצט וועל איך ענדיגען מיט אַ גוטען טייטש־וואָרט. די סדרה־זאָגט "ואני אקשה את לב פרעה". דער אויבערשטער זאָגט אַז ער וועט מאַכען האַרט פרעה'ס האַרץ, ער זאָל ניט וועלען אַרויסשיקען די אידען. איז דאָך די קשיא, וואָס זשע איז פרעה שולדיג? אַז דער אויבערשטער אַליין לאָזט אים ניט אַרויסשיקען די אידען! ערקלערט עס ר' אברהם מרדכי פיורקא ז"ל אַזוי: אויף צו טהון עפּיס גוטס, נויטיגט זיך דער מענש אין שטאַרקע אָנשטרענגונגען, ער דאַרף מען זאָל אים העלפען פון אויבען, "הבא לטהר מסייעין לו". אָבער ווען איינער וויל טהון עפּיס שלעכטס, קומט עס אים אָן זעהר לייכט, ווייל, "יצר לב אדם רע מנעוריו". איז דער טייטש פון "אני אקשה את לב פרעה" — איך וועל אים ניט העלפען בעסער ווערען. איך וועל אים לאָזען ווי ער איז, מיט דעם יצר... רע מנעוריו. פאַלט שוין אַוועק די באַקאַנטע קשיא.

בא

און דער אַלמעכטיגער האָט געזאָגט צו משה'ן „בא אל פרעה", גיי נאָך אַמאָל צו פרעה'ן. די סדרה פון יענע וואָך, נעמליך „וארא" האָט אונז דערצעהלט ווי מצרים איז געשלאָגען געוואָרען מיט זיבען מכות: דם, צפרדע, כנים, ערוב, דבר, שחין, ברד, און פרעה איז אַלץ געבליבען פאַר־עקשן'ט און האָט ניט געוואָלט באַפרייען די פאַרשקלאַפטע אידען. האָט דער אויבערשטער געהייסען משה'ן נאָכאַמאָל געהן צום קעניג און פאָדערען: „שלח עמי ויעבדוני", שיק אַרויס מיין פאָלק זיי זאָלען מיך דינען. און אויב דו וועסט ניט באַפרייען מיין פאָלק, וועל איך אָנשיקען אַ היישעריק אויף דיין לאַנד, און וואָס עס איז געבליבען פון דעם האָגעל וועט דער היישעריק פאַרניכטען.

איז משה געגאַנגען, און פרעה האָט אים געפרעגט „מי ומי ההולכים", ווער וועלען זיין די געהער? האָט משה אים געענטפערט: „בנערינו ובזקנינו נלך, בבנינו ובבנותנו, בצאננו ובבקרנו נלך". אַלע וועלען מיר געהן, די אינגערע און די עלטערע, אונזערע זיהן און אונזערע טעכטער, אונזערע שאָף, און אונזערע רינדער, אַלע וועלען מיר געהן. אָבער פרעה האָט געענט־פערט אַז ער איז באַרייט צו ערלויבען בלויז די מאַנסבילן צו געהן דינען דעם אויבערשטען (אַ פאָר טאָג), און ער האָט אַרויסגעטריבען משה'ן און אהרן'ען.

האָט משה אויסגעשטרעקט דעם שטעקען, און אַ היישעריק האָט באַדעקט דאָס גאַנצע לאַנד, און אויפגעפרעסען אַלץ אין פעלד און אין גאָרטען, און ניט איבערגעלאָזט אפילו קיין גרעזעלע. פרעה איז אָבער געבליבען דער זעלבער עקשן, איז מצרים געשלאָגען געוואָרען מיט „פינצטערניש". דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט אַ מענש זיך אפילו ניט געקענט אויפשטעלען פון זיין אָרט, אַזוי פינצטער איז עס געווען. האָט פרעה שוין מסכים געווען צו לאָזען די אידען, אפילו די קליינע קינדער, געהן דינען דעם אויבערשטען. אָבער ער האָט געפאָדערט אַז די שאָף און רינדער זאָלען זיי ניט מיטנעמען. (ער האָט עס אַפנים געוואָלט האַלטען פאַר אַ משכון, אַז זיי וועלען צוריק־קומען).

אָבער משה האָט ניט געוואָלט. האָט פרעה זיך ווידער איינגעשפּאַרט און ער האָט אויסגעשריען צו משה'ן „אל תוסף ראות פני, כי ביום ראותך פני תמות". דו זאָלסט זיך מעהר ניט ווייזען פאַר מיר, און אויב יאָ וועט עס דיך קאָסטען דיין לעבען. האָט דער אויבערשטער געשלאָגען מצרים מיט דער צעהנטער מכה, „מכת בכורות". די אידען האָבען געשאָכטען דעם קרבן פסח (געפּראַוועט דעם סדר), און אין מיטען דער נאַכט האָבען אָנגעהויבען אויס־שטאַרבען די בכורים. און „אין בית אשר אין שם מת", עס איז ניט געווען אַ

הויז וואו עס איז ניט געווען אַ טויטער. האָט פּרעה געשיקט רופען משה'ן און אהרן'ען און זיך געבעטען: „קומו צאו מתוך עמי", געהט איר אַלע אַרויס פון מיין פאָלק, נעמט אייך אפילו מיט אייערע שאָף און רינדער. און די אידען האָבען פאַרלאָזט מצרים נאָכדעם ווי זיי האָבען דאָרט געוואוינט פיר הונדערט און דרייסיג יאָר.

דערצעהלט אונז די סדרה אַז ביי דער מכה פון „ארבה" (היישעריק) האָט פּרעה געבעטען משה'ן „ויסר מעלי רק את המות". אַז דער אויבער־שטער זאָל אָפּטהון פון אים דעם טויט. נו, די פריהערדיגע מכות זיינען דען געווען לייכטער? איז פאַר וואָס זשע האָט ער עפּיס גראַד ביי דער דאָזיגער מכה געבעטען „ויסר מעלי רק את המות"? ענטפערט מען בדרך הלצה אַזוי: אויף די ווערטער „וינח בכל גבול מצרים" זאָגט דער בעל הטורים ז"ל: דאָ שטעהט „וינח", ער האָט גערוהט אין גאַנץ מצרים, און אויף אַן אַנדער אָרט שטעהט „וינח ביום השביעי", מלמד שנח בשבת. איז דערפון געדרונגען, אַז דער היישעריק האָט שבת גערוהט. ער איז געווען אַ „שומר שבת" און דערפאַר האָט פּרעה זיך דערשראָקען! פאַר אַ „פרומע מכה", א מכה וואָס רוהט אום שבת, פאַר אַזאַ מכה דאַרף מען זיך היטען!

פרומקייט איז טאַקע וואויל און גוט. וואויל צו דעם וואָס איז פרום און עהרליך, און פיהרט זיך ווי אַ איד. אָבער אויב איינער איז פרום, און אונ־טער דער מאַסקע פון פרומקייט טהוט ער אָפּ מיאוס'ע זאַכען; זיין פרומקייט איז בלויז לגבי דעם באַשעפער פון דער וועלט, אָבער אין זיין באַנעמען זיך מיט מענשען איז ער ניט מקפיד אויף וואָס די תורה זאָגט, ער איז אַ „פרומע מכה", איז פאַר אַזאַ איינעם דאַרף מען זיך שטאַרק היטען.

פרומקייט איז אונגעהויער וויכטיג, אָבער עס דאַרף זיין אַ פּשוט'ע, אמת'ע פרומקייט, און ניט אַ פרומקייט וואָס ווערט געפיהרט מיט אַ „דאָפּעל־טער־בוכהאַלטעריע", נעמליך צום אויבערשטען „גלאָצט מען די אויגען", און אין באַציהונג צו מענשען האָט מען אין זינען בלויז זיך. ניין, אַזאַ פרומ־קייט איז ניט ווערט דעם נאָמען. און מיט פּשוט'ער, אמת־האַרציגער פרומ־קייט דערגרייכט מען אָפט אויך גוטע רעזולטאַטען.

אָט הערט אַ מעשה שהיה: ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו ז"ל האָט אַמאָל געזוכט אַ בעל תקיעה. זיינען געקומען פילע „קאַנדידאַטען", און יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט האָבען די זכיה צו זיין דעם רבין'ס בעל תקיעה. האָט דער רבי זיי אַלעמען פאַרהערט, און געפרעגט יעדען איינעם וואָס פאַר כוונות ער האָט ביי די תקיעות. האָט יעדער איינער זיך געפּלייסט צו וויזען גרויסע ידיעות אין די כוונות פון בלאָזען שופר. אָבער איין בעל תקיעה האָט געענטפערט: „רבי, איך בין אַ פּראָסטער איד, אַ טאַטע פון דערוואַק־סענע טעכטער וואָס מען דאַרף חתונה מאַכען, און קיין גראָשען נדן האָב איך ניט. איז ביי די תקיעות בין איך מכוון „רבונו של עולם, איך האָב געטהון דיין רצון און געבלאָזען פאַר דיר שופר, בעט איך דיר, פאָטער אין הימעל, טהו דו מיין רצון און שיק מיר צו זיווגים פאַר מיינע טעכטער". האָט דער רבי זיך שטאַרק דערפרעהט און אַ זאָג געטהון: „דו האָסט די אמת'ע כוונה, דו וועסט זיין מיין בעל־תקיעה.

צווישען אונז גערעדט, וואָס אייגענטליך איז אַ מענש אויסען מיט זיין „פרומקייט" צו מענשען? אין דער לעצטער שורה מיינט ער דאָך בלויז יענעם אָפּצונאַרען, כדי צו מאַכען נאָך עטליכע דאָלאַר, האַלט מען זיך אין איין אַרומיאָגען. מען לויפט, מען פליהט, וואו מען טאָגט נעכטיגט מען ניט, וואו מען נעכטיגט טאָגט מען ניט, מען קוקט קוים אָן די אייגענע היים. אָט הערט אַ מעשה פון צוויי ברידער:

ר' ברוך מעזשיבוזשער ז"ל האָט געפיהרט אַ זעהר ברייט לעבען. דאַ־געגען זיין ברודער ר' משה חיים אפרים ז"ל, דער „דגל", איז געווען אַן אָרימאַן, און האָט געלעבט אין גרויס דחקות. איינמאָל איז ר' ברוך גע־קומען צו זיין ברודער, דעם „דגל", צו גאַסט, און ער איז שוין דאָרט פאַרבליבען אויף שבת. האָט פאַרשטעהט זיך, ר' משה חיים אפרים געהייסען מאַכען אַ שעהנעם שבת, איבער'ן כוח. פרייטאָג צו נאַכטס איז דער טיש געווען געדעקט מיט אַ ריינעם לייוועטענעם טישטוך. אויף דעם טיש זיינען געווען געגרייט עטליכע קליינע חלה'לאַך, אַביסעלע ראַזשינקעס וויין, אַ הערינג מיט ציבעלע. צוויי ליכטעלאַך האָבען געברענט אין ליימענע „לייכטער", און געוואַשען זיך צום עסען האָט מען מיט אַן ערדען טעפּעל.

ווען ר' ברוך האָט דערזעהן דעם גרויסען דלות, האָט ער אַ פרעג געטהון „פאַר וואָס עפּעס אַזאַ אָרימקייט?" עס פעהלט דען עפּעס, חלילה, ביים טיש?" האָט ר' משה חיים אפרים זיך גע'חידוש'ט. „ביי מיר", האָט זיך אָנ־גערופען ר' ברוך, „בין איך געוואוינט צו זיצען שבת ביי אַ טיש וואָס איז געגרייט פון כל טוב, מיט זילבערנע לייכטער, אַ גאָלדענער קידוש־בעכער, דער בעסטער וויין, מיט וואַשען זיך מיט אַ קופּערנער קוואָרט, אַ קאָסטבאַר טישטוך, און די מאכלים זיינען ממש מעדני מלך". „פון וואַנען־זשע נעמסטו אויף דעם אַלעם?" פרעגט דער „דגל". „וואָס הייסט פון וואַנען?", חידוש'ט זיך ר' ברוך, „איך פאָהר אַרום איבער דער וועלט, און בין מדריך אידען אין עבודת הבורא, זיינען די אידען מיר דערפאַר דאַנקבאַר, און זיי זיינען מיך מהנה, יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייטען, און לויט זיין גוטען ווילען".

„זעה זשע אַליין, ברודער", רופט זיך אָן ר' משה חיים אפרים, „ביי דיר איז דאָס זילבער און גאָלד אין דער היים, און דו ביזט אין גלות. ביי מיר איז דאָס זילבער און גאָלד אין גלות, און איך זיץ מיר אין דער היים". און גלויבט מיר אַז דאָס צווייטע איז בעסער, געשמאַקער און רוהיגער.

די סדרה זאָגט אונז „ולמען תספר באזני בנך... וידעתם כי אני ה'", באַמערקט דערויף ר' יהושע רוקח ז"ל אַ גוט וואָרט, נעמליך, אויב איר ווילט איינפלאַנצען אין די קינדער דעם אידישען גלויבען, די אמונה פון אחד, איז „וידעתם", מוזט איר אַליין פריהער וויסען „כי אני ה'", אז איך בין דער אַלמעכטיגער. איר אַליין מוזט פריהער גלויבען אין השם יתברך. ערשט דאַן קען אייער מיה, עס איינצופלאַנצען אין די הערצער פון אייערע קינדער, האָבען די געהעריגע ווירקונג.

און איינפלאַנצען אמונה אין די קינדער איז זיכער דער וויכטיגסטער זייל אין אידישקייט און אידענטום. וואָרום אָהן אַ אידישער יוגענט איז חלילה ניטאָ קיין אידיש פאָלק. משה רבינו, דער פאָטער פון אַלע נביאים, וואָס האָט

געקוקט 'באספקלריה מאירה' האָט שוין אין מצרים פאַרשטאַנען די וויכטיג־קייט פון דער יוגענט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק. און דערפאַר טאַקע ווען פרעה האָט אים געפרעגט „מי ומי ההולכים?" ווער ווילסטו זאָלען זיין די געהער צו דינען דעם אויבערשטען? האָט משה גע־ענטפערט „בנערינו ובזקנינו נלך... מיט דער יוגענט, מיט די עלטערע מענ־שען... משה האָט דערמאָנט פריהער די יוגענט! אויף דער יוגענט זאָגט דער „ספר הדרוש" ז"ל, לאָקערט שטענדיג אַ גרעסערע געפאַהר מיטגעריסען צו ווערען מיט דעם שטראָם פון ניט־אידישע סביבות, ווי אויף דעם עלטערען דור.

און דער אויבערשטער האָט באַפוילען משה'ן „דבר נא באזני העם". זאָגט רש"י ז"ל „כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם". ערקלערט דער „ספר הדרוש", אַז „עם" מיינט דאָ דעם המון, די אָרימע פאָלקס־שיכטען. דער עיקר דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכען אויף דעם „וישאלו כלי כסף וכלי זהב", אַז זיי זאָלען נעמען זילבערנע און גאָלדענע כלים ביי די מצריים. ווייל „ועבדום וענו אותם קיים בהם" אַרבייטען, און געפייניגט צו ווערען אין מצרים דאָס איז ביי זיי מקוים געוואָרען. דערצו זיינען זיי געווען די ערשטע. אין דעם פרט האָבען זיי מעהר געליטען פון די רייכע. וואָרום די רייכע האָבען, ווי דער שטייגער איז, זיך מסתמא אויסגעדרעהט פון דער אמת'ער שקלאַפעריי. דאַגעגען „ויצאו ברכוש גדול לא קיים בהם", ביי דעם אַוועקגעהן פון מצרים מיט גרויס פאַרמעגען, דאָ וועלען די רייכע זיין די ערשטע, ווייל דעם גביר וועלען די מצריים גיכער לייהען ווי דעם אָרימאַן. איז דאַריבער „דבר נא באזני העם", זאָג דעם המון, דעם פּראָסטען פאָלק „וישאלו... כלי כסף וכלי זהב", זיי זאָלען זיך צואיילען און ניט וואַרטען אויף קיין יושר. אַניט וועלען די גבירים אַלץ אַוועקנעמען, און פאַר זיי וועט גאַרניט איבעריג בלייבען.

איז דאָך די קשיא: דער אויבערשטער האָט דאָך געוואוסט, אַז פון דעם גאָלד און זילבער וועלען די אידען שפּעטער מאַכען דעם „עגל הזהב", דעם גאָלדענעם קאַלב, איז צו וואָס זשע האָט ער זיי עס געהייסען מיטנעמען? ערקלערט עס דער „זרע ברך" ז"ל, אַז דאָס איז כדי שלא יאמר אותו צדיק... אַז אברהם אבינו זאָל נישט זאָגען דעם אויבערשטען: „אַז די אידען וועלען זיין פאַרשקלאַפט אין מצרים האָסטו מקיים געווען, אָבער אַז זיי וועלען פאַר־לאָזען מצרים מיט גרויס פאַרמעגען, דאָס האָסטו ניט מקיים געווען". לערנען מיר דערפון צוויי זאַכען... ערשטענס אַז וואָרט דאַרף מען האַלטען. און צווייטענס מען דאַרף שטענדיג זיך פיהרען אַזוי אַז דער צווייטער זאָל ניט קענען מאַכען קיין פאַרוואורף, אַז מען איז ניט מקיים קיין צוזאָג.

איז ווי זשע קומט עס, אָבער, אַז כביכול זאָל הייסען די אידען לייהען גאָלד און זילבער ביי די מצריים. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זיי וועלען ניט אָפּגעבען? איז דאָך דאָס, מילד גערעדט, גזלה און אָפּנאַרעריי? ענט־פערט טאַקע דער רשב"ם ז"ל אַז 'וישאלו' איז דאָ נישט דער טייטש „לייהען", צי „באָרגען", נאָר עס מיינט בעטען, ווי למשל „חיים שאל ממך", אחת שאלתי מאת ה'", „שאל ממני ואתנה גוים נחלתך". און עהנליכע אויסדרוקען, וואָס

מיינט „בעטען". נעמליך די אידען האָבען ניט געבאָרגט ביי די מצריים, נאָר זיי האָבען זיי געבעטען מתנות.

און ר' יוסף קאַרלינער ז"ל באַמערקט אַז „וישאלו איש מאת רעהו", מיינט איין איד ביי דעם צווייטען. דאָס איז נעמליך אַ רמז אויף שפּעטערע דורות, אַז שטענדיג, אין אַלע צייטען, און אין אַלע לענדער, וואו אידען זאָלען זיך ניט געפינען, זאָלען זיי זיך געגענזייטיג שטיצען, העלפען איינער דעם אַנדערען, און מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים, וואָס איז איינע פון די גרעסטע מצוות, און שטעהט נאָך העכער אפילו פון צדקה. וואָרום צדקה עסט מען אויף, און מען דאַרף ווייטער בעטען. דאַגעגען אַז מען לייהט איינעם אַ גמילות חסד, העלפט עס יענעם צו פאַרדינען דערמיט. עס העלפט אַרויפאַרבייטען זיין געשעפט. איז אי ער אַליין האָט פּרנסה, און ער קען נאָכהער אויך געבען צדקה און טהון גמילות חסדים.

און אָט הערט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפיהרען ווען איינער בעט אַ גמילות חסד? צו ר' עקיבא אייגער ז"ל איז אַמאָל געקומען אַ איד און גע־בעטען אַ גמילות חסד פון פופציג רובעל. דער רבי האָט ניט געהאַט ביי זיך קיין געלט, האָט ער אים געגעבען אַ חפץ פון שטוב ער זאָל עס פאַרזעצען פאַר פופציג רובעל. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען דערצעהלט דעם רבי'ן, אַז יענער איז באַגאַנגען אַן עולה, נעמליך, ניט געגנוג וואָס ער לעזט ניט אויס דעם משכון, האָט ער עס גאָר לכתחילה פאַרזעצט פאַר גאַנצע הונדערט רובעל. האָט דער רבי זיך אָנגערופען: „אַזוי גאָר, ער האָט געדאַרפט הונ־דערט רובעל, און האָט זיך נעבעך געשעמט האָט ער געבעטען בלויז פופציג. פון איצט אָן וועל איך שוין וויסען אַז ווען איינער בעט אַ גמילות חסד, וועל איך אים שוין פריהער אַליין פרעגען צי ער דאַרף ניט מעהר.

דער באַוואוסטער למדן ר' זלמן אוריס ז"ל, אַ גרויסער עושר און בעל צדקה, פלעגט זעהר פיל העלפען מיט גמילות חסדים קרעמער און בעלי מלאכות. איז אַמאָל געקומען צו אים אַ יונגערמאַן און האָט געבעטען אַ גמילות חסד פון דריי הונדערט רובעל אויף צו עפענען אַ קרעמעל. פרעגט אים ר' זלמן צי ער האָט עפּעס אַ גוט־זאָגער, אַ זשיראַנט, און דער יונגער מאַן ענטפערט אַז ער קען קיינעם ניט אין שטאָדט וואָס וועט וועלען גאַראַנ־טירען פאַר אים אַזאַ גרויסע סומע, סיידען דער רבונו של עולם. האָט ר' זלמן געזאָגט, אַז קיין בעסערען זשיראַנט דאַרף ער ניט. ער האָט אָנגע־שריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר „מלוה ה' חונן דל", עס אַריינגעלעגט צווישען די וועקסלען, און ער האָט געגעבען דעם יונגען מאַן דאָס געלט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט דער יונגער מאַן צוריק געבראַכט דאָס געלט, אָבער ר' זלמן האָט עס ניט געוואָלט נעמען. ער האָט גע'טענה'ט, אַז דער „זשיראַנט" האָט אים שוין אָפּגעגעבען מיט פּראָצענט. אָבער דער יונגער מאַן האָט ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט. זיינען זיי איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה, אַז דאָס געלט זאָל ליגען ביי ר' זלמן'ען צו טהון דערמיט גמילות חסדים, און מיט דער מצוה זאָלען זיי זיין ביידע שותפות.

ר' מרדכי לעכוויטשער ז"ל וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, און האָט געטהון פילע גמילות חסדים, פלעגט זיך נוהג זיין צו צעטיילען יעדען טאָג וויפיל געלט ער האָט געהאַט. ער פלעגט זאָגען: „אַז עס בלייבט ביי מיר

אַ גראָשען איבערנאַכט קען איך נישט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט, עס רייבט מיר אָפּ די זייטען".

דאַרף מען טאַקע געבען צדקה, טהון גמילות חסדים, „וכל המרבה הרי זה משובח", וואָס מעהר אַלץ בעסער. אַ גביר איז אַמאָל געקומען צו ר' חיים צאַנזער ז"ל, האָט דער רבי אים געפרעגט: „ווי האַלטסטו אין צדקה?" האָט דער גביר געענטפערט: „איך גיב, עס זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אויף אַלע נויטיגע צוועקען". רופט זיך אָן דער רבי: „רעד יאָ אויס, אבי גיב אַ סך".

און איצט וועלען מיר ענדיגען מיט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע טייטשען: דער רשב"א ז"ל דערצעהלט אין איינער פון זיינע תשובות אַז אַ געוויסער פילאָזאָף האָט אים אַמאָל געפרעגט: אין חגי שטעהט „גדול יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון". איז אויב דאָס צווייטע בית המקדש ווערט אָנגערופען „אחרון", מיינט עס דאָך אַז די אידען האָבען ניט וואָס צו האָפען אויף אַ דריטע גאולה? האָט דער רשב"א אים געענטפערט אַז דאָס וואָרט „אחרון" מיינט ניט „דאָס לעצטע", נאָר „דאָס שפּעטערע", און אַ ראיה איז פון דעם פסוק אין שמות „והיה אם לא יאמינו... לקול האות הראשון, והאמינו לקול האות האחרון, והיה אם לא יאמינו גם... ולקחת מימי היאור... והיו לדם", זעהט מען דאָך אַז „אחרון" איז ניט דער טייטש „דער לעצטער", וואָרום נאָך דעם „אחרון" קומט דאָך ערשט די מכה פון דם.

„והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם". לויט דעם דרוש קומט אויס, אַז דער רשע האָט געשטעלט די דאָזיגע פראַגע. פאַר וואָס זשע ביי די אַנדערע בנים ווערט געזאָגט „כי ישאלך", און ביי דעם רשע ווערט געזאָגט „כי יאמרו"? נאָר דער תירוץ איז: אַזוי איז שוין דער שטייגער פון דעם רשע. ביי אים זיינען ניט פאַראַן קיין שאלות און קיין ספקות. דער רשע פרעגט ניט, נאָר ער רעדט מיט אַ זיכערען טאָן, מיט דעם טאָן פון אַ לעהרער פון אַ מורה דרך, ער דיקטירט.

„ולא יראה לך שאור", זאָגט דאָרויף די גמרא „שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה". באַמערקט דאָרויף דער „תולדות יעקב יוסף" ז"ל: דיינע פעהלערען וועסטו קיינמאָל ניט זעהן. דו וועסט אָבער שטענדיג זעהן די פעהלערען פון אַנדערע. און איבערהויפּט וועסטו זעהן די פעהלערען „של גבוה", פון די יעניגע וואָס שטעהען העכער פון דיר. וואָלטען מיר באַדאַרפט גוט געדענקען אָט די דאָזיגע גאָלדענע אמת'ן.

בשלח

היינט איז „שבת שירה״, דער שבת אין וועלכען מען לייענט „אז ישיר״, דאָס געזאַנג וואָס משה רבינו און די אידען האָבען געזונגען נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבער דעם ים סוף. איז דאָס, פאַרשטעהט זיך, ניט נאָר אַ „רעליגיעזער״ שבת נאָר אויך אַ „נאַציאָנאַלער״. דאָס גאַנצע פאָלק, אַלט און יונג, קליין און גרויס, מאַן און פרוי האָבען געזונגען און געטאַנצט. און עס איז געווען פאַר וואָס צו זינגען און טאַנצען. אַז מען שקלאַפט אָפּ צוויי הונדערט און צעהן יאָר, און מען ווערט ענדליך באַפרייט, זינגט זיך און עס טאַנצט זיך פון זיך אַליין. און אַזוי ווי מיר פערזענליך זינגט זיך אויך אַביסעל היינט, ווייל פונקט היינט, שבת שירה, איז מיין בן יחיד׳ל משה׳ס געבורטסטאָג ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר, וועלען מיר היינטיגס מאָל ריידען פון זינגען. נישט קשה, אַזאַ פאַרגעניגען מעגען אויך מיר אידען זיך אַמאָל פאַרגינען.

אַלזאָ, ווען די אידען זיינען אַרויס פון מצרים, האָבען זיי מיטגענומען יוסף הצדיק׳ס ביינער. בייטאָג האָט זיי געפיהרט אַ וואָלקען־זייל, און ביינאַכט האָט זיי געלויכטען אַ פייער־זייל. פרעה, אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער אַר־מיי, האָט נאָכגעיאָגט די אידען. האָט דער אויבערשטער געהייסען משה׳ן אויסשטרעקען די האַנט מיט דעם שטעקען איבער דעם ים, און דער ים האָט זיך געשפּאָלטען. די אידען זיינען אַריבערגעגאַנגען אין דער טריקעניש, און די מצריים, וואָס האָבען זיי נאָכגעיאָגט, זיינען דערטרונקען געוואָרען מיט זייערע פערד און רייט־וועגען. נאָך דעם דאָזיגען נס, האָבען משה און די אידען געזונגען שירה, און מרים הנביאה און אַלע פרויען האָבען גע־שפּילט און געטאַנצט.

דערוויל האָבען די אידען ניט געהאַט וואָס צו טרינקען, ווייל דאָס וואַ־סער איז געווען ביטער, און אין דער ברענענדיגער מדבר אָהן וואַסער, איז שוין גאָר ניט קיין לייכטער ענין. האָט דער אויבערשטער געהייסען משה׳ן אַריינוואַרפען אַ געוויסען בוים, און דאָס האָט זיס געמאַכט דאָס וואַסער. און אַז דער דורשט איז געזעטיגט, גלוסט זיך עפּעס צו עסען, האָט משה זיי געגעבען פויגעל פלייש (קארפאטוואלאך). און צום פלייש ווילט זיך דאָך אַמאָל אַ פריש זעמעלע, האָט אָנגעהויבען פאַלען מן פון דעם הימעל, וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים אין דער וועלט. האָט איינער געוואָלט פיהלען אין דעם דעם טעם פון געהאַקטע לעבער, צי געפילטע פיש, גראַשיצע, קישקע, קוגעל, אָדער גאָר „מאַטשעס״־הערינג, האָט ער געפיהלט. אפילו „כצפיחית בדבש״, אפילו דעם טעם פון „האָניג טייגלעך״ האָט ער געפיהלט.

און אַז פון שקלאַפעריי איז מען באַפרייט, דער מאָגען איז זאַט, עס איז פאַראַן פון כל טוב, פון „פויגעל־פלייש״ ביז „האָניג טייגלעך״, די פאַר־

שקלאַפער ליגען אין די אָפּגרונטטען פון דעם ים, און מען קען נעמען אַ „סאָן בעטה“ אין דער שטראַלענדיגער זון, גלוסט זיך צו זינגען, צו שפּילען און טאַנצען. זיינען טאַקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען שוין אַזוי אַלט ווי כמעט די וועלט. שוין אין דער סדרה בראשית רעדט זיך פון פידלען און האַרפען. ווען יעקב אבינו איז אַוועק פון לבן הארמי, האָט אים דער „כיטרע“ לבן געזאָגט: צו וואָס האָסטו באַדאַרפט אַנטלויפען? ווען דו זאָלסט מיר געוועז זאָגען אַז דו ווילסט ניט מער זיין ביי מיר, וואָלט איך דאָך דיך געוועז אַוועקגעשיקט מיט געזאַנג און מיט מוזיק. בעת משה און די אידען האָבען געזונגען שירה, האָבען מרים און די פרויען געשפּילט אויף פּויקעלעך און געטאַנצט. און מיר ווייסען דאָך אַז די אידען האָבען געהאַט טרומייטערס, און שופרות און קאַרנעטען (פייפערלעך). און דוד המלך'ס פידעלע (האַרפּע) האָט דאָך געשפּילט אַזעלכע זיסע טענער, אַז ווען שאול המלך פלעגט אַריינפאַלען אין אַ מרה שחורה, אין אַ מעלאַנכאָליע, איז אַז דוד דער „נעים זמירות ישראל“ האָט אויפגעשפּילט, איז די מעלאַנכאָליע אַוועק, און דער קעניג שאול איז געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש. אַז מען האָט געפירט דעם ארון פלעגען דוד און די אידען שפּילען אויף אַלערליי סאָרטען אינסטרומענטען. אין דוד המלך'ס צייטען האָבען די לויים געהאַט אַ „קאַפּעליע“ פון פיר טויזענט זינגער און שפּילער. אין שלמה המלך'ס צייטען האָבען אידען געזונגען און געשפּילט. ביים איינזאַמלען די תבואה איז די שמחה געוועז מיט געזאַנג, טאַנץ און מוזיק.

אין תנ"ך ווערען דערמאָנט צעהנדליגער סאָרטען מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. זיי האָבען געהאַט פידלען, האַרפען, ציטערנעס, מאַנדעלינען, קלאַווירס, פּיאַנעס, האַרמאָניקעס, פלייטען, קאַרנעטען, טרומייטערס, פייפערלעך, פּויקען, גלעקלעך, „בעג־פּאַיפּס“, טאַמבורען, צימבעלס, סאַקסאָפאָנס, טשעלאָס, וואַסער אָרגלען, באַסען, סאָלאָ אינסטרומענטען, אָרקעסטער־אינסטרומענטען, טאַצען, טרובעס, אינסטרומענטען מיט זעקס, מיט אַכט, מיט צעהן, און אפילו מיט פיער און צוואַנציג סטרונעס. און דוד המלך האָט געהאַט אַ פידעלע האָט עס באַוויזען אויסערגעוויינליכע קונצען. עס האָט אפילו געקאָנט אַליין שפּילען. אָט הערט וואָס אונזערע חכמים ז"ל דערציילען אונז: דוד המלך האָט געהאַט אַ פידעלע וואָס פלעגט הענגען איבער זיין בעט. איז יעדער אַוועגנט אינ־מיטען דער נאַכט פלעגט אַ צפון־ווינד אַ בלאָז טהון, און דאָס פידעלע האָט אָנגעהויבען צו שפּילען פון זיך אַליין. זיי האָבען אויך געהאַט „סימפּאָניס“. עס ווערט שוין דערמאָנט אין דעם ספר דניאל. און פונקט ווי זיי האָבען געהאַט אונציילינע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען אַזוי האָבען זיי אויך געהאַט פאַרשיידענע טענץ.

איז טאַקע ביי יעדען געבעט־דינסט, ביי יעדער רעליגיעזער, אָדער נאַציאָנאַלער פייערונג, האָט מען געזונגען, געשפּילט און געטאַנצט. איין אינסטרומענט איז געוועז אין בית המקדש האָט עס געהאַט צעהן לעכלעך. יעדער לעכעלע פלעגט אַרויסברענגען צעהן טענער. האָט אַלזאָ דער דאָזיגער אינסטרומענט אַליין אַרויסגעבראַכט הונדערט טענער. ביי דער שמחת בית השואבה האָט מען געשפּילט. ביי דעם ברענגען בכורים האָט מען געשפּילט. ווען אינגלעך און מיידלעך פלעגען זיך פאַרזאַמלען אין די וויינגערטנער,

ווי למשל פופצעהן טעג אין אב, האָט מען געטאַנצט, געשפּילט און גע־זונגען. אַזוי מוזיקאַליש זיינען אידען געווען, ווען זיי זיינען געזעסען אין אונזער אייגען לאַנד, יעדער אונטער זיין פייגען־בוים, אַז אפילו שלמה המלך׳ס באַריהמט ווערק הייסט „שיר השירים״ — דאָס ליד פון לידער, דאָס געזאַנג פון געזאַנגען.

עס איז אַפילו פאַראַן ביי אידען אַ ספּעציעלער פּרק שירה. אַ שיר פאַר הימעל און ערד און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי. אַ שיר פאַר בוימער און גרינוואַרג. אַ שיר פאַר באַשעפענישען. אַ שיר פאַר עופות. אַ שיר פאַר בהמות. אַ שיר פאַר חיות. און אַזוי וויכטיג איז דער דאָזיגער פּרק שירה אַז דער וואָס זאָגט אים אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין אים צו זאָגען אויף יענער וועלט. אַזוי אַנטוויקעלט איז מוזיק ביי אידען אַז אפילו לערנען דאַרף מען מיט אַ ניגון (מגילה ל״ב). און די גמרא זאָגט אונז אַז דאָס פידעלע אין בית המקדש האָט געהאַט זיבען סטרונעס. דאָס פידעלע פון ימות המשיח וועט אַנטהאַלטען אַכט סטרונעס, און דאָס פידעלע פון יענער וועלט וועט אַנטהאַלטען צעהן סטרונעס.

און פאַר וואָס מיינט איר זענען די אידען באַליבטער ביי דעם אויבער־שטען אפילו פון די מלאכי השרת? פשוט דערפאַר ווייל די מלאכים זאָגען שירה בלויז איינמאָל אין טאָג. אָבער די אידען זאָגען שירה אַלע שעה. זיינען דאָך די מלאכים אייפערזיכטיג אויף די אידען, האָבען זיי אַ פרעג געטהון דעם רבונו של עולם: „פאַרוואָס זאָגען ניט די אידען שירה פאַר דיר ראש השנה און יום הכפור?״ האָט זיי דער באַרעמהערציגער געענטפערט: וואָס וואָלט איר געוואָלט, אַז ווען דער מלך זיצט אויף דעם כסא הדין, אויף דעם ריכטער שטוהל, און די ביכער פון טויט און לעבען זיינען אָפען, זאָלען זיי זאָגען שירה, זאָל זיך זיי זינגען?!

און הערט, אַזוי מוזיקאַליש זיינען אידען, אַז ביים ים סוף האָבען אפילו קינדער אין דער מוטער׳ס טראַכט געזאָגט שירה. און וואָס מיינט איר טהוען קרח׳ס קינדער וואָס האָבען תשובה געטהון? זיי האָבען זוכה געווען (ניט ווי זייער פאָטער קרח וואָס האָט רעוואָלטירט געגען משה רבינו, און האָט ניט תשובה געטהון) צו אַ באַזונדער אָרט אין גיהנם, און זיי האַלטען אין איין זאָגען שירה. ווען דבורה הנבואה, וואָס ווערט אויך אָנ־גערופען „אם בישראל״, אַ מוטער אין ישראל, האָט באַזיגט דעם שונא, איז „ותשר דבורה״, האָט זי געזונגען שירה. אפילו אידישע מתים זאָגען שירה. די גמרא זאָגט אונז בפירוש אַז די טויטע וואָס יחזקאל האָט לעבעדיג געמאַכט, איז דאָס ערשטע וואָס זיי האָבען געטהון איז געווען צו זינגען שירה.

אָבער ווען האָט זיך די אידען געגלוסט צו זינגען? ווען זיי זיינען גע־זעסען אויף זייער אייגענעם באָדען, אין זייער אייגען לאַנד, און זיי האָבען געקאָנט לעבען ווי אידען, ווען זיי האָבען געקענט פיהרען אַן אינטענסיוו אידיש לעבען, אָפּהיטען שבת, יום טוב, כשרות, תפלין, ווען זיי האָבען געקאָנט זיצען אומגעשטערט און לערנען תורה. אָבער ווי נאָר זיי זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, און זיי זיינען געגאַנגען אין גלות, איז דאָס געזאַנג ערזעצט געוואָרען מיט געוויין. ווען זיי זיינען געזעסען „על נהרות בבל״, ביי די טייכען פון בבל „גם בכינו בזכרנו את ציון״,

האָבען זיי פאַרגאָסען טרערען ווען זיי פלעגען זיך דערמאָנען אין ציון. „על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו״, אויף די ווערבע בוימער האָבען מיר אויפגעהאָנגען אונזערע פידעלעך. ווארום, „איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת נכר״, ווי קענען מיר זינגען דאָס הימלישע ליד אויף פרעמדער ערד?!

און מיט דעם אַלעם, אפילו „על אדמת נכר״, אפילו אין גלות, ווער מיינט איר זיינען די וועלט־באַרימטסטע מוזיקער? מישא עלמאַן, יאשא חפץ, יהודה מנוהין און פילע אַנדערע. וואָס דאַרפט איר מער. אָט נעמט למשל, אַ געבעט־דינסט ביי זיי, און, להבדיל אלף הבדלות, ביי אונז. האָבען מיר געהאָט אַ ר׳ ניסעלע בעלזער, אַ ר׳ יאָשע סלאָנימער, אַ ר׳ בצלאל אדעסער, אַ ר׳ ניסן בלומענטאַל, אַ ר׳ ישראל יפה, אַ ר׳ זאַוועל קוואַרטין, אַ ר׳ פנחס מינקאָווסקי, אַ סיראָטאַ, אַ ר׳ זיידעל ראָוונער, אַ ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט, אַ ר׳ מרדכי הערשמאַן, אַ ר׳ דוד רויטמאַן זכר כולם לברכה, און די היינטיגע קענט איר דאָך. צעגייט דאָך טאַקע אין אַלע אברים זייערס אַ „כל נדרי״, א „אבינו מלכנו״, א „יעלה״, א „הבט משמים וראה״, און אפילו אזוי אַ ניגון׳דל. אַי וועט איר דאָך פרעגען: „נו, וואָס איז מכוח די גוים, זיי האָבען דען ניט? אין דער תירוץ אז פילע פון זיי וואָס איר מיינט אַז זיי זיינען גוים, הויבט זיך עס גאָר ניט אָן. פיעלע פון אָט די יעניגע זיינען טאַקע אחינו בני ישראל. אַי פאַרוואָס באַהאַלטען זיי זייער אָפשטאַם? איז דאָ איין תירוץ — דער גלות. אַי דער גלות! און צוריקגעשמועסט אז איר וועט איבערציילען ווי פיעל „זיי״ פאַרמאָגען, און וויפיעל מיר פאַרמאָגען, וועט איר זעהן אַז אין פראָפאָרציע האָבען מיר, אפילו אין גלות, מעהר פון זיי.

און אַזוי ווי מיר האַלטען ביי חזנים, ווילען מיר שוין אגב אורחא איבערגעבען אַ פאָר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען וואָס האָבען אַ שייכות צום ענין. פאַרגעסט ניט אַז אַ חוץ מוזיקאַלישקייט פאַרמאָגען אידען אויך אַ ביסעלע הומאָר, און תמימות, איז הערט־זשע: ווען דער ש״ך, ר׳ שבתי כהן ז״ל, איז געווען פרנס אין ווילנע, האָט מען באַדאַרפט אַ חזן. דער ש״ך האָט געוואָלט אַז ר׳ משה רבקה׳ס ז״ל, דער „באר הגולה״ וואָס איז געווען ביידע אי אַ גרויסער למדן, אי אַן אָרעמאַן אין „אַכצעהן פאָלעס״ זאָל ווערן חזן. האָט די קהלה גע׳טענה׳ט: „ס׳טייטש רבי, ער האָט דאָך גאָר קיין קול נישט?״ האָט דער ש״ך געענטפערט: „על פי דין דאַרף אַ חזן זיין אַ למדן, אַ ירא שמים, האָבען אַ הדרת פנים, און ער דאַרף האָבען אַ שעהן קול. איז אַלע מעלות האָט ער דאָך. נאָר וואָס דען, אים פעהלט איין מעלה — דאָס קול. נו, איז וואו וועט איר קריגען אַ חזן מיט אַ ל ע מעלות?״

די שטאָדט סלאָנים האָט געהאַט א שם מיט אירע חזנים, אָבער זיי האָבען זיך דאָרט לאַנג ניט געהאַלטען. ווי נאָר אַ סלאָנימער חזן איז געוואָרען באַרימט, איז געקומען אַ גרעסערע שטאָדט און האָט אים אויסגעכאַפּט. בעת ר׳ יאָשע סלאָנימער ז״ל איז דאָרט געווען חזן, האָט די שטאָדט געוואָלט זיך באַוואָרענען. האָט מען גערופען אַן אסיפה און עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז דער חזן זאָל חתמ׳ענען אַ כתב אויף אַ געוויסער צייט, און זיי זיינען געגאַנגען זיך מיישב זיין מיט ר׳ אייזל חריף ז״ל. האָט דער חריף זיי געענטפערט:

איך וועל אייך דערציילען א מעשה. אין אַ שטעדטעל האָט מען גע־מאַכט אַ נייעם בית עולם, האָט אָבער קיינער ניט געוואָלט זיין דער ערשטער. האָט חברה קדישא אויסגערופען אַז דעם ערשטען מת וועט מען באַערדיגען אומזיסט, און די יורשים וועלען נאָך קריגען צוגעצאָהלט. אין שטעדטעל איז געווען אַ איד א קבצן, אָבער א גרויסער לץ, און ווען עס איז געקומען פאַר פסח האָט ער ניט געהאַט קיין פרוטה. דאָס ווייב האָט געיאָדעט, נישטאָ אויף יום טוב. האָט ער צו איר געזאָגט: איך האָב אַן עצה, איך וועל זיך מאַכען געשטאָרבען, און דו זאָג פאַר דער חברה קדישא אַז פאַר דעם טויט האָב איך מסכים געווען אַז מען זאָל מיך לייגען אויף דעם נייעם בית עולם, בתנאי אַז מען זאָל דיר פריער באַצאָהלען. האָט דאָס ווייב געפאָלגט (פאַראַן אויך פרויען וואָס פאָלגען), מען האָט אויסגעשפּרייט שטרוי, אים באַדעקט מיט אַ ליילעך, געשטעלט לייכטער צוקאָפּענס . . .

בקיצור, מען האָט איר באַצאָהלט אַ היבשע סומע, און פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע לויה איז ניט געווען, פאַרט אַ קבצן. פאַרבייפאַרענדיג אַ שענק, זיינען די חברה קדישא אריין מאַכען אַ כוסה, אַ קלייניגקייט אַזאַ שמחה, מען קען באַנייען דעם נייעם בית עולם. אָבער ווען זיי זיינען ארויס־געקומען אביסעל בגילופין׳דיג — „והילד איננו״, דער מת איז ניטאָ. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבען געהאַלטען די זאַך בסוד. אַ צייט שפּעטער איז געשטאָרבען אַן אַנדער אָרעמאַן, און ווען די חברה קדישא האָט געוואָלט אויף דעם וועג אריין אין אַ שענק, האָבען זיי זיך פריער געוואָלט באַוואָרענען און האָבען פאַרבונדען דעם מת מיט אַ שטריק. האָט זיך אָנגערופען איינער אַ קלוגער: „שוטים וואָס איר זייט, יענעם דעם לעבעדיגען האָט איר באַ־דאַרפט פאַרבינדען. דער דאָזיגער מת, אים דאַרפט איר ניט פאַרבינדען. ער וועט ניט אַנטלויפען״. איר פאַרשטייט, פירט אויס ר׳ אייזל, די פריערדיגע חזנים האָט איר באַדאַרפט בינדען, מיט אַ כתב אז זיי זאָלען ניט אַוועק פון סלאָנים, אָבער דעם דאַרפט איר ניט בינדען, קיינער וועט אים ניט אויסכאַפּען.

דער אדעסער חזן, ר׳ ניסן בלומענטאַל ז״ל, איז געווען אַן אַלט־מאָדישער איד, און ער האָט ניט געהאַלטען פון די נייע שוהל מנהגים, אפילו ווען ער איז שוין געווען חזן אין דער „בראָדער שוהל״. די גבאים האָבען געוואָלט אַז ער זאָל אָנטהון אַ שוואַרצען טאלאר מיט אַ הויכע יאַרמעלקע, און נאָך מעהר האָט ער פיינט געהאַט דעם טיטול „אָבערקאַנטאָר״. איינמאָל האָט אַן אָנגעזעענער בעל הבית אים אָנגערופען „הער אָבערקאַנטאָר״, האָט ער זיך שטאַרק באַליידיגט און געזאָגט, הערט אַ מעשה: אין אַדעס איז געווען אַ באַוואוסטער גנב, איז ער געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ער האָט אָפּגעטהון די גרעסטע גנבות מיט אַזעלכע שפּיצלעך, אַז מען האָט אים בשום אופן ניט געקענט כאַפּען. האָט ער זיך באַקלאָגט: „וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין טאַלאַנט, אַז איך בין אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט. אַ ליאַדע קעשענע־גנב, וואָס גנב׳עט אַרויס ביי יענעם אַ פּאָר פרוטות רופט זיך אויך גנב.

און איצט וועלען מיר זיך אומקערען צו דער סדרה: ויצעקו בני ישראל״, ווען די אידען האָבען דערזעהן אַז די מצריים יאָגען זיי נאָך, האָבען זיי גע־מאַכט א „ויצעקו״. זיי האָבען מקיים געווען דעם „הקול קול יעקב״. דער־

ציילט אונז דער מדרש אַז די אידען האָבען זיך צעטיילט אין פיער כתות. זאָגט דאַרויף דער „מנחת שי" ז"ל: איין גרופּע האָט גע'טענה'ט לאָמיר זיך אריינוואַרפען אין דעם אַלגעמיינעם ים, לאָמיר זיך אַסימילירען צווישען די פעלקער. אַן אַנדער גרופּע האָט געזאָגט, לאָמיר זיך אומקערען קיין מצרים, מיר מוזען זיך אונטערגעבען דעם גורל, און ווייטער בלייבען קנעכט אין מצרים. די דריטע כתה האָט פאָרגעשלאָגען „נצווח כנגדן", לאָמיר פּראָטעסטירען, לאָמיר אַפּעלירען צו דעם געוויסען פון דער וועלט. די וועלט וועט איינזעהן אַז מען טהוט אונז אַן אומרעכט. די פערטע כתה האָט געשריען, ניין, לאָמיר מלחמה האַלטען, לאָמיר קעמפען פאַר אונזער פרייהייט. איז געקומען דער ענטפער: אָט די אַלע מיטלען וועלען אייך ניט העלפען. דאָס בעסטע, זיכערסטע און ווירקזאַמסטע מיטעל איז „ה' ילחם לכם ואתם תחרישון". דער אויבערשטער וועט מלחמה האַלטען, אָבער „ואתם תחרישון", איר זאָלט שווייגען, איר זאָלט ניט קריטיקירען, וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג.

און דער „שער בת רבים" ז"ל באַמערקט זעהר גלענצענד: „ה' ילחם לכם", דער אויבערשטער וועט פאַר אייך פיהרען מלחמה, אָבער בתנאי אז „ואתם תחרישון", אַז איר זאָלט זיך פאַרהאַלטען שטיל, רוהיג, איר זאָלט זיך ניט אַרומקריגען צווישען אייך, איר זאָלט צווישען זיך ניט פיהרען קיין מחלוקת.

און איצט אַ גוט ווערטעל: „ה' ילחם לכם", דער אויבערשטער וועט אייך געבען ברויט (ילחם פון לחם), ווען? „ואתם תחרישון" אַז איר וועט אַקערען (תחרישון פון חרש). איז איצט, אַז מיר האָבען שוין זוכה געווען צו האָבען אונזער אייגען לאַנד, דאַרפען מיר זעהן אויסנוצען ביידע טייטשען פון „תחרישון". נעמליך, מיר זאָלען שווייגען, עס זאָל ביי אונז ניט זיין קיין מחלוקת, נאָר אחדות און איינigkeit צווישען אידען; און מיר זאָלען אַקערען, און זייען, און שניידען, און אויפבויען אונזער לאַנד, דאָס לאַנד פון אונזערע אבות, על פי תורת משה, וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן.

יתרו

מיר ווייסען שוין פון פריער אַז משה רבינו'ס פרוי האָט געהייסען צפּורה, און הערט פּאַרוואָס. ווען יתרו האָט געהערט אַז משה האָט זיך אָנ־גענומען פאַר זיינע זיבען טעכטער ווען די פּאַסטוכער האָבען זיי ניט געלאָזט אָנשעפּען וואַסער פון ברונעם פאַר זייערע טשערעדעס, האָט ער זיי גע־הייסען גיין אויפזוכען משה'ן און אים איינלאַדען צום עסען. איז איידער די אַנדערע זעקס טעכטער האָבען זיך אַ ריהר געטהון, איז משה'ס צו־קונפטיגע פרוי אַ „פליה" געטהון אַזוי שנעל ווי אַ „פויגעלע", און זי האָט אים געבראַכט. דערפאַר הייסט זי „צפּורה", אַ פויגעלע, און די פרויען נעמען „ציפּע" „פייגע", נעמען זיך טאַקע פון דעם נאָמען צפּורה.

און אַזוי לייכט, מיינט איר, האָט יתרו איינגעשטימט צום שידוך? אַ נעכטיגער טאָג. ווען יתרו האָט געשיקט נאָך משה'ן, האָט ער טאַקע אין זינען געהאַט אַ שידוך. אַז מען פאַרמאָגט זיבען טעכטער, טראַכט זיך שוין אַליין פון שידוכים. אָבער ווען עס האָט געהאַלטען דערביי, האָט יתרו זיך אַ היבש ביסעל געקווינקעלט. אָט הערט וואָס פאַר אַן „עקזאַמען" משה האָט באַדאַרפט דורכמאַכען איידער ער האָט געקריגען זיין באַשערטע:

ווען משה האָט דערציילט יתרו'ן, אַז ער איז אַמאָל אַנטלאָפען פון פרעה'ן, אַז ער איז געווען פערציג יאָר קעניג פון עטיאָפּיע, און מען האָט אים פון דאָרט אַוועקגעשיקט מיט גרויס כבוד, און מיט פיעלע קאָסטבאַרע מתנות, איז געגאַנגען יתרו און האָט אים איינגעשפּאַרט אין תפיסה, כדי ער זאָל מיטטיילען פרעה'ן. ווארום ווי באַוואוסט איז יתרו געווען איינער פון פרעה'ס ראַטגעבער, האָט ער אים געטריי געדינט. גאַנצע צעהן יאָר האָט משה געשמאַכט אין טורמע, און צפּורה פלעגט אים אַלע טאָג געבען עסען אין געהיים.

נאָכדעם ווי עס איז אַוועק אַ צעהנדליג יאָר, האָט צפּורה געזאָגט צו איר טאַטען: „דער מאַן, וועלכען דו האָסט איינגעשפּאַרט, שמאַכט שוין צעהן יאָר אין תפיסה, און קיין שום מענטש קימערט זיך ניט וועגען אים. אפשר וואָלטען מיר אַ קוק געטהון וואָס פון אים איז געוואָרען?" האָט יתרו איר געענטפערט: עס איז ניטאָ וואָס צו זעהן, ווארום ווי קען אַ מענש לעבען אַזוי לאַנג אָהן שפּייז?" האָט צפּורה זיך אָנגערופען: „דער פאָטער פון דעם אידישען פאָלק וואָס האָט געראַטעוועט אברהם'ען פון דעם קאַלך־אויווען, יצחק'ן פון זיין פאָטער'ס מעסער, יעקב'ן פון דעם מלאך וואָס האָט זיך מיט אים געראַנגעלט, און טאַקע אויך דעם דאָזיגען מאַן פון דעם טייך אין מצרים, ווען מען האָט אָהין אַריינגעוואָרפען די אידישע אינגלעך, און פון פרעה'ס שווערד, אָט דער זעלבער קען דאָך אים אויך ראַטעווען פון הונגער"!

האָט יתרו געשיקט זעהן וואָס פון משה׳ן איז געוואָרען, און ווי ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען ווען מען האָט משה׳ן געפונען פאַלקאָם געזונט, שטע־הענדיג פאַרטיפט אין תפלות צום רבונו של עולם. האָט יתרו אים באַלד באַפרייט. מען האָט אים אָפּגעשווירען און געגעבען נייע קליידער, און פון דעם בעסטען עסען.

און ווען משה איז געשטאַנען אין יתרו׳ס גאָרטען און געדאַנקט דעם אויבערשטען פאַר די גרויסע וואונדער וואָס ער האָט מיט אים געטהון, האָט ער באַמערקט אַן איינגעפלאַנצטען שטעקען, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער שם המפורש, די ערשטע אותיות פון די צעהן מכות מיט וועלכע די מצריים זיינען שפּעטער געשלאָגען געוואָרען, די נעמען פון די דריי אבות, פון די פיער אמהות און פון די צוועלף שבטים, האָט ער אים אַרויסגעריסען.

דער דאָזיקער שטעקען האָט געוואויגען פערציג סאה, און איז געווען איינס פון די זאַכען וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פרייטאָג פאַרנאַכט פון דער וועלט־שאַפונג. ער איז איבערגעגעבען געוואָרען אדם הראשון׳ען. ער האָט אים איבערגעגעבען ווייטער ביז ער איז אָנגעקומען צו נח׳ן, צו אברהם׳ען, צו יצחק׳ן, צו יעקב׳ן. יעקב האָט אים איבערגעגעבען יוסף׳ן. נאָך יוסף׳ס פּטירה האָט יתרו מיטגענומען דעם שטעקען קיין מדין, און ער האָט אים איינגעפלאַנצט ביי זיך אין גאָרטען, און ער האָט אים ניט געקענט מער אַרויסרייסען. האָט יתרו געלאָזט וויסען, אַז ווער עס וועט אַרויסרייסען דעם שטעקען, דעם וועט ער געבען זיין טאָכטער צפורה פאַר אַ ווייב. זיינען געקומען די וויכטיגסטע קעניגע, די אָנגעזעהענסטע פּרינצען, די שטאַרקסטע העלדען, און קיינער האָט אים ניט געקענט אַרויסרייסען.

איז ווען יתרו האָט דערזעהן דעם שטעקען אין משה׳ס האַנט, איז ער שטאַרק ערשטוינט געוואָרען, און ער האָט מסכים געווען צום שידוך, און ער האָט אפילו אים געגעבען אַ גרויסען נדן. ווארום יתרו איז געווען אַ זעהר וויכטיגער מענטש אין מדין, און אַ גרויסער גביר נאָך דערצו. אפילו אין נעמען איז ער געווען רייך. ווארום אַז משה האָט געהאַט צעהן נעמען, פּאַסט זיך עס אַז זיין שווער זאָל אויך האָבען מעהר ווי איין נאָמען. האָט יתרו טאָקע געהאַט ניט ווייניגער פון זיבען נעמען: רעואל, יתר, יתרו, חובב, חבר, קיני, פוטיאל.

איז ווען יתרו האָט דערהערט, אַז משה האָט ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים, געשפּאָלטען דעם ים, אַז ער האָט צעקלאַפּט עמלק׳ן, געגעבען די תורה צו די אידען, האָט ער גענומען צפורה׳ן, וועמען משה האָט גע׳גט איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג קיין מצרים אויסלייזען די אידען, און משה׳ס צוויי זין אליעזר און גרשם, און ער האָט זיך מיט זיי געלאָזט צו משה׳ן אין דער מדבר.

האָט משה אים זעהר פיין אויפגענומען, און ער האָט אים דערציילט די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטהון. און „ויחד יתרו“, און יתרו האָט זיך געפרייט, און עס האָט אים געשטאָכען. עס האָט אים געפרייט וואָס זיין אידעם איז אַזאַ וויכטיגע פּערזאָן, און עס האָט אים ווי געטהון דאָס האַרץ און געשטאָכען צוליב די מצריים.

משה איז דאָך אָבער פאַרט געווען זיין אידעם, האָט ער ניט געקענט צוקוקען ווי שווער משה ארבייט, האָט ער אים געראָטען אַז ער זאָל באַשטימען גרעסערע און קלענערע עלטסטע וואָס זאָלען ערליידיגען פּיעלע זאַכען, און אַז ער, נעמליך, משה אליין זאָל זיך אָפּגעבען נאָר מיט די גאָר וויכטיגסטע ענינים. האָט משה אָנגענומען די עצה. יתרו האָט זיך אומ־געקערט אַהיים מגייר צו זיין זיין גאַנץ הויז־געזינד. און משה האָט געגעבען די אידען די תורה.

און כאָטש ווען יתרו איז געקומען צו משה׳ן איז ער נאָך ניט געווען קיין איד, האָט ער פונדעסטוועגען געזאָגט „ברוך ה׳״. זאָגט דאַרויף די גמרא: „גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך עד שבא יתרו ואמר ברוך ה׳״, אַז עס איז ניט שעהן וואָס משה און זעקס הונדערט טויזענט אידען האָבען ניט געזאָגט „ברוך השם״, ביז יתרו איז געקומען און האָט עס געזאָגט. איז דאָך די קשיא: נו, און די שירה וואָס משה און די אידען האָבען געזאָגט ביים ים סוף, איז דען געווען אַ קלענערער לויב געזאַנג ווי יתרו׳ס עטליכע ווערטער? ענטפערט דאַרויף דער „תפארת שלמה״ ז״ל: די אידען האָבען געדאַנקט פאַר די טובות און נסים וואָס דער אויבערשטער האָט זיי פּערזענליך געטהון, אָבער יתרו האָט דאָך געדאַנקט דעם אויבערשטען פאַר טובות וואָס ער האָט געטהון ניט אים פּערזענליך, נאָר אַנדערע. און אַט דעם ביישפּיעל איז יתרו געווען דער ערשטער צו באַווייזען.

און די סדרה דערציילט אונז „וישב משה לשפוט את העם״. צו די צעהנדליגע זאַכען וואָס האָבען באַשעפטיגט משה׳ן אין דער מדבר, האָט ער נאָך באַדאַרפט זיין אַ ריכטער און אָנפיהרען מיט די פּראָצעסען, אויס־הערען די טענות פון די פאַרשיידענע צדדים. פרעגט זיך אָבער די קשיא, איבער וואָס אייגענטליך האָבען די אידען אין דער מדבר זיך אַרומגעריסען? וואָס פאַר אַ סכסוכים האָבען זיי געקענט האָבען צווישען זיך, אַז איבער פּרנסה האָבען זיי זיך ניט געדאַרפט צאַנקען ווייל דער מן האָט דאָך זיי באַזאָרגט מיט אַלע עסענוואַרגען אין דער וועלט. דאָס וואַסער האָט געהאַט אַלע טעמים. אַלזאָ, עסען און טרינקען האָט זיי ניט געפעהלט. מלבושים אויך ניט, ווארום די מלבושים זיינען געוואַקסען מיט זיי. קיין מסחר האָבען זיי ניט געפיהרט. איז ווענען־זשע האָט משה גע׳משפט? ענט־פערט דער „בנין אריאל״ ז״ל אַז דער „ערב רב״ האָט זיך אַרומגעריסען איבער דעם רויב וואָס זיי האָבען צוגענומען ביי די מצריים, ווען די אידען זיינען אַרויס פון דעם לאַנד, און וואָס זיי האָבען צוזאַמענגענומען פון די מצריים וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרען אין דעם ים סוף.

האָט משה געהאַט זעהר פיעל צו טהון, און ווען זיין שווער יתרו האָט עס געזעהן, האָט ער געזאָגט צו משה׳ן „ואתה תחזה מכל העם״ . . . ער האָט אים געראָטען צו באַשטימען „יראי אלקים, אנשי אמת, שונאי בצע״, זיי זאָלען אים אַרויסהעלפען. פרעגט זיך דאָך: „ווי קומט עס וואָס משה האָט באַדאַרפט וואַרטען ערשט ביז אַ „זייטיגער״ וועט קומען און אים געבען די עצה? ווי קומט עס וואָס אים אַליין איז דאָס ניט איינגעפאַלען? ענטפערט דאַרויף דער „תולדות יצחק״ ז״ל: ווען משה אַליין וואָלט עס געזאָגט, וואָלט מען אים אפשר פאַרדעכטיגט אַז דאָס טהוט ער פשוט דערפאַר ווייל ער וויל

זיך באַפרייען פון דעם שווערען עול, גיט ער דאָס איבער צו אַנדערע. און אַחוץ דעם וואָלט עס אויסגעזעהן מעשה גאוה, נעמליך, די לייכטע זאַכען פאַרטיילט ער צווישען אַנדערע, און צו אים זאָל מען קומען בלויז מיט די סאַמע וויכטיגסטע ענינים. וואָלטען, ווידער, די אידען געוועזן געמאַכט דעם דאָזיגען פאָרשלאָג, וואָלט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי האָבען ניט קיין צוטרוי צו משה׳ן. זיי ווילען זיך ניט פאַרלאָזען אויף אים אליין. דעריבער איז עס געוועזן זעהר צוגעפּאַסט וואָס דער פאָרשלאָג איז גע־קומען פון אַ זייטיגע פּערזאָן.

און אַז יתרו האָט אים שוין יאָ געגעבען די עצה, האָט ער אים, זאָגט דער „שער בת רבים״ ז״ל, גלייכצייטיג געראַטען צו זוכען די פּאַסענדע מענשען „מכל העם״, פון צווישען פאָלק. ווארום „יראי אלקים״ און „אנשי אמת״ הימעלספּורכטיגע און אמת׳ע מענשען אַנטלויפען פון כבוד. זיי האָבען ניט ליב זיך צו שטופּען אויבען אָן, מען דאַרף זיי זוכען צווישען די מאַסען. און דער „מלאכת מחשבת״ ז״ל באַמערקט אַז „יראי אלקים אנשי אמת״ מיינט אמת׳ע הימעלספּורכטיגע מענשען, ניט קיין געמאַכטע, ניט קיין צבוע׳קעס.

ווייסען מיר אַז משה האָט אָנגענומען יתרו׳ס עצה, און יתרו האָט זיך געלאָזט צוריק קיין מדין. זאָגען די חכמים און רש״י ז״ל אַז יתרו האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים „לגייר את משפחתו״, באַקעהרען זיין הויז־געזינד צום אידענטום. וועט איר באַמערקען אַז די סדרה זאָגט „וישלח את חותנו״, משה האָט אַוועקגעשיקט זיין שווער. זאָגט דערויף דער רבי ר׳ בונים פּשיסכער ז״ל, משה האָט אים געזאָגט: אונז דאַרפסטו שוין מער ניט לערנען. מיר האָבען ברוך השם א תורה. דו בעסער זעה פון איצט אָן און ווייטער צו לערנען אידישקייט דיין אייגען ווייב און קינדער.

טראַכט זיך אַריין אַ מינוט אין דעם דאָזיגען וואָרט וועט איר זעהן וויפיעל אמת עס שטעקט אין דעם. אָט, למשל, נעמט אונזער אייגענעם דור, האָבען מיר פּעדאַגאָגען, מחנכים, פיהרער אין וואָרט און אין שריפט, און זיי האַלטען אין איין געבען עצות. זיי זשאַלעווען אייך ניט אַפילו קיין פּראָגראַמען, זשורנאַלען און ביכער, ווי אַזוי צו ערציהען אייערע קינדער אין דעם אי־דישען גייסט. אָט דאָס האָט משה רבינו דאָן פאַרשטאַנען, און ער האָט געזאָגט: דיר געפעלט אידישקייט, איז הויב׳זשע אָן ביי זיך אין הויז. מאַך צוערשט דיין אייגען הויז אידיש, לערען צוערשט אידישקייט דיין אייגען ווייב און קינדער, דאַן וועסטו מעגען לערנען אַנדערע.

און ווען די אידען זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני איז „ויענו כל העם יחדיו . . . כל אשר דבר ה׳ נעשה״. זאָגט דאַרויף דער „דרשות אל עמי״ ז״ל אַן אמת׳דיג וואָרט: עס איז אַ גליק וואָס ווען די אידען האָבען מקבל געווען די תורה, האָבען אַלע אידען „יחדיו״, צוזאַמען אַלע מיט אַמאָל געענטפערט. ווארום ווען די אידען וואָלטען געווען געענטפערט איינציגווייז, וואָלט דער צווייטער געווען געענטפערט פונקט פאַרקעהרט ווי דער ערשטער האָט געענטפערט. ווען ראובן וואָלט געווען געזאָגט „נעשה״, וואָלט שמעון זיך געשטעלט אין דער אָפּאָזיציע, און ער וואָלט געווען אויסגעשריען „לא נעשה״, ער איז ניט מסכים, ער וויל ניט . . .

נו, האָט אונז משה געגעבען א תורה מיט אַ דריי און אַ האַלב טויזענט יאָר צוריק, און זי איז דאָך ביי אונז פונקט אַזוי טייער היינט ווי דאַמאָלס, און אפשר נאָך טייערער. און וואָס מיינט איר, האָט אויפגעהאַלטען ביי אונז דעם דאָזיגען אונשאַצבאַרען אוצר, די תורה? אונזער מסירות נפש. און עס איז אַ געגענזייטיגער שותפות. די תורה האָט אונז אויפגעהאַלטען. ווען נישט די תורה וואָלט חלילה קיין אידיש פאָלק ניט געווען. און אונזער מסירות נפש האָט אויפגעהאַלטען די תורה.

בלויז לערנען תורה איז ניט גענוג. מען דאַרף זיך פאַר איר מוסר נפש זיין. אַט הערט: ר׳ חיים צאַנזער ז״ל איז אין דער יוגענט געווען אַ תלמיד פון דעם קראָקאָווער רב ר׳ שמעון סופר, דעם „חתם סופר׳ס" זוהן ז״ל. שפּעטער האָט ער אַנגעהויבען צו פאָהרען צום רבי׳ן ר׳ ישראל ריזשינער ז״ל. ווען ר׳ חיים איז צוריק געפאָהרען פון ריזשין דורך קראָקע, האָט ר׳ שמעון אים געפרעגט: „ס׳טייטש, היתכן? איז דען דער ריזשינער אַ גרעסערער למדן פון מיר?" האָט דער צאַנזער אים געענטפערט: „אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן צוויי חשוב׳ע בערג, דער הר סיני אויף וועלכען די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען, און דער הר המוריה, אויף וועלכען אברהם אבינו האָט געפיהרט זיין זוהן יצחק צו דער עקדה. איז דאָך אין פלוג די קשיא, ווען מען האָט געבויט דאָס בית המקדש, פאַר וואָס האָט מען עס געבויט אויף דעם באַרג מוריה, און ניט אויף דעם באַרג סיני? אויף דעם באַרג סיני האָט דאָך דער אויבערשטער געגעבען די תורה צו די אידען? נאָר וואָס דען, דער תירוץ איז אַז דאָס אָרט אויף וועלכען אַ איד איז גרייט אויסצושטרעקען דעם האַלז פאַר דעם אויבערשטען, דאָס אָרט אויף וועלכען אַ איד איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיין אמונה, פאַר זיין גלויבען, אַט דאָס אָרט איז ביי דעם אַלמעכטיגען, ביי דעם בורא עולם אַ סך וויכטיגער, פיעל חשוב׳ער אפילו פון דעם אָרט וואו די תורה איז געגעבען געוואָרען צו די אידען. איז לומדות, האָט דער צאַנזער געענטפערט, איז טאַקע פאַראַן ביי אייך מעהר, אָבער מסירות נפש, אַט דאָס האָב איך געזעהן אין ריזשין.

איז ווי מיר ווייסען, הויבען זיך אָן די עשרת הדברות מיט דעם וואָרט „אנכי", איך בין דער אַלמעכטיגער וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון דעם לאַנד מצרים. קען מען דאָך פרעגען פאַר וואָס הויבט זיך ניט אָן די תורה מיט דעם וואָרט „אנכי"? עס וואָלט דאָך געקאָנט שטעהן אָנכי בראתי את השמים ואת הארץ — איך האָב באַשאַפען הימעל און ערד? האָט שוין ר׳ יהודה הלוי ז״ל געגעבען דאַרויף אַ גוטען תירוץ, נעמליך בריאת העולם, די וועלט־שאַפונג, האָט דאָך קיין מענש ניט געזעהן. קען דאָך קומען אייגער און זאָגען, אַז ער גלויבט ניט, אַ מאָלע וואָס די תורה זאָגט; ער גלויבט ניט, גייט טהוט אים עפּעס. אָבער ביי יציאת מצרים זיינען דאָך געווען זעקס הונדערט טויזענט אידען וואָס האָבען עס אַליין געזעהן מיט די אייגענע אויגען. איז דערפאַר קען שוין די תורה זאָגען „אנכי", איך, נעמליך, דער רבונו של עולם, האָב אייך אַרויסגעפיהרט פון מצרים. איך האָב אייך באַ־פרייט פון דער עגיפּטישער, פון דער מצרים׳שער קנעכטשאַפט, און איר

אַלע, אַלע זעקס הונדערט טויזענט אידען, האָט עס געזעהן מיט די איי־
גענע אויגען.

און איצט וועלען מיר איבערגעבען אַ גוט וואָרט וואָס יעדער מענש
וואָלט באַדאַרפט אין זינען האָבען. און וואויל איז צו די יעניגע וואָס האָבען
עס אין זינען, ווייל עס מאַכט זייער לעבען גליקליכער, באַקוועמער. די
סדרה זאָגט אונז: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה אשר בשמים ממעל ואשר
בארץ מתחת...״ איר זאָלט ניט מאַכען פאַר אַ גאָט קיין שום זאַך וואָס
געפינט זיך אין דעם הימעל אָדער אויף דער ערד, אָדער אין וואַסער.
זאָגט דאַרויף דער „שער בת רבים״ ז״ל אַ טייער וואָרט, נעמליך, „אשר בשמים
ממעל״, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען הימעל זאַכען, וועגען הויכע ענינים,
וועגען גייסטיגע זאַכען, וועגען מדות טובות, דאַרף יעדער מענש קוקען
אַרויף, אויף די יעניגע וואָס שטייען העכער פון אים. מען דאַרף זיך אָפּ־
לערנען פון איידעלע, פרומע, ערליכע מענשען די פיינע אייגענשאַפטען,
די גוטע מידות.

אָבער „ואשר בארץ מתחת״, ווען עס קומט צו ערדישע זאַכען, צו מאַ־
טעריעלע ענינים, דאַרף דער מענש קוקען אַראָפּ. ווען איינער טראַכט זיך
אַז ער פאַרדינט ניט גענוג. ווען ער זאָל פאַרדינען מעהר, וואָלט ער געקענט
לעבען בעסער און שעהנער, איז דאַן זאָלסטו קוקען אויף די יעניגע וואָס
פאַרדינען ווייניגער פון דיר, וועסטו זיין צופרידען מיט דיין שיקזאַל.

איז דערפאַר טאַקע „אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם״, מאַך ניט
קיין זילבער און קיין גאָלד פאַר דיין גאָט. זעה אז גאָלד און זילבער, אַז
געלט זאָל ניט הערשען איבער דיר. דיען ניט צו קיין געלט־זאַק. און אָט
דאָס האָט טאַקע געמיינט דער בעל התהלים (תהלים נא, טז) ווען ער האָט
געזאָגט „מדמים־אלקים״, פאַרוואַנדעל ניט דאָס געלט אין אַ גאָט.

משפטים

באַכדעם ווי די אידען האָבען באַקומען די „עשרת הדברות", אַן אוצר וואָס קיין שום פאָלק אין דער וועלט פאַרמאָגט ניט, איז אַ דאַנק אָט דעם דאָזיגען טייערסטען אוצר אין דער וועלט האָבען מיר געהאַט פיזישען, גייסטיגען, עטישען און מאָראַלישען כוח אויסצוהאַלטען אין אַלע דורות און אין כמעט אַלע לענדער, די ביטערסטע צרות און די ברוטאַלסטע פאַרפאָלגונגען. אַ סימן האָט איר, פיעלע פעלקער זיינען דאָך אָפּגעמעקט געוואָרען פון דעם עדר־קוגעל, צווישען זיי אויך אַזעלכע וואָס האָבען אונז געיאָגט און געפּלאָגט, נאָר דערפאַר ווייל מיר גלויבען אין „אחד", אין איין איינציגען פאָטער אין הימעל, נאָר דערפאַר ווייל מיר האָבען אַ תורה מיט צעהן געבאָט. אָבער דער אַלטער אויסגעמאַטערטער „ישראל׳יק" מיט דעם צוויי־טויזענט יאָריגען וואַנדערשטאָק, האָט זיי אַלע איבערגעלעבט.

נאָכדעם ווי משה האָט געגעבען די אידען די „צעהן געבאָט", האָט ער זיי געגעבען דינים, געזעצען, וואָס זאָלען רעגולירען דאָס אידישע לעבען. ווארום סאַי אַ יחיד, סאַי אַ פאָלק מוזען לעבען אין דער ראַם פון געזעצען. אָהן באַשטימטע געזעצען קען קיין שום געזעלשאַפט ניט עקזיסטירען. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה׳ן: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם". זאָגט דאַרויף דער בעל הטורים אַן אינטערעסאַנטע גימטריא, נעמליך: „ואלה" מאַכט וחייב אדם לחקור הדין. אַ ריכטער טאָר ניט גלאָט אַזוי זיך ניט מיר, ניט דיר, פסק׳ענען. נאָר ער מוז פריער גוט חוקר ודורש זיין, אויספאָרשען דעם גאַנצען ענין, כדי ער זאָל קענען אַרויסטראָגען אַ גערעכטען אורטייל. „המשפטים" מאַכט: הדיין מצווה שיעשה פשרה טרם יעשה משפט. און אַז דער ריכטער איז שוין גוט באַקאַנט מיט דעם פּראָצעס, דאַרף ער זיך פריער באַמיען צו מאַכען אַ פשרה צווישעןביידע צדדים, איידער ער טראָגט אַרויס אַן אורטייל. „אשר" מאַכט: אם שניהם רוצים, פאַרשטייט זיך אַז אַ פשרה דאַרף ער מאַכען בלויז דאַן ווען ביידע צדדים שטימען איין, זיינען מסכים דערצו. „תשים" מאַכט: תשמע שניהם יחד מדברים. דער ריכטער מוז אויסהערען ביידע צדדים. און „לפניהם" מאַכט: לא פני נדיב יהדר, התנכר מהם. דער ריכטער טאָר ניט האַלטען מיט איין צד מעהר ווי מיט דעם אַנדערען. און טאָמער קומט אַ גביר מיט אַן אָרימאַן, טאָר ער ניט חנפ׳ענען דעם גביר. ניין. ער דאַרף זיך האַלטען פרעמד פון אַזעלכע זאַכען. ביי אים אין די אויגען מוזען ביידע צדדים זיין אַבסאָלוט גלייך.

זעהען מיר דערפון, ווי דעמאָקראַטיש, גוט און פיין עס זיינען אונזערע תורה־געזעצען. און דער צווייטער פסוק הויבט זיך גלייך אָן מיט „כי תקנה עבד", און רעגולירט דעם סטאַטוס פון אַ קנעכט. פאַרוואָס זשע טאַקע הויבט

זיך די היינטיגע סדרה אָן מיט די געזעצען וועגען אַ קנעכט? ערקלערען דאָס דער אבן עזרא, ר׳ שלמה דוד לוצאַטו און אַנדערע ז״ל, דאָס איז דער־פאַר ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין ערגערע זאַך פאַר אַ מענשען ווי צו זיין אַ קנעכט, ווי צו זיין פאַרשקלאַפּט אָדער אונטערטעניג ביי אַ צווייטען. דאַרף מען זיך צוערשט אָננעמען פאַר אים. צו ערשט דאַרף מען לייכטער מאַכען די לאַגע פון די אונטערדריקטע.

און אגב א גוט וואָרט און אַ גוטע עצה: דער פסוק זאָגט „כי תקנה עבד עברי״. טייטשט דער „אור החיים״ ז״ל, „כי תקנה עבד״, טאָמער זוכסטו אַ מענשען ער זאָל פאַר דיר טהון עפּעס אַן אַרבייט, אויב דו האָסט עפּעס אַ באַשעפטיגונג פאַר עמיצען, איז „עברי״, זאָלסטו געבען אַ אידען דעם פאַרצוג, ער איז בילכער. און דאָס איז ניט אונדעמאָקראַטיש אָדער אונעטיש, פשוט דערפאַר ווייל פיעלע ניט־אידען ווילען ניט באַשעפטיגען קיין אידען. קאַרג ניט־אידישע פירמעס זיינען פאַראַן וואָס ווי נאָר זיי דערהערען אַ אידישען נאָמען, „דאַרפען זיי שוין ניט״! און אַז אויך אידען וועלען ניט אָנשטעלען קיין אידען, וואָס־זשע וועלען טהון די אידען וואָס נויטיגען זיך אין אַרבייט?

און ניט נאָר באַשעפטיגען אידען, נאָר מען דאַרף העלפען איינער דעם אַנדערען. אָט הערט אַ מעשה שהיה: ר׳ מאיר טיקטינער ז״ל איז ווי באַ־וואוסט געווען אַ גרויסער גאון און צדיק. זיין גאַנץ לעבען האָט ער ניט געגעסען איידער ער האָט אַ אידען געטהון אַ טובה, אַ גמילות חסד צי גלאַט צדקה. איינמאָל איז אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנצער טאָג און עס האָט זיך ניט גע־מאַכט, ער זאָל עמיצען קענען אַ טובה טהון. עס איז געוואָרען נאַכט און עס איז ניטאָ וועמען אַ טובה צו טהון. אין מיטען דער נאַכט איז ער אַרויס אין מאַרק, אפשר וועט ער עמיצען טרעפען. ער גיט אַ קוק זעהט ער ווי עס שטעהט אַ גוי מיט אַ פוהר ברעטער. לויפט ער אַוועק צו דעם סטאָליאַר פון דעם שטעטעל און דערצעהלט אים אַז עס איז דאָ צו קויפען ברעטער — אַ מציאה. איז דער סטאָליאַר אַוועק מיט אים אין מאַרק אַריין און גע־זעהן אַז דער פּרייז איז טאַקע אַ גרויסע מציאה. טהוט ער אַ זאָג: „רבי, איר האָט מיר געבראַכט אַ מציאה, ממש אין דער האַנט אַריין, אָבער וואָס קומט מיר אַרויס אַז איך קען עס ניט קויפען מחמת איך האָב ניט קיין גראָשען״. איז דער רבי געוואָרען מלא שמחה, געלאָפען אַהיים, האָט געבראַכט די נוי־טיגע סומע, און דער סטאָליאַר האָט געקויפט די ברעטער. ערשט דאַמאָלסט איז דער רבי אַהיימגעגאַנגען איבערבייסען.

וואָרום די ליבע פון איין אידען צום אַנדערען דאַרף זיין אַזוי גרויס, אַז איינער זאָל פיהלען וואָס דעם אַנדערען פעהלט. ר׳ משה לייב סאַסאָווער ז״ל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געלערענט „אהבת ישראל״, ליב צו האָבען אַ אידען, דוקא פון צוויי פויערען. ער האָט אַמאָל געזעהן צוויי פויערען טרינקען אין אַ שענק. רופט זיך אָן איין פויער צום צווייטען „האָסט מיך ליב?״ „יאָ״, האָט געענטפערט דער צווייטער. „ווי אַזוי קענסטו מיך ליעב האָבען, אַז דו ווייסט ניט וואָס מיר פעהלט?״ האָט דער ערשטער באַמערקט. האָט ער דערפון געלערענט אַז מען האָט ליעב אַ אידען, דאַרף מען וויסען וואָס אים פעהלט.

און די סדרה לערענט אונז דינים פאַר אַלע מעגליכע פּאַסירונגען און האַנדלונגען, רעגולירט אפילו אַזאַ פאַל ווי ווען צוויי מענשען קריגען זיך און איינער דערלאַנגט דעם אַנדערען, איז ורפא ירפא, דאַרף ער באַצאָהלען דעם דאָקטאָר, און אַזוי ווייטער. איז פון דעם „ורפא ירפא" אַ ראיה, אַז אַ דאָקטאָר־מעדיצין מעג זיך הייסען באַצאָהלען פאַר זיין אַרבייט. אויף דעם „ורפא ירפא" באַמערקט רש"י ז"ל „מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות". איז דאָך די קשיא, וואָס דערצעהלט דאָ רש"י? צוליב אַ קראַנקען מעג מען דאָך אפילו מחלל שבת זיין! ערקלערט דער „פנים יפות" ז"ל: אַזוי ווי היילען אַ קראַנקען איז דאָך אַ מצוה, און פאַר אַ מצוה טאָר מען דאָך ניט נעמען קיין געלט, איז די כונה פון „ורפא ירפא" אַז אַ דאָקטאָר מעדיצין מעג פאַר זיין מיה נעמען באַצאָהלט. און אַט דערפאַר טאַקע איבערזעצט דער תרגום „ואגר אסיא ישלם". דער שלעגער דאַרף באַצאָהלען די מעדיציניסטע קאָסטען, וואָס דער פאַרוואונדעטער האָט אויסצושטעהן.

אגב אורחא וועל איך ברענגען אַן אינטערעסאַנטע ערקלערונג אויף דעם מאמר „טוב שברופאים לגיהנם". פאַר וואָס אייגענטליך קומט טאַקע דעם בעסטען דאָקטאָר גיהנם? ער טהוט דאָך דאָס בעסטע וואָס ער קען צו העלפען דעם קראַנקען. ער לויפט צו אים אפילו אין מיטען דער נאַכט, און טהוט אַלץ מעגליכעס. דערפאַר קומט אים גיהנם? ערקלערט עס דער „עץ יוסף" ז"ל אַזוי: עס זיינען פאַראַן דאָקטוירים, וואָס האַלטען זיך פאַר גאַנצע וויסער, זיי וויסען אַלץ און קענען אַלץ. און דאָס, כידוע, פיהרט צו גאוה. מען הויבט זיך אָן האַלטען פאַר דעם גרעסטען, פאַר דעם בעסטען, פאַר דעם „טוב שברופאים", פאַר דעם בעסטען דאָקטאָר אין דער וועלט. איז ווי באַלד אַ חולה וויל זיך מיישב זיין מיט אַן אַנדער דאָקטאָר, פאַרדריסט עס אים גאָר, און עס פּאַסירט, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג ברענגט ער אַן אומגליק אויף דעם פּאַציענט. איז „טוב שברופאים", דער דאָקטאָר, וואָס האַלט זיך פאַר דעם בעסטען, אַז ער ווייסט בעסער פון אַלע אַנדערע דאָקטוירים, אַזאַ דאָקטאָר איז לגיהנם. אַזאַ איינער וועט פון גיהנם ניט אַרויס, ווייל זיין גאוה און זיין זיך גרויס האַלטען פאַראורזאַכען פילע אומגליקען, און עס קאָסט נאָך אַמאָל אַ מענשען דאָס לעבען.

און הערט ווייטער: אויב איינער גנב'עט אַן אָקס אָדער אַ שעפּעלע, און ער האָט עס געשאָכטען, אָדער ער האָט עס פאַרקויפט, דאַרף דער גנב פאַר דעם אָקס באַצאָהלען פינף מאָל אַזוי פיעל, און פאַר דעם שעפּעלע פיער מאָל אַזוי פיעל. פאַר וואָס עפּעס פאַר דעם שעפּעלע ווייניגער ווי פאַר דעם אָקס? ווייל די תורה האָט רחמנות אפילו אויף אַ גנב. אַן אָקס, אַז מען גנב'עט, פיהרט אים דער גנב אויף אַ שטריק, האָט זיך דאָך דער גנב דערביי נישט „איבערגעאַרבייט", דאַרף ער באַצאָהלען פינף־פאַך. דאַגעגען אַז מען גנב'עט אַ שעפּעלע, און מען וויל שנעל „אַפּציהען", מוז דער גנב טראָגען דאָס שעפּעלע אויף די אַקסעל. דאָס איז דאָך שוין אַן אַרבייט, האָט די תורה געהאַט איינזעהעניש מיט דעם גנב, און הייסט אים באַצאָלען בלויז פיער־פאַכיג.

איז טאַקע דאָס רחמנות־געפיהל שטאַרק אַנטוויקעלט ביי אידען. דער אויבערשטער ווערט אַנגערופען „רחמנא". און די תורה ווערט אַנגערופען „רחמנא". די אידען ווערען אַנגערופען „רחמנים בני רחמנים". ר' ברוך

לייפניקער, דער „ברוך טעם" ז"ל, איז אַמאָל אַהיים געקומען פון בית מדרש האָט ער געזעהן ווי זיין טאָכטער און דאָס דיענסט מיידעל לאַכען. טהוט ער אַ זאָג: „ווי קענט איר לאַכען, אַז דער בעדער ליעגט קראַנק?" אָדער נעמט אַזאַ ביישפּיל: אַ איד איז אַמאָל געקומען צו ר' ישראל סאַלאַנטער, און האָט זיך געקלאָגט פאַר אים: „רבי, וואָס טהוט מען? איך האָב לא אליכם ניט קיין פרנסה, איך האָב ניט צו וואָס זיך צו נעמען. איך וואָלט געוואָרען אַ מגיד און אַרויסגעפאָהרען איבער דעם לאַנד, האָב איך אָבער ניט קיין דרשה". רופט זיך אָן ר' ישראל ז"ל „אָט דאָס איז דער גאַנצער אָפּהאַלט? אַ קלייניגקייט, קומט אַריין מאָרגען". אויף דעם צווייטען טאָג ווען דער איד איז אַריינגעקומען, האָט דער רבי אים געגעבען צוויי אָנגעשריבענע דרשות. ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און אַליין איינגע'חזר'ט מיט דעם „מגיד" די דרשות, ביז ער האָט זיי געקאָנט אויסענווייניג, און זייט דאַן האָט דער איד געהאַט פיין פרנסה.

אגב, אַ גוט ווערטעל פון ר' יחיאל מאיר ז"ל פון גאָסטינין: אַ גנב איז ניט דער וואָס „קען" גנב'ענען, נאָר דער וואָס גנב'עט ממש, פּונקט ווי אַ „לערנער" איז ניט דער וואָס „קען לערנען", נאָר דער וואָס לערענט.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי גוטע ווערטלאַך, וועלען מיר ברענגען נאָך איינס. די סדרה זאָגט „ונקרב בעל הבית אל האלקים", באַמערקט דאַרויף ר' מאיר פּרימישליאַנער ז"ל: ווי אַזוי קען אַ איד ווערען נאָהענט צו אויבער־שטען? „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו", ווען ער טהוט ניט קיין שלעכטס, ער נאַרט ניט אָפּ, ער באַ'עוול'ט ניט דעם צווייטען אידען.

יאָ, דעם אידענס נאָהענטקייט צום אויבערשטען איז אָבהענגיג פון זיין באַציהונג צום צווייטען אידען. עס זיינען פאַראַן ליידער מענשען וואָס מיינען, אַז אבי זיי זיינען שוה־בשוה מיט דעם אַלמעכטיגען, זיי דאַווענען, היטען אָפּ שבת און יום טוב, היטען כשרות, און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות בין אדם למקום, מיינען זיי אַז געגען מענשען מעגען זיי שוין באַגעהן אַלע עוולות, זיי מעגען באַשווינדלען, רעדען לשון הרע און וואָס ניט, וואָרום מיט גן עדן זיינען זיי דאָך שוין באַזאָרגט. איז דאָס אַ גרויסער טעות. דאָס ערשטע, וואָס אַ איד דאַרף וויסען איז, אַז זיין באַציהונג צום צווייטען אידען, און צו מענשען בכלל, דאַרף זיין לויט די אידישע פאַרשריפטען. עבירות בין אדם לחבירו זיינען פיעל האַרבער ווי עבירות בין אדם למקום. אַ סימן, די זינד וואָס אַ מענש באַגעהט געגען אויבערשטען, איז יום הכפור מכפר. אָבער עוולות וואָס אַ מענש באַגעהט געגען דעם צווייטען מענש, איז אפילו יום הכפור אויך ניט מכפר, סיידען ער בעט איבער דעם געקריוודעטען.

ר' זונדעל סאַלאַנטער ז"ל איז אַ מאָהל געגאַנגען אין ירושלים אין גאַס האָט אים באַגעגענט אַ איד, וואָס פלעגט נעמען חלוקה־געלט פון דעם כולל, איז דער איד אים באַפאַלען און אים שטאַרק געזידעלט. איז געוואָרען אין שטאָדט אַ רעש, סטייטש, באַליידיגט דעם מורה הוראה, מבייש געווען אַזאַ צדיק, און מען האָט אים געוואָלט „צערייסען ווי אַ הערינג". פאַרשטעהט זיך, אַז דער רבי האָט ניט געלאָזט אָנריהרען דעם אידען. דערווייל האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז דער איד האָט געהאַט אַ טעות. ער האָט געמיינט אַז דאָס איז דער ממונה איבער דעם כולל, און ער האָט געהאַלטען, אַז ער קריגט ניט

גענוג „וואָכערס". ביינאַכט איז ר' זונדעל אַוועק צום אידען, און ער האָט אים געבעטען מחילה וואָס ער האָט אים פאַראורזאַכט אַן אומזיסטען צער.

דער זעלבער ר' זונדעל ז"ל פלעגט דאַוועגען אין ירושלים אין דעם אַל־טען בית המדרש, אין דער חורבה. ער האָט, פאַרשטעהט זיך, געהאַט זיין „שטאָדט" און זיין אייגענעם שטענדער. איז אָבער אַנאַנדער אידען שטאַרק געפעלען דעם רבין'ס שטענדער, פלעגט ער אים אַלע טאָג נעמען צו זיך אויף זיין „שטאָדט" און לערנען אויף אים, און דער רבי האָט יעדען טאָג געהאַט אַן אַרבייט צוריק צו טראָגען דעם שטענדער. אַזוי ווי ער איז געווען זעהר שוואַך, האָט דער רבי איינמאָל געבעטען דעם אידען, אַז ווען ער וועט פאַר־טיג ווערען מיט דעם לערנען, זאָל ער אַזוי גוט זיין צוריק טראָגען דעם שטענדער, ווייל עס איז פאַר אים צו שווער צו דזשוויגען. איז, אָבער, דער איד געווען אַן אויפגערעגטער מענש, איז ער אין כעס געוואָרען אויפן רבי'ן הלמאי ער קומט אים אויסרעדען. האָט דער רבי באַלד אויף דעם אָרט אים געבעטען מחילה, אָבער דער איד האָט בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין. איז דער רבי אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופען פאַר דעם גאַנצען עולם: „מורי ורבותי, איך בעט אים מחילה", און ער האָט זיך צעוויינט, און יענער האָט אים מוחל געווען.

איינמאָל איז אַ אידענע געקומען שעפען וואַסער נעבען ר' זונדעל'ס דירה. אַזוי ווי זי האָט געמיינט, אַז דער רבי איז אַ פּראָסטער איד, האָט זי צו אים געזאָגט: „ר' איד, אפשר וועט איר מיר אָנשעפען אַ פּאָר עמער וואַסער?" האָט דער רבי אָנגעשעפט דאָס וואַסער. די פרוי האָט אים געוואָלט באַצאָה־לען, אָבער דער רבי האָט איר געזאָגט: „געהט געזונטערהייט, איר וועט מיר באַצאָהלען דאָס אַנדערע מאָל". ווען די אידענע איז געקומען דאָס אַנדערע מאָל, און האָט אים געוואָלט באַצאָהלען, איז זי געוואויר געוואָרען אַז ער איז גאָר דער מורה הוראה, איז זי געוואָרען אַ פאַרציטערטע. זי איז אַריין אין הויז, און האָט אָנגעהויבען בעטען מחילה, זי האָט ניט געוואוסט, און „רבי, זייט מיר מוחל". האָט דער רבי איר געענטפערט: „גלויבט מיר, אַז איך האָב אייך ניט וואָס מוחל צו זיין. אדרבה, איך דאַרף אייך גאָר געבען אַ יישר כוח, ווייל איר האָט מיך מזכה געווען מיט אַ גאָר גרויסער מצוה".

און פון וואַנען, מיינט איר, נעמען זיך אַלע זינד? „על כל דבר פשע"... אשר יאמר כי הוא זה". טייטשט ר' ישראל ז"ל פון מאָדזיץ אַזוי: דער מקור פון אַלע זינד איז גאוה, זיך גרויס האַלטען. „על כל דבר פשע", די הויפּט זינד פון אַלע זינד איז „אשר יאמר", ווי דער מענש רעדט זיך איין און זאָגט אויף זיך „כי הוא זה", אַז ער איז עס, „אני ואפסי עוד" אַז ער איז „דאָס אויבערשטע פון שטויסל", אַז ער מאַכט פון זיך אַ גאַנצען וועזען, אַז ער איז דער עיקר, און אַלע אַנדערע זיינען גאָרניט.

די היינטיגע סדרה רעגולירט אויך הלוואות צו אָרימעלייט. „אם כסף תלוה את עמי את העני עמך". דער מדרש רבה באַמערקט, אַז די ערגסטע זאַך אין דער וועלט איז אָרימקייט. ווען דער שטן האָט מקטרג געווען אויף איוב'ן, האָט דער אויבערשטער צו אים געזאָגט: איוב, וואָס ווילסטו בעסער, אָרימקייט, צי יסורים? האָט איוב געענטפערט: „האַר פון דער וועלט, איך בין גרייט אויף זיך צו נעמען אַלע יסורים, אבי ניט אָרימקייט". טייטשט

דער ווילנער גאון ז״ל אַזוי: „אם כסף תלוה את עמי״... זאָגען די חכמים ז״ל אַז עס זיינען פאַראַן דריי סאָרטען מענשען וואָס שרייען און ווערען ניט געענטפערט, און איינער פון זיי איז דער וואָס לייהט אַוועק געלט אָהן עדות. דאַגעגען ווען מען גיט צדקה, ווערט שטאַרק געוואָרענט, אַז עס דאַרף זיין בסתר, קיינער זאָל ניט וויסען. „מתן בסתר יכפה אף״. און אָט דיביידע זאַכען, זאָגט דער גאון, זיינען אָנגעדייטעט אין דעם דאָזיגען פסוק: אם כסף תלוה, אויב די לייהסט עמיצען — „את עמי״, דאַרף דאָס זיין עפענטליך, עס דאַרפען זיין דערביי עדות. דאַגעגען „את העני״, אויב דו גיסט צדקה, איז „עמך״, טאָר אויסער דיך קיינער ניט וויסען.

און דער „ספר הדרוש״ ז״ל מאַכט אַ גלענצענדע באַמערקונג. „את העני עמך״, דער אָרימאַן דאַרף מיטגעהן מיט דיר. די צדקה דאַרף זיין לויט דיין רייכקייט. אויב דיין רייכקייט שטייגט, דאַרף די צדקה שטייגען אין פראָפּאָרציע. דו זאָלסט ניט זיין ווי יענע אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד״, זייער רייכטום האַלט אין איין וואַקסען, און די צדקה בלייבט שטעהן אויף דעם זעלבען אָרט. און נאָך אַ זאַך: אם כסף תלוה, ווי באַוואוסט שטעהט גמילות חסדים נאָך העכער פון צדקה. איז אויב דו לייהסט דעם אָרימאַן געלט, דו טהוסט אים אַ גמילות חסד, איז העני עמך, קען דער אָרימאַן ווייטער בלייבען מיט דיר. וואָרים אַז דו לייהסט אים געלט, קען ער דערמיט טהון מסחר און פאַרדינען, איז עמך, קען ער שטעהן גלייך מיט דיר. ער פיהלט זיך ניט אַזוי שפּל׳דיג, אַזוי ערנידעריגט און געפאַלען.

די חכמים ז״ל זאָגען (פרקי אבות) „בשעת פטירתו של אדם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב... אלא תורה ומעשים טובים״. ווען אַ מענש געהט אַוועק פון דער וועלט, באַגלייטען אים ניט זיין גאָלד און זילבער, זיין רייכטום, נאָר זיין תורה און גוטע מעשים. טייטשט ר׳ יוחנן אייבעשיץ ז״ל דעם פסוק אַזוי: „אם כסף תלוה״, צי וועט דען דיין געלט דיך באַגלייטען, ווען דו געהסט אַוועק פון דער וועלט? „את העני עמך״, בלויז דיינע גוטע טאַטען, דיינע מעשים טובים, די צדקה וואָס דו האָסט צעטיילט ביי דיין לעבען, בלויז דאָס וועט דיך באַגלייטען. וואָלט טאַקע יעדער איד באַדאַרפט אין זינען האָבען אָט די אַלע טייטשען פון דעם דאָזיגען פסוק, וועט אים זיין וואויל און גוט אויף ביידע וועלטען.

און אָט הערט ווי אַזוי מען דאַרף געבען צדקה. צו ר׳ חיים צאַנזער, ז״ל, איז אַמאָל אַריינגעקומען זיין טאָכטער און האָט אים געבעטען ער זאָל איר געבען געלט אויף אַ פּאָר נייע שיך. עס איז אַ חתונה אין שטאָדט, אַלע מיידלעך געהען אויף דער חתונה, מוז זי אויך געהן, דאַרף זי האָבען אַ פּאָר נייע שיך. האָט דער רבי איר געענטפערט: „נישט קשה, קענסט געהן אין די אַלטע שיך״, און ער האָט איר ניט געגעבען קיין געלט. אַ ווײַלע שפּעטער איז אַריינגעקומען אַן אָרים מיידעל און האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי וואָלט זעהר וועלען געהן אויף דער חתונה, נאָר אירע שיך זיינען צעריסען. האָט דער רבי איר באַלד גע־געבען געלט אויף נייע שיך און איר געהייסען קויפען די שעהנסטע, וואָס מען קען נאָר קריגען. ווען דאָס מיידעל איז אַוועק אַ „גליקליכע״ האָט דער עולם וואָס איז דערביי געזעסען זיך שטאַרק גע׳חידוש׳ט, אַ פרעמד קינד יאָ, און אַן אייגען קינד נישט? האָט דער רבי געענטפערט: זי איז אַן אָרים קינד,

אין צעריסענע שיך וועט מען זי ניט האַלטען בכבוד. דאַגעגען מיין טאָכטער וועט מען בכבוד האַלטען אפילו אין צעריסענע שיך.

און ניט נאָר דאַרף מען אַליין געבען אָדער לייהען, נאָר מען דאַרף אויך זעהן אַז אַנדערע זאָלען געבען צדקה און טהון גמילות חסדים. ווען ר׳ יחזקאל לאַנדוי ז״ל, דער „נודע ביהודה״ איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן און האָט גע־וואוינט אין בראָד, זיינען אַמאָל צו אים געקומען צוויי גדולי ישראל, וועגען אַ מצוה פון פדיון שבוים. מען האָט באַדאַרפט אויסלייזען אידען פון גוי׳אישע הענט, און מען האָט באַדאַרפט ניט וויניגער פון דריי הונדערט רענדלעך. איז דער רבי אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער און איז תיכף צוריקגעקומען מיט צוויי הונדערט און ניינציג רענדלעך, און זיי דערלאַנגט. דערביי האָט ער געזאָגט: „דאָס איבעריגע וועט איר מאַכען אין שטאָדט״. האָבען זיי זיך אָנ־גערופען: ״סטייטש, רבי, איר האָט שוין געגעבען אַזוי פיעל, גיט שוין נאָך צעהן רענדלעך, און איר וועט האָבען די גאַנצע מצוה!״ האָט דער רב גע־ענטפערט: „מיר איז אַ חידוש אויף אייך, איר האָט דאָך פאַרזעהן אַ בפירוש׳ע משנה „הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים״. זאָלען נאָך אידען האָבען אַ חלק אין דער מצוה.

און איצט וועלען מיר ענדיגען מיט אַ גוט וואָרט פון ר׳ זושא האַניפּאָלער ז״ל: די סדרה זאָגט „מדבר שקר תרחק״, פון שקר זאָל מען זיך דערווייטערען. דאָס איז די איינציגע עבירה ביי וועלכער עס ווערט צוגעגעבען דאָס וואָרט „תרחק״, דו זאָלסט זיך דערווייטערען. וואָרום ווען עס קומט צו שקר, צו ליגען, איז ניט גענוג וואָס מען טהוט עס ניט, וואָס מען זאָגט ניט קיין ליגען, נאָר מען דאַרף זיך דערפון דערווייטערען. פון שקר דאַרף מען פשוט אַנטלויפען.

תרומה

בּו, האַלטען מיר שוין, ברוך השם, נאָך אַמאָל ביי דעם חודש אדר. די צייט האָט אַזאַ טבע, אַז זי וויל ניט שטעהן, נעמליך די צייט און דער זייגער. דער חילוק איז בלויז וואָס דער זייגער שטעהט נאָר דאַן, ווען ער איז קאַליע. און די צייט געהט אפילו ווען זי איז קאַליע. גוטע צייטען, שלעכטע צייטען, זי טהוט זיך אירס און זי געהט. אַי, ליבע שוועסטער צייט, אַז דו געהסט, געהען דאָך אויך דעם מענשען׳ס יאָרען, און דעם שטערבליכען מענשען׳ס יאָרען זיינען דאָך ניט אייביג. נו, איז וואָס אַרט עס איר? אַז מיר מענשען זיינען עגאָאיסטיש, און מיר האָבען אין זינען בלויז זיך אַליין, טאָ פאַרוואָס זאָל אויך די צייט ניט אין זינען האָבען בלויז זיך אַליין? איז געהט זי זיך, די אַלטיטשקע צייט, וואָס ווייסט אַליין ניט ווי אַלט זי איז, און זי טראַכט זיך מסתמא, וואָס פאַר נאַראָנים די מענשען זיינען. זיי האָבען אויף זייער פאַרמעגען בלויז עטליכע צעהנדליג יאָרען, וואָלטען זיי דאָך באַדאַרפט האַלטען די געצעהלטע יאָרען זעהר טייער און זיי אויסנוצען אויף גוטע צוועקען. איז דאָך אָבער דער מענש, דער קליגסטער פון אַלע באַשעפענישען, דער גרעסטער נאַר, און ער פאַרטאַכליעוועט די באַשרענקטע צייט אויף די גרעסטע נאַריש־קייטען! ער האַלט זיך אין איין יאָגען. מען האָט איינעם אַמאָל געפרעגט: „וואָס אייגענטליך יאָגסטו זיך?" האָט ער געענטפערט: „טו סעיוו טאַים", צו שפּאָרען צייט. נו, און נאָך וואָס יאָגסטו זיך „טו סעיוו טאַים?" האָט ער גע־ענטפערט: „טו וועיסט איט" — צו פאַרשווענדען.

זיינען טאַקע אונזערע חכמים ז״ל געווען קליגער, און זיי האָבען זיך באַמיהט צו לערנען דעם מענשען, אַז אַזוי ווי די צייט איז טאַקע קורץ, איז נוץ זשע כאָטש אויס די צייט אויף גוטע צוועקען, סאַי פאַר דיר און סאַי פאַר דער געזעלשאַפט, מיט וועלכער דו לעבסט. אָט דערפאַר טאַקע האָבען אונ־זער תורה, אונזערע נביאים און אונזערע חכמים ז״ל אונז געגעבען פאָר־שריפטען, אַ פּראָגראַם, ווי אַזוי מיר זאָלען אויסלעבען די עטליכע צעהנדליג יאָרען, אַז זיי זאָלען ברענגען פרייד אי אונז אי די אַנדערע ברידער און שוועס־טער, די געזעלשאַפט מיט וועלכער מיר לעבען.

און אַזוי ווי אין דעם חודש אדר איז געשעהן מיט די אידען אַ גאָר גרויסער נס, דער רשע המן האָט געוואָלט פאַרטיליגיען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און עס איז אים אָבער ניט געלונגען. ער, זיינע צעהן זיהן און פיעלע פון זיינע גענאָסען האָבען באַצאָהלט דערפאַר מיט דעם לעבען. האָבען אונזערע חכמים ז״ל אונז געזאָגט: „משנכנס אדר מרבים בשמחה", אַז עס קומט דער חודש אדר דאַרפען אידעלעך זיך פרעהען. און זיי זיינען געווען געוואַלדיג גערעכט. ווען מיר לייענען אין דער מגילה, אַז המן האָט געוואָלט אומברייגען די אידען, און מיר זיינען דורך אַ נס ניצול געוואָרען, לייענען מיר דאָס אי־בער און פאַרטיג. מיר באַגרייפען גאָרניט די גרויסקייט פון דעם נס.

כאָטש אונזער אייגענער דור וואָלט דאָס באַדאַרפט ניט נאָר פאַרשטעהן, נאָר מיר וואָלטען עס באַדאַרפט פיהלען אין אַלע ביינער. אָט איז אין אונזער אייגענער צייט, פאַר אונזערע אייגענע אויגען, געקומען אַ רשע, אַ היטלער ימח שמו, און ער האָט זיך פאַרמאָסטען צו פאַרטיליגען דאָס אידישע פאָלק. און עס איז אים טאַקע געלונגען אומצוברענגען זעקס מיליאָן קדושים, ה׳ ינקום דמם. האָט דאָך דאָס זעלבע אויך געקאָנט געלינגען המן הרשע. און ווען עס זאָל אים געווען געלונגען, וואָלט דאָך היינט צו טאָג ניט געווען קיין איד אויף דער וועלט. אָבער אַז מיר לייענען דאָס אין דער מגילה, לייענען מיר עס בלויז ווי אַ מעשה, און מיר נעמען אפילו ניט די מיה זיך אין דעם אַריינ־צוטראַכטען.

וואָרום אַזוי איז שוין די נאַטור פון דעם מענשען. ער דערפיהלט אַ קלאַפּ בלויז דאַן, ווען מען דערלאַנגט אים איבער דעם קאָפּ. אָבער אויב דער קלאַפּ האָט אים ניט געטראָפען, שמייכעלט ער, און פאַרגעסט באַלד, אַז ער איז ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען טויט. איינער איז אַמאָל געפאָהרען מיט אַ פערד און וואָגען, און אויף דעם וואָגען האָבען זיך געפונען זעקלאַך ווייץ. האָבען אָבער די זעקלאַך געהאַט לעכער, און אַ גאַנצען וועג האָט זיך דער ווייץ גע־שאָטען פון די זעק. הינטער אים איז געפאָהרען נאָך אַ וואָגען, און דער פורמאַן פון דעם צווייטען וואָגען האָט געזעהן ווי פון די זעק שיט זיך ווייץ, אָבער ער האָט אים גאָרניט געזאָגט. ווען זיי זיינען געקומען אין שטאָדט אַריין, האָט דער ערשטער בעל עגלה אים געפרעגט: „סטייטש, פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט?״ האָט דער צווייטער אים געענטפערט: „איצט זעהסטו וואָס פאַר אַ טובה איך וואָלט דיר געווען געטהון. אָבער ווען איך זאָל דיר געווען באַלד זאָגען, וואָלסטו דאָך געווען פאַרשטאָפּט די לעכער פון די זעק, און דו וואָלסט ניט געווען איינגעזעהן וואָס פאַר אַ טובה איך האָב דיר געטהון״.

איצט, אַז מיר זעהען וואָס די דייטשען, ימח שמם, האָבען אונז אָנגעטהון, זיי האָבען אַרויסגעריסען זעקס מיליאָן קדושים, ערשט איצט קענען מיר באַ־גרייפען די גרויסקייט פון דעם נס, וואָס דער אויבערשטער האָט געטהון די אידען פון יענער צייט, פון דער צייט פון המן הרשע. אָבער אונזערע הכמים ז״ל, וואָס זיינען געווען קלוג ווי דער טאָג, האָבען דאָס פאַראויסגעזעהן. איז דאַריבער האָבען זיי טאַקע געזאָגט: „משנכנס אדר מרבים בשמחה״. אַז עס קומט חודש אדר דאַרפען אידען זיך שטאַרק פרעהען, ווייל מיט זייער גרוי־סער וויזיע האָבען זיי געזעהן, אַז אַ דאַנק דעם גרויסען נס, זיינען די אידען ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען טויט, און אפשר אויך פון אַ פולשטענדיגער אויסראָטונג.

לייענען מיר היינטיגען שבת די סדרה „תרומה״ און פאַראַכטאָגען שבת האָבען מיר געלייענט „משפטים״. באַמערקט דאַרויף דער „הדרש והעיון״, אַז די סדרה „משפטים״ באַשטעהט פון אַ גאַנצע צאָהל דינים, געזעצען וואָס וואָרנען דעם מענשען, אַז ער זאָל קיינעם נישט טהון קיין שלעכטס, ניט באַגעהן קיין עוולות געגען מענשען. ער זאָל ניט פיינט האָבען דעם צווייטען, זיך ניט קריגען, זיך ניט שלאָגען, ניט נעמען קיין כאַבאַר, און אַזוי ווייטער. אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג. ניט טהון שלעכטס דעם צווייטען איז טאָ־

קע אומגעהויער וויכטיג. אָבער מען דאַרף אויך טהון גוטס. מען דאַרף שטיצען דעם צווייטען, העלפען דעם נויטבאַדערפטיגען. קומט די סדרה וואָס הייסט „תרומה" און ווינקט אָן, אַז מען דאַרף געבען „תרומה", מען דאַרף געבען צדקה, מען דאַרף טהון פּאָזיטיוועס, מעשים ממש. נאָר דאַן קען די געזעלשאַפט, די וועלט האָבען אַ קיום.

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז ווי אַזוי דער משכן, און די אַלע כלים פון משכן, זיינען געמאַכט געוואָרען. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: „דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה". איז אויף דעם וואָרט „לי", זאָגט רש"י ז"ל „לשמי". באַמערקט דאַרויף דעם מלבי"ם ז"ל, אַז צדקה דאַרף אַ איד געבען ניט צוליעב כבוד, ניט צוליעב „פּובליסיטי", נאָר „לשמי", ער דאַרף געבען לשם שמים. און מען דאַרף ניט וואַרטען ביז עמיצער קומט און מאַהנט צדקה, נאָר „תקחו את תרומתי", טייטשט דער ווילנער גאון ז"ל, יעדער איינער דאַרף זיך אַליין בעטען און זאָגען: „נעמט מייןביישטייערונג".

און אויך די יעניגע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט זאַמלען נדבות, דאַרפען אַליין אויך זיין געבער, ניט נאָר נעמער. וואָרום, אַז די זאַמלער פון צדקה, די נעמער, זיינען אויך געבער, האָט מען ניט די העזה זיי אָפּצוזאָגען. און דאָס, זאָגט דער „ספר הדרוש" ז"ל, איז דער טייטש פון דעם פּסוק „שרים עצרו במלים, וכף ישימו לפיהם" (איוב כט, ט), די האַנט דאַרף זיין נאָהענט צו דעם מויל. צוזאַמען מיט דעם אַפּעלירען צום צווייטען נאָך אַ נדבה, דאַרף טאַקע אויך די אייגענע האַנט זיין טעטיג. מיט דעם מויל דאַרף מען בעטען ביי יענעם, און מיט דער אייגענער האַנט דאַרף מען אַליין געבען.

און די יעניגע, וואָס קענען ליידער ניט געבען קיין געלט ממש, דאַרפען זיי כאָטש האָבען דעם רצון, דעם ווילען צו געבען. דעם פּסוק „מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי", טייטשט דער „כנפי ישרים" ז"ל אַזוי: דער יעניגער וואָס וואָלט זעהר געוואָלט ביישטייערען צו וואוילטעטיגע צוועקען, נאָר ער קען ליידער ניט; אַלץ וואָס ער קען מנדר זיין איז „לבו", זיין האַרץ, זיין גוטען ווילען, זיין מיטגעפיהל; איז אין אַזאַ פאַל ווערט אויך דאָס פאַררעכענט אַלס תרומה. אויב דער רצון, דער ווילען, איז ניט קיין געמאַכטער, נאָר אַן אמת'ער, ער קומט טאַקע פון דעם האַרץ, ווערט דאָס גופא פאַררעכענט גלייך, ווי ער וואָלט געגעבען צדקה, צדקה ממש.

אָט הערט ווי אַזוי גרויסע אידען זיינען מקיים די מצוה פון זאַמלען צדקה צו העלפען נויטבאַדערפטיגע. דער צדיק און גדול בתורה ר' נחום'קע האָראָדנער ז"ל, איז אַליין געווען א זעהר קראַנקער מענש און אַ גרויסער בעל יסורים. אָבער ניט קוקענדיג אויף זיין געפעהרליכען געזונטס־צושטאַנד, פלעגט ער בוכשטעבליך טאָג און נאַכט אַרומגעהן קלייבען נדבות פאַר אָרימעלייט און נויטבאַדערפטיגע. געהענדיג איינמאָל שפּעט ביי נאַכט צו איינעם נאָך אַ נדבה, האָט אים אָנגעכאַפּט זיין מיחוש, און ער איז אַוועקגעפאַלען אין מיטען גאַס אין דער פינצטער. ליגט דער רבי און קרעכצט, און קיין לעבעדיגער מענש איז ניטאָ. אַ בעל עגלה (אַ דראָזשקאַרזש), וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט, האָט דערהערט דאָס קרעכצען, איז ער צוגעקומען און דערזעהענדיג ווי ר' נחום ליגט כמעט אַ טויטער, האָט ער אים צוגעטראָגען צו דער דראָזשקע, אים אַריינגעזעצט און פיהרט אים אַהיים. אויף דעם וועג איז דעם רבי'ן בעסער

געוואָרען, הייסט ער דעם דראָזשקאַרזש זיך אָפּשטעלען, ער וויל אַראָפּגעהן. „וואָס רעדט איר, רבי, איר זענט אַ קראַנקער מענש, איך וועל אייך פיהרען אַהיים“, זאָגט דער דראָזשקאַרזש. „ניין“, טענה׳ט דער רבי, „איך מוז געהן קלייבען נדבות פאַר מיינע אָרימעלייט“. אָבער עס איז דאָך שוין האַלבע נאַכט“, טענה׳ט דער דראָזשקאַרזש. רופט זיך אָן דער רבי: „וואָלט איר איצט אין מיטען דער נאַכט געפאָהרען אין וואַלד, ווען אייך מאַכט זיך עפּעס צו פאַרדינען?“ „געוויס וואָלט איך געפאָהרען, ענטפערט דער דראָזשקאַרזש, עס איז דאָך מיין פרנסה און איך האָב אַ ווייב מיט פיער קינדער, איז וואָס זשע זאָל איך טהון“. זאָגט דער רבי: „איר האָט בלויז פינף נפשות צו שפּייזען, און איך האָב הונדערטער אָרימע לייט צו העלפען!...“

אין ווילנע איז געווען אַ איד שמעון קאַפּטען ע״ה, אַ פּשוט׳ער, ערליכער איד, און איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען קלייבען געלט פאַר אָרימע קלויזניקעס. איינמאָל האָט אַ וואוילער יונג געוואָלט חוזק מאַכען פון אים, האָט ער געזאָגט צו ר׳ שמעון׳ען, אַז ער וועט אים געבען הונדערט רובעל אַ נדבה, אויב ער וועט אים פאַרקויפען זיין חלק עולם הבא. ר׳ שמעון האָט מסכים געווען. מען האָט אָנגעשריבען אַ שטר מכירה מיט אַלע איינצעלהייטען, מיט עדות, גע׳ חתמ׳עט, און יענער האָט געגעבען די הונדערט רובעל. אין שטאָדט האָט געקאָכט, סטייטש, אַ איד זאָל פאַרקויפען עולם־הבא! איז מען אַוועק און מען האָט אים געפרעגט: „סטייטש“? האָט דער פּשוט׳ער ערליכער איד, ר׳ שמעון געענטפערט בתמימות: „נו, וואָס זשע איז? קען איך ניט קלייבען נדבות פאַר מיינע קלויזניקעס אָהן עולם הבא?...“

ווען ר׳ יאָשע בער ז״ל איז געווען רב אין סלוצק, איז אַמאָל צו אים געקומען אַ בעל עגלה און געוויינט מיט ביטערע טרערען: אַ גאַנצען ווינטער געזעסען ליידיג, ניט פאַרדינט אַ גראָשען. איצט פאַר פּסח וואָלט ער שוין יאָ געקאָנט עפּעס פאַרדינען, נעמט דאָס פעדעל און פּגר׳ט אָפּ, און איצט כאָטש געה טהו זיך אָן אַ מעשה...

רופט זיך אָן דער רב: „געה אַריין צו מיר אין שטאַל, נעם די קוה, פיהר זי אַרויס אין מאַרק אַריין און בייט זי אויס אויף אַ פערד“. דעם בעל עגלה איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אומר ועושה, איז ער שוין מיט דער קוה אין מאַרק. אַז מען האָט דעם רב פאַרגעהאַלטען, סטייטש, ער וועט דאָך ניט האָבען קיין טראָפּען מילך, האָט ער געענטפערט: „איך האָב, ברוך השם, ברויט. זאָל איך נאָך האָבען מילך אויך, און יענער אָרימער איד זאָל נעבאַך קיין ברויט אויך ניט האָבען, איז דאָס יושר?!“ אָט אַזוי האָבען אונזערע גדולים זיך געפיהרט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין העלפען אַ נויטבאַדערפטיגען.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי דעם ענין פון צדקה, וועלען מיר אין איין וועגס איבערגעבען אַ גוטען טייטש פון ר׳ יצחק וואָרקער ז״ל: אין פּרקי אבות ווערט געזאָגט: „האומר שלי שלי ושלך שלך, זו מידה בינונית. ויש אומרים מדת סדום“. איז אין וואָס אייגענטליך באַשטעהט דער גרויסער אונטערשייד פון מידה בינונית און מדת סדום? נאָר דער טייטש איז אַזוי: ווען מען קומט צו אַ מענשען נאָך אַ נדבה, און ער ענטפערט: „שלי — שלי“, איך האָב ליידער מיינע אייגענע קרובים, וואָס איך מוז שטיצען, זו מידה בינונית, עס איז אַ דורכשניטליכע מידה. קיין געוואַלדיגע טענות קען מען צו אים ניט האָבען,

ווייל אייגענע קרובים זיינען טאַקע אפשר בילכער. אָבער „ויש אומרים״, ווען איינער קומט בלויז אָפּ מיט דעם זאָגען, ער זאָגט, נעמליך, אַז ער העלפט זיינע קרובים, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז בלויז געזאָגט, און אין אמת׳ען העלפט ער זיי ניט, „זו מדת סדום״, אַזאַ איינער איז אַן אמת׳ער סדום׳ניק.

היינט אַז די מצוה פון צדקה איז טאַקע אַזוי גרויס און וויכטיג. צדקה איז דאָך אַ מצות עשה, פאַרוואָס זשע, פרעגט דער רשב״א ז״ל, מאַכט מען ניט איבער דער דאָזיגער מצוה אַ ברכה, פונקט ווי איבער יעדער אַנדער מצוה? ענטפערט דאַרויף רבי בונים פון פשיסכע ז״ל: ווען מען זאָל ביי געבען צדקה דאַרפען פריהער מאַכען אַ ברכה, וואָלט מען זיך גענומען וואַשען די הענט, זיך פריהער מכין זיין, מאַכען גאַנצע שהיות. די מהדרין מן המהדרין וואָלטען פריהער געלאָפען זיך טובל זיין, און אין צווישען וואָלט דער אָרימאַן דערוויילע אויסגעגאַנגען פון הונגער.

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז, אַז דער אויבערשטער האָט גע־הייסען משה׳ן זאָגען די אידען, זיי זאָלען ביישטייערען גאָלד און זילבער און קופּער און פּורפּור און נאָך טייערע זאַכען „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, און זיי זאָלען מאַכען אַ משכן, וועט מיין שכינה רוהען צווישען זיי. לערנען אונזערע חכמים ז״ל אָפּ דערפון, אַז „גדולה מלאכה״, אַרבייט איז אומגעהויער וויכטיג. אַפילו דער אויבערשטער האָט ניט געמאַכט רוהען זיין שכינה אויף די אידען, ביז זיי האָבען זיך באַשעפטיגט מיט אַרבייט. פריהער „ועשו לי מקדש״, טהוט עפּעס אַ מלאכה, און ערשט דאַן וועט די שכינה רוהען אויף די אידען.

איז אַרבייט טאַקע זעהר וויכטיג פאַר דעם וואוילזיין פון דעם מענשען. עס איז ניטאָ קיין גליקלעכערע זאַך פאַר דעם מענשען ווי אַרבייט, באַשעפטי־גונג. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „וואו מלאכה, דאָרט ברכה״. דאָס זיין באַשעפ־טיגט גופא איז שוין אין זיך אַליין אַ פאַרדינסט. ניט זיין באַשעפטיגט, מיינט אַרומגעהן ליידיג, פּוסט און פּאַס. ווי זאָגען אונזערע חכמים ז״ל: „הבטלה מביאה לידי שעמום״, ליידיג אַרומגיין קען חלילה טרייבען אַ מענשען צו וואַהנזין. בעת שכינה, גליק, צופרידענקייט מיט זיך און מיט דעם לעבען קען זיין נאָר דאַן, ווען דער מענש איז באַשעפטיגט. אַרבייט, לייסטעט פאַר זיך און פאַר דער געזעלשאַפט.

און דער רבי ר׳ מנחם מענדעל פון קאָצק ז״ל, האָט געטייטשט דעם פסוק אַזוי: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, יעדער איד דאַרף ביי זיך אַליין, אין זיין אייגענע האַרץ (לי) מאַכען אַ מקדש, אַז אין זיין אייגען האַרץ, אין אים גופא, זאָל רוהען די שכינה. איז דאָס אַן אומגעהויער גוטע עצה. און כאָטש אין פלוג דוכט זיך אויס, אַז עס איז כמעט אומדערגרייכבאַר, איז עס אָבער אין דער אמת׳ען ניט אַזוי.

אמת, עס איז טאַקע ניט אַזוי לייכט צו דערגרייכען אַזאַ הויכע מדרגה, אָבער מיט אַביסעלע מיה קען מען עס דערגרייכען. און אַ גוטע עצה ווי דאָס צו דערגרייכען, געפינען מיר טאַקע אין דער היינטיגער סדרה. דער פסוק זאָגט: „מן הכפרת תעשו את הכרובים״. אונזערע חכמים ז״ל זאָגען, אַז די כרובים זיינען געווען איינער בצורת זכר און איינער בצורת נקבה. דמות פרצוף תינוק להם. די צורה פון די כרובים איז געווען אויף דעם ארון, אין וועלכען

עס זיינען געווען די לוחות. זאָגט ר׳ יאָשע בער ז״ל, בריסקער רב, אַז דער יסוד פאַר אָפּהיטען דעם ארון, פאַר אָפּהיטען די תורה, איז דער חינוך פון קינדער. ווילען מיר, אַלזאָ, האָבען אַ מקדש אין האַרצען, ווילען מיר האָבען די שכינה אין זיך און אַרום זיך, איז אַלץ וואָס מיר דאַרפען טהון, איז צו ערציהען אונזערע קינדער אין דעם אידישען גייסט, אין דעם גייסט פון תורה־אידישקייט. דאַן וואָלט די שכינה ניט געווען אין גלות, נאָר זי וואָלט זיך געפונען אין יעדער אידיש הויז.

און ווי אַזוי זיינען געשטאַנען די כרובים? „אל הכפורת יהיו פני הכרובים״. איז פאַראַן וועגען דעם אַ מיינונגס־פאַרשידענהייט אין דער גמרא (בבא בתרא פט) „חד אמר פניהם איש אל אחיו, וחד אמר פניהם לבית... כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום. כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום״. זאָגט דאַרויף דער „ילקוט מרגליות״ ז״ל: ווען דאָס פאָלק ישראל טהוט „רצונו של מקום״, זיי טהוען דעם אויבערשטענס ווילען, דאַמאָלסט איז „פניהם איש אל אחיו״, דאַן קוקט איין איד אויף דעם אַנדערען, איין איד אינטערעסירט זיך מיט דעם אַנדערען. אָבער ווען אידען טהוען נישט דעם אויבערשטענס ווילען, דאַן איז „פניהם לבית״. דער פרומער איד שטעהט אויסגעדרעהט מיט דעם פנים צום קדשי קדשים, ער האָט אין זינען בלויז זיך, אַבי ער איז פרום, אַבי ער איז אין אָרדנונג מיט כביכול. און די אַנדערע אידען געהען אים ניט אָן. אָט דאָס טויג ניט.

וואָרום „ועשית שולחן״... זאָגט דאַרויף דער „שפתי כהן״ ז״ל: דער „ארון״ און דער „שולחן״ שטעהען צוזאַמען, איינס נאָך דעם אַנדערען, ווייל „אם אין קמח אין תורה״, און „אם אין תורה אין קמח״, איינס ערגענצט דאָס אַנדערע. דער גביר דאַרף העלפען דעם תלמיד חכם, דער תלמיד חכם דאַרף לערנען דעם גביר, ושלום על ישראל.

תצוה

אין דער פאַראַכטאַגיגער סדרה „תרומה", ווערט דערצעהלט מיט אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי דער משכן האָט באַדאַרפט געבויט ווערען. און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז, אַז משה האָט געקראָגען אינסטרוקציעס פון דעם אויבערשטען וועגען דעם נר תמיד, ווי אַזוי די קליידער פאַר די כהנים, דער חושן און דער אפוד, זאָלען געמאַכט ווערען; ווי אַזוי אַהרן און זיינע קינדער זאָלען געזאַלבט ווערען פאַר כהנים.

אַז מען ווערט אַ פאָלק, דאַרף אַלץ רעגולירט ווערען, דאָס לעבען פון די פאָלקסמאַסען פונקט ווי די אויפיהרונג פון די גייסטיגע פיהרער. און אונזער תורה האָט אַלץ אין זינען געהאַט, און האָט אפילו געגעבען דעם „מאָדעל" ווי אַזוי די קליידער וואָס די כהנים טראָגען ביי דער עבודה דאַרפען אויסזעהן. און דערפון דאַרפען מיר אָפּלערנען, אַז דעם מענטשענ׳ס אויסערליך אויס־זעהן איז אויך וויכטיג. פונקט ווי דעם מענטשענ׳ס נשמה דאַרף זיין ריין, עהרליך, זיין אויפפיהרונג דאַרף זיין קאָרעקט, עטיש, אַזוי דאַרף אויך זיין אויסערליך אויסזעהן זיין זויבער, עסטעטיש, די קליידער ריין, געשמאַקפול, אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַן עם סגולה.

איז פאַרוואָס זשע מיינט איר זיינען פאַראַן מענשען וואָס אויסערליך זעהען זיי דוקא אויס נישט־קשה, די מלבושים זיינען זויבער, געפרעסט, די שיך גלאַנצען, אַלץ איז ווי עס באַדאַרף צו זיין, בעת זייער אויפפיהרונג מיט מענשען איז ניט ווי געוואונשען? ווער, מיינט איר, איז שולדיג אין דעם? דער יצר הרע. אַזאַ טבע האָט שוין דער יצר הרע. ער קלעפּט זיך צו צו אַ מענשען, און זעהר געצעהלטע מענשען קענען באַווייזען די שטאַרקייט זיך צו באַפרייען פון אים.

ווי באַוואוסט ווערט דער יצר הרע אָנגערופען: „מלך, זקן, כסיל". ער איז אַ מלך גאַנץ פשוט, ווייל ער הערשט איבער דעם מענשען. נעמט ער זיך צו איינעם ווערט שוין דער יעניגער ניט אַזוי גיך פטור פון אים. און עס איז אויך קיין וואונדער ניט. וואָרום אַזוי שנעל ווי דאָס קינד דערזעהט די שיין פון דער וועלט הערשט שוין איבער אים דער יצר הרע. און אַזוי באַגלייט ער דעם מענשען כמעט אויף יעדער שריט און טריט.

אמת, עס זיינען פאַראַן גאַנץ עפעקטיווע, זעהר גוטע מיטלען געגען דעם יצר הרע. אַזוי למשל, ראַטען אונז די חכמים ז"ל אַז מען זאָל אָנריידען דעם יצר טוב געגען דעם יצר הרע, קען גרייליך פּאַסירען אַז דער יצר טוב זאָל באַזיעגען דעם יצר הרע. אָדער, זאָגען אונזערע חכמים ז"ל, „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש" (קידושין), אויב דער דאָזיגער מנוול, אויס־וואורף (פּאַסקודניאַק) באַגעגענט דיך, איז שלעפּ אים אַוועק אין בית המדרש. זעץ זיך לערנען, וועט ער ניט האָבען קיין שליטה איבער דיר.

און אַ זקן איז ער אויך, ווייל קיינער איז ניט עלטער פון אים. וואָרום אַז גלייך ווי דאָס קינד דערזעהט די ליכטיגע שיין פון דער וועלט, הערשט ער שוין איבער אים, איז ער דאָך אַזוי אַלט ווי יעדער מענש, און קיין מענש אין דער וועלט איז ניט עלטער פון אים. אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם איז ער אָבער דאָך אַ שוטה, אַט הערט אַ מעשה שהיה:

ווי באַוואוסט איז דער ריזשינער רבי ר׳ ישראל ז״ל געזעסען איינגעשפּאַרט אין תפיסה צוליעב אַ מסירה וואָס מען האָט אויף אים דערלאַנגט. ווען ער איז באַפרייט געוואָרען פון טורמע, האָט ער געזאָגט: איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער יצר הרע ווערט אַנגערופען „מלך, זקן, וכסיל", אַ קעניג, אַן אַלטער און אַ נאַר. מילא ער ווערט אַנגערופען מלך, איז דאָס צו פאַרשטעהן, ער געוועלטיגט איבער דעם מענשען. ער ווערט אַנגערופען „זקן", אַלטער, ווייל ער קומט צום מענשען ווי נאַר ער ווערט געבוירען. אָבער פאַר־וואָס ווערט ער אַנגערופען נאַר? זיצענדיג אין תפיסה איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרען. די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען איינגעשפּאַרט אין טורמע, איז דער יצר הרע געזעסען מיט מיר און ניט אָפּגעטרעטען פון מיר אויף קיין מינוט. האָב איך אַ זאָג געטהון צו אים: אויב אַזוי, ביזטו דאָך טאַקע אַ שוטה. בשלמא, איך זיץ דאָ איינגעשפּאַרט, איז ווייל איך מוז, איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, מוז איך דאָ זיצען און ניט אַנזעהן די ליכטיגע וועלט. אָבער דו? וואָס זיצסט דו אין דעם דאָזיגען פינסטערען צימערל? דו קאָנסט דאָך געניסען אין דרויסען, אויף דער פרייער וועלט, די ליכטיגע שטראַהלען פון דער זון? איז משמעות אַז דו ביזט טאַקע אַ נאַר.

און אַט אַזאַ חברה־מאַן איז דער יצר הרע. עס איז פאַראַן אין גמרא, אַז כביכול אַליין האָט חרטה פאַר וואָס ער האָט אים גאָר אין גאַנצען באַשאַפען. אַז אויף יענער וועלט וועט ער טאַקע ניט זיין. אָבער אויף אונזער זינדיג וועלטעל איז ער אַ מושל בכפה, און האַלט אין איין אַראָפּפיהרען מענשען, אומשולדיגע מענשען פון דעם גלייכען וועג. אָבער ער האָט אויך מעלות. אַלץ וואָס דער וועלט באַשעפער האָט באַשאַפען, אפילו זאַכען, וואָס זיינען גע־פעהרליך פאַר דעם מענשען, האָבען זיי אָבער אויך געוויסע מעלות. ווי זאָגט דאָס ענגלישע ווערטעל: „יעדע כמאַרע האָט איר זילבערנעם זוים". און אויך דער יצר הרע האָט מעלות. אַט זאָגען אונזערע חכמים ז״ל: „שאלולי יצר הרע לא בנה אדם בית, ולא נשא אשה, ולא הוליד בנים, ולא נשא ונתן" (בראשית רבה, פרשה ט), ווען ניט דער יצר הרע, וואָלט דער מענש ניט געבויט קיין הויז, ער וואָלט ניט חתונה געהאָט, ניט געבראַכט קיין קינדער אויף דער וועלט, ער וואָלט ניט געהאַנדעלט, ניט געפיהרט קיין מסחר. אַלזאָ, ווען ניט דער יצר הרע וואָלט דער מענש ניט געהאַט קיין אַמביציע, קיין איניציאַטיווע, ער וואָלט ניט געהאַט קיין חשק צו קיין שום אונטערנעהמונג. ער וואָלט אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרשלאָפענער, און די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אַ פאַרשלאָפענע, זי וואָלט קיין מאָל ניט פּראָגרעסירט. אַלץ אין דער וועלט וואָלט שטענדיג גע־בליבען אומגעענדערט. עס וואָלט געווען אַ מאָנאָטאָנע וועלט. מאַנכע מענשען, באַזונדערס די פּויליאַקעס, וואָלט עס זיכער געפעלען. אָבער די מערהייט וואָלט ניט געווען צופרידען.

ווידער זאָגען אונז די חכמים ז״ל: „ואלולי יצר הרע לא היה מקום לבחירה

וידיעה באדם ולא שכר ועונש" (זעהט יומא ס"ט), ווען ניט דער יצר הרע וואָלט ניט געווען קיין בחירה. אַזוי ליגט עס אין דעם מענשען'ס האַנט. אויב ער טהוט אַ מצוה צי אַן עבירה, טהוט ער עס דערפאַר ווייל אַזוי האָט ער באַשלאָסען, און דערפאַר באַקומט ער אָדער זיין שכר פאַר דער מצוה, אָדער זיין שטראָף פאַר דער עבירה. אָבער ווען עס זאָל ניט זיין קיין יצר הרע, וועט דאָך ניט זיין קיין בחירה, וועט דאָך אויך ניט זיין קיין שכר און קיין עונש. וועט דאָך דעם מענשען'ס לעבען ניט האָבען קיין שום אינטערעס. עס וועלען זיך אַרומדרעהען פלעגמאַטישע, אַמביציעלאָזע מענשען אין אַ פאַרשלאָפענער וועלט. מיר וואָלט אַזאַ וועלט ניט געפעלען. און מסתמא אייך אויך ניט. אַלזאָ ווי מיר זעהען איז אפילו דער יצר הרע אַ נויטיגע זאַך, נאָר וואָס דען? דער מענש דאַרף וויסען ווי אַזוי אים צו צוימען, און צו געוועלטיגען איבער אים.

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן: „ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך", און דו זאָלסט געביטען די אידען זיי זאָלען בריינגען ליטערען בוימעל... זאָגט דאַרויף דער מדרש: „מה הזית חובטים אותם ואחר כך נותנין שומנן, כך ישראל באין עכו"ם וחובטין אותם ואחר כך עושין תשובה", פונקט ווי די אוילבערטען, מוז מען פריהער קלאַפען און ערשט דאַן גיבען זיי פון זיך אַרויס זייער פעטקייט, אַזוי זיינען אויך די אידען, נאָכדעם ווי די פעלקער פון דער וועלט „קלאַפען" זיי, ערשט דאַן טהוען זיי תשובה.

איז כאָטש מיר אידען זיינען דוקא אַ קלוג פאָלק, איז אָבער אין דעם דאָזיגען פרט פיהרען מיר זיך אויף גאָר ניט קלוג. תשובה איז אונזער שטאַרקסטער וואפען. עס איז דאָס איינציגע מיטעל צו מאַכען אַ מענשען אמת'דיג גליקליך. אַזוי שטאַרק און מעכטיג איז תשובה, אַז אַפילו ווען אַ מענש זינדיגט דאָס גאַנצע לעבען, און ביים סוף פון זיינע יאָרען טהוט ער תשובה, נעמט אים דער אויבערשטער אָן. תשובה איז מבטל אַ גזר דין. אָבער בעסער איז אַז דער מענש טהוט תשובה, ווען ער איז נאָך יונג, ביי דעם גאַנצען כוח. „עד שהנר דולק תן לו שמן, כבה הנר אין השמן מועיל כלום", גיב דעם קנויטעל בוימעל אַזוי לאַנג ווי עס ברענט נאָך, איז עס פאַרלאָשען געוואָרען וועט שוין דער בוימעל גאָר ניט העלפען. אַזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה, אַז בעלי תשובה זיינען גרעסער אפילו פאַר צדיקים.

פאַרשטעהט זיך אַז תשובה האָט אַ ווערט בלויז דאַן ווען דער בעל תשובה מיינט עס מיט אַן אמת. ער האָט באמת חרטה אויף זיינע זינד, ער טהוט תשובה מיט דעם גאַנצען האַרץ, און ער טהוט טאַקע ניט מעהר קיין עבירות. אָבער ווי באַלד איינער טראַכט זיך: איך וועל תשובה טהון און דאַן ווידער זינדיגען, איז אין אַזאַ פאַל העלפט די תשובה ניט. זי ווערט ניט אָנגענומען.

עס זיינען פאַראַן פיער און צוואַנציג זאַכען וואָס האַלטען אויף די תשובה, און זי ווערט ניט אָנגענומען, ווי למשל: איינער וואָס מאַכט אַ רבים זינדיגען, איינער וואָס זעהט ווי זיין קינד געהט אויף שלעכטע וועגען און ער ווערט אים ניט. איינער וואָס טיילט זיך אָפּ פון כלל, פון דעם צבור. איינער וואָס קריגט אויף די חכמים ז"ל, מאַכט חוזק פון מצוות, באַליידיגט זיינע לעהרער, האָט פיינט שטראָף־רייד, שעלט מענשען, געפינט עפּעס און מאַכט אַ שווייג, באַראַבעוועט אָרימע לייט, יתומים, אלמנות, נעמט כאַבאַר צו משפּט'ן פאַלש, א חושד

בכשרים, רעדט רכילות, לשון הרע, אַ כעסן, חבר׳ט זיך מיט רשעים און נאָך. נו, דאַרפען מיר טאַקע זיך היטען פאַר אַט די שלעכטע זאַכען. און דער עיקר דאַרף יעדער איינער פון אונז תשובה טהון מיט אַן אמת אויף אַן אמת, וועלען מיר זיין גליקליכע מענשען.

ר׳ ישראל ריזשינער ז״ל האָט געהאַט אַזאַ ווערטעל: „מיין טאַטע ז״ל האָט פיינט געהאַט שנייי, און אויך איך האָב עס ניט ליב. וואָס קומט אַרויס אַז דער שנייי איז אַזוי ווייס, אַז עס לאָזט זיך פון אים אויס בלאָטע...״ וואָס קומט אַרויס אַז דער מענטש געהט שעהן אָנגעטהון, אין זיידענע הענטשקעס, אַז די נשמה, דאָס האַרץ, זיינען ניט ריין. איז תשובה טאַקע אַ גוטע זאַך. עס לייטערט די נשמה, עס מאַכט ווייך דאָס האַרץ. עס רייניגט די געדאַנקען. אָבער דער עיקר דאַרף מען תשובה טהון אין צייט און מיט אויפריכטיגקייט.

ווי זאָגט די היינטיגע סדרה „שנים ליום עולה תמיד״, זאָגט דאַרויף אַ חסידיש ווערטעל: יעדער איד דאַרף שטענדיג טראָגען מיט זיך צוויי „תמידים״ — „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״, און „וחטאתי נגדי תמיד״. אַ מענש דאַרף שטענדיג אין זינען האָבען דעם אויבערשטען, און זיינע זינד דאַרפען אים שטענדיג שטיין פאַר די אויגען. אויף אַזאַ איינעם וועט מען שוין ניט דאַרפען רחמנות האָבען.

מען האָט אַמאָל דערציילט ר׳ עקיבא אייגער ז״ל אז דער און דער איז אין אַ זעהר געדריקטער לאַגע, צו נאַכטמאָל עסט ער אַ שטיקעל טרוקען ברויט מיט ציבעלע, לייענט אָפּ קריאת שמע און לייגט זיך שלאָפען. אַ ביטערער רחמנות נעבעך אויף אים. האָט דער רב זיך אַ חידוש געטהון: אַ רחמנות! אַ רחמנות איז אויף דעם וואָס עסט אַ הון געפּרעגעלט אין פוטער און לייגט זיך שלאָפען אָהן קריאת שמע.

דאָס ערשטע וואָס אַ איד דאַרף טהון איז צו זיין אין אָרדנונג מיט דעם אויבערשטען, זיך פיהרען צום באַשעפער און צו לייט ווי אַ איד דאַרף זיך פיהרען. פאַרשטעהט זיך אַז דאָס איז ניט אַזוי לייכט. מען דאַרף פאַרשטעהן ווי אַזוי זיך צו פיהרען. ווי באַוואוסט איז רבי נפתלי ראָפּשיצער ז״ל געווען אַ גרויסער וויצלינג. ער איז געווען אַ שאַרפער ווערטעל־זאָגער, און יעדער ווערטעל זיינס האָט טאַקע געשפּרודעלט מיט חכמה. איינמאָל האָט דער לובלינער „חוזה״ ר׳ יעקב יצחק ז״ל, אים פאַרגעהאַלטען פאַר דער מידה זיך צו חכמה׳נען און זאָגען גלייכווערטלעך, און ער האָט צו אים געזאָגט: עס שטעהט דאָך בפירוש געשריבען „תמים תהיה עם ה׳ אלקיך״ און ניט חכם תהיה, איז דאָך דערפון געדרינגען, אַז תמימות שטעהט העכער פון חכמה!״ האָט דער ראָפּשיצער אים געענטפערט: ריכטיג, אָבער מען דאַרף באַזיצען גרויס חכמה, כדי צו קענען זיין א תמים מיט דעם אויבערשטען.

און צו זיין א תמים מיט דעם רבונו של עולם, מיינט צו זיין אַ וואַרימער איד. לערנען, דאַווענען און זיין אַ בעל מידות טובות, און טהון גוטע מעשים. יעדער איד דאַרף האָבען אַ וואַרימע באַציאָונג צו די מיט־מענשען. איין איד דאַרף מיטפיהלען מיט דעם אַנדערען אידען. מען דאַרף זיין וואַרעם צום אויבערשטען און צו לייט. זיינען טאַקע די פריערדיגע דורות אַזוי געווען. עס זיינען געווען צייטען ווען מיר האָבען געהאַט הייסע דורות. מען האָט אַמאָל דערצעהלט דעם גערער רבי׳ן ר׳ יצחק מאיר ז״ל,

אַז מען האָט ערפונדען אַזאַ מאַשין וואָס קען וואַרימען די מקוה. האָט דער רבי געענטפערט מיט אַ שמייכעל, „וואָס פאַר אַ חידוש, הייסע דורות קאַלטע מקואות, קאַלטע דורות הייסע מקואות״.

דוכט זיך בלויז אַ ווערטעל, אָבער עס שטעקט אין דעם אַ טיפער אמת. ווען דער דור איז הייס, ווען איין מענש האָט אַ וואַרימע באַציאונג צום צווייטען, דאַרף מען ניט ערפינדען קיין מעכאַנישע מיטלען ווי אַזוי צו ווירקען אויף איינעם אַז ער זאָל העלפען דעם צווייטען. אַז זיין האַרץ איז וואַרעם, טהוט ער דאָס אַליין. אַז דער דור איז הייס, איז אַ קאַלטע מקוה אויך גוט. אָבער אַז דער מענש איז קאַלט צום צווייטען, דאָס האַרץ איז געפרוירען, מוז מען זיך באַנוצען מיט „ערפינדונגען״. מען דאַרף הייסע רעדעס אים אָנצואוואַרעמען — קאַלטע דורות הייסע מקואות.

די היינטיגע סדרה זאָגט אונז, אַז דעם כהן גדול׳ס קליידער האָבען געהאַט „פעמוני זהב״, גאָלדענע גלעקלעך . . . „ונשמע קולו בבואו אל הקודש״. איז וואָס אייגענטליך האָט ער באַדאַרפט האָבען גלעקלעך? ערקלעהרט עס דער רשב״ם ז״ל זעהר איינפאַך: ווען דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען יום הכפור אין קדשי הקדשים טהון די עבודה, האָט קיין שום מענש זיך דאָן ניט געטאָרט געפינען אין דעם אוהל מועד, ווי עס שטעהט בפירוש (ויקרא ט״ז, י״ז) „וכל אדם לא יהיה באוהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו״. איז דאַריבער זיינען דעם כהן גדול׳ס קליידער געווען מיט גלעקלעך ביי דעם זוים פון דעם קלייד, כדי עס זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקודש״. מען זאָל הערען פון דערווייטענס אַז דער כהן גדול געהט, כדי דער עולם זאָל באַצייטענס פאַרלאָזען דעם אוהל מועד.

דער „הדרש והעיון״ ז״ל, זאָגט אגב אַ גוט ווערטעל: עניוות, נאָכגיביקייט, ווייכע רייד זיינען געוויס אונגעהויער גרויסע מעלות. אָבער פאַר אַ פיהרער זיינען פאַראַן מאָמענטען וואָס אַט די מעלות, זיינען דוקא ניט געוואונשען. „בבואו אל הקודש״, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען העכערע, גייסטיגע ענינים, דאַרף זיין „ונשמע קולו״, דאַרף ער ריידען הויך, שטרענג, האַרבע דיבורים, אפילו באַפעהלעריש, אַניט וועלען זיינע רייד ניט האָבען די נויטיגע ווירקונג.

נאָך אַ ראיה אַז „עזות״ איז אַמאָל דוקא אַ נויטווענדיקייט, ברענגט דער „חתם סופר״ ז״ל פון אַן אַנדער פסוק אין דער היינטיגער סדרה. נעמליך, „ועשית ציץ זהב... פתוחי חותם קודש לה׳״. אונזערע חכמים ז״ל זאָגען אַז דער „ציץ״ האָט מכפר געווען אויף עזות, אויף גאוה און חוצפה. איז דעריבער זיינען אויף אים געוועזן אויסגעקריצט די ווערטער „קודש לה׳״, אָנצואווינקען אַז ניט שטענדיג איז עזות אַ מיאוס׳ע מידה. עס איז פאַראַן אויך אַ „עזות קדושה״. ווען עס האַנדעלט זיך אין כבוד התורה, און כבוד השם, דאַמאָלסט איז עס ניט נאָר ערלויבט, נאָר עס איז אפילו נויטיג זיך צו באַנוצען מיט אָט דער דאָזיגער מידה, כאָטש אין אַלטעגליכען לעבען איז עזות אַ מידה מגונה, אַ מיאוס׳ע אייגענשאַפט.

און דאָס, זאָגט דער „עולת חודש" ז"ל, איז דער טייטש פון „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת". ווען עס האַנדעלט זיך „בשמים", וועגען הימעל זאַכען, וועגען העכערע גייסטיגע ענינים וואָס זיינען נוגע דעם כלל, איז „ממעל" זאַלסטו באַנוצען די מדה פון גאוה. דו זאָלסט זיך האַלטען הויך, שטאָלץ, גאָר ניט נאָכגעבען, ניט אָפּטרעטען יענעם דעם וועג, אויף גאָר ניט מוותר זיין, דאַגעגען, אָבער, „ועל הארץ מתחת", ווען עס קומט צו ערדישע, צו מאַטעריעלע זאַכען, וואָס זיינען נוגע בלויז דיר אַליין, דאַן איז „מתחת", דאַן דאַרפסטו זיין נאָכגיביג, „זאָל מיינס איבערגעהן".

און מיר ווען ענדיגען מיט אַ גוטען טייטש־וואָרט פון דעם ווילנער גאון ז"ל: אויף דעם „וחשב אפודתו אשר עליו כמעשהו" זאָגט דער גאון ז"ל: דער אפוד האָט, לויט די חכמים ז"ל, מכפר געווען אויף עבודה זרה, און ביי עבודה זרה איז לויט דעם דין פון מחשבה כמעשה, נעמליך — „וחשב — כמעשהו".

כי תשא

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן: „כי תשא את ראש בני ישראל לפקדיהם ונתנו איש כופר נפשו״ . . . זאָגט דאַרויף דער אלשיך ז״ל: אַז דו וועסט באַשטימען אַ פיהרער איבער די אידען, זאָלסטו מאַכען נאָר אַזעלכען וואָס איז גרייט זיך צו געבען אַלס כופר נפש; ער איז גרייט צו דינען דעם כלל־ישראל מיט מסירת הנפש. און דער וואָרקער רבי ר׳ יצחק ז״ל, האָט אַרויסגעבראַכט אַן עהנליכען געדאַנק פון אַן אַנדער פסוק. נעמליך, משה רבינו האָט געבעטען דעם אויבערשטען „יפקוד ה׳ איש על כל העדה אשר י צ א לפניהם״ (במדבר כז, טז) אַז ער זאָל באַשטימען אַזאַ פיהרער איבער די אידען וואָס זאָל זיין גרייט אפילו „אויסצוגעהן״ פאַר אידען.

און דער אויבערשטער האָט געהייסען משה׳ן נעמען ביי יעדען אידען אַ „מחצית השקל״, אַ האַלבען שקל, און ער זאָל ציילען די האַלבע שקלים ווען ער וויסען וויפיעל אידען עס זיינען פאַראַן, „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם״. זאָגט דאַרויף דער „דרשות אל עמי״ ז״ל אַ טייער וואָרט, וואָס איז זעהר צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנער אידישען לעבען: אַמאָליגע יאָהרען, אַז מען האָט געוואָלט וויסען וויפיעל אידען עס געפינען זיך אין אַ שטאָדט, האָט מען דאָס געקאָנט זעהר לייכט אויסגעפינען. עס זיינען געווען פאַרשידענע שליסלען דערצו. מען האָט געקאָנט איבערציילען די מנינים אידען אין די שוהלען. מען האָט געקאָנט איבערציילען די קראָמען און די פאַבריקען וואָס זיינען פאַרמאַכט שבת און יום טוב. מען האָט געקאָנט פעסטשטעלען דורך די אידישע קצבים. אַ חוץ דעם האָט כמעט יעדע אידישע קהלה געהאַט אַ פנקס — א בוך, אַ רעגיסטער. אָבער במה דברים אמורים, ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרען, אַז עס איז געווען איין סאָרט אידען, רעליגיעזע אידען, אידען וואָס האָבען געפיהרט אַ אידיש לעבען. אָבער היינט, ווען עס זיינען פאַראַן, ליידער, פאַרשידענע סאָרטען אידען, עקסטרעמע אָרטאָ־דאָקסען, מעסיגע אָרטאָדאָקסען, ליבעראַלען, רעפאָרמער, קאָנסערוואַטיווע און גלאַט פרייע, איז דאָך דאָ בלויז איין זאַך וואָס פאַראייניגט זיי — דער בית הקברות. איז דאָך דאָס אין פילע שטעדט דער איינציגער שליסעל, דורך וועלכען מען קאָן אויסגעפינען זייער צאָל.

איז אָט דאַרויף זאָגט דער פסוק „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם״. מען דאַרף זעהן אַז די אידען זאָלען ניט קומען, חלילה, צו דער מדרגה פון אַזאַ סאָרט אידענטום, אַז ביי דעם „בפקוד אותם״, ווען מען ציילט זיי, פעסטצו־שטעלען זייער צאָהל, וויפיעל אידישע נפשות עס זיינען פאַראַן, זאָל מען נישט דאַרפען אָנקומען צום „נגף״ צום מלאך המות, צום בית הקברות . . .

ווען דער אויבערשטער האָט געבאָטען משה׳ן צו נעמען ביי יעדען איינעם אַ האַלבען שקל, האָט ער געזאָגט „זה יתנו״. זאָגען דאַרויף די חכמים און

רש״י ז״ל אויף דעם אָרט: „הראה לו כמין מטבע של אש״. אַז דער אויבערשטער האָט געוויזען משה׳ן אַ פייערדיגע מטבע. באַמערקט דאַרויף דער „נועם אלימלך״ ז״ל, אַז ווען מען גיט עמיצען געלט דאַרף מען אין זינען האָבען אַז די מטבע איז אַזוי ווי פייער וואָס קען פאַרברענען, פאַרניכטען. זי קען אָבער אויך וואַרימען און ברענגען נוצען. גיט מען די מטבע אויף צדקה, אויף גמילות חסדים, אָדער אויף אַזוי גוטע צוועקען, וואַרימט זי און ברענגט גוטע נוצען. פאַרנוצט מען אָבער די מטבע ניט ווי עס דאַרף צו זיין, דאַן פאַרברענט זי, און ברענגט בלויז שאָדען.

דער „ספר הדרוש״ ז״ל, לערענט דערפון אָפּ, אַז ווען מען גיט, דאַרף דאָס געבען זיין מיט פייער, מיט ברען, מיט התלהבות. און פאַרוואָס עפּיס אַ האַלבען שקל, און ניט אַ גאַנצען? זאָגט דער „נהר שלום״ ז״ל אַז אין דעם שטעקט אַ טיפע כוונה. נעמליך, אַז יעדער איד פאַר זיך, ניט זייענדיג פאַראייניגט מיט דעם צווייטען אידען, איז ניט מעהר ווי אַ האַלבע זאַך. דער איד איז גאַנץ בלויז דאַן ווען ער איז אין אַחדות מיט דעם צווייטען אידען. זיינען דאָס זיכער געדאַנקען וואָס יעדער איד וואָלט באַדאַרפט וויסען און האָבען אין זינען. גיט מען אויף אַ גוטען צוועק, איז דאָס געבען אַליין ניט גענוג, נאָר עס דאַרף זיין פאַרבונדען, פאַראייניגט מיט דעם צווייטען. אויב ניט איז עס אַ האַלבע, אַ ניט פאַרענדיגטע זאַך.

יעדער איד דאַרף אַליין טהוען מצוות, אָבער ער דאַרף העלפען אויך דעם צווייטען טהון אַ מצווה. איינער דאַרף העלפען דעם צווייטען, און דאָס שאַפט שלימות, גאַנצקייט. צו ר׳ יאָשע בער ז״ל איז אַמאָל געקומען אַ משולח ערב פסח, און דער רב האָט אים איינגעלאַדען אויף שבת. פאַר ליכט בענטשען האָט דער רב געבעטען דעם אורח ער זאָל אים לייען צעהן קאָפּיקעס, און דער אורח האָט אים, פאַרשטעהט זיך, געליהען. שבת צו נאַכטס, נאָך הבדלה, האָט דער רב אים אָפּגעגעבען די הלואה. זעהט דער אורח, אַז עס איז פונקט די זעלבע מטבע וואָס ער האָט געגעבען דעם רב, פרעגט ער אים: „רבי, האָט מיר ניט קיין פאַריבעל, צו וואָס האָט איר געליהען אַז איר האָט עס אפילו ניט אויסגעביטען?״ האָט דער רב אים געענטפערט: פאַרשטעהט איר מיך, איר זענט דאָך שטענדיג אונטערוועגס, איז ווען־זשע קען איך אויסקומען מקיים צו זיין די מצוה פון גמילות חסד? ווער וועט עס בעטען אַ הלואה ביי אַ דורכפאָהרער? האָב איך געוואָלט מזכה זיין מיט דער מצוה פון גמילות חסד״.

דאַכט זיך בלויז אַן עפּיזאָד, אָבער אַז איר וועט אין דעם אַריינטראַכטען און אַרויסנעמען דעם מוסר השכל, וועט איר דערזעהן און דערפיהלען די איידעלקייט, די אַלטרואיסטישקייט, וויפיעל אידישער נימוס עס שטעקט אין דעם. איר דערזעהט באַלד ווי דער רב האָט דורכגענומען דעם אורח׳ס לאַגע, ער האָט באַלד „געכאַפּט״ וואָס עס פעהלט אים אַלס איד, און ער האָט אים צוגעשאָרט די מצוה, וואָס אים קומט אויס זעלטען מקיים צו זיין. אָט די מצוה פון אַריינלעבען זיך אין דעם צווייטען, דערשפּירען וואָס אים פעהלט, און העלפען אים עס דערגרייכען, שאַפט שלמות, גאַנצקייט. און דאָס איז אַן אויסערסט וויכטיגער זייל אין אידישקייט און אין אידענטום.

און די סדרה זאָגט אונז „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט". דער פּראָסטער פּשט איז, אַז אַ גביר האָט ניט געטאָרט געבען מעהר, און אַן אָרימער האָט ניט געטאָרט געבען וויניגער פון אַ האַלבען שקל. אַלע האָבען געדאַרפט זיין גלייך פאַרטראַטען. און דער „נועם אלימלך" ז"ל זאָגט דאַרויף אַ גוט וואָרט, נעמליך, „העשיר", דער וואָס איז רייך אין מצוות זאָל זיך ניט איינרעדען אַז ער האָט שוין אַלץ דערגרייכט. ער דאַרף שטענדיג אין זינען האָבען דעם „מחצית", אַז ער האָלט ערשט ביי דער העלפט. „והדל", און דער וואָס איז ליידער אָרים אין מצוות און אין מעשים טובים, זאָל זיך ניט מייאש זיין און מיינען אַז ער קען שוין ניט פאַרריכטען.

און דער קאָצקער רבי ז"ל באַמערקט: די גמרא זאָגט „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים", מיינט אַזוי: דער אָרימאַן וואָס גיט וויניג, ער איז דאָך זיכער מכוין זיין האַרץ לשמים. אָבער דער גביר, וואָס גיט מעהר, ער רעדט זיך דאָך איין אַז ער טהוט דאָ אויף ווער ווייסט וואָס, איז פאַר אים שווערער מכוין צו זיין די גוטע טאַט לשמים. דעריבער האָט די תורה געזאָגט „העשיר לא ירבה", רעדט זיך ניט איין אַז דו טהוסט אויף גרויסע זאַכען, נאָר זעה אַז דיין האַרץ, דיין געבען זאָל זיין לשמים.

און די הייַנטיגע סדרה רעגולירט אויך וואָס פאַר געווירצען עס זאָלען אַריינגעהן אין די קטורת, און צווישען זיי געפינט זיך אויך „חלבנה" וואָס איז ניט אַזאַ טייערער מין. איז פאַראַן וועגען דעם אַ גוט ווערטעל. ר' פנחס, דער „בעל הפלאה" ז"ל, האָט אַמאָל צוזאַמענגענומען אַ מנין צו דאַווענען ביי זיך אין הויז. נאָכדעם ווי עס זיינען שוין געווען צעהן אידען, האָט דער רבי דאָך געהייסען וואַרטען אויף אַן עלפטען, ווייל צווישען די צעהן האָט זיך געפונען איינער וואָס איז ניט געווען קיין איבריג פרומער. יענער האָט עס פאַרשטאַנען, האָט ער אַ זאָג געטהון: רבי, די תורה האָט דאָך גע־הייסן אַריינגעמען צווישען די קטורת אויך „חלבנה"? (אַ ביליגער סאָרט קטורת). אמת, האָט דער רבי געענטפערט, און דערפאַר טאַקע האָט מען גע־דאַרפט האָבען עלף מינים אין די קטורת.

איז זעהט איר, אַז מען קען זיך אויס אין די „דריבנע אותיות'לאך" קומט עס גוט צונוץ אויך ווען מען דאַרף זיך אַרויסדרעהען פון אַ פאַר־לעגענהייט. אַ פסוק, אַ מאמר איז אָפטמאָל אַ טייער מיטעל זיך צו ראַטעווען פון אַן אונאַנגענעמער לאַגע. אָט וועל איך אייך איבערגעבען נאָך אַ ביישפּיל: ר' יאָשע בער, בריסקער רב ז"ל, האָט געהאַט אַ בית־דין־שמש, אָבער די שטאָדט פיהרער זיינען ניט געווען צופרידען מיט אים. האָבען זיי גערופען אַן אסיפה, און מען האָט באַשלאָסען אָפּצוזאָגען דעם שמש. זיי האָבען אי־בערגעגעבען דעם רב זייער באַשלוס, און אים געבעטען ער זאָל זאָגען דעם שמש אַז ער איז אָפּגעזאָגט, אָבער דער רב האָט ניט געוואָלט.

האָבען די פרנסים געזאָגט: „רבי, איר זענט דאָך דער רב, און ער איז אייער שמש, געהערט דאָס דאָך צו אייך!" האָט דער רב געענטפערט: איר זאָגט דאָך אַלע טאָג די עקדה, און ווי איר ווייסט, ווערט דאָרט דערצעהלט אַז ווען דער אויבערשטער האָט געהייסען אברהם אבינו פיהרען יצחק'ן צו דער עקידה, האָט ער אים אַליין געזאָגט „קח נא את בנך..." און ווען ער האָט געוואָלט אַז אברהם זאָל זיך אָפּהאַלטען און ניט מקריב זיין יצחק'ן האָט

ער עס שוין געטהון דורך אַ מלאך, „ויקרא מלאך ה׳ אל אברהם״. איז דאָך די קשיא, פאַרוואָס האָט ער פריהער ניט געשיקט קיין מלאך? נאָר דער תירוץ איז, אַז דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז קיין מלאך וועט ניט וועלען געהן. יעדער מלאך וואָלט געענטפערט: „דו ווילסט קוילענען אַ אידען, זאָג אַליין!״

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז אַז ווען די אידען האָבען געזעהן אַז משה זוימט זיך אַראָפּצוקומען פון דעם באַרג, האָבען זיי זיך פאַרזאַמעלט אַרום אהרן׳ען און האָבען אים אויפגעפאָדערט אַז ער זאָל זיי מאַכען אַן אָפּגאָט. קען מען דאָך פרעגען פאַרוואָס האָבען די אידען ניט באַשטימט אהרן׳ען אנשטאָט משה׳ן? אהרן איז דאָך געווען אַזוי גרויס ווי משה! הוא אהרן ומשה, הוא משה ואהרן, ביידע גלייך? נאָר דער תירוץ איז, עס זיינען פאַרהאַן אידען וואָס זיי איז ליבער אַ פרעמדער קאַלב, איידער אַן אייגענער אהרן.

האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה׳ן „לך רד״, נידער אַראָפּ. דו מוזט זיך מאַכען נידעריגער, דו ביזט צו גרויס פאַר זיי. באַמערקט דער „הדרש והעיון״ ז״ל: דערפון לערנען מיר, אַז אַ פיהרער דאַרף זיך געוויסער מאָס צופּאַסען צום דור. און נאָך אַ זאַך לערנען מיר דערפון, נעמליך, מיט וויפיעל מסירות נפש אַ פיהרער דאַרף זיך איבערגעבען דעם פאָלק. ווען משה האָט דערזעהען אַז די אידען האָבען געמאַכט דעם „עגל הזהב״, דעם גאָלדענעם קאַלב, און זיי טאַנצען אַרום אים, האָט ער צעבראָכען די לוחות, און האָט געבעטען דעם אויבערשטען ער זאָל זיי מוחל זיין: „ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך״. זאָגט דאַרויף דער „כלי יקר״ ז״ל, אַז משה האָט אַזוי גע׳טענה׳ט: צו די ווילסט זיי יאָ מוחל זיין, צי ניט, מיך זאָלסטו סאַי ווי אויסמעקען פון דיין ספר. ווילסטו זיי יאָ מוחל זיין, נאָר דו דאַרפסט אַ כפּרה וויל איך עס אַליין זיין פאַר זייער זינד, (ווי ער האָט אַליין געזאָגט „אכפרה בעד חטאתכם״). אלא טאָמער ווילסטו זיי ניט פאַרגעבען די זינד, איז צו וואָס זשע דאַרף איך איבערהויפּט לעבען?״

דער דובנער מגיד ז״ל ערקלערט עס מיט אַ משל: אַ מלך האָט געהאַט אַ קרוב, וואָס פלעגט האַלטען אין איין גנב׳ענען פון דעם מלך׳ס אוצרות, און איינער פון די מיניסטאָרען פלעגט זיך שטענדיג איינשטעלען פאַר דעם קרוב און בעטען דעם קעניג ער זאָל אים מוחל זיין. איינמאָל אָבער איז די גנבה געווען אַזוי גרויס אַז דער מיניסטער האָט געפיהלט אַז דאָס איז שוין צו ווייט אַוועק, און ער קען שוין דעם קרוב ניט מעהר פאַרטיידיגען. האָט ער אַריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע, כדי דער קרוב זאָל איינזעהן אַז ער האָט זיך ניט מעהר אויף וועמען צו פאַרלאָזען, אַז מען זאָל אים פאַרטיידיגען, וועט ער אויפהערען גנב׳ענען. אָט דאָס האָט משה רבינו געמיינט ווען ער האָט געזאָגט „מחני נא״, נעם אַוועק פון מיר מיין חשיבות ביי דיר, וועלען די אידען אויפהערען צו זינדיגען, ווייל זיי וועלען זיך ניט פאַרלאָזען אויף מיר אַז איך וועל זיך איינשטעלען פאַר זיי און בעטען ביי דיר מחילה פאַר זיי.

און פאַרשטעהט זיך, אַז משה׳ן איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. „והביטו אחרי משה״, די אידען פלעגען אים נאָכקוקען, און דער מדרש זאָגט אַז זיי האָבען אפילו געמורמעלט אויף אים אַז „ער עסט פון זייערס, טרינקט

פון זייערס", אויף אונזער אַמעריקאַנער אידיש הייסט עס אַז „ער מאַכט אַ לעבען פון זיי". אָבער משה, דער רעיא מהימנא, דער געטרייער פאַסטוך, דער איבערגעגעבענער פיהרער, האָט זיך געטהון דאָס זייניגע, און געפיהרט די צאן קדשים אין גלייכען וועג. ער האָט זיך אפילו אַמאָל אַ בייזער געטהון אויף זיי, אָבער דאָס איז געווען ווי אַ פאָטער בייזערט זיך אויף אַ קינד. דאָס בייזערען זיך גופא איז געווען מיט ליבע, מיט אהבת ישראל.

און עס זיינען פאַראַן אידען וואָס קענען אַזוי דענערווירען, אַז אפילו דער גרעסטער צדיק קען זיך אַ בייזער טהון. אַ מענש איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש. ווען ר' וועלוועלע ז"ל, דער „אגודת אזוב" איז געווען רב אין ביאַליסטאָק האָט ער געהאַט אַ בית־דין־שמש וואָס איז געווען בטבע אַ זעהר שלעכטער מענש, אַ ניט פאַרגינער, אַ קאַרגער. ער פלעגט זשאַלעווען די לערנער אַ שטיקעל ליכט. ער האָט קיינמאָל ניט געבראַכט דעם רב די שכירות אין צייט. ער האָט אַ באַזונדער הנאה געהאַט יענעם צו דריקען. היינט רופט מען עס „סאַדיזם". איינמאָל איז אַוועק אַ גאַנצע וואָך, און ער האָט דעם רב ניט געבראַכט די שכירות. אין שטוב איז ניט געווען קיין גראָשען אַ גאַנצע וואָך. און דאָ איז שוין דאָנערשטאג, נאָך ניט אָנגעגרייט אויף שבת. ערשט דאָנערשטאג פאַרנאַכט האָט ער זיך מיישב געווען און געבראַכט דעם רב די „בידנע" פאַר גילדען.

דאָס איז שוין געווען מעהר וויפיעל דער רב האָט געקענט פאַרטראָגען, האָט ער אַ זאָג געטהון צום שמש: הער זיך איך, ביי אידען זיינען פאַראַן דרייערליי שמשים: דער שמש פון חנוכה ליכט, דער שמש פון די ציצית, און דער בית־דין־שמש. דער שמש פון די חנוכה ליכט ווערט פאַרברענט. דער שמש פון די ציצית ווערט פאַרדרעהט, נאָר פון דעם בית־דין־שמש קען מען ניט פטור ווערען, ניט ער ברענט, ניט ער ווערט פאַרדרעהט.

און משה האָט געבעטען דעם אויבערשטען ער זאָל מוחל זיין די אידען די זינד, און ער האָט גע'פועל'ט. וואָרום דער אויבערשטער איז דאָך פאַרט אַ „רחום וחנון". אָבער גלייכצייטיג איז ער אויך אַ „פוקד עון על בנים ועל בני בנים על שלשים ועל רבעים". טייטשט עס אַ מדרש אַזוי: אפילו ווען ער באַשטראָפט, טהוט ער דאָס ניט אויף איין מאָל, נאָר ער צעטיילט די שטראָף אויף עטלעכע דורות. די שטראָף ווערט צעטיילט על בנים, ועל בני בנים... אויף אַ לענגערע צייט, יעדען דור אַ ביסעלע, איז די שטראָף ניט אַזוי גרויס.

ווידער זאָגט אונז אָן די היינטיגע סדרה אַז מען דאַרף אָפּהיטען שבת, זעקס טעג אַ וואָך זאָל מען אַרבייטען און דעם זיבעטען טאָג זאָל מען רוהען, „וביום השביעי תשבות בחריש ובקציר תשבות". אונזערע חכמים ז"ל זאָגען „שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול". שבת טאָר מען ניט רעדען וועגען וואָכעדיגע זאַכען. און אפילו ענינים וואָס מען מעג יאָ רעדען, דאַרף מען אויך עס מאַכען בקיצור. איז אין אָט דעם פסוק פאַראַן אַ רמז דאַרויף: בחריש, מיט שוויגען אין וואָכענדיגע ענינים; ובקציר, און מיט מקצר זיין אפילו אין ענינים וואָס מען מעג יאָ רעדען אום שבת, תשבת — זאָלסטו רוהען אום שבת. און מיר ווייסען דאָך אַז פון ווייניג רעדען, פון היטען דאָס מויל, האָט נאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטראָפען. ווי זאָגען

אונזערע חכמים ז״ל יפה שתיקה לחכמים קל וחומר לטפשים. שווייגען איז גוט פאַר קלוגע, און פאַר נאַראָנים אודאי, אַלזאָ פאַר יעדען מענשען.

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז... „ויתן על פניו מסוה. ובבא משה לפני ה׳ לדבר אתו, יסיר את המסוה עד צאתו״. זאָגט דאַרויף ר׳ עקיבא אייגער ז״ל אַ גוט וואָרט: משה רבינו איז געוועזן דער „עניו מכל האדם״. ער איז געוועזן דער באַשיידענסטער פון אַלע מענשען. אָבער ער איז דאָך אויך געוועזן אַ מלך, אַ פיהרער ביי אידען, און אַ פיהרער מוז זיך דאָך פיהרען מיט אַ געוויסער דיסציפּלין. ער מוז היטען זיין כבוד, זיין פּרעסטיזש, און מוז אַרויסווייזען שטרענגקייט. וואָרום „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״. און דערפאַר האָט ער זיך געמוזט פאַרשטעלען, און באַהאַלטען זיין באַשיידענקייט, זיין עניוות אונטער אַ מאַסקע פון הערשאַפט. אָט דאָס איז געוועזן די מאַסקע. אָבער ווען ער איז געקומען „לפני ה׳ לדבר אתו״, אַז ער איז געקומען פאַר דעם אויבערשטען, האָט ער אַרונטערגענומען די מאַס־קע פון ממשלה, פון הערשאַפט, און איז געבליבען שטעהן אַן עניו, אַ באַשיי־דענער, אַזוי ווי ער איז טאַקע געוועזן אין אמת׳ען.

און איצט ווען מיר ענדיגען מיט אַ גוט וואָרט: דער פסוק זאָגט: „ויגשו כל העם אליו וירפא את מזבח ה׳ ההרוס״. (מלכים א, יח, ל). זאָגט דאַרויף דער „דברי שלום״ ז״ל: נאָר דאַן ווען דאָס גאַנצע פאָלק נעמט זיך צוזאַמען מיט פאַראייניגטע כוחות, און איז גרייט צו שטעהן צו דיענסט דעם פיהרער, דעם מנהיג, נעמליך, „ויגשו כל העם אליו״, דאַן, נאָר דאַן „וירפא את מזבח...״ קען מען צוריק אויפבויען די צעבראָכענע און חרוב געמאַכטע געטליכע מזבחות. נאָר דאַן ווען דאָס פאָלק איז צווישען זיך אייניג, און עס הערשט אחדות צווישען פאָלק און די פיהרער, דאַן קען דאָס פאָלק פראָג־רעסירען, מאַכען פאָרטשריט און פאַרשטאַרקען אידישקייט און אידענטום.

ויקהל

משה האָט פאַרזאַמעלט אַלע אידען, און ער האָט צו זיי געזאָגט: זעקס טעג זאָלט איר אַרבייטען, און דער זיבעטער טאָג זאָל אייך זיין היילig, שבת שבתון... איר זאָלט ניט אָנצינדען קיין פייער אום שבת, וואו איר זאָלט ניט וואוינען.

כאָטש אין דעם אָנהויב פון דער סדרה שטעהט דאָך בפירוש: זעקס טעג זאָלסטו אַרבייטען, און דעם זיבעטען ניט, און ווער עס טהוט אַ מלאכה שבת קומט אים טויט־שטראָף, דאָך זאָגט די תורה אין דעם צווייטען פסוק אויסדריקליך „לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת", שבת זאָלט איר ניט אָצינדען אין אייערע וואוין־ערטער קיין פייער.

אין וועמענס הענט אַ שטייגער, מיינט איר, ליגט שבת? אין דער האַנט פון די פרויען, פון די בעלות הבית (באַלעבאָסטעס). עס איז פאַראַן אַ זעהר אמת׳דיג ווערטעל, נעמליך „אַ ווייב שטעלט דעם מאַן אויף די פיס, אָדער זי רואינירט אים". און דאָס זעלבע איז מיט דעם שבת. די פרוי קען אים „מאַכען" אָדער „ברעכען". איז ווען יעדע אידישע פרוי זאָל וועלען מקיים זיין „שמירת שבת", ווי זי וויל אירע קינדער זאָלען מקיים זיין „כבוד אם", וואָלט די „קעניגין" שבת געהערשט אין אַלע אידישע הייזער, וואָלט די „כלה" שבת גערוהט אין אַלע אידישע וואוין־ערטער.

און אָט די צוויי מצוות זיינען פון די וויכטיגסטע ווינקעל־שטיינער, וואָס זיינען אויסערסט נויטיג פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק און פאַר אַ גליקליך פאַמיליען־לעבען. און דערפאַר טאַקע געפינען זיך די דאָזיגע צוויי מצוות צווישען די צעהן געבאָטען. און אַ חוץ דעם אונטערשרייכט די תורה זייער וויכטיגקייט אויך אויף אַנדערע ערטער.

און פונקט ווי שבת איז דער צענטראַל־פונקט פון אידישקייט, אַזוי איז די מוטער דער צענטראַל פונקט פון דער פאַמיליע. פונקט ווי עס קען ניט זיין קיין אידיש פאָלק אָהן שבת, אַזוי קען ניט זיין קיין „אידיש הויז" אָהן אידישער מאַמע. און פונקט ווי מען דאַרף „געדענקען און אָפּהיטען" דעם שבת, אַזוי דאַרף מען שטענדיג געדענקען און אָפּהיטען דעם כבוד פון דער מאַמען (פון דעם טאַטען אויך, אָבער וועגען דעם אַן אַנדערש מאָל).

אין די עשרת הדברות שטעהט „כבד את אביך ואת אמך" — האַלט עהרליך דיין פאָטער און דיין מוטער. אין אַן אַנדער אָרט אין דער תורה שטעהט „איש אמו ואביו תיראו", יעדער איינער זאָל מורא האָבען פאַר זיין מאַמען און פאַר זיין טאַטען. פרעגען די חכמים ז״ל: פאַרוואָס ביי עהרליך האַלטען, ווערט דער פאָטער דערמאָנט פריהער פאַר דער מוטער, און ביי מורא האָבען ווערט די מוטער דערמאָנט פאַר דעם טאַטען? און זיי ענטפערען: דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ קינד האַלט עהרליך די מוטער מעהר

ווי דעם טאַטען. די מוטער איז שטענדיג מיט דעם קינד, קאָרמעט אים, „ניאַנטשעט" אים, צערטעלט אים, בעת דער פאָטער איז אַ גאַנצען טאָג פאַריאָגט, פאַראַרבייט, און זעהט קוים דאָס קינד אַ גאַנץ וואָך, אַ חוץ שבת. איז דאָס קינד מעהר צוגעבונדען צו דער מוטער, און האַלט זי מעהר עהרליך. האָט די תורה אָנגעזאָגט כבד את אביך ואת אמך, דו זאָלסט עהרליך האַלטען דעם טאַטען פונקט ווי די מאַמען.

ווען עס קומט צו מורא האָבען, האָט דאָס קינד געוויינליך מעהר מורא פאַר דעם טאַטען ווי פאַר דער מאַמען. אַ טאַטע גיט זיך אַ בייזער. ער שרייט אָן. גיט אַ דרעה דעם אויער. ער „גאַקאַזעוועט", בעת די מאַמע שטעלט זיך איין פאַר דעם קינד, זוכט אַלץ צו פאַרגלעטען. זאָגט אונז אָן די תורה: איש אמו ואביו תיראו, יעדער איינער דאַרף מורא האָבען פאַר דער מאַמען, זי רעספעקטירען פונקט ווי דעם טאַטען.

און ווער נאָך ווי די מאַמע האָט עס אַזוי כשר פאַרדינט, אַז זי זאָל זיין דער צענטראַל־פונקט פון דער פאַמיליע? איז דען פאַראַן אויף דער וועלט אַ גרעסערער, איבערגעגעבענער פריינט ווי אַ מאַמע? איז דען פאַראַן אין דער וועלט אַ מענש וואָס איז אַזוי גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם צווייטען ווי אַ מאַמע פאַר אַ קינד? איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ מענש וואָס איז טאָג און נאַכט אַזוי באַזאָרגט פאַר דעם צווייטען, ווי אַ מוטער פאַר אַ קינד? אָט הערט אַ מעשה:

אַ באַריהמטער גראַף האָט זיך אַמאָל פאַרליבט אין אַ פּרינצעסין. ווי דער שטייגער איז מיט פּרינצעסינס, איז זי געווען אַ צעבאַלעוועטע, אַ קאַפּריזנע, שטענדיג פאַרלאַנגט דאָס טעלערעל פון דעם הימעל. און זייענדיג אַ בת יחיד'קע, האָט מען איר אַלץ נאָכגעגעבען. ווען דער פאַרליבטער האָט אָנ־געהויבען רעדען מיט איר „תכלית", חתונה האָבען, האָט זי אים געענטפערט. אַז זי איז נאָך דערווייל ניט זיכער, צי ער האָט זי טאַקע שטערבליך ליב. און מיט אַ טייוולאַנישׁ שמייכעלע האָט זי צו אים אַ זאָג געטהון: „אַז דו וועסט מיר ברענגען דיין מוטער'ס האַרץ, וועל איך דיר גלויבען, אַז דו ביזט אין מיר טאַקע אמת'דיג פאַרליבט".

איז דער גראַף אַוועק אַהיים און דעם צווייטען טאָג איז ער געלאָפען מיט זיין מאַמע'ס האַרץ אין האַנט צו זיין געליבטער פּרינצעסין. לויפענדיג, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס, און איז געפאַלען. האָט זיין מוטער'ס האַרץ, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם, אַ צאַפּעל געטהון אין זיין האַנט, און עס האָט אַ זאָג געטהון: „קינד מיינס, האָסטו זיך כאָטש ניט וועה געטהון?!" טאַקע בלויז אַ מעשה'לע, אָבער עס צייגט קלאָר וואָס אַ מאַמע איז.

האָבען טאַקע אידישע זיהן און טעכטער שטענדיג באַהאַנדעלט די מאַמע (און דעם טאַטען) מיט דעם גרעסטען רעספּעקט. כבוד אם איז געווען ביי זיי אַ „מוז". מען האָט זיך באַצויגען צו דער מאַמען מיט דעם גרעסטען רעספּעקט, מיט דער טיפסטער עהרע. האָט דאָך כביכול געזאָגט, אַז ביי אים שטעהט העכער דאָס עהרליך האַלטען עלטערען ווי אים אַליין.

אָט, למשל, האָט ניט קיין קלענערער ווי דער תנא ר' טרפון, אויף וועמען ר' יהודה הנשיא האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ „גל של אגוזים", ווי אַ הויפען ניס. פונקט ווי מען נעמט אַרויס איין נוס, הויבען אַלע ניס זיך אָן צו

קאַטשען, אַזוי איז ווען אַ תלמיד חכם האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער געשאָטען אָהן אַ שיעור ראיות פון תנ"ך, משנה, מדרש, הלכות און הגדות. דער ר' טרפון, ר' מאיר'ס רבי, און וועמען ר' עקיבא האָט געזאָגט: "דו ביזט מיין רבי אין חכמה, און מיין האַר אין דרך ארץ".

אַט דער רבי טרפון פלעגט אַזוי עהרליך האַלטען זיין מוטער, אַז ער פלעגט אונטערלייגען זיין האַנט אונטער זיין מוטער'ס פיס, ווען זי פלעגט שפּאַצירען שבת אין איר הויף, כדי זי זאָל אויף זיי טרעטען ביז זי איז צוגע־קומען צו איר בעט. אַט אַזוי דאַרף מען עהרליך האַלטען אַ מאַמע.

און רבי יהודה הנשיא, וואָס ווערט אָנגערופען רבי הקדוש, האָט פאַר דער פטירה אָנגעזאָגט זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען עהרליך האַלטען די מוטער. און אין משך פון אַלע דורות האָט כבוד אם, עהרליך האַלטען די מאַמען, פאַר־נומען דעם אויבען אָן אין דעם אידישען לעבען. ווער האָט עס געוואָגט צו רע־דען אַ הויך וואָרט געגען דער מוטער? עס זיינען אפילו געווען גרויסע תלמידי חכמים, וואָס האָבען גערופען זייערע ספרים אויף דער מוטער'ס נאָמען.

אָבער ווי האַלט עס היינט מיט "כבוד אם", טאַקע ביי אונז אין אַמעריקע? עס זיינען פאַראַן, פאַרשטעהט זיך, קינדער דאָ אין אַמעריקע, וואָס ווייסען זעהר גוט די וויכטיגקייט פון כבוד אם, סאַי פון דעם רעליגיעזען, סאַי פון דעם מאָראַלישען, סאַי פון דעם עטישען, סאַי פון דעם ריין־מענשליכען שטאַנד־פּונקט. און זיי זיינען מקיים דאָס דאָזיגע אונגעהויער וויכטיג און נויטיג גע־באָט מיט אַלע פּיטשיווקעלעך. איז טאַקע וואויל און גוט צו זיי אויף ביידע וועלטען.

עס זיינען אָבער פאַראַן, ליידער, פּיעלע פאַלען, וואו דער כבוד אם ווערט טאַקע אָפּגעהיטען, אָבער אויף אַ פאַרקעהרטען אופן. מען איז נעמליך "מכבד" די מאַמען מיט באַליידיגונגען, מיט זידלערייען... איז פּשוט אַ רחמנות אויף די יעניגע וואָס זיינען אַזוי שמאָל־קעפּיג, אַזוי שלעכטהאַרציג, ניט צו פאַרשטעהן, אָדער ניט צו פיהלען די שעהנקייט פון אָט דעם זייד־דינעם, מענשליכען געבאָט פון עהרליך האַלטען אַ מאַמען.

אַ אידישע מאַמע, וועמענס קינדער האָבען זי ניט ווי געהעריג באַהאַנ־דעלט, האָט, פאַרשטעהט זיך, געהאַט צו זינגען און צו זאָגען, און האָט נאָך געמוזט אַליין פאַרדינען די נויטיגע פאַר סענט אויף חיונה, כאָטש אירע קינ־דער זיינען געווען גאַנץ רייך. זייענדיג אָבער אַ קלוגע פרוי, און דערצו נאָך פול מיט הומאָר, אַ וויצלינג, האָט זי אַמאָל אַ זאָג געטהון צו אַ שכנה: "איר ווייסט, איך האָב, געלויבט דעם אויבערשטען, צוויי קינדער, אַ טאָכטער אין קאַליפאָרניע און אַ זוהן אין פלאָרידאַ. זיינען זיי גוט ווי די וועלט. ביידע רייסען זיך אַרום, אַז די אַלטע, צעבראָכענע מאַמע זאָל זיין מיט זיי."

רופט זיך אָן די שכנה: צו וואָס זשע טאַקע דאַרפט איר זיך מאַטערען, זיך מוטשען מיט פּעדלען מיט "שנורוואַדלעס", וואָס ברענגט קוים וואַסער אויף קאַשע. איר קענט דאָך זיצען אין קאַליפאָרניע, צי אין פלאָרידע, און הנאה האָבען פון כביכול'ס וועלטעל. וואָס פאַר אַ מוטער זענט איר, אַז איר ווילט ניט צוליעב טהון אייערע אייגענע קינדער, בפרט נאָך, אַז איך אַליין וועט זיין אַזוי פּיעל בעסער? ענטפערט די אַלטיטשקע: "איר זייט טאַקע גערעכט. ביידע קינדער ווילען טאַקע, אַז איך זאָל זיין מיט זיי. אָבער די צרה איז בלויז וואָס

די טאָכטער אין קאַליפאָרניע וויל איך זאָל זיין מיט דעם זוהן אין פלאָרידאַ, און דער זוהן אין פלאָרידאַ וויל אַז איך זאָל זיין מיט דער טאָכטער אין קאַלי־פאָרניע..."

גיט אַ טראַכט וויפיעל לײדען, וויפיעל צרות, וויפיעל עגמת נפש אַ מוטער האָט איידער זי דערציהט אַ קינד. שלאָפלאָזע נעכט, גיט עס אַוועק דעם לעצטען ביסען. איז דאָס קינד קראַנק, לײדעט זי נאָך מעהר ווי דאָס קראַנקע קינד. ווער איז דאָס אומשטאַנד אויסצורעכענען, וואָס אַ מוטער לײדעט זיך אָן פון אַ קינד? און דאָך, בעת אַ מוטער צי אַ פאָטער איז גרייט צו שטאַרבען פאַר איין קינד, ווּעלען צעהן קינדער ניט גרייט זיין צו שטאַרבען פאַר איין טאַטען צי פאַר איין מאַמען!

ווען יעקב אבינו'ס קינדער זיינען געקומען קיין מצרים קויפען תבואה, און יוסף האָט געוואָלט פאַרהאַלטען בנימין'ען, האָט יהודה געזאָגט צו יוסף'ן: אַז מיר ווּעלען זיך אומקערען צו אונזער פאָטער „והיה בראותו כי אין הנער ומת", און ווען ער וועט זעהן אַז בנימין איז ניטאָ, וועט ער שטאַרבען. פרעגען די חכמים ז"ל: בנימין איז דאָך דאַמאָלס שוין געווען אַ טאַטע פון צעהן קינ־דער, איז פאַרוואָס זשע האָט יהודה ניט געזאָגט, אַז בנימין'ס קינדער ווּעלען דערזעהן, אַז זייער פאָטער איז ניטאָ, ווּעלען זיי שטאַרבען? נאָר דער תירוץ איז, אַז אַ טאַטע צי אַ מאַמע פאַר איין קינד שטאַרבט יאָ, אָבער צעהן קינדער פאַר איין טאַטען צי פאַר אַ מאַמען שטאַרבען ניט...

זעהען מיר טאַקע אָפט אין לעבען, אַז עס איז אַזוי, אָבער ניט אַלץ וואָס איז אַזוי דאַרף זיין אַזוי. עס זיינען פאַראַן זאַכען וואָס יעדער מענטש פאַר זיך דאַרף און מוז ענדערן. און כבוד אם, די מצוה פון עהרליך האַלטען די מאַמע, איז איינס פון זיי.

פיעלע קינדער פאַרגעסען, אַז זייער מאַמע איז אויך אַמאָל געווען יונג און שעהן, אַז זי האָט אויך געקאָנט געבן אַ טאַנץ, אַ זינג, אַ שפרונג. און ווען ניט די זאָרגען, עגמת נפש'ן וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטעהן פון די קינ־דער, וואָלט זי נאָך היינט אויך געווען פיעל אינגער און שעהנער. פאַרגעסען זיי אָבער דאָס, און זיי באַטראַכטען די אַלטע מאַמע אַלס אַן אומגעווינשטען מיטגליד אין דער פאַמיליע, שיער נישט אַלס אַנשיקעניש.

איז אַזוי לאַנג ווי מען איז נאָך ניט אין די הויכע פעדערען, „לײדעט" מען נאָך פון דער מאַמען. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס רעדעלע גיט זיך אַ דרעה, און עס הויבט אָן געהן מיט דער פוטער אַרויף און מען ציהט זיך אַריבער אין אַ „פענסי" געגענד, איז פאַראַן אַ צימער פאַר יעדען איינעם, פאַר דער דינסט, פאַר געסט, אָבער פאַר דער מאַמען איז ניטאָ קיין ווינקעלע. וואָס זשע טהוט מען מיט דער „בידנער" מאַמען? מען גיט זי אַריין אין אַ „מושב זקנות".

זעהט איר, דערפאַר טאַקע איז פאַראַן אַ גערעטעניש אויף „היימען פאַר אַלטע". פאַרוואָס איז ניט פאַראַן קיין „מושב צעירות"? אַ היים פאַר יונגע? פשוט, ווייל אַזוי ווי אַ מאַמע, צי אַ טאַטע האָט אַ ביסען ברויט, וועט ער דאָס אַוועקגעבען דעם קינד און זיין מיט אים צוזאַמען. אָט דאָס איז דער אונטערשיעד פון עלטערען ביז קינדער.

און אַז מען „באַשטאַט" שוין די אַלטע מאַמע אין דעם מושב זקנות, איז יעדע עטליכע זונטאָגס דערמאָנט מען זיך אין דער „דאַרלינג מאַטהער". מען

טהוט זיך אָן אין די „סילווער פוקסען״, מען שפּאַנט איין דעם אויטאָמאָביל, מען „קאַטאַיעט״ זיך דורך צו דער מאַמען. מען דערלאַנגט איר אַ פּושקע צו־קערקעס (באָקס קענדי), און יעדע טאָכטער, אָדער זוהן, דערצעהלט דאָרט די אַנדערע מאַמעס, וואָס פאַר אַ טייערע, קלוגע און געבילדעטע פרוי זיין (אָדער איר) מאַמע איז!

יאָ, יעדער איינער פאַרמאָגט בלויז איין שטיקעל מאַמע. און אָט דאָס שטיקעל מאַמע איז דער גרעסטער, איבערגעגעבענסטער, אויפּריכטיג־סטער און האַרציגסטער פריינט וואָס אַ מענש האָט. זי איז דער רייכסטער, אומשאַצבאַרסטער אוצר וואָס אַ מענש פאַרמאָגט, און דאָך זיינען פאַראַן פיעלע קינדער וואָס שאַצען עס אַזוי ווייניג אָפּ.

דאַרפען מיר אין זינען האָבען, אַז פּונקט ווי שבת איז דער צענטראַל־פּונקט פון אידישקייט, און אַ ווינקעלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון קיום האומה, אַזוי איז די מוטער דער צענטראַל פּונקט פון דער אידישער פאַמיליע און אַ ווינקעלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון אַ גליקליך פאַמיליען־לעבען. און די קינדער וואָס באַהאַנדלען ניט פיין זייערע עלטערען, זאָלען זיך גאָרניט וואונדערען, ווען זיי וועלען שפּעטער באַקומען די זעלבע באַהאַנדלונג פון זייערע קינדער.

און, ווי געזאָגט, איז שבת אויסערסט וויכטיג פאַר אידישקייט און אידענ־טום. און צו מנחה פון שבת זאָגען מיר מנוחת אהבה ונדבה, מנוחת אמת ואמונה, מנוחת שלום ושלוה, והשקט ובטח... טייטשט דער "שער בת רבים" ז״ל אַזוי: „מנוחת אהבה״, מען דאַרף זיך באַציהען צום שבת מיט ליבשאַפט, און ניט מען זאָל אים באַטראַכטען ווי עפּעס אַן עול, אַ מין אָפּקומעניש, פון וועל־כער מען וויל גיך פּטור ווערען. „ונדבה״, מען דאַרף דעם שבת געבען אַ שעהנע נדבה, מען דאַרף מוסיף זיין מחול על הקודש. „מנוחת אמת ואמונה״, דאָס אָפּהיטען דעם שבת דאַרף זיין מיט אמת, מיט אויפריכטיגקייט. מען דאַרף אָפּהיטען דעם שבת שטילערהייט פּונקט ווי עפענטליך, בסתר פּונקט ווי בפרהסיא. „והשקט ובטח״, יעדער איד דאַרף זיין זיכער, ער דאַרף האָבען בטחון, אַז דער שבת וועט אים ניט ברענגען קיין היזק. אַז דער „הכל יכול״ וועט אים אָפּגעבען מיט פּראָצענט פאַר די פאַרלוסטען, וואָס ער האָט דורך דעם ניט פאַרדינען אום שבת, און פאַר די עקסטראַ הוצאות וואָס דער שבת פאָדערט.

אויף די גמרא „יציאות השבת שתים שהן ארבע״ (שבת פא) טייטשט אַ חסידיש ווערטעל אַזוי: די אויסגאַבען, וואָס איר מאַכט אויף שבת און לכבוד שבת, וועלען אייך אומגעקערט ווערען מיט פּראָצענט, צוויי מאָל אַזוי פיעל, נעמליך „שתים שהן ארבע״...

האָבען טאַקע אונזערע גדולים געמאַכט גרויסע הוצאות אויף שבת ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע. אַזוי, למשל, האָט ר׳ זונדעל סאַלאַנטער ז״ל, ווען ער האָט געוואוינט אין סאַלאַנט און איז געווען אַ תבואה סוחר, פרייטאָג אַ גאַנצען טאָג ניט געהאַנדעלט, נאָר ער פלעגט געהן פון גאַסטהויז צו גאַסט־הויז און איבערלאָזען פאַר יעדען גאַסט־סוחר חלה מיט ווין אויף קידוש.

זעהר שעהן איז, אַז מען האָט אורחים אויף שבת. ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער ז״ל, אַן אָרענדאַר אָבער אַ גרויסער למדן און צדיק, איז געווען אַ גרויסער

מכניס אורח. אַמאָל פרייטאג זיינען דורכגעפאָהרען אידען, האָט ער זיי פאַר־בעטען אויף שבת. אָבער זיי האָבען ניט געוואָלט, ווייל זיי האָבען געוואָלט אָנ־יאָגען אין שטאָדט אַריין. אָפּגעפאָהרען אַ שטיקעל וועגס, האָט זיך צעבראָכען אַ ראָד. זעהענדיג דאָס פון דער ווייטען, האָט ר׳ ישעיה געשיקט זיין משרת מיט אַ ראָד, און די אידען זיינען פאַרפאָהרען צו אים אויף שבת.

האָט ר׳ ישעיה צו זיי געזאָגט: „זייט וויסען, אַז איך רעכען פינף גילדען אַ פאַרשוין, איז עס אפשר צו טייער פאַר אייך, דערפאַר קענט איר עסען און טרינקען וויפיעל איר ווילט״. האָבען די אידען זיך געלאָזט וואוילגעהן און געגעסען און געטרונקען כיד המלך. אָפּגעפּראַוועט מלוה מלכה, האָבען די אורחים גענומען באַצאָהלען פאַר שבת און פאַר דעם ראָד. האָט ר׳ ישעיה אַ אַ שמייכעל געטהון:

„ניין, ליבע אידען, פאַר דער מצוה פון הכנסת אורחים נעם איך ניט קיין געלט. אדרבא, אייך קומט אַ דאַנק וואָס איר האָט מיך מזכה געווען מיט אַזאַ גרויסע מצוה. און דאָס ראָד גיב איך אייך אַ מתנה. איך בעט אייך בלויז, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלט איר פרייטאָג נאָך אַ האַלבען טאָג זיך ניט לאָזען אין וועג אַריין״.

און איצט וועלען מיר ענדיגען מיט אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד: דער מאזשורער מגיד, ר׳ רפאל ז״ל, איז אַמאָל געזעסען שבת ביי אַ בעל הבית. דערוויל האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. ווען דער גאַסט האָט זיך געלאָזט אַוועקגעהן, האָט מען אים דערלאַנגט אַ שירעם. האָט ער, פאַרשטעהט זיך, ניט געוואָלט נעמען. שבת, האָט ער, מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטהון, האָב איך פיינט „צו נעמען איבער׳ן קאָפּ״.

פקודי

אלה פקודי המשכן, משכן"... די סדרה רעכענט אויס די כלים פון דעם משכן, וויפיל די גאָלדענע, זילבערנע און קופּערנע כלים האָבען געוואויגען. זי דערצעהלט אונז ווי אַזוי די כלים, דעם כהן גדול'ס מלבושים, דער חושן, דער אפוד, דאָס היטעל, דער גאַרטעל, האָבען אויס־געזעהן, און פון וואָס זיי זיינען געמאַכט געוואָרען. מיר זעהען אַ קלאָר בילד, ווי אַזוי דער משכן, דער ארון אין וועלכען די לוחות האָבען זיך געפונען, דער מזבח, די מנורה, האָבען אויסגעזעהן; ווי אַזוי, און פון וואָס, זיי זיינען געמאַכט געוואָרען. ווי אַזוי משה האָט אויפגעשטעלט דעם משכן. אַ וואָלקען האָט פאַרדעקט דעם אוהל מועד, און דעם אויבערשטענס כבוד האָט אָנגעפילט דעם משכן.

זאָגט אונז דער פסוק „אשר פוקד על פי משה... ביד איתמר..." מיר ווייסען דאָך, אַז משה אַליין איז באַשטימט געוואָרען אַלס גזבר. איז פאַר־וואָס זשע זאָגט ניט די תורה אשר פקד? דערקלערט עס דער מדרש תנחומא, אַז משה האָט אַליין צוגענומען צו זיך נאָך מענשען, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער געמאַכט דעם חשבון. לערנען מיר דערפון, אַז ווען עס קומט צו חשבון, צו צוילען קהל'יש געלט, אָדער שוה כסף, זאָל מען דאָס ניט טהון אַליין. מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ לעבעדיגער מענש. און אַ לעבעדיגער מענש האָט אַמאָל אַ טעות. ער קען אַמאָל פאַרגעסען. איז בעסער אַז עס זיינען פאַראַן דער־ביי צוויי, אָדער נאָך מעהר, מענשען.

דערפאַר טאַקע דאַרף צדקה געזאַמעלט ווערען דורך צוויי מענשען. און ווען עס קומט צום צעטיילען צדקה, דאַרפען זיין דערביי דריי פּערזאָנען. ווען עס קומט צו צדקה דאַרף מען זיין אויסערסט פאָרזיכטיג. כידוע איז דאָך אַ מענש זעהר פאָרזיכטיג מיט זיין אייגען געלט. איז מיט יענעמס געלט דאַרף מען זיין נאָך מעהר פאָרזיכטיג ווי מיט אייגען געלט. און ווען עס האַנדעלט זיך מיט אַן אָרימאַנס געלט, דאַרף מען זיין גאָר, גאָר פאָרזיכטיג. איז טאַקע מהאי טעמא דאַרף דער וואָס האָט צוזאָגען איבער צדקה, זיין ווי רבי חנינא בן תרדיון. ווייל ניט נאָר איז דער דאָזיגער תנא געווען, פאַרשטעהט זיך, אַן עהרליכער מענש, ממש די עהרליכקייט אַליין, נאָר ער אַליין האָט אויך געגעבען פיל צדקה.

אַ גבאי פון צדקה דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל ער איז באַשעפטיגט מיט אַ גאָר הייליגע זאַך. עס מאַכט זיך אַמאָל אַז דאָס לעבען פון אַ מענשען, צי אפילו פון אַ פאַמיליע איז אָפּהענגיג פון זיין באַציהונג צו זיי. און כדי זיין איי־גענע רעפּוטאַציע זאָל ניט שטעהן אונטער אַ פראַגע־צייכען, דאַרף ער מיט זיינע אייגענע, פּערזענליכע געלט־ענינים זיין אויסערסט פאָרזיכטיג. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען איינער געהט אַרום מיט אַ צדקה־פּושקע זאַמלען נדבות פאַר אַן אָרימאַן, צי פאַר אַן אינסטיטוציע, און ער געפינט געלט אין גאַס, צי איינער

בא̈צא̈לט אים א̈ פריוואטען חוב, טא̈ר ער ניט א̈ריינלעגען דא̈ס געלט אין קעשענע, נא̈ר ער דא̈רף עס א̈ריינווא̈רפען אין דער פושקע. ערשט ווען ער קומט א̈היים, זא̈ל ער א̈רויס נעמען דא̈ס וואס געהערט אים, כדי די מענשען פון גא̈ס זא̈לען אים ניט חושד זיין אין גנבה. ביי אונז אידען איז פא̈רא̈ן א̈ פרינציפ „מראית העין". מען דא̈רף ניט טהון זא̈כען וואס קענען ברענגען צו חשד, צו פא̈רדעכטיגקייט. און דער וואס היט א̈פּ דעם פרינציפּ, הא̈ט נא̈ך קיינ־מא̈ל ניט געהא̈ט חרטה.

נא̈כמעהר, ווען איינער געהט א̈רום זא̈מלען נדבות, און א̈ צווייטער שטעלט אים א̈פּ אין גא̈ס און בעט אים ער זא̈ל אים אויסבייטען א̈ מטבע, מעג ער דא̈ס טהון. א̈בער ווען ער א̈ליין, צוםביישפּיעל, וויל אויסבייטען א̈ מטבע, זא̈ל ער דא̈ס ניט טהון אין גא̈ס, כדי בייזע־צונגען זא̈לען אים ניט חושד זיין אין עפּיס וואס. און די גמרא זא̈גט אונז אפילו, א̈ז ווען איינער צעהלט צדקה געלט, זא̈ל ער ניט צעהלען עטליכע מטבעות מיטא̈מא̈ל, נא̈ר ער זא̈ל צעהלען יעדע מטבע בא̈זונדער. און דא̈ס איז א̈לץ דערפא̈ר, ווייל צדקה־געלט איז זעהר הייליג. ווא̈רום א̈פּט מא̈ל איז דעם א̈רימא̈נס חיונה, זיין לעבען, א̈פּהענגיג דער־פון. דא̈רף מען זיין זעהר און זעהר פא̈רזיכטיג.

די תורה זא̈גט אונז (במדבר לב, כב) „והייתם נקיים מה' ומישראל". איז דערפא̈ר, אין די צייטען פון דעם בית המקדש, ווען דער גבאי פון צדקה הא̈ט בא̈דא̈רפט א̈ריינגעהן אין דעם צדקה־דעפּא̈רטמענט נעמען צדקה געלט, הא̈ט ער ניט געטא̈רט טרא̈גען קיין קליידער מיט א̈ריינגעבויגענע קא̈נטען, קיין שיך, קיין תפילין אויף דעם קא̈פּ, קיין קמיע אויף דעם הא̈לז, און א̈נדערע זא̈כען אין וועלכע מען קען בא̈הא̈לטען געלט. און א̈לץ כדי אויסצומיידען יע־דען מינדסטען חשד, יעדע קלענסטע פא̈רדעכטיגונג.

און די סדרה זא̈גט אונז „אלה פקודי המשכן, משכן..." איז וואס עפּיס צוויי מא̈ל „משכן"? זא̈גט רש"י ז"ל אויף דעם א̈רט א̈ז דא̈ס איז מרמז צו זיין, א̈נצוא̈ווינקען, אויף דעם וואס צוויי מא̈ל וועט דא̈ס בית המקדש פער'משכון'ט ווערען, ביי די צוויי חורבנות, פא̈ר די זינד פון דעם פא̈לק ישראל. און דא̈ך זעהט וואס פא̈ר א̈ גוטען פא̈טער אין הימעל מיר אידען הא̈בען. דער פסוק זא̈גט... „משכן העדות". זא̈גט רש"י ז"ל אויף דעם א̈רט „עדות לישראל..." דער משכן איז א̈ן עדות, א̈ז דער בא̈שעפער פון דער וועלט הא̈ט פא̈רקוקט די זינד, וואס די אידען זענען בא̈גא̈נגען, דורך מא̈כען דעם „עגל הזהב", דעם גא̈לדענעם קא̈לב, און ער הא̈ט דא̈ך געמא̈כט רוהען זיין שכינה צווישען זיי.

און ווי מיר ווייסען איז בצלאל געווען דער „א̈רכיטעקט" פון דעם משכן און די כלים. איז פון דעם נא̈מען „בצלאל" א̈ליין זעהען מיר א̈ז ער איז געווען ראוי צו א̈ט דער דא̈זיגער הייליגער און וויכטיגער א̈רבייט. די גמרא (ברכות נה, א) זא̈גט „בצלאל על שם חכמתו נקרא", ער הא̈ט א̈זוי געהייסען צוליב זיין חכמה. בעת כביכול הא̈ט געזא̈גט צו משה'ן: גיה זא̈ג בצלאל'ן ער זא̈ל מא̈כען א̈ משכן, ארון און כלים, איז געגא̈נגען משה, און ער הא̈ט „פא̈ר־דרעהט די יוצרות" און געזא̈גט „מא̈ך א̈ן ארון, כלים און א̈ משכון." הא̈ט בצלאל געזא̈גט צו אים: „משה רבינו, דער שטייגער פון דער וועלט איז, א̈ז א̈ מענש בויעט צוערשט א̈ הויז, און דערנא̈ך נעמט ער א̈ריין אין הויז כלים, און דו הא̈סט מיר גא̈ר געהייסען מא̈כען א̈ן ארון, כלים און א̈ משכן! און א̈ז איך

וועל מאַכען כלים, איז וואוהין זאָל איך זיי אַריינגעמען? אפשר האָט דיר דער הייליגער, געבענטשט זיי זיין נאָמען, געזאָגט, מאַך אַ משכן, ארון און כלים?!" האָט משה אים געענטפערט: „שמא בצל אל היית וידעת", אפשר ביזטו געווען אין כביכול'ס שאָטען! איז צי משה האָט אַזוי געזאָגט בכוונה אויסצופּראָבירען בצלאל'ן, צי ער האָט פשוט געהאַט אַ טעות, ווייסען מיר ניט. אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז בצלאל, וואָס איז אָנפאַרטרויעט געוואָרען מיט אָט דער הייליגער אַרבייט, איז געווען דער ריכטיגער מענש, פאַר אָט דער הייליגער אַרבייט.

און איצט זעהט וואָס פאַר אַ חכם בצלאל איז געווען. וואָס פאַר אַ מענש מיט חכמה, מיט שכל הישר ער איז געווען. דער רמב"ם ז"ל אין הלכות דעות פרק ה' זאָגט: אַ טיפש, אַ נאַר האָט צוערשט חתונה, נאכהער אויב ער האָט געלט, קויפט ער אַ הויז, און נאַכהער, אויף די עלטערע יאָרען, הויבט ער ערשט אָן זוכען (אָדער לערנען) אַ פאַך, אָדער ער דאַרף איבערהויפּט אָנקומען צו צדקה. דאַגעגען דער חכם, דער קלוגער, דער פאַרנונפטיגער, דער מענש מיט שכל הישר, ער לערנט זיך אויס צוערשט אַ פאַך, אַ פּראָפעסיע, דאַן קויפט ער אַ דירה, און ערשט דאַן האָט ער חתונה. און דאָס איז דער ריכטיגער צוגאַנג. אַ מענש דאַרף האָבען אַ „סמיקאַלקע" אין קאָפּ. און „סמיקאַלקע" מיינט שכל הישר. עס מיינט אַז דער מענש טראַכט, פּלאַנירט. און אַזאַ מענש איז געווען בצלאל. דערפאַר האָט ער זוכה געווען, אַז מען זאָל אים געטרויען אָט די דאָזיגע הייליגע און וויכטיגע אַרבייט.

אָט נאָט אייך אַ ביישפּיל, וואָס „סמיקאַלקע" מיינט. אין דער שטאָט מעמעל האָט מען געבויט אַ שול. זיינען געבליבען ציגעל. מען קען דאָך ניט וויסען פריהער אַקוראַט וויפיל ציגעל מען דאַרף. איז מען געקומען צו רבי ישראל סאַלאַנטער ז"ל, און מען האָט אים געפרעגט וואָס מען זאָל טהון מיט די איבערגעבליבענע ציגעל. די ציגעל זיינען דאָך שוין הייליג. מען האָט דאָך אין זינען געהאַט אַז זיי זיינען פאַר דעם אויפבוי פון דער שול. האָט דער רבי ז"ל געענטפערט, אַז מיט די איבערגעבליבענע ציגעל זאָל מען פאַרמויערען די טיר פון דער ווייבערשער שול. זאָלען די מאַמעס בעסער זיצען אין הויז און אַכטונג געבען אויף די קינדער.

אָט דאָס הייסט שכל הישר. דער רב האָט געמיינט דערמיט אונטערצושטרייכען די וויכטיגקייט פון קינדער ערציהונג. עס איז טאַקע זעהר שעהן און פיין ווען די אידישע פרוי געהט שבת, יום טוב אין שול אַריין. אָבער אַכטונג געבען אויף דעם קינד איז אויך אַן ענין. אָט דער זעלבער רב איז אַמאָל געגאַנגען יום הכפור אין שול אַריין צו „כל נדרי", האָט ער דערהערט אַז ער־גיץ אין אַ הויז וויינט אַ קינד. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מסתמא זיינען אַלע פון יענעם הויז שוין אַוועק צו „כל נדרי". איז דער רב אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז, און ער האָט גענומען וויגען דאָס קינד. דער עולם אין שול האָט געוואַרט אויף דעם רב מיט „כל נדרי". עס איז געוואָרען שפּעט. דער עולם איז שוין געוואָרען אומרוהיג. און ערשט נאָכדעם ווי דאָס קינד איז איינגעשלאָפען איז דער רב געקומען צו „כל נדרי". אָט אַזוי וויכטיג איז דאָס אַכטונג געבען אויף אַ קינד.

דאָס אינגעלע, דאָס מיידעלע פון היינט זיינען דער טאַטע, די מאַמע, דער איד פון מאָרגען. דאָס פאָרמירען דעם קינדס כאַראַקטער האָט אַ גאָר גרויסען

איינפלוס אויף זיין שפּעטער לעבען. אַז מען פיהרט דאָס קינד אַרויף אויף דעם גלייכען וועג, געהט ער אויף דעם גלייכען וועג. און אַרויף צו פיהרען דאָס קינד אויף דעם גלייכען וועג, איז נויטיג אויף אים אַכטונג צו געבען, אים צו ערציהען, לערנען, אָנווייזען, מדריך זיין. דאַן איז וואויל צום קינד, און וואויל צו די עלטערען. ווייל אַזאַ קינד וועט זיין אי צו כביכול אי צו לייט.

און ווען משה האָט געזעהן אַז דער משכן, די כלים, אַלץ איז פאַרטיג, און אַלץ איז געמאַכט געוואָרען ווי דער אויבערשטער האָט געבאָטען, האָט ער געבענטשט די אידען מיט דער ברכה „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם”, זאָל די שכינה רוהען אין די ווערק פון אייערע הענט. און ער האָט גע־זאָגט דאָס קאַפּיטעל תהלים ויהי נועם... יושב בסתר עליון, איינס פון די עלף קאַפּיטלאַך תהלים וואָס משה רבינו האָט געזאָגט.

און משה האָט טאַקע רעכט געהאַט צו זאָגען פאַר דעם עולם אַ קאַ־פּיטעל תהלים. זאָגען פאַר קהל אַ קאַפּיטעל תהלים, צי דאַווענען פאַר דעם עמוד, איז אַ הויכע מדרגה. ניט יעדער איינער איז באַרעכטיגט דערצו. אַט הערט אַ מעשה שהיה:

אין אַ שטעדטעל איז אַמאָל געווען אַ גביר. ווי דער שטייגער איז מיט מאַנכע גבירים, איז ער געווען תקיף, געזאָגט אומעטום דעות, און באַזונדערס אין דעם שטיבעל וואו ער האָט געדאַוונט. און אַז מען האָט געלט, מען איז תקיף, ווייל מען דאַרף אויך כבוד. האָט זיך דעם גביר פאַרגלוסט צו דאַווענען ימים נוראים פאַר דעם עמוד. און וואָס טהוט ניט אַ גביר צוליב כבוד. האָט ער כלומרשט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז ער חלילה ניט אויסען זיך. נאָר ער וויל פּשוט איינשפּאָרען דעם שטיבעל די עטליכע רוביל, וואָס מען צאָלט אַלע יאָר דעם ימים־נוראים׳דיגען בעל תפילה. אַזוי ווי דער שטענדיגער בעל תפילה איז געווען אַ איד אַ קבצן אין אַכצען פּאָלעס, איז ער אַהן אַן אַטעם אַריינגעלאָפען צום רב, און האָט גע׳טענה׳ט אַז דער גביר איז פּשוט אויסען כבוד, און ניט מעהר.

האָט דער רב געשיקט רופען דעם גביר, און ער האָט צו אים געזאָגט: אין די תפילות געפינען זיך דריי תפילות פון וועלכע אַ ימים־נוראים׳דיגער בעל תפילה דאַרף באַזיצען כאָטש איינע. די דריי תפילות זיינען „תפילה למשה”, „תפילה לדוד”, און „תפילה לעני”. אַז איר באַזיצט ניט די מידות פון משה רבינו, און פון דוד המלך, וועט איר דאָך אַליין צוגעבען. בלייבט אייך דאָך בלויז איבער די „תפילה לעני”. איז אַז איר וועט איבער אַ יאָר זיין אַן אָרע־מאַן, וועט איר זיין באַרעכטיגט צו דאַווענען ימים נוראים פאַר דעם עמוד.

גבירים האָבען אַ מאָדנע פּסיכאָלאָגיע. בפרט דער קלאַס וואָס כדי צו דער־גרייכען וואָס זיי ווילען, בפרט נאָך אַ ביסעלע כבוד, איז ביי זיי יעדער מיטעל כשר. זיי האַלטען אַז „דער צוועק הייליגט דאָס מיטעל”. ניט נאָר ביי אונז, נאָר אויך ביי זיי זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך, ווען זיי ווילען עפּיס דערגרייכען, אַט, למשל, ווי יענער קאַטוילישער גלח.

דער דאָזיגער גלח פלעגט פיהרען רעליגיעזע דיסקוסיעס מיט רבי יונתן אייבעשיץ ז״ל. איינמאָל האָט ער אַ זאָג געטהון צום רב: „לאָמיר זיך בייטען מיט די ראָליען. איך וועל פאַרטיידיגען די אידישע רעליגיע, און איר וועט פאַרטיי־דיגען די קאַטוילישע רעליגיע”. האָט רב יונתן מסכים געווען.

האַט דער גלח אָנגעהויבען: מילא מיר אידען פייערען דעם יום טוב פסח מיט פראַכט און גלאַנץ, און יעדער איד פיהלט זיך ווי אַ מלך, און יעדע פרוי ווי אַ מלכה, איז רעכט. ווארום מיר פרייען זיך דערמיט וואָס אונזערע אורעלטערען זיינען באַפרייט געוואָרען פון דער מצרים׳שער קנעכטשאַפט. זיי זיינען געוואָרען אַ פריי פאָלק. אָבער איר קאַטאָליקען, האָט ער געזאָגט צום רב, וואָס איז אויף אייך די גדולה, וואָס איר פייערט פאַסכע? איר זענט דען געוועזען אין מצרים? איר האָט דען דאָרט געשמאַכט אין קנעכטשאַפט? האָט דער רב אים געענט־פערט: ביי אונז איז פאַסכע שוין גאָר אַ וויכטיגער פייערטאָג. און ניט נאָר אַ וויכטיגער, נאָר טאָקע דער סאַמע וויכטיגסטער פייערטאָג. גאָר פשוט. ווען דער אַלמעכטיגער וואָלט ניט געווען אויסגעלייזט די אידען פון מצרים, וואָלטען מיר דאָך ניט געהאַט קיין גאָט!

זיינען טאָקע אונזערע אַמאָליגע רביים, רבנים, אויסער זייער גרויס לומדות, געווען גלאַט קלוגע מענשען. און ווען זיי האָבען אַריינגעזאָגט, איז עס געווען „אייזען שטאַרק״. אַ חסידישער יונגערמאַן איז אַ מאָל געקומען צו דעם אַלקסאַנדערער רבי׳ן ז״ל, און ער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז אין שטאָדט פאַרשפרייט מען געגען אים בלבולים וואָס פאַרשאַפען זעהר פיל צער אים און זיין משפחה. האָט דער רבי אים געפרעגט: „נו, און וואָס האָסטו אַליין צו זאָגען וועגען דעם?״ האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: „אונזערע חכמים ז״ל האָבען שוין געזאָגט „אשרי מי שחושדין אותו ואין בו״, וואויל צו דעם וועלכען מען איז חושד, און עס איז ניט אמת. האָט דער רבי זיך אָנגערופען: „זאָג איך דיר אַז דו זאָלסט זיך בעסער האַלטען ביי אַנאַנדער „אשרי״, נעמליך, ביי „אשרי יושבי ביתך״. זיץ אין דער היים, וועט מען ניט פאַרשפרייטען געגען דיר בלבולים״...

און אַז מיר האַלטען שוין ביי „אַריינזאָגען״, איז הערט זשע: אַ באַוואוסטער רב איז אַמאָל געפאָהרען אין באַהן. אַנטקעגען אים איז זיך געזעסען אַ „פּראַנט״, געקליידעט מעשה „דייטש״. האָט, פאַרשטייט זיך, דער „פראַנט״, געהאַלטען אין איין אָפּלאַכען פון דעם רב. ווען דער פראַנט האָט געזעהן אַז דעם רב אַרט עס ווי „דער פאַראַיאָריגער שניי״, האָט ער אָנגעהויבען אויסרעדען אַלדאָס־בייז אויף דער תורה, אויף דער גמרא. זעהענדיג אַז דער רב הערט זיך ניט צו, און קוקט זיך אפילו ניט אום אויף אים, האָט עס אים געברענט און גע־בראָטען. האָט ער זיך אָנגענומען מיט חוצפה׳דיגען מוט, און ער האָט אַ זאָג געטהון בקול רם: „איך וויל אייך עפּיס פרעגען. די גמרא זאָגט „איזהו עשיר כל מי שיש לו בית הכסא סמוך לשולחנו״ — ווער הייסט אַ גביר? דער וואָס האָט אַ בית הכסא נאָהענט צו זיין עס־צימער. איז וואָס פאַר אַ מין עשירות, רייכטום, איז דאָס? קען מען דען פון אַזאַ „רייכקייט״ אָנקלייבען אַ נדן פאַר אַ טאָכטער? קען מען דען פון אַזאַ „עשירות״, געבען קעסט אַן אײדעם?״ האָט דער עולם פאַסאַזשירען „אָנגעשטעלט מויל און אויערען״. אדרבה, וואָס וועט טאָקע דער ווירדיגער רב ענטפערען דאַרויף! האָט דער רב געגעבען אַן אי־ראָנישען שמייכעל, און ער האָט געענטפערט: „געוויס, אַזאַ אײדעם ווי דו, קען מען דערפון געבען ׳קעסט׳, די והותר...

און אַז מיר האַלטען שוין ביי „אַריינזאָגען״, איז הערט זשע נאָך איינס. אַ לומדישער מחבר האָט אָנגעשריבען אַ ספר, און ער איז געקומען צו דעם

„חידושי הרי״ם" ז״ל, ער זאָל אים געבען אַ הסכמה. האָט דער רבי אַריינגעקוקט אין דעם כתב יד, און ער האָט געפרעגט דעם מחבר: „קוקט איר אַמאָל אַריין אין די אחרונים?" דאָס הייסט אין ספרים פון שפּעטערע מחברים. האָט דער מחבר געענטפערט אַז ניין. האָט דער רבי זיך אָנגערופען: „אויב אַזוי, ווערט דאָך אויך אין אייער ספר קיינער ניט לערנען, ווייל איר זענט דאָך אַן אחרון". איז דאָך מיין הסכמה סאַי ווי גאָר ניט ווערט".

און אַזוי ווי מיר האַלטען ביי הסכמות, איז הערט זשע נאָך איינס. אַ חסיד האָט פאַרפאַסט אַ ספר פון חסיד׳ישער תורה, רבי׳שע מעשיות, וכדומה. איז ער געקומען צו דעם גאָסטינינער רבי׳ן ז״ל, נאָך אַ הסכמה. האָט דער רבי אַריינגעקוקט אין דעם כתב־יד, און ער האָט געפרעגט דעם חסיד־מחבר: „איר זענט דאָך אַ איד אַ למדן, איז פאַר וואָס מאַכט איר ניט בעסער חידושים אויף גמרא, צי אַ פּלפּול־ספר?" איז דער מחבר נשתומם געוואָרען, און ער האָט אַ פרעג געטהון: „נו, און חסיד׳ישע תורה, מעשיות פון אונזערע הייליגע צדיקים געפעלען אייך לגמרי ניט?!" „חס ושלום", האָט דער רבי געענטפערט, „נאָר דו פאַרשטעהסט מיך ניט. אדרבה, דיין ספר געפעלט מיר דוקא זעהר גוט. אָבער ווען דו וואָלסט מחבר געווען אַ ספר מיט חידושים אויף גמרא, וואָלט דאָך די וועלט געזעהן, אַז אויך אַ חסיד לערענט, און קען טאַקע לערנען".

איז אַז אונזערע רביים און רבנים האָבען געקענט, און קענען היינט אויך, „באַשטעהן זייער שטעטעל" ווייסען מיר. אָבער איצט וועלען מיר זעהן אַז זיי זיינען געווען אויך גוטע מעקלער. אָט הערט: אין דעם יאַריד־טאָג אין בערדיטשעוו פלעגט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער ז״ל קומען אויף דעם יאַריד, אָנגעטהון מעשה־סוחר, זיך דרעהען אַרום די מעקלערס, זיך באַטייליגען אין זייערע פאַרהאַנדלונגען, מעשה־מעקלער. איינמאָל האָט אַ מעקלער זיך אָנגענומען מיט מוט, און ער האָט אַ פרעג געטהון דעם רבי׳ן: וואָס אייגענטליך מישט דער רבי זיך אין מעקלעריי, וואָס האָט דאָס צו טהון מיט דעם רבי׳ן זאָל געזונט זיין?" האָט דער רבי אים געענטפערט אַז אין מעקלעריי איז ער אַ גאָר גרויסער ידען. שוין זייט יאָרען אַז ער באַשעפטיגט זיך מיט מעקלעריי. פאַר זיין ערשטע מעקלעריי, האָט ער אפילו באַקומען גאָר וואַזשנע באַצאָלט. ער האָט שוין אפילו אויסגעפיהרט אַ מסחר צווישען דעם רבונו של עולם אַליין און די אידען. היינו, אַ צייט לאַנג האָט כביכול זיך געהאַלטען מיט זיין סחורה, מחילה, סליחה, כפּרה, און ער האָט זי ניט געקאָנט פאַרקויפען. די אידען, ווידער, האָבען זיך געהאַלטען מיט זייער סחורה, חטאים, עוונות, פּשעים, און זיי האָבען ניט געקאָנט פון איר פּטור ווערען. האָט ער געפיהרט אונטער־האַנדלונגען מיטביידע צדדים, זיי זאָלען אויסטוישען, אויסבייטען, עוונות, פּשעים, און עס איז אים געלונגען. „און, אגב", האָט ער אַ זאָג געטהון, „אַלס שכר פאַר מיין מיה, האָט מיר דער רבונו של עולם געגעבען בני, חיי, מזוני".

חזק, חזק, ונתחזק.

ויקרא

ויקרא

מיר וועלען היינט אָנהויבען מיט אַ מעשה שהיה און דעם שכל דערפון וועלען מיר זעהן שפּעטער: דער לעמבערגער רב ר׳ יעקב ארענשטיין ז״ל, איז, ווי באַוואוסט, געווען אַ גרויסער מקיל. דאַגעגען דער לעמבערגער דיין ר׳ הירצל ז״ל, איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער מחמיר. איינמאָל, ערב יום הכפּור האָבען זיי זיך ביידע באַגעגענט. ביים געזעגענען זיך האָט דער דיין ר׳ הירצל געגעבען דעם רב די האַנט, און האָט, ווי דער שטייגער איז, אים גע־וואונשען „אַ גמר חתימה טובה״. רופט זיך אָן ר׳ יעקב: „איר ווייסט, דיין, איר דאַרפט מעהר מתפּלל זיין פון מיר״. סטייטש, פאַרוואָס?״ וואונדערט זיך דער דיין, און דער רב ענטפערט אים: „איך דאַרף בלויז מורא האָבען טאָמער האָב איך כשר געמאַכט אַ טריפה. און דאָס איז דאָך בלויז אַן עבירה בין אדם למקום, צווישען מענשען און דעם אַלמעכטיגען, און דאַרויף איז דאָך יום הכפּור מכפּר. אין אייער פאַל איז שוין אַנדערש. ביי אייך קען דאָך פּאַסירען אַז איר זאָלט טריף מאַכען אַ כשר׳ע זאַך. און אין אַזאַ פאַל פאַרשאַפט איר דאָך אַ אידען היזק, ער ווערט אָן דורך דעם געלט. און דאָס איז דאָך שוין אַן עבירה בין אדם לחבירו, אַן עבירה צווישען מענש און מענש, און אויף אַזעלכע עבירות איז דאָך יום הכפּור ניט מכפּר. (שמועות טובות).

און דער דובנער מגיד ז״ל זאָגט: מיר ווייסען אַז די זינד וואָס איין מענש באַגעהט געגען דעם צווייטען מענשען זיינען האַרבער פון די זינד בין אדם למקום, וואָס אַ מענש באַגעהט געגען אויבערשטען. אַזוי זאָגט דער נביא בפירוש: „ובפרישכם כפּיכם אעלים עיני מכם גם כי תרבו תפלה אינני שומע״, ווייל „ידיכם דמים מלאו״. און אונזערע חכמים ז״ל לערנען אונז אַז „קשה עונש הדיוט יותר מגזל גבוה״ אַז „כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו״. איז אָט דאָס מיינט דער פּסוק אין דער היינטיגער סדרה „נפש כי תחטא ומעלה מעל בה׳ וכחש בעמיתו״ — ווען דער מענטש זינדיגט דאָפּעל, סאַי געגען באַשעפער, סאַי געגען מענשען, דאַמאָלסט, איז, „והשיב את הגזלה אשר גזל״, זאָל ער צוערשט פאַרריכטען די זינד וואָס ער איז באַגאַנגען געגען דעם מענשען, און ערשט דערנאָך „ואת אשמו יבא לה׳״, און ערשט דערנאָך זאָל ער זיך זאָרגען וועגען זיין זינד געגען דעם אויבערשטען.

און איצט הערט ווייטער. רבי ישראל סאַלאַנטער ז״ל, האָט אַמאָל באַ־מערקט: עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך, לויט דער תורה איז דער ענין פון דיני ממונות, געלט זאַכען, אַ סך האַרבער פון די דינים וועגען איסור והיתר, וועגען כשר און טריפה. און דאָך, ווען עס מאַכט זיך אין אַ הויז אַ שאלה, לויפט מען באַלד פרעגען דעם רב צי דעם דיין. אָבער ווען עס קומט צו דיני ממונות, צו געלט זאַכען, לויפט קיינער ניט צום דיין פרעגען צי איז ער ניט עובר אויף דער עבירה פון גזלה. נאָכמעהר, מען געהט ניט צו קיין דין תורה ביז מען שיקט עטליכע מאָל דעם שמש. און אפילו דאַן גייט איינער בלויז, ווייל עס דוכט זיך

אים, אַז ער וועט געווינען דעם דין־תורה. און בעת דער מורה הוראה מאַכט טריפה אַ הוהן, צי כלים, צי אפילו אַן אָקס ווערט קיינער ניט אין כעס אויף אים, דאַגעגען ביי דיני ממונות, פּאַסירט עס זעהר אָפט אַז דער וואָס פאַר־לירט דעם דין־תורה, ווערט דעם מורה הוראה אַ „דם שונא״.

דאַרף טאַקע יעדער איד אין זינען האָבען, אַז קודם כל מוז מען זיך באַציהען צום צווייטען מענשען עהרליך. מען דאַרף נאָך זיין מעהר פאַר־זיכטיג מיט דער באַציהונג צום צווייטען מענשען ווי מיט דער באַציהונג צום רבונו של עולם. און דער יעניגער וואָס דענקט אַז אַבי ער גיט אָפּ דעם אוי־בערשטען זיין שחרית, מנחה, מעריב און אזוי ווייטער, איז ער שוין מים אים שוה בשוה, און ער מעג זיך שוין ערלויבען, אָפּצונאַרען, באַשווינדלען, אָדער גלאָט שלעכט באַהאַנדלען דעם צווייטען, האָט ער במחילה אַ גרויסען טעות. ווארום דער נביא האָט אויסגעשריגען „גם כי תרבו תפלה אינני שומע, ידיכם דמים מלאו״. אויב אייערע הענט זיינען מיט בלוט, אויב איר ראַבעוועט, גזל׳ט, שווינדעלט, איז אפילו ווען איר זאָלט פיעל דאַוועגען, וועל איך דאָס ניט הערען. תפלה טהון איז אונגעהויער וויכטיג. אָבער רעדט זיך ניט איין אַז דער־מיט קען מען אָפּוואַשען אַלע זינד־פלעקען.

און ווען יעדער מענש וואָלט זיך באַמיהט צופרידען צו שטעלען, גוט באַ־האַנדלען דעם צווייטען, וואָלט במילא יעדער איינער געווען צופרידען. איז אָבער די צרה, וואָס פיעלע מענשען געהט עס אין לעבען אַז דער צווייטער זאָל זיין אַ פיינער מענש, געהן בדרך הישר, זיין גוט צו לייט און פרום צום באַשעפער. און דאָס טויג ניט. ר׳ מענדעלע קאָצקער ז״ל, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ גרופּע חסידים: „וואָס וויל איך דען פון אייך? פון זיך ניט אַרויסקוקען און אין יענעם ניט אַריינקוקען״. אַ טייער וואָרט. צעקייעט עס, פאַרדייעט עס און פאַרגעסט עס ניט.

און ביז גאָר וויכטיג איז אַז מען באַזיצט די מידה פון אַלטרואיסטיש־קייט. נעמליך, מען דאַרף אין זינען האָבען דעם צווייטען נאָך מעהר פון זיך. אָט האָט איר אַ ביישפּיעל: ווען ר׳ אברהם אהרנסאָן ז״ל איז געווען רב אין קרוטשע, איז אין שטעדטעל אַרומגעגאַנגען אַ פּאָקען־עפּידעמיע. אין שטעדטעל איז געוואָרען אַ גרויסע בהלה, און יעדער איינער איז געלאָפען צום רופא זיך שטעלען פּאָקען. האָט מען גערופען דעם רופא צום רב, ער זאָל אים שטעלען פּאָקען, אָבער דער רב האָט זיך אָנגערופען: „ניין, צוערשט זאָל דער רופא שטעלען פּאָקען דער דיענסט מיידעל״. האָט מען אָנגעהויבען מיט אים אייב׳טענה׳ן: „סייטש, רבי, יעדע מינוט איז דאָך סכנת נפשות״... אָט דער־פאַר טאַקע״, האָט געענטפערט דער רב, „וויל איך אַז מען זאָל דעם מיידעל שטעלען פריהער פּאָקען, זי איז אינגער פון מיר״.

ר׳ חיים ווילער ז״ל, פּאַנדעלער רב, איז געווען אַ זעהר גרויסער בעל צדקה. איינמאָל איז געווען אַ גרויס יקרות. מענשען האָבען בוכשטעבליך גע־הונגערט. איז געגאַנגען דער רב און האָט פאַרקויפט אַלע שטוב זאַכען, און ער־נעהרט מעהרערע משפּחות. דער רבי׳צין איז געווען אַ גרויסער שאַד די שבת־דיגע לייכטער, האָט זי זיי באַהאַלטען, דער רב זאָל זיי ניט פאַרקויפען. נאָכ־דעם ווי דער יקרות איז אַריבער, האָט די רבי׳צין אַרויסגענומען ערב שבת די לייכטער, און האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש. ווען דער רב האָט

דערזעהן די לייכטער, האָט ער גע'חלש'ט. אַז מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט ער אַ קרעכץ געטהון: „ווער ווייסט ווי פיעל נפשות מען וואָלט געקענט מציל זיין מיט די דאָזיגע לייכטער!

און די היינטיגע סדרה זאָגט אונז: „וזרקו את הדם על המזבח סביב". ווי באַוואוסט איז דער פּראָצעדור צוגעגאַנגען אַזוי: אויב דער קרבן איז געווען אַ בהמה, איז דאָס בלוט פון אַ קרבן עולה געשפריצט געוואָרען אויף דעם אונטערשטען טייל פון מזבח, נעמליך, „למטה מחוט הסיקרא". דאַגעגען, דאָס בלוט פון אַ קרבן חטאת האָט מען געשפריצט „למעלה מחוט הסיקרא", אויף דעם אויבערשטען טייל פון דעם מזבח. אויב דער קרבן, ווידער איז געווען אַן עוף, איז דער פּראָצעדור געווען פאַרקעהרט. נעמליך, אין פאַל פון אַ קרבן עולה האָט מען געשפּריצט דאָס בלוט אויף דעם אויבערשטען טייל פון דעם מזבח. און ביי אַ קרבן חטאת האָט מען געשפריצט אויף דעם אונטערשטען טייל פון מזבח. פאַרוואָס איז עס טאַקע אַזוי געווען? גיט דאַרויף ר' יעקב יצחק ז"ל פון לובלין, אַן אינטערעסאַנטע ערקלעהרונג:

אַ קרבן בהמה ברענגט געוועהנליך אַ גביר. איז אויב ער ברענגט אַ קרבן עולה, ווערט דאָך דאָס געבראַכט אַלס נדבה. איז מאַכט מען דערפון ניט קיין וועזען, און מען שפּריצט דאָס בלוט „למטה מחוט הסיקרא", אויף דעם הינטערשטען טייל פון דעם מזבח. ווארום וואָס פאַר אַ וועזען דאַרף מען עס מאַכען אַז אַ גביר ברענגט אַ נדבה? אָבער אַז ער ברענגט אַ חטאת, ווערט דאָך דאָס געבראַכט פאַר אַ באַגאַנגענע זינד. אָט דאָס איז שוין דוקא אַ געשעהעניש, אַ גביר זאָל זיך אַליין עפענטליך דערקענען אַלס זינדיגער! דאָס איז דאָך עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכע זאַך. אַזאַ גביר פאַרדינט אַז מען זאָל אים אָפּגעבען כבוד. איז דאַריבער שפריצט מען דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא", אויף דעם אויבערשטען טייל פון דעם מזבח.

דאַגעגען אַ קרבן עוף איז דאָך מקריב אַן אָרימאַן. איז אַז אַן אָרימאַן ברענגט אַ חטאת, שפריצט מען דאָס בלוט אויף דעם אונטערשטען טייל פון דעם מזבח, ווארום וואָס איז די רבותא אַז אַן אָרימאַן גיט צו אַז ער האָט געזינדיגט? אָבער אַז אַן אָרימאַן ברענגט אַ קרבן עולה, אַ נדבה, אָט דאָס זעהט איר איז שוין דוקא יא א רבותא, ווארום ווי קאָן זיך עס אַן אָרימאַן ערלויבען אַזאַ לוקסוס. ער מוז זיך דאָך אָנטהון אַן איבעריגען כוח דערצו. איז אַלס צייכען אַז זיין האַנדלונג ווערט ריכטיג אָפּגעשאַצט, שפּריצט מען דאָס בלוט אויף דעם אויבערשטען טייל פון דעם מזבח.

און מיר לערנען אין דער היינטיגער סדרה „ושחט אותו על ירך המזבח צפונה", זאָגט דאַרויף ר' נחום טשערנאָבעלער ז"ל אַ טייער וואָרט, און וואויל איז צו די יעניגע וואָס נעמען עס זיך אריין אין קאָפּ אַריין: די געפעהר־ליכסטע דריי תאוות וואָס רואינירען אַ מענשען, מאַכען אים אומגליקליך, און וועלכע ער מוז באַקעמפען מיט אַלע כוחות זיינען די תאוות צו עסען, זיך צו יאָגען נאָך געלט, און נאָך פרויען. און אויף די דאָזיגע דריי תאוות איז מרמז דער דאָזיגער פּסוק, „ושחט אותו", אויב איינער וויל מיט אַן אמת „שעכטען" דעם יצר הרע, אויב ער וויל אים טאַקע בייקומען, איז מוז ער אויסראָטען די דאָזיגע דריי תאוות, נעמליך, „על ירך, פרויען; המזבח, די תאווה פון זיין להוט נאָך דער אכילה; און „צפונה", די תאווה פון געלט. (מצפון זהב יאתה).

און דער תולדות יעקב יוסף ז״ל, זאָגט אויף „קדשי קדשים שחיטתן בצפון״: עס זיינען יידער, פאַראַן מענשן צווישען די יראים ושלמים, און אפילו צווישען צדיקים און קדושים ביי וועמען „שחיטתן בצפון״. ווי נאָר עס קומט צו געלט־זאַכען (צפון, פון „מצפון זהב יאתה״) ווערט זייער גאַנצע פרומקייט אָפּגעשאַכטען. ווען עס קומט צו געלט זאַכען, קענען זיי לײדער ניט ביישטעהן דעם נסיון. זיי פאַרגעסען מיט זייער גאַנצער צדקות, אַז דער עיקר איז ניט געלט, נאָר מורא האָבען פאַר דעם רבונו של עולם.

דער קאָצקער ז״ל האָט אַמאָל געפרעגט אַ חסיד: „האָסט אַמאָל געזעהן אַ לעבעדיגען וואָלף?״ האָט ער געענטפערט „יאָ״. „נו, האָסטו פאַר אים מורא געהאַט?״ „אוודאי האָב איך מורא געהאַט, איך האָב ממש געהאַלטען די נשמה אין די הענט״. האָט געענטפערט דער חסיד. „נו״, האָט דער רבי געפרעגט, „בעת דו האָסט געציטערט, האָסטו געוואוסט אַז דו האָסט מורא?״ „ניין״, האָט דער חסיד געענטפערט, „פון גרויס שרעק האָב איך אפילו ניט געטראַכט וועגען מורא״. „אָט אַזוי״, האָט דער קאָצקער געזאָגט צום חסיד, „דאַרף אַן אמת׳ער ירא שמים מורא האָבען פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט. ער דאַרף אַזוי מורא האָבען, אַז ער זאָל אפילו ניט וויסען און פיהלען אַז ער האָט מורא״.

פאַרשטעהט זיך אַז אַ מענש דאַרף זיך באַמיהען צו פאַרדינען געלט. אָבער ער דאַרף וויסען אַז געלט איז בלויז אַ מיטעל צו קענען האָבען אויף חיונה, אויף צו געבען צדקה. עס איז בלויז אַ מיטעל, אָבער עס טאָר ניט ווערען קיין ציעל. געוויס דאַרף אַ מענש עסען. אָבער ער דאַרף געדענקען אַז מען דאַרף עסען צוליב דעם געזונט, צוליב לעבען, און ניט לעבען צוליב דעם עסען. עסען, ווי געלט, איז בלויז אַ מיטעל, אָבער ניט קיין צוועק.

דער פשיסכער ז״ל האָט אַמאָל באַמערקט אַז דאָס וואָס אונזערע חכמים ז״ל זאָגען אַז אַ מענש דאַרף עסען „פת שחרית״, מיינען זיי ניט גלאַט עסען, נאָר זיי מיינען אַז ווען אַ איד שטעהט אויף אין דער פריה פון דעם שלאָף, דאַרף ער לערנען אַ בלאַט גמרא. ווארום דאָס וואָרט „פת״ באַטרעפט פיער הונדערט און אַכציג, פונקט ווי דאָס וואָרט תלמוד.

דאַרף טאַקע אַ איד האַלטען אין איין לערנען. ווארום דאָס איז דער עיקר. אָבער מען דאַרף לערנען ניט צוליעב ווייזען יענעם אַז מען קען, נאָר טאַקע צו־ליעב וויסען. אַ געוויסער מחבר פון ספרים האָט זיך אַמאָל געטראָפען מיט אַ געוויסען היסטאָריקער. רופט זיך אָן דער מחבר צום היסטאָריקער וואָס איז ניט געווען קיין געוואַלדיגער למדן און אַ בקי בש״ס ופוסקים געוויס ניט, „פון וואַנען נעמט איר דאָס די אַלע מראי מקומות אין אייער געשיכטע? צווישען אונז גערעדט,, איר ווייסט דאָך אַליין אַז איר זענט גאַנץ ווייט פון לומדות?״ ענטפערט אים דער היסטאָריקער, „נו און פון וואַנען קומט אייער בקיאות?״ „נאָר וואָס דען, איר זוכט, געפינט איר, זוך איך אויך, און איך געפין״. אָבער עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען מיין זוכען און אייער זוכען, איך זוך אַן אבדה, אָבער איר זוכט אַ מציאה״, האָט דער מחבר אים געענטפערט.

דאַרף טאַקע אַ איד זיצען און לערנען, ניט כדי צו „קענען״, נאָר כדי צו לערנען. מען האָט אַמאָל געפרעגט איינעם צי קען ער טאַקי אַזוי פיעל לערנען ווי מען זאָגט, האָט ער געענטפערט: „ווי האָב איך צייט צו קענען, אַז

איך האַלט אין איין לערנען". (געהערט פון הגאון ר' חיים העליר נר"ו). און פאַרדינען אויף עסען דאַרף מען אויך. אָבער מען דאַרף ניט איבערטרייבען די מאָס איןביידע אופנים. מען דאַרף לערנען און אויך פאַרדינען פרנסה. ווי זאָגען די חכמים ז"ל „אם אין קמח אין תורה", אם אין תורה אין קמח".

און ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן ז"ל, לעמבערגער רב, האָט געזאָגט: „עס שטעהט אין דער היינטיגער סדרה „כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו". שאור און דבש זיינען דאָך אייגענטליך צוויי עקסטרעמען. לויט זייערע אייגענ־שאַפטען און טעם זיינען זיי פונקט דער היפוך איינס פון אַנדערען. און פאַר־וואָס האָט די תורה ניט געהייסען מקטיר זיין פון ביידע? ווייל עקסטרעמען זייגען שעדליך, און מען דאַרף זיך פון ביידע דערווייטערען. אַ מענש דאַרף זיך אויסקלייבען דעם „דרך המלך", דעם מיטעל וועג.

אַ איד דאַרף לערנען און ער דאַרף אין זינען האָבען פרנסה. עס איז ניט נויטיג, זיך צו ערווערבען איינס אויף דעם חשבון פון דעם צווייטען. אַ איד דאַרף אין זינען האָבען שלמה המלך'ס עצה וועגען „עת", צייטען. מען דאַרף זיך באַשטימען אַ צייט ווען צו לערנען, און אַ צייט צו פאַרדינען פרנסה. און דער וואָס ווייסט ווי אַזוי איינצואָרדענען די צייט אַז ער זאָל קענען טהון ביידע זאַכען, איז וואויל און גוט צו אים אויף ביידע וועלטען.

און אַז מען לערענט דאַרף מען זעהן אַז דאָס לערנען זאָל עפּעס אויס־לערנען דעם לערנער. אַ חסיד האָט זיך אַמאָל באַריהמט פאַר דעם פשיסכער ז"ל, אַז ער האָט אויסגעלערענט גאַנץ בבא בתרא. „אַזוי, האָט דער פשיסכער זיך פאַרוואונדערט", נו, און וואָס האָט בבא בתרא דיך אויסגעלערענט"?

צו

הערט אַ מעשה שהיה: קהל אין אַ שטעדטעל האָט פּלוצים באַדאַרפט האָבען אַביסעל געלט אויף אַ זעהר נויטיגען צוועק, אָון עס איז אָבער ניט געווען פון וואַנען צו נעמען. האָט מען, ווי דער שטייגער איז ביי אידען, פאַררופען אַן אסיפה, געקנייטשט די שטערענס און געזוכט פּלענער ווי אַזוי צו שאַפען די נויטיגע סומע. זיינען מיר דאָך אָבער אַ „קלוג״ פאָלק, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער, און ער האָט געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג: „רבותי, היות ווי אין אַלע בתי מדרשים אין שטעדטעל מאַכט מען דאָך יעדען פריה־מאָרגען נאָך דעם דאַווענען „קידוש״, און יעדער איינער טרינקט אויס עטלי־כע קעלישקעס (גלעזלאַך, כוסות) בראַנפען, וואָלט איך געמאַכט דעם פאָל־גענדען פאָרשלאַג: מען זאָל אַוועקשטעלען אַ ליידיג פאַס אין שטאָדט־בית־מדרש, יעדער איינער זאָל נאָך דעם דאַווענען טרינקען איין גלעזעלע וויניגער, און דאָס דאָזיגע גלעזעלע שנאַפּס זאָל ער אריינגיסען אין פאַס אַריין. אין אַ קורצער צייט אַרום וועט זיין אַ פול פאַס בראַנפען, וועט מען עס פאַרקויפען און מיר וועלען האָבען די נויטיגע סומע געלט״.

און וואָס מיינט איהר האָט זיך געטראָכט דער דאָזיגער „פאָרשלעגער״? גאָר פּשוט: דאָס געלט וועט טאַקע געשאַפען ווערען, און אים וועט עס גאָר־ניט אָנרירען, וואָרום ער האָט זיך געטראַכט, יעדער איינער וועט דאָך אַריינ־גיסען אַ גלעזעלע בראַנפען, אָבער ער וועט אַריינגיסען אַ גלעזעלע וואַסער.

איז געוויינליך, אַז מען מאַכט אויף אַן אסיפה אַ פאָרשלאַג, אַמפּערט מען זיך דאָך אַרום שטונדען לאַנג. אָבער דאָ, ווי נאָר ער האָט געענדיגט דעם פאָרשלאַג, האָבען אַלע ווי איינער אים תיכף אַנגענומען אָהן שום דעבאַטעס. וואָרום, פאַרשטעהט איר מיך, מיר זיינען דאָך עפּעס אַן „עם נבון וחכם״, אַ דורכגעטריבען פאָלק, האָט זיך יעדער איינער געטראַכט: אַ טייערער פאָר־שלאַג, וואָס אַרט עס מיך, יעדער איינער וועט אַריינגיסען אַ גלעזעלע בראַנפען, אָבער איך וועל אַריינגיסען אַ גלעזעלע וואַסער, איז אי דאָס געלט וועט גע־שאַפען ווערען, אי מיך וועט עס גאָרניט אָנרירען. נו, און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף? יעדער איינער האָט געבראַכט אַ גלעזעלע וואַסער, און נאָך אַ פּאָר וואָכען האָט קהל געהאַט אַ פול פאַס... וואַסער!

און ווי באַוואוסט, האַלטען מיר אידען זיך פאַר גאַנצע חכמים. מיר געהען אפילו אַזוי ווייט און זאָגען, אַז דער גוי פאַרשטעהט איבערהויפּט גאָרניט. אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט אַ צווייטען אידען: צו וואָס, אייגענט־ליך, דאַרף אַ גוי אַ קאָפּ, אַז קיין תפילין לייגט ער ניט, קיין היטעל טראָגט ער ניט, און קיין שכל האָט ער ניט? האָט דער צווייטער איד אים געענטפערט: „אַ גוי האָט אַ קאָפּ כדי אַ איד זאָל האָבען וואָס צו פאַרדרעהען״.

איז המצאות און גוטע ווערטלאך פעהלען אונז טאקע ניט, אבער מיט דעם אלעם פארדרעהען מיר זיך אליין דעם קאפ. אפט מאל איבערשפיצלען מיר זיך אליין.

אנטקעגען וואס זאג איך דאס? אנטקעגען דעםווארט „צו" אין דער היינטיגער סדרה: און דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה׳ן, אזוי צו זאגען „צו את אהרן ואת בניו". און עס ווערט דערצעהלט אלץ וועגען קרבן עולה. ווי באוואוסט האבען די כהנים באקומען חלקים פון אלע קרבנות, א חוץ פון קרבן עולה, וואס איז אינגאנצען פארברענט געווארען. זאגען די חכמים און רש״י ז״ל אויף דעם צו את אהרן: „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס". אזוי ווי פון דעם קרבן עולה האבען דאך די כהנים גארניט, איז דעריבער נויטיג געווען זיי צו ווארנען און ספעציעל אויפמערקזאם מאכען, אז אויך די דינים וועגען קרבן עולה, זאלען זיי גרינד־לעך איינלערנען מיט דעם פאלק, כאטש ביי קרבן עולה פארדינען זיי גארניט.

ווארים אונזער תורה איז דאך קלוג ווי דער טאג, האט זי דאך געוואוסט, אז עס קען זיך געפינען אמאל א כהן א „חכם", ווי יענער איד מיט דער המצאה פון דעם „גלעזעל־וואסער". זאגט זי משה׳ן „צו", דו זאלסט געביטען די כהנים אזוי און אזוי. אהן שום המצאות, אהן שום פארשלאגען, נאר אזוי זאלען זיי טהון ווי עס שטעהט געשריבען.

דער בריסקער רב, ר׳ יאשע בער ז״ל, איז אמאל געקומען אומגעריכט אין א שטעדטעל אויף שבת, און ביי שלש־סעודות האט אויסגעפעהלט חלה־לאך, האט ער זיך שטארק מצטער געווען. האט זיך אנגערופען א בעל הבית א למדן: „רבי, מה רעש? זאגט א שטיקעל תורה, און מיט תורה קען מען דאך אויך יוצא זיין שלש סעודות, און דער עולם וועט דאך, אגב, דערפון עפעס נאשען". האט דער רב געענטפערט: „אמת, עס קען דאך, אבער, קומען איינער און אפפרעגען, וועל איך דאך בלייבען אי אהן תורה אי אהן שלש־סעודות. אבער א שטיקעל חלה מיט הערינג, קען קיינער ניט אפפרעגען". האט די היינטיגע סדרה אנגעשריבען „צו", טהו אזוי ווי עס שטעהט גע־שריבען, אהן שום אפפרעגעכצען.

און די סדרה זאגט אונז „היא העולה על מוקדה על המזבח". זאגט דערויף די גמרא, אז א קרבן עולה ווערט געבראכט, כדי מכפר צו זיין אויף זינדיגע געדאנקען. און דערפאר טאקע האט מען דעם קרבן עולה אינגאנצען פאר־ברענט, ווייל די הרהורי־עבירה, דאס טראכטען וועגען טהון אן עבירה, איז נאך פיעל ערגער פון דער עבירה אליין. ווארום אויב איינער טהוט אן עבירה, האט ער זי אפגעטהון און פארטיג. אבער דאס טראכטען פון אן עבירה, איז דאך טאג און נאכט, אהן א סוף.

דאס זעלבע גילט אויך לגבי דער שנאה פון גוים צו אידען. למשל, ווען א גוי שלאגט א אידען, האט ער אים אפגעשלאגען און פארטיג. אבער ווען ער טראכט פון שלעכטס טהון א אידען, איז עס אהן א סוף. וואו ער זיצט און וואו ער שטעהט האלט ער בלויז אין איין טראכטען ווי צו ערגערען דעם אידען.

דער ווארשעווער רב, ר׳ בעריש מייזעלש ז״ל, איז אמאל געפאהרען אין באהן. געגען אים אין וואגאן איז געזעסען א רוסישער פאלקאווניק מיט א הונט. איז ער דאך געווען א שונא־ישראל, איז ער געזעסען און געטראכט

ווי אַזוי וועה צו טהון דעם אידען. ענדליך איז ער געפאַלען אויף אַן המצאה, און ער האָט אָנגעהויבען רופען דעם הונט מיט אַ אידישען נאָמען. איז דאָך אָבער דער רב געווען אַ גרויסער חכם, גיט ער אַ זאָג: „אַ רחמנות נעביך אויף דעם הונט, וואָס ער האָט א אידישען נאָמען". „וואָס איז דאָ דער רחמנות?" האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט: „גאָר פשוט, ווען דער הונט זאָל ניט האָבען קיין אידישען נאָמען, וואָלט ער דאָך געקענט ווערען אַ פּאָלקאָווניק". האָט טאָקע דער רב אים גוט „ארייגעזאָגט". אָבער מיר זעהען אַז טראַכטען שלעכטס איז נאָך ערגער פון טהון שלעכטס, ווייל דאָס טראַכטען האָט נישט קיין סוף.

און ווי איבעראַל אין דער תורה, זעהען מיר אויך אין דער היינטיגער סדרה, ווי די תורה האָלט אין איין באַוואָרענען דעם אידען, זי האָלט זיך אין איין זאָרגען וועגען אים. דער פּסוק זאָגט אונז: „ולבש הכהן מדו בד, ומכנסי בד ילבש על בשרו והרים את הדשן". דער כהן זאָל זיך אָנטהון אין אַ לייוועג־טענעם מלבוש און לייוענטענע הויזען און אָוועקלעגען דאָס אַש אויף דעם מזבח. איז וואָס פאַר אַ מין עבודה איז דאָס פאַר דעם כהן גדול אום יום הכפורים? ערקלערט עס רבי בונים פשיסכער ז״ל אַזוי: די תורה האָט געהייסען דעם כהן גדול איבערבייטען די קליידער און צונויפשאַרען און אַרויסטראָגען דאָס אַש, ווייל ווען דער כהן גדול, דער הייליגסטער איד, איז אַריינגעגאַנגען יום הכפור, דעם הייליגסטען טאָג, אין קדשי קדשים, אין דעם הייליגסטען אָרט, און זייענדיג פאַרטיעפט אין אַזאַ הייליגען מאָמענט, אין לויטער קדושה, בלויז אין רוחניות, וועט ער דאָך זיכער פאַרגעסען מאַטער־יעלע זאַכען, ווי, למשל, צו בעטען אַז אידען זאָלען האָבען פּרנסה. דער־פאַר האָט מען אים געהייסען, אַז אריינגעהענדיג אין קדשי קדשים זאָל ער אָנטהון וואָכעדיגע קליידער און זיך נעמען צו אַ פּשוט'ער, וואָכעדיגער אַר־בייט, כדי ער זאָל זיך דערמאָנען אין די אַלטעגליכע זאָרגען און באַדערפנישען פון דעם פאָלק.

און אַז אונזער תורה האָט זיך אַזוי געזאָרגט פאַר דעם אידען'ס באַדערפ־נישען, היינט וויפיל־זשע דאַרף איין איד זיך זאָרגען פאַר דעם צווייטען, און בפרט נאָך פאַר אָרימעלייט?! זיינען טאָקע אין אַלע דורות געווען אידען, צדיקים, וואָס זייער גאַנצען לעבען פלעגען זיי זאָרגען פאַר אָרימעלייט. אַזוי למשל, איז ר' נחום האָראָדנער ז״ל, באַרימהמט מיט קלייבען נדבות פאַר „זיינע" אָרימעלייט. כאָטש פיעלע קהלות האָבען אים געוואָלט פאַר רב, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, און איז געווען אַ שמש אין דער האָראָדנער חברה ש״ס.

זיין דרך אין קלייבען נדבות איז געווען אַזוי: אינמיטען דער נאַכט פלעגט ער געהן אין שענקען, וויין־קעלערען, וואו חברה פלעגען טרינקען און שפּילען אין קאָרטען, ווייל די לייט זיינען דוקא אַמאָל גרינגער אויף דעם גראָשען. אַריינקומענדיג, פלעגט ער זאָגען: „קינדערלאַך שפּילט, שפּילט, נאָר דער „קאָן" איז פאַר מיינע אָרימעלייט. און אַזוי ווי מען האָט אים שוין געקענט, פלעגט מען אים אַוועקגעבען דאָס גאַנצע געלט, און מאַנכע האָבען נאָך צוגעלעגט פון דער קעשענע. איינמאָל איז ער אריין צו אַ חברה קאָרטענ־שפּילער וואָס האָבען אים ניט געקאָנט. האָבען זיי אים אָפּגעזידעלט און גע־

הייסען אַוועקגעהן. ער, אָבער, האָט געהאַלטען אין איין זאָגען, אַז מיט לײדיגען וועט ער נישט אַוועקגעהן. איז איין יונגאַטש אויפגעשפרונגען און האָט ר׳ נחום׳ען דערלאַנגט אַ פּאַטש. האָט ר׳ נחום צוגעלעגט די האַנט צו דער באַק און געזאָגט: „דאָס האָט איר מיר געגעבען, גו, און וואָס גיט איר פאַר מיינע אָרימעלייט? דער דאָזיגער זאָג האָט אַזוי געריהרט די חברה, אַז זיי האָבען אים איבערגעבעטען, געגעבען אַ היבשע סומע, און זיי האָבען אים נאָך אַרויס־באַגלייט מיט גרויס רעספּעקט.

אָדער נעמט דעם פאַקט: דער זעלבער ר׳ נחום ז״ל, ווען מען האָט אים מכבד געווען מיט סנדק, פלעגט ער זיך באַלד נאָכפרעגען ווי עס געהט דעם בעל ברית. און אויב דער בעל־ברית איז ניט געווען אין אַ גוטען מצב, פלעגט ר׳ נחום פראַווען דעם ברית, און באַזאָרגען די קימפּעטאָרין מיט אַלץ וואָס איז נויטיג. איינמאָל האָט אַ קרעמער אים מכבד געווען מיט סנדק, און ר׳ נחום איז געוואויר געוואָרען, אַז זיין לאַגע איז געדריקטע. אָבער אַזוי ווי ער שפּיעלט די ראָליע פון אַ פאַרמעגליכען בעל הבית, וועט ער דאָך נישט נעמען ביי אים קיין געלט.

איז ר׳ נחום געפאַלען אויף אַן המצאה, אַזוי ווי זיינער אַ באַקאַנטער ליגט אין וואַרשע אין שפּיטאָל, און ער וויל אים שיקען פופציג רובעל, און אַזוי ווי דער בעל הבית פאָהרט זעהר אָפט קיין וואַרשע, בעט ער אים ער זאָל אים טהון די טובה און אים זיי דאָרט איבערגעבען. אָבער אַזוי ווי ער געדענקט ניט אויף דעם מאָמענט דעם אַדרעס, וועט ער אים געבען דעם אַדרעס אַן אַנדער מאָל. ווען דער קרעמער האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט ווען ער וועט פאָהרען קיין וואַרשע, האָט ר׳ נחום אים געענטפערט, אַז עס איילט ניט, ווען ער וועט פאָרען וועט זיין גוט.

דער קרעמער האָט גענומען דאָס געלט, האָט געפראַוועט די שמחה, און ווען ער פלעגט פרעגען ר׳ נחום׳ען וועגען דעם אַדרעס, פלעגט ער ענטפערען אַז ער דאַרף ערשט נאָכקוקען. אַזוי זיינען אַוועק עטליכע חדשים. דעם בעל הבית האָט עס אָנגעהויבען צו געהן מיט דער פּוטער אַרויף, און ער האָט אָפּ־געגעבען ר׳ נחום׳ען דאָס געלט מיט גרויס דאַנק. אָט אַזוי ווייט דאַרף אַ איד טהון צו העלפען דעם אַנדערען. אפילו קריגען פּעטש, צי דאַרפען אויסנוצען פאַרשידענערליי „פאַרטעלען״ אַז דער נצרך זאָל גאָר וועלען נעמען, מוז מען דאָס טהון.

און אַמאָל אַז עס קומט גראָד אויס, אַז מען האָט צו טהון מיט אַ חוצפה׳ניק, דאַרף מען גלאַט וויסען ווי אַזוי אים צו באַהאַנדלען, אַז ווי ער זאָל זיך ניט אויפּרעגען, זאָל ער דאָך קילער ווערען. דער ירושלים׳ער רב ר׳ שמואל סאַ־לאַנט ז״ל, איז ווי באַוואוסט געווען אַ גרויסער חכם אויך אין וועלטליכע עגינים. איינמאָל האָט ער געהאַט עפּעס אַן ענין מיט אַ „תקיף״, און יענער איז אַרויס פון די „כלים״, און ער האָט אויסגעשריען „רבי, איך וועל אייך אויסהאַקען די שויבען״. האָט דער רב אָנגעשטעלט אַן ערענסטען פּנים און אַ זאָג געטהון: „גו, און וואָס מיינסטו, איך וועל שוויגען?!״ „אַזוי, איר וועט ניט שוויגען, וואָס אַ שטייגער וועט איר טהון?״ „וואָס הייסט וואָס״, האָט דער רב אַ שמייכעל געטהון, „איך וועל שיקען רופען דעם גלעזער, ער זאָל אַריינ־שטעלען נייע שויבען״.

און די סדרה זאָגט אונז: „זאת תורת החטאת". אין „איזהו מקומן" ווערט געזאָגט חטאת הצבור והיחיד אלו הן חטאת הצבור — שעירי ראשי חדשים... איז דאָך אַ קשיא: די משנה הויבט אָן מיט „חטאת הצבור והיחיד", און פיהרען פיהרט זי אויס בלויז מיט „אלו הן חטאת הצבור", און וואו איז דער חטאת היחיד? ערקלערט עס רבי ישראל ריזשינער ז"ל אַזוי: אונזערע חכמים ז"ל, זאָגען, אַז דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געהייסען מקריב זיין אַ קרבן ראש חודש, איז כדי מכפר צו זיין אויף דער עוולה וואָס כביכול האָט פאַרקלענערט די לבנה. און דאָס מיינט חטאת הצבור והיחיד. נעמליך, עס איז פאַראַן אַזאַ חטאת, וואָס אַ צבור ברענגט פאַר א יחיד, פאַר דעם יחיד ומיוחד. דער דאָזיגער חטאת איז שעירי ראשי חדשים.

און פאַרוואָס מיינט איר האָט דער אויבערשטער פאַרקלענערט די לבנה, זי איז דאָך געווען פונקט אַזוי גרויס ווי די זון? ווייל זי האָט געהאַט אַ גרויס מויל, און געזאָגט דעם באַשעפער פון דער וועלט: „אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד". עס קען נישט זיין צוויי קעניגען מיט איין קרוין. דערפאַר האָט ער זי פאַרקלענערט.

זיינען אָבער אויך פאַראַן מענשען, וואָס ווייסען ניט, אָדער ווילען ניט וויסען דעם סוד פון צוימען דאָס מויל, נאָר זיי רעדען פאַר פייער און פאַר וואַסער. מען האָט אַמאָל דערוויילט אַ נייעם פרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע, האָט מען געמאַכט אַ באַנקעט און מען האָט זיך אונטערגעלעהנט די הער־צער מיט געפרעגעלטע קאַטשקעס, סטייקס וכדומה, ווי דער שטייגער איז ביי באַנקעטען. פאַרטיג געוואָרען מיט דער סעודה, האָבען די קעלנער (וויי־טערס) געהייסען וואַרטען אויף וואַרעניקעס מיט קעז, און נאָך גוטע מילכיגע זאַכען. איז געוואָרען אַ „ויצעקו": סטייטש, וואָס הייסט עס, צי זיינען מיר חלילה ניט קיין כשר'ע אידען! האָט זיך אָנגערופען דער פאַרזיצער: „שוועסטער און ברידער, באַרוהיגט זיך: אונזער נייער פרעזידענט, זאָל לעבען, הויבט אָן באַלד זיין רעדע. און איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען ער וועט איה"ש ענדיגען, וועלען מיר שוין מעגען עסען מילכיגס.

שמיני

די היינטיגע סדרה רעגולירט אַ טייל פון דער „דיעטע", נעמליך וואָס פאַר פויגעל און פיש מען מעג יאָ עסען, און וועלכע מען טאָר ניט עסען. און דער פסוק זאָגט אויך אַן אהרן הכהן: „יין ושכר אל תשת אתה ובניך אתך...". אַז אהרן הכהן און זיינע זיהן זאָלען ניט טרינקען קיין ווייִן און קיין ביער. איז אַז איר וועט אַריינקוקען אין חומש, וועט איר זעהן, אַז נאָך „תשת" און „אתה" זיינען פאַראַן סימנים פון הפסקה. דערקלערט דער רבי ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל די דאָזיגע פסוקים אויף אַ גלענצענדען אופן: פון די דאָזיגע סימני הפסקה איז אַ רמז, אַן אָנדייטונג, אַז עס זיינען פאַראַן צייטען, ווען עס איז יאָ ערלויבט צו טרינקען אַביסעלע. נעמליך, „אתה ובניך אתך". אַז דו שרייבסט תנאים, צי דו מאַכסט אַ חתונה, מעגסטו טרינקען אַביסעלע. „בבואכם אל אוהל מועד", אַז מען מאַכט אַ חנוכת הבית, שאַדט ניט אַז מען נעהמט אַ גלעזעלע וויין. „ולא תמותו", אַז איינער איז אויפגע־שטאַנען פון אַ געפעהרליכער קראַנקהייט און דאַנקט דעם אלמעכטיגען פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט אים געטהון, מעג מען מאַכען אַ „בורא פרי הגפן". אַ ברכה האָט נאָך קיינמאָל קיינעם ניט געשאַדט. „חוקת עולם", ווען מען פראַוועט אַ ברית, מאַכט ניט אויס, אַז מען לעהנט זיך אונטער דאָס האַרץ מיט אַ גוט ביסעלע משקה. „ולהבדיל בין הקודש ובין החול", פון דער משקה איבער וועלכע מען מאַכט קידוש און הבדלה, דאַרף מען געוויס פאַר־זוכען. „ובין הטמא ובין הטהור", ווען עס קומט דער ליבער יום טוב פורים, וואָס איז אַזוי וויכטיג, אַז אפילו ווען אַלע ימים טובים זאָלען בטל ווערען, וועט פורים בלייבען אַ יום טוב, און מען מאַכט אַ צווישענשייד פון דער טמא המן, ימח שמו, און דעם טהור מרדכי, דאַרף מען געוויס מאַכען אַ כוסה. אדרבה, פורים דאַרף מען גאָר זיין אַזוי בגילופינדיג, אַז מען זאָל ניט וויסען דעם אונטערשייד פון ארור המן, פאַרשאָלטען זאָל זיין המן, ביז ברוך מרדכי, געבענטשט זאָל זיין מרדכי. (באַמערקט, אגב, אז די צאָהל פון די אותיות „ארור המן" באַטרעפט פינף הונדערט און צוויי, פונקט ווי די אותיות פון ברוך מרדכי). „ולהורות את בני ישראל", ווען מען מאַכט אַ סיום, נעמליך „ולהורות", אין דעם זינען פון לערנען, ווען איינער ענדיגט אַ מסכתא, מעג מען פאַרבייסען מיט אַ ביסעלע וויין, כשר'ן, פאַרשטעהט זיך. און ווען איינער מאַכט אַ סיום הש"ס, ער ענדיגט גאַנץ ש"ס, איז אודאי און אודאי אַביסעלע משקה אין פּלאַץ.

אַלזאָ, ווי מיר זעהען, זיינען פאַראַן ברוך השם גענוג געלעגענהייטען ווען מען מעג זיך ערלויבען צו נעמען אַביסעלע משקה. נאָר דער עיקר דאַרף מען זעהן ניט איבערכאַפּען די מאָס. וואָס וואָס, צו פיעל איז איבעריג. איז אין פּרט פון „טרינקען" זיינען מיר אידען טאַקע אויסגעהאַלטען. אפילו שמחת תורה און פורים טרעפט מען אויך ניט קיין שיכור'ע אידען, מאַנכע

זיינען אַמאָל אַביסעלע „פרעהליך״, אָבער שיכור ניט. זעהט איר, ביי „זיי״ איז שוין די זאַך גאָר אַנדערש. זיי וואַרטען אפילו ניט אויף קיין חגא׳לע. אין אַ פּראָסטען מיטוואָך שיכור׳ען זיי זיך אויך אָן, און זיי שעהמען זיך גאָרניט. אָט נעמט דעםביישפּיל: אַ גוי וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערען טראָפּען, פלעגט אָפט קומען שכור אַהיים. זייענדיג אַליין פון אַ פיינער פאַמיליע, פלעגען זיינע קינדער זיך שעהמען דערמיט. איינמאָל איז זיין זוהן געגאַנגען אַהיים, האָט ער דערזעהן אַ שיכור ליגען אין רינשטאָק. איז ער אַריין אין הויז און האָט געבעטען דעם פאָטער, אַז ער זאָל מיט אים אַרויסגעהן אין גאַס אַריין, ער וויל אים עפּעס צייגען. און ער האָט געוויזען דעם פאָטער ווי אַזוי אַ שיכור זעהט אויס, אפשר וועט עס ווירקען אויף אים ער זאָל אויפהערען טרינקען. ווען דער פאָטער האָט עס דערזעהן, האָט ער זיך איינגעבויגען צום שיכור און אים געפרעגט, וואו ער האָט באַקומען אַזאַ „טייערע משקה״.

און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז, אַז משה האָט געצאָרענט אויף אלעזר און איתמר, אהרן הכהן׳ס קינדער, פאַרוואָס זיי האָבען ניט געגעסען דעם קרבן חטאת אין דעם הייליגען פּלאַץ... און אהרן האָט געגעבען משה׳ן אַ תירוץ „וישמע משה וייטב בעיניו״, און משה האָט געהערט און עס איז אים געפעלען. זאָגט דאַרויף רבי מאיר שמחה ז״ל פון דווינסק אַ גוט וואָרט. משה איז געווען צופרידען, ווייל עס איז אים געווען איבערדריסיג וואָס אים קומט אויס שטענדיג צו זיין אַ „מלמד״. ער האָט שטענדיג בעדאַרפט לערנען מיט אַנדערע. עס ווילט זיך דאָך אַמאָל אויך לערנען עפּעס פון אַן אַנדערען. און אָט איצט איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט געהאָט די געלעגענהייט צו לערנען פון יענעם. דאָס מאָל איז ער ניט געווען אַ מלמד, נאָר אַ לומד.

איז טאַקע וואויל און גוט די יעניגע, וואָס האַלטען מעהר פון צו לערנען פון יענעם איידער זיך איינצורעדען, אַז זיי וויסען שוין אַלץ, און האָבען ניט וואָס צו לערנען פון דעם צווייטען. אונזערע חכמים ז״ל האָבען דאָס זעהר גוט פאַרשטאַנען, ווי זיי האָבען פאַרשטאַנען אַלע אַנדערע זאַכען, און זיי האָבען געזאָגט (זעהט פּרקי אבות) „עשה לך רב״, שאַף דיר איין אַ רבי׳ן, אַ לעהרער, אַ מלמד. באַמערקט דאַרויף דער „רוח חיים״ ז״ל: אף כי אינו ראוי להיות לך רב, אפילו ער איז ניט ראוי צו זיין דיין רבי. גאַנץ איינפאַך, ווייל מען קען שטענדיג עפּעס לערנען פון דעם צווייטען — מכל מלמדי השכלתי.

איז וואויל און גוט אויףביידע וועלטען דעם יעניגען, וואָס איז ניט מבטל קיין צייט, און האַלט אין איין לערנען. ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דעם ווילנער גאון׳ס תלמיד־מובהק ז״ל, האָט פאַרשטעהט זיך, טאָג און נאַכט געהאַלטען אין איין לערנען. אפילו איין רגע האָט ער ניט מבטל געווען פון לערנען. האָט ער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען אינעווייניג, האָט ער געלערענט אויסווייניג. אפילו ווען ער פלעגט זיצען מיט מענשען, האָט ער אויך געלע־רענט. אפילו ווען מען פלעגט קומען צו אים זיך שואל עצה זיין וועגען עפּעס, פלעגט ער טראַכטען און לערנען, שאָקלען מיט די ליפּען, געבען אַ תשובה און ווייטער לערנען. האָט מען אים אַמאָל געפרעגט: „רבי, ווי קענט איר אויסהערען מענשען, זיך פאַרטראַכטען וועגען וואָס מען דאַרף ענטפערען, און בעת מעשה לערנען?״ האָט ער געענטפערט: „דאָס איז אַ קלייניגקייט,

כמעט יעדער איד באַוויזט צו דאַווענען, דאָס מויל דאַווענט, און דער קאָפּ טראַכט גאָר עפּעס אַנדערש".

און צווישען די זאַכען וואָס א איד טאָר ניט עסען, רעכענט די היינטיגע סדרה דעם חזיר: „ואת החזיר כי מפריס פרסה הוא". און, ווי באַוואוסט, האַלט מען אַ קאַרגען מענשען פאַר אַ חזיר. איז פאַרוואָס טאַקע רופט מען אַ קאַרגען „דבר אחר"? זאָגט דאַרויף אַ פאָלקס־ווערטעל: ווייל אָפטמאָל איז אַזאַ איינער, וואָס האַלט די הענט פאַרמאַכט, ניט פויל אויף די פיס, „כי מפריס פרסה הוא". ער לויפט זיך עוסק זיין אין קהל'ישע זאַכען, לויפט צו איינעם נאָך אַ נדבה. אויף דעם אַלעם איז ער ניט פויל, „כי מפריס פרסה הוא". יעדער פוס איז דאָפּעלט, און ער זשאַלעוועט ניט זיין מיה, אָבער „גרה לא יגר", זיינס אַ פינפערעל, דאָס וועט איר ביי אים ניט אַרויסקריגען.

יאָ, עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מענשען. דער קעלמער מגיד ז"ל איז אַמאָל געקומען קיין מינסק זאַמלען געלט אויף אַ זעהר נויטיגען צוועק. האָבען אָבער די גבירים אַרויסגעוויזען זייער אמת'ן פרצוף, און ער האָט ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען ביי זיי אַ גראָשען. שבת ביי דעם דאַווענען, ווען אַלע שענסטע בעלי בתים זיינען געווען אנוועזענד, איז דער מגיד אַרויף אויף דער בימה, און ער האָט אויסגערופען: רבותי, איך בין מכריז ומודיע, אַז דער איסור פון חלב־עכו"ם, גוי'אישע מילך, איז ניט חל אויף מינסק. פון היינט אָן און ווייטער מעג מען אין מינסק טרינקען גוי'אישע מילך."

ווען ער האָט געזעהן, אַז דער גאַנצער עולם איז שטאַרק פאַר'חידוש'ט, האָט ער געזאָגט: דער גאַנצער איסור אויף חלב־עכו"ם איז דאָך נאָר צוליב דעם חשש, טאָמער האָט דער גוי אריינגעמישט חזיר מילך. אָבער די שטאָדט מינסק דאַרף דערפאַר ניט מורא האָבען, ווייל די מינסקער חזירים לאָזען זיך ניט מעלקען..." פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס מיינט ניט דוקא מינסק. עס זיינען פאַראַן אַנדערע שטעדט, וואָס האָבען גבירים פון דעם סאָרט.

אָבער מיט דעם אַלעם מוז מען צוגעבען, אַז קיין פאָלק אין דער וועלט גיט ניט אַזוי פיעל צדקה ווי דאָס אידישע פאָלק. איינער מעהר אָדער וויי־ניגער, אָבער אידעלאַך, זאָלען געזונט זיין, געבען. און אַמעריקאַנער גיבען געוויס, איש לפי כוחו, יעדער איד לויט זיינע פינאַנציעלע מעגליכקייטען. און גלויבט מיר, אַז דאָס פאָלק, דער פשוט'ער עמך, גיט אפשר פראָפּאָרציאָ־נעל מעהר פון דעם גביר. אמת, דער גביר גיט טאַקע אַ גרויסע סומע. אָבער אים איז פיעל לייכטער צו געבען אַ גרויסע סומע, איידער דעם דורכשניט־ליכען אידען די פאַר דאָלאַר. ווארום דער דורכשניטליכער מענש גיט די פאַר דאָלאַר וואָס ער שפּאָרט אָפּ ממש פון זיך. אָבער דער גביר גיט פון איבערפלוס. זיינע פאַרגעניגענס פאַרבויגט ער ניט. אָבער דאָס איז אויך אַ מדרגה. איך האָב געהאַט אַ רייכע מומע, אַ צדקת, אַ גרויסע בעלת צדקה, שיינדיל האָט זי געהייסען, פלעגט זי זאָגען, וועגען אַנדערע גבירים, אַז וועה צו די גבירים, זיי מוזען נעבאַך געבען.

די צרה איז בלויז מיט מאַנכע פון אחינו בני ישראל, וואָס זיי זיינען געטיילט אין חברות, און יעדער איינער האַלט זיך פון זיין חברה, פון זיין סאָסייעטי, פון זיין פאַראיין. געוויסער־מאָס איז עס אפשר אַ מעלה. אָבער

על פי רוב איז עס אַ חסרון. ווייל אַ איד דאַרף געבען אויף יעדען גוטען צוועק, יעדען אָרימאַן, יעדער תורה אינסטיטוציע, אפילו ווען עס איז ניט פון זיין חברה.

אָט, למשל, רעכענט די היינטיגע סדרה צווישען די עופות טמאים, צווי־שען די פויגעל וואָס אַ איד טאָר ניט עסען, די „חסידה״. פרעגט די גמרא (חולין סג) למה נקרא שמה חסידה״, פאַרוואָס הייסט זי עפּעס חסידה, און די גמרא ענטפערט: „שעושה חסד עם חברותיה״, די חסידה איז בטבע א באַרמהערציג באַשעפעניש, און זי טהוט חסד מיט אירע חברות. די מפרשים זאָגען, אַז די אַלע עופות וואָס די תורה רעכענט אויס אַלס טמאים, אַלס אומריין, און אַ איד טאָר זיי ניט עסען, איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אכזרים, גרויזאַמע באַשעפענישען, אָהן רחמנות, באַרמהערציגלאָזע באַשעפענישען. איז דאָך די קשיא, פאַרוואָס איז די חסידה טמא, און אַ איד טאָר עס ניט עסען? די גמרא אַליין זאָגט דאָך שעושה חסד עם חברותיה? אַז די חסידה פאַרמאָגט יאָ אַ רחמנות געפיהל? ענטפערט מען דאַרויף בדרך הלצה: די חסידה ווערט דערפאַר גערעכענט צווישען די עופות מטאים, ווייל די „חסידה״ געהערט צו יענעם קלאַס „חסידים״, וואָס אויסער די „חברותיה״, אויסער די אייגענע פון דער זעלבער „סאָסייעטי״, פון דעם זעלבען פאַראיין, געהט זיי קיינער ניט אָן. זיי זאָרגען זיך בלויז פאַר זייערע, פאַר זייערע אייגענע „לאַנדסלייט״, אָבער ניט פאַר אַנדערע.

זעהען מיר, אַז דאָס איז ניט קיין מעלה. אַ איד טאָר ניט זאָרגען בלויז פאַר זיינע „חסידים״, פאַר זיינע לאַנדסלייט. ער דאַרף זאָרגען פאַר יעדען אידען. דער איד, וואָס האָט געוואוינט אין וואַרשע, דאַרף זאָרגען פאַר דעם אידען וואָס האָט געוואוינט אין פּיטשוטש, פּונקט ווי ער זאָרגט פאַר זיין וואַרשאַווער לאַנדסמאַן. ווייל אַלע אידען זיינען איין פאָלק און ווערען ניט רע־גולירט לויט געאָגראַפיע. כל ישראל חברים, כל ישראל ערבים זה לזה. אַלע אידען זיינען איין קלוב, איין סאָסייעטי, איין פאַראיין. פּונקט ווי מען קען ניט אָפּטיילען די גלידער פון דעם קערפּער, אַזוי קען מען ניט מאַכען אַ צווישענשייד פון איין אידען און דעם אַנדערען. אַלע אידען זיינען פאַראַנט־וואָרטליך פאַר איין אידען, און איין איד איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע.

אדרבה, אָט זעהט ווי אונזערע גדולים האָבען זיך אויפגעפיהרט. ר׳ חיים צאַנזער ז״ל איז, ווי באַוואוסט, געווען אַ גרויסער בעל צדקה, אַ מענש מיט אַ בריליאַנטען האַרץ. זיין גאַנץ געלט פלעגט ער צעטיילען צווישען אָרי־מעלייט, אָהן אונטערשייד פון וועלכער שטאָדט זיי האָבען געשטאַמט. ער פלעגט אַלץ צעטיילען, און אַליין האָט ער געלעבט זעהר באַשיידען. ווען ער האָט אויסגעגעבען זיין טאָכטער פאַר דעם הארניסטייפּלער רבין׳ס זוהן, האָט ער, פאַרשטעהט זיך, געמאַכט אַ שעהנעם חתונה־אויסשטייער, אַ גרויסע גאַרדעראָבע, צירונג און אַזוי ווייטער.

עטליכע טעג פאַר דער חתונה איז אַריינגעקומען צו אים אַן אָרימע אידענע און האָט זיך באַקלאָגט, אַז זי איז אַן אלמנה, אַן אָרימע אידענע, זי דאַרף פיהרען די טאָכטער צו דער חופּה, אָבער זי האָט ניט קיין חופּה־קלייד פאַר דער כלה, און זי האָט ניט אויף חתונה הוצאות. האָט דער רבי גענומען זיין טאָכטער׳ס גאַנצען אויסשטייער און האָט עס אַוועקגעגעבען

דער אָרימער אַלמנה. ווען דעם צאַנזער׳ס טאָכטער האָט דאָס דערזעהן, האָט זי געזאָגט: „ווי וועל איך איצט געהן צו דער חופּה?״ האָט דער רבי איר געענטפערט: „נישקשה, מיין קינד, נישקשה, דו וועסט זאָגען, אַז דו ביזט מיין טאָכטער״. אָט אַזוי טהוט אַן אמת גרויסער איד.

ווארום יעדער איד דאַרף שטענדיג אין זינען האָבען דעם צווייטען איד נאָך מעהר ווי זיך אַליין. ניט נאָר איז עס אַ ברכה פאַר דער גוזעלשאַפט ווען איינער זאָרגט וועגען דעם צווייטען, נאָר אפילו ווען איינער האַלט זיך בלויז ניט גרעסער פון דעם צווייטען, איז כביכול צופרידען דערמיט, אַז ער פאַרגיט אפילו די זינד. דער איד הקדוש האָט אַמאָל דערקלערט זיינע חסידים די וויכטיגקייט פון זיך האַלטען איינס, זיך ניט האַלטען שטאָלץ געגען דעם צווייטען אויף פאָלגענדען אופן:

„ווען איך האָב אַלס קינד געלערענט אַלף בית ביי דעם דרדקי מלמד, פלעג איך זיך וואונדערען וואָס פאַר אַ מין אות איז דאָס קליינע פּינטעלע. האָט דער מלמד מיר ערקלערט, אַז דאָס איז אַ „יוד״, און דאַן האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז צוויי „יודין״ צוזאַמען איז דעם אויבערשטען׳ס נאָמען. ווען איך האָב נאָכהער געזעהן צוויי „יודען״ איינע אונטער דער אַנדערער, האָב איך זיי אויך געלייענט „השם״, דעם אויבערשטען׳ס נאָמען. האָט מיין רבי מיר מסביר געווען: אַז די צוויי יודען שטעהען איינער נעבען דעם אַנדערען, און זיינען ביידע גלייך, איינער שטעהט ניט העכער פון דעם אַנדערען, איז אַזעלכע צוויי „יודען״ זיינען כביכול׳ס נאָמען. קוים אָבער שטעהען די צוויי יודען אין דער הויך, איינער איבער דעם צווייטען, איין „יוד״ איז העכער פון דעם אַנדערען, אַזעלכע צוויי „יודען״ זיינען ניט דעם באַ־שעפער׳ס נאָמען, נאָר זיי זיינען אַ הפסק, וואָס טיילט אָפּ איין פּסוק פון דעם אַנדערען. און דערפון האָב איך אָפּגעלערענט, אַז ווען צוויי אידען האַלטען זיך צוזאַמען, זיצען צוזאַמען, טרינקען אַ „כוס״ טהע, אָדער וויין, צוזאַמען, און האַלטען זיך ניט העכער איינער פון דעם אַנדערען, זיינען די צוויי „יודען״ דעם אַלמעכטיגען׳ס נאָמען, און דער אויבערשטער איז זיי אפילו מוחל זייערע זינד. ווארום די ראשי תיבות פון „כוס״ מאַכען ויאמר סלחתי כדבריך״.

און ניט נאָר זיינען פאַראַן אידען וואָס ווילען דוקא זיך האַלטען העכער פון דעם צווייטען ביי דעם לעבען, נאָר עס געהט זיי ממש אין לעבען, אַז אפילו איבער הונדערט יאָהר זאָל זיין קבר זיין שעהנער פון דעם אַנדערענס. עס איז אפילו אַמאָל פאָרגעקומען אַ דין תורה וועגען אַזאַ ענין. אָט הערט:

צוויי אידען האָבען געקויפט „לאָטס״, קברים אויף אַ בית עולם. און אַז אחינו בני ישראל קויפען עפּעס, דאַרף עס דאָך ניט צוגעהן אַזוי גלאַטיג. איז אַרויסגעקומען אַ שטיקעל סכסוך. דאָס שטיקעלע סכסוך האָט זיך געהאַלטען אין איין צוואַקסען און עס האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ ברוגז. און אין וואָס איז באַשטאַנען דער סכסוך? יעדער איינער האָט געוואָלט פאַר זיך דעם בעסערען, שעהנערען קבר. אַזוי ווי מיט דעם אַרומקריגען זיך האָט מען גאַרניט דערגרייכט, האָבען זיי באַשלאָסען זיך צו לאַדען פאַר ר׳ משה איצעל פּאָניעוועזשער ז״ל. בקיצור, מען איז אַוועק צום פּאָניעוועזשער. ביידע האָבען

פאַרגעלייגט זייערע טענות באריכות, און דער רבי האָט געהאָרכזאַם זיך צוגעהערט. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעהערט די טענות, האָט ער אַרויסגעגעבען דעם פסק: „ווער עס וועט שטאַרבען פריהער, דער וועט באַקומען דעם בעסערן קבר.“ זייט דאַן האָבען זיי זיך שוין מעהר ניט געקריגט וועגען דעם.

אַלזאָ, איינס פון די עיקרים וואָס אַ איד דאַרף געדענקען, איז זיך ניט צו האַלטען גרעסער פון דעם צווייטען אידען, ווארום זיך גרויס האַלטען האָט נאָך קיינעם ניט געטהון קיין טובה. אדרבה, מענשען האָבען גאָר פיינט אַזעלכען, און מען רופט אים „סנאָב“. דאַגעגען, זיך האַלטען גלייך איז גאָר אַ פיינע מידה, און עס שאַפט חבר׳ישקייט, איבערגעבענקייט, פריינד־שאַפט און אַלע אַנדערע גוטע זאַכען.

תזריע

„**א**שה כי תזריע וילדה זכר", דערצעהלט אונז די גמרא (נדה ל), אַז ווען דאָס קינד געפינט זיך אין דער מוטער'ס טראַכט, ליגט עס איינגעוויקעלט ווי אַ בוך. די הענטלאַך האַלט עס פאַרלעגט אויף ביידע שלייפען. די עלענבויגענס האַלט עס אָנגעשפּאַרט אויף די קניעס. די פּיסלאַך האַלט עס צונויפגעלעגט הינטערוועגס. דאָס קעפּעלע האַלט עס אַראָפּגעבויגען אין דעם שויסעלע. דאָס מיילכעל איז פאַרמאַכט. דאָס נאָפּעלע איז אָפען, און דורך דעם ערגערט עס זיך פון דעם וואָס די מוטער עסט און טרינקט. און ווען עס קומט די צייט און עס דאַרף אַרויסקומען אויף דער וועלט, הויבט דאָס קינד אָן צו וויינען, און דער מלאך מוז עס מיט געוואַלד אַרויסטרייבען, און ער שרייט אויס „על כרחך אתה חי".

און ווען דאָס קינד איז אַ אינגעלע, ווינשט מען די עלטערען אַז זיי זאָלען דערלעבען און זוכה זיין צו דערציהען דאָס קינד „לתורה לחופה ולמעשים טובים". איז הערט זשע אַ טייערע ערקלערונג אויף אָט דער דאָזיגער „וויג־שעוואַניע": דער ווילנער מורה הוראה, דער באַוואוסטער גאון ר' בצלאל ז"ל, איז שוין אַלס קינד געווען באַריהמט מיט זיין חריפות און בקיאות. פאַר־שטעהט זיך, אַז שדכנים האָבען אָפּגעקלאַפּט די טירען, און צו צוועלף יאָהר איז ער שוין געווען אַ חתן. ווי געוועהנליך האָט מען דעם פאָטער גע־וואונשען צו דערלעבען אים מגדל צו זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים. האָט זיך אָנגערופען איינער פון די געסט ביי די תנאים, אַז איצט איז אים פאַרענטפערט געוואָרען אַ קשיא. אייגענטליך וואָלט מען דאָך געדאַרפט ווינשען לתורה, למעשים טובים ולחופה", דאָס הייסט, מעשים טובים פאַר דער חופה, וואָרום צו טהון מעשים־טובים איז דאָך אַ אינגעל שוין מחויב ווען ער ווערט בר מצוה, ווען ער ווערט אַלט דרייצעהן יאָהר. און צו דער חופה פיהרען איז דאָך ערשט צו אַכצעהן יאָהר, „בן שמונה עשרה לחופה". איז פאַרוואָס זשע זאָגט מען גאָר „לחופה ולמעשים טובים", נמעליך, פריהער חופה און דערנאָך מעשים טובים? נאָר מיט דער ברכה מיינט מען צו ווינשען אַז דאָס קינד זאָל זיין אַזוי געראָטען, און עס זאָלען זיך געפינען אַזויפיעל בעלנים צו וועלען אים פאַר אַן איידעם, אַז אויס מורא אַן אַנדערער זאָל אים ניט אויסכאַפּען, זאָלען זיי אים פיהרען צו דער חופה, נאָך איידער ער וועט דערגרייכען די יאָרען פון מעשים טובים, נאָך איידער ער ווערט אפילו בר־מצוה.

און די היינטיגע סדרה זאָגט אונז: „והסגיר את הנגע שבעת ימים". זאָגט דערויף ר' יונתן אייבישיץ ז"ל: ווי באַוואוסט קומען נגעים אויף אַ מענ־שען דורך די זינד פון לשון הרע, פון רעדען שלעכטס אויף יענעם. און לשון הרע נעמט זיך געוויינליך פון פאַרקעהרען אין שלעכטער געזעלשאַפט. איז

דעריבער „והסגיר את הנגע“, דעריבער דאַרף מען האַלטען אַזעלכען אָפּ־געשלאָסען, מען דאַרף אים האַלטען אָפּגעזונדערט פון מענשען.

דאַרף אַ מענש טאַקע זיין פאַרזיכטיג מיט דעם מויל, מען דאַרף זיך היי־טען מיט אַ וואָרט. מען דאַרף קלייבען די ווערטער מיט מעהר פאַרזיכטיגקייט ווי מען קלויבט פערל. און מען דאַרף צעהלען די ווערטער נאָך מעהר פאַר־זיכטיג ווי מען צעהלט געלט. דאָס ניט אַרויסזאָגען אַן איבעריג וואָרט, צי דאָס ניט אַרויסזאָגען אַ שלעכט וואָרט האָט נאָך קיין מענשען ניט גע־בראַכט קיין שאָדען.

מיר דאַרפען זיך נעמען אַ ביישפּיעל טאַקע פון אונזער תורה. די תורה זאָגט „וכל הבהמה אשר איננה טהורה“, און יעדער בהמה וואָס איז ניט ריין. די תורה וואָלט דאָך געוועז געקאָנט שפּאָרען ווערטער און זאָגען קורץ וכל הבהמה הטמאה, יעדע אומריינע בהמה! נאָר וואָס דען, די תורה רעדט בלשון נקיה, מיט אַ זויבערער שפּראַך, שעהנע ווערטער. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָרט וואו די תורה לעגט אַנידער אַ דין און דאַרף זאָגען אַז די און די בהמה צי דער און דער פויגעל איז טמא, זאָגט זי דאָס אָפען, און נוצט דעם נויטיגען אויסדרוק, ווי למשל, דאָס וואָרט „טמא“. אָבער דאָרט וואו די תורה זאָגט ניט אַ דין, נאָר דערצעהלט זיך אַזוי עפּעס, דאָרט מייד דער פּסוק אויס אַ פּשוט׳ערען אויסדרוק און באַנוצט אַ ראַפינירטע שפּראַך, ווי למשל אַנשטאַט צו זאָגען „אומריין“, לייגט דער פּסוק אויף ווערטער און באַנוצט דעם פיינערען אויסדרוק „ניט ריין“.

און אַזוי אויך אונזערע גדולים. די חכמים ז״ל, מאַכען אויפמערקזאַם אויף פיעלע ערטער אַז מען זאָל זיין פאַרזיכטיג מיט די ווערטער. און כאָטש „חכמים הזהרו בדבריכם“ איז דאָך דער טייטש „חכמים“, היט זיך מיט אייערע ווערטער, מיט אייער רעדען, ערלויב איך זיך, אני הקטן, צוצוגעבען נאָך אַ טייטש, נעמליך, „חכמים“, ווילט איר זיין קלוג — „הזהרו בדבריכם“, איז זייט זשע פאַרזיכטיג מיט אייער רעדען. און אויסער דעם וואָס די תלמודישע און מדרש׳ישע ליטעראַטור האַלט אין איין ראָטען צו זיין פאַרזיכטיג מיט אַ וואָרט, האָבען עס אונזערע גדולים טאַקע פּראַקטיצירט אין לעבען. פאָל־גענדער ביישפּיעל איז אַ גענוגענדער באַוויז:

ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער ז״ל, פלעגט זיך זעהר היטען מיט אַ וואָרט. פון לשון הרע איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר אפילו אַזוי האָט ער ניט אַרויסגע־רעדט אַ וואָרט וואָס זאָל עמיצען פאַרשאַפען דעם מינדסטען עגמת נפש. איינמאָל האָט איינער געזאָגט זאַכען וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט גע־פלויגען, און עס איז פּשוט נויטיג געווען, אַז דער רבי זאָל יענעם זאָגען „דו ביזט אַ ליגנער“. האָט ער דאָך אָבער ניט געוואָלט ברענגען פאַר דעם מויל דאָס וואָרט „ליגנער“ אָדער „שקרן“, האָט ער אַזוי געזאָגט: אָט יענער איז אַ מורא׳דיגער בעל זכרון. זיין געדעכניש איז געוואַלדיג. פאַראַן איינער וואָס געדענקט וואָס עס איז געשעהן מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. איינער געדענקט זאַכען וואָס האָבען פּאַסירט מיט פערציג יאָהר צוריק. אַ גאָר גרויסער בעל זכרון געדענקט זאַכען פון פאַר פופציג יאָהר. אָבער דער־אָ האָט אַזאַ געוואַלדיגען זכרון, אַז ער געדענקט אפילו זאַכען וואָס האָבען קיינמאָל ניט פּאַסירט. אין תוך גענומען מיינט עס טאַקע אַז דער „אָט־אָ“

איז אַ ליגנער. אָבער עס איז פּאַרט געזאָגט אויף שעהנעם, ראַפינירטען אופן. און דאָס איז אַז מען מוז שוין, אָבער אַז מען איז ניט געצוואונגען, דאַרף מען געוויס זיין פאָרזיכטיג מיט יעדער וואָרט.

האָט דאָך שוין דער גרעסטער חכם אין דער וועלט, אונזער שלמה המלך געזאָגט: „מות וחיים ביד לשון”. די צונג האָט שוין פיעלע מענשען אומגליקליך געמאַכט אויף פאַרשידענע אופנים, און פיעלע מענשען האָט זי גליקליך געמאַכט. עס איז אַלץ אָפּהענגיג פון דער מאָס פאָרזיכטיגקייט מיט וועלכער דער מענש היט די צונג. אָט הערט אַ מעשה וואָס ווערט דערצעהלט אין מדרש תהלים:

דער קעניג פון פרס איז אַמאָל קראַנק געוואָרען. ווי עס פיהרט זיך ביי אַ מלך, האָט מען געבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים און פראָפעסאָרען. און אַלע דאָקטוירים זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר איין מיטעל קען ראַ־טעווען דעם מלך׳ס לעבען, נעמליך ער זאָל טרינקען מילך פון אַ לייבין. ווי נאָר ער וועט טרינקען מילך פון אַ לייבעכע וועט ער געזונט ווערען. אָבער ווי זשע קען מען דאָס באַווייזען? וועלכער מענש וועט זיך איינשטעלען צוצו־געהן צו אַ לייבעכע, און נאָך מעלקען מילך?

האָט מען באַלד אַוועקגעשיקט אַ ספּעציעלען שליח צו שלמה המלך, ער זאָל געבען עפּעס אַן עצה. האָט דער מלך שלמה געשיקט רופען זיין אַדיוטאַנט בניהו בן יהוידע, און ער האָט אים געפרעגט, צי ווייסט ער נישט אַמאָל ווי אַזוי מען קען אַרויסבאַקומען מילך פון אַ לייבעכע. האָט דער אַדיוטאַנט אים געענטפערט: „אדוני מלך, גיב מיר צעהן ציגען, און איך וועל דיר ברענגען לייבען־מילך”.

האָט דער קעניג שלמה געהייסען אים געבען צעהן ציגען, און דער אַד־יוטאַנט איז אַוועק מיט זיי צו אַ לייבען־גרוב, וואו אַ לייבעכע האָט געזויגען איר יונג לייבעלע. דעם ערשטען טאָג האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פון דער ווייטענס, און ער האָט צוגעוואָרפען דער לייבעכע אַ ציעג. דעם צווייטען טאָג איז ער אונטערגעגאַנגען אַביסעלע נענטער, און ער האָט ווידער צוגע־וואָרפען אַ ציעג. דעם דריטען טאָג איז אונטערגעגאַנגען נאָך אַביסעלע נענ־טער און ווידער צוגעוואָרפען אַ ציג. אַזוי האָט ער געטהון יעדען טאָג. ער איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען אַלץ נענטער און נענטער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער סאַמע הייל. ער איז געוואָרען אַזוי היימיש מיט דער לייבעכע, אַז זי האָט אים ניט געטשעפּעט, און ער האָט אָפּגעצאַפּט פון איר אַ קרוג מילך. ער האָט די מילך געבראַכט צו שלמה המלך, און מען האָט עס איבערגעגעבען דעם שליח, ער זאָל עס ברענגען דעם קראַנקען קעניג פון פרס.

אויף דעם וועג אַהיים, ווען דער שליח איז געוואָרען מיד, האָט ער זיך אַנידערגעלעגט אָפּצורוהען, און ער איז איינגעשלאָפען. האָט זיך אים געחלום׳ט, אַז די אברים פון זיין קערפּער פיהרען אַ היציגע דעבאַטע. יעדער איינער פון זיי טענה׳ט, אַז דאָס וואָס דעם שליח איז געלונגען זיין שליחות, און דער קעניג וועט דורך דעם געזונט ווערען, איז אַ דאַנק בלויז אים. די פיס האָבען גע׳טענה׳ט, אַז ווען זיי וואָלטען ניט געגאַנגען וואָלט דאָך דער שליח ניט געווען געקומען צו שלמה המלך. די הענט האָבען גע׳טענה׳ט, אַז זיי זיינען גאָר דער עיקר, וואָרום ווען זיי טראָגען ניט די מילך, ווי אַזוי וואָלט עס געקו־

מען צום קראַנקען מלך. און די אויגען האָבען געזאָגט אַז זיי זיינען גאָר דאָס „אויבערשטע פון שטויסעל". ווארום ווען זיי ווייזען ניט דעם וועג, וואָלט דער שליח געהאַט אַ שעהן פּנים מיט זיין גאַנצען שליחות. אַט אַזוי האָט יע־דער אבר גע'טענה'ט, אַז ער איז דער עיקר, און ווען ניט ער וואָלט די גאַנצע אַרבייט געווען אומזיסט. ווען די צונג האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט האָט זי אויך גענומען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע, און זי האָט געזאָגט: „חברים מיטגלידער! אייערע אַלע רייד זיינען גאָרנישט ווערט. ווען איך זאָל ניט געווען רעדען, וואָלט איר אַלע גאָרניט געווען אויפגעטהון".

ווען די אברים האָבען דאָס דערהערט, זיינען זיי אַלע אויפגעטראָגען גע־וואָרען, און זיי זיינען אַרויס מיט לשון געגען דער צונג: דו אַזוי און אַזוי, ווי וואָגסטו עס עפּעס זיך צו פאַרגלייכען מיט אונז? דו ליגסט אין דער פינסטער, אָפּגעשלאָסען אין מויל, און מען זעהט דיך דאָך אפילו ניט אַרויס. דו ביסט פאַרשפּאַרט מיט אַ דאָפּעלטען שלאָס, איינעם פון ביין, די ציין, און איינעם פון פלייש, די ליפּען. דו פאַרמאָגסט דאָך אפילו נישט קיין שטיקעל ביין אין זיך, ווי וואָגסטו עס אַזוי צו רעדען צו אונז?

האָט די צונג זיך געפונען שטאַרק באַליידיגט, און זי האָט געענטפערט: „אויב עס איז יאָ אַזוי, וועלען מיר שוין זעהן ווער עס איז דער עיקר, איר וועט שוין זעהן ווער עס געוועלטיגט איבער ווּעמען".

דערווייל האָט דער שליח זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך געוואונדערט איבער דעם דאָזיגען חלום, און ער האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. אַ גאַנצען וועג האָט ער געהאַלטען אין איין טראַכטען, וואָס אייגענטליך באַ־דייטעט דער דאָזיגער חלום. און ער האָט אַזוי געטראַכט און געטראַכט ביז ער איז אָנגעקומען צום קראַנקען קעניג'ס פּאַלאַץ. קומענדיג אַהין, איז ער מיט גרויס פרייד אריין צום קעניג, און ער האָט אויסגערופען מיט גרויס פרייד: „אדוני קעניג, אַט האָב איך געבראַכט די מילך פון אַ הונט, וואָס וועט זיין דעם קעניג צו רפואה".

ווען דער קעניג האָט דערהערט די ווערטער „מילך פון אַ הונט", איז ער שרעקליך אין כעס געוואָרען, און ניט טראַכטענדיג קיין סעקונדע, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל דעם שליח אויפהענגען. באַלד זיינען צו־געלאָפען סאָלדאַטען, גענומען דעם שליח אונטער די הענט, און מען האָט אים געפיהרט צו דער תליה. האָבען אַלע אברים אָנגעהויבען צו ציטערען פון שרעק, און זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

האָט די צונג זיך אָנגערופען צו זיי מיט אַ שמייכעלע: „נו, חברים מיט־גלידער, וואָס זאָגט איר איצט? איצט זעהט איר שוין, אַז דער עיקר בין איך, אַז אָהן מיר האָט איר אַלע קיין שום ווערט ניט? זעהט איר ווען איך זאָל בלויז וועלען, קען איך נאָך אייך אַלעמען ראַטעווען; אָבער מיט איין תנאי, נעמליך, אַז איר זאָלט אַלע מודה זיין, און אָנערקענען, אַז איך בין דער עיקר, אַז איך בין הערשער איבער אייך. אויב איר באַשטעהט דערויף וועל איך אייך ראַטעווען פון אַ זיכערען טויט. זענט איר מסכים?"

איז אויסער דעם וואָס די אברים זיינען געווען שטאַרק דערשראָקען, האָבען זיי זיך נאָך געפיהלט שטאַרק פאַרשעמט. אָבער וואָס האָבען זיי געקאָנט

טהון? טויט איז דאָך נאָך ערגער. האָבען זיי ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און פאַרשעמטע און דערשראָקענע האָבען זיי געענטפערט: „יאָ, מיר באַ־שטעהען, אַבי ראַטעווע אונז".

איז באַלד די צונג געוואָרען ריידעוודיג, און זי האָט אָנגעהויבען פאַ־דערען פון דעם תליון, אַז מען זאָל באַלד צוריקפיהרען דעם שליח צום קע־ניג, ווייל עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אויסערגעוויינליך וויכטיגען ענין. האָט דער תליון צוריקגעפיהרט דעם שליח צום מלך.

אַריינקומענדיג צום קעניג האָט די צונג אָנגעהויבען: „אדוני המלך, דו האָסט באַפוילען צו הענגען דעם שליח דערפאַר ווייל ער האָט געזאָגט „מילך פון אַ הונט" אַנשטאַט „מילך פון אַ לייבעכע". מעלדע איך געהאָרכזאַם, אדוני קעניג, אַז אין יענע ווייטע ערטער רופט מען אַ „לייב" — „הונט". און צוויי־טענס, ערלויב איך זיך אויפמערקזאַם צו מאַכען זיין מאַיעסטעט, אַז עס איז גאָרניט קיין נפקא מינה, ווי אַזוי די מילך הייסט. דער עיקר איז אַז מען האָט פון איר די אמת׳ע רפואה, און אַז זיין מאַיעסטעט דער קעניג, וועט פאַרזוכען די מילך, וועט ער זעהן, אַז ער וועט געהאָלפען ווערען".

נאָך דעם ווי די צונג האָט אָפּגערעדט דאָס איהריגע, האָט דער מלך פּרו־בירט פאַרזוכען די מילך. אַזוי ווי דאָס פאַרזוכען אַליין האָט אים שוין אַביסעלע געהאָלפען, האָט ער אָנגעהויבען צו טרינקען. און ווען ער האָט אויסגעטרונקען די גאַנצע מילך, איז ער גלייך געהאָלפען געוואָרען, און ער איז געוואָרען געזונט ווי פריהער.

אַלע אברים האָבען זיך צוגעגעבען אַז דער עיקר, דער אמת׳ער געוועל־טיגער איבער אַלע אברים, איבער דעם גאַנצען מענשליכען קערפער, איז די צונג, ווארום „מות והחיים ביד לשון" — טויט און לעבען איז אָפּהענגיג פון דער צונג.

אַלזאָ, דער דאָזיגער מדרש דערצעהלט אונז ניט בלויז אַ שעהנע מעשה, נאָר דער צוועק פון דער דאָזיגער מעשה איז דער מוסר השכל, די לעקציע וואָס מיר דאַרפען דערפון אַרויסלערנען. און די לעקציע איז, אַז די צונג באַזיצט אַ געוואַלדיגען כוח. זי קען אומגליקליך מאַכען מענשען, און זי קען אויך ראַטע־ווען מענשען אפילו פון טויט. דאַרף דער מענש זיין אויסערסט פאָרזיכטיג מיט זיין מויל. ער דאַרף גוט איבערטראַכטען איידער ער זאָגט אַרויס אַ וואָרט. אָבער אויסערסט וויכטיג איז עס זיך צו היטען פון לשון הרע, פון ניט באַרעדען יענעם, ניט רעדען קיין רכילות, ניט טראָגען קיין פליאַטקעס. ווארום לשון הרע האָט אין זיך אַזאַ פינסטערען כח, אַז עס טויטעט דריי מענשען, דעם וואָס רעדט לשון הרע, דעם וואָס הערט זיך צו צו לשון הרע, און דעם וועגען וועמען לשון הרע ווערט גערעדט. איז לאָמיר זשע זיין פאָרזיכטיג מיט דעם וואָרט, וועט אונז זיין וואויל און גוט אויףביידע וועלטען.

מצורע

א חסיד איז אַמאָל געקומען צו דעם אַלעקסאַנדערער רבי׳ן ז״ל, און ער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אַז שוין אַ לענגערע צייט ווי ער ליידט פון אַ הוסט, וואָס מאַטערט אים אָהן אַן אָפּלאָז. ער איז שוין געווען ביי דאָקטוירים, גענוצט אַלע רעצעפּטען, אָבער דער הוסט טהוט זיך זיינס. און ער האָט גע־בעטען דעם רבי׳ן אַ סגולה. געלייענט האָט מען אין יענער וואָך „תזריע״ און „מצורע״. האָט דער רבי צו אים אַ זאָג געטהון: „ווי קומט עס אַז דו זאָלסט געהן געגען דער תורה? אין דער היינטיגער סדרה (תזריע) שטעהט דאָך בפירוש „והתגלח״, והת־גלח, דער גלח זאָל היסען!״

צי דער דאָזיגער מיטעל האָט געהאָלפען, ווייס איך ניט. אָבער די מעדיצין וואָס אונזער תורה הייסט נעמען, איז זיכער גוט. די אַלטע גריכען האָבען געזאָגט אַז אַ „געזונטער קערפּער ענטהאַלט אַ געזונטען גייסט״. האָט דאָס אונזער תורה שוין געוואוסט מיט אַ פּיער טויזענט יאָר צוריק. דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר אַ געזונטען קערפּער איז ריינקייט. גיט אונז די תורה אַ גאַנצע רייהע געזעצען, פאָרשריפטען, רעגולאַציעס ווי אַזוי צו פיהרען אַ ריין, היגיעניש לעבען. די גמרא שטרייכט אונטער אַז „רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום בשביל קונו״ (שבת נ׳), אַז אַ מענש דאַרף זיך וואַשען יעדען טאָג דאָס פּנים, די הענט און די פיס צוליב זיין באַשעפער. דער מענש איז דאָך באַשאַפען געוואָרען „בצלם אלקים״, אין כביכול׳ס געשטאַלט. דער אַלמעכטיגער איז דאָך די ריינקייט אַליין, די פּערפעקציע פון דער אַלער־ריינסטער ריינקייט. דאַרף דער מענש האַלטען דאָס געשטאַלט דעם קערפּער ריין. און אַז דער קערפּער איז ריין, איז די נשמה, דער גייסט, דער מוח זויבער, קלאָר.

אונזערע חכמים ז״ל געהען אפילו אַזוי ווייט און זאָגען בפירוש: „אסור לדור בעיר שאין בה לא רופא ולא מרחץ . . .״ (ירושלמי סוף קידושין), אַז אַ מענש טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָדט וואו עס זיינען ניט פאַראַן אַ דאָק־טאָר, אַ באָד. אַ באָד אין אַ שטאָדט איז פּונקט אַזוי וויכטיג ווי אַ דאָקטאָר אין אַ שטאָדט, און אַמאָל אפשר נאָך וויכטיגער. ווייל אַ דאָקטאָר היילט די קראַנקהייט, בעת די באָד, דאָס האַלטען דעם קערפּער ריין, זויבער, קען פאַרמיידען פאַרשיידענע קראַנקהייטען.

מיינען דאָך פילע מענשען אַז אַ קאַראַנטין, למשל, האָט די היינטיגע, מאָדערנע, מעדיצינישע וויסענשאַפט ערפינדען. הויבט זיך עס גאָרניט אָן. דאָס האָט אונזער תורה שוין מיט אַ קנאַפּע פּיער טויזענט יאָר צוריק איינ־געפיהרט. ווען איינער איז קראַנק געוואָרען אויף אַן אַנשטעקענדיגער קראַנקהייט, האָט מען אים אָפּגעזונדערט אין איינער פון די פאַרשיידענע „מחנות״, קאַראַנטינען, כדי צו פאַרהיטען די קראַנקהייט פון פאַרשפּרייטונג.

און ניט בלויז איין סאָרט קאַראַנטינען זיינען געווען, נאָר פאַרשיידענע. געוויסע קאַראַנטינען, פאַר געוויסע קראַנקהייטען.

און שוין מיט טויזענטער יאָרען צוריק איז ביי אידען איינגעפיהרט געוואָרען „נטילת ידים", זיך וואַשען נאָך דעם אויפשטעהן פון שלאָף, זיך וואַשען צום עסען, און אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַלען. אגב, פאַר וואָס זאָגט מען „נטילת ידים", פאַרוואָס ניט „רחיצת ידים"? זיינען פאַראַן דאַרויף פאַרשיידענע תירוצים. עס איז פאַראַן אַ מיינונג אַז עס נעמט זיך פון דעם נאָמען פון דער כלי, מיט וועלכער מען האָט זיך געוואַשען, און די כלי האָט געהייסען „נטלא". דעם פסוק „ורחצו אהרן ובניו ממנו" (שמות ל׳, י"ט), איבערזעצט יונתן בן עוזיאל מיט ויסבון מנהי „בנטילא" דכיא. דער תרגום אונקלוס געהט אַזוי וויט, אַז ער פאַסט אויף דאָס וואַשען זיך אין דעם זינען פון הייליגען זיך. זאָגען דאָך שוין אונזערע חכמים ז"ל, אַז אָפּשפּאָטען פון „נטילת ידים", פיהרט צו אָרימקייט, און דער יעניגער ווערט אויסגעריסען פון דער וועלט.

האָט שוין אברהם אבינו געוואוסט די וויכטיגקייט פון ריינקייט, פון וואַשען זיך. ווען די דריי מלאכים, אין געשטאַלט פון מענשען, זיינען גע־קומען צו אים, האָט ער זיי באַלד געזאָגט „יקח נא מעט מים ורחצו" . . . וואַשט זיך. און די גמרא זאָגט דאָך אַז ריינקייט פיהרט צו גאָר גרויסע זאַכען, צו באַשיידענקייט, און אפילו צו הייליגקייט. (זעהט עבודה זרה ב׳, ב׳). דאַרף דער מענש לייגען גרויס געוויכט אויף ריינקייט. ער דאַרף זיך האַלטען ריין און זויבער. און אַז זיין קערפּער וועט זיין ריין, וועט זיין גייסט זיין קלאָר.

אַ סטאָלינער חסיד וואָס פלעגט פאָרען אויף אַלע פסח צום רבי'ן, איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, און ער האָט געמוזט בלייבען פסח אין דער היים. האָט דער קראַנקער חסיד געבעטען אַן אַנדער חסיד וואָס איז געפאָרען צום רבין, ער זאָל בעטען דעם רבין פאַר זיינעטוועגען אַביסעל שמורה מעהל, וועט ער קענען כאָטש פון דער וויטענס נהנה זיין פון דעם רבינ'ס שמורה מצה. ווען דער חסיד האָט איבערגעגעבען דעם רבין דעם קראַנקען חסיד'ס בקשה, האָט דער רבי געקוקט אויף אים אַ ווײַלע, און ער האָט זיך אָנגערופען: „איך וואָלט זעהר וועלען אים שיקען אַ ביסעל שמורה מעהל. אָבער ווי אַזוי קען איך דאָס טהון, ווען די כלי וואָס וויל עס האַלטען איז חמץ'דיג . . ."

לערנען מיר דערפון זעהר פיל. אַ חמצ'דיגע כלי קען ניט אַנטהאַלטען אין זיך קיין פסח'דיגס. אַן אומריינער קערפּער קען ניט פאַרמאָגען אין זיך אַ ריינע נשמה, אַ קלאָרען גייסט, אַ זויבערען מוח. דער קערפּער איז אַ ראַהם. די נשמה איז דאָס בילד. אַן אומריינער, שמוציגער ראַהם פאַראומ־רייניגט דאָס שענסטע בילד, פונקט ווי אונעהרליכע טאַטען קענען פאַרשטערען אפילו די גרעסטע שמחה. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

אַ וואַרשעווער גביר, וואָס איז שוין געווען אַביסעל אַסימילאַטאָריש, האָט געמאַכט אַ ברית וואָס איז אויסגעפאַלען אום שבת. האָט דער גביר איינגעלאַדען דעם חידושי הרי"ם ז"ל, און אים מכבד געווען מיט סנדקאות. ווען דער רבי איז אַריינגעקומען אין הויז, האָבען עטלעכע געסט גיך אַוועק־געוואָרפען די ציגאַרען און פאַפּיראָסען וואָס זיי האָבען גערויכערט. דער

רבי האָט דאָס באַמערקט, האָט ער זיך אָנגערופן צום בעל ברית אין געגענוואַרט פון די געסט: „דער מדרש זאָגט אַז דערפאַר וואָס אליהו הנביא האָט זיך אויסגעדריקט אויף די אידען ,זיי האָבען פאַרלאָזט מיין ברית', האָט דער אויבערשטער אים באַשטראָפט צו זיין אנוועזענד אויף יעדען ברית. איז דאָך די קשיא וואָס פאַר אַ מין שטראָף איז דאָס? אדרבה, מכניס זיין אַ קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז דאָך אַ גאַר גרויסע שמחה, און ווער וויל עס ניט גערן אויף שמחות? נאָר איצט, זייענדיג ביי אייך אין הויז, באַגרייף איך די שטראָף וואָס אליהו הנביא האָט אויס־צושטעהן, אַז ער מוז זיין אויף אַזאַ מין ברית.

און פון וואַנען, מיינט איר, נעמט זיך עס וואָס מאַנכע פון אונזערע ברידער זיינען, למשל, מחלל שבת, צי טהוען אַנדערע עבירות? אפשר פון איבערצייגונג? דאָס הייסט, זיי האָבען געלערענט, שטודירט, און זיי זיינען געקומען צו דעם באַשלוס אַז נישט־קשה, מען מעג טהון דאָס, מען מעג באַגעהן די און די עבירה! הויבט זיך עס גאָרניט אָן, ניין. אָט הערט:

אַ פיפיגער יונגערמאַן וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן „אַפּיקורס", געטראָגען דאָס היטל אויף דער זייט, „געשפּראָכען דייטשמעריש", איז אַמאָל אריין צום רב פון שטעדטעל צו כאַפּען מיט אים אַ שמועס אין אידישע ענינים. אַזוי ווי ער איז אַן „אַפּיקורס", און עס איז אים אַ געוויסער ענין ניט קלאָר וואָלט ער וועלען אַז דער רב זאָל עס אים מסביר זיין, אויפקלעהרען. דער רב האָט מסכים געווען, אים געבעטען זיצען, אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, ווי דער שטייגער איז פון אַ רב, און האָט אים אַ פרעג געטהון צי ער האָט געלערענט תלמוד, פּוסקים, וכדומה. האָט דער אינגערמאַן געענטפערט אַז „ניין", ווייל דאָס איז דאָך „בטלנות", און וועלכער מאָדערנער מענש וויל עס פאַרשווענדען צייט אויף אַזעלכע „נאַרישקייטען".

„נו", האָט דער רב אים ווייטער געפרעגט, „תנ"ך האָט איר געלערענט. זענט איר באַקאַנט מיט די פירושים אויף תנ"ך? האָט איר זיך באַקענט מיט אונזער אַלטען אוצר, מיט אונזער רייכער, פיעל־פאַרצווייגטער, רעליגיעזער ליטעראַטור, איידער איר זענט געוואָרען אַן אַפּיקורס?" איז דער אינגערמאַן שיעור ניט אַרויס פון די כלים, און האָט מיט חוצפּה געענטפערט: „ווי פּאַלט אייך איין אַז אַ מאָדערנער, פאָרטגעשריטענער מענש ווי איך זאָל זיך אָפּגעבען מיט די אַלטע פאַרשימעלטע ספרים? אין דער עפּאָכע פון באַהנען, טע־לעגראַף, עלעקטריק, טעלעפאָן זאָל אַזאַ מענש ווי איך פאַרשווענדען זיין צייט אויף „ביצה שנולדה ביום טוב?!" „אויב אַזוי", האָט דער רב זיך אָנ־גערופען, „איז דאָך גלאַט ניטאָ וואָס צו רעדען מיט אייך, ווייל איר זענט ניט קיין אַפּיקורס, נאָר סתם אַ פּשוטער גוי . . ."

איז דאָס אמת ווי דער טאָג. פילע פון אחינו בני ישראל געהען אַראָפּ פון דעם אידישען וועג, ניט ווייל זיי זיינען באמת איבערצייגט אַז דער אידישער וועג טויג ניט, און דער אַנדערער איז בעסער. ניין, זיי טהוען דאָס אויס פּשוטער אומוויסענהייט, אויס עם הארצות. זיי זיינען ניט באַקאַנט מיט די אידישע געזעצען פון אונזער תורה, מיט די נאָבעלע לעהרעס פון אונזערע נביאים, מיט די עטישע פאָרשריפטען און רעגולאַציעס פון אונזער תלמודי־

שער ליטעראַטור. זיי איז אַבסאָלוט פרעמד „די שעהנקייט פון אידישקייט", דער ערהאַבענער, נאָבעלער, גייסט פון אידישקייט. אַט למשל, לערענט אונז אידישקייט, צווישען טויזענטער אַנדערע גוטע זאַכען:

מען דאַרף ערליך האַלטען טאַטע־מאַמע. און אַזוי הויך שטעהט דאָס דאָזיגע געבאָט, אַז כביכול אַליין האָט עס געשטעלט העכער פון ערליך האַלטען אים אַליין.

מען דאַרף ליב האָבען און פאַרעהרען אַן אייגענעם, אַ באַקאַנטען, אַ שכן, אַ פריינד, און אויך אַ פרעמדען.

די תורה זאָגט אויסדריקליך איין געזעץ זאָל עקזיסטירען פאַר דעם געבירטיגען און פאַר דעם פרעמדען.

אַ מענש דאַרף אַרויסווייזען אַן עכטע, ניט־געפעלשטע באַציהונג צום צווייטען מענשען אָהן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר אָדער רעליגיע.

אונזער לעהרע אונטערשטרייכט די וויכטיגקייט פון איינהייט און גלייכ־הייט פון דער גאַנצער מענשהייט. ווייל די גאַנצע מענשהייט האָט איין באַשעפער, איין פאָטער אין הימעל.

די אידישע לעהרע איז באַזירט אויף טאָלעראַנץ צו דער גאַנצער מענשהייט.

אונזער לעהרע איז ניט קיין נאַציאָנאַל־באַשרענקטע, נאָר אוניווערסאַל, אַל־וועלטליך, פונקט ווי די מענשהייט אַליין. האָט דאָך שוין איינער פון אונזערע חכמים ז"ל אויסגערופען: „איך רוף הימעל און ערד אַלס עדות, אַז צי איד צי ניט־איד, מאַן אָדער פרוי, שקלאַף אָדער שקלאַפין, רוהט אויף זיי דער הייליגער גייסט לויט זייערע פאַרדינסטען". דערפאַר טאַקע איז דאָך די תורה געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, אין אַ הפקר אָרט, כדי יעדער זאָל זי קענען אָננעמען. דערפאַר איז זי דאָך געגעבען געוואָרען אין זיבעציג שפּראַכען, כדי אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלען זי פאַר־שטעהן. ניט אַז דאָס אָדער יענעס פאָלק זאָל זי באַטראַכטען אַלס נאַציאָנאַל אייגענטום, נאָר זי געהערט צו דער גאַנצער מענשהייט, צו אַלע וואָס ווילען לעבען לויט אירע פאַרשריפטען.

אונזער אַלטער קוואַל לערענט אַז מען טאָר ניט פאַרשעהמען אַ מענשען. „דער וואָס פאַרשעהמט אַ מענשען עפענטליך, וועט ניט האָבען קיין חלק אויף יענער וועלט". אַ מענש זאָל זיך ליבער אַריינוואַרפען אין אַ קאַלך־אויווען איידער פאַרשעהמען אַ מענשען עפענטליך". און ניט נאָר דער כבוד פון דעם צווייטען דאַרף זיין טייער און הייליג, נאָר אפילו „דעם צווייטענס אייגענטום דאַרף אַ מענשען זיין טייער פונקט ווי זיין אייגענס".

אונזער טויזענט־יאָריגע אַלטע לעהרע באַטראַכט דעם מענשנס לעבען אַלס דאָס וויכטיגסטע, טייערסטע און גרעסטע אייגענטום. דערפאַר טאַקע „לא תרצח", טאָר מען ניט מאָרדען.

לערענט אונז טאַקע אונזער אַלטער אוצר צו קאָנטראָלירען די ליידענ־שאַפטען, צוימען דעם כעס, און פאָדערט אויף צו לעבען אין פרידען, און אין פריינדשאַפט מיט דעם צווייטען. זיינען דאָך אונזערע תפילות אָנגעפיקע־וועט מיט וואונשען און געבעטען פאַר שלום צווישען מענשען און פעלקער, פאַר שלום אויף דער גאַנצער וועלט. זאָגט דאָך שוין אונזער תלמוד אַז

שלום איז איינס פון די דריי זאַכען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַז „שלום איז נויטיג פאַר דער וועלט, פונקט ווי אייוועץ פאַר דעם טייג".

זיינען דאָך אמת, עהרליכקייט, גערעכטיקייט, טרייהייט, אָפענהערציגקייט הויפט באַדינגונגען אין דער אידישער לעהרע. בעת ליגען, פאַלשקייט, פאַלש שווערען, פאַלש עדות זאָגען, גנבה, אויספרעסען געלט פון דעם צווייטען, אָפּנאַרעריי, באַטראָג, חנופה, באַליידיגונגען, רכילות, לשון הרע, מסירה, האַס, קנאה, שנאה און יעדער סאָרט פאַרלוימדונג וואָס קען באַפלעקען אַ מענשענס כאַראַקטער, אויף דעם שטרענגסטען פאַרבאָטען.

פאָדערט דאָך די אידישע לעהרע אונז אויף צו זוכען גערעכטיגקייט, העלפען די אונטערדריקטע, זיך אָנצונעמען פאַר יתומים און אלמנות, זיי באַשיצען און העלפען.

לערנען דאָך אונז אונזערע חכמים ז"ל זיך ניט אָפּצושיידען פון דעם כלל, ניט צו מאַכען שבת פאַר זיך. יעדער איד איז אַ רינגעלע אין דער ענדלאָזער גאָלדענער קייט וואָס הייסט אידישקייט.

זאָגט דאָך שוין אונזער תורה: „שעלט ניט קיין טויבען מענשען, פאַר אַ בלינדען זאָלסטו ניט אַוועקלעגען אַ שטרויכלונג".

איז דאָך דער נאָבעלער פרינציפּ פון „צדקה" ביי אונז אידען, ניט בלויז אַן אימפּעראַטיווע פליכט פאַר דעם אינדיווידועלען מענשען, פאַר דעם יחיד. עס איז אַ געזעלשאַפטליכע פליכט, דער חוב פון דער גאַנצער קהלה, פון דער גאַנצער געמיינדע.

און ניט נאָר ווערען מיר געלערענט צו געבען צדקה אידען, נאָר מיר ווערען בפירוש אויפגעפאָדערט אַז „עס איז אונזער פליכט צו שטיצען די ניט־אידישע נויטבאַדערפטיגע פּונקט ווי די אידישע, באַזוכען די ניט־אידישע קראַנקע פונקט ווי די אידישע." און דער וואָס גיט צדקה שטילערהייט, אָהן „פּובליסיטי", שטעהט העכער אפילו פון משה רבינו.

האַסט דאָך אידישקייט עם הארצות, איגנאָראַנץ, אומוויסענהייט. און „דער וואָס ערמעגליכט דעם צווייטענס זוהן צו לערנען, איז פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיין פאָטער".

פאָדערט דאָך אונזער לעהרע צו לערנען אַ קינד אַ פאַך. און „דער וואָס לערענט ניט זיין זוהן אַ מלאכה, איז פונקט ווי ער וואָלט אים געלערענט זיין אַ רויבער". וואָרים אַ פאַך, אַרבעט ברענגען געבענטשטע רעזולטאַטען. „עס מאַכט דעם קערפּער שטאַרק, און דעם גייסט קלאָר". דער וואָס ציהט זיין היונה פון דער אַרבעט פון זיינע הענט, שטעהט העכער אפילו פון אַ הימעלס־פּורכטיגען מענשען". און „דער זכות פון אַרבעט איז גרעסער פון פוסטער פרומקייט".

און אָט די אַלע נאָבעלע ערהאַבענע, איידעלע אידעאַלען און פּרינ־ציפּען זיינען דאָך בלויז אַ טויזענטסטער טייל פון דעם וואָס אידישקייט לערענט. וואָלטען די אומוויסענדע עס געוואוסט, וואָלטען זיי דאָך געווען שטאָלץ מיט זייער אידישקייט. זיי וואָלטען זיך דאָך געשעצט גליקליך וואָס זיי זיינען קינדער פון אַ פאָלק וואָס האָט שוין טויזענטער יאָרען צוריק

געלערנט אַזעלכע נאַבעלע פּרינציפּען. זיי וואָלטען מיט שטאָלץ געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס איז געפּלאַסטערט מיט יושר און גערעכטיקייט, מיט אמת און ערליכקייט, מיט מאָראַל און עטיק.

מיט עם הארצות איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. אָבער נאָך ערגער איז מיט די יעניגע אומוויסענדע וואָס מיינען אַז זיי ווייסען עפּיס. זייער עם הארצות דערפיהרט ממש צו אַבסורדען. אַט הערט אַ שעהנס: דער אַלעקסאַנדערער רבי ז"ל איז אַמאָל געפאָהרען אונטערוועגס. איז אים, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל אונטערוועגס, אויסגעקומען צו נעכטיגען אין אַ דאָרף. איז ער, פאַרשטעהט זיך, פאַרפאָהרען צום אַרענדאַר. אַזוי ווי דער אַרענדאַר האָט געהאַט אַ אינגעל אַ גמרא בחור, האָט ער געבעטען דעם רבי'ן ער זאָל אים פאַרהערען. האָט דער רבי צוגערופען דאָס בחור'ל, אים געפרעגט וואָס פאַר אַ גמרא ער לערענט, און ער האָט אים געענטפערט האָפערדיג אַז ער לערענט די מסכתא ביצה. און אַזוי ווי דאָס בחור'ל האָט געוואָלט באַווייזען וואָס ער קען, האָט ער באַלד געבראַכט די גמרא, און אָנגעהויבן זינגען: „ביצה שנולדה ביום טוב, בית שמאי אומרים תאכל, ובית הלל אומרים לא תאכל" — אַן איי וואָס איז געבוירען געוואָרען יום טוב, זאָגען די בית שמאי אַז מען מעג עס יאָ עסען, און די בית הלל זאָגען אַז מען טאָר עס ניט עסען. האָט דער רבי אים אַ פרעג געטהון: „נו, בחור'ל, וואָס־זשע טהוט מען מיט דעם איי וואָס הלל הייסט ניט עסען?" „וואָס הייסט — וואָס?" האָט דאָס בחור'ל געענטפערט, „עס איז דאָך גאָר פשוט. ווען הלל איז אין הויז עסט מען ניט. און ווען הלל פאָהרט אַוועק עסט מען עס אויף . . ."

און אַז מיר האַלטען שוין ביי אַן „עם הארץ", איז הערט־זשע נאָך עפּיס. אין פּרקי אבות שטעהט „האומר שלי שלך, ושלך שלי, עם הארץ". דער וואָס זאָגט „מיינס איז דיינס, און דיינס איז מיינס, איז אַן עם הארץ. האָט אַ חסיד אַמאָל געפרעגט דעם פשיסכער רבין ז"ל, פאַרוואָס איז דאָס איי־גענטליך אַזוי? האָט דער רבי אים געענטפערט, אַז דאָס איז גאָר פשוט. ווי מיר ווייסען, איז יראת שמים, פרומקייט ביי דעם מענשען אין דער האַנט. „הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים". פרומקייט ליגט אין דעם מענשענס ווילען. אויב ער וויל, קען ער זיין אַ פרומער איד. דאַגעגען רייכקייט, ליגט ניט אין דעם מענשענס האַנט. עס ווענדט זיך אין „אויבען". עס קומט פון דעם אויבערשטען. האָבען די חכמים ז"ל געמיינט דערמיט צו זאָגען אַזוי: „האומר שלי", דער וואָס זאָגט אַז מיינס, נעמליך פרומקייט, יראת שמים וואָס ליגט אין מיין האַנט, די ברירה איז ביי מיר, „שלך" איז דיינס, נעמליך דעם אויבערשטענס, אַז עס ווערט געגעבען דעם מענשען פון דעם אויבערשטען. „ושלך", און רייכקייט, וואָס ליגט אין דעם אויבערשטענס האַנט, „שלי" איז מיינס, איך אַליין האָב עס זיך ערוואָרבען, אַ דאַנק מיין האָרעוואַניע און פעהיגקייט בין איך געוואָרען אַ גביר. ניט דער אויבערשטער האָט עס מיר געגעבען, נאָר מיט מיין אייגענער חכמה האָב איך עס דערגרייכט, אַזאַ איינער איז אַן עם הארץ.

אחרי מות

מיר ווילען היינטיגס מאָל אָנהויבען מיט אַ פראַגע. אין דער גמרא ברכות יד, ב, ווערט געזאָגט, אַז אין ארץ ישראל פלעגט מען זיך נוהג זיין ניט צו זאָגען ביי מעריב די לעצטע פרשה פון קריאת שמע, נעמליך, די פרשה פון ציצית. און דאָס איז געווען דערפאַר ווייל דער דין פון ציצית איז ניט אויף דער נאַכט. דעריבער פלעגט מען זיך נוהג זיין מקצר צו זיין די פרשה, און מען האָט בלויז געזאָגט דעם ערשטען האַלבען פסוק פון דער פרשה פון ציצית, און דעם לעצטען האַלבען פסוק נעמליך „דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה׳ אלקיכם״.

איז דאָך די קשיא: עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער כלל אין דער גמרא, אַז „כל פרשה דלא פסקה משה, אנן לא פסקינן״, אַז אַ פסוק וואָס משה רבינו האָט ניט צעטיילט, טאָרען מיר ניט צעטיילען. איז ווי זשע אַזוי האָט מען אין ארץ ישראל פונאַנדערגעטיילט די פרשה פון ציצית, און געמאַכט פון צוויי האַל־בע פסוקים איין פסוק? זיינען דערויף פאַראַן פאַרשידענע תירוצים, אָבער דער ווילנער גאון ז״ל האָט פאַרענטפערט די דאָזיגע האַרבע קשיא אויף אַ גאַר פשוט׳ן אופן. דער גאון ווייזט נעמליך אָן אַז אַט די צוויי האַלבע פסוקים פון דער פרשה פון ציצית זיינען אויף אַן אַנדער אָרט אין דער תורה פאַראייניגט אין אַ גאַנצען פסוק, נעמליך אין דער היינטיגער סדרה „אחרי״, קאַפּיטעל י״ח, פסוק ב׳ שטעהט בפירוש „דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה׳ אלקיכם״.

זעהען מיר אויך דערפון אַז דאָס וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבען גע־זאָגט „הפך בה והפך בה דכולה בה״, אַז אין דער תורה איז פאַראַן אַלץ, איז אמת ווי דער טאָג. נאָר וואָס דען, מען דאַרף לערנען און שאַרפען דעם מוח. מען דאַרף ניט זיין ווי יענע דינסט מיידעל: ווען ר׳ אליהו ברוך ז״ל איז געווען רב אין מיר, איז אַמאָל געקומען צו אים אַ דינסט־מיידעל, מיט אַ הילצערנעם לעפעל אין האַנט פרעגען אַ שאלה. „רבי״, האָט דאָס מיידעל געזאָגט, „פון גרויס איילעניש האָב איך ביים קאָכען מיטאָג אויסגעמישט די יוך אין פליישי־גען טעפעל מיט דעם מילכיגען לעפעל, איז וואָס זאָל איך טהון?״

דער רב האָט באַמערקט אַז דער לעפעל איז שפּאָגעל ניי, האָט ער אַ פרעג געטהון דעם מיידעל: „האָסטו שוין געניצט דעם לעפעל אין מילכיגען?״ און דאָס מיידעל האָט געענטפערט: „ניין, רבי, עס איז אַ שפּאָגעל נייער לעפעל, און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אים געניצט״.

„פון וואַנען זשע ווייסטו אַז דער לעפעל איז מילכיג?״ פרעגט דער רב. און דאָס מיידעל ענטפערט אַ פאַר׳־חידוש׳טע: „וואָס הייסט פון וואַנען איך וויים? די בעל הבית׳טע האָט געמאַכט אין דעם לעפעל אַ קאַרב, און האָט געזאָגט אַז דער לעפעל איז מילכיג, אַט האָט איר דעם קאַרב״. האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט דעם מיידעל: „עס איז כשר, עס איז כשר, געה אַ היים, רייב אָפּ דעם קאַרב און נוץ דעם לעפעל אין פליישיגען״.

איז פאַרשטעהן, לערנען טאַקע זעהר וויכטיג. נישט נאָר איז דאָס לער־נען געשמאַקער, נאָר פיעלע זאַכען און ספקות'ן ווערען פאַרענטפערט טאַקע דורך דעם לערנען גופא. א מענש איז אַ באַשעפעניש וואָס טראַכט. ער האָט ליעב צו דענקען און וויל אַלץ וויסען. און אַז מען טראַכט און מען וויל אַלץ וויסען און מען ווייסט אָבער פאָרט ניט, הויבט מען אָן פרעגען קשיות. וואָלט אָבער דער מענש געלערענט תורה, וואָלט ער אַליין געפונען פיעלע תירוצים אויף זיינע קשיות טאַקע אין דעם לערנען גופא. אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט אַז מען לערענט לשמה, טאַקע צוליעב וויסען, טאַקע צוליעב זיך קענען פיהרען ווי אַ איד. אַניט טויג עס ניט.

אַ מגיד וואָס איז ניט געווען קיין געוואַלדיגער ירא שמים איז אַמאָל גע־קומען קיין בריסק, און האָט געוואָלט האַלטען אַ דרשה, אָבער דער רב ר' חיים ז"ל האָט אים ניט ערלויבט צו רעדען. איז דער מגיד געקומען צום רב מיט אַ טענה: „סטייטש רבי, פאַרוואָס לאָזט איר מיך ניט זאָגען? מיינע דרשות זיי־נען דאָך כשר בתכלית הכשרות. איך ברענג אַ פסוק, איך זאָג אַ מאמר חז"ל, איך רעד כסדר וועגען אידישקייט, זאָג אַ גוט שטיקעל תורה, איז וואָס האָט איר צו מיר?" האָט דער רב אים געענטפערט: „פאַרשטעהט איר מיך, פלייש וואָס איז געשאָכטען לויט דעם דין און עס איז געטרייבערט, געזאַלצען, ניטאָ דאַרויף קיין שום סירכה, און פונדעסטוועגען ווערט עס טריף, אויב עס קאָכט זיך אין אַ טריפה טעפעל"...

און עס איז פאַראַן נאָך אַ סאָרט לערנער. נעמליך אַזעלכע וואָס לערנען צוליעב כבוד, זיי ווילען שרייבען ספרים און ווערען באַריהמט. דער צוועק פון זייער לערנען איז ניט צוליעב וויסען, צוליעב דעם לערנען גופא, נאָר כדי צו ווערן אַ „מחבר". עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס עס געהט זיי אין לעבען צו ווערען „מחברים". אַזעלכע מחברים זוכען, געוועהנליך „הסכמות" אויף זייערע ספרים, און דוקא פון גרויסע גאונים.

ר' אייזל חריף ז"ל פלעגט אַזעלכע מחברים „אַריינזאָגען" מיט שאַרפע וויצען: איינמאָל איז צו אים געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף זיין ספר וואָס ער האָט גערופען „ידי משה". ר' אייזל האָט אביסעל אַריינגעקוקט אין ספר, און האָט זיך אָנגערופען צום מחבר: „איר ווייסט, אייער ספר וואָלט באַדאַרפט הייסען ניט „ידי משה", נאָר „פני משה". „פאַר וואָס עפעס „פני משה?" חידוש'ט זיך דער מחבר, און דער רב האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכעל: „ווייל אין משה'ס פנים האָט מען ניט געקאָנט אַריינקוקען".

אַן אַנדער מחבר איז אַמאָל געקומען צו דעם זעלבען ר' אייזל'ן נאָך אַן הסכמה אויף אַ חיבור וואָס ער האָט געמאַכט אויף „משלי". און ווי באַוואוסט איז שלמה המלך דער פאַרפאַסער פון „משלי". נאָכדעם ווי דער רב האָט אַביסעל אַריינגעקוקט אין דעם חיבור, רופט ער זיך אָן: „איר ווייסט, איר וואָלט בעסער געדאַרפט מאַכען אַ חיבור אויף „איוב". „וואָס עפעס גראַד אויף איוב?" חידוש'ט זיך דער מחבר. און דער רב האָט אים געענטפערט: „פאַר־שטעהט איר מיך, „איוב" האָט געהאַט אַזוי פיעל צרות, וועט ער האָבען נאָך אַ צרה. אָבער וואָס האָט איר געבאָך צו שלמה המלך?"

נאָך אַ ביישפיעל: אַ מחבר איז אַ מאָל געקומען טאַקע צו דעם זעלבען ר' אייזל'ן נאָך אַ הסכמה אויף אַ ספר. דער רב האָט אַריינגעקוקט, צוריק גע־

געבען דעם מחבר דעם ספר און צו אים געזאָגט: „איר זאָלט זעהן היטען אייער חיבור, איר זאָלט אים ניט פאַרלירען, אָבער זעהט איר זאָלט אים שטאַרק היטען". דער מחבר קוקט אויף דעם רב פאַרוואונדערט, און פרעגט: „וואָס אייגענטליך מיינט איר, רבי?" און דער רב ענטפערט מיט אַ שמייכעל: „פאַרשטעהט איר מיך, אַ קאָזאַק קען אים נאָך געפינען און זאָגען אַז ער איז דער מחבר פון אייער חיבור".

אַלזאָ, לערנען דאַרף מען צוליעב וויסען, צוליעב דעם מען זאָל קענען לעבען ווי אַ איד. די סדרה זאָגט אונז, „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם", ווייל תורה איז דער איינציגער מיטעל וואָס קען אויפהאַלטען דעם אידען אַלס אידיש פאָלק.

און די סדרה דערצעהלט אונז אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט צו משה'ן „אחרי מות שני בני אהרן", נאָכדעם ווי אַהרן הכהן'ס צוויי זיהן נדב און אביהו זיינען געשטאָרבען דערפאַר וואָס זיי האָבען מקריב געווען „פרעמד פייער". זאָגט דער מדרש אויף „אחרי מות שני בני אהרן": כיון ששמע איוב מיתת שני בני אהרן אמר, „אף לזאת יחרד לבי" (איוב לז, א). איז וואָס פאַר אַ זינען האָט דער „אחרי מות שני בני אהרן" מיט איוב'ן, און וואָס מיינען איוב'ס ווערטער? פרעגט דאָס טאַקע דער „פרדס יוסף" ז"ל, און ער ענטפערט: אויף דעם פסוק „הבה נתחכמה לו פן ירבה" (שמות א, י), זאָגען אונזערע חכמים ז"ל אַז פרעה, דער מלך פון מצרים, האָט זיך מיישב געווען מיט זיינע דריי ראַטגעבער בלעם, איוב, יתרו, וואָס צו טהון מיט די אידען, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון זיי. איז דערפאַר וואָס בלעם האָט געראַטען פרעה'ן אומצובריינגען די אידען, איז ער גע'הרג'עט געוואָרען. דערפאַר וואָס איוב האָט געשוויגען, ניט ער האָט געראָטען צו פאַרניכטען די אידען, און ניט ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיי, איז ער באַשטראָפט געוואָרען מיט יסורים, מיט ליידען. און דערפאַר וואָס יתרו איז איינגאַנצען אַנטלאָפען פון מצרים צוריק אין זיין היימלאַנד מדין, האָבען זיינע נאָכקומענדע זוכה געווען צו זיצען אין דער לשכת הגזית, וואָס האָט זיך געפונען אין בית המקדש (סנהדרין קו).

וועגען נדב און אביהו, ווידער, זאָגט די גמרא אַז איינע פון די זינד פאַר וועלכע זיי האָבען באַצאָלט מיט דעם לעבען, איז פאָלגענדע: אמר לו נדב לאביהו, אימתי ימותו שני זקנים הללו, ואני ואתה ננהוג את הדור (סנהדרין נב), נדב האָט געזאָגט צו אביהו, ווען וועלען שוין די דאָזיגע צוויי אַלטע (אהרן און משה) שטאַרבען, און דאַן וועלען, איך און דו, ווערען די פיהרער פון דעם דור. איז דאָך ווידער די קשיא: אויב זיי זיינען אומגעקומען פאַר דער דאָזיגער זינד, האָט דאָך בלויז נדב געזאָגט די דאָזיגע ווערטער. פאַר וואָס זשע איז געקומען אביהו'ן פאַרברענט צו ווערען? דרינגען מיר דערפון, אַז ווען איינער הערט פון דעם צווייטען אַ שלעכטען געדאַנק, און ער שווייגט, ער וועהרט ניט דאַגעגען, ער פּראָטעסטירט ניט, ער באַמיהט זיך ניט אויפצוווייזען אַז דער געדאַנק, דער פאָרשלאָג, די כוונה איז קיין גוטע, ניט קיין עהרליכע, ניט קיין עטישע, איז ער פונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר, ווי דער, וואָס האָט עס געזאָגט, אָדער פאָרגעשלאָגען. און אַזוי ווי ער איז מיטפאַראַנטוואָרטליך, איז ווערט ער באַשטראָפט פונקט ווי דער איניציאַטאָר, פונקט ווי דער וואָס האָט עס געזאָגט. דערפאַר, ווען איוב האָט געטראַכט

וועגען דעם עונש פון אהרן׳סביידע זיהן, אַז אויך אביהו איז באַשטראָפט געוואָרען, כאָטש ער האָט עס ניט געזאָגט, נאָר ער האָט עס בלויז געהערט און געשוויגען. דאָס הייסט, ער איז באַשטראָפט געוואָרען פאַר דעם שוויגען, האָט ער אַ זאָג געטהון „אף לזאת יחרד לבי״, אויך דערפאַר ציטערט מיין האַרץ.

אין אַמעריקא איז פאַראַן אַ געזעץ וואָס באַשטראָפט אַן „עקסעסאָרי״. דאָס הייסט, ווען איינער באַגעהט אַ פאַרברעכען, און אַ צווייטער האָט אים, אויף וועלכען עס ניט איז אופן, צו געהאָלפען דורכצופיהרען דעם פאַרברעכען, ווערט ער אויך באַשטראָפט. און שווייגען, ניט פּראָטעסטירען, זיך ניט באַמיהען צו באַווייזען יענעם אַז ער דאַרף עס ניט, און טאָר עס ניט טהון, איז פּונקט ווי העלפען בפועל ממש באַגעהן דעם פאַרברעכען. האָבען אידען דאָס שוין פאַרשטאַנען מיט טויזענטער יאָרען צוריק. דערפאַר טאַקע, למשל, איז בלויז הערען לשון הרע, צי רכילות, פּונקט אַזאַ פאַרברעכען ווי רעדען לשון הרע, צי רכילות. ווייסען מיר דאָך אַז ניט קיין קלענערער ווי דוד המלך, דער „נעים זמירות ישראל״, דער זיסער זינגער אין ישראל, דער דוד פון וועלכען משיח וועט אָפּשטאַמען, איז באַשטראָפט געוואָרען פאַר בלויז הערען לשון הרע.

און די סדרה זאָגט אונז „וכל נפש אשר תאכל נבלה וטרפה״, דאַרף ער וואַשען זיינע קליידער. ער דאַרף זיך וואַשען, און אַזוי ווייטער. דאַן וועט ער זיין ריין. אַזוי אַבשוויליך זיינען נבלה און טרפה, אַז אפילו די קליידער פון דעם וואָס עסט טרפה ווערען אומריין. איז הערט זשע: ווען די רשעים אין פּוילען האָבען אַרויסגעגעבען די גזרה וואָס פאַרבאָט שחיטה, האָבען די אָר־טאָדאָקסישע אידישע פיהרער אין פּוילען פאַררופען אַן אסיפה, אַ פאַרזאַמ־לונג, אַ קאָנפערענץ אין וואַרשא. אויף דער קאָנפערענץ איז אויך אנוועזענד געוועזען דער סאָכאַטשאָווער רבי און גאון ז״ל. האָט ער, פאַרשטעהט זיך, געהאַלטען אַ רעדע, און ער האָט, צווישען אַנדערעס, געזאָגט: די תורה הקדושה זאָגט „וכל נפש אשר תאכל נבלה וטרפה...״ איז פאַרוואָס זאָגט דער פּסוק „וכל נפש״, פאַרוואָס שטעהט ניט „וכל איש״? נאָר דער תירוץ איז, אַז ווען אַ מענש עסט, חלילה, נבלות און טרפות, איז ניט נאָר ווערט דער גוף דערמיט אָנגעפּרעסען, נאָר אויך דער נפש, די נשמה ווערט דערמיט אָנגע־זאָפּט. עס איז מטמא, עס פאַראומרייניגט ניט נאָר דעם קערפּער, נאָר אויך די נשמה, דעם גייסט. ווי דער רמב״ן ז״ל דריקט זיך אויס, עס פאַרשטאָפּט און פאַראומרייניגט דעם גאַנצען מענשען, זיין קערפּער און זיין נשמה, זיין גייסט, זיין גאַנצען גייסטיגען מהות.

צוויי פון די הויפּט פאַקטאָרען, פון די הויפּט זאַכען וואָס האָבען אויפ־געהאַלטען דעם אידען, אַלס איד, אין גלות, ניט קוקענדיג אויף די מערדערלי־כע פאַרפאָלגונגען, שרעקליכע רדיפות, בעסטיאַלע רציחות, אונמענשליכע נגישות, ברענען אויף די שייטער הויפענס, בראָטען אין די גאַז־קאַמערען, זיינען דאָס אָפּהיטען שבת, און דאָס אָפּהיטען כשרות. נאָכמעהר, מעהר ווי די אידען האָבען אָפּגעהיטען שבת און כשרות, האָבען שבת און כשרות אָפּ־געהיטען אונז אידען פון פאַרשוואונדען אַלס אידיש פאָלק אין דעם צוויי־טויזענט יאָריגען פינצטערען, ממש אונערטרעגליכען, מערדערישען גלות. הייגט צו טאָג האָבען מיר שוין, ברוך השם, אונזער אייגען לאַנד, אונזער איי־

געגע מלוכה, אונזער אייגענע כנסת. אָבער אויב מיר ווילען אָנהאַלטען אונזער אייגען לאַנד, אַלס אייגען, אידיש לאַנד. און אויב די אידען וואָס לעבען, אָדער מוזען לעבען, אין גלות, ווילען לעבען אַלס אידען, מוזען מיר אונבאַדינגט היטען שבת, און כשרות, די צוויי וויכטיגסטע פעסטונגען וואָס זיינען אַ שטאַרקע גאַראַנטי פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידען וואו, און אונטער וועלכע אומשטענדען מיר זאָלען זיך ניט געפינען.

זיינען, אָבער, ליידער, פאַראַן אידען וואָס ערשט אויף די עלטערע יאָרען כאַפּען זיי זיך, און הויבען אָן איינזעהן דעם דאָזיגען קאַרדינאַלען אמת. אין די אינגערע יאָרען האַלטען זיי אַז די הויפטזאַך איז די מעכטיגע מטבע. געלט, דער דאָלאַר, אַט דאָס איז דער עיקר. אַז מען האָט די מאָה, האָט מען די דעה. פאַר דעם דאָלאַר קען מען קויפען אַלץ. אמת, פאַר דעם דאָלאַר קען מען אַלץ קויפען, אַ ווילע אין פלאָרידאַ, אַ יאַכט־שיף, די שעהנסטע קליידער, די בעסטע שפייז, אפילו כבוד. אָבער אידישקייט, אידענטום, די עקזיסטענץ פון אידן אַלס אידיש פאָלק, קען מען ניט קויפען פאַר כל הון דעלמא. וויל מען אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל עקזיסטירען אין ארץ ישראל, און אין גלות, אַלס אידיש פאָלק, מוז יעדער איד, יעדער יחיד, יעדער אינדיווידואום לעבען אַלס איד, פיהרען אַ אידיש הויז, אַ אידיש לעבען. און דער עיקר פון אַלע עיקרים, האַלטען שבת, אָפּהיטען כשרות. גראָבט מען, חלילה, אונטער די דאָזיגע צוויי ווינקעלשטיינער, האָט אידישקייט, דער פונדאמענט, זיך נישט אויף וואָס צו האַלטען.און פונדאמענט פאַרלוירען, אַלץ פאַרלוירען. קיין שום זאַך קען זיך ניט האַלטען, קען ניט האָבען קיין אויסדויער, קען ניט עקזיסטירען אָהן אַ פונדאמענט, אָהן אַ געזונטען באַזיס. און דער באַזיס, דער פונדאַמענט, דער ווינקעלשטיין פאַר אידישער עקזיסטענץ, פאַר אידישער אייביגקייט, פאַר קיום האומה אַלס אידיש פאָלק, זיינען שמירת שבת און כשרות.

און די דאָזיגע אונבעדינגט נויטיגע ווינקעלשטיינער פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק, סאַי אין אונזער אייגען לאַנד, סאַי אין גלות, דאַרף יעדער איד, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אָנהויבען אָפּהיטען אין זיינע פריהסטע יאָרען. די סדרה זאָגט אונז „ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, אני ה׳״. און איר זאָלט אָפּהיטען מיינע געזעצען, מיינע דינים, דאַן וועט איר בלייבען לעבען אַלס אידען. מערקט די ווערטער „וחי בהם״. די געזעצען פון דער תורה דאַרף מען דורכפיהרען ניט ווען מען איז שוין אַלט. ניט ווען מען שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר, און מען האָט מורא, טאָמער איז טאַקע פאַראַן אַ יענע וועלט, מיט אַ גיהנם, און פאַר ניט פיהרען אַ אידיש לעבען וועט מען קריגען שמיץ מיט פייערדיגע אייזערנע ריטער. ניין. נאָר „וחי בהם״. די מצוות, האָט רבי מענדעלע קאָצקער ז״ל געזאָגט, דאַרף דער מענש אָפּהיטען, טהון ניט אויף דער עלטער. ווען ער האָט שוין ניט קיין כוח צו זינדיגען, נאָר ווען ער איז נאָך יונג, פריש, געזונט, און פול מיט לעבען.

זיינען דאָך, אָבער, ביי אונז אידען פאַראַן אַפּיקורסים. און זיי שטעלען קלאָץ קשיות. האָט דער „תפארת ישראל״ ז״ל דאָס זעהר גוט פאַרשטאַנען. איז אַמאָל, אין דער שטאָדט, וואו ער איז געווען רב, געשטאָרבען אַן אַפּיקורס. האָבען די „חברה קדישא״ ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט אים. זאָל מען

אים מקבר זיין אויף דעם בית הקברות ממש, צי זאָל מען אים מקבר זיין ביי דעם „פאַרקען״. זיינען זיי געקומען צום „תפארת ישראל״ מיט אַ שאַלה. האָט דער „תפארת ישראל״ ז״ל געענטפערט: „וואָס איז די נפקא מיניה? באַגראָבט אים וואו איר ווילט, אַבי באַגראָבט אים״. דער „תפארת ישראל״ האָט פאַרשטאַנען אַז די פראַגע איז ניט וועגן דער „פערזאָן״, נאָר וועגן זיין „אויפפאַסונג״. און זיין אויפפאַסונג איז דאָך אַ נאַרישע, אַן אויפפאַסונג וואָס איז ניט אידיש, איז די אויפפאַסונג מעגט איר באַגראָבען וואו איר ווילט. וואָס איז די נפקא מיניה.

דאַרפען מיר לעבען ווי אידען, אויב אונז איז אונזער עקזיסטענץ אַלס אידען טייער און הייליג. און אויב מיר ווילען באמת אַז מיר אידען זאָלען עקזיסטירען אַלס אידיש פאָלק, דאַרפען מיר לעבען לויט די פאָר־שריפטען פון אונזער תורה, נביאים, תלמוד, סיי אין ארץ ישראל, אין אונזער אייגענער מדינה, סיי אין גלות. נאָר דאַן וועלען מיר קענען עקזיסטירען אַלס אידיש פאָלק, אַלס „עם ישראל חי״, און פאַרדינען דעם נאָמען „עם ישראל חי״.

קדושים

די סדרה „קדושים" איז פול מיט פאַרשריפטען, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף זיך באַציהען צום צווייטען, און באַזונדערס צום אָרימען, צום פרעמדען. איז ווען מיר זאָלען פאַרמאָגען בלויז די דאָזיגע סדרה אַליין, וואָלט זיך שוין געלוינט צו זיין אידען. די דאָזיגע סדרה פאַרמאָגט אַזוי פיל עטיק, אַזוי פיל מאָראַל, אַזוי פיל „מענשליכקייט" אַז מיר וואָלטען געקאָנט איינטיילען דערמיט אַלע פעלקער פון דער וועלט (זיי פעהלט נעבעך אַ סך), און עס וואָלט אונז אויך נאָך געבליבען גענוג.

איינס פון די נאָבעלע זאַכען וואָס די סדרה זאָגט אונז, איז אַז דו שניידסט די תבואה, אָדער נעהמסט צוזאַמען די וויינטרויבען... „לעני ולגר תעזוב אותם... לא תגנובו". זאָגט דאָרויף דער „עמודי שיש" ז״ל אַ טייער וואָרט: העלף דעם אָרימאַן, שטיק דעם נויטבאַדערפטיגען, און דאַן „לא תגנבו", וועט עס במילא ניט קומען דערצו אַז ער זאָל דאַרפען גנב'ענען. און דאָס איז אויך דער טייטש פון „יחוס על דל ואביון... מתוך ומחמס יגאל נפשם" (תהלים ע״ב, י״ג—י״ד). אַז דו וועסט רחמנות האָבען אויף דעם אָרימאַן, אויף דעם נויטבאַדערפטיגען, וועסטו זיי אויסלייזען פון רויב און גזלה, ווייל זיי וועלען ניט זיין געצוואונגען אַנצוקומען דערצו.

איינס פון די גוטע זאַכען וואָס די סדרה קדושים לערענט אונז, איז ניט צו זאָגען קיין ליגען: פלעגט ר' פנחס קאָריצער ז״ל זאָגען: „דרייצעהן יאָהר האָב איך זיך געלערענט ניט צו זאָגען קיין שקר, און דרייצעהן יאָהר האָב איך זיך געלערענט צו זאָגען אמת". ר' יחזקאל שינעווער ז״ל פלעגט זאָגען: „וואָס איז דער חילוק צווישען מיר און מיין ברודער ברוך? ברוך האָט ליעב דעם אמת, און איך האָב פיינט דעם שקר".

און יעדער איינער וואָס האָט דעם מוט מודה צו זיין, מוז צוגעבען אַז אמת איז דער פונדאַמענט פון גליק, אין אַלע פאַזען פון לעבען. עס איז דער באַזיס פון ליבע צווישען עלטערען און קינדער, צווישען קרובים, צווישען מענש און מענש. עס איז דער פונדאַמענט פאַר וועלט־שלום, און פאַר פרידען צווישען יחידים. עס איז דער ווינקעלשטיין פאַר אַלץ וואָס קען עפּעס ביישטייערען צו דער גוטער זייט פון דעם מענשענ'ס לעבען. אָבער פאַרשטעהט זיך אַז דער אמת מוז זיין אַן אמת'ער, ניט קיין נאָכגע־מאַכטער. וואָרום ווי האָט געזאָגט ר' מענדעלע קאָצקער ז״ל: „אַן אמת וואָס איז נאָכגעמאַכט, איז שוין ניט קיין אמת".

זיינען אָבער לײדער פאַראַן מענשען וואָס זיינען ניט שטאַרק מקפיד אויף דעם אמת. דאָס הייסט מקפיד זיינען זיי דוקא יאָ, נאָר . . . אויף יענעם. עס געהט זיי אין לעבען אַז דער צווייטער זאָל זאָגען דעם אמת, זיין עהרליך אויף אַן אמת, פרום אויף אַן אמת, אָבער בנוגע זיך אַליין, פיהרען זיי אַן אַנדער בוכהאַלטעריע.

די סדרה „קדושים" זאָגט אונז אַז אַ מענטש דאַרף האָבען אַן „איפת צדק והין צדק" — אַ גערעכטע וואָג, אַ גערעכטע מאָס. זיינען אמאָל געקומען צו ר' יהושע'לע קוטנער ז"ל צוויי בעלי דינים, ליטיגאַנטען, צו אַ דין תורה. נאָכדעם ווי דער רב האָט אויסגעהערט די טענות פוןביידע צדדים, האָט ער זיך געווענדעט צו איין בעל דין, און ער האָט אים געפרעגט, צי ער איז גרייט צו פאַרזיכערען מיט זיין „הן צדק" אַז אַלץ וואָס ער האָט גע־ענטפערט איז אמת. האָט זיך אָנגערופען דער בעל דין: „רבי, איך בין אייך גרייט צו געבען ניט נאָר איינעם, נאָר הונדערט „הן צדק'ס".

הערענדיג דעם דאָזיגען ענטפער, האָט דער רב אַ שמייכעל געטהון, און אַנשטאָט אַ שבועה, האָט ער פאַרגעלייגט די ליטיגאַנטען אַ פשרה. נאָך דעם דין תורה האָט מען אים געפרעגט פאַר וואָס אייגענטליך האָט ער נישט געלאָזט יענעם בעל דין שווערען, האָט דער רב געענטפערט: „אויף דעם וואָרט „הין" זאָגט רש"י ז"ל (שמות ל, כ"ד) „הין אחד שנים עשר לוגין". איז אויב אין איין „הן" זיינען פאַראַן צוועלף „ליגענס" („לוגין") איז וואָס פאַר אַ גרויסער ליגנער מוז שוין זיין אַזאַ איינער וואָס איז גרייט צו געבען גאַנצע הונדערט „הן'ס".

און צווישען די אַנדערע גוטע זאַכען וואָס מיר לערנען אין „קדושים", ווערט אונז אויך אָנגעזאָגט „לא תקום ולא תטור" — דו זאָלסט ניט נעהמען קיין נקמה, און דו זאָלסט ניט טראָגען קיין שנאה אין האַרצען. און באַלד נאָך דעם „לא תקום ולא תטור" שטעהט „ואהבת לרעך כמוך", האָב ליב דעם צווייטען ווי זיך אַליין. זאָגט דאַרויף ר' שמעלקי ניקעלסבורגער ז"ל אַ גוט וואָרט: דו, מענש אַליין מאַכסטו דאָך אויך פעהלערן אין דיין לעבען. אָפטמאָל ביזטו דאָך אַליין שולדיג אין דיינע אומגליקען, אין וועלכע דו ביזט אַריינגעפיהרט געוואָרען דורך שלעכטע אויסרעכענונגען, דורך אַן אונבאַרעכענטען שריט, נו ווער דיר דען איינפאַלען צו נעהמען נקמה פון דיר אַליין? אַזוי אויך זאָלסטו האַנדלען לגבי דעם צווייטען. דו זאָלסט אים ליעב האָבען ווי זיך אַליין. פונקט ווי דו נעהמסט ניט נקמה אין דיר אַליין, אַזוי זאָלסטו זיך ניט נוקם זיין אין דעם צווייטען מענשען.

און ר' דוד'ל לעוולער ז"ל פלעגט זאָגען: אַזוי לאַנג ווי איך האָב ליעב מיינע אייגענע קינדער מעהר ווי די קינדער פון אַ פרעמדען מענשען, בין איך נאָך ניט קיין צדיק. און ר' אהרן קאַרלינער ז"ל פלעגט זיך ווינשען אַז ער זאָל קענען אַזוי ליעב האָבען דעם גרעסטען צדיק ביי אידען ווי דער אויבערשטער האָט ליעב דעם גרעסטען אידישען רשע.

און אויף דעם „ואהבת לרעך כמוך" זאָגט ר' עקיבא „זה כלל גדול בתורה". האָט שוין דאַרויף באַמערקט ר' יהושע'לע קוטנער ז"ל אַז דאָס איז אַ גרויסער כלל אין דער תורה אָבער ליידער ניט אין לעבען. וואָלטען די מענשען אָפגעהיט דעם „ואהבת לרעך כמוך", וואָלט די וועלט גאָר אַנדערש אויסגעזעהן. עס וואָלטען ניט געווען קיין מלחמות, פעלקער וואָלטען ניט אומגעבראַכט פעלקער. מענשען וואָלטען ניט פאַרפאָלגט מענשען. ברידער וואָלטען ניט געפלאָגט קיין ברידער. עס וואָלט געווען אַ גן עדן אויף דער וועלט. האָט אָבער די שנאה די אויבערהאַנט, און די מענשהייט ליידט.

האָט טאַקע ר' משה לייב סאַסיווער ז"ל געזאָגט: זה כלל גדול בתורה

— אויף יעדער חשבון איז פאַראַן אַ פּראָבע. אויף יעדער חשבון איז פאַראַן אַ מיטעל אויסצופּרובירען צי דער חשבון איז ריכטיג. צי מען האָט ניט געהאַט קיין טעות. איז אויב אַ מענש וויל וויסען ווי ער האַלט מיט דער תורה, צי געהט ער אין דעם ריכטיגען וועג, צי ער נאַרט זיך ניט אָפּ אין חשבון, זאָל ער אויספּרובירען מיט דעם „ואהבת לרעך כמוך" — אָט דאָס זאָל זיין זיין פּראָבע. האָט ער ליב דעם צווייטען ווי זיך אַליין איז ער אויף דעם ריכטיגען שליאַך, טאָמער ניט, שטימט ניט דער חשבון, און ער מוז פאַרריכטען דעם פעהלער. אַך, ווי שעהן וואָלט געווען אונזער וועלטעל ווען מיר באַנוצען זיך מיט דעם „ואהבת לרעך כמוך" אַלס לעבענס פּראָבע!

און די סדרה זאָגט אונז „קדושים תהיו כי קדוש אני". נעמליך דער אויבערשטער זאָגט: זייט הייליג, ווארום איך בין הייליג. באַמערקט דאַרויף דער „כתב סופר" ז"ל: זייט קדושים, אָבער ניט קיין פּרושים. זיינדערט זיך ניט אָפּ פון דער וועלט. „כי קדוש אני", נעמליך דער אויבערשטער זאָגט, אויך איך בין הייליג, אָבער פונדעסטוועגען גיב איך זיך אָפּ מיט יעדען איינעם, און איך אינטערעסיר זיך מיט יעדער זאַך.

עטליכע פרומע אידען זיינען אַמאָל געקומען צו ר' חיים וואָלאָזשינער ז"ל, און זיי האָבען פאַרלאַנגט פון אים אַז ער זאָל אַריינלייגען אין חרם אַריין געוויסע משכילים, וואָס פאַרשוועכען עפענטליך די אידישע רעליגיע. האָט דער רב זיי געענטפערט: אין דער סדרה קדושים שטעהען דריי פּסוקים איינס נאָכ'ן אַנדערען, נעמליך „קדושים תהיו . . . איש אמו ואביו תיראו . . . אל תפנו אל האלילים", און יעדער איינער פון די דאָזיגע דריי פּסוקים ענדיגט זיך מיט „אני ה' אלקיכם". די דאָזיגע דריי פּסוקים זיינען געגען די דריי פאַרשידענע קאַטעגאָריעס אידען. די ערשטע קאַ־טעגאָריע זיינען די אמת פרומע אידע, די וואָס היטען אָפּ די תורה און די מצוות, און צו זיי זאָגט דער פּסוק „קדושים תהיו" — פון אייך בין איך זעהר צופרידען, און איך גיב אייך דאַרויף מיין הסכמה, נעמליך אני ה'. די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר. די פּשוטע אידען געהערען צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. זיי קענען ניט לערנען. צו זיי זאָגט דער פּסוק „איש אמו ואביו תיראו" — איר קענט ניט לערנען, זייט־זשע כאָטש מקיים די מצוה פון עהרליך האַלטען די עלטערען, און איך גיב אייך דערפאַר מיין אונטער־שריפט אני ה'. צו דער דריטער קאַטעגאָריע, צו די אידען, וואָס ווייסען ליידער גאָר נישט פון אידישקייט, צו זיי זאָגט דער פּסוק „אל תפנו אל האלילים" — שמד'ט זיך כאָטש ניט, דיענט נישט קיין עבודה זרה, וועט איר אויך פאַררעכענט ווערען פאַר אידען, אני ה'.

איז וועה צו דעם אידען וואָס מען דאַרף זיך טרייסטען אַז ער דיענט כאָטש ניט קיין פרעמדע אָפּגעטער, און וואויל די יעניגע וואָס געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון קדושים תהיו.

„ואמרת אליהם קדושים תהיו", דער אויבערשטער פאָדערט אויף משה'ן צו זאָגען די אידען זיי זאָלען זיין הייליג. זאָגט רש"י ז"ל אויפ'ן אָרט, „מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל". באַמערקט דאַרויף דער „דברי שערי חיים" ז"ל: ניט ווי די משכילים, די „אויפגעקלערטע", לערנען אַז אַ איד

דאַרף מען זיין בלויז ביי זיך אין הויז, אָבער ניט אין גאַס. ניין, נאָר „בהקהל", אין דער עפענטליכקייט, אין גאַס, אומעטום, אין געגענוואַרט פון אייגענע, באַקאַנטע, פרעמדע, דאַרף דער איד זיך אויפפיהרען מיט אידישער קדושה. איז „קדושים" זיינען מיר טאַקע, אָבער ליידער אין אַ גאַנץ אַנדערען זין. אַט האָט דאָך אונזער אייגענעם דור געקאָסט דער „קדושים תהיו", העכער זעקס מיליאָן קדושים!

און די תורה זאָגט אונז אָן „איש אמו ואביו תיראו". איז זעהט־זשע ווי קלוג אונזער תורה איז. אין די עשרת הדברות שטעהט „כבד את אביך ואת אמך". האַלט ערליך דיין פאָטער און דיין מוטער. ווערט דער פאָטער דערמאָנט פאַר דער מוטער. אין דער סדרה קדושים ווערט די מוטער דער־מאָנט פריהער, פאַר דעם פאָטער. וואָס־זשע טאַקע איז די תורה אויסען דערמיט? זאָגען אונזערע הכמים ז״ל אָט וואָס: דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז אַ קינד האַלט ערליך, רעספעקטירט, די מוטער מעהר פון דעם פאָטער. זאָגט די תורה אָן: האַלט ערליך דיין פאָטער פונקט ווי דיין מוטער. דאַגעגען מורא האָבען, האָט אַ קינד מעהר פאַר דעם פאָטער ווי פאַר דער מוטער. זאָגט די תורה: דו זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין מוטער, פונקט ווי דו האָסט מורא פאַר דיין פאָטער. און אַז מיר האַלטען שוין דערביי איז הערט־זשע.

אין דעם יאָר 1863, ווען דער פוילישער אויפשטאַנד איז אין גאַנצען דורכגעפאַלען, האָט דער דאַמאָלסדיגער רוסישער גובערנאַטאָר גערופען צו זיך דעם וואַרשאָווער רב ר׳ בעריש מייזעלש ז״ל, און איז אים אָנגעפאַלען מיט ביטערע פאָרוואורפען, פאַר וואָס ער האָט געשטיצט די אויפשטענדלער, די רעוואָלוציאָנערען: „ס׳טייטש, ווייסט איר דען ניט אַז דער צאַר איז דער הערשער, זיינע הויכע מאַיעסטעט איז דער פאָטער פון דעם דאָזיגען לאַנד, און איר וואָגט צו העלפען זיינע געגנער, געגען דעם פאָטער פון דעם לאַנד?" דאַרויף האָט דער רבי ז״ל געענטפערט: „אמת, זיינע הויכע מאַיעסטעט, דער „צאַר באַטיושקאַ" איז טאַקע דער „פאָטער". אָבער די ערד, אויף וועלכער מיר וואוינען דאָ, איז די מוטער, און ווען דער פאָטער און די מוטער קריגען זיך, האַלטען מיר שטענדיג מיט דער מוטער.

און גאָר באַזונדערס לערענט אונז די תורה, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג מיט „וועגען און מעסטען". די מאָס, די וואָג, דאָס געוויכט, דאַרף זיין אַקוראַט. איז אויף דעם פסוק „איפת צדק, והין צדק יהיה לכם", זאָגט די גמרא: „על כל עבירות אין הקב״ה נפרע עד שתתמלא סאתו, חוץ ממי שמודד במדה קטנה". פאַר אַלע עבירות באַשטראָפט מען ניט דעם מענשען אידער זיין מעסטעל איז שוין אָנגעפילט. כידוע וואַרט דאָך כביכול, טאָמער, אפשר, וועט דער מענש תשובה טהון. האַלט מען די שטראָף אַזוי לאַנג ווי מעגליך. ערשט אַז דאָס „מעסטעל" איז שוין איבערגעפילט, עס רינט שוין אריבער, דאַן באַשטראָפט מען אים שוין. איז דאָס אַזוי ביי אַלע עבירות, אַ חוץ ווען איינער מעסט מיט אַ קליינער מאָס, ווען איינער נאַרט אָפּ מיט דער מאָס אָדער מיט דער וואָג. באַמערקט דאַרויף רבי יונתן אייבעשיץ ז״ל: אַזוי ווי ער האָט ניט מקפיד געווען אויף דער מאָס, איז מען אויך לגבי אים נישט מקפיד אויף דער מאָס, געמליך „מדה כנגד מדה".

אגב, עס זיינען פאראן אויך אזעלכע וואס ניט נאר נארען זיי אפ מיט דער מאס, נאר זיי נעמען פשוט צו איינגאנצען. אט הערט א שעהנס: ביי א רבין איז דאך פאראן, כידוע, א משמש. און א משמש איז דאך ניט מעהר ווי א בשר ודם. פארגלוסט זיך אים אמאל אביסעל וויין. עס שטעהט דאך בפירוש „ויין ישמח לבב אנוש" (תהלים קד), וויין דערפרעהט דאס הארץ. און א משמש האט דאך אויך א הארץ. איז ניט קיין עוולה אז א משמש וויל דערפרעהען זיין הארץ מיט אביסעלע וויין. און אז ביי דעם רבין געפינען זיך א פאר פלעשלעך געשמאקער וויין, איז פאר וואס זאל דער משמש ארומגעהן און לעכצען מיט א טרוקענער צונג. איז ער געגאנגען און האט זיך געטראכט אזוי: אין דער תורה שטעהט „לא תגנוב", דו זאלסט ניט גנב'ענען. און אין הויז ליגען עטליכע פלעשלעך וויין. איז וואס עס „שטעהט", שטעהט, און וואס עס „ליגט" מעג מען נעמען. איז אים דער געדאנק געפעלען, און ער האט גע'לקח'נט א פלעשעל.

איז דאך אבער א רבי פארט א רבי, האט ער דאס גלייך באמערקט און האט אים א פרעג געטהון וואס ער האט אין דעם פלעשעל. איז דער משמש אביסעל צערודערט געווארען, און ער האט געענטפערט: „וואס קען מען האבען אין א פלעשעל, וואסער". האט דער רבי זיך אנגערופען: „אוי וואַ, טאקע זעהר גוט. דו וועסט זיך, אגב, איינשפארען א גאנג. עס וויל זיך מיר א טרונק וואסער". און ער האט גענומען ביי דעם משמש דאס פלעשעל. נאכדעם ווי דער רבי האט פארזוכט פון דעם פלעשעל, האט ער זיך אנגערופען: „איצט פארשטעה איך שלמה המלך'ס ווערטער „מים גנובים ימתקו", גע'גנב'עט וואסער איז זיס . . .

און די סדרה זאגט אונז „והדרת פני זקן". דער פראסטער פשט איז, אז פאר אן עלטערען מענשען דארף מען האבען דרך ארץ. מען דארף אים באהאנדלען שעהן, איידעל. אין אמת'ן דארף מען זיך באציהען מיט רעספעקט צו יעדען איינעם. אבער צו עלטערע מענשען דארף מען זיין באזונדערס פיין און איידעל. די חכמים ווידער, און רש"י ז"ל אויפן ארט, טייטשען „אין זקן אלא מי שקנה חכמה". אז „זקן" באצייכענט א תלמיד חכם. „זקן" מיינט אזעלכען וואס האט זיין גאנץ לעבען געווידמעט אויף תורה און חכמה. ער איז געזעסען טאג און נאכט און האט געלערענט.

האט מען אמאל געפרעגט רבי יאנקעלע ראדזימינער ז"ל: אויב „זקן" מיינט א תלמיד חכם, א איד א למדן, איז וואס־זשע טהוט מען מיט פאלגענדען מאמר חז"ל, ווי ערקלעהרט מען אים? די גמרא זאגט אין סוף קינים: „זקני עם הארץ, כל זמן שהם מזקינים דעתן מיטרפת עליהם... אבל זקני תורה אינן כן, אלא כל זמן שהן מזקינים דעתם מתישבת עליהם" (פארגלייכט שבת קנ"ב). ווי באלד „זקן" מיינט א איד א למדן, איז ווי־זשע קומט עס וואס די גמרא זאל אנרופען אן עם הארץ, „זקן"? האט דער רבי געענטפערט דארויף אט וואס:

דער אמת איז, אז „זקני" אליין, מיינט איןביידע פאלען אידען לומדים. נאר עס רעדט זיך בלויז וועגען זייערע תלמידים, וועגען זייערע חסידים. עס זיינען פאראן „רביים", „זקני תורה", וואס זיינען געבענטשט מיט חסידים וואס זיינען אידען בני תורה, תלמידי חכמים, יראי שמים און גלאט פיינע, איידעלע מענשען. און עס זיינען פאראן „זקני עם הארץ", אזעלכע רביים

וועמענס חסידים זיינען פראָסטאַקעס, גראָבע יונגען, עמי הארץ. איז די „זקני תורה", די רביים וואָס האָבען חסידים בני תורה, קומען זיי צום רבי׳ן און שמועסען אין לערנען, אין חסידות. אַט דער סאָרט חסידים פאַרשאַפט דעם רבין אַ נחת רוח. ער האָט גרויס פאַרגעניגען פון זייער באַזוך. איז „כל זמן שמזקינין, דעתם מתישבת עליהם". וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מעהר נחת האָט ער. אָבער „זקני עם הארץ", אויב דער רבי האָט פראָסטע, עם הארצות׳דיגע חסידים, וואָס דרעהען אים אַ מוח מיט פוסטע נאַרישקייטען, מיט קמיעות, סגולות, מיט חומר׳דיגע, מאַטעריעלע ענינים, פרנסה, וכדומה, ווערט זיין קאָפּ אָנגעפילט מיט פוסטע נאַרישקייטען. „כל זמן שמזקינין, דעתן מיטרפת עליהם". וואָס עלטער זיי ווערען, אַלץ מעהר פוסט ווערט דער קאָפּ.

און אַז דרעהט מען דעם רבי׳ן אַ מוח! איר מיינט אַז נאָר אידען דרעהען דעם רבי׳ן אַ מוח מיט נאַרישקייטען, מיט עולם הזה׳דיגע זאַכען. ניין. אויך גוים פלעגען אין דער אַלטער היים קומען אויסגיסען זייער ביטער האַרץ פאַר דעם רבי׳ן, און בעטען ער זאָל זיי העלפען. צום קאָזשעניצער מגיד ז״ל איז אַמאָל געקומען אַ פריץ מיט אַ קוויטעל, און מיט אַ פדיון, פאַרשטעהט זיך, און ער האָט געבעטען אַז דער רבי זאָל אים בענטשען אַז די פריצה זאָל אים געבוירען אַ אינגעל. האָט דער מגיד אַרויפגעלעגט די הענד אויף דעם פריץ׳ס קאָפּ און געזאָגט בזה הלשון: רבונו של עולם, האר פון דער וועלט, עס זייגען פאַראַן אויף דער וועלט אַזוי פיעל גוים, איז וואָס האַרט דיך אַז עס וועט זיין נאָך אַ גוי.

און אַז די סדרה רעדט פון ארץ ישראל, זאָגט זי „ארץ זבת חלב ודבש", אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניג. האָט רבי מאיר שאַפּיראָ ז״ל באַמערקט דאַרויף אַזוי: דער דין איז אַז „דבר היוצא מן הטמא, טמא". אַ זאַך וואָס קומט אַרויס פון טמא, איז טמא. אָבער חלב ודבש, מילך און האָניג, זיינען אויסנאַמען. די גמרא זאָגט (בכורות י׳) „דם נעקר ונעשה חלב". בלוט טאָר מען דאָך ניט עסען. אָבער מילך וואָס קומט דאָך פון בלוט, מעג מען נוצען. דאָס נעמליכע איז אויך מיט האָניג. האָניג קומט דאָך פון אַ ביהן. די ביהן אַליין איז טאַקע אַ שרץ, אַ טמא באַשעפעניש, אָבער דעם האָניג וואָס קומט פון איר, מעג מען עסען. און אַט מיט די אייגענשאַפטען איז ארץ ישראל געבענטשט. פונקט ווי מילך און האָניג וואָס קומען פון טמא זאַכען זיינען טהור. אַזוי אויך איז דאָס לאַנד ישראל מסוגל צו פאַרוואַנדלען אַ „דבר היוצא מן הטמא" אין אַ טהור. אַ טייערער געדאַנק.

און אַז מיר האַלטען ביי ארץ ישראל, איז הערט־זשע אַ שעהנס: אַ באַוואוסטער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין קינד: „ווייסטו מיין קינד, אַז דו האָסט אַ טאַטען אין הימעל, און דו ביזט מחויב אים צו דינען, צו טהון וואָס ער הייסט, וואָס זיין תורה הייסט? האָט דאָס קלוגע קינד געענטפערט: „אויב ער איז טאַקע אַ טאַטע, איז פאַר וואָס־זשע האָט ער מיר נאָך קיינמאָל ניט געגעבען קיין גראָשען?"

אַ לאַנד באַצייכענט מען דאָך, געוויינליך, מיט „פאָטערלאַנד״. און ישראל איז דאָך אונזער פאָטערלאַנד. דאַרף טאַקע אונזער „פאָטערלאַנד״ געבען אונז אַ גראָשען. אָבער אין לעבען פאַסירט אָפט, אַז דאָס קינד דאַרף געבען דעם פאָטער אַ גראָשען . . . איז ווען עס קומט צום דאַווענען, שרייען מיר „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״, „ותחזינה עינינו בשובך לציון״, און נאָך. אָבער ווען עס קומט צום גראָשען, ווען מען דאַרף געבען דעם „פאָטער״, דעם פאָטערלאַנד, די קאַלטע מטבע, איז קיינער ניטאָ אין דער היים. נו, פרעג איך אייך, יושר!

אמור

די היינטיגע סדרה זאָגט אונז „אלה הם מועדי", אָט די זיינען די ימים טובים. און דער פסוק זעצט פאָרט מיט „ששת ימים תעשה מלאכה", זעקס טאָג מעגסטו אַרבעטען. רעדט זיך דאָך גאָר פון שבת. און זאָגט ווייטער דער פסוק „אלה מועדי ה' מקראי קודש", וואו עס רעדט זיך וועגען פסח, שבועות, ראש השנה, יום הכפורים, סוכות. איז ווי־זשע איז עס צו ערקלעהרען. וועלען מיר ברענגען צוויי תירוצים:

דער „אור החיים" ז"ל האַלט, אַז די תורה איז אויסען אונטערצושטרייכען דעם אונטערשיעד צווישען שבת און די ימים טובים. נעמליך: מיט באַצוג אויף די ימים טובים האָט דאָס בית דין אַ רעכט צו באַשטימען דעם טאָג ווען דער יום טוב זאָל געפייערט ווערען, אויב זיי געפינען עס פאַר נויטיג צוליעב געוויסע אורזאַכען. דאַגעגען דער טאָג פון שבת לאָזט זיך אונטער קיינע אומשטענדען ניט ענדערען, און ער מוז שטענדיג בלייבען דער זעלבער. נעמליך, זעקס טעג וואָך, און דער זיבעטער טאָג איז שבת. און דער טייטש פון פסוק איז אזוי: „אלה הם מועדי", כביכול זאָגט „מועדי", מיין יום טוב וואָס איז באַשטימט אויף שטענדיג, איז „ששת ימים תעשה מלאכה, וביום השביעי שבת שבתון", איז זעקס טאָג מעגסטו אַרבייטען, און דעם זיבעטען זאָלסטו רוהען. מיין יום טוב קען קיין מענש, קיין אויטאָריטעט אין דער וועלט ניט ענדערען. אָבער „אלה מועדי ה' מקראי קודש", די אַנדערע ימים טובים, וואָס ווערען ווייטער אויסגערעכענט, ווי פסח, שבועות, ראש השנה, יום הכפורים, סוכות, וועגען זיי ווערט געזאָגט „אשר תקראו אותם במועדם", אל תקרי א ו ת ם, אלא א ת ם. דאָס הייסט, אַז דער טאָג ווען מען זאָל פייערען די דאָזיגע ימים טובים קען באַשטימט ווערען לויט ווי דער בית דין געפינט פאַר נויטיג.

דער ווילנער גאון ז"ל, גיט אַן אַנדערע ערקלעהרונג: דער פסוק „ששת ימים תעשה מלאכה", זעקס טעג מעגסטו אַרבייטען, רעדט ניט וועגען שבת, נאָר טאַקע וועגען די ימים טובים. ווארום לויט דער תורה ענטהאַלטען די ימים טובים זיבען טעג: דער ערשטער טאָג און דער זיבעטער טאָג פון פסח, דער ערשטער טאָג און דער אַכטער טאָג פון סוכות (שמיני עצרת), איין טאָג שבועות, איין טאָג ראש השנה, און איין טאָג יום הכפורים, צוזאַמען זיבען טעג. און פון די דאָזיגע זיבען טעג, איז „ששת ימים תעשה מלאכה", זעקס טעג מעגסטו טהון אַ מלאכה פון „אוכל נפש", נעמליך, פסח, שבועות, ראש השנה, סוכות. אָבער „וביום השביעי", איין טאָג פון די דאָזיגע זיבען נעמליך, יום הכפורים, איז „שבת שבתון מקרא קודש כל מלאכה לא תעשו". אין דעם טאָג טאָרסטו גאַרניט טהון, אפילו ניט דאָס וואָס מען מעג טהון אין די אַנדערע זעקס טעג יום טוב.

איז, אַז מיר האַלטען שוין ביי ימים טובים, וועל איך אייך איבערגעבען אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד וואָס אַנטהאַלט אַ פיינעם מוסר השכל: ר׳ ברוך מעזשיביזשער, דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל ז״ל, איז ווי באַוואוסט געווען אויך אַ גרויסער מכניס אורח. איינמאָל איז צו אים געקומען אַ מתנגדישער רב, וואָס האָט זיך געהאַלטען גרויס מיט זיין לומדות, און שטאַרק פון זיך געבלאָזען. דער רבי האָט אים אויפגענומען זעהר קאַלט, אפילו אָהן שום כבוד. ווען דער רבי האָט באַמערקט, אַז זיינע מקורבים וואונדערען זיך שטאַרק פאַרוואָס דער רבי גיט דעם רב אַזאַ קאַלטע אויפנאַמע, האָט ער צו זיי געזאָגט:

ווי באַוואוסט, צייכענט זיך שבת אויס מיט דער גרויסער מדה פון הכנסת אורחים. שבת איז אַ גרויסער מכניס אורח, און ער באַהאַנדעלט זיינע געסט פיין און העכסט פריינדליך. אַזוי, למשל, ווען ראש חודש קומט צו שבת (שבת ראש חודש), גיט שבת אים אַוועק דעם מפטיר. ווען אַ יום טוב קומט צו שבת, גיט אים שבת אַוועק די גאַנצע קריאה. ווען יום הכפורים קומט צו שבת (ווען יום הכפור פאַלט אום שבת), גיט אים שבת אַוועק אַפילו דאָס עסען. בלויז דאָס שופר בלאָזען אין ראש השנה, וויל שבת ניט אַוועקגעבען. ווען ראש השנה פאַלט אויס אום שבת, לאָזט דער שבת ניט בלאָזען קיין שופר. פאַרוואָס? ווייל אַן אורח וואָס „בלאָזט״ פון זיך האָט מען ניט זעהר ליב.

איז פאַרשטעהט זיך, אַז אַן אורח וואָס בלאָזט ניט פון זיך, דאַרף מען באַהאַנדלען איידעל און פיין, און מען דאַרף אים מאַכען פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים. ווי באַוואוסט איז ר׳ עקיבא אייגער ז״ל געווען אַ גרויסער מכניס אורח. ער האָט שטענדיג געהאַט אורחים ביים טיש, בפרט ימים טובים. איינמאָל פסח, צום סדר, ווען דער רבי איז געזעסען מיט זיינע אורחים בייט טיש און געפּראַוועט דעם סדר, האָט אַן אורח אומגערען איבער־געקערט זיין כוס, און דער וויין האָט פאַרפלעקט דאָס יום־טוב׳דיגע טישטוך. דער אורח האָט זיך געפיהלט אומבאַקוועם. האָט דער רב אַ שאָקעל געטהון דעם טיש, און זיין אייגענער כוס האָט זיך איבערגעקעהרט, און ער האָט אַ זאָג געטהון: „דער טיש שטעהט עפּיס ניט גלייך״.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי ימים טובים איז כדאי צו באַמערקען, אַז יום־טוב איז אַ גאַר וואוילע זאַך, נאָר די חזנים מאַכען אַמאָל אַביסעלע קאַליע. דאָס הייסט, זייער דאַווענען איז טאַקע גאָר גוט, און פאַרשאַפט די מתפללים גרויס נחת רוח. עס זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרציהען אַמאָל דאָס דאַווענען אַביסעלע צו לאַנג, און וואָס צו לאַנג איז איבעריג. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

ווען ר׳ וועלוועלע איז געווען שטאָדט־מגיד אין ווילנע, איז ר׳ יואל דוד שטראשון ז״ל באַקאַנט אַלס דער ווילנער בעל הבית׳ל, געווען חזן אין ווילנע. און ווי באַוואוסט איז ער געווען באַקאַנט אַלס דער גרעסטער חזן אין זיין צייט. איינמאָל ראש השנה, האָט ער זיך שטאַרק פאַרזונגען אין מוסף, און ער האָט אָפּגעהאַלטען דעם עולם ביז מנחה צייט. נאָך דעם דאַווענען איז דער חזן צוגעגאַנגען צום שטאָדט־מגיד אים ביטען גוט יום־טוב. האָט ר׳ וועלוועלע זיך אָנגערופען צו אים:

„עס איז דאָך שוין שפּעט, וועל איך אייך זאָגען אַ דבר תורה בקיצור. „על שלשה דברים העולם עומד", די וועלט שטעהט אויף דריי זאַכען אויף תורה, עבודה און גמילות חסדים. בנוגע תורה איז ווילנע יוצא מיט מיר, איך זאָג דעם עולם תורה. וואָס אַנבאַלאַנגט עבודה, איז קהל יוצא מיט אייך, איר דאַווענט פאַר דעם עולם. גמילות חסדים טהוט ווילנע מיט אונז ביידע, דערמיט וואָס זיי קומען אונז הערען. ווארום ווען ניט דער עולם וואָלט איך ניט געהאַט פאַר וועמען צו זאָגען, און איר וואָלט ניט געהאַט פאַר וועמען צו דאַווענען. אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז אַ גמילות חסד דאַרף מען לאַנג ניט האַלטען".

אחוץ די ימים טובים רעגולירט די היינטיגע סדרה נאָך ענינים וואָס האָבען צו טהון מיט דעם אידישען לעבענס-שטייגער, ווי למשל, אַז כהנים וואָס האָבען אַ מום, אַ פעהלער, טאָרען ניט מקריב זיין קיין קרבנות. אויך וואָס פאַר אַ בהמות מען מעג יאָ מקריב זיין, און וועלכע מען טאָר ניט. וועגען עומר און ספירה ציילען, אַז אין דער צייט פון שניט דאַרף מען איבערלאָזען אויף דעם פעלד תבואה פאַר דעם אָרימאַן, פאַר דעם פרעמדען; דינים וועגען טויטען אַ מענשען, פאַרוואונדען אַ מענשען, טויטען א בהמה, און נאָך. און דער פסוק זאָגט „כאשר יתן מום באדם, כן ינתן בו". זאָגט דאַרויף דער „קומץ המנחה" ז"ל אַן אמת'דיג וואָרט, נעמליך, „כאשר יתן מום באדם", אויב איינער געפינט שטענדיג חסרונות און פעהלערס אויף דעם צווייטען, איז „כן ינתן בו", איז דערפון אַ סימן, אַז ער אַליין איז פול מיט פעהלערען. און אין דעם שטעקט אַ געוואַלדיגער אמת.

עס איז פון אונגעהויערער וויכטיגקייט, אַז יעדער מענש זאָל צוערשט זעהן ער אַליין זאָל זיין אין אָרדענונג. און דאַן ערשט וועט ער קענען אויפ־מערקזאַם מאַכען דעם צווייטען אויף זיינע פעהלער. אונזערע חכמים ז"ל האָבען שוין געזאָגט „קשוט עצמך, ואחר כך קשוט אחרים". איז אָבער די צרה מיט פילע מענשען וואָס זיי האָבען ליעב צו געפינען חסרונות בלויז ביי יענעם.

אַ חוץ דעם סאָרט מענשען, וואָס זוכען חסרונות ביי דעם צווייטען, איז פאַראַן נאָך אַ סאָרט מענשען, וואָס האָבען ליעב דוקא צו טהון אזעלכע זאַכען וואָס אַנדערע טהוען. און דאָס וואָס געהערט צו זיי, דאָס טהוען זיי נישט. ווי למשל, די געשיכטע מיט יענעם פאָדריאַטשיק (איינער וואָס שטעלט צו פּראָוויאַנט פאַר דעם רוסישען מיליטער):

אין סלוצק וואו ר' יאָשע בער ז"ל איז געווען רב, איז געווען אַ רייכער פּאָדריאַטשיק. אַ חוץ רייך איז ער אויך געווען זעהר פרום. ער פלעגט דאַווענען אין דעם רב'ס בית המדרש, געזאָגט תהלים. אָבער זיין קאַרגשאַפט פלעגט איבערשטייגען זיין רייכקייט און זיין פרומקייט. אַרויסקריגען פון אים אַ נדבה, איז געווען ממש אַן אונמעגליכקייט. דער רב האָט זעהר גוט געקאָנט דעם דאָזיגען פאַרשוין, און ער האָט אים מעהר ווי איין מאָל פאַרגעוואָרפען זיין קאַרגשאַפט.

יום הכפור ביינאַכט נאָך מעריב, ווען דער עולם איז אַהיים געגאַנגען, זיינען געוועהנליך געבליבען עטליכע אידען אין בית המדרש אויף אַ גאַנצע נאַכט, צו זאָגען „שיר היחוד", תהלים און גלאַט תשובה טהון. און דער רייכער פּאָדריאַטשעק איז אויך געבליבען. ער האָט געזאָגט „שיר

היחוד" פאַר דעם עולם, געזאָגט תהלים, און ער האָט זיך שטאַרק באַמיהט אַז דער רב זאָל זעהן ווי פרום ער איז. פאַרטאָג ווען דער עולם האָט זיך אַביסעל אָפּגערוהט און זיך אָנגעהויבען גרייטען צו שחרית, איז ער צו־געגאַנגען צום רב, און געזאָגט: „רבי, עס איז ניט לייכט אויפצוזיין אַ גאַנצע נאַכט, שטעהן אויף די פיס און זאָגען תהלים".

האָט דער רב צו אים געזאָגט: „איר זענט דאָך אַ פּאַדריאַטשעק, זענט איר דאָך באַקאַנט אין מלוכה־ענינים, וואָלט איך וועלען אייך עפּיס פרעגען. אַ מלוכה פאַרמאָגט דאָך פאַרשיידענע מינים סאָלדאַטען, עס זיינען פאַראַן פּיעכאָטנע סאָלדאַטען, נעמליך, אַזעלכע וואָס געהען צו־פוס; קאַוואַלעריע, אַזעלכע וואָס רייטען אויף פערד; אַרטילעריע, אַזעלכע וואָס פאָהרען מיט האַרמאַטען. יעדער מין סאָלדאַטען האָבען זייער באַשטימטע אַרבייט, און יעדער סאָלדאַט האָט זיך זיין באַשטימט אָרט. איז ווי איז ווען אַ סאָלדאַט וואָס דינט, למשל, ביי פּיעכאָטא פאַרלאָזט זיין אָפּטיילונג, און ער גנב'עט זיך אַריין צו דער קאַוואַלעריע, וואָס קומט אים דערפאַר?"

„וואָס הייסט וואָס אים קומט?" ענטפערט דער פּאַדריאַטשעק, „אַזאַ סאָלדאַט ווערט באַטראַכט פאַר אַ מורד במלכות. ער האָט געבראָכען די דיסציפּלין. און ער באַקומט דערפאַר אַ זעהר שווערע שטראָף. אָבער צי וואָס, רבי, פאַלט אייך איין איצט, אום יום הכפור, צו פרעגען אַזאַ זאַך?"

„איך פרעג עס טאַקע אָנטקעגען אייך אַליין", ענטפערט דער רב. „ווי באַוואוסט איז „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע". עס פיהרט זיך אויף דער ערד אַזוי ווי עס פיהרט זיך אויבען אין הימעל. דער באַשעפער פון דער וועלט האָט אויך פאַרשיידענע מינים חיל. עס זיינען, נעמליך, פאַראַן אידען וואָס זיינען בעלי תורה, זיי זיינען מקיים דעם פסוק 'והגית בו יומם ולילה', זיי זיצען טאָג און נאַכט און לערנען. עס זיינען אויך פאַראַן בעלי עבודה, אַזעלכע וואָס קענען ניט איבעריג לערנען, האַלטען זיי אין דינען דעם רבונו של עולם דורך זאָגען תהלים, וכדומה. ווידער זיינען פאַראַן בעלי צדקה, אַזעלכע וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאָנקען מיט רייכטום, דינען זיי דעם בורא עולם דורך געבען צדקה, גרויסע נדבות.

איר זענט אַ רייכער איד. אייער עובדה איז צו געבען גרויסע נדבות, צו העלפען אָרימעלייט, צו שטיצען בעלי תורה. איר האָט ניט באַדאַרפט אויפזיין די גאַנצע נאַכט. איר האָט איצט געקאָנט ליגען אין אייער ווייך בעט און שלאָפען. לערנען און זאָגען תהלים דאָס איז פאַר די אָרימע אידען, וואָס געהערען צו די בעלי תורה און בעלי עבודה. וואָס אָבער האָט איר געטהון? איר האָט פאַרלאָזט די בעלי צדקה צו וועלכע איר געהערט, און איר שטעהט אַ גאַנצע נאַכט מיט די אָרימע אידען, צו וועלכע איר געהערט ניט. איז זאָגט־זשע אַליין, וואָס קומט אייך דערפאַר?"

זיינען, אָבער, פאַראַן מענשען וואָס ווילען זיך דוקא יאָ מישען אין יע־נעם'ס געשעפטען. זיי טהוען עס כלומר'שט אַלס פריינדשאַפט. אָבער אָפּטמאָל פאַראורזאַכט אַזאַ פריינדשאַפט אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישען עלטערען מיט קינדער, צווישען מאַן און פרוי, צווישען פריינד. ניט איין לעבען האָט שוין אַזאַ „פריינדשאַפט" רואינירט. זעהט איר, דוקא דער אַמעריקאַנער האַלט פון דעם מאמר חז"ל „קשוט עצמך, ואחר כך קשוט אחרים", נעמ־

ליך, אויף אַמעריקאַניש הייסט עס פּשוט „מאַינד יור אָון ביזנעס", גיב אַכטונג אויף דיר אַליין, מיש זיך ניט אין יענעמס עסקים. ווען יעדער איינער זאָל טאַקע זיך באַמיהען צו זיין אַליין אין אָרדענונג, וואָלט אונזער וועלטעל געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים.

פאַרשטעהט זיך, אַז אַמאָל דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכען אַ צווייטען אויב ער באַגעהט אַן עוולה. אָבער דאָס מעגען נאָר אַזעלכע צדיקים ווי אַ ר' יאָשע בער ז"ל. ער האָט געמעגט פּירהאַלטען יענעם פאַדריאַטשעק ווייל ער אַליין, כאָטש ווייט פון צו זיין אַ גביר, איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה. אָט הערט:

איינמאָל פאַר פּסח איז אַריינגעקומען צום רב אַ איד, און האָט געפרעגט צי מעג מען יוצא זיין אַרבע כוסות מיט מילך. דער רב האָט אים געפרעגט צי ער איז חלילה קראַנק, און דער איד האָט געענטפערט, אַז ניין, ער איז ברוך השם געזונט, נאָר ווייַן, האָט ער געזאָגט „מיט אַ האַלב מויל" איז היינ־טיגס יאָר אַביסעל צו טייער פאַר אים. האָט ר' יאָשע בער געהייסען דער רבי'צין אים געבען פינף און צוואַנציג רובעל. דער איד האָט ניט געוואָלט נעמען. ער איז געקומען פרעגען אַ שאלה, און ניט נעמען קיין נדבה. אָבער דער רב האָט אים איינגערעדט ער זאָל נעמען אַלס אַן הלוואה, און דער איד האָט זיך געלאָזט איבעררעדען.

ווען דער איד איז אַוועקגעגאַנגען האָט די רבי'צין באַמערקט, אַז אויף ווייַן וואָלט דאָך גענוג געווען אַ פּאָר רובעל, צו וואָס פינף און צוואַנציג? האָט דער רב איר געענטפערט: „וואָס פאַרשטעהסטו דאָ ניט, אַז דער איד האָט געפרעגט צי מען מעג יוצא זיין די אַרבע כוסות מיט מילך, איז דאָך אַ סימן, אַז ער האָט ניט קיין פליישׁ און אַלע אַנדערע נויטיגע שפּייזען אויף יום טוב, ווייל די אַנדערע צוויי כוסות ווערען דאָך געטרונקען נאָך דער סעודה. הייסט עס דאָך אַז ער האָט פּשוט ניט אויף פּסח הוצאות, האָב איך אים געגעבען ער זאָל האָבען אויף יום טוב.

אַזעלכע אידען מעגען אַמאָל אויסשטראָפען אַ צווייטען. אָבער מיר פּשוט'ע מענשען דאַרפען זעהן, אַז מיר אַליין זאָלען זיין אין אָרדענונג. איידער מען וויל עמיצען עפּיס פּירהאַלטען, זאָל מען זיך גוט איבערלעגען צי מען איז ניט שולדיג אַליין אין דער זעלבער עוולה. מיר דאַרפען גוט געדענקען דאָס וואָרט פון אונזערע חכמים ז"ל „קשוט עצמך, ואחר כך קשוט אחרים".

בהר

אויף איינעם פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען, האָט דר. מאַקס נאָרדוי ע״ה געזאָגט אַז עס איז פאַראַן אַ סאָרט אידען וואָס זיינען „בויך אידען״, אידען וואָס האָבען אין זינען בלויז זיך אַליין. זיי האָבען אין זינען בלויז דעם אייגענעם מאָגען. נאָר זייער אייגענע הויט איז זיי טייער. דאָס איז באַ־זונדערס אמת צווישען די אידען וואָס וואוינען אין אַזעלכע לענדער אין וועלכע זיי געניסען פאַרשיידענע פרייהייטען, מען מאַכט ניט אויף זיי קיין פאָגראָמען, און קיין פרנסה פעהלט זיי אויך ניט. אָט דער דאָזיגער סאָרט אידען האָט שטענדיג געציטערט פאַר דעם מאָמענט ווען אידען וועלען צוריק קריגען זייער אייגען לאַנד, און זיי וועלען ווערען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. אַזעלכע אידען ווילען ליבער זיין „מה יפית״ בירגער אין גלות, איידער שטאָלצע אידען אין זייער אייגען לאַנד.

אָט האָבען מיר שוין ברוך השם אונזער אייגען לאַנד, מיט אַן אייגענעם פרעזידענט, מיניסטאָרען, כנסת (פאַרלאַמענט), אַרמייען, אַ פלאָט, און אַלע אַנדערע זאַכען וואָס אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה דאַרף האָבען. דאָס פאָלק און די רעגירונג זיינען שוין אנערקענט ביי די „יונייטעד ניישאַנס״ (פאַר־אייניגטע פעלקער). ישראל איז שוין אַריינגענומען אַלס מיטגליד אין דער פעלקער משפחה. און דאָך זיינען פאַראַן, טאַקע אין אַמעריקע, אַזעלכע אידען וואָס קענען ניט, און ווילען ניט, פאַרדייהען דעם פאַקט וואָס ישראל איז געוואָרען אַן אנערקענט פאָלק און לאַנד. עס איז פאַר זיי אַ ביטערער טראָפּען, אַ ביטערער פּיל, און זיי קענען אים ניט אַראָפּשלינגען.

און פון וואַנען מיינט איר נעמט זיך דאָס ? פון וואוילטאָג. בעת אין צאַרי־שען רוסלאַנד, אין רומעניע, אין פוילען, אין דעם נאַצישען דייטשלאַנד, האָט מען פאָגראָמירט אידען זיי פאַרפאָלגט אַכזריות׳דיג, זיי געברענט אין די קאַלך אויוונעס, איז די מה יפית׳דיגע אידישע בירגער אין אַמעריקע געגאַנגען גאַנץ גוט. זיי זיינען געוואָרען רייכער פון טאָג צו טאָג. און ווי אין פסוק שטעהט „וישמן ישורון ויבעט״, עס האָט זיי אַנגעהויבען געהן גוט, און נאָך בעסער פון גוט, איז צו וואָס־זשע דאַרפען זיי אפילו זייער אייגען לאַנד ? זייענדיג פאַר׳שיכור׳ט פון דעם ביסעל פרייהייט וואָס מען וואַרפט זיי צו אין גלות, קענען זיי זיך פשוט ניט אויסניכטערען דערפון. און האָבענדיג מורא אַז די עקזיסטענץ פון אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה וועט זיי שטערען אין אַסימילירען זיך פולשטענדיג, לעגען זיי נאָך אפילו איצט איין וועלטען צו מאַכען צו „קליין געלט״ די „אתחלתא דגאולה״, און טענה׳ן אַז דאָס האָט מיט זיי גאָרניט וואָס צו טהון.

איז דאָך אָבער אונזער תורה קלוג ווי דער טאָג. און זי האָט שוין מיט דריי און אַ האַלב טויזענט יאָר צוריק פאָראויסגעזעהן, אַז עס וועלען

זיין אַזעלכע „בויך־אידען". זאָגט אונז די היינטיגע סדרה „וקראתם דרור בארץ... ושבתם איש אל אחוזתו". טייטשט דער ילקוט הדרוש ז"ל דעם דאָזי־גען פסוק אַזוי: אפילו דאַן ווען עס וועט זיין „דרור בארץ"; אפילו ווען איר וועט וואוינען אין אַזעלכע לענדער אין וועלכע איר געניסט פרייהייט, זאָלט איר ניט פאַר׳שיכור׳ט ווערען פון אָט דעם בירגער־רעכט און פרייהייט וואָס איר געניסט. אפילו דאַן זאָלט איר זיך ניט איינרעדען אַז איר זענט שוין אויף אייביג געהאָלפען געוואָרען. ניין, נאָר אפילו דאַן זאָלט איר האַלטען אין איין שטרעבען צו דעם „ושבתם איש אל אחוזתו", צום אומקערען זיך אין אייער אייגען לאַנד, צו דעם לאַנד פון אבות אבותינו.

ווען ר׳ עקיבא אייגער ז"ל איז געווען רב אין פויזען, דייטשלאַנד, איז דאָרט געשטאָרבען אַ געוויסער פּראָצענטניק. זייענדיג געווען אַ שלעכטער מענש בכלל און אַ קאַרגער בפרט, האָט די „חברא קדישא" פאַרלאַנגט אַ גרויסע סומע פאַר קבורה־געלט. אַזוי ווי „דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון דעם בוימעלע", זיינען די יורשים ניט געווען בעסער פון דעם בר מינן. זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער מאַכט מיט אַן אַנקלאַגע. די רעגירונגס בע־אַמטע האָבען געשיקט נאָך דעם רב, און זיי האָבען געפאָדערט פון אים אַן ערקלערונג, פאַרוואָס די חברא קדישא פאַרלאַנגט פון דעם דאָזיגען בר מינן מעהר ווי פון אַנדערע פאַרשטאָרבענע גבירים. האָט דער רב זיי געענטפערט, אַז די זאַך איז גאָר פשוט:

„מיר אידען גלויבען דאָך אין תחית המתים, אַז ווען משיח וועט קומען וועלען די מתים צוריק אויפשטעהן פון זייערע קברים. און מיר אידען ער־וואַרטען דאָך אַז היינט־מאָרגען זאָל משיח קומען. יעדער קבר וואָס אַ טויטער באַקומט, איז דאָך בלויז אויף אַ קורצע צייט. דערפאַר איז דער פּרייז אַ נידעריגער. אָבער דער דאָזיגער פאַרשטאָרבענער איז דאָך געווען אַ פּראָצענטניק. און אונזערע חכמים ז"ל זאָגען אַז פּראָצענטניקעס האָבען ניט קיין חלק אויף יענער וועלט. אַזעלכע חברה לייט וועלען ניט אויפשטעהן קיין תחית המתים. קומט דאָך אויס אַז זיין קבר איז ניט אויף אַ קורצע צייט, נאָר אויף שטענדיג, אויף אייביג. און פאַר אַן אייביגען קבר, וויפיל מען זאָל ניט נעמען איז נאָך אַלץ ווייניג".

און אין איין וועגס וועל איך שוין איבערגעבען אַ גוטען טייטש וואָרט פון „כנפי יונה" ז"ל. באַלד נאָך „ושבתם איש אל אחוזתו" שטעהט „ואיש אל משפחתו תשובו". ווען איינער איז אָרים, דערווייטערט זיך די משפחה פון אים. אָבער ווען „ושבתם איש אל אחוזתו", ווען ער ווערט פּלוצים פאַרמעגליך, און קויפט זיך אַ נחלה, איז „ואיש אל משפחתו תשובו", דאַן קערט זיך אום צו אים די משפחה, און די ווייטסטע קרובים ווערען איבער נאַכט נאָהענטע. און אָט דאָס איז טאַקע אויך דער טייטש פון „וישגב אביון מעוני וישם כצאן משפחות (תהלים ק"ז). נעמליך, ווען אַן אָרימאַן ווערט אויפ־געריכט, פּרוכפּערט זיך זיין משפחה ווי שאָף.

זעהט איר, עס איז דוקא פאַראַן אַ סאָרט מענשען, וואָס ווילען גראַד יאָ באַהילפיג זיין אַ נויטבאַדערפטיגען. אָבער . . . נאָר אַזוי לאַנג ווי דער נויט־

באַדערפטיגער וויל ניט נעמען. אַט הערט אַ מעשה שהיה: איידער דער „חפץ חיים", ר' ישראל מאיר הכהן ז"ל, האָט אַרויסגעגעבען זיין ערשטען ספר, איז ער געווען אין אַ געדריקטען מצב. ער איז געזעסען טאָג און נאַכט און גע־לערענט, און איז אַפּגעקומען ממש מיט ברויט און וואַסער. אין שטאָדט האָט מען געוואוסט פון זיין דחקות, מען האָט אים געוואָלט העלפען, אָבער ער האָט יעדען אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט צו קיינעם אָנקומען. איינמאָל האָט זיין מוטער ע"ה, אָנגעהויבען איינ'טענה'ן מיט אים: ס'טייטש, דו זעהסט דאָך אַליין, אַז אין שטוב איז קיין שטיקעל ברויט ניטאָ, מענשען ווילען אַרויסהעלפען, פאַרוואָס זאָלסטו ניט וועלען? " האָט ער געענטפערט: „פאַרשטעהסטו מאַמע לעבען, מען וויל מיר געבען געלט כל זמן איך וויל ניט נעמען. קוים וועל איך אָנהויבען נעמען, וועט מען מיר אויפהערען געבען".

און די היינטיגע סדרה זאָגט אָן די אידען אַז ווען זיי וועלען קומען קיין ארץ ישראל, איז זעקס יאָר זאָלען זיי פאַרזייען די פעלדער, שניידען די תבואה, איינזאַמלען פון די ווייַנגערטנער, אָבער דאָס זיבעטע יאָר איז שמיטה, מען טאָר ניט בעאַרבייטען די פעלדער און די ווייַנגערטנער. און יעדער פופציגסט יאָר איז יובל, און אויך דאַן, אין דעם יובל יאָר, טאָר מען ניט זייען, שניידען די תבואה, אָדער איינזאַמלען די פרוכט פון די גערטנער. אי „וכי תאמרו מה נאכל", טאָמער וועט איר פרעגען „פון וואַנען וועלען מיר נעמען צו עסען אין אָט די יאָרען אין וועלכע מען טאָר ניט באַאַרבייטען די פעלדער?" ענטפערט די תורה „וצויתי את ברכתי לכם". . . זאָגט דאָרויף דער „צרור המור" ז"ל אַ טייער וואָרט: אויף דער וועלט הערשט אַזאַ גרויסע אָרימקייט, ווייל דער גביר פיהלט ניט מיט מיט דעם אָרימאַן. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען". אָבער ווען שמיטה און יובל וועלען אויספאַלען צוזאַמען, וועט מען דריי יאָר ניט אַקערען און ניט זייען, דאַן וועלען דאָך אפילו די רייכע מוזען פרעגען „מה נאכל", איז „וצויתי את ברכתי", אָט דאָס וועט זיין אַ ברכה פאַר דער וועלט. וואָרום ווען דער גביר וועט אויך דערפיהלען דעם טעם פון הונגער, וועט ער שוין גיכער באַגרייפען די לאַגע פון דעם אָרימאַן. ער וועט מער מיטפיהלען מיט אים. און ער וועט אים העלפען מיט אַ ברייטערע האַנט.

און אַ גביר, אַבי ער געוואוינט זיך צו צו געבען, גיט ער שוין. בכלל איז געוואוינהייט אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין לעבען. ווי זאָגט דאָס ווערטעל „הרגל נעשה טבע", „געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור". אַ יונגערמאַן, אַ משכיל, איז אַמאָל געקומען צו ר' אייזיק מאיר דיק ז"ל, מיט אַ חיבור וואָס ער האָט אָנגעשריבען און האָט געבעטען אַ הסכמה. האָט ר' אייזיק מאיר צו אים געזאָגט: „יונגערמאַן, אויב איר ווילט זיין אַ מחבר ביי אידען, דאַרפט איר אויף זיך נעמען אַרומצוגעהן מיט אייער ספר איבער די הייזער און ליידען אָרימקייט און נויט ביז צו פערציג יאָר". „נו, און וואָס וועט זיין נאָך פערציג יאָר?" האָט דער יונגערמאַן געפרעגט. און ר' אייזיק מאיר האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכעל: „נאָך פערציג יאָר וועט איר זיך שוין האָבען צוגעוואוינט".

איז טאַקע געוואוינהייט אַמאָל אַ זעהר גוטע זאַך. וואָרום איז דעם וואָס געוואוינט זיך אַריינצוקוקען יעדען טאָג אין אַ ספר, אַפּצוהיטען שבתים

און ימים טובים, צו טהון אַ גמילות חסד, צו געבען אַ נדבה, צו רעדען אַנשטענדיג, ניט צו באַרעדען דעם צווייטען, צו דאַוונען יעדען טאָג; און קורצען, צו טהון וואָס צום אויבערשטען איז צום אויבערשטען, און וואָס צו לייט איז צו לייט. אָבער אַמאָל איז דווקא געוואוינהייט אַ חסרון.

עס זיינען פאַראַן, צום ביישפּיל, מענשען וואָס ו ו י ל ע ן זיך צו־געוואוינען צו רייכקייט. דאָס י אָ ג ע ן זיך נאָך רייכטום ווערט ביי זיי אַ געוואוינהייט. זיי יאָגען זיך צו פאַרכאַפּען די גאַנצע וועלט. אָט דער דאָ־זיגער סאָרט מענש פאַרגעסט אַז דעם מענשען׳ס לעבען איז קורץ. דאָס גאַנצע לעבען איז „כענן פורח, וכחלום יעוף״, ווי אַ וואָלקען וואָס שוועבט ביי, און ווי אַ חלום וואָס פאַרשווינדט.

אָט למשל זאָגט אונז די היינטיגע סדרה „והארץ לא תמכר לצמיתות״ . . . כי גרים ותושבים אתם״, די ערד איז טאַקע אייביג, אָבער דער מענש אויף דער ערד איז דאָך ניט מער ווי אַ גר, אַ פרעמדער. איז וואָס פאַר אַ רעכט, פרעגט דער „דברי שאול״ ז״ל, האָט דער צופעליגער מענש צו פאַרקויפען און צו הערשען איבער דעם שטענדיגען?

איז וואָלטען די מענשען דאָס שטענדיג אין זינען געהאַט, וואָלטען די טאַקע געווען פיל גליקליכער. זיינען אָבער די מענשען, די קלוגסטע פון אַלע באַשעפעניש, אין דעם דאָזיגען פּרט דוקא די נאַרישסטע. יעדע לע־בעדיגע באַשעפעניש זוכט נאָר צו זעטיגען איהר באַדאַרף. ווען דער לייב איז הונגעריג, זוכט ער בלויז צו זעטיגען זיין הונגער. האָט ער געזעטיגט זיין הונגער, איז ער צופרידען. אָבער דער מענש איז ניט אַזוי. וויפיעל ער זאָל ניט פאַרמאָגען, איז ער אַלץ ניט צופרידען, און ער וויל נאָך. אפילו איבער אַ שפּאַן ערד איז דער מענש באַרייט איינצולעגען וועלטען.

צום ביאַליסטאָקער רב, דער „עונג יום טוב״ ז״ל, זיינען אַמאָל געקומען צוויי ליטיגאַנטען (בעלי דין) וואָס האָבען געהאַט צווישען זיך אַ סכסוך וועגען אַ שטיקעל ערד. יעדער איינער פון די צוויי האָט גע׳טענה׳ט, אַז דאָס שטיקעל ערד געהערט אים אין גאַנצען. יעדער איינער האָט געשריגען אַז דער „פּלאַץ איז זיינער״. זיי האָבען פאַרגעסען אַפּנים, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט „כי לי כל הארץ״, אַז די גאַנצע ערד געהערט מיר, „כי לי הזהב ולי הכסף״, אַז דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער געהערט מיר. ווען דער רב האָט געזעהן אַז זיי וועלען בשום אופן ניט דורכקומען צווישען זיך, האָט ער זיך איינגעבויגען צו דער ערד, צוגעלעגט דעם אויער, און האָט זיך אָנגערופען צו זיי: „איר ווייסט, רבותי, עס איז דאָ נאָך אַ דריטער „בעל דין״, נעמליך די ערד. זי טענה׳ט, אַז זי געהערט ניט צו אייך, נאָר אַז אירביידע געהערט גאָר צו איר״.

היינט וויבאַלד אַז דער מענש געהערט צו דער ערד, איז צו וואָס־זשע דאָס יאָגען זיך נאָך אַ דאָלאַר? צו וואָס דאָס וועלען פאַרכאַפּען די גאַנצע וועלט? צו וואָס דאָס יאָגען זיך, אַז מען דעריאָגט סיי ווי ניט? צו וואָס דאָס וועלען פאַרכאַפּען, אַז מען פאַרכאַפּט סיי ווי ניט? עס איז, גלויבט מיר, רבותי, פיל בעסער זיך צו יאָגען יענעם אַ טובה צו טהון. וואָרום ניט נאָר קומט דעם צווייטען אַרויס אַ טובה, נאָר דער בעל טובה אליין האָט דאָך דערפון אַ הנאה. „וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו״, אויב דיין ברודער

איז פאַראַרימט געוואָרען, הילף אים מיט אַ גמילות חסד, וועסטו האָבען עפּעס אויפגעטהון אויף דער וועלט. און כאָטש געבען צדקה איז דאָך אַ גאַר גרויסע מצוה, איז גמילות חסד נאָך גרעסער. זאָגען דאָך אונזערע חכמים ז״ל, „גדולה גמילות חסד יותר מן הצדקה״ (סוכה מ״ט). איז אַגב פאַראַן דאַרויף אַ גוטער טייטש:

דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען איינער קומט דאָס ערשטע מאָל נאָך צדקה, גיט מען אים אַ פיינע נדבה. ווען דער זעלבער מענש קומט נאָך אַמאָל, גיט מען אים שוין ווייניגער. קומט ער אַ דריטען מאָל, גיט מען אים נאָך ווייניגער. ביי גמילות חסדים, איז עס פאַרקערט. דאָס ערשטע מאָל באָרגט מען יענעם אַ קלענערע סומע. אַז ער צאָלט אָפּ און קומט שפּעטער נאָכאַמאָל נאָך אַ גמילות חסד, געטרויעט מען אים אַ ביסעל מעהר. איז ער ווידער פּינקטליך און צאָלט אָפּ אין צייט. ווערט ער מעהר בטוח, און ווען ער קומט נאָכאַמאָל בעטען אַ גמילות חסד, געטרויט מען אים נאָך מעהר. און אָט דאָס איז דער טייטש פון „גדולה גמילות חסדים״. ביי גמילות חסדים ווערט דאָס געבען יעדעס מאָל גרעסער, פּונקט פאַר־קערט ווי אין דעם פאַל פון צדקה.

אַלזאָ, ביידע מעשים, סיי צדקה און סיי גמילות חסד, זיינען מעשים טובים. און וואָס מעהר איינער טהוט אַלץ בעסער. און זעהר אָפט פּאַסירט אַז דוקא דער וואָס איז ניט להוט נאָך קיין געלט, גיט מען אים מיט דער פולער האַנט, און דעם וואָס איז יאָ להוט נאָך געלט, דעם דוקא גיט מען ניט. אָט וועל איך אייך איבערגעבען אַ פאַקט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך, אַ טיפען מוסר השכל, אויף וועלכען איר וועט זיך אַליין אָנשטויסען.

אַ מגיד איז אַמאָל געקומען קיין פּרעמישליאַן. ער האָט דאָרט געזאָגט אַ דרשה אין שוהל. און ער האָט זעהר אויסגענומען ביי דעם עולם. נאָך דער דרשה האָט מען, ווי דער שטייגער איז, געמאַכט אביסעל געלט, און מען האָט עס דערלאַנגט דעם מגיד. איידער דער מגיד איז אַוועקגעפאָהרען פון דעם שטעדטעל, איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיט דעם רב ר׳ מאיר׳ל ז״ל. דער רב האָט אים זייער פיין אויפגענומען און אים געבעטען זיצען.

דער מגיד האָט געזעהן ווי מענשען האַלטען אין איין אַריינקומען. דער אַריין, דער אַרויס, און יעדער איינער לאָזט איבער אַ פּדיון, און אַמאָל אפילו אַ גאַר גרויסען פּדיון. און אין די עטליכע מינוט וואָס ער איז געזעסען, איז דער טיש באַדעקט געוואָרען מיט אַ היבשע סומע געלט. רופט זיך אָן דער מגיד צום רבי׳ן: „זעהט איר, רבי, צו אייך קומען מענשען, און צו מיר קומען מענשען. איז מיך פּטר׳ט מען אָפּ מיט עטליכע פּרוטות, און אייך גיט מען גרויסע מטבעות, ווי ערקלערט איר דאָס?״ האָט דער רבי געענטפערט: „מיר האָבען ביידע אַ השפּעה אויף אונזער עולם. איך האָב שטאַרק פיינט געלט, בין איך משפּיע אויף מיין עולם, קריגט ער אויך פיינט געלט, און ער גיט עס אַוועק. איר אָבער, האָט ליעב געלט, איר זענט אַן „אוהב ממון״, זענט איר משפּיע אויף אייער עולם, אַז אויך ער זאָל ליעב האָבען געלט. און אַ זאַך וואָס מען האָט ליב, גיט מען געוויינטליך ניט אַוועק.

בחקתי

„אם בחוקתי תלכו". זאָגט די גמרא (עבודה זרה ה, א), „אין אם אלא לשון תחנונים". „אם" איז דער טייטש בעטען. כביכול זאָגט: איך בעט אייך קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, געהט אין מיינע געזעצען. פיהרט זיך אויף לויט די פאָרשריפטען פון דער תורה, היט אָפּ מיינע מצוות. עס וועט אייך דאַן גאָרניט פעהלען. איר וועט האָבען אַלץ וואָס אַ מענש וויל, און דאַרף וועלען. איך וועל אייך געבען רעגען אין צייט. די ערד וועט געבען תבואה, דער בוים וועט געבען פרוכט. עס וועט זיין שלום אין לאַנד. אויב אַ שונא וועט אייך אָנפאַלען, וועט ער ניט אַרויס קיין לעבעדיגער פון אייערע הענט. פינף פון אייך וועלען פאַריאָגען הונדערט, און הונדערט פון אייך וועלען נאָכיאָגען צען טויזענט. איר וועט זיך מעהרען. און איך וועל באַשטעטיגען און פאַרפעסטיגען מיין בונד, מיין אָפּמאַך מיט אייך.

איז דאָך גוט, הא! זיינען מיר דאָך, אָבער, אַן „עם קשה עורף", אַביסעלע עקשן׳עוואַטע, טהוען מיר פונקט פאַרקעהרט. יאָגען פינף פון אונז הונדערט אַראָבער און הונדערט פון אונז יאָגען צען טויזענט אַראָבער, און דער אַלמעכטיגער גיט אונז ענדליך צוריק אונזער לאַנד, קומען אונזערע ברידער אין אַמעריקע, און שרייען געוואַלט זיי ווילען ניט דאָס לאַנד פון אונזערע אבות. זיי ווילען קאָלאָמבוס׳עס לאַנד. מען קען טאַקע גאָרניט זאָגען געגען אונזער אַמעריקע. אָבער אַזוי ווי משה רבינו האָט געפיהרט די אידען ביז ארץ ישראל, און יהושע האָט זיי אַריינגעפיהרט אין דעם לאַנד אַריין, ווייל דאָס איז דאָס לאַנד וואָס דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אונזערע אבות אברהם, יצחק און יעקב, דאַרף דאָך מסתמא אַזוי זיין. אָבער געה טענה זיך אויס מיט זיי.

און אויב מיר וועלען ניט געהן אין די וועגען פון דער תורה וועט ניט זיין אונז וואָס מקנא צו זיין. „והבאתי אותם בארץ אויביהם . . ." וועלען זיי צעשפרייט ווערען אין די לענדער פון אונזערע פיינד. אין תהלים ק״ו, ל״ה, שטעהט „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם". דער פראָסטער פשט איז, אַז מיר וועלען זיך אויסמישען צווישען גוים, און מיר וועלען זיך אָפּלערנען זייערע מעשים. אָבער דער רבי ר׳ בונים ז״ל טייטשט אַזוי: איידער משיח וועט קומען, וועלען אידען דורכלעבען אַ זעהר שלעכטע צייט. און מיט פרנסה וועט עס זיין באַזונדערס שוועהר, און אַט פאַר וואָס. „ויתערבו בגוים", די אידען וועלען זיך אויסמישען מיט די גוים. זיי וועלען געהן אין די גוי׳אישע דרכים. „וילמדו מעשיהם", וועלען די גוים זיך אויסלערנען די אידישע מלאכות, די אידישע מסחרים. וועלען זיי צונעמען ביי די אידען זייערע פרנסות. און אַז עס איז נישטאָ קיין פרנסה, איז דאָך אפילו קיין גלעזעל טהיי ניטאָ אין הויז. און אַ גלעזעל טהיי איז אַמאָל געוואַלדיג וויכטיג. ביי אַ גלעזעל טהיי, קען מען אַמאָל געהאָלפען ווערען. אַט הערט אַ מעשה שהיה:

אַ פרוי איז אַמאָל געקומען צום ריזשינער רבי'ן ז"ל מיט אַ בקשה. זי האָט געבעטען דעם רבי'ן ער זאָל מתפלל זיין זי זאָל געהאָלפען ווערען. האָט דער רבי איר געראַטען פאָהרען צו ר' מאיר פרעמישליאַנער. און ער האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט קומען אַהין און דער רבי וועט טרינקען טהיי, וועט זי זיכער געהאָלפען ווערען. ווען די פרוי איז געקומען צו דעם פרעמישליאַנער, האָט ער טאַקע פונקט געהאַלטען ביים טרינקען טהיי. איז זי געווען, פאַרשטעהט זיך, איבערגליקלעך. זי האָט דעם רבי'ן געזאָגט איר בקשה, און זי האָט אים אגב איבערגעגעבען דעם ריזשינער'ס ווערטער, אַז אויב זי וועט קומען און דער רבי וועט טרינקען טהיי, וועט זי באַשטימט געהאָלפען ווערען. האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון, און ער האָט איר ערקלעהרט, אַז מיט דעם וואָרט „טהיי", האָט דער ריזשינער געמיינט „ת ה א" השעה הזאת שעת רחמים . . .

איז ווען מען האָט פרנסה איז דאָ אויף „טהיי". און ניט נאָר אויף „טהיי", נאָר טאַקע אויך דער „תהא"... איז דאָ אין הויז. עס איז אַלץ דאָ אין הויז. און דער עיקר איז דאָ שלום אין הויז, שלום בית. ווארום קריגערייען אין הויז נעמען זיך מעהרסטענס פון ווייניג פרנסה. כאָטש צוריק געשמועסט, וואָס מיינט ווייניג פרנסה? איינער באַקלאָגט זיך די „יושקע" איז צו שיטער. און איינער באַקלאָגט זיך אַז די שנירלאַך פערעל זיינען צו שיטער. אָבער אַזוי צי אַזוי, ווינציג פרנסה איז אָפט מאָל דער שטויס צו מחלוקת, צו צאַנקעריי, דער צעשטערער פון שלום בית.

ווי זאָגט דאָס אוקראַאינישע ווערטעל „יאַק איוו סטאָדאָליע ניע מאָלאָ־טיטסאָ, טאָ איוו האַטיע קאָלאָטיטסאָ". אַז אין סטאָדאָלע (שייער) מלויצעץ זיך ניט, ניט פאַראַן קיין תבואה, רייסט מען זיך אין הויז ביי די האָר. מיינט איר, אַז דער אוקראַאינער האָט געשאַפן דאָס ווערטעל, הויבט עס זיך גאָרניט אָן. אונזערע חכמים ז"ל האָבען דאָס שוין געוואוסט מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען עס איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען קיין אוקראַאינע. די גמרא זאָגט אין בבא מציעא נט, א: „כדמשלם שערי מכדא, נקיש ואתי תיגרא בביתא", ווען עס לאָזט זיך אויס דער גערשטען פון קרוג, הויבט זיך אָן קריגעריי אין הויז.

דערפאַר טאַקע ,ווען עס קומט צו פרנסה, זאָל מען ניט זיין קיין מפונק. מען זאָל טהון אַלץ וואָס עס לאָזט זיך, אַבי צו פאַרדינען אויף חיונה, אַבי ניט צו דאַרפען אָנקומען צו אַ בשר ודם. די גמרא זאָגט בפירוש (פסחים קיג, א) „פשוט נבילתא בשוקא ושקיל אגרא, ולא תימא כהנא אנא, וגברא רבא אנא", ציה אָפּ אַ נבלה אין מאַרק, נעם דיין געהאַלט, און דו זאָלסט ניט זאָגען איך בין אַ כהן, איך בין אַ וויכטיגער מענש, עס פאַסט מיר ניט צו טהון אַזאַ אַרבייט (פאַרגלייכט בבא בתרא קי, א). האָט דאָך שוין די טויב וואָס נח האָט ארויסגעשיקט פון דער תיבה צו זעהן וואָס עס הערט זיך מיט דעם מבול, און זי האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט אַן אוילבירט בלאַט, געזאָגט „יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך, ואל יהיו מתוקין כדבש ותלויון ביד בשר ודם" (עירובין יח, ב). ליבער שפייז, וואָס איז ביטער ווי אַן אוילבירט, נאָר עס קומט פון דעם אַלמעכטיגען, איידער שפייז וואָס איז זיס ווי האָניג, און עס קומט פון אַ מענשען. און די גמרא זאָגט: „מכור עצמך לעבודה זרה,

ואל תצטרך לבריות. פארקויף זיך לעבודה שהיא זרה לך, צו אן ארבייט וואס איז דיר גאנץ פרעמד, אבי דו זאלסט ניט דארפען אנקומען צו מענשען (ירושלמי ברכות, פרק ט, הלכה ב). שלשה חייהם אינם חיים... עס זיינען פאראן דריי סארטען מענשען וועמענס לעבען איז קיין לעבען ניט. און איינער פון די דריי איז „המצפה לשולחן חבירו", וואס דארף אנקומען צום צווייטען (ביצה לב, ב).

האט דאס טאקע דער זידיטשעווער רבי ז"ל גוט פארשטאנען. אלס יונגערמאן, איידער ער איז אויפגענומען געווארען אלס רבי, פלעגט ער פארען צו ר' מאיר פרעמישליאנער ז"ל. איינמאל, פאר זיין פארען א היים, האט דער פרעמישליאנער ז"ל צו אים געזאגט: „א פלא, ביז היינט האסטו מיך נאך ניט געפרעגט וועגען פרנסה. האסטו טאקע פון וואנען צו ציהען אויף חיונה?" האט דער זידיטשעווער אים געענטפערט: „איצט האב איך טאקע ניט קיין פרנסה. אבער אזוי ווי איך בין א שטיקעל בקי אין שולחן ערוך, האב איך אויסזיכטען צו קריגען א שטעלע אלס רב אין א קליין שטעדטעל".

האט דער פרימישליאנער זיך שטארק פארוואונדערט און געזאגט: „א רב! א רב אין א קליין שטעדטעל?! אונזערע חכמים ז"ל זאגען דאך בפירוש ,אהב את המלאכה, ושנא את הרבנות'"?! האט דער זידיטשעווער ז"ל געענטפערט: „איך טייטש אנדערש. איך טייטש ,אהב את המלאכה' מיינט צו זיין א רב אין א קליין שטעדטעל, צו פיהרען די קהלה אין דעם דרך הישר; זיי מדריך צו זיין צו געהן אין דעם דרך הישר, אין דעם אידישען וועג; זיך צו פיהרען על פי תורת משה, צו פיהרען א אידיש הויז, א אידיש לעבען. ,ושנא את הרבנות' — צו זיין א ,גוטער איד'".

און די סדרה זאגט אונז „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם". און דער נביא מלאכי (ג, ו) זאגט: „כי אני ה' לא שניתי, ואתם בני יעקב לא כליתם". וואס מיינט עס? זאגט דער „פנינים יקרים" ז"ל, אז דער פשט איז אזוי: די גמרא זאגט אז איבעראל וואו עס שטעהט צוויי מאל „הן", אדער צוויי מאל „לא", האט עס די באדייטונג פון א שבועה. (זעהט שבועות לו). און די סדרה זאגט אונז: „לא מאסתים ולא געלתים", צוויי מאל „לא". איז מיינט עס „ואתם בני יעקב לא כליתם", אז איר די קינדער פון יעקב אבינו וועלען קיינמאל ניט פארטיליגט ווערען.

און אז דער דאזיגער טייטש, די דאזיגע נבואה איז אמת, זעהען מיר דאך מיט די אייגענע אויגען. טויזענטער יארען ווי די שונאי ישראל טהוען אלץ וואס זיי קענען אונז אויסצוראטען, אונז אפצומעקען פון דעם ערד־קוגעל. אבער לא מיט אן „א". זיי לעגען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט — מצרים, אשור, בבל, המן הרשע, אנטיוכס הרשע, די קרייצצוגען, די אויטא דא פעיס, כמעלניצקי, דאס צארישע רוסלאנד, היטלער, ימח שמם, האבען געטהון אלץ וואס זיי האבען געקאנט אונז אומצוברענגען. נו, האבען זיי אונז פארניכטעט? האבען זיי אונז פארטיליגט?! א נעכטיגער טאג! אמת, זיי האבען אומגעבראכט מיליאנען אידען. זיי האבען געברענט און געראבעוועט אידיש האב־און־גוטס. אבער איז פאראן היינט צו טאג אן אשור? א בבל? א היטלער? ניין. געוויס ניט. אבער „ישראל סבא", דער אלטער ישראליק, לעבט, עקזיסטירט, און האט אפילו צוריק באקומען זיין אייגען לאנד.

און פאַר וואָס מיינט איר, איז עס אַזוי? ווייל אַזוי וויל דער באַשעפער פון דער וועלט. ווייל ער האָט אונז אויסדערוויילט אַלס זיין פאָלק. „אתה בחרתנו". און מיר זיינען דאָס ווערט. וואָס פאַר אַ פאָלק אין דער וועלט האָט זיך אַזוי מקריב געווען פאַר זיין רעליגיע, פאַר זיין גלויבען, און פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט? מיר אידען האָבען דאָס שטענדיג געטהון, טהוען עס איצט, און מיר זייַנען גרייט שטענדיג עס צו טהון.

מיר זיינען שטענדיג גרייט געווען צו באַצאָלען, און מיר באַצאָלען אויך היינט, פאַר אונזער תורה, פאַר אונזער אידעאַל און אידייע מיט אונ־זערע לעבענס, און מיט די לעבענס פון אונזערע קינדער. „כל אשר יעבור תחת השבט... יהיה קודש". דער איבערגאַנג פון חול, פון פשוט'ע זאַכען צו קודש, פון מאַטעריעלע, חומר'דיגע, גשמיות'דיגע ענינים, צו קודש, צו הויכע, הייליגע, גייסטיגע אידייען פאָדערט קרבנות. דאָס דערגרייכען אַ העכערע מדרגה, אַ העכערען אידעאַל, קען מען נאָר דאַן, ווען מען איז גרייט צו ליידען דערפאַר יסורים. מען דאַרף פריהער דורכגעהן „תחת השבט". אַזוי באַמערקט שוין דער „נועם המצוות" ז"ל. און דאָס איז נאָר דער „ישראל סבא" מסכים צו ליידען.

די גמרא (ברכות ה, א) זאָגט: „שלש מתנות טובות נתן הקדוש ברוך הוא לישראל, וכולם לא נתנן אלא על ידי יסורים". און די דריי גוטע מתנות זיינען: די תורה, ארץ ישראל און עולם הבא. איז פאַר דער תורה ווייסט דאָך איין פאָטער אין הימעל, וויפיל מיר אידען האָבען זיך אָנגעליטען. אַלץ וואָס מיר ליידען זינט די תורה איז אונז געגעבען געוואָרען, ביז היינט צו טאָג, איז דאָך בלויז צוליב איר, צוליב דער תורה, צוליב דער תורה פאַר וועל־כער קיין שום פאָלק אין דער וועלט וואָלט ניט געוואָלט ליידען אפילו אַ טויזענט חלק'ל, וואָס מיר אידען האָבען שוין געליטען צוליב איר.

און צוליעב ארץ ישראל ליידען מיר דאָך פון דעם מאָמענט אָן ווען דאָס לאַנד איז פון אונז אוועקגערויבט געוואָרען. אמת, מיר זיינען ניט דאָס איינ־ציגע פאָלק וואָס איז באַרויבט געוואָרען פון זיין לאַנד. אין משך פון דער צייט וואָס מיר זענען באַרויבט געוואָרען פון אונזער לאַנד, זיינען אַנדערע פעלקער אויך באַרויבט געוואָרען פון זייערע לענדער. אָבער, וואו זיינען זיי? וואָס האָבען זיי געטהון צוריק צו באַקומען זייערע לענדער? גאָרניט. דריי מאָל גאָרניט. זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע פעלקער, און ערליידיגט דעם ענין. זיי עקזיסטירען ניט מעהר אַלס פעלקער.

אָט נעמט, למשל, רוסלאַנד. באַשטעהט עס דאָך פון אונצייליגע שבטים און פעלקער, צי זיי הייסען אוקראַינער, צי זיי הייסען וויס־רוסען, צי זיי הייסען גרוזינער (סטאַלינס לאַנדסלייט). אָבער אַלע ווערען זיי רעגירט פון די רוסען. פאַרוואָס? דערפאַר ווייל זיי האָבען ניט קיין אייגענעם אידעאַל, קיין אייגענע תורה, קיין נאַציאָנאַלען אידעאַל פאַר וועלכען עס לוינט זיך מקריב צו זיין דאָס לעבען. זענען זיי טאַקע אַמאָל געווען שטאַמען, שבטים, פעלקער. אָבער ווען זייער עקזיסטענץ אַלס אַזעלכע האָט געפאָדערט קרבנות, איז קיינער „ניט געווען אין דער היים". וואָס איז זיי אַ נפקא מיניה געווען צי זיי אַקערען דעם באָדען אַלס אוקראַינער, צי אַלס גרוזינער, צי אַלס רוסען, צי אַלס וויס איך וואָס?!

אָבער מיר אידען, מיר זיינען ניט אַ חומר׳דיג פאָלק, אַ גשמיות׳דיג, אַ מאַטעריעל פאָלק. מיר זיינען אַ גייסטיג פאָלק, אַן „עם הספר׳דיג פאָלק". „לא על הלחם לבדו יחיה האדם". געוויס דאַרף מען פרנסה. געוויס דאַרף אַ מענש האָבען „לחם לאכול ובגד ללבוש". אָבער די עקזיסטענץ פון אַ „פאָלק" קען מעגליך זיין בלויז דאַן ווען זיין פונדאַמענט איז אַ גייסטיגער, אַ רוחניות׳דיגער, אַ תורה׳דיגער. און אין דעם פרט זיינען מיר איינציג. עס איז ניטאָ קיין פאָלק אין דער וועלט וואָס קען מיט אונז קאָנקורירען אין אָט דעם דאָזיגען פרט. און דערפאַר איז דער „ישראל סבא" אַן „עם ישראל חי". ניט נאָר אַן אַלט פאָלק. נאָר אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט, לעבט, און וועט לעבען, אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען, אַזוי לאַנג ווי די זון וועט שיינען בייטאָג, און די לבנה און שטערען וועלען בלישטשען און גלאַנצען ביינאַכט.

און ווען מען עקזיסטירט אַלס אידיש פאָלק, מען האַלט אויף אידישקייט, תורה־אידישקייט אין גלות, מוז מען פריהער אָדער שפעטער אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות־יאָך. אָט האָט דאָך אונזער דור זוכה געווען צו דערלעבען די „אתחלתא דגאולה", דעם אָנהויב פון אונזער אויסלייזונג. אמת, פון דער „גאולה שלמה", פון דער פאָלקאָמענער אויסלייזונג, שטעהען מיר נאָך גאַנץ ווייט. אָבער יעדער זאַך מוז דאָך האָבען אַן אָנהויב. וואָלטען מיר ניט געווען אויפגעהאַלטען אין גלות אפילו דאָס ביסעלע אידישקייט וואָס מיר האָבען יאָ באַוויזען אפצוהיטען, ניט געקוקט אויף אַלע פינצטערע שטערונגען, וואָלטען מיר דאָך די „אתחלתא דגאולה" אויך ניט געהאַט. ווער וואָלט זיך געווען איינגעשטעלט פאַר איר? ווען וואָלט מען זי געווען געגעבען. „מי ומי ההולכים", ווער וואָלטען געווען די בונים, די עולים?

און אידען וועלען נאָך דערלעבען די „גאולה שלמה" אויך, אפילו ווען מיר וועלען חלילה ניט האַלטען אונזער תורה — אידישקייט אויף דער געהעריגער הויך. דאָס ווייסען מיר דאָך שוין פון ערפאַרונג. די סדרה זאָגט אונז „וזכרתי להם ברית ראשונים אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים". טייטשט דער „כתב סופר" ז"ל אַזוי: כביכול זאָגט, איך וועל זיך דערמאָנען אין דעם „ברית ראשונים", אין דעם בונד מיט די ערשטע אידען, מיט די אידען פון מצרים. זיי זיינען דאָך געשטאַנען אויף אַ זעהר נידעריגער מדרגה. זיי זיינען דאָך געווען איינגעטונקען אין אַלע טומאות, און דאָך האָב איך זיך דערבאַרעמט אויף זיי, און זיי אויסגעלייזט פון דעם מצרים־גלות. וועלען מיר טאַקע אויך האָבען די „גאולה שלמה", די פאָלקאָמענע אויסלייזונג. אָבער עס איז דאָך פיל שעהנער, בעסער, געשמאַקער אויסגעלייזט צו ווערען אַלס אידישע, תורה־אידישע אידען, איידער ווי מצרים־אידען!

אָבער ווי קען מען אין גלות זיין פאָלשטענדיגע אידישע אידען. עס איז דאָך אַזוי שווער. מען וואוינט און מען לעבט צווישען גוים. מען האַנדעלט מיט גוים. אונזערע קינדער לערנען אין זייערע שוהלעס, אוניווערזיטעטען. האָט שוין דאָס פאַרשטאַנען שלמה המלך. און ער האָט פאַרגעשריבען דער־צו אַ מיטעל, מיט וועלכען מען איז אפילו אין הימעל צופרידען. אָט הערט:

אונזערע חכמים ז"ל זאָגען (שבת יד, ב): בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים, יצתה בת קול ואמרה „בני, אם חכם לבבך, ישמח לבי גם אני" (משלי כג, טו), „חכם בני ושמח לבי".. (משלי כז, יא). האָט דער „איד

הקדוש" געפרעגט: נו, אַז שלמה המלך האָט מתקן געווען די מצוות פון עירובין און נטילת ידים, איז וואָס איז דאָס געווען אַזוי די גדולה אין הימעל? זיי זיינען טאַקע וויכטיגע מצוות, אָבער זיינען זיי דען די הויפּט פּרינציפּען, די וויכטיגסטע זיילען פון דער אידישער רעליגיע? און ער ענטפערט: מען דאַרף פאַרשטעהן אַז אויב מען איז „אויבען", אין הימעל, אַזוי צופרידען געווען, מיט שלמה המלך'ס תקנות, מיט זיין געבען אָט די דאָזיגע צוויי מצוות, האָט דאָך שלמה מסתמא אויסען געווען דערמיט וויכטיגע ענינים. „עירובין" נעמט זיך פון דעם וואָרט „ערב", מישען, אויסמישען, צוזאַמען העפטען. ווי למשל, זיין אַ „מעורב בין הבריות", זיך חבר'ן מיט מענשען, זיין געזעלשאַפטליך. „נטילת ידים", ווידער, מיינט אָפּוואַשען, אָפּ־רייניגען, זיך האַלטען ריין. און אָט דאָס האָט שלמה המלך אויסען געווען. ער האָט געוואוסט אַז מיר אידען אין גלות וועלען מוזען לעבען צווישען גוים; אַז מיר וועלען מוזען זיך אויסמישען צווישען די פעלקער פון דער וועלט. האָט ער, אָבער, געוואָלט גלייכצייטיג אַ „נטילת ידים", אַז צו דער זעלבער צייט זאָלען מיר באַזיצען די פעהיגקייט זיך אָפּצואוואַשען פון זיי. „עירובין", האַנדלען מיט זיי טאַקע יאָ, אָבער „נטילת ידים", באַלד נאָכ־דעם זיך אָפּוואַשען דערפון, און זיך פיהרען ווי אַ איד, מיט אַ פסוק חומש מיט רש"י, מיט אַ בלאַט גמרא, תפילין, שמירת שבת, כשרות, נעמליך א אידיש לעבען, ווי עס פּאַסט פאַר די אייניקלאַך פון אברהם, יצחק, יעקב, אַ לעבן על פי תורת משה.

חזק, חזק, ונתחזק.

במדבר

במדבר

מיר וועלען היינט אָנהויבען מיט אַ מעשה שהיה, און דעם טעם דערפון וועלען מיר זעהן שפעטער. אַ מתנגדישער רב האָט זיך אַמאָל געוואָלט באַקענען מיט חסידישער אויפפיהרונג. ער האָט געוואָלט זעהן ווי אַזוי חסידים פיהרען זיך אויף ביי דעם דאַווענען. און זיך נעהנטער באַקענען מיט זייער התנהגות. איז דער רב געפאָהרען צו ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו ז״ל. אין דער פריה איז דער רב אַריינגעגאַנגען אין דעם רבי׳נס בית המדרש. זעהט ער ווי די חסידים לויפען אַרום אין טלית און תפילין אַהין און צוריק ווי אויף אַ יאַריד. דאַווענען זעהר גיך, שלינגען ממש די ווערטער.. און די ווערטער וואָס ער האָט יאָ געקאָנט הערען, זיינען ניט געוועזן דערזאָגט, ניט דערענדיגט. מען האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן אַ וואָרט. און אײדער ער האָט זיך אומגעקוקט, האָבען זיי שוין געהאַט אָפגעדאַווענט.

האָט עס דעם רב זעהר פאַרדראָסען. איז ער צוגעגאַנגען צו עטליכע מתפללים, און מיט אַ קרימער מינע האָט ער געזאָגט: „בע־מע, וואַ־וואַ־וואַ“. „האַ, וואָס זאָגט איר?“ פרעגען די אידען פאַר׳חידוש׳ט. און דער רב מאַכט ווידער מאָדנע העוויות, און זאָגט זיי אין פנים אַריין: „טאַ־טאַ באַ־מאַ“. האָבען די אידען פאַרצויגען מיט די אַקסלען, און זיך געטראַכט אַז דער פרעמדער איד איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. טהוט דער רב צו זיי אַ זאָג: „וואָס, איר פאַרשטייט ניט וואָס איך רעד צו אייך? אָט האָט איר דאָך ערשט נאָר וואָס אַזוי גערעדט צום רבונו של עולם!“

רבי לוי יצחק וואָס האָט צוגעזעהן די גאַנצע סצענע פון דער ווייטענס, איז צוגעגאַנגען צום רב, און מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל האָט ער אים באַרואיגט און געזאָגט: „איר דאַרפט עס ניט נעמען פאַר אומגוט. אויף דעם פסוק „ודגלו עלי אהבה“, זאָגט דער מדרש „אל תקרי דגלו אלא דלוגו“. נעמליך, דער אויבערשטער האָט ליעב זיינע אידען אפילו ווען זיי כאַפּען ביים דאַווענען, און ווען זיי היפּען אפילו איבער. וואָרום ער פאַרשטעהט יעדער וואָרט וואָס אידען זאָגען ביים דאַווענען, ווי שנעל זיי זאָלען עס ניט מאַכען. משל, למה הדבר דומה, צו וואָס קען מען דאָס פאַרגלייכען? צו אַ קינד וואָס ליגט אין וויגעלע און שרייט באַ־באַ־באַ. די גרעסטע חכמים אין דער וועלט וועלען ניט פאַרשטעהן דעם קינד׳ס לשון, און וועלען ניט וויסען וואָס עס וויל. אָבער די עלטערען פאַרשטעהען באַלד וואָס דאָס קינד וויל. אַזוי אויך דאָס אידישע פאָלק. מיר אידען זיינען דעם אַלמעכטיגענס קינדער. און אונזער פאָטער אין הימעל פאַרשטעהט יעדעס וואָרט וואָס זיינע קינדער זאָגען ביים דאַווענען, און ער ווייסט אַקוראַט וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים“.

איז טאַקע דאַווענען בכוונה אַ גאָר גרויסע זאַך. לעבען מיר דאָך אָבער אין אַ „שנעל־צייט“, ווען אַלצדינג ווערט אָפגעטהון אין אייליעניש, איז מיט

דעם דאַווענען אויך אַזוי. און דער גרויסער פּאַרטיידיגער פון דעם אידישען פּאָלק, רבי לוי יצחק ז״ל, האָט עס זעהר גוט פאַרשטאַנען. איז זאָל זיין אַ שנעל דאַווענען, אפילו מיט איבערהיפּען, אַבי דאַווענען.

וואָס זשע לערנען מיר דערפון? מיר זעהען אַז דער קלוגער שלמה המלך איז טאַקע געווען אַ וועלט־חכם. מיט טויזענטער יאָהרען צוריק האָט ער אָנגעשריבען „ואין כל חדש תחת השמש״, ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. אויב איינער מיינט, אַז שנעל־דאַווענען האָבען אַמעריקאַנער אידען ערפונדען, האָט ער במחילה אַ גרויסען טעות. אָט זעהט איר דאָך, אַז אפילו אין בער־דיטשעוו האָט מען שוין געוואוסט דערפון.

אָט למשל מיינען אַמעריקאַנער און ענגלענדער, אַז זיי האָבען דער־פונדען דעם שפּיעל פון „באָרען״ זיך (באָקסען), הויבט זיך גאָרניט אָן. דער „מקור ברוך״ ז״ל רעכענט אויס אַ גאַנצען צעטעל פון ערפינדונגען, וואָס האָבען שוין עקזיסטירט נאָך איידער די היינטיגע ערפינדער האָבען זיי ערפינדען. אָט הערט און שטוינט:

אַטלעטיק, גימנאַסטישע איבונגען, ראַנגלען זיך, ווערען שוין דערמאָנט אין תנ״ך. אָט האָט דאָך אונזער פאָטער יעקב זיך „געראַנגעלט״ מיט דעם מלאך, און ער האָט אפילו געוואונען. היינט וואָלט מען אים באַצייכענט אַלס וועלט־טשעמפּיאָן. ווערט דאָך אין שמואל ב, יד—טז בפירוש דער־צעהלט „יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו . . . ויחזקו איש בראש רעהו ויפלו יחדו״. אַלזאָ, מען האָט שוין דאַן געבאָקסט. אין מדרש רבה ווערט דער־מאָנט „ משל לשני אותליתן . . .״ אַלזאָ, שוין דאַן זיינען געווען אַטלעטען.

און אַ צירק, אפילו „בארנום און בעילי״ איז אויך ניט קיין נייעס. אָט האָט דאָך שוין אונזער רבי שמעון בן גמליאל באַוויזען אַזאַ מין קונץ ווי צו נעמען אַכט שטורקאַצען, און זיי וואַרפען אין דער הויך, וואַרפען איינעם און כאַפּען אַ צווייטען, און איין שטורקאַץ האָט ניט אָנגעריהרט דעם צווייטען. און פיעלע אין יענעם דור האָבען באַוויזען אויסטערלישע קונצען.

און וואָס מכח טעלעגראַף? אין דעם ספר „מנחת יהודה״ וואָס איז גע־דרוקט געוואָרען מיט אַ פיער הונדערט יאָר צוריק, רעדט זיך שוין דערפון. און וועגען טעלעפאָן רעדט זיך שוין אין דעם ספר „שבות יעקב״, וואָס איז געדרוקט געוואָרען מיט אַ צוויי הונדערט און דרייסיג יאָר צוריק. פאַרשטעהט זיך, אַז אין די דאָזיגע ספרים ווערט עס ניט אָנגערופען מיט די מאָדערנע נעמען „טעלעגראַף״, צי „טעלעפאָן״, נאָר, למשל, „כלים המיוחדים לדבר ומשמיעים קול על כמה וכמה מילין ברחוק־מקום יכול אדם לדבר עם חברו״. און אָט האָט דאָך שוין דער מקובל ר׳ חיים וויטאַל ז״ל, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם ספר „שבחי ר׳ חיים וויטאַל״, זיך באַשעפטיגט מיט כעמיע.

און אויב איינער מיינט, אַז „סאַבמאַרינס״, אונטערוואַסערשיפען, האָבען די דייטשען ערפינדען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס אויך אַ גרויסער טעות. אין מדרש תהלים (אויך אָנגערופען שוחר טוב) ווערט בפירוש דערצעהלט, אַז דער קיסר אדריאנוס האָט געמאַכט אַ שיף פון גלאָז, אַריינ־געזעצט איינוויניג מענשען און זיי אַראָפּגעלאָזט אין טיפעניש פון דעם

אַקעאַן, נעמליך, „עשה תיבה של זכוכית והושיב בני אדם לתוכה, והורידם לעומק אוקינוס". אלזאָ, ווי מיר זעהן, איז שלמה המלך טאַקע גערעכט געווען: ניטאָ קיין נייעם אונטער דער זון.

אפילו דאָס אַמעריקאַנער ווערטעל „היסטאָרי רעפּיטס איטסעלף", אַז געשיכטע ווידערהאָלט זיך, איז אויך ניט קיין נייעס. האָט דאָך טאַקע דער זעלבער שלמה המלך געזאָגט: „מה שהיה הוא שיהיה", וואָס עס איז געווען דאָס וועט זיין!

די גרעסטע אידישע „נייעס" אין דער לעצטער עפּאָכע איז, וואָס מיר האָבען צוריק באַקומען אונזער לאַנד ישראל. איז עס טאַקע אַ געוואַלדיגע נייעס, די גרעסטע נייעס אין אונזער קנאַפּען צוויי טויזענט יאָריגען גלות. אָבער „ניי" איז עס ניט. מיר האָבען עס דאָך שוין געהאַט פריער.

אַט זאָגט די היינטיגע סדרה, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן און אהרן'ען „שאו את ראש כל עדת בני ישראל", זיי זאָלען צעהלען די אידען. איז דאָס אויך ניט ניי, וואָרום משה האָט זיי שוין פריהער געצעהלט. צו וואָס־זשע טאַקע האָט מען זיי באַדאַרפט נאָכאַמאָל צעהלען? זאָגט דאַרויף דער „חידושי הרי"ם ז"ל, אַז די תורה האָט געהייסען צעהלען די אידען, כדי אַז ווען זיי וועלען זיין צעזייט און צעשפּרייט, צווישען די פעלקער פון דער וועלט, זאָלען זיי ניט בטל ווערען. וואָרום אַ „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטל".

און די תורה האָט אָנגעזאָגט משה'ן און אהרן'ען „ואתכם יהיו איש איש למטה, איש ראש לבית אבותיו הוא". טייטשט דער „כלי חמדה" ז"ל: ניט מיט דער הילף פון עלטערען־יחוס זאָל ער ווערען אַ פיהרער, און ניט מיט דעם כוח פון רייכטום, נאָר ראש לבית אבותיו ה ו א, ער אַליין מוז האָבען „יחוס עצמו", א י י ג ע נ ע ם יחוס. דער יחוס דאַרף זיך אָנהויבען טאַקע פון אים אַליין.

ווען ר' בער, דער מעזעריטשער מגיד ז"ל, איז געווען אַ קליין אינגעל, איז אין שטעדטעל געווען אַ גרויסע שריפה, און זייער שטוב איז אויך אַוועק מיטן פייער. זיין מוטער האָט שטאַרק געוויינט. דאָס אינגעלע האָט ניט געקאָנט צוזעהן דער מוטער'ס צער. ער האָט זי געהאַלטען אין איין דערמוטיגען, און ענדליך האָט ער צו איר אַ זאָג געטהון: „נו, און אַז עס ווערט פאַרברענט אַ שטוב, דאַרף מען אַזוי וויינען?" „ניין, מיין קינד", האָט די מוטער אים געענטפערט, „איך וויין ניט אויף דער שטוב, איך וויין אויף אונזער יחוס־בריוו, וואָס איז פאַרברענט געוואָרען. אונזער יחוס ציהט זיך ביז צו ר' יוחנן הסנדלר".

„נו, איז וואָס?, האָט דאָס אינגעלע געענטפערט, „וועט דער יחוס זיך אָנהויבען פון מיר".

אַט דער קליינער בערעלע, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער נאָכ־פאָלגער פון דעם בעל שם טוב ז"ל; אַט דאָס קליינע אידישע אינגעלע, וואָס נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען דער ממלא מקום פון דעם בעל שם טוב, האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז די שכינה האָט זיך איבערגעצויגען פון מעזשיביזש (דעם בעל שם טוב'ס וואוינאָרט), קיין מעזעריטש (ר' בער'ס וואוינאָרט), האָט שוין אין עלטער פון אַכט יאָר פאַרשטאַנען, אַז דער עיקר איז יחוס

עצמו. פאַרשטעהט זיך, אַז אָפּשטאַמען פון ר׳ יוחנן הסנדלר איז אַן אויסער־געוועהנליך גרויסער יחוס. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג. דער עיקר דאַרף דער מענש זעהן, אַז זיין יחוס זאָל זיך אָנהויבען פון אים גופא. ער אַליין מוז זעהן זיך דערווערבען דורך מעשים טובים אַ גוטען נאָמען, אַזוי אַז זיין יחוס־בריף זאָל זיך אָנהויבען דירעקט פון אים. און דאָס האָט שוין דער קליינער בערעלע פאַרשטאַנען.

און בכלל זיינען אונזערע בערעלעך, יונתן׳לעך און העשעלעך קלוגע אינגעלעך מיט גוטע קעפּעלעך. ווען ר׳ יונתן פּראַגער ז״ל, איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, האָט ער שוין אַרויסגעוויזען גרויס חכמה, און דערוואַקסענע מענשען האָבען ליעב געהאַט צו שמועסען מיט אים. ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר, איז צו זיין פאָטער ז״ל, אַמאָל געקומען צו פאָהרען אַ גרויסער רב פון די גדולים פון יענעם דור. יונתן האָט געפונען גרויס חן אין דעם גאַסט׳ס אויגען, און ער פלעגט מיט אים אָפט שמועסען. איינמאָל האָט דער אורח אַ פרעג געטהון דעם אינגעלע:

„זאָג מיר, יונתן, וואָס האָסטו היינט געגעסען?״ און דאָס אינגעלע האָט אָנגעהויבען ענטפערען: „ברויט מיט . . .״, און איידער ער האָט געענדיגט האָט מען דעם רב אַוועקגערופען, און ער איז דערווייל אַוועקגע־פאָהרען, ניט האָבענדיג קיין געלעגענהייט אפילו זיך צו געזעגענען מיט דעם אינגעלע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער זיך ווידער באַגעגענט מיט דעם אינגעלע. ער האָט אים געגעבען שלום און אים אַ פרעג געטהון: „מיט וואָס?״ ניט טראַכטענדיג קיין סעקונדע, האָט דאָס אינגעל געענטפערט: „מיט פּוטער״.

דער רבי ר׳ העשיל האָט שוין אַלס קינד אַרויסגעוויזען גרויס חכמה, געוואַלדיגע פּקחות, און דערצו איז ער גלאַט געווען אַ זשיוואָווע, אַ לעבעדיג אינגעל, אַ שטיפער, אַ מזיק. איז ער זיך מיישב איינמאָל און געהט אַריין אין קיך און דערזעהט דאָרט אַ געבראָטענע גאַנז. דער געשמאַקער ריח האָט אים שטאַרק פאַרשמעקט, קלערט ער ניט קיין סך, דרעהט אָפּ אַ פיסעל (אַ פּולקע) און ויאכלו, אויפגעגעסען ביז צום ביין, און העשעלע געהט זיך אַרויס פון קיך, גלייך ווי גאָר ניט געווען.

שפּעטער זעצט מען זיך צום טיש. מען דערלאַנגט די גאַנז און עס פעהלט אַ פיסעל. האָבען, פאַרשטעהט זיך, אַלע פאַרשטאַנען אַז דאָס איז העשעל׳עס אַרבעט. „העשעלע״, טהוט זיין פאָטער אים אַ פרעג, „וואו איז דער גאַנז׳ס צווייטע פיסעל?״. „די גאַנז האָט ניט געהאַט מעהר ווי איין פיסעל״, ענטפערט זיך העשעלע געלאַסען. „האָסטו שוין אַמאָל געזעהן אַ גאַנז מיט איין פוס״, חידוש׳ט זיך דער פאָטער. און העשעלע ענטפערט זיך רוהיג „יאָ, טאַטע, איך האָב אַליין געזעהן״.

אַ טאָג שפּעטער געהט העשעלע מיט זיין פאָטער אין בית המדרש אַריין, און ער דערזעהט ווי אין מאַרק שטעהט אַ גאַנז אויף איין פוס, ווייל דעם אַנדערען פוס האָט די גאַנז געהאַלטען אונטער דעם פליגעל. „זעהסטו טאַטע״, האָט העשעלע געזאָגט, „אָט האָסטו נאָך אַ גאַנז וואָס האָט בלויז איין פיסעל״. טהוט דער פאָטער אַ מאַך „אוש, אוש״, אַ טרייב די גאַנז, און זי שטעלט אַרויס דאָס צווייטע פיסעל און הויבט אָן אַוועקגעהן. זעהסטו הע־

שעלע, אויך די דאָזיגע גאַנץ האָט צוויי פיס". האָט דער פאָטער צו אים געזאָגט. „נו, ווען דו וואָלסט יענע גאַנץ געווען אַ טרייב טהון, וואָלט זי אויך געווען אַרויסגעשטעלט דאָס צווייטע פיסעל". האָט העשעלע געענטפערט מיט אַ קלוגען שמייכעל.

צי נעמט למשל, שלמה'לען. איינער האָט אים אַמאָל געפרעגט: „שלמה'לע קענסטו מיר זאָגען צי די דאָזיגע גלאָז מילך איז פון אַ רויטער קוה צי פון אַ שוואַרצער קוה"? האָט דאָס אינגעלע מיט די געקרייזעלטע פיאותלעך ניט לאַנג געטראַכט, איז אַריין אין קיך, האָט געכאַפּט אַן איי, און געענטפערט: „אז איר וועט מיר זאָגען צי דאָס איי איז פון אַ שוואַרצער הוהן, צי פון אַ רויטער, וועל איך אייך ענטפערען אויף אייער פראַגע".

אַלזאָ, איז טאַקע פיעל בעסער, אַז מען איז אַליין קלוג, אַליין געלערענט און מען דאַרף זיך ניט אָנלעהנען אויף דעם, אַז דער טאַטע, דער זיידע זיינען, אָדער זיינען געווען, גרויסע פערזענליכקייטען. און אַז מען איז אַליין קלוג, געלערענט, און אַז מען איז אַן עניו, מען פיהרט זיך אויף באַשיידען, און אַז דער אויבערשטער העלפט נאָך אַז אין קעשענע איז פאַראַן אַ דאָלאַר, רוהט דאָך אויף דעם מענשען די שכינה.

די היינטיגע סדרה זאָגט אונז „והחונים קדמה מזרחה דגל מחנה יהודה", באַמערקט דאַרויף דער „כלי יקר" ז"ל, אַז די פיער דגלים (פאָנען) האָבען סימבאַליזירט די פיער מעלות און מדרגות, וואָס צוזאַמען שטעלען זיי פאָר מיט זיך, לויט ווי די חכמים ז"ל, זאָגען, די מענשליכע שלימות, די מענשליכע פערפעקציע, גאַנצקייט, נעמליך: „אין השכינה שורה אלא על חכם, עשיר, גבור ועניו", אַז די שכינה רוהט נאָר אויף דעם וואָס איז קלוג (אין תורה), רייך, שטאַרק און באַשיידען. אַלזאָ, דער „דגל מחנה יהודה" האָט מרמז געווען אויף תורה און חכמה, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו". דער „דגל מחנה ראובן" האָט אָנגעוואונקען אויף דער מדה פון עניוות, באַשיידענקייט, וואָס איז די שעהנסטע, די ערהאַבענסטע פון אַלע אייגענשאַפטען, מחמת אויף ראובן'ען ווערט געזאָגט, אַז „הודה ולא בוש", אַז ער האָט זיך ניט געשעמט מודה צו זיין, ווען ער האָט געטהון אַן עוולה.

דער „דגל מחנה אפרים" ווייזט אויף גבורה, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט „לפני אפרים . . . עוררה את גבורתך". און דער „דגל מחנה דן" צייגט אויף עשירות, נעמליך, אויף די „עגלי זהב" פון שבט דן.

איז לאָמיר־זשע זיך דערווערבען תורה, עניוות און טאַקע אַ פּאָר דאָלאַר אויף צו קענען געבען צדקה און טהון גמילות חסדים מיט דער ברייטער האַנט, וועט רוהען אויף אונז די שכינה.

נשא

אין דער הײנטיגער סדרה „נשא״, רעדט זיך צװישען אַנדערע זאַכען, אױך װעגען דעם אױפשטעלען דעם משכן. נאָכדעם װי משה האָט גע־געבען די אידען די תורה, האָט ער אױפגעפאָדערט אַלע אידען, מענער און פרױען, אַז יעדער אײנער זאָל געבען אַ בײשטײערונג צום בױען אַ משכן. דאָס פאָלק האָט זיך גוט אָפּגערופען. אַלע האָבען בײגעשטײערט. משה האָט באַשטימט בצלאל׳ן, װאָס איז געװען אַ מענש מיט גרױס פאַרשטאַנד, פאַר דעם אַרכיטעקט. און נאָך פינף חדשים איז דאָס גאַנצע מאַטעריאַל, פאַר דעם משכן פאַרטיג געװאָרען, אָבער אױפשטעלען האָט מען עס ניט געקאָנט.

האָט דער אױבערשטער געבאָטען משה׳ן אַז דעם ערשטען טאָג אין ניסן זאָל ער אױפשטעלען דעם משכן. זיבען טעג נאָכאַנאַנד, פון דעם דרײ־און צװאַנציגסטען טאָג אין אדר ביז דעם ערשטען טאָג אין ניסן, האָט משה יעדען טאָג אױפגעשטעלט דעם משכן, און אים צוריק צענומען. און דעם ערשטען טאָג אין ניסן, יצחק אבינו׳ס געבורטסטאָג, האָט משה אױפגעשטעלט דעם משכן, אַרײנגעפיהרט אַלע כלים און דעם ארון מיט די לוחות.

און דאַן האָט משה אײנגעטײלט צװישען די שבטים די פאַרשידענע אַרבײטען װאָס יעדער שבט דאַרף טהון אין און אַרום דעם משכן, און „את הלוים למשפחותם״. די לוים האָבען באַקומען אַ ספּעציעלע אױפגאַבע. פרעגט דער מדרש במדבר רבה: פאַרװאָס עפּעס האָט דער אױבערשטער ליעב צדיקים, מעהר פון אַנדערע? נאָר דער תירוץ איז, װײל צדיקים זײנען ניט קײן דינאַסטיע. צדקות געהט ניט בירושה, פונקט װי תורה, לומדות געהט ניט בירושה. כהנים, לױים, צום בײשפּיעל, זײנען דינאַסטיעס. זאָל אַ ישראל װעלען װערען אַ כהן צי אַ לױ, קען ער ניט. אױב דער פאָטער איז ניט קײן כהן צי קײן לױ, קען דער זוהן נישט זײן בשום אופן קײן כהן צי קײן לױ. אָבער אַ צדיק, קען יעדער מענש װערען. אפילו װען דער טאַטע זאָל זײן, אָדער האָבען געװען, דער גרעסטער אױסװאורף, קען זײ זוהן דאָך װערען אַ צדיק. װײל דאָס איז ניט קײן ירושה זאַך. עס איז ניט קײן „בית אב״. דערפאַר טאַקע שטעהט בית אהרן ברכו את ה׳, בית הלוי ברכו את ה׳, יראי ה׳ ברכו את ה׳, און עס שטעהט ניט „בית״ יראי ה׳. װײל יראי ה׳, הימעלספאַרכטיגע מענשען, צדיקים, זײנען פרײװיליג אַזױ. זײ זײנען צדיקים פון זיך אַלײן, און ניט װײל זײ האָבען עס גע׳ירש׳נט פון זײערע עלטערען.

און פאַרװאָס נאָך טאַקע שטעהט ניט יראי ה׳? אָט הערט: בײ ר׳ יאָשע בער ז״ל איז אַמאָל געװען אַן אַנגעזעהענער בעל הבית פון װילנע. בײם געזעגענען זיך האָט דער רב אים געבעטען אַז װען ער װעט קומען צוריק קײן װילנע, זאָל ער איבערגעבען אַ גרוס די אידען װאָס האָבען

ניט קיין הייזער. אַזוי ווי דער איד האָט ניט פאַרשטאַנען די בקשה, האָט זיך אָנגערופען דער רבי: עס שטעהט בית אהרן ברכו את ה׳, בית הלוי ברכו את ה׳, יראי ה׳ ברכו את ה׳. פאַרוואָס שטעהט אויך ניט „בית יראי ה׳״? נאָר דער תירוץ איז, אַז אמת פרומע און ערליכע אידען האָבען ניט קיין הייזער.

און אויסער דעם וואָס די אידען האָבען בייגעשטייערט מיט דער ברייטער האַנט צו דעם אויפבוי פון דעם משכן, האָבען זיי שפעטער געבראַכט פיעלע גאָלדענע און זילבערנע טאַצען, שיסלען, לעפעל און אַנדערע טייערע חפצים, און פיעלע קרבנות. די מדבר־אידען, וואָס זיינען נאָך מיט אַ יאָר פריהער געווען שקלאַפען אין מצרים, האָבען דאַן געגעבען מיט אַ ברייטערער האַנט צום אויפבוי פון דעם משכן, אפילו פון די היינטיגע אַמעריקאַנער אידען, פון וועמענס ביישטייערונגען דער אויפבוי פון דעם לאַנד ישראל און פון דעם פאָלק ישראל איז אונגעהויער פיעל אָפּהענגיג.

ווי זאָגט דאָס ווערטעל, „מיט אידען איז גוט קוגעל צו עסען״. נו, איז דאָס אויך אַ גאַנץ גוטע זאַך, בפרט נאָך אַז עסען קוגעל אום שבת איז גאָר, גאָר וויכטיג. ר׳ שניאור זלמן ז״ל, האָט אַמאָל געזאָגט זיינע חסידים אַז דער זעלבער מלאך וואָס האָט צו זאָגען איבער דעם בלאָזען שופר ראש השנה, האָט אויך צו זאָגען איבער דעם עסען קוגעל אום שבת. נאָך מעהר, אַז עסען קוגעל שבת האָט די זעלבע כוונה און עס איז פון דער זעלבער באַדייטונג ווי בלאָזען שופר ראש השנה.

ווען מתנגדים זיינען דערפון געוואויר געוואָרען, זיינען זיי אַוועק צום רבי׳ן, און געטענה׳ט, אַז אויב עסען קוגעל שבת איז אַזוי וויכטיג ווי בלאָזען שופר ראש השנה, איז צו וואָס־זשע דאַרף מען בלאָזען ראש השנה שופר, מען קען דאָך אנשטאָט תקיעות עסען קוגעל? האָט דער רבי זיי גע־ענטפערט: נו, עס איז דאָך טאַקע אַזוי, אַז ראש השנה פאַלט אויס אום שבת בלאָזט מען טאַקע ניט קיין שופר, ווייל דער קוגעל פאַרנעמט דעם שופר׳ס פלאַץ . . .

אָט, למשל, פאַרנעמט ביי בעלזער חסידים דער שטריימעל אום שבת, דאָס אָרט פון תפילין. מען זאָגט, אַז דער בעלזער רבי ז״ל האָט געזאָגט זיינע חסידים אַז שבת זיינען די ערשטע אותיות פון שטריימעל במקום תפילין, אַז שבת דאַרף מען אָנטהון אַ שטריימעל אויף דעם אָרט פון די תפילין.

און די היינטיגע סדרה וואָרענט די אידען, מענער און פרויען, זיך צו היטען „מכל חטאת האדם למעול מעל בה׳״. זאָגט דאַרויף דער „מלא העומר״ ז״ל אַז פאַר דעם רוב עבירות אויף וועלכע מען דאַרף ברענגען אַ קרבן איז גענוג אַ קרבן חטאת וואָס קאָסט ניט פיעל. אָבער אַ קרבן אשם וואָס מען דאַרף ברענגען פאַר דער זינד פון גזלה, מוז האָבען די ווערט אַמווייניגסטען צוויי סלעים, ווייל אין דעם פאַל פון אַנדערע עבירות איז די זינד בלויז געגען אויבערשטען, בין אדם למקום. אָבער די זינד פון גזלה איז אַ דאָפּעלטע זינד, סיי געגען מענש און סיי געגען דעם באַשעפער. און אויף דעם ווייזט אָן דער דאָזיגער פסוק „מכל חטאת האדם למעול מעל בה׳״, עס איז אַ דאָפּעלטע זינד, סיי געגען מענש, און סיי געגען דעם אַלגעגענווערטיגען.

און באַלד נאָך דעם פּסוק „מכל חטאת האדם״ . . . שטעהט „והתודו את חטאתם אשר עשו״, און זיי זאָלען מודה זיין אויף די זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען. פרעגט דער „מלא העומר״ ז״ל: אין דער גאַנצער פּרשה רעדט זיך דאָך אין לשון יחיד, ווי „והשיב״, „ונתן״, איז וואָס עפּעס פּלוצים „והתודו״, „עשו״, אין לשון רבים, אין מעהר־צאָל? און ער ענטפערט: די גמרא זאָגט „כל מי שיש לו מעות ומלוה אותו שלא בעדים עובר משום ׳ולפני עור לא תתן מכשול׳ ״: ווען איינער לייהט אַוועק געלט, ניט אין געגענ־וואַרט פון עדות, איז ער עובר אויף דעם פאַרבאָט פון „פאַר אַ בלינדען זאָלסטו ניט אַנידערלייגען קיין שטרויכלונג״. ווייל דערמיט איז ער גורם אַז דער לייהער זאָל עס פאַרלייקענען. אַלזאָ, אויך דער וואָס לייהט אַוועק דאָס געלט, האָט אַ חלק אין דער זינד וואָס דער לייהער וויל אים באַ׳גזל׳ען. דער אַוועקלייהער איז פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר וואָס ער האָט אים געליהען אָהן עדות. ווארום דערמיט האָט ער יענעם געבראַכט צו דעם נסיון פון וועלען אים באַ׳גזל׳ען. דעריבער — והתודו את חטאתם, דאַרפען זיי ביידע מודה זיין אויף זייערע זינד.

דער לעמבערגער רב, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן ז״ל, זאָגט, אגב, אויך אַ זעהר גוטען טייטש אויף דעם דאָזיגען פּסוק, נעמליך: געוועהנליך, אַז מען זעהט ווי אַ מענשען וועלכען מען האַלט פאַר אַן עהרליכען אידען, פאַר אַ צדיק, געהט מיט דער פוטער אַראָפּ, איז מען אַביסעל מתרעם אויף כביכול, ס׳טייטש פאַרוואָס קומט עס אים? אָבער „והתודו את חטאתם״, אויב דער יעניגער איז מודה אַז ער האָט געזינדיגט, דאַן איז „והשיב את אשמו בראשו״, דאַמאָלס ווערט קלאָר, אַז עס איז זיין אייגענע שולד, אַז דאָס שלעכטס האָט ער אַליין זיך גורם געווען.

אגב, אַט טאַקע דער זעלבער ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, האָט אויך אַמאָל באַ׳גזל׳ט אַ בית המדרש. אָבער הלואי וואָלטען מיר געהאַט פיעלע אַזעלכע „גזלנים״, וואָלטען אידישקייט און אידענטום פיל שעהנער אויסגעזעהן. איידער ער איז געווען רב אין לעמבערג, איז ער דוקא געווען זעהר פאַר־מעגליך. אָבער דאָס גאַנצע פאַרמעגען איז געלעגען אין זיין ווייב׳ס הענט, בעת ער אַליין האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע. ער האָט פשוט ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון איין מטבע צו דער צווייטער. איינמאָל, ערב יום הכפורים, האָט זיין פרוי אים געגעבען צוויי מטבעות, אַ גאָלדען רענדעל, און אַ גרויסען קופּערנעם „פירער״. דאָס רענדעל זאָל ער געבען אויף דעם בית המדרש, און די אַנדערע מטבע זאָל ער געבען דעם שמש. געקומען אין בית המדרש, האָט ער אָפּגעדאַווענט מנחה, און געגעבען דעם גבאי פון דער שוהל דעם קופּערנעם „פירער״, און דעם שמש האָט ער געגעבען דאָס גאָל־דענע רענדעל. דעם שמש איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, און ער האָט אים זעהר פיין אַנגעווינשעוועט. אָבער דעם גבאי האָט שטאַרק פאַרדראָסען אויף ר׳ יוסף שאול׳ס ווייב אדעל ע״ה, פאַר געבען אויף דעם בית המדרש אַזאַ קליינע נדבה. ווען זי איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט זי געפרעגט איר מאַן ווי אַזוי ער האָט איינגעטיילט די נדבות. האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט און געענטפערט: „וואָס הייסט ווי אַזוי? די גרויסע מטבע האָב איך געגעבען אויף דעם בית המדרש, און די קליינע מטבע האָב איך געגעבען דעם שמש״.

אַט אַזעלכע „גזלנים״ זיינען אונזערע גדולים. דער אמת׳ער גדול ווייסט אפילו ניט דעם אונטערשייד פון איין מטבע צו דער אַנדערער. דאָס איז פשוט דערפאַר, ווייל טאָג און נאַכט איז ער פאַרטהון אין לערנען, און אין מעשים טובים. אפילו ווען איינער באַליידיגט אַ גדול, איז ניט נאָר ווערט ער ניט אין כעס, נאָר ער באַמיהט זיך נאָך יענעם צו העלפען. אַט הערט אַ מעשה:

ר׳ ישראל סאַלאַנטער ז״ל איז אַמאָל געפאָרען אין באַהן פון קאָוונע קיין ווילנע, און האָט גערויכערט אַ ציגאַר. אין זעלבען וואַגאָן איז געזעסען אַ יונגערמאַן, און זיך צעבייזערט פאַר וואָס דער רב רויכערט, ער קען ניט פאַרטראָגען קיין רויך. דער רב האָט זיך ענטשולדיגט, און ער האָט אויסגע־לאָשען דעם ציגאַר. די אַנדערע פאַסאַזשירען האָבען עס באַטראַכט פאַר אַ העזה פון דעם יונגען מאַן. אויב ער קען ניט פאַרטראָגען קיין רויך זאָל ער פאָהרען אין אַ וואַגאָן פאַר ניט־רויכער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ער בייזערט זיך ווייטער: „עס איז גאַרניט אויסצוהאַלטען פון דעם אידען: ער הרג׳עט מיך מיט דעם אָפענעם פענסטער״. דער רב האָט זיך ווידער ענטשולדיגט און פאַרמאַכט דאָס פענסטער. דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, באַ־וואונדערט דעם רב׳ס געדולד. דערווייל איז דער צוג אָנגעקומען צום וואָקזאַל, וואו עס האָט שוין געוואָרט אַ גרויסער עולם מקבל פנים צו זיין דעם רב.

ווען דער יונגערמאַן האָט דאָס דערזעהן, איז אים געוואָרען ביטער אויף דער נשמה. און אַזוי שנעל ווי ער איז געוואויר געוואָרען אַז דער רב פאַר־פאָהרט צו זיין אײדעם ר׳ אליהו לייזער ז״ל, האָט ער זיך אָפּגעטראָגען. ער האָט ניט געגעסען, ניט געשלאָפען, און אין דער פריה, איז ער אוועק צום רב, וועלכער האָט אים זעהר שעהן אויפגענומען. און וואָס מעהר דער רב האָט מיט אים געשמועסט, אַלץ מעהר האָט עס דעם יונגענמאַן געוועהטאָגט, ביז ער האָט זיך צעוויינט, און געבעטען מחילה, ער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס איז...

דער רב האָט אים פאַרזיכערט אַז ער האָט ניט קיין שום תרעומות אויף אים. ער פאַרשטעהט זעהר גוט אַז אַ מענש איז ניט קיין מלאך, בפרט נאָך אונטערוועגס, קען מען אַמאָל נכשל ווערען. דער יונגערמאַן האָט צוגעזאָגט אַז פון היינט אָן וועט ער שוין זיין פאַרזיכטיג. און ער האָט זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן. דער רב האָט אים געבעטען נאָך ווײלען אַביסעל, און אים גע־פרעגט נאָך וואָס ער איז געקומען קיין ווילנע, און ער האָט אים געענטפערט אַז ער איז געקומען נעמען קבלה אויף שחיטה. „אויב אַזוי״, האָט זיך אָנגערופען ר׳ ישראל, „קען איך אייך טהון אַ טובה. איך וועל זאָגען מיין אײדעם וועט ער אייך געבען קבלה״.

אומר ועושה, גערעדט און געטהון. דער אײדעם האָט אים פאַרהערט, אָבער דער יונגערמאַן האָט ניט געוואוסט אַ וואָרט. דער רב האָט אים באַרוהיגט, און אים ניט געלאָזט אַהיים פאָהרען. ער האָט געקראָגען פאַר אים אַ שוחט מובהק וואָס האָט מיט אים געלערענט, ביז ער האָט געקראָגען קבלה, און דער רב האָט אים אויך באַזאָרגט מיט אַ שטעלע.

פאַר דעם רב׳ס אַוועקפאָהרען, איז דער יונגערמאַן זיך געקומען געזעגע־נען, און אגב געפרעגט פאַרוואָס, אייגענטליך, האָט דער רב זיך אַזוי פיעל באַ־מיהט פאַר זיינעט וועגען, און ר׳ ישראל האָט אים געענטפערט:

„די זאַך איז גאַנץ פּשוט. ווען איר זענט געקומען צו מיר דאָס ערשטע מאָל, האָב איך אייך געזאָגט אַז איך האָב ניט אויף אייך קיין שום תרעומות, און בין אייך מוחל במחילה גמורה, און איך האָב עס געמיינט מיט דעם גאַנצען האַרצען. אַ מענש איז דאָך אָבער ניט מעהר ווי אַ מענש, טאָמער בלייבט פאַרט אין האַרץ אַ שטיקעל פאַרדרוס, איז דאָס איינציגע מיטעל געגען דעם, צו טהון יענעם אַ טובה. וואָרום אַזוי איז די טבע פון אַ מענשען: אַז מען טהוט עמיצען אַ טובה, ווערט מען אים פריהער אַ גוטער פריינט, און וואָס גרעסער די טובה, אַלץ מעהר גוטער פריינד ווערט מען אים".

און נאָט אייך נאָך אַ ביישפּיל: דער גאון ר׳ מענדעלע סלוצקער ז״ל, איז פּיעלע יאָרען געזעסען און געלערענט מיט תלמידים וואָס דער גביר איסערלין ז״ל האָט אויסגעהאַלטען. אַלע טאָג פלעגען זיי געהן צום גביר אויף טיי, און ר׳ מענדעלע אַליין פלעגט דערלאַנגען די טיי. איינמאָל איז געקומען צום גביר אַ משולח פון מיר, און האָט זיך געהייסען דערלאַנגען טיי. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער טיי טרינקער, האָט ער אַלעמאָל געהייסען ר׳ מענדעלין זיך דער־לאַנגען טיי.

שבת נאָך דעם דאַווענען פלעגט דער עולם געהן צום גביר אויף קידוש. און דער משולח איז אויך געגאַנגען. ווען ר׳ מענדעלע איז אַריינגעקו־מען, האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט. ווען דער משולח איז געוואויר געוואָרען ווער דאָס איז, איז אים נעבאך פינצטער געוואָרען אין די אויגען. ער איז צוגעלאָפען צום רבי׳ן, און מיט תחנונים האָט ער געבעטען מחילה.

האָט ר׳ מענדעלע אים אָנגעקוקט אַ פּאָר׳חידוש׳טער, און געזאָגט: „איך פאַרשטעה נישט, וואָס פאַר אַן עוולה האָט איר מיר דען געטהון, איר זאָלט דאַרפען בעטען מחילה? איר האָט געוואָלט אַ גלאָז טיי, האָב איך אייך גע־געבען. אדרבה, איך דאַרף אייך גאָר דאַנקען וואָס איר האָט מיך מזכה געווען מיט אַ מצוה".

די היינטיגע סדרה ענטהאַלט די ברכות כהנים. און אָט די דאָזיגע ברכות, מיט וועלכע די כהנים בענטשען די אידען, זיינען אין לשון יחיד, אין איין־צאָהל. זאָגט דאַרויף דער „עוללות אפרים" ז״ל אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די הויפּט ברכה אין וועלכע אידען נויטיגען זיך איז אַחדות, פאַראייניגונג.

און אויף דעם „יברכך ה׳ וישמרך" זאָגט דער ספרי: יברכך ה׳ בממון, וישמרך מן המזיקין, דאָס געלט זאָל דיך נישט מזיק זיין. אַ טייער וואָרט. און דער „מלא העומר" ז״ל באַמערקט: דערפאַר שטעהט ווייטער „ויחונך", דער אויבערשטער זאָל דיך בענטשען מיט געלט, און דו זאָלסט נושא „חן" זיין אין די אויגען פון מענשען. וואָרום געוועהנליך זיינען געלט מענשען נישט שטאַרק באַליבט ביי דעם עולם.

און די ברכות כהנים ענדיגען זיך מיט וישם לך שלום. די גמרא זאָגט הרואה קדרה בחלום, יצפה לשלום. אַז מען זעהט אין חלום אַ טאָפּ, זאָל מען האָפען אויף שלום. זאָגט ר׳ מרדכי באַנעט ז״ל: פאַרוואָס עפּעס גראָד אַ טאָפּ? נאָר ווייל דער טאָפּ איז דער גרעסטער רודף שלום. דער טאָפּ מאַכט שלום צווישען די צוויי שטאַרקסטע און שאַרפסטע געגנער, נעמליך צווישען פייער און וואַסער.

בהעלתך

די סדרה פון דער לעצטער וואָך האָט אונז דערצעהלט, אַז דער משכן איז פאַרטיג געוואָרען, און משה רבינו האָט אים אויפגעשטעלט. און די הייַנטיגע סדרה דערצעהלט אונז ווי אַזוי די מנורה האָט אויסגעזעהן; ווי די אידען האָבען געפראַוועט דעם ערשטען סדר אין דער מדבר; אַז בייטאָג האָט אַ וואָלקען באַדעקט דעם משכן, און בייַנאַכט האָט אים באַדעקט אַ ליכטיג־קייט ווי פייער. און אַזוי לאַנג ווי דער משכן איז געווען באַדעקט מיט אַ וואָלקען, איז דאָס געווען אַ געטליכער סימן, אַז זיי זאָלען בלייבען אויף אַן אָרט, און ווען דער וואָלקען האָט זיך אָפּגעטהון, האָבען זיי געוואוסט, אַז כביכול וויל, זיי זאָלען ווייטער ציהען. און אויף דעם אויבערשטענס באַפעהל האָט משה געמאַכט צוויי טראָמפּייטען (ביוגעלס) פון אויסגעדינטען זילבער, מיט וועל־כע מען פלעגט צוזאַמענרופען די אידען.

צוואַנציג טעג אין דעם צווייטען חודש (אייר) פון דעם צווייטען יאָר וואָס זיי האָבען אַרויסגעצויגען פון מצרים, האָט זיך אָפּגעטהון דער וואָלקען, און די אידען האָבען אָנגעהויבען צו ציהען. האָבען זיי זיך אָבער דערמאָנט אין די פיש, מיט די אוגערקעס, ציבעלעס, קנאָבעל וואָס זיי פלעגען עסען אין מצרים, און עס האָט זיך זיי פאַרוואָלט אַ שטיקעלע פלייש. האָט אַ ווינט אָנגע־הויבען בלאָזען פון ים און געבראַכט אומצעהליגע פויגעל. האָבען זיי געהאַט מעהר פויגעל־פלייש וויפיל זיי האָבען אַליין געוואָלט. אָבער דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך באַקלאָגט, אַז דער מן איז זיי ניט געפעלען, זייַנען זיי דאָרט באַ־שטראָפט געוואָרען, און פילע פון זיי זייַנען אויסגעשטאָרבען. און מיר ווערען געוואויר, אַז מיט משה'ן האָט כביכול גערעדט מויל צו מויל.

און אַז משה האָט געזאָגט אהרן'ען ווי אַזוי ער זאָל אָנצינדען די ליכט פון דער מנורה, איז „ויעש כן אהרן", און אהרן האָט געטהון פונקט ווי משה האָט אים געהייסען. זאָגט דאַרויף רש"י ז"ל: „להגיד שבחו של אהרן שלא שינה". דער פסוק וויל דערמיט לויבען אהרן'ען, אַז ער האָט נישט געטהון אַנדערש ווי משה האָט אים געהייסען. פרעגט דאַרויף ר' מאיר'ל פרימיש־ליאַנער ז"ל: וואָס אייגענטליך איז דאָ די רבותא? ווי קען גאָר עמיצען אייַנ־פאַלען, אַז אהרן זאָל טהון אַנדערש ווי דער אויבערשטער האָט אים געבאָטען דורך משה'ן? און ער ענטפערט, אַז געוויינליך ווען אַ מענש ווערט דערהויבען, הויבט ער זיך אָן פיהרען אַנדערש. אָבער אהרן, כאָטש ער איז דערהויבען גע־וואָרען צו ווערען כהן גדול, דער הייליגסטער אַמט ביי דעם אידישען פאָלק, האָט ער זיך דאָך ניט געענדערט. ער איז ניט געוואָרען גרויס ביי זיך און האָט זיך געפיהרט פונקט ווי פריהער.

ווייסט דאָך יעדער איינער פון אונז, אַז עס זייַנען פאַראַן, ליידער, פילע מענשען וואָס ווי נאָר זיי ווערען רייך, צי זיי דערגרייכען אַ הויכען אמט, ווע־

רען זיי ממש באַהערשט פון גאוה. אַזוי ווילען זיי און אַזוי טוהען זיי. אָבער דער אמת גרויסער מענש, דער מענש מיט אַ ליכטיגער נשמה און מיט אַ גוט הארץ, בלייבט דער זעלבער עניו, דער זעלבער באַשיידענער, גוט־האַרציגער, ווייכער מענש, ווי גרויס ער זאָל ניט שטייגען אין לערנען, צי ווי רייך ער זאָל ניט ווערען. זיין גרויס לומדות, צי זיין פיל־רייכטום, פיהרט אים ניט אַראָפּ פון דעם גלייכען וועג. אדרבה, עס מאַכט אים נאָך פיינער, נאָך ליבהאַרציגער, נאָך גוטמוטיגער.

אַט הערט אַ מעשה שהיה: צו ר׳ יאָשע בער ז״ל איז אַמאָל געקומען אַ פּראָסטער איד, אַן עם הארץ, מיט אַן אינגעלע, און האָט געזאָגט צו דעם רב, אַז אַזוי ווי זיין קדיש׳ל האָט שוין מיט מזל אָנגעהויבען צו לערנען חומש, וויל ער, אַז דער רב זאָל אים פאַרהערען. דער עולם אין שטוב האָט געצויגען מיט די פּלייצעס פון דעם אידען׳ס העזה, אַז דער גדול הדור זאָל פאַרהערען זיין חומש־אינגעל. אָבער דער רב, אַן עניו און אַ גוטהאַרציגער מענש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גדול הדור, האָט עפּעס געפרעגט דעם אינגעל, און האָט אַ זאָג געטהון צום אידען: „הלואי זאָל מען זאָגען אויף מיינע קינדער, וואָס מען קען זאָגען אויף אייער קינד.“ נאָכדעם ווי דער איד איז אַוועק „מלא שמחה“, האָט מען געפרעגט דעם רב, וואָס אייגענטליך האָט ער געזעהן אין דעם אינגעלע, האָט ער געענטפערט: „עס איז גאָר פשוט, הלואי זאָל מען זאָגען אויף מיינע קינדער, אַז זיי קענען מעהר פון דעם טאַטען.“

אַט דער פאָטער פון דעם חומש־אינגעלע איז שוין געווען אַ בעל גאוה׳ניק. ער איז שוין אַרומגעגאַנגען זיך באַריהמען מיט זיין תכשיט׳ל. און בעל גאוה׳־ניקעס זיינען פאַראַן פאַרשידענע סאָרטען, מכל המינים. אַט למשל, איז אַ איד אַמאָל געשטאַנען מיט זיין אינגעלע ימים נוראים אין שול, און ווען דער חזן האָט געזאָגט „אתיתי לחננך“, האָט דאָס אינגעלע געפרעגט: „טאַטע, וואָס איז דער טייטש אתיתי?“ און דער פאָטער האָט געענטפערט: „מיין פערדעל“. האָט זיך אָנגערופען צו אים אַ צווייטער: ר׳ איד, „אתיתי“ איז דאָך דער טייטש „איך קום“. האָט אין דעם פאָטער זיך צעפלאַקערט די גאוה, און ער האָט זיך צע־בייזערט: „עס איז מיין אינגעל, מיין מחזור און מיין שטענדער, קען איך טייטשען ווי איך וויל“.

עס זיינען אפילו פאַראַן מענשען וואָס שטאַרבען פון גאוה. אַ אידען, אַ פיי־נער בעל־הבית, האָט עס אַמאָל אָנגעהויבען צו געהן, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, מיט דער פוטער אַראָפּ, ביז ער איז ממש געשטאָרבען פון הונגער. ווען דער גביר פון דעם שטעדטעל איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט ער זיך שטאַרק מצטער געווען, און ער האָט געפרעגט פאַרוואָס ער איז ניט געקומען צו אים, צו די אַנדערע בעלי בתים, וואָלט מען דאָך אים ניט געלאָזט פאַלען. האָט מען אים געענטפערט, אַז ער איז געווען אַ זעהר חשוב׳ער מענש, האָט אים, פאַר־שטעהט זיך ניט געפּאַסט צו געהן בעטען אַ נדבה. „אויב אַזוי“, האָט זיך אָנ־גערופען דער גביר, „איז ער דאָך ניט געשטאָרבען פון הונגער, נאָר פשוט פון גאוה, פון זיך האַלטען גרויס און שטאָלץ.“

און פונקט ווי עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע בעלי גאוה, אַזוי זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע מינים באַשיידענע מענשען. עס זיינען פאַראַן מענשען וועמענס באַשיידענקייט איז עכט, ניט נאָכגעמאַכט, און ניט צוליב

דעם זיי זאָלען אויסנעמען אין עמיצענס אויגען. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס שפּילען די ראָליע פון באַשיידענע מענשען צוליב באַשטימטע טעמים. ביי אַ טייל מענשען דערקענט מען אַז עס איז ניט עכט. אַנדערע אָבער שפּילען די ראָליע אַזוי קונציג, אַז עס געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז מען כאַפּט זיך, אַז עס איז אַ פאַרשטעלטע, ניט אמת׳ע, עכטע עניוות. עס זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס פּראַקטיצירען אַ „געקליגעלטע" באַשיידענקייט, און זיי פאַר־דעקען עס נאָך מיט אַ פרומע „אויגען־פאַרגלאָצטע" מינע. אָט, למשל, האָט מען איינעם, אַן אויסערליך פייגעם פרומען אידען געכאַפּט עסען אין אַ תענית. האָט מען אים אַ פרעג געטהון: „ר׳ איד, איר? סטייטש, היתכן, ווי קומט עס צו אייך?" „גלויבט מיר, רבותי, אַז איך טהו עס צוליב עניוות, צוליב באַשיי־דענקייט; איך וויל ניט, אַז מען זאָל מיינען, אַז איך פאַסט, האָט דער „עניו" געענטפערט.

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר: „והאיש אשר הוא טהור, ובדרך לא היה..." גיט דאַרויף דער רבי ר׳ יעקב יצחק פון לובלין ז״ל אַ טייערען טייטש: אַ מענש קען זיין ריין נאָר דאַן ווען „ובדרך לא היה", ווען ער דאַרף ניט האַלטען אין איין אַרומוואַנדערען; ווען ער דאַרף ניט זיין כסדר אונטערוועגס. ווארום דאָס כסדר׳דיגע אַרומפאָרען שטערט דעם מענשען אין זיין פרומקייט. מען קען זיך ניט אָפּהיטען ווי געהעריג, און מען מוז סוף כל סוף נכשל ווערען.

און אגב איז כדאי צו דערמאָנען אַ גוט וואָרט פון ר׳ נפתלי ראפּשיצער ז״ל: די גמרא זאָגט „אשרי יושבי ביתך — בחד אפּי; אשרי תמימי דרך — בתמניא אפּי". ווען איינער איז פון „אשרי יושבי ביתך", ער זיצט שטענדיג אויף איין אָרט, ער רייזט ניט אַרום, איז „בחד אפּי", האָט ער שטענדיג איין פּנים. ער איז טאָג איין און טאָג אויס דער זעלבער. אָבער ווען איינער געהערט צו די „אשרי תמימי דרך", ער איז שטענדיג אונטערוועגס, דאַן איז שוין „בתמניא אפּי", דאַן האַלט זיין פּנים אין איין זיך בייטען. ווייל ער מוז זיך אַלע מאָל צופּאַסען צו די מענשען און מנהגים פון יעדען נייעם אָרט. ווי זאָגען די חכמים ז״ל: „אזלת לקרתא, הלך בנימוסה", קומסטו אין אַ נייער שטאָדט, מוזטו זיך פיהרען, ווי מען פיהרט זיך דאָרט. ווי זאָגט דאָס רוסישע ווערטעל: וואוינסטו מיט וועלף, וואָיע ווי אַ וואָלף, אָדער ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: ביזטו אין רוים, זיי אַ רוימער.

און דאָ עקא, אין אָט דעם צופּאַסען זיך, ליגט אַ גרויסע צרה. פילע קינדער ווילען ניט זיין מיט די עלטערען, און פילע עלטערען קענען ניט זיין מיט די קינדער, און שולדיג אין דעם איז בלויז דאָס „צופּאַסען" זיך. אויף דעם פסוק „וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו", זאָגט רש״י ז״ל: על עסקי משפחות, על עריות הנאסרות להם. די זקנים האָבען געוויינט דערפאַר, ווייל די תורה האָט פאַרבאָטען נאָהנטע בלוט־קרובים, ווי, למשל, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, החתונה צו האָבען.

שטעלט זיך די פראַגע, פאַרוואָס האָבען עפּעס גראָד די זקנים געוויינט דאַרויף? פאַרוואָס האָבען גראָד זיי זיך גענומען צום האַרצען דעם דאָזיגען איסור? ערקלערט עס ר׳ יהושע קוטנער ז״ל אויף אַ זעהר אינטערעסאַנטען

הלצה׳דיגען אופן, וואָס איז, אגב, ל׳יידער זעהר אמת אין פילע אידישע הייזער אין אַמעריקע.

ווען אַ פאָטער דאַרף אויף די עלטערע יאָרען אָנקומען צו אַ קינד, איז וויל ער געהן צום זוהן, זאָגט דער „קדיש״: „גלויב מיר, טאַטע לעבען, אַז איך וואָלט זעהר געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין ביי מיר, אָבער וואָס קען איך טהון? דו קענסט דאָך דיין שנור, זאָל איך זיך צוליב דעם גט׳ען? אַזוי שנעל ווי דו וועסט קומען, וועלען זיך אָנהויבען קריגערייען״. ווענדעט ער זיך צו זיין טאָכטער, זאָגט אים דאָס טעכטערל: „גלויב מיר, טאַטע, אַז איך וואָלט געוועהן איבערגליקליך, ווען דו זאָלסט קענען וואוינען ביי מיר, אָבער דו קענסט דאָך דיין איידעם... וואָס זשע קען איך טהון? זאָל איך זיך מיט אים גט׳ען דערפאַר?״. איז וואָלט אָבער די תורה ניט געווען פאַרבאָטען הייראַט צווישען נאָהנטע בלוט־קרובים, און אַ ברודער וואָלט געמעגט חתונה האָבען מיט אַ שוועסטער, דאַן וואָלט דאָך דער אַלטער טאַטע געקאָנט וואוינען ביי די קינדער, ווארום די קינדער וואָלטען דאָך אין אַזאַ פאַל ניט געהאַט דעם „פוילען״ שנור־איידעם תירוץ!

און נעמען נעמט זיך עס מעהרסטענס דערפון וואָס פילע קינדער זיי־נען אומדאַנקבאַרע באַשעפענישען. זיי טראַכטען קיינמאָל ניט וועגען די פאַרשידענע צרות, עגמת נפש׳ן, וואָס די עלטערען האָבען דורכגעמאַכט, ביז זיי האָבען זיי געשטעלט אויף די פיס. זיי ווילען ניט וויסען פון „צער גידול בנים״, פון די לאַנגע קייטען מאַטערנישען וואָס די עלטערען האָבען געהאַט אויסצושטעהן, די אומצעהליגע קרבנות וואָס זיי האָבען געמוזט ברענגען, ביז זיי האָבען דערלעבט צו פיהרען די קינדער צו דער חופה.

און אַז מיר רעדען שוין פון „צער גידול בנים״, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שעהנס: ר׳ רפאל וואָלאָזשינער, ר׳ הירש לייב וואָלאָזשינער׳ס איידעם ז״ל, איז, ווי באַוואוסט, ניט ארויסגעגאַנגען מפתח ביתו. ער איז געזעסען טאָג און נאָכט און געלערענט, און ער האָט זיך נישט געמישט אין משפחה אנגעלעגענהייטען. די רביצין איז געווען די עקרת הבית, האָט גע־פיהרט דאָס הויז, חתונה געמאַכט די קינדער, גע׳סילוק׳ט דעם נדן, געגעבען קעסט, און אַזוי ווייטער. און אַז מען האָט אויסגעגעבען אַ קינד, איז מען אַ שעה פאַר דער חופה אַריינגעגאַנגען אין זיין חדר רופען דעם מחותן. פלעגט ר׳ רפאל פאַרמאַכען די גמרא, אָנטהון די שבת׳דיגע קאַפּאָטע און געהן צו דער חופה. איינמאָל איז מען געקומען אים רופען צו דער חופה פון זיינס אַ קינד, האָט ער גענומען אָנטהון די שבת׳דיגע קאַפּאָטע, האָט זיין האַנט זיך פאַר־טשעפּעט אין דער אַרבעל־פּאַטשעווקע. האָט דער רבי אַ קרעכץ געטהון: „אַי! צער גידול בנים!״

אגב, וועל איך שוין איבערגעבען נאָך אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד פון דעם דאָזיגען גרויסען תמים. ר׳ רפאל איז אַמאָל געזעסען ביים טיש, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ טעצעלע מיט געפּרעגעלטע קאַרשען. דער רבי איז, פאַר־שטעהט זיך, געזעסען טיף פאַרטראַכט אין לערנען און האָט גלייכצייטיג גע־געסען אַ קאַרש נאָך אַ קאַרש, ביז ער האָט אויסגעליידיגט דאָס טעצעלע, און ער האָט אַ זאָג געטהון: אַי, איז דאָס געווען אַ געשמאַקער באָב!

און די סדרה דערצעהלט אונז, אז ווען די אידען האָבען געמאַכט די לאַגע שווער פאַר משה'ן, האָט ער געזאָגט צום אויבערשטען: „לא אוכל אנכי לבדי לשאת את כל העם הזה... הרגני נא הרג". איך קען ניט מעהר אַליין טראָגען דאָס דאָזיגע פאָלק... טויט מיך. צוויי מאָל איז משה געווען אין אַ זעהר גרויסער פאַרצווייפלונג, אוןביידע מאָל האָט ער געבעטען אויף זיך שלעכטס. ווען די אידען האָבען געמאַכט דעם „עגל הזהב", דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט דער אויבערשטער זיי געוואָלט שווער באַשטראָפען, האָט משה אויסגעשריען: „מחני נא מספרך", מעק מיך אויס פון דיין תורה וואָס דו האָסט געשריבען. און ווען די אידען זיינען מיעד געוואָרען פון דעם מן, און האָבען זיך געבונ־טעוועט, האָט ער אויסגעשריען צום אויבערשטען: „הרגני נא הרג", טויט מיך. זיין פאַרלאַנג, אַז דער אַלמעכטיגער זאָל אים אויסמעקען פון דער תורה איז ניט דערפילט געוואָרען. ווייל, זאָגט דער של"ה ז"ל, משה האָט עס געזאָגט מיט מסירת נפש: ער האָט עס געזאָגט בלויז אויס זיין שטאַרקער ליבשאַפט צו די אידען. אין דעם פאַל פון דעם מן, אָבער, האָט ער געזאָגט „הרגני נא הרג", פשוט אויס כעס אויף די אידען, אויס פאַרביטערונג אויף זיי, איז טאַקע זיין פאַרלאַנג ערפילט געוואָרען, ווי אין פסוק שטעהט „ויתנבאו במחנה", זיי האָבען נביאות געזאָגט אין דער מחנה. וואָס האָבען זיי נביאות געזאָגט? „משה מת, ויהושע מכניס", אַז משה וועט שטאַרבען און יהושע וועט אריינפיהרען די אידען אין זייער לאַנד אריין.

איז מסירת נפש פאַר אידען אויכערסט וויכטיג. און דער וואָס איז זיך טאַקע מוסר נפש פאַר אַ אידען, ווערט פריהער אָדער שפּעטער באַגוטיגט פאַר זיין נאָבעלע טהאָט. אָט זאָגט אונז די סדרה, אַז דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט צו משה'ן „אספה לי שבעים איש". זאָגט דער מדרש ווען פרעה האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל די פאַרשקלאַפטע אידען ניט געבען קיין שטרוי צו מאַכען די ציגעל, נאָר זיי זאָלען אַליין געהן קלייבען שטרוי, און דאָך מאַכען די זעלבע צאָהל ציגעל ווי פריהער, פלעגען קומען די אויפזעהער קאָנטראָלירען, צי זיי מאַכען די זעלבע צאָהל ציגעל. און ווען די אידען האָבען ניט באַוויזען צו מאַכען די באַשטימטע צאָהל ציגעל, איז „ויכו שוטרי בני ישראל", פלעגען זיי שלאָגען די אידישע אויפזעהער, פאַרוואָס זיי צווינגען ניט די אידען צו מאַכען די באַשטימטע צאָהל. און די אידישע אויפזעהער פלעגען ליבער אַליין נעמען די קלעפּ, איידער אַרויסצוגעבען די נעמען פון די אידען, וואָס האָבען ניט געמאַכט די באַשטימטע צאָהל.

ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה'ן, ער זאָל צוזאַמענרופען זי־בעציג זקנים, האָט משה געענטפערט: „האַר פון דער וועלט, איך ווייס ניט וועמען צו רופען, איך ווייס ניט ווער עס איז ראוי דערצו". האָט כביכול אים געענטפערט: „אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו", נעם די זקנים און די שוטרים, די אויפזעהער וואָס האָבען זיך אין מצרים מוסר נפש געווען פאַר די אידען און זיינען באַרייט געווען זיך צו לאָזען שלאָגען צוליב זיי, אָט זיי זיינען ראוי. איצט איז געקומען די צייט, אַז זיי זאָלען עולה לגדולה זיין.

יאָ, מסירות נפש פאַר אַ אידען איז אויסערסט וויכטיג, און מיט דער צייט באַצאָהלט עס זיך אפילו. אָבער עס מוז זיין מיט אַן אמת. עס מוז זיין

אמת'ע, עכטע צדקות. דער רבי ר' בונים פון פשיסכע ז"ל האָט געפרעגט: עס שטעהט „ה' פוקח עורים, ה' זוקף כפופים, ה' אוהב צדיקים", דער אויבער־שטער מאַכט בלינדע זעהענדיג, ער גלייכט אויס די איינגעבויגענע, ער האָט ליב די צדיקים. ווי קומען עפּעס צדיקים צווישען קאַליקעס? נאָר דער תירוץ איז, אַז עס איז ניטאָ קיין גרעסערער קאַליקע, ווי איינער וואָס האַלט זיך פאַר אַ צדיק.

שלח

אַון דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן, ער זאָל שיקן מענשען אויס־קוקען דאָס לאַנד כנען (ארץ ישראל). האָט משה באַשטימט אַ פּאָר־שטעהער פון יעדען שבט, און ער האָט זיי געהייסען אויסקוקען און זעהן, צי דאָס לאַנד איז אַ גוט לאַנד, צי די שטעדט זיינען באַפעסטיגטע. זיינען די מענשען געגאַנגען, און נאָך פערציג טעג זיינען זיי צוריקגעקומען און האָבען דערצעהלט, אַז דאָס לאַנד איז טאַקע גוט, און עס פליסט מיט מילך און האָניג. אָבער די שטעדט זיינען שטאַרק באַפעסטיגט, און דאָס פאָלק, וואָס באַוואוינט דאָס לאַנד, איז זעהר שטאַרק, און עס זיינען דאָרט פאַראַן „ריזען״.

האָבען די אידען זיך דערשראָקען, און זיי האָבען אָנגעהויבען רעוואָלטירען געגען משה׳ן און אהרן׳ען. זיי האָבען אפילו אָנגעהויבן רעדען צווישען זיך וועגען באַשטימען אַ פיהרער, וואָס זאָל זיי צוריקפיהרען קיין מצרים. און אַז יהושע בן נון און כלב בן יפונה, וואָס זיינען געווען צווישען די אויסקוקער, האָבען זיך געשטעלט געגען זיי, און געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, און דער אויבערשטער וועט העלפען איינצונעמען דאָס לאַנד, האָבען די אידען זיי געוואָלט פאַרשטיינען.

האָט כביכול שטאַרק פאַרדראָסען וואָס דאָס פאָלק, מיט וועמען ער האָט געטהון אַזוי פיל נסים, פרואווט אים שוין דאָס צעהנטע מאָל. און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיי אין גאַנצען פאַרלענדען, און ער וועט מאַכען משה׳ן פאַר אַ גרעסער און שטאַרקער פאָלק. האָט משה געבעטען רחמים, און דער אויבערשטער האָט געזאָגט: „סלחתי כדבריך״. אָבער דער גאַנצער דור, אַחוץ יהושע בן נון און כלב און די קליינע קינדער, וועט ניט אַריינגעהן אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד.

און די היינטיגע סדרה ווידערהאָלט נאָך אַמאָל, אַז מען דאַרף דעם פרעמדען באַהאַנדלען זעהר פיין און גוט. „תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר אתכם״, איין געזעץ און איין דין זאָל עקזיסטירען פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדען, וואָס וואוינט צווישען אייך. און אויך די מצוה פון ציצית ווערט געגעבען אין דער היינטיגער סדרה.

איז איידער מיר הויבען אָן צו רעדען וועגען דער סדרה, איז כדאי צו באַמערקען, אַז די „אויסקוקער״ זיינען באַקאַנט אַלס „מרגלים״, אָבער אין דער גאַנצער סדרה ווערט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „מרגלים״, נאָר גלאַט „אנשים״, מענשען, אָדער „התרים״, אויסקוקער. דאַגעגען, יוסף האָט זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט „מרגלים״ לגבי זיינע ברידער, ווען זיי זיינען געקומען קיין מצרים קויפען תבואה. זעהט: מלבי״ם בראשית מב, ט; במדבר יג, ב.

און אויסקוקער האָט משה געשיקט איינעם פון יעדען שבט, אָבער פון דעם שבט לוי האָט ער נישט געשיקט קיין פאָרשטעהער. זאָגט דאַרויף דער ריטב״א ז״ל, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל שבט לוי האָט זיך ניט גענויטיגט

אויסצופאָרשען דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבען דאָך סאַי ווי ניט באַקומען קיין חלק אין דעם לאַנד. ווארום דער שבט לוי איז דאָך געווען אין גאַנצען געווידמעט צו געטליכען דינסט.

און, ווי באַוואוסט האָט יהושע דאָך געהייסען הושע. און די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז, אַז „ויקרא משה להושע בן נון יהושע", אַז משה רבינו האָט געביטען הושע׳ס נאָמען אויף יהושע. איז פון וואַנען האָט משה גענומען די „יוד"? זאָגט דאַרויף דער מדרש, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, אַז שרה וועט ניט הייסען מעהר שרי, נאָר שרה, איז די „יוד" געקומען פאַר כביכול און גע׳טענה׳ט: סטייטש, זי איז געווען אַ טייל פון דעם נאָמען פון אַזאַ גרויסער צדקת, וואָס וועט פון איר איצט ווערען? האָט כביכול איר געענטפערט, זי זאָל זיך ניט זאָרגען. ביז איצט איז זי געווען צום סוף פון דעם נאָמען פון אַ פרוי, אָבער שפּעטער וועט זי זיין דער אָנהויב פון דעם נאָמען פון אַ מאַן. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ מיינונג, אַז אַזוי ווי „יוד" באַטרעפט דאָך צעהן, און „ה" באַטרעפט פינף, האָט כביכול צעטיילט די „יוד" אויף צווייען, נעמליך אויף צוויי „ה", איינעם האָט ער געגעבען שרה׳ן און איינעם אברהם׳ען.

און אַז משה האָט צוגעגעבען הושע׳ן אַ „יוד", איז דאָך די „ה", וואָס איז פריהער געווען דאָס ערשטע אות פון דעם נאָמען, געוואָרען דאָס צווייטע, איז הערט זשע אַ מעשה: ווען ר׳ יעקב שמעון ז"ל איז געווען רב אין שעפּעטאָווקע, האָט מען איבערגעבויט און פאַרגרעסערט דאָס בית המדרש. פאַרשטעהט זיך, אַז די „שטעדט" (פּלעצער), וואָס זיינען פריהער געווען אין מזרח־וואַנט זיינען איצט געווען אין דער מיט שוהל. האָבען די מזרח־וואַנט בעלי בתים געמאַכט אַ „ויצעקו", סטייטש, מען האָט זיי אָפּגענאַרט! זיי האָבען געקויפט „שטעדט" אויבענאָן, און איצט שטעהען זיי גאָר אין מיטען בית המדרש! און זיי האָבען גערופען די גבאים צו אַ דין תורה. נאָכדעם ווי דער רב האָט אויס־געהערט די טענות, האָט ער געענטפערט, אַז עס איז פאַראַן אין מדרש אַ פאַר־טיגער פסק דין: ווען די ה׳ פון יהושע׳ס נאָמען איז געקומען פאַר כביכול מיט אַ טענה, אַז פריהער איז זי געווען דער ערשטער בוכשטאַב פון דעם נאָ־מען און איצט איז זי גאָר דער צווייטער, האָט מען איר געענטפערט: עס איז טאַקע אמת, אַז מען האָט צוגעגעבען צום נאָמען נאָך אַן אות, אָבער זי, די „ה", האָט מען פון אָרט ניט געריהרט, און זי בלייבט אויף דעם זעלבען פּלאַץ ווי פריהער...

און אַן אות שפּיעלט טאַקע אַמאָל אַ גרויסע ראָלע. אפילו אין פשוט׳ע געלט־זאַכען איז אַן אות גאָר וויכטיג. ר׳ דוד׳ל טאַלנער ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה, אַז צוויי זאַכען פאַרדריסען אַ רבין, און די חסידים האָבען דוקא דערפון אַ היבשע הנאה. ווען אַ חסיד קומט צום רבי׳ן בעטען, ער זאָל מתפּלל זיין, אַז די פרוי זאָל האָבען אַ אינגעל, הייסט זיך, געוויינליך, דער רבי געבען צוויי און פופציג רובעל, לויט די צאָהל פון די אותיות „בן", אַ זוהן, וואָס באַ־טרעפט צוויי און פופציג. וואָלט אָבער „בת" געמיינט אַ זוהן, וואָלט דאָך דער רבי געקאָנט פאַרלאַנגען גאַנצע פיער הונדערט און צוויי רובעל, לויט די צאָהל פון דעם וואָרט „בת". ווען מען קומט צום רבי׳ן ער זאָל תפילה טהון פאַר אַ קראַנקען, בעט ער געוויינליך אַכצען רובעל, לויט די צאָהל פון די אותיות

פון דעם וואָרט „חי", לעבען, וואָס באַטרעפט אַכצען. וואָלט אָבער דאָס וואָרט „מת" געווען דער טיטש „לעבען", וואָלט דאָך דער רבי רייכער געוואָרען מיט גאַנצע פיער הונדערט און פערציג רובעל, לויט די צאָהל פון די אותיות „מת".

און וואָס אייגענטליך איז געווען די הויפּט טענה פון די מרגלים, פאַרוואָס זיי האָבען געראַטען די אידען ניט צו געהן קיין ארץ ישראל? „ארץ אוכלת יושביה היא", עס איז אַ לאַנד וואָס עסט אויף אירע איינוואוינער. זאָגט דאַרויף ר' יונתן אייבישיץ ז"ל, אַז די מרגלים האָבען גע'טענה'ט: מיר זיינען ניט פרום גענוג אריינצוגעהן אין דעם לאַנד אַריין, ווארום דאָס לאַנד פאַר־טראָגט נישט קיין זינדיגע מענשען ווי מיר זיינען. אין ארץ ישראל דאַרפען וואוינען נאָר פרומע מענשען, צדיקים. האָבען, אָבער, יהושע און כלב גע־ענטפערט: „טובה הארץ מאד". פּונקט פאַרקערט. דאָס לאַנד איז זעהר גוט. ווארום די חכמים ז"ל זאָגען, אַז „המהלך ד' אמות בארץ ישראל מכפרין לו על כל עוונותיו", ווער עס געהט אין ארץ ישראל פיער איילען, פאַרגיט מען אים אַלע זיינע זינד.

און וואָס־זשע, מיינט איר, איז געווען דער אונטערשייד צווישען די מרגלים און יהושע'ן מיט כלב'ן? דער חילוק צווישען זיי איז געווען דער זעלבער וואָס צווישען אַ חסיד און אַ מתנגד. מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם קאָצקער רבי'ן ז"ל: וואָס איז דער אונטערשייד צווישען אַ חסיד און אַ מתנגד? האָט ער געענטפערט: אַ חסיד האָט מורא פאַר דעם אויבערשטען, און אַ מתנגד האָט מורא פאַר דעם שולחן ערוך.

איז, פאַרשטעהט זיך, אַז די מרגלים האָבען טייער באַצאָהלט פאַר זייער רעדען געגען ארץ ישראל. „וימותו האנשים מוצאי דבת הארץ רעה במגפה". זיי זיינען געשטאָרבען דורך אַ מגפה. און אויף די אידען איז אויך אַרויסגעגע־בען געוואָרען אַ ביטערער פסק דין. אמת, די אידען האָבען טאַקע חרטה גע־קראָגען און זיי האָבען געשריגען „חטאנו", מיר האָבען געזינדיגט. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַ מענש פאַרקריכט אַמאָל אַזוי טיעף, אַז קיין שום געבעטען וועלען אים שוין ניט העלפען.

דער ראַדזינער רבי, ר' גרשון הענעך ז"ל, איז געווען אַ ליבהאָבער פון שאַך־שפּיעל, און ער פלעגט האָבען אַ טבע זיך אונטערצוזינגען ביים שאַך שפּילען:

„אַז מען געהט אַ גאַנג, זאָל עס ניט טהון באַנג".

איינמאָל האָט ער געשפּילט מיט אַ משכיל, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר אַן אפּיקורס, זיך אונטערגעזונגען דאָס ווערטעל, און ער האָט געמאַכט אַ שלעכטען גאַנג. דער משכיל האָט געוואָלט אויסנוצען דעם רבי'נ'ס שלעכטען גאַנג, און ער וואָלט באַלד געקענט געווינען מיט אַ שאַכמאַט. אָבער דער רבי האָט אים אָנגעהויבען צו בעטען, אַז ער האָט פאַרזעהן, עס איז געווען בשוגג, און דאָס ערשטע מאָל, אַלזאָ, ער זאָל פאַרקוקען און אים פאַרגעבען דעם שלעכטען צוג, און דער משכיל האָט ענדליך איינגעוויליגט. אַביסעל שפּעטער האָט דער רבי אַבזיכטליך נאָך אַמאָל געמאַכט אַ שלעכטען צוג. דער משכיל האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און געוואָלט דעם רבי'ן באַלד מאַכען מאַט. וויפיל דער רבי האָט אים ניט געבעטען, ער זאָל אים נאָך אַמאָל פאַרקוקען דעם

טעות׳דיגען צוג, האָט דער משכיל בשום אופן ניט געוואָלט איינשטימען. האָט דער רבי געגעבען אויף אים אַ שאַרפען, מוסר׳דיגען קוק, און ער האָט אַ זאָג געטהון: „זעהסטו, ווי אַך און וועה עס איז צו דעם מענשען וואָס פאַרקריכט שוין אַזוי ווייט אין שלעכטע וועגען, אז אפילו קיין בעטען העלפט אים שוין ניט!...

און אין דער היינטיגער סדרה איז פאַראַן אַ פסוק, וואָס איז אין אַ גע־וויכער מאָס אַ רמז טאַקע אויף אונזער דור. דער פסוק זאָגט „וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה, והבאתי אותם וידעו את הארץ״. האָט ר׳ מענדעלע וויטעב־סקער ז״ל, אַמאָל געשריבען פון ארץ ישראל צו זיינע חסידים, פאַרוואָס מען איז אַזוי מבטל די היינטיגע דורות, און ער טייטשט דעם פסוק אַזוי: „וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה״, דוקא די דאָזיגע דורות, צו וועלכע מען באַציהט זיך מיט גרינגשעצונג, „וידעו את הארץ״, דוקא זיי וועלען דערפיהלען די אמת׳ע, עכטע ליבע צו ארץ ישראל. איז דאָס טאַקע אַ געוואַלדיגער אמת, ממש אַ שטיק נביאות. איז דען דאָ אַ דור זייט דעם בר כוכבא דור, אין וועלכען אידען און איבערהויפט דער „וטפכם״, דאָס יונגוואַרג, האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיל שטאַרקע, אמת׳ע, עכטע מסירות־נפש׳דיגע ליעבע צום אידישען לאַנד, ווי די אידען בכלל און דאָס יונגוואַרג בפרט פון אונזער אייגענעם דור! און אפשר טאַקע דערפאַר איז „והבאתי אותם״, און אפשר טאַקע דערפאַר האָט אונ־זער דור זוכה געווען, אין דעם זכות פון די זעקס מיליאָן קדושים, ה׳ ינקום דמם, צו זעהן מיט אונזערע אייגענע אויגען די אתחלתא דגאולה און דעם אָנ־הויב פון קיבוץ גלויות.

אָבער ווען וועט דאָס אַלץ האָבען אַ ווערט און אַ קיום, ווען וועט די אתחלתא דגאולה, וואָס מיר האָבען דערלעבט, האָבען אַ מַמש, און עס וועט פיהרען צו דער גאולה שלמה, צו דער פולשטענדיגער אויסלייזונג? ווען עס וועט זיין „מראשית עריסותיכם תתנו לה׳״. טייטשט דער חתם סופר ז״ל, אַז מיר וועלען זיך אָפּגעבען מיט דעם חינוך, מיט דער ערציהונג פון אונזערע קינדער, ווען זיי ליגען נאָך אין די וויגען. אַז מיר וועלען ניט אָפּלייגען אויף שפּעטער, נאָר ווען די קינדער זיינען קליין, יונג, וועלען מיר שוין אָנהויבען זיי ערציהען אויף דעם אידישען וועג אין דעם גייסט פון תורה. אַז אונזערע קינ־דער וועלען שוין אָנהויבען לערנען חומש, ווען זיי זיינען אַלט פינף יאָר, און ניט אַז זיי וועלען אָנהויבען לערנען אַלף בית „האַלב נאָך צוועלף״, נעמליך, ווען זיי זיינען שוין אַלט צוועלף און אַ האַלב יאָר, ווייל די „בר מצוה״ שטעהט שוין אויף דער שוועל!

ווארום לאָמיר זיך ניט נאַרען, און קוקען די פאַקטען אין די אויגען אַריין. ווער האָט געהאַלטען, אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרהונדערטער, אין איין האָפען און בעטען אויף דעם טאָג, ווען מיר האָבען צוריק באַקומען אונזער לאַנד, אויב ניט די אינגעלאַך, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו לערנען חומש, ווען זיי זיינען אַלט געוואָרען פינף יאָר און האָבען זייער גאַנץ לעבען געבעטען „ותחזינה עינינו בשובך לציון... ולירושלים עירך ברחמים תשוב... לשנה הבאה בירושלים״? ווער האָט ממש מיט מסירות נפש ניט דערלאָזט דורך די גאַנצע צוויי טויזענט יאָר אין גלות, אַז דער צאַנקענדיגער פונק פון אונזער וואונש זיך אומצוקערען אין אונזער אייגענער היים זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען, אויב

ניט די אינגעלאַך וואָס „מראשית עריסותיכם", וואָס נאָך ליגענדיג אין די וויגעלאַך, האָבען זיי געהערט דער מוטער'ס לידעלע, אַז „תורה איז די בעסטע סחורה"?!

און זיי האָבען פאַרשטאַנען וואָס ארץ ישראל מיינט פאַר דעם עם ישראל. ווייל די תורה איז פול מיט ליעבע צו ארץ ישראל, ווייל די תורה איז דער גרעסטער „פאַטריאָט" פון ארץ ישראל. און אָט דעם ליכטיגען, זויבערען „פאַטריאָטיזם", ניט „אָרגאַניזאַציאָנעלען ציוניזם", נאָר לויטערען, הייליגען „פאַטריאָטיזם", ליבע צו אונזער לאַנד, צום לאַנד פון אבות אבותינו האָבען זיי איינגעזאַפּט מיט דער מוטער'ס מילך. און אויב עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען אַ „ציוניזם", איז עס בלויז אַ דאַנק אָט די אינגעלאַך, וואָס האָבען שוין צו פינף יאָר אָנגעהויבען צו לערנען די תורה, וואָס איז אויך אונזער מאַנדאַט אויף ארץ ישראל.

און איצט וועלען מיר ענדיגען מיט אַ טייטש־ווערטעל. די היינטיגע סדרה ענדיגט זיך מיט דער מצוה פון ציצת. זאָגט רש"י ז"ל, אַז ציצית באַטרעפט זעקס הונדערט, און די אַכט פעדים פון די ציצית און די פינף קשרים (קניפּען) פון די ציצית, זיינען דרייצעהן, און דאָס איז גענען די תרי"ג, נעמליך, זעקס הונדערט און דרייצעהן, מצוות.

איז דאָך די קשיא: אין דער סדרה שטעהט דאָך ציצת מיט איין יו"ד, פעהלט דאָך צעהן, באַטרעפט עס דאָך, בלויז זעקס הונדערט און דריי?

גיט דאַרויף דער דעת זקנים מבעלי התוספות אַן אינטערעסאַנטע ער־קלערונג: די סדרה זאָגט ועשו להם ציצת... ונתנו על ציצת... והיה לכם לציצת, פעהלען דאָך דריי יו"ד'ן, נעמליך דריי מאָל צעהן. קוקט זשע זיך, אָבער, צו, וועט איר זעהן, אַז דאָס דריטע מאָל שטעהט לציצת, מיט אַ „ל", און „ל" איז דאָך דרייסיג, דעקט עס די דריי יו"ד'ן, וואָס באַטרעפען אויך דרייסיג, איז שוין רש"י ז"ל גערעכט.

קרח

האלטען מיר שוין ביי קרח, און די סדרה דערציילט אונז וועגען אַן אויפשטאַנד, אַ רעוואָלוציע. איז די וואָס מיינען, אַז רעוואָלוציעס איז אַ מאָדערנע, אַן היינטוועלטיגע דערפינדונג, האָבען במחילה אַ גרויסען טעות. אין אונזער תורה איז דאָ אַלץ, אַפילו רעוואָלוציעס, טאַקע אָרגאַניזירטע רעוואָלוציעס. אָט הערט: קרח, דתן, אבירם און און בן פלת, אין דער שפּיץ פון אַ דריטהאַלבען הונדערט הויכע פּערזענליכקייטען, האָבען זיך פאַרזאַמעלט און האָבען פּראָטעסטירט געגען משה און אהרן און געשריען: ס׳טייטש, וואָס עפּעס האַלט איר זיך העכער פון אַלע אידען?! האָט דאָך אָבער משה געטהון אַלצדינג לויט דעם אויבערשטענ׳ס באַפעל, האָט ער פּרובירט מיט גוטען זיי צו איבערצייגען, אַז ער טהוט ניט קיין שום זאַך אַליין, נאָר אויף דעם אויבערשטענ׳ס באַפעל. זיינען דאָך אָבער רעוואָלוציאָנערען אָפט מאָל בלויז היץ־קעפּ, האָבען זיי זיך ניט געוואָלט צוהערען צו זיינע רייד. און דער סוף איז געווען, אַז קרח און אַלע זיינע נאָכפאָלגער האָבען באַצאָלט דערפאַר מיט דעם לעבען. זיי זיינען, נעמליך, איינגעזונקען געוואָרען לעבעדיגערהייט.

און פאַרוואָס מיינט איר האָט טאַקע קרח געמאַכט אַ רעוואָלוציע? אויס קנאה. קרח האָט זיך מתקנא געווען וואָס משה האָט באַשטימט אליצפן בן עוזיאל פאַר אַ נשיא איבער די קינדער פון קהת, כאָטש משה האָט עס געטהון אויף דעם אויבערשטענס באַפעל. קרח האָט אַזוי גע׳טנה׳ט: דער טאַטע האָט געהאַט פיר ברידער. עמרם איז געווען דער בכור, דער עלצטער, האָט זיין זוהן משה זיך גענומען די מלוכה, די פירערשאַפט. זיין אַנדערער זוהן אהרן, איז געוואָרען כהן־גדול. נו, איז ווער־זשע וואָלט באַדאַרפט נעמען דעם וויטערדיגען הויכען אַמט, ניט איך, יצהר׳ס זוהן וואָס איז עמרם׳ס צווייטער ברודער? איז משה גאָר געגאַנגען, און ער האָט פאַר דעם דאָזיגען אַמט באַשטימט דעם אינגסטען ברודער׳ס זוהן!

און קנאה, רבותי, איז זעהר אַ מיאוס׳ע און אַ געפעהרליכע אייגענשאַפט. זעהר אָפט באַצאָלט אַ מענש מיט דעם לעבען אַלס רעזולטאַט פון קנאה. ווי געפעהרליך קנאה איז, און צו וואָס דאָס קען אַ מענשען פאַרפיהרען, קען מען זעהן דערפון וואָס דער ערשטער מאָרד אין דער וועלט איז פאָרגעקומען בלויז פון קנאה. האָט דאָך קין דערהרג׳עט זיין אייגענעם ברודער הבל, נאָר אויס קנאה. האָט דאָך שוין שלמה המלך אויסגעשריען „קשה כשאול קנאה", אַז קנאה, אייפערזוכט, איז אַזוי גרויזאַם ווי דער קבר. לערענט דאָך אונז דער זעלבער שלמה המלך, אַז: „קנאה איז דאָס פאַרפוילטקייט פון די ביינער". און די גמרא טייטשט עס אויס גאַנץ איינפאַך: ווער עס טראָגט קנאה אין האַרצען, ווערען זיינע גלידער פאַרפוילט. אַלזאָ קנאה פאַר דעם מענשען, איז ווי זשאַווער פאַר אייזען. און מיר זעהען טאַקע אָפט אין לעבען אַז „ווער עס זייעט קנאה, שניידט חרטה". אָבער קרח און זיינע נאָכפאָלגער

האָבען אַפילו ניט געהאַט קיין צייט חרטה צו האָבען. זייער זינד איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען איינגעזונקען געוואָרען נאָך איידער זיי האָבען געהאַט צייט חרטה צו האָבען.

אַי, איז דאָך אַ קשיא, ווי קומט עס וואָס דער גוט־האַרציגער משה האָט ניט געבעטען דעם רבונו של עולם ער זאָל מוחל זיין קרח'ן און זיינע נאָכפאָלגער? יעדער מאָל ווען די אידען האָבען געזינדיגט האָט דאָך משה פאַר זיי געבעטען רחמים, און דער אויבערשטער האָט מוחל געווען. איז פאַרוואָס־זשע האָט משה אויך דאָס מאָל ניט געבעטען? האָט דער רבי ר' העשעל אַפּטער ז"ל געגעבען דערויף אַ גוטען תירוץ: פשוט דערפאַר, ווייל קרח אַליין האָט פאַרשטעלט דעם וועג, אַז משה זאָל קענען בעטען פאַר אים און זיין עדה. אַט, למשל, ווען די אידען האָבען געזינדיגט מיט דעם מאַכען דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט משה גע'טענה'ט צום אויבערשטען: וואָס האָסטו צו זיי? דו האָסט דאָך געזאָגט: „אנכי ד' אלקיך", „לא יהיה לך"... און אַזוי זיינען אַלע עשרת־הדברות געזאָגט געוואָרען בלשון יחיד. האָסטו דאָך גערעדט צו מיר, ניט דירעקט צו אַלע אידען, איז וואָס־זשע האָסטו צו זיי? אָבער איצט איז געקומען קרח, און ער האָט אויסגעשריען „לא אתם לבדכם שמעתם בסיני אנכי ד' אלקיך, כל העדה שמעו", ניט איר אַליין האָט געהערט ביי דעם באַרג סיני די עשרת הדברות, נאָר אַלע אידען האָבען געהערט; האָט ער דאָך אַליין אונמעגליך געמאַכט פאַר משה'ן ער זאָל קענען מלמד־זכות זיין. וואָרום דאָס איז דאָך שוין געווען די אידען'ס פערטע עבירה: זיי האָבען געזינדיגט ביים עגל, ביי די מתאוננים, ביי די מרגלים און איצט ביי קורח'ן. וואָרום אַז קרח האָט צונישט געמאַכט משה'ס לימוד־זכות ביים עגל, אין דעם וואָס ער האָט גע'טענה'ט, אַז אַלע אידען האָבען געהערט ביים באַרג סיני דעם „אנכי ד' אלקיך". איז דאָך איצט, ביי קרח'ן שוין די פערטע זינד. און דער נביא האָט דאָך געזאָגט „על שלשה פשעי ישראל, ועל ארבעה לא אשיבנו". האָבען קרח און זיינע נאָכפאָלגער געמוזט ליידען דעם עונש.

האָבען דאָך אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם", קנאה איז איינס פון די דריי זאַכען וואָס רואינירען אַ מענשען, פאַר וועלכע ער באַצאָלט אַפילו אַמאָל מיט דעם לעבען. דער „שפת אמת" ז"ל, איז אַמאָל געווען ביי זיינעם אַ חסיד אויף אַ שמחה. פאַר־שטעהט זיך, אַז דער בעל־שמחה האָט זיך זעהר באַמיהט צו געבען דעם רבי'ן אַלע וויכטיגע כבודים. אָבער דער רבי האָט אַלץ אָפּגעזאָגט. רופט זיך אָן דער חסיד, ס'טייטש, רבי, די גמרא זאָגט דאָך בפירוש „כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה", אַלץ וואָס דער בעל הבית הייסט טהון, זאָל מען טהון? האָט דער רבי געענטפערט: אָבער באַלד נאָכדעם זאָגט דאָך די גמרא: „חוץ מצא", אַז אויב ער האַלט ביי „צא" דאַרף מען ניט פאָלגען, און אויך כבוד איז אין דעם כלל פון „צא", וואָרום כבוד ווי קנאה זיינען פון די זאַכען וואָס „מוציאין", שליסען אויס דעם מענשען פון דער וועלט.

און ווער מיינט איר איז געווען דער הויפּטשולדיגער וואָס האָט פאַר־פירט קרח'ן ער זאָל באַגעהן די נאַרישקייט? טאַקע זיין אייגענע פרוי. און ווער מיינט איר האָט אָפּגעראַטעוועט און בן פלת, ער זאָל אין צייט חרטה

האָבען, און ער איז טאַקע דערפאַר ניט איינגעזונקען געוואָרען צוזאַמען מיט קרח'ן? אויך זיין אייגענע פרוי. זעהען מיר שוין דערפון אַליין אַז אַ פרוי שטעלט אויף די פיס, און אַ פרוי וואַרפט פון די פיס. דעם מאַן'ס גאַנץ לעבען איז אָפּהענגיג בלויז פון וואָס פאַר אַ פרוי ער האָט. און וואָס פאַר אַ פרוי דער מאַן קריגט, ווענדט זיך אין זיין אייגענעם מזל. די חכמים ז"ל זאָגען: זכה — עזר, איז דער מאַן זוכה, ווערט די פרוי אַ העלפער, און העלפט אים זיך שטעלען אויף די פיס. לא זכה — כנגדו, איז ער חלילה ניט זוכה, איז זי זיינע אַ געגנערין, און מאַכט אַז ער זאָל פאַלען פון די פיס.

אַט, למשל, האָט חוה, די סאַמע ערשטע פרוי אין דער וועלט, געוואָרפען איר אייגענעם מאַן אדם הראשון פון די פיס. זי האָט אים אַנגערעדט ער זאָל עסען פון די פאַרבאָטענע פרוכט, און דער אויבערשטער האָט אים באַלד אַרויסגעטריבען פון גן־עדן. דאַגעגען האָט, למשל, רחל, די טאָכטער פון דעם רייכען כלבא שבוע, געמאַכט איר מאַן ר' עקיבא, פאַר דעם גרעסטען תנא. אַט די שעהנע און רייכע רחל, האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאַסטוך עקיבא. זי איז גרייט געווען מקריב צו זיין איר לוקסוסדיגען לעבען און ליידען הונגער און נויט, אַבי נאָר צו העלפען איר מאַן דערגרייכען און שטייגען העכער און העכער. זי איז געשלאָפען אין שייערען אנשטאָט אין איר לוקסוסדיגען שלאָף־צימער. זי האָט פאַרקויפט אירע שעהנע צעפּ און געהאָלפען איר מאַן פאַרפולקאָמען זיין לערנען. און אַ דאַנק איר איז דער אומוויסענדער פאַסטוך עקיבא געוואָרען דער באַרימטסטער תנא רבי עקיבא.

האָבען טאַקע אונזערע חכמים ז"ל, שוין געזאָגט, אַז ווער עס האָט אַ טוגענדהאַפטע פרוי איז אַ גליקליכער מאַן; ער האָט פרייד, שוץ, פרידען, ברכה, גוטס און נאָך גוטע זאַכען. און אַ דאַנק דער גוטער פרוי, איז דאָס הויז געבענטשט מיט אַלע ברכות. האָט אָבער קרח, ווייזט אויס, ניט זוכה געווען, און ער האָט ניט געהאַט קיין „אשת חיל", האָט ער באַצאָלט דער־פאַר מיט דעם לעבען.

און איינגעזונקען איז קרח מיט זיין גאַנץ פאַרמעגען. און קרח האָט דוקא פאַרמאַגט אַ היבש ביסעל גוטס. ער האָט געהאַט אַזוי פיעל אוצרות, אַז דריי הונדערט מויל־אייזלען האָבען געפיהרט בלויז די שליסלען פון זיינע שאַץ־קאַמערען, און די שליסלען זיינען געווען פון לעדער. אַי איז דאָך אַ קשיא, פאַרוואָס איז טאַקע זיין רייכטום אויך איינגעזונקען געוואָרען? וואָס זיינען זיינע אוצרות שולדיג געווען? ענטפערט דערויף דער „שפתי כהן" ז"ל אַזוי: דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אברהם'ן, אַז די אידען וועלען אַרויסגעהן פון מצרים „ברכוש גדול", מיט גרויס רייכטום. אָבער די דאָזיגע ברכה איז ניט געזאָגט געוואָרען אויף דעם שבט לוי, ווייל דער שבט לוי איז דאָך ניט געווען אין דעם כלל פון „ועבדום וענו אותם". נאָר די אידען וועלכע די מצריים האָבען פאַרשקלאַפּט, וועלען פאַרלאָזען מצרים ברכוש גדול. אָבער דער שבט לוי איז דאָך אין מצרים געווען פריי פון אַרבייט, האָבען זיי בישט געהאַט קיין חלק אין דעם רכוש גדול. איז דאָך די קשיא: קרח איז דאָך אויך געווען פון שבט לוי, איז פון וואַנען זשע האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ גרויס רייכטום? מוז מען דאָך זאָגען, אַז דאָס איז געווען פרעמדס,

אָנגערויבטס. איז דערפאַר „ותבלע אותם... ואת כל הרכוש", האָט די ערד איינגעשלונגען זיי און זייער גאַנץ רייכטום.

איז וואָס זשע טהוען קרח און זיינע נאָכפאָלגער די גאַנצע צייט, זינט זיי זיינען איינגעזונקען געוואָרען? זיי האַלטען אין איין שרייען „משה ותורתו אמת, ואנו בדאין", משה און זיין תורה זיינען אמת, און מיר זיינען ליגנער. באַמערקט דאַרויף דער „מטה־אהרן" ז"ל: פאַרוואָס עפּעס שטעהען די ווערטער „ואנו בדאין", מיר זיינען ליגנער, צום סוף? עס וואָלט דאָך געקאָנט שטעהן: „מיר זיינען ליגנער, און משה און זיין תורה זיינען אמת", און ער ענטפערט, ווען זיי זאָלען פריהער זאָגען „ואנו בדאין", און מיר זיינען ליגנער, וואָלט מען דאָך זיי שוין ניט געגלויבט די צווייטע העלפט פון דעם זאַץ, נעמליך, זייער פאַרזיכערונג אַז „משה ותורתו אמת", אַז משה און זיין תורה זיינען אמת.

און דתן און אבירם, קרח'ס הויפּט־אַדיוטאַנטען, זיינען, פאַרשטעהט זיך, ניט געוועזען בעסער פון אים. און עזות־פּנים'ער זיינען זיי אויך ניט געוועזען קיין קליינע. די סדרה דערציילט „ודתן ואבירם יצאו נצבים". טייטשט רש"י ז"ל, אַז „נצבים" מיינט „בקומה זקופה". זאָגט דאַרויף ר' ברוך פון מעזשבוזש ז"ל: ווי באַוואוסט קענען אַ מענשען'ס אַלע שלעכטע אייגענשאַפטען אויסגענוצט ווערען פאַר גוטע צוועקען. דער מענש דאַרף בלויז וויסען, ווי אַזוי, ווען און אונטער וועלכע אומשטענדען זיי אויסצונוצען. און כאָטש עזות, אַראָגאַנץ, איז דאָך אַ שלעכטע מידה, דאָך קומט אַפילו די דאָזיגע שלעכטע אייגענשאַפט אַמאָל צונוץ. אָט למשל, ווען אַ מענש וויל טהון אַ גוטע זאַך, איז קומט אַביסעל עזות צונוץ. ווייל דאָס העלפט אים ער זאָל זיך ניט רעכענען דערמיט, וואָס אַנדערע לאַכען פון אים און מאַכען חוזק. אָבער, ליידער, טהוען די מערסטע מענשען פאַרקערט, נעמליך „עז פנים — לגיהנם". זיי האָבען עזות צו טהון שלעכטע זאַכען, דאַגעגען „ובשת פנים — לגן עדן". ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גוטע זאַכען, דאַמאָלט ווערט גאָר דער מענש אַ ביישן, ער שעמט זיך.

האָט דתן און אבירם'ן ניט געפעלט קיין עזות און חוצפּה. און אחוץ דעם האָבען זיי נאָך געקעמפט מיט פאַלשקייט. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס לעגען אַריין „די שמד אין דער יראה". מען קעמפט צוליב פּערזענליכע צוועקען, אָבער מען מאַכט דעם אַנשטעל, אַז דאָס איז מען זיך מוסר נפש פאַר דעם אויבערשטען'ס וועגען. געפינען מיר דאַרויף אַ רמז טאַקע אין דער היינטיגער סדרה. דער פסוק זאָגט: „את מחתות החטאים האלה בנפשותם". טייטשט ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל, אַז די ערגסטע בעלי מחלוקת זיינען די יעניגע וואָס רייסען זיך אַרום און פיהרען קריגערייען צוליעב פּערזענליכע, עגאָאיסטישע צוועקען, אָבער מישען אַריין דעם „נפש", אַז דאָס פיהרען זיי דעם מחלוקת צוליב דער נשמה, לשם שמים.

האָבען דתן און אבירם ניט אָפּגעשניטען בעסער פון קרח'ן. און פאַרוואָס מיינט איר איז עס טאַקע אַזוי געוועזען? ווייל זיי האָבען אויסגעקוקט אויף קרח'ן, אויף אַ פּשוט'ן בשר ודם. און פאַרוואָס האָט משה איבעראַל מצליח געוועזען? ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען.

ווי באַוואוסט איז ר' מרדכי לעכעוויטשער ז"ל געוועזען אין דער יוגענט אַ גרויסער אָרימאַן. אין שטוב האָט דער דלות געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך,

און ווייב און קינדער האָבען פשוט געליטען הונגער. איינמאָל איז געקומען צו זיי צו גאַסט אַ קרוב. האָט די רבי'צין מיט ביטערע טרעהרען אויסגעגאָסען פאַר אים איר ביטער האַרץ, אַז זי קען פשוט ניט צוקוקען דעם צער פון די קינדער, וואָס געהען ממש אויס פאַר אַ שטיקעל ברויט, און זי אַליין האָט שוין אויך ניט קיין כח אַזויפיעל צו ליידען. איז דער קרוב אַריינגעגאַנגען צום רב אין צימער אַריין. האָט ער געזעהן ווי ר' מרדכי שפּאַצירט אַרום אַ פאַרטראַכטער און זינגט זיך אונטער אַ ניגון. רופט זיך אָן דער קרוב: דאָס ווייב און די קינדער וויינען, און אייך איז פריילעך אויף דער נשמה, אייך זינגט זיך גאָר!

האָט ר' מרדכי געענטפערט: „זיי האָבען אויף וואָס צו וויינען, ווייל זיי קוקען אויס אויף מיר, זיי פאַרלאָזען זיך אויף מיר, אַ בשר ודם, וואָס איז ניט מעהר ווי ערד. אָבער איך פאַרלאָז זיך דאָך אויף דעם באַשעפער פון דער וועלט, אויף דעם אַלמעכטיגען, אויף דעם „הכל יכול", דערפאַר זינגט זיך מיר.

און אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף דעם בורא עולם, אַפילו ווען עס קומט צו שידוכים, נאָרט מען זיך ניט אָפּ. אָט הערט: ר' זונדעל סאַלאַנטער ז"ל, איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און ער האָט געדאַרפט אַ שידוך טהון מיט צוויי טעכטער. ר' שמואל סאַלאַנט, וואָס איז שפּעטער געווען זיבעציג יאָהר רב אין ירושלים, האָט דאַן געשמ'ט פאַר אַן עילוי, און מען האָט אים גע־רעדט רייכע שידוכים. און וואָס פאַר אַ שידוך מען האָט ר' זונדלען אָנגע־שלאָגען פאַר זיין ערשטער טאָכטער, פלעגט ער ענטפערען, אַז ער האָט שוין אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, נעמליך, ר' שמואל'ן. און מענשען פלעגען שמייכלען פון זיין תמימות.

האָט זיך גראָד געמאַכט אַז ר' שמואל'ס פאָטער איז געקומען קיין סאַלאַנט, און מען האָט אים דערציילט ר' זונדעל'ס איינרעדעניש. און אַזוי ווי ר' שמואל'ס פאָטער איז געווען אַ גרויסער עהרליכער איד, האָט ער מסכים געווען, און דער שידוך איז געוואָרען, און הלואי אויף אַלע אידען אַזעלכע איידעמס.

מיט דער אַנדערער טאָכטער איז צוגעגאַנגען אַביסעל שוועהרליך אַ שידוך צו טהון. ר' זונדעל האָט שוין דאַן געוואוינט אין ירושלים, האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטהון, אַז דער ערשטער בחור וואָס וועט אָנקומען קיין ירושלים מיט דער ערשטער גרופּע פון זיין מדינה, וועט ווערען זיין איידעם.

אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ גרופּע אידען פון ליטע. די ירושלים'ער אידען זיינען ווי געוויינליך אַנטקעגען געגאַנגען מקבל פנים זיין די עולים. ר' זונדעל האָט דערזעהן אַ בחור, וואָס האָט אויסגעזעהן דוקא זעהר פראָסט, און ער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געפרעגט: וועער ער איז פון דערהיים, האָט דער בחור געענטפערט: „וואָס איז די נפקה מינה?" ר' זונדעל פרעגט אים צי ער האָט געלערענט אין אַ ישיבה, און דער בחור ענטפערט „וועמען איז דאָס נוגע?" און וואָס ר' זונדעל פרעגט אים, דרעהט זיך דער בחור אויס פון אַן ענטפער. טהוט אים ר' זונדעל אַ פרעג: „ווילסט זיין מיין איידעם?" און דער בחור ענטפערט „יאָ". האָט מען געשריבען תנאים און באַשטימט אַ טאָג פאַר דער חתונה.

ר׳ זונדלען האָט עס זעהר „געקאָרטעט״ ווער דער בחור איז. צי ער איז חלילה ניט געשטראָפט געוואָרען מיט אַן אײדעם אַן עם הארץ, און געוואויר ווערען האָט ער ניט געקאָנט, וויל דער בחור האָט ניט דערציילט. עטליכע טעג פאַר דער חתונה איז ר׳ זונדעל׳ס אײדעם, ר׳ שמואל געזעסען מיט לומדים און געשמועסט אין לערנען. גראָד איז אָנגעקומען דער חתן און הערענדיג די תורה, האָט ער זיך אָנגערופען „מיין זיידע, דער ׳שאגת אריה׳, האַלט ניט אַזוי״, און ער האָט אָפּגעזאָגט דעם שטיק „שאגת אריה״ אויף אויסווייניג. ר׳ שמואל איז תיכף אַוועק צום שווער און אים דערציילט, אַז דער חתן נאָטע נאָטקין איז דעם „שאגת אריה׳ס״ ז״ל אַן אייניקעל. פאַר־שטעהט זיך, אַז מען האָט געפראַוועט די חתונה מיט דאָפּעלטער שמחה.

חקת

די סדרה חקת הויבט זיך אָן מיט דער מצוה פון פּרה אדומה, און אַנ־דערע דינים. דערווייל קומען אָן די אידען אין דער מדבר צין, און מרים, משה רבינו׳ס און אהרן הכהן׳ס שוועסטער, איז דאָרטען געשטאָרבען. פרעגען אונזערע חכמים און רש״י ז״ל: פאַרוואָס עפּעס ווערט דערצעהלט וועגען מרים׳ס פּטירה נעבען דער פּרשה פון דער פּרה אדומה? און זיי ענטפערען, אַז פּונקט ווי די קרבנות פאַרגיבען אַ מענשענ׳ס זינד, אַזוי אויך ווען אַ צדיק געהט אַוועק פון דער וועלט, דינט זיין פּטירה ווי אַ פאַרגעבונג פאַר די זינד פון די אידען.

און ווי באַוואוסט האָבען דאָך די אידען געהאַט וואַסער אין דער מדבר נאָר אין מרים׳ס זכות. איבעראַל אין דער מדבר איז די אידען נאָכגעגאַנגען דער „באר מרים״, מרים׳ס ברונעם, און האָט זיי צוגעשטעלט וואַסער. אָבער ווי נאָר מרים איז אַוועק פון דער וועלט, האָט זיך אָפּגעטהון דער ברונעם, און דאָס פאָלק האָט ניט געהאַט קיין וואַסער. האָבען זיי זיך פאַרזאַמעלט געגען משה׳ן און אהרנ׳ען, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו קריעגען און געשריען: „צו וואָס האָט איר אונז אַרויסגענומען פון מצרים, און איר האָט אונז געבראַכט אין אָט דעם דאָזיגען שלעכטען אָרט, אַן אָרט וואו עס איז ניטאָ קיין תבואה, קיין טייטלען, קיין וויינשטאָקען, קיין מילגרוימען, און קיין וואַסער צום טרינקען איז אויך ניטאָ״. האָבען משה און אהרן זיך געווענדעט צו כביכול, און ער האָט זיי געהייסען נעמען דעם שטעקען, פאַרזאַמלען אַלע אידען, און זיי זאָלען אין געגענוואַרט פון דעם גאַנצען פאָלק רעדען צום פעלז, וועט ער געבען וואַסער. אָבער אנשטאָט צו רעדען האָט משה דערלאַנגט דעם פעלז מיט דעם שטעקען. און דער פעלז האָט אַרויסגעגעבען בלויז עטלעכע טראָפּען וואַסער. האָט משה אים דערלאַנגט אַ צווייט מאָל, און ער האָט אָנגעהויבען שפּרודלען מיט וואַסער וואָס האָט געסטאַיעט פאַר דעם גאַנצען פאָלק און פאַר זייערע פיה. משה׳ס האַנדלונג איז כביכול נישט געפעלען, און, דערפאַר, האָט ער געזאָגט, וועלען משה און אהרן ניט אַריינ־פיהרען די אידען אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד.

משה האָט דאַן געשיקט שלוחים צום קעניג פון אדום, ער זאָל ערלויבען די אידען דורכצוציהען דורך זיין לאַנד, און אַז די אידען וועלען אַפילו באַ־צאָהלען פאַר דעם וואַסער וואָס זיי וועלען טרינקען. אָבער דער קעניג פון אדום האָט בשום אופן ניט געלאָזט. דערווייל איז אהרן נפטר געוואָרען. דרייסיג טעג האָט דאָס פאָלק ישראל געטרויערט, און משה האָט באַשטימט אהרנ׳ס זוהן, אלעזר, אַלס כהן גדול. און ווי נאָר עמלק האָט דערהערט אַז אהרן איז נפטר געוואָרען, און די עהרען וואָלקענס, וואָס האָבען געשטיצט די אידען אין אַהרנ׳ס זכות, האָבען זיך אָפּגעטהון, איז ער אָנגעפאַלען אויף

די אידען, און ער האָט גענומען פון זיי געפאַנגענע. אָבער די אידען האָבען זיך באַלד געשטאַרקט און פאַרניכטעט דעם שונא און זיינע שטעדט.

משה האָט דאַן געשיקט שלוחים צום קעניג סיחון פון אמורי, ער זאָל ערלויבען די אידען דורכצוגעהן דורך זיין לאַנד. האָט ער לאַנג ניט גע־טראַכט און איז מיט זיין גאַנצער אַרמיי אָנגעפאַלען אויף די אידען. אָבער דאָס פאָלק ישראל האָט אים באַזיגט און פאַרנומען אַלע זיינע שטעדט. איז אָבער געקומען דער ריעז עוג, דער קעניג פון בשן, און איז אַרויס געגען די אידען. האָט דער איבערשטער געזאָגט משה'ן אַז ער זאָל ניט מורא האָבען. און די אידען האָבען טאַקע מנצח געווען. און עוג אַליין האָט אויך פאַר־לוירען זיין לעבען אין דער מלחמה. משה האָט, נעמליך, אויסגעריסען אַ באַרג פון דריי מייל און האָט מיט אים געטויטעט דעם ריעז עוג וואָס האָט איבערגעלעבט אַפילו דעם מבול אין נח'ס צייטען.

און די פרה אדומה האָט געמוזט זיין אַזעלכע „אשר אין בה מום, אשר לא עלה עליה עול". זי האָט געמוזט זיין פערפעקט. זי האָט געמוזט זיין אינגאַנצען רויט. טאָמער האָט זי געהאַט צוויי שוואַרצע האָר, איז זי שוין געווען פסול. און זי האָט אויך געמוזט זיין אַזעלכע וואָס האָט קיין מאָל ניט געטראָגען אויף זיך קיין יאָך, זי האָט קיינמאָל ניט געאַקערט, און ניט געטראָגען קיין יאַרמע. זאָגט דאַרויף ר' יעקב יצחק פון לובלין ז"ל אַ טייער וואָרט: אויב אַ מענש טראַכט זיך אַז ער איז אין אָרדנונג, ער איז פער־פעקט, ער האָט ניט קיין שום מום, איז דאָס אַליין שוין אַ סימן אַז עס פעהלט אים גאָר אַ סך צו זיין פערפעקט. עס ווייזט אַז ניט נאָר טראָגט ער ניט, נאָר אַז ער פילט אַפילו ניט, דעם מינדסטען יאָך פון אידישקייט.

און די פרה אדומה האָט מען געשאָכטען און פאַרברענט, און דער כהן האָט אַריינגעוואָרפען אין פייער אַריין „עץ ארז ואזוב". ארז איז אַ צעדער־בוים, וואָס סימבאָליזירט גאוה, שטאָלצקייט. „אזוב", ווידער, איז אַ זעהר נידעריגער געוואוקס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר שפלות. זאָגט דאַרויף דער „כלי יקר" ז"ל: דערפון לערנען מיר אַז ביידע אייגענשאַפטען סאַי שטאָלצקייט און סאַי נידעריגקייט טויגען ניט, און מען דאַרף זיי פאַרברענען. פונקט ווי אַ מענש טאָר ניט זיין קיין בעל גאוה, אַזוי טאָר ער ניט זיין צופיעל נידעריג ביי זיך. אַ מענש דאַרף שטענדיג אויסקלייבען דעם מיטעל־וועג. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „וואָס צופיעל איז איבעריג". אַ מענש דאַרף וויסען ווי איין און ווי אויס.

און „פרה אדומה" איז איינע פון די מצוות אויף וועלכע עס איז ניטאָ קיין טעם. און ווי זאָגט רש"י ז"ל „לפיכך כתב בה חקה — גזרה היא מלפני, אין לך רשות להרהר אחריה". דערפאַר שטעהט טאַקע ביי דער פרה אדומה אַז עס איז אַ געזעץ, עס איז אַ גזרה פון כביכול, און דער מענש האָט קיין רעכט נאָכצוטראַכטען וועגען אַ טעם פאַר דער דאָזיגער מצוה.

ווי באַוואוסט זיינען פאַראַן צוויי הונדערט און אַכט און פערציג מצוות עשה געגען דעם מענשען'ס צוויי הונדערט און אַכט און פערציג אברים, און דריי הונדערט און פינף און זעכציג לא תעשה'ס (פאַרבאָטען) געגען דעם מענשען'ס דריי הונדערט און פינף זעכציק אָדערען. האָט דער פשיסכער רבי ז"ל אַמאָל געפרעגט: צו וואָס, אייגענטליך, דאַרף אַ מענש אַ בלינדע

קישקע (אַפּענדיקס). ווייסן מיר דאָך אַז ביי פּילע מענשען, ניט פאַר איין געדאַכט, האָט מען אויסגעשניטען די בלינדע קישקע, און זיי לעבען און זיינען געזונט? נאָר דער תירוץ איז, אַזוי ווי די מצוות זיינען דאָך געגען דעם מענשען׳ס אברים. איז אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן מצוות וואָס מיר ווייסען ניט זייער טעם, זיינען, פאַרשטעהט זיך, אויך פאַראַן אברים וואָס דער טעם פון זייער עקזיסטענץ איז אונז אונפאַרשטענדליך.

אָבער צו וואָס, אייגענטליך, דאַרפען מיר זיך מוטשען צו ווען פאַר־שטעהן דוקא אַזעלכע זאַכען וואָס זיינען ווייט פון אונזער שכל, ווי למשל, די מצוה פרה אדומה, ווען אָפטמאָל פאַרשטעהען מיר ניט זאַכען וואָס שפּיעלען זיך אָפּ פאַר אונזערע אייגענע אויגען אין אונזער אַלטעגליכען לעבען. אָט נעמט, למשל, די באַציהונג צווישען רייך און אָרים. דער קעלמער מגיד ז״ל האָט אַמאָל בעגעגענט אַ גרויסען גביר וואָס איז געווען גוט אויסגעגעסען, היבשלאַך פעט, און ער האָט געדויכערט אַ טייערען ציגאַר. האָט ער אים געפרעגט צו וואָס טויג אים דאָס רויכערען, און דער גביר האָט געענטפערט, אַז דאָס רויכערען העלפט אים בעסער צו פאַרדייען די פעטע מאכלים וואָס ער עסט אַ פּאָר מאָל אַ טאָג. שפּעטער האָט ער באַגעגענט אַן אָרים, מאָגער אידעל, רויכערען אַ שטיקעל פּאַפּיראָס. פרעגט ער אים, צו וואָס ער רויכערט, און דער אָרימאַן האָט אים געענטפערט, אַז אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער אָרימאַן, ליידעט ער אַלע טאָג הונגער, איז דאָס רויכערען פאַרלייכטערט אים דעם הונגער. האָט דער מגיד זיך געטראַכט: ווען דער פעטער גביר וואָלט אָוועקגעגעבען דעם מאָגערען אָרימאַן אַביסעל „פעטס״, וואָלטען דאָך ביידע ניט געדאַרפט רויכערען. נו, האָט איר אַ טעם פאַר וואָס מאַנכע גבירים באַהאַלטען דאָס גאַנצע „פעטע״ פאַר זיך?

דערפאַר טאַקע האָט דער אלשיך ז״ל געטייטשט דעם פסוק „שמרו משפט ועשו צדקה״ אַזוי: דעם משפט זאָלט איר היטען, אָבער צדקה זאָלט איר טהון. אַז איינער דאַרף אַרויסגעבען אַן אורטייל, דאַרף ער נאָכטראַכטען, האָבען ישוב הדעת, נאָכזוכען אַ טעם פאַר וואָס דער אורטייל דאַרף זיין אַזוי און אַזוי. אָבער ווען עס קומט צו צדקה, ווען מען דאַרף העלפען אַן אָרימאַן, איז ועשו צדקה, זאָל מען טהון, זאָל מען וואָס ווייניגער טראַכטען, וואָס מעהר געבען, און טאַקע וואָס שנעלער.

זיינען אָבער פאַראַן גבירים וואָס דוקא ווען עס קומט צו געבען צדקה, דוקא דאַן האַלטען זיי פון האָבען ישוב הדעת. דערפאַר האָט איינער אַמאָל געטייטשט דעם פסוק: „אל תבטחו בנדיבים, בבן אדם שאין לו תשועה״ אַזוי: פאַרלאָזט זיך ניט אויף גבירים, בבן אדם שאין לא — תשועה, גראָד פון אַזאַ מענשען וואָס פאַרמאָגט אַליין גאָרניט, קען קומען אַ שטיקעל הילף.

איז בעטען מיר אידען „ונא אל תצרכנו ה׳ אלוקינו לא לידי מתנת בשר ודם... כי אם לידך המלאה והפתוחה...״ האָט דער טשאָרטקאָווער רבי ז״ל באַמערקט דאַרויף, אַז ביי אַ בשר ודם, ביי אַ מענשען טרעפט עס אָפט אַז אויב זיין האַנט איז פול, ער איז אַן עושר, איז אָבער זיין האַנט פאַרמאַכט. דאַגעגען זיינען פאַראַן מענשען ביי וועמען די האַנט איז אָפען, זיי וואָלטען געגעבען צדקה, איז זי אָבער ליידיג. זיי האָבען ניט וואָס צו

געבען. דאַגעגען ביי כביכול איז די האַנט אי מלאה אי פתוחה, סאַי פול סאַי אָפען. נו, איז שוין טאַקע גלייכער צו בעטען ביי אים.

עס זיינען ווידער פאַראַן, גבירים וואָס אויב די האַנט איז ביי זיי פאַר־מאַכט, איז דערפאַר אָבער ביי זיי דאָס מויל אָפען. בעת זיי זשאַלעווען אַ מטבע, זיינען זיי אָבער ניט קאַרג אויף ברכות. מען איז אַמאָל געקומען צו אַזאַ איינעם און אים דערצעהלט, אַז אַ גרויסער חשוב׳ער בעל הבית געפינט זיך אין אַ זעהר געדריקטער לאַגע. האָט דער גביר, וועמען מען האָט געהאַלטען פאַר אַ זעהר פרומען אידען, זיך אָנגערופען, אַז ער האָפט אַז דער אויבערשטער וועט דעם נצרך העלפען, און צוגעלייגט אַ פּאָר ברכות, אָבער אַ מטבע — אַ נעכטיגער טאָג. האָט זיך אָנגערופען איינער פון דער דעלעגאַציע: „איר וועט מיר מוחל זיין, אָבער איר פיהרט זיך ניט לויט דער תורה. דער פסוק זאָגט „ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין ויברכהו״. ווען שם, נח׳ס זוהן, האָט זיך באַגעגענט מיט אברהם אבינו, האָט ער אים פריהער געגעבען ברויט און וויין, און ערשט דערנאָך האָט ער אים געבענטשט און אָנגעווינשעוועט. צוערשט זייט מוחל און גיט אַ שעהנע נדבה, און דערנאָך וועט איר יענעם שיקען ברכות.

זעהט איר, ר׳ שמעלקע ניקעלסבורגער ז״ל, האָט שוין אַנדערש גע־האַנדעלט. ער איז אַמאָל דורכגעפאָהרען קראָקע, איז צוגעקומען צו אים אַ אידענע מיט אַ קינד און האָט געוויינט: „רבי, ראַטעוועט, דאָס קינד איז מיין איינציג אויג אין קאָפּ, און עס איז לא אליכם קראַנק״. האָט דער רבי גענומען אַ פּאַטשיילע, עפּעס איינגעוויקעלט, און געזאָגט צו דער פרוי: „געהט, גיט עס דעם רב, און ער וועט אייך זאָגען וואָס צו טהון״. איז די אומגליקלעכע מוטער אַוועק צום רב, ר׳ יצחק לאַנדא ז״ל, און האָט אים געגעבען די פּאַטשיילע. דער רב האָט אויפגעוויקעלט די פּאַטשיילע, און האָט דאָרטען געפונען אַ רענדעל. האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט. אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז גראָד איז אין שטאָדט פונקט דאָן געווען אַ באַ־ריהמטער דאָקטאָר, וואָס האָט גענומען אַ רענדעל פאַר אַ וויזיט. האָט ער געגעבען דער אידענע דאָס רענדעל, און איר געזאָגט: „געהט באַלד צו דעם פּראָפעסאָר״.

זיינען אָבער פאַראַן ליידער, מאחינו בני ישראל, אַזעלכע וואָס וועלען זיך פּרובירען אויסדרעהען פון אַ גוטע טהאַט, אויב עס דאַרף אָנריהרען זייער קעשענע. עס זיינען פאַרהאַן אַפילו אַזעלכע וואָס ווען עס קומט צו אויסטייטשען אַ פסוק, וועלען זיי זוכען פאַרשיידענע פּאַרטלעך צו פאַרדרעהען און געבען ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע טייטשען, אַבי נישט צו געבען דעם פשוט׳ען, איינפאַכען טייטש. אָט הערט אַ מעשה שהיה:

צום גאון׳ס תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער ז״ל, איז אַמאָל געקומען אַן אָנגעזעהנער איד. האָט איהם ר׳ חיים אויפגענומען, פאַרשטעהט זיך, זעהר שעהן. מען האָט געגרייט צום טיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אדם חשוב. און ווי דער שטייגער איז ביי אַזאַ טיש, האָט מען גערעדט אין לערנען. דער גאַסט האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם ענין פון גשמיות און רוחניות. און צו באַ־ווייזען זיין שיטה, האָט ער גענומען אויסטייטשען אַ פּזמון פון סליחות אַזוי: „אזכרה אלוקים ואהמיה בראותי כל עיר״, אַלע התעוררות׳ן (פון דעם וואָרט

עיר), אַלע פיזישע פאַרלאַנגען „על תלה בנויה״, זיינען ברום המעלה, אָבער „ועיר האלקים״, די געטליכע התעוררות, דער געלוסט צום גייסטיגען, צו דינען דעם באַשעפער פון דער וועלט „מושפלת עד שאול תחתיה״, איז אין אַ זעהר נידעריגען מצב.

ר׳ חיים האָט אויסגעהערט דעם מאָדנעם טייטש, און נאָך אַ ווילע שווייגען, גיט ער אַ פרעג דעם אורח: „איר האָט אַמאָל געהערט פון דער שטאָדט פעטערבורג?״ „אַ שאלה דאָס איז, אַוודאי האָב איך געהערט״, האָט דער גאַסט געענטפערט. „איר ווייסט דאָך געוויס״, האָט ר׳ חיים ווייטער געזאָגט, „אַז פעטערבורג איז אַ גרויסע שטאָדט, לאַנגע און ברייטע גאַסען, מיט גרויסע מויערען, גוואַלדאָוונע הייזער, קייזערליכע פּאַלאַצען מיט סעדער און גערטנער וואָס פאַרכאַפּען ממש דאָס אויג״. דער גאַסט חידוש׳ט זיך וואָס דער גרויסער גאון, זיצט און זינגט לויב געזאַנגען וועגען אַ גוי׳אישער שטאָדט. אָבער ר׳ חיים זאָגט ווייטער: „נו און וואַרשע איז דאָך אויך ניט אַוועק צו מאַכען מיט דער האַנט, געפּלאַסטערטע גאַסען, שאָסייען, גרויסע בנינים. און בערלין, די דייטשע הויפּט־שטאָדט. ווער שמועסט פאַריז, די הויפּט־שטאָדט פון פראַנקרייך, האָט דאָך גאָר צו זיך ניט קיין גלייכען, אין כמוה״.

פּלאָצט ביי דעם גאַסט דאָס געדולד, און ער שרייט אויס: „יאָ, רבי, אָבער אַנטקעגען וואָס דערצעהלט איר דאָס אַלץ?״ און דער רבי ענטפערט: „אַנטקעגען דעם פזמון וואָס איר האָט פריהער דערמאָנט. דער פשט פון דעם פזמון איז גאָר איינפאַך: „בראותי כל עיר״, יעדע שטאָדט, פעטערבורג, וואַרשע, בערלין, פאַריז, „על תלה בנויה״, שטעהט אַ געבויטע, „ועיר האלוקים״, אָבער די געטליכע שטאָדט, נעמליך ירושלים, „מושפלת עד שאול תחתיה״, ליגט אין שפלות, זי איז חרוב ונחרב...

דער זעלבער פזמון, אָבער אַז מען וויל זיך נישט „קליגלען״ איז דער פשט גאָר פשוט. און דאָס נעמליכע איז וועגן עס קומט צו צדקה, צו העלפען אַן אָרימאַן, אַ נויטליידענדען, אַ נויט באַדערפטיגע אינסטיטוציע, אַ תורה אַנשטאַלט. דער אמת׳ער פיהלענדער איד וואָס וויל זיך ניט „אויסדרעהען״ פון צו העלפען, טייטשט גאַנץ פשוט. ער העלפט מיט וויפיעל ער קען. אָבער דער, ביי וועמען די מטבע איז טייערער פון דעם צווייטענס לעבען, דער ביי וועמען די מטבע שטעהט העכער פון אַ תורה אינסטיטוציע, צי פון אַן אַנדער וויכטיגען אַנשטאַלט, ער וועט טייטשען ווי עס לוינט זיך פאַר אים.

דאַרפען מיר אין זינען האָבען די ווערטער פון דער היינטיגער סדרה „זאת חוקת התורה״. זאָגט דאַרויף ר׳ דוד לעלעווער ז״ל אַז די תורה באַזיצט די זעלבע מערקווירדיגקייטען וואָס די פרה אדומה. פונקט ווי די פרה אדומה מאַכט ריין אומריינע און אומריין ריינע, אַזוי אויך די תורה. נעמליך, זכה, נעשית לו סם של חיים, איז איינער זוכה, ווערט די תורה פאַר אים, אַ מע־דיצין, אַ קוואַל פון לעבן. לא זכה, נעשית לו סם של מות. איז איינער חלילה ניט זוכה, טויג ניט.

און זאָל דאָ צוגעגעבען ווערען אַז מיט רייכטום איז אויך אַזוי. איז איינער זוכה, גיט ער אַוועק זיין געלט אויף צדקה און גמילות חסדים, און אויף אַנדערע גוטע צוועקען און זיין געלט ווערט דאַדורך אַ קוואַל פון

לעבען. איז איינער חלילה ניט זוכה, פאַרטאַכלעוועט ער דאָס געלט אויף אומניצלעכע צוועקען. ער פאַרשווענדעט עס אויף פּוסטע זאַכען, וואָס פיהרען אים פריהער אָדער שפּעטער אַראָפּ פון דעם גלייכען וועג, און זיין געלט רואינירט אים.

איז טאַקע גלייכער צו געבען צדקה, בפרט נאָך איצט, ווען עס איז נויטיג געלט אַרויסצוראַטעווען דעם שארית הפליטה, און צו בויען ישראל, און אין דעם זכות פון צדקה וועט אויך ירושלים אויסגעלייזט ווערען. וואָרום די גמרא זאָגט: „אין ירושלים נפדית אלא בצדקה". אַלזאָ, אידען, טהוט דאָס אייעריגע, און דער אַלמעכטיגער וועט טהון דאָס זייניגע.

בלק

דרען בלק בן צפור, קעניג פון מואב, האָט געזעהן וואָס די אידען האָבען געטהון דעם אמורי, ווי די אידען האָבען זיי פאַרניכטעט, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. מלחמה פיהרען מיט די אידען האָט ער מורא גע־האַט. האָט ער געשיקט רופען בלעם'ן דעם זוהן פון בעור, ער זאָל זיי שעלטען. וואָרום בלעם איז געווען אַ גרויסער כשוף מאַכער, און גלאַט אַ גרויסער מענש, דער גרעסטער וואָס די אומות העולם האָבען געהאַט. און ער האָט געזאָגט צו בלעם'ן „לכה נא ארה לי את העם הזה כי עצום הוא ממני, אולי אוכל נכה בו ואגרשנו מן הארץ, כי ידעתי את אשר תברך מבורך ואשר תאר יואר". געה, איך בעט דיך, שעלט דאָס דאָזיגע פאָלק, וואָרום זיי זיינען שטאַרקער פון מיר, אפשר וועל איך זיי קענען אַרויסטרייבען פון דעם לאַנד, וואָרום איך ווייס אַז ווען דו בענטשסט איז געבענטשט, און ווען דו שעלטסט איז פאַרשאָלטען.

פרעגט זיך די קשיא: ווי באַלד בלק איז געווען אַזוי זיכער אַז ווען בלעם שעלט איז פאַרשאָלטען, איז פאַרוואָס־זשע האָט ער געזאָגט „אולי אוכל נכה בו"? „אולי" מיינט דאָך אפשר, אַ צווייפעל. אַז ער איז געווען אַזוי זיכער, פאַרוואָס־זשע האָט ער געצווייפעלט? פאַרענטפערט עס דער „פלא יועץ" ז"ל אַזוי: אַ פסוק פריהער שטעהט „וישלח מלאכים אל בלעם... ארץ בני עמו". זאָגט רש"י ז"ל אויף דעם אָרט „משם היה וזה היה מתנבא ואומר לו, עתיד אתה למלוך". ער האָט געשטאַמט פון דאָרט, און בלעם האָט פאַראויס געזאָגט בלק'ן, אַז ער וועט זיין קעניג. זעהט מען דאָך דערפון אַז בלעם'ס פאָפולאַריטעט, האָט זיך אָנגעהויבען פון ברכות, ניט פון קללות. וואָרום ער האָט פאַראויס געזאָגט אַז בלק וועט ווערען קעניג, „עתיד אתה למלוך", און די ברכה איז מקוים געוואָרען. בלק איז דאָך טאַקע געוואָרען קעניג פון מואב.

איז ווען בלק האָט געזאָגט צו בלעם'ן „לכה נא ארה לי את העם הזה... אולי אוכל נכה בו", האָט ער געמיינט צו זאָגען „אולי", אפשר וועט דיין קללה פונקט אַזוי מקוים ווערען ווי דיין ברכה. „כי ידעתי את אשר תברך מבורך". אַז דיינע „ברכות" ווערען מקוים, ווייס איך דאָך. אין דעם האָב איך זיך דאָך אַליין איבערצייגט. אַז דו האָסט מיר געזאָגט „עתיד אתה למלוך", אַז איך וועל ווערען קעניג, איז עס דאָך מקוים געוואָרען. זעה איך דאָך אַז „את אשר תבורך מבורך". דאַריבער קען זיין אַז „ואשר תאר יואר", אַז דעם וואָס דו וועסט שעלטען וועט געשאָלטען ווערען. זיכער בין איך ניט. אין דעם דאַרף איך זיך ערשט איבערצייגען. דאַריבער האָט בלק געזאָגט „אולי", אפשר, מעגליך, דאָס דאַרף מען ערשט זעהן.

און ווען בלק׳ס שליחים זיינען געקומען צו בלעם׳ן און האָבען אים איבער־געגעבען זייער קעניג בלק׳ס וואונש, האָט בלעם פריהער אָנגעפרעגט „אויבען״, צי ער זאָל דאָס טהון. האָט מען אים געענטפערט פון „אויבען״: לא תלך עמהם, לא תאר את העם, כי ברוך הוא״. דו זאָלסט ניט געהן מיט זיי, דו זאָלסט ניט שעלטען דאָס דאָזיגע פאָלק, וואָרום דאָס דאָזיגע פאָלק איז געבענטשט. האָט בלעם געהייסען די „דעלעגאַציע״ געהן אַהיים און זאָגען זייער קעניג אַז פון „אויבען״ הייסט מען אים ניט געהן. האָט די „דעלעגאַציע״ זיך אומגעקעהרט, און איבערגעגעבען בלעם׳ס ווערטער.

האָט בלעם געשיקט נאָך אַ גרעסערע, אַ מעהר אָנגעזעהענע דעלעגאַציע, און זיי האָבען געזאָגט בלעם׳ן: „זיי וויסען אַז אונזער מלך בעט דיך זעהר דו זאָלסט ערפילען זיין פערלאַנג. ער וועט דיר צוטיילען דעם גרעסטען כבוד. וואָס דו וועסט אים הייסען טהון, וועט ער טהון, אַבי קום מיט אונז און שעלט די אידען״. האָט בלעם זיי געענטפערט: געהט אַהיים און זאָגט אייער קעניג אַז: „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב, לא אוכל לעבור את פי ה׳...״, אַז אַפילו ווען בלק זאָל מיר געבען זיין פאַלאַץ פול מיט זילבער און גאָלד, קען איך ניט טהון אַנדערש ווי מען האָט מיר געבאָטען פון „אויבען״.

איז אַז איר וועט אַריינקוקען אין רש״י אויפ׳ן אָרט וועט איר זעהן: „למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים״, אַז בלעם׳ן האָט זיך געגלוסט יע־נעם׳ס געלט. איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס עפּיס זאָגט רש״י ז״ל „ומחמד ממון אחרים״, אַז אים האָט זיך געוואָלט דוקא יענעם׳ס געלט? פאַרוואָס זאָגט ניט רש״י ז״ל גלאַט „ומחמד ממון״, אים האָט זיך געוואָלט געלט, ער האָט גע־וואָלט ווערען אַן עושר, אַ גביר? אַ גוטע קשיא, אַ יאָ? איז הערט־זשע וואָס דער „תולדות ישראל״ ז״ל זאָגט דאַרויף: עס וואָלט אייגענטליך בעדאַרפט שטעהן „אם יתן לי בלק בית מלא כסף וזהב״. פאַרוואָס האָט ער טאַקע געזאָגט „מלא ביתו״? דריגגען מיר דערפון אַז בלעם הרשע איז געווען אַ „מחמד ממון אחרים״. ער האָט ניט געגלוסט גלאַט געלט. ער האָט ניט גע־וואָלט סתם ווערען אַ גביר. נאָר ער האָט געוואָלט יענעם׳ס געלט. ער האָט געוואָלט בלק׳ס פאַלאַץ מיט זילבער און גאָלד.

און ווי מיר ווייסען איז דער סוף געווען אַז בלעם איז פאָרט געגאַנגען צו בלק׳ן שעלטען די אידען. אַ גוי בלייבט אַ גוי. און איצט הערט אַ בדידי הוה עובדא׳דיגען פאַקט. מיין פאָטער ר׳ משה ז״ל איז געווען אַ טריסקער חסיד. ער איז נאָך געפאָרען צום אַלטען מגיד, ר׳ אברהם, דער „מגן אברהם״, און שפּעטער פלעגט ער מיך מיטנעמען צו ר׳ יעקב לייבעניו ז״ל אויף ראש השנה. האָב איך אַלס קינד נאָך, געפרעגט מיין פאָטער ז״ל: ווי קומט עס וואָס דער רבי זאָגט איינעם צו אַז „דער אויבערשטער וועט העלפען״, און ער העלפט ניט? האָט מיין פאָטער ז״ל מיר געענטפערט: מיין קינד, ווען איינער קומט צום רבי׳ן מיט אַ בקשה, צי נאָך אַן עצה, דאַרף מען זיך גוט צוהערען וואָס דער רבי זאָגט, און ניט פרעגען קיין קשיות. זיינען אָבער פאַראַן חסידים וואָס פאַרשטעהען דאָס ניט, און זיי הויבען אָן מאַטערען דעם רבי׳ן. למשל איינער קומט צום רבי׳ן און דערצעהלט אים: מען רעדט מיר פאַר מיין טאָכטער דעם און דעם שידוך. און דער רבי ענטפערט: „וועסט קריגען אַ שידוך״. דאַרף דאָך דער פרעגער פאַרשטעהן, אַז דער רבי האָלט

ניט פון דעם שידוך. הויבט, אָבער, יענער אָן: רבי, דער מחותן איז אַ איד אָן עושר וכדומה, זאָגט דער רבי: נו, מהיכי תיתי, זאָל דער אויבערשטער העלפען. טהוט יענער דעם שידוך, און נאָכהער לאָזט זיך אויס אַז עס האָט ניט געטויגט, צרות. שרייט מען געוואַלט: סטייטש דער רבי האָט דאָך גע־הייסען, און עס האָט ניט געטויגט. איז דאָס ניט אמת. דער רבי האָט ניט געהייסען. דער רבי האָט דאָך בפירוש געזאָגט אַז „דו וועסט קריגען אַ שידוך". אַי, יענער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז ער וויל דוקא דעם שידוך. איז וואָס האָט דער רבי געזאָלט טהון? האָט ער געענטפערט „זאָל דער אויבערשטער העלפען".

איך, האָט מיין פאָטער ז״ל פאַרטגעזעצט, האָב געוואָלט קויפען די און די „מויער", האָב איך געפרעגט דעם רבי'ן, און דער רבי האָט געענטפערט „דו וועסט קריגען אַ הויז". האָב איך פערשטאַנען אַז דער רבי האַלט ניט דערפון און איך האָב ניט געקויפט. האָבען אַנדערע עס געקויפט, און יעדער יאָר שטאַרבט דאָרט, רחמנא לצלן, אַ קינד. אָבער, ווי וואָלט געווען ווען איך וואָלט געווען געזאָגט דעם רבי'ן אַז די „מויער" איז אַ מציאה, וכדומה. וואָלט דער רבי געווען געענטפערט „זאָל דער אויבערשטער העלפען", און נאָכהער וואָלט עס געהייסען אַז דער רבי איז שולדיג אין דעם.

אָט דאָס זעלבע איז געווען מיט בלעם'ן. פון „אויבען" האָט מען דאָך אים געזאָגט ער זאָל ניט געהן שעלטען די אידען, „כי ברוך הוא". די אידען זיינען אַ געבענטשט פאָלק. האָט, אָבער, בלעם אַלעמאָל „געדרעהט אַ קאָפּ" און געשריען, סטייטש דער קעניג פון מואב בעט דאָך פאָרט אַז ער זאָל קומען און שעלטען דאָס געבענטשטע פאָלק. נו, האָט מען אים געענטפערט: דו ווילסט דוקא געהן, געה.

איז וואָס־זשע איז געווען דער סוף? האָט בלעם אויסגעשריען: „הן עם לבדד ישכון, ובגוים לא יתחשב" (במדבר כג, ט). זאָגט דאַרויף דער „דברי אלעזר" ז״ל, אַז אַזוי לאַנג ווי דאָס אידישע פאָלק וועט זיך האַלטען „לבדד", אָפּגעזונדערט פון די ניט־אידישע שכנים. זיי וועלען ניט נאָכטהון וואָס די ניט־אידען טהוען, איז „ישכון", דאַן וועט עס קענען עקזיסטירען אַלס אידיש פאָלק, און די וועלט וועט אָפּילו האָבען רעספּעקט פאַר זיי. אָבער „ובגוים", אויב די אידען וועלען אָנהויבען נאָכטהון די גוים, דאַן „לא יתחשב", דאַן וועלען זיי ניט האָבען קיין שום „חשיבות" אין די אויגען פון די גוים. דאַן וועלען די גוים זיך גאָרניט רעכענען מיט זיי.

דער „דגל מחנה אפרים", אין נאָמען פון דעם בעל שם טוב ז״ל, זאָגט אַז איינס פון די זאַכען וואָס אידענטום האָט צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק איז „ובגוים לא יתחשב", איז וואָס דאָס אידישע פאָלק רעכענט זיך ניט מיט דער מיינונג פון די אומות העולם. דאָס וואָס אידען קימערט ניט וואָס די פעלקער פון דער וועלט טראַכטען וועגען זיי. דאָס וואָס די אידען אַרט אפילו ניט וואָס זייערע ניט־אידישע שכנים לאַכען און שפּאָטען אָפּ פון זיי.

דאַרפען מיר אידען זיך האַלטען אָפּגעזונדערט פון די ניט־אידען. צווישען די ניט־אידען זיינען, פאַרשטעהט זיך, אויך פאַראַן גאַנץ פיינע מענ־שען. עס זיינען פאַראַן צווישען זיי גאָר, גאָר פיינע מענשען. עס זיינען

אפילו פאַראַן „חסידי אומות העולם". איז געוויס דאַרף אַ איד האַנדלען מיט ניט־אידען. ער דאַרף און מעג זיין מיט זיי באַפריינדעט, און אַזוי ווייטער. אָבער, זיך „אויסמישען" מיט זיי, זיך מתחתן זיין מיט זיי, דאָס אויף קיין פאַל ניט. גאָר פּשוט. די ערפאַרונג לערענט אונז אַז ווען אַ אידיש קינד הייראַט חלילה אַ ניט־איד, פאַרלירט ער זיין אידישע אידענטיטעט, און זייערע קינדער בלייבען באַשטימט ניט־אידען.

ר' יעקב דוד סלוצקער ז"ל, באַקאַנט אַלס רידב"ז, האָט אַמאָל געזאָגט: די אידען זיינען געגליכען צו פייער. עס איז דאָך אַ בפירוש'ער פּסוק והיה בית יעקב אש (עובדיה פּסוק יח). און די פעלקער פון דער וועלט זיינען געגליכען צו וואַסער. אויך אַ בפירוש'ער פּסוק: „...המון עמים רבים כהמות ימים יהמיון, ושאון לאומים כשאון מים כבירים ישאון" (ישעיה יז, יב). איז אַזוי לאַנג ווי עס איז אין אַ טאָפּ וואָס קאָכט זיך אויף דעם פייער; דאָס הייסט אַז צווישען דעם פייער אונטער דעם טאָפּ, און דעם וואַסער וואָס איז אין דעם טאָפּ, איז פאַראַן אַ מחיצה, אַ צווישענשייד, איז דאַן דאָס פייער גובר דאָס וואַסער. דאַן קען דאָס פייער ברענען אַזוי לאַנג, ביז דאָס וואַסער ווערט אויסגעזויפט, אויסגעטריקענט. אויב, אָבער, עס איז ניט פאַראַן צווישען זיי קיין מחיצה, קיין צווישענשייד, דאַמאָלס, איז עס פונקט פאַרקעהרט. דאָס וואַסער איז שטאַרקער און עס פאַרלעשט אין גאַנצען דאָס פייער. טראַכט זיך אַריין, וועט איר באַגרייפען, און איינזעהן, וויפיעל אמת עס שטעקט אין דעם.

און איצט הערט אַ גוט וואָרט פון רבי יצחק אלחנן ז"ל. אין זיין „רעדע" האָט בלעם געזאָגט צווישען אַנדערעס: כעת יאמר ליעקב ולישראל, מה פעל אל, הן עם כלביא יקום, וכארי יתנשא". ווען אין רוסלאַנד האָבען מיט אַ זיבעציג יאָר צוריק געבושעוועט די בלוטיגע פּאָגראָמען אויף אידען, און דער שונא ישראל איגנאַטיעוו, ימח שמו, האָט אַרויסגעגעבען זיינע אונפאַר־שעהמטע „צייטווייליגע גזירות", האָט רבי יצחק אלחנן ז"ל פאַררופען אַן אסיפה פון רבנים קיין פּעטערבורג, די דאַמאָלסדיגע הויפּטשטאָט פון דעם צאַרישען רוסלאַנד. אויף יענער אסיפה איז באַשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ דעלעגאַציע פון רבנים, מיט ר' יצחק אלחנן בראש, צו דעם אינערען־מיניסטער, זיי זאָלען בעטען אַז מען זאָל אָפּשטעלען די געפעהרליכע העצע קעגען די אידען, און אָפּשאַפען די בלוטיגע גזירות. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט אַזוי לייכט האָט אַ רבנים־דעלעגאַציע געקאָנט קריגען אַן אודיענץ ביי דעם שונא־ישראל'דיגען מיניסטער איגנאַטיעוו. אָבער אַ דאַנק די באַ־מיהונגען פון באַראָן גינצבורג ע"ה, האָט דער רשע באַוויליגט אַן אודיענץ.

ביי דער אודיענץ איז אויך אַנוועזענד געווען דער רשע פּאָביעדאָנאָסצעוו, וואָס איז געווען דער אויבער־פּראָקוראָר פון דעם „הייליגען סינאָד". און אָט דער רשע האָט געהאַלטען אין איין שיטען פעך און שוועבעל אויף אידען. אַלץ וואָס דער באַשעפער פון דער וועלט האָט באַשאַפען, פאַרשטעהט ער. אָבער צו וואָס האָט ער באַשאַפען אַ אידיש פאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם „הייליגען" רוסלאַנד, און די וועלט האָט פון זיי גאָרניט, אָט דאָס קען דער רשע ניט פאַרשטעהן. און ער האָט פּשוט ניט געלאָזט די אידען קומען צום וואָרט. פאַרשטעהט זיך, אַז בעת דער מיניסטער איגנאַטיעוו

האָט זיך ניט צוגעהערט צו די האַרץ רייסענדע ווערטער פון די רבנים, האָט ער, אָבער, זיך צוגעהערט צו פּאָביעדאָנאָסצעווס גיפטיגע ווערטער מיטביידע אויערען.

ווען די רבנים האָבען פאַרלאָזט די זיצונג, האָט רבי יצחק אלחנן ז״ל אַ זיפץ געטהון: איצט איז שוין די העכסטע צייט אַז די אידען זאָלען אויס־געלייזט ווערען. די תורה זאָגט „כעת יאמר ליעקב ולישראל, מה פעל אל. הן עם כלבי יקום וכארי יתנשא״. מאַטערען זיך די מפרשים צו דערקלעהרען דעם פסוק. אין דער אמת׳ן, אָבער, איז דער פשט גאָר איינפאַך: „כעת יאמר״, עס וועט קומען אַ צייט ווען די שונאי ישראל וועלען זאָגען „ליעקב ולישראל מה פעל אל״, צו וואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפען דאָס אידישע פאָלק. און נאָך אָט דער דאָזיגער פינצטערער צייט, וועט די גאולה זיין זעהר פיעל נאָהנטער פאַר אונז, „הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא״, ווי אַ לעמפּערט וועט דאָס פאָלק זיך אויפשטעלען, און ווי אַ לייב וועט ער זיך אויפהויבען.

און ווען בלק האָט דערזעהן, אַז אַנשטאָט צו שעלטען, בענטשט גאָר בלעם די אידען, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף אים. און ער האָט אויסגעשריען צו בלעם׳ן: „לקוב אויבי קראתיך, והנה ברכת ברך זה שלש פעמים״, איך האָב דיך דאָך גערופען צו שעלטען מיינע פיינד, און דו גאָר האָסט זיי שוין דריי מאָל געבענטשט! „ועתה ברח לך אל מקומך, אמרתי כבד אכבדך, והנה מנעך ה׳ מכבוד״, אַנטלויף צוריק אַהין פון וואַנען דו ביזט געקומען. איך האָב גערעכענט דיר צו געבען אַ פיינעם האָנאָראַר, אָבער דער אויבערשטער האָט דיר געשטערט.

פרעגט זיך די קשיא, פאַרוואָס עפּיס האָט בלק גענוצט דעם אויסדרוק „ברח לך״, אַנטלויף, ציה אָפּ? ער האָט דאָך געקענט אים גלאָט הייסען געהן, צי וואָס עפּיס „ברח״, אַנטלויף? זאָגט דאַרויף דער „שבט סופר בדרך צחות״ ז״ל אַזוי: ווען בלעם איז געקומען צו בלק׳ן, האָט ער זיך „גענייהט אַ גרויסען בייטעל״. ער האָט געהאָפּט צו פאַרדינען אַ היבשע סומע געלט ביי דעם קעניג פון מואב. פאַר דורכפיהרען אַזאַ וויכטיג שטיקעל אַרבייט, און נאָך פאַר אַ קעניג דערצו, דאַרף מען זיך רעכענען אויף אַ היבשע „אַפּויטיקי״. איז דאָך, אָבער, בלעם געווען אַ גוי, און האָט אין זינען געהאָט דאָס פרעסען און זויפען, האָט ער זיך דערווייל געלאָזט וואוילגעהן אויף באַרג על חשבון המלך. ער האָט געגעסען און געטרונקען פון דעם שעהנסטען און דעם בעסטען, און געמאַכט הוצאות רעכטס און לינקס, און אַלץ אויף באַרג, דער קעניג וועט באַצאָלען.

האָבען מיר דאָך, אָבער, אַ גרויסען פאָטער אין הימעל, זיינען פון בלעם׳ס האָפנונגען געוואָרען „זייפענבלאָזען״. ער האָט ניט באַקומען פון בלק׳ן אַ צעבראָכענע מטבע. שולדיג איז ער געווען איבער דעם קאָפּ. האָט דער קעניג בלק אים געזאָגט: אַנלויף, ציה אָפּ פון דאַנען, וואָרום פון מיר ווערסטו דאָך גאָרניט באַקומען. ווייל ניט נאָר האָסטו ניט דורכגעפיהרט דיין מיסיע, נאָר דו האָסט נאָך געטהון פונקט פאַרקעהרט. דיין מיסיע איז געווען צו שעלטען, און דו האָסט גאָר געבענטשט די אידען. אַלזאָ דעם „כבוד״, „האָנאָ־ראַר״, ווערסטו ניט קריגען. שולדיג ביזטו איבער דעם קאָפּ, איז אַנטלויף,

מאַך „אַ ויברח״, אַזוי לאַנג ווי די בעלי חובות האָבען נאָך ניט אַרויפגעלעגט זייערע הענט אויף דיר.

נו, האָט פאַרשטעהט זיך, בלעם ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און ער האָט זיך געלאָזט אַ היים. און מיינט איר אַז בלק האָט אים אַ ביסעל באַגלייט? אַ נעכטיגער טאָג. עס זיינען פאַראַן אויך אידען וואָס האַלטען ניט פון באַגלייטען. אָבער זיי טהוען דאָס מחמת באַשיידענקייט. אָט הערט. דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל פון ליזענסק, איז אַמאָל אַרויסגעפאָהרען פון שטאָדט. זיינען זיך צוזאַמען געקומען אַן עולם חסידים, און ווען דער וואָגען האָט זיך געריהרט פון אָרט, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען אים באַגלייטען. ווען דער רבי האָט דאָס דערזעהן, איז ער אַרונטער פון דער בריטשקע, און איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די באַגלייטער. ווען די חסידים האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי געפרעגט דעם רבי׳ן, פאַרוואָס ער זיצט ניט אין דער קאָטש האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ שמייכעל: אויב באַגלייטען איז טאַקע אַ גרויסע מצוה, וויל איך אויך האָבען אַ חלק אין דער מצוה.

און נאַט אייך נאָך אַ ביישפּיעל פון אידישער באַשיידענקייט און לוסט נאָך מצוות. רבי יצחק אלחנן ז״ל איז אַמאָל געווען ניט געזינט. ווען עס איז אים בעסער געוואָרען, און ער האָט געוואָלט אַראָפּגעהן פון בעט, איז ער אָבער נאָך געווען שוואַך, און ער האָט בעדאַרפט דעם שטעקען. האָט איינער, אַן אָנוועזענדער, געוואָלט צו געהן צום ווינקעל נעמען דעם שטעקען, האָט דער רבי ז״ל ניט געלאָזט. האָט ער זיך אָנגערופען: „סטייטש, רבי, משמש זיין אַ תלמיד חכם איז דאָך אַ גרויסע מצוה״!, האָט רבי יצחק אלחנן געענטפערט: „אויב עס איז אַ מצוה, וועל איך דאָס אַליין טהון״.

פינחס

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן אַז דערפאַר וואָס פּינחס, אהרן הכהן׳ס אייניקעל, האָט באַשטראָפט די זינדיגע, וועלען ער און די וואָס וועלען אָפּשטאַמען פון איהם האָבען די כהונה אויף אייביג. און דער אַלמעכטיגער האָט געהייסען משה׳ן צעטיילען דאָס לאַנד צווישען די שבטים, לויט זייער צאָהל מענשען. אַ גרעסערער שבט דאַרף באַקומען מעהר לאַנד, און אַ קלענערער שבט דאַרף באַקומען וויניגער לאַנד, אַלץ לויט דער צאָהל מענשען.

צלפחד, וואָס איז באַשטראָפט געוואָרען מיט טויט דערפאַר וואָס ער האָט מחלל שבת געווען, האָט געהאַט פינף טעכטער: מחלה, נעה, חגלה, מלכה, תרצה. זיינען זיי געקומען צו משה׳ן און האָבען גע׳טענה׳ט אַז אויך זיי קומט אַ חלק אין לאַנד. משה האָט ניט געוואָלט אַליין אורטיילען. האָט כביכול איהם געזאָגט: „כן בנות צלפחד דוברות“. צלפחד׳ס טעכטער זיינען גערעכט. און דאָס וואָס זייער פאָטער וואָלט באַדאַרפט באַקומען, זאָל ער עס געבען זיי.

און דער אויבערשטער האָט געהייסען משה׳ן אַרויפגעהן אויף דעם באַרג און זעהן דאָס לאַנד וואָס ער גיט די אידען, וואָרום ער וועט „איינגעזאַמעלט ווערען צו זיין פאָלק“, פּונקט ווי זיין ברודער אהרן. און ער האָט איהם געזאָגט, אַז יהושע בן נון וועט זיין זיין נאָכפאָלגער. אין געגענוואָרט פון אַלע אידען, האָט משה אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף יהושע׳ן און איהם באַשטימט אַלס זיין נאָכפאָלגער. און דאַן האָט משה געזאָגט די אידען אַלץ ווי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט ברענגען קרבנות.

קרבנות ברענגען, אין דעם ברייטערען זין פון וואָרט, איז אַן אונגעהויער וויכטיגע זאַך. זיך מקריב זיין פאַר דעם אויבערשטען, פאַר דעם פאָלק ישראל, פאַר דעם לאַנד ישראל, פאַר אַ מענשען, צי פאַר אַ מצוה, איז ניט נאָר אויסערסט וויכטיג, נאָר אָפט-מאָל איז דער שכר זעהר גרויס. אָט האָט איר איין ביישפּיל:

דער בעל שם טוב ז״ל איז אַמאָל געזעסען פרייטאָג צו נאַכטס ביי דעם טיש מיט אַ צאָהל תלמידים און חסידים, און זיין פּנים האָט געלויכטען פון פרייד. באַלד נאָך דעם קידוש, האָט ער שטאַרק געלאַכט, און אַזוי אין פאַרלויף פון דער גאַנצער סעודה, האָט ער אַלע מאָל געלאַכט מיט גרויס שמחה. די אַנוועזענדע האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט. אָבער קיינער האָט ניט געוואָגט אים צו פרעגען פאַר וואָס ער האַלט אין איין לאַכען. מוצאי שבת, ווען דער בעל שם טוב האָט פאַררויכערט די ליולקע, האָט ר׳ זאב קיצעס ז״ל אים געבעטען צו דערקלעהרען דעם זין פון זיין לאַכען. האָט דער בעל שם טוב געהייסען איינשפּאַנען די פערד. אַ גאַנצע נאַכט זיינען

זיי געפאָהרען, ניט ווייסענדיג וואוהין. אין דער פריה זיינען זיי אָנגעקומען אין דעם שטעדטעל אפטאָ.

אין יענעם שטעדטעל האָט געוואוינט אַן איינבינדער מיט דעם נאָמען שבתי. דער בעל שם טוב האָט איהם געשיקט רופען. און ער האָט איהם געהייסען דערצעהלען אַלץ וואָס ביי איהם אין הויז איז פאָרגעקומען פרייטאָג צו נאַכטס. און ר׳ שבתי ז״ל האָט דערצעהלט, אַז זיין גאַנץ לעבען איז ער אַן איינבינדער. יעדען פרייטאָג איז ער זיך נוהג אָוועקצולעגען די אַרבייט פריהער און געהן אין שטיבעל אַריין, מעביר זיין די סדרה, זאָגען „שיר השירים״, און שוין דאָרט בלייבען ביז נאָך דעם דאַווענען.

איצט אויף דער עלטער, צו שוואַך צו אַרבייטען, געהט אים ניט גוט. און ווען עס איז געקומען פרייטאָג, האָט ער פשוט ניט געהאַט אויף שבת, אַפילו ניט אויף ליכט. אַזוי ווי, אָבער, ער וויל ניט הנאה האָבען פון קיין מענשען, האָט ער באַשלאָסען צו פאַסטען שבת, און ניט אָנצוצינדען קיין ליכט, און זיין ווייב האָט אים צוגעזאָגט אַז זי וועט ניט לייהען ביי קיינעם קיין גראָשען.

צעהן אַזייגער אין דער פריה איז ער געגאַנגען אין שטיבעל אַריין, געלערענט, און נאָך דעם דאַווענען האָט ער זיך געלאָזט אַהיים. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דערזעהן ליכט ברענען, און דער טיש איז געווען געגרייט מיט וויין, פיש און פלייש, און נאָך גוטע זאַכען. האָט ער ניט געוואָלט פרעגען זיין ווייב וואו זי האָט גענומען געלט, ווייל טאָמער וועט זי האָבען צער דערפון. אָבער ווען מען האָט זיך געזעצט עסען, האָט זי אים דערצעהלט אַז אויפרוימענדיג די שטוב, האָט זי געפונען זילבערנע און גאָלדענע קנעפּ. האָט זי זיי פאַרקויפט, און געמאַכט שבת. „ווען איך האָב דערהערט״, האָט ר׳ שבתי דערצעהלט, „אַז מיין ווייב האָט ניט גע־בעטען קיין טובה ביי מענשען, האָבען מיר געטאַנצט פון גרויס שמחה״.

נאָך דעם ווי דער בעל שם טוב האָט דאָס אויסגעהערט, האָט ער זיך אָנגערופען צו ר׳ שבתי׳ן: „זיי ווייסען, אַז דאַן ווען דו האָסט געטאַנצט, האָט די גאַנצע פמליא של מעלה, דאָס אויבערשטע געריכט, געטאַנצט מיט דיר. און איצט זאָג מיר וואָס דיין פאַרלאַנג איז, וועט ער ערפילט ווערען״. האָט ר׳ שבתי געענטפערט, אַז ער וויל דער אויבערשטער זאָל אים שענקען אַ זוהן אויף דער עלטער. האָט דער בעל שם טוב אים געבענטשט, און אין אַ יאָר אַרום האָט זיין ווייב געבוירען אַ אינגעל, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער וועלט באַריהמטער קאָזניצער מגיד ז״ל. ווי דער בעל שם טוב, האָט ער אויך געהייסען ישראל, און מען רופט אים אַפילו „דער צווייטער בעל שם טוב״. אָט אַזוי גרויס איז דער כוח פון זיך מקריב צו זיין.

ר׳ שבתי האָט ניט געוואָלט הנאה האָבען פון קיין מענשען. ער האָט געהאַט בטחון אין אויבערשטען. אויב דער אויבערשטער האָט אים ניט געגעבען אויף שבת, איז מסתמא דאַרף אַזוי זיין. האָט ער געפאָלגט אונזערע חכמים ז״ל, וואָס זאָגען: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות״. ליבער זאָל דיין שבת זיין וואָכענדיג, אַבי קום ניט אָן צו קיין מענשען. האָט ער טאַקע

שווערע געאַרבייט, און מסתמא אויך אַמאָל צוגעהונגערט. דערפאַר, אָבער, האָט דער אויבערשטער אים מזכה געווען מיט אַ זוהן ווי דער קאָזניצער מגיד ז״ל.

און די סדרה דערצעהלט אונז, „אַז פינחס איז געווען דער זוהן פון אהרן הכהן. איז צו וואָס עפּיס דערצעהלט אונז די תורה פינחס׳עס יחוס? זאָגען די חכמים און רש״י ז״ל, אַז אַזוי ווי פון מוטער׳ס צד איז פינחס ניט געווען פון גרויסען יחוס, האָט מען געמורמעלט אַז דאָס וואָס ער האָט געטויטעט זמרי בן סלוא און כזבי בת צור ווען זיי האָבען געזינדיגט אין געגענוואַרט פון משה׳ן און פון אַלע אידען, איז געווען דערפאַר וואָס פון זיין מוטער׳ס צד שטאַמט ער ניט פון גרויסען יחוס. דערצעהלט אונז דער פּסוק, אַז פון נאַטור אויס, און לויט זיין כאַראַקטער, איז פינחס געווען געראָטען אין אהרן הכהן, וואָס איז געווען אַ רודף שלום, אַן אוהב שלום, אַ בעל רחמנות, ממש די גוטסקייט אַליין. אָבער דאָס באַשטראָפען דאָס זינדיגע פאָרעל, איז געווען בלויז צוליעב „קנאת ה׳ צבאות״. דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך צו פאַרטיידיגען און באַשיצען די אידישע רעליגיע, איז ניט פאַראַן קיין גרעניץ, דאַרף יעדער איד טהון וואָס ער קען. אַזוי דערקלעהרט דער „מעדני מלך״ ז״ל.

און נאָך אַ וויכטיגען שבח דערצעהלט אונז די היינטיגע סדרה וועגען פינחס׳ן, אַ שבח וואָס יעדער איד, בפרט דער וואָס ווערט אַ פיהרער ביי אידען, וואָלט באַדאַרפט שטענדיג אין זינען האָבען. נעמליך, די תורה זאָגט: „בקנאו את קנאתי בתוכם״. אָט דאָס האָט פינחס פאַרלאַנגט פון יעדען אידען, פון יעדען קנאי. ווי אויפריכטיג איינער זאָל עס ניט מיינען, ווען ער נעמט זיך אָן אונזער רעליגיע׳ס קריוודע, איז די הויפּט־זאַך „ב ת ו כ ם״, אַז ער זאָל בלייבען צווישען די אידען. ער זאָל זיך ניט אָפּזונדערען פון זיי, און מאַכען שבת פאַר זיך, זאָגט ר׳ פינחס קאָריצער ז״ל.

פינחס׳עס קנאות האָט געראַטעוועט דאָס פאָלק ישראל פון אַ פול־שטענדיגער פאַרלענדונג. כביכול אַליין האָט געזאָגט: „ולא כליתי את בני ישראל״, טייטשט דער „תוצאות חיים״ ז״ל אַז כביכול האָט געזאָגט: ניט דערפאַר ווייל ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר מיר, נאָר ווייל מיט זיין מסירת נפש האָט ער געראַטעוועט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און ער האָט גורם געווען, אַז זיי זאָלען ניט פאַרלענדט ווערען.

און דער אויבערשטער האָט באַפוילען משה׳ן צו באַשטימען פיהרער וואָס זאָלען פיהרען דאָס פאָלק, „ולא תהיה עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה״. טייטשט דער רבי ר׳ בונים ז״ל: דאָס אידישע פאָלק דאַרף האָבען אַזעלכע פיהרער וואָס זאָלען שטענדיג זיין מיט דעם פאָלק צוזאַמען, פיהרער וואָס באַזיצען די פעהיגקייט צו זיין ה י י מ י ש מיט דעם פאָלק, וואָס זאָלען זיך קענען באַציהען צום פאָלק מיט דער זעלבער פשוט׳ער איינפאַכקייט ווי אַ פאַסטוך באַציהט זיך צו זיינע שאָף. אָבער ניט אַזעלכע פיהרער, וואָס פיהרען זיך אויף מעשה אַריסטאָקראַט, בלאָזען פון זיך, מען קען קוים צוטרעטען צו זיי.

„אַנגעבלאָזענע" פיהרער, איז אויסער דעם וואָס זיי פאַרמאָגען „פוסטע קעפ", ווארום ווען ניט וואָלטען זיי דאָך ניט געווען אָנגעבלאָזען, זיינען זיי אַן אומגליק פאַר דעם פאָלק. דאַגעגען, דער באַשיידענער מנהיג, דער פיהרער וואָס קומט אין באַריהרונג מיט עמך, מיט דעם פשוט'ן פאָלק, באַקענט זיך מיט דעם פאָלק'ס לאַגע, מיט זיינע נויטען. און ער שטרענגט זיך דאַן אָן צו פאַרריכטען, אויסצובעסערען, צו העלפען, אויף אַזוי פיל וויפיל עס ליגט אין זיין מאַכט. אַזאַ פיהרער איז אַ ברכה פאַר דעם פאָלק.

נעמט למשל, משה רבינו, איז ער שטענדיג געווען צוזאַמען מיט דעם פאָלק, מיט די מאַסען. ער האָט שטענדיג געוואוסט וואָס זיי פעהלט. טאָג־איין טאָג־אויס איז ער געווען באַקאַנט מיט זייערע קריוודעס, עקאָנאָמישע, פאָליטישע און אַלע אַנדערע. איך מוז מודה זיין, אַז אָפט מאָל ווען איך לערען חומש, קומט מיר אויס אַז משה איז ניט קיין פיהרער, און די אידען זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַז משה איז אַ פאָטער, און די אידען זיינען זיינע קינדער. די באַציהונג פון משה'ן צו די אידען איז אַזאַ אינטימע, אַזאַ פאַמיליערע, אַזאַ אָפענהערציגע, אַז עס דוכט זיך אויס אַז עס איז אַ משפחה אַנגעלעגענהייט.

אַפילו ווען משה גיט זיך אַמאָל אַ בייזער אויף די אידען, צי ווען די אידען ווערען אַמאָל אַביסעל אויפגעטראָגען אויף משה'ן, איז דאָ אין דעם אַזוי פיל „היימישקייט", אַז מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז ניט קיין מחלוקת צווישען אַ פיהרער און זיין פאָלק, נאָר אַז עס איז אַ פאַמיליען־שטרייט, אַ בייזער פון אַ טאַטען אויף אַ קינד, אַ ביסעל פאַרדרוס פון אַ קינד אויף דעם טאַטען. און נאָר אַזאַ פיהרער וואָס קען שאַפען אַזאַ „פאַמיליען־היימישקייט" צווישען זיך און זיין פאָלק, קען באַאיינפלוסען זיינע געפיהרטע.

אויסרעכענדיג די פאַרשיידענע משפחות, זאָגט אונז די סדרה: „ליצר משפחת היצרי, לשלם משפחת השלמי". זאָגט דערויף דער חפץ חיים ז"ל אַ טייער וואָרט, נעמליך: „ליצר", אויב איינער וויל נאָכגעבען דעם יצר הרע, און טהון די אַלע שלעכטע זאַכען צו וועלכע ער רעדט אים אָן, איז „משפחת היצרי", ווערט ער באַלד אַרומגערינגעלט מיט אַ גאַנצער יצר־הרע'דיגער משפחה, וואָס העלפט אים געהן אויף דעם דאָזיגען שלעכטען וועג. דאַגעגען, „לשלם", אויב איינער זוכט צו טהון גוטע מעשים, ער וויל און זוכט „שלמות", גאַנצקייט אין זיין אידישען לעבען, איז „משפחת השלמי", וועט ער שוין געפינען אַ משפחה פון שלמים, פון עהרליכע פרומע מענשען, וואָס וועלען אים העלפען צו געהן אויף דעם גלייכען וועג. וואָרום די חכמים ז"ל האָבען שוין געזאָגט: „בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו". דער מענש ווערט געפיהרט אויף דעם וועג, אויף וועלכען ער וויל געהן.

און כאָטש מיר ווייסען, אַז די בני קורח זיינען איינגעזונקען געוואָרען, זאָגט אונז די היינטיגע סדרה: „ובני קורח לא מתו", אַז קרח'ס קינדער זיינען ניט געשטאָרבען. און די חכמים און רש"י ז"ל דערקלערען, אַז אַזוי ווי אין האַרצען האָבען זיי געטהון תשובה, זיצען זיי אויף אַ ספּעציעלען הויכען אָרט אין גיהנום. פרעגט דער „מור ואהלות" ז"ל: אויב זיי האָבען תשובה גע־טהון, איז פאַר וואָס זשע זיינען זיי געבליבען זיצען אין גיהנום, ניט אין

גן עדן? און ער ענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל וואָס, אייגענטליך, האָבען מיר פון זייער תשובה טהון, נאָכדעם ווי זייער ירושה פון מחלוקת, שנאה איז פאַרבליבען ביי זייערע נאָכפאָלגער ביז היינט צו טאָג, און מען קען עס גאָרניט אויסראָטען? און דער „חמש ידות“ ז״ל באַמערקט: „ובני קרח לא מתו“, קרח׳ס ק י נ ד ע ר זיינען ניט געשטאָרבען, נאָר זיי לעבען און עקזיסטירען, און אָפטמאָל פאַרנעמען זיי אַפילו דעם אויבענאָן. ווי זאָגט דאָס ווערטעל, „הדיוט קופץ בראש“, דער פּראָסטער, דער עזות פנים, רייסט זיך שטענדיג צו פיהרערשאַפט. און אַזוי ווי ער קען עס ניט דערגרייכען מיט פעהיגקייטען, דערגרייכט ער עס דורך אינטריגעס, מחלוקת, מיט וועל־כע דער אָנשטענדיגער, אינטעליגענטער, אינטעלעקטועלער מענש קען ניט און וויל ניט קעמפען.

קוקט זיך צו אין לעבען וועט איר זעהן, אַז אין פאַרשיידענע אָרגאַני־זאַציעס, פאַראיינען, „סאָסייעטיס“ איז אָפטמאָל יאָרען לאַנג דער פיהרער, איינער און דער זעלבער מענש. פאַר וואָס? פשוט ווייל ער האָט ניט קיין קאָפּ. אָט הערט אַ מעשה: ר׳ מאיר שאַפּירא ז״ל, איידער ער איז געוואָרען רב אין לובלין, איז ער געווען רב אין פאַרשיידענע קלענערע שטעדטלעך. פלעגען זיינע געגנער אים תמיד פאַרוואַרפען, אַז ער קען זיך ניט האַלטען לאַנג אויף איין אָרט. האָט דער רב זיי אַמאָל געענטפערט בזה הלשון:

„רבותי, זייט וויסען, אַז אַ רב איז געגליכען צו אַ טשוואָק. אויב דער טשוואָק האָט אַ קאָפּ און מען קלאַפּט אים אַריין אין אַ ברעט, איז ווען מען וויל, קען מען אים אַרויסנעמען און אים אַריינזעצען אין אַן אַנדער אָרט. אָבער אַ טשוואָק וואָס האָט ניט קיין קאָפּ, דאַן איז קיין שום עצה ניטאָ, און ער מוז בלייבען שטעקען אין דעם זעלבען אָרט“. אַ טייער אמת׳־דיג וואָרט.

און משה האָט געזאָגט צום אויבערשטען: „יפקד... איש על העדה“. זאָגט דאַרויף דער „מרדכי החיים“ ז״ל, אַז משה האָט געבעטען אַז אַ פיהרער ביי אידען זאָל זיין „איש על העדה“, אַ מענש וואָס שטעהט איבער דער עדה. אַ מענש וואָס זאָל זיין „איבער דער פאַרטיי“. ער זאָל זיין א ו נ פ א ר ־ ט י י א י ש. אַן עדה, אַ פאָלק, מעג זיך האָבען פאַרשיידענע פאַרטייען וואָס פאַרטרעטען פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס האָבען פאַרשיידענע אָנשויאונגען. דאָס איז דוקא אָפטמאָל געזונט פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק, אויב, פאַרשטעהט זיך, די ריכטונגען און אָנשויאונגען זיינען קאָנסטרוקטיווע. אָבער מיט דעם אַלעם איז אויסערסט וויכטיג אַז דער הויפּט־פיהרער, דער „איש“ זאָל זיין „על העדה“. אַז די לייטענדע פיגור וואָס שטעהט אין דער שפּיץ פון דעם גאַנצען פאָלק זאָל שטעהן העכער פון דער פאַרטיי, פון אַלע פאַרטייען, העכער פון די קלייזעלדיגע, פאַרטייאישע צוויסטיגקייטען. אָט דאָס האָט משה רבינו, דער גרעסטער פיהרער וואָס די וועלט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט, גוט פאַרשטאַנען. און דערפאַר האָט ער געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל באַשטימען „איש על העדה“, אַ מענשען וואָס שטעהט העכער פון פאַרטיי־פּאָליטיק.

און ניט נאָר האָט דער ווייטזיכטיגער משה געבעטען אַ „איש על העדה“, נאָר „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם“. אַ פיהרער וואָס זאָל זיין

אַנדערש פון די פיהרער וואָס די אומות העולם האָבען. די מלכים פון די אומות העולם זיינען זיך געוויינליך נוהג, אַז ווען זיי פיהרען מלחמה, שיקען זיי זייערע אַרמייען אויף די שלאַכטפעלדער, בעת זיי אַליין זיצען אין דער היים און לאָזען זיך וואוילגעהן. און דאָס, זאָגט דער „ספרי זוטא", האָט משה ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט פיהרער, וואָס ווען מען דאַרף איינ־שטעלען דאָס לעבען פאַר פאָלק און לאַנד, זאָל אויך דער פיהרער זיין גרייט מקריב צו זיין זיין אייגען לעבען, פונקט ווי ער פאָדערט עס פון יעדען מענשען.

און דער „דרשות אל עמי" ז"ל באַמערקט דאַרויף: עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטען פיהרער, איינער וואָס, וועלענדיג נושא חן זיין ביי דעם פאָלק, שלעפּט ער זיך נאָך דעם פאָלק. ער טהוט דאָס וואָס דאָס פאָלק וויל. ער פּאַסט זיך צו צו די וואונשען פון דעם פאָלק. אַזאַ איינער איז ניט קיין פיהרער, נאָר אַ געפיהרטער, און אָפטמאָל אַ פאַרפיהרטער. דער אמת'ער פיהרער איז דער יעניגער, וואָס לאָזט זיך ניט אַראָפּ צו די מאַסען, נאָר ער באַמיהט זיך אויפצוהויבען די מאַסען צו זיך, צו אַ העכערע מדרגה. ער געהט ניט נ אָ ך דעם פאָלק, נאָר ער געהט פ אָ ר א ו י ס — „אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם".

מטות

די סדרה „מטות" רעגולירט אַלץ וואָס איז נוגע צו אַ נדר, צו אַ שבועה. און זי זאָגט אונז אָן בפירוש, אַז ווען איינער טהוט אַ נדר, אָדער גיט אַ שבועה, דאַרף ער, אָדער זי, האַלטען און מקיים זיין. „ככל היוצא מפיו יעשה". אַזוי ווי ער האָט געזאָגט אַזוי זאָל ער טהון. און אויך ווי אַזוי אַ מאַן דאַרף זיך נוהג זיין לגבי אַ נדר, וואָס זיי ווייב האָט געטהון, און אַ שבועה וואָס זיין ווייב האָט געשוואוירען. און אויך ווי אַזוי אַ פאָטער דאַרף האַנדלען אין פאַל ווען זיינס אַ יונג מיידעל האָט געטהון אַ נדר, אָדער גע־געבען אַ שבועה.

און דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן „נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, אחר תאסף על עמיך". נעם נקמה פאַר די אידען פון די מדינים, און דערנאָך וועסטו איינגעזאַמעלט ווערען צו דיין פאָלק. איז דאָך די קשיא פאַר וואָס עפּיס נעמען נקמה נאָר פון די מדינים, פאַרוואָס ניט אויך פון די מואבים? קאַרג צרות האָבען די מואבים אָנגעטהון די אידען? ענטפערען דאַרויף אונזערע חכמים, און רש"י ז"ל אויף דעם אָרט, אַז ער־שטענס איז דאָס דערפאַר ווייל די מואבים האָבען געשטערט די אידען אין זייער צוג קיין ישראל פשוט אויס מורא. זיי האָבען מורא געהאַט דורכ־צולאָזען די אידען דורך זייער לאַנד, טאָמער וועלען די אידען עפּיס צונעמען ביי זיי. און ווען עמיצער האָט מורא, טאָמער וועט מען צונעמען עפּיס פון זיין לאַנד, אָדער פון זיין פאַרמעגען, און ער געהט זיך דערפאַר שלאָגען, קען מען דאָס פאַרשטעהן. אָבער די מדינים, זיי זיינען זיך דאָך געגאַנגען שלאָגען מיט די אידען, ניט פאַר זיך, נאָר פאַר פרעמדע. איז מיט אַזעלכען דאַרף מען זיך אָפּרעכענען. און צווייטענס, ווייל פון עמון און מואב האָבען באַדאַרפט אַרויסקומען צוויי גוטע טויבען, רות, דוד המלך'ס עלטער באָבע, און נעמה, שלמה המלך'ס ווייב, רחבעם'ס מוטער.

און זעהט וואָס פאַר אַ געטרייער איבערגעגעבענער פיהרער משה רבינו איז געווען. כאָטש דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט אַז גלייך ווי ער וועט נעמען נקמה אין מדין, וועט ער אַוועקגעהן פון דער וועלט, האָט דאָך משה ניט געוואַרט מיט דער נקמה, כדי ער זאָל לענגער לעבען. נאָר אַזוי ווי כביכול האָט אים דאָס געזאָגט, האָט משה באַלד געזאָגט צום פאָלק „החלצו מאתכם אנשים לצבא..." ער האָט באַלד פּראָקלאַמירט אַ מאָבילי־זאַציע, און דערקלערט מדין מלחמה, און זיי פאַרניכטעט.

איידער מיר געהן ווייטער, וועל איך אייך איבערגעבען אַ פּאָר טייערע טייטשען: די סדרה הויבט זיך אָן מיט „וידבר משה אל ראשי המטות". זאָגט דאַרויף רש"י ז"ל, „חלק כבוד לנשיאים, ללמדם תחלה, ואחר כך לכל בני ישראל". רבי ישראל ריזשינער ז"ל האָט אַמאָל אויסגע'מוסר'ט אַ

ראש הקהל, אויף ווערמען די בעלי בתים האָבען זיך באַקלאָגט, אַז ער פיהרט מיט תקיפות, ער פאָדערט פון דער קהלה כבוד, און ער האָט צו אים געזאָגט: בלויז איינמאָל געפינען מיר אין דער תורה אַז מען האָט אַ נשיא, אַ פיהרער, אָפגעגעבען כבוד. ווען משה האָט גערעדט צו די ראשי המטות, צו די פיהרער, איז „חלק כבוד לנשיאים״, האָט ער זיי צוגעטיילט אַ ספּע־ציעלען כבוד. ער האָט געלערענט די דינים פון נדר און שבועה מיט זיי פריהער, און ערשט דערנאָך מיט דעם גאַנצען פאָלק. דער איינציגער כבוד וואָס אַ פיהרער, אַ ראש הקהל, האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען, איז אַז מען זאָל לערנען מיט אים פ ר י ה ע ר אַ פרשה חומש, צי אַ פרק משניות, אָבער ניט מעהר (י. יפת ז״ל).

און אַז מיר האַלטען שוין ביי דעם ריזשינער ז״ל, וועל איך איבער־געבען נאָך אַן אינטערעסאַנטען טייטש. דער פסוק זאָגט „וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה״. די חכמים ז״ל זאָגען, אַז יעדע זאַך וואָס די תורה האָט גע׳אסר׳ט, פאַרבאָטען, האָט זי גלייכצייטיג מתיר געווען אַן עהנליכע זאַך. ווי באַוואוסט איז מסר׳ן פאַרבאָטען. איז וואו זשע געפינען מיר אַ פאַל, אַז מסירה זאָל זיין מותר, זאָל זיין ערלויבט? זאָגט דער ריזשינער ז״ל, אַז מיר געפינען עס אין דער היינטיגער סדרה. אויף דעם פסוק „החלצו מאתכם אנשים״ זאָגט דער מדרש תנחומא און רש״י ז״ל: „אנשים צדיקים״. איז פאַרשטעהט זיך, אַז מען איז געקומען צו אַן עכטען אמת׳ן צדיק נאָך איינ־פאָרמאַציע וועגען אים, האָט ער געלייקענט שטיין און ביין, און גע׳טענה׳ט אַז ער איז ניט קיין צדיק, מאַלע וואָס מענשען מיינען אַז ער איז אַ צדיק. האָט מען זיך געמוזט באַנוצען אין דעם פאַל מיט „מסירה״. אידען האָבען געמוזט מסר׳ן זייערע אייגענע פריינד און זאָגען אַז אָט דער און דער זאָגט, אַז ער איז ניט קיין צדיק, נאָר אַזוי אַ פשוט׳ער איד ווי אַלע אַנדערע, זאָגט ער ניט דעם אמת, וואָרום אין דער ווירקליכקייט, איז ער אַ צדיק גמור. ו י מ ס ר ו מאלפי ישראל, מען האָט זיי גע׳מסר׳ט. נו, זאָלען ביי אידען ניט זיין קיין ערגערע מסירות.

און אויף דעם פסוק „החלצו מאתכם אנשים לצבא״, האָט ר׳ מענדעלע קאָצקער ז״ל געזאָגט: טהוט זיך אויס פון אייער „איך״, פון אייער עגאָאיזם, פון אייער האָבען אין זינען בלויז זיך אַליין. און ערשט דאַמאָלס „אנשים לצבא״, וועט איהר זיין ראוי צו געהן אין מלחמה אַריין, צו קעמפען פאַר דעם אלקי ישראל, פאַר דעם אויבערשטען, פאַר דעם אידישען פאָלק, און פאַר דעם אידישען לאַנד.

און די תורה האָט געהייסען אַרויפלעגען אַ שטייער אויף די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער מלחמה, און אויף די אידען וואָס האָבען זיך ניט באַטייליגט אין דער מלחמה. פון די סאָלדאַטען האָט מען גענומען איינס פון פינף הונדערט, און פון די אַנדערע אידען האָט מען גענומען צעהן מאָל אַזוי פיל, נעמליך, איינס פון פופציג. זאָגט דאַרויף דער „תולדות יעקב יוסף״ ז״ל אַ גוט וואָרט: די אידען וואָס האָבען זיך ניט באַ־טייליגט אין דער מלחמה, איז דאָך דאָס פאַרמעגען זיי אַנגעקומען גרינג, אַן וועלכע עס איז מסירות נפש, דאַרפען זיי געבען צעהן מאָל אַזוי פיל.

און ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס די אידען האָבען אין דער מלחמה גע־קעמפט געגען פינף מלכים פון מדין וואָס האָבען געהאַט ריזיגע אַרמייען, האָבען דאָך די אידען זיי צעשמעטערט און געווינען די מלחמה. איז אין דעם ליכט פון די געשעהענישען פון אונזער אייגענער צייט, קענען מיר דאָס גאַנץ גוט פאַרשטעהן. אָט האָט דאָך דער ישוב אין אונזער צייט גע־פיהרט אַ ביטערען קאַמף, ניט בלויז געגען פינף מלכים, נאָר געגען גאַנצע זיבען, און ענגלאַנד האָט זיי נאָך אַ היבש ביסעל צוגעהאָלפען, און דאָס הייפעלע אידען האָט מנצח געווען. זיינען טאָקע די נסים וואָס זיינען גע־שעהן, דער ישוב געגען די זיבען אַראַבישע מלוכות, ניט אַוועק צו מאָ־כען מיט דער האַנט. אָבער דער נס וואָס איז געשעהן אין דער מלחמה געגען די מלכי מדין איז דאָך געווען גרעסער, כאָטש דאָרט זיינען געווען בלויז פינף מלכים, ווארום אין יענער מלחמה, זאָגט אונז די היינטיגע סדרה, „ולא נפקד ממנו איש". די אידען האָבען אין דער מלחמה געגען מדין ניט פאַרלוירען קיין איינציגען סאָלדאַט. און דער רבנו בחיי ז"ל באַמערקט טאָקע דאַרויף, אַז אין דער געשיכטע פון מלחמות איז ניט פאַרהאַן נאָך אַזאַ פאַל, אַז אַ פאָלק זאָל באַזיגען פינף מלכים און ניט פאַרלירען קיין איינציגען סאָלדאַט.

און אַז מען קוקט זיך צו, זעהט מען, אַז שטענדיג ווען משה האָט געזאָגט די אידען מוסר, זיינען זיי געוואָרען ביי זיך שטאַרק, און האָבען שטענדיג געזיגט. מוסר אין אַלגעמיין איז אַ גוטע מעדיצין. און אַז דער מוסר קומט נאָך פון אַ משה רבינו, פון אַ לויטערע קוועלע, וואָס מיינט עס מיט דעם ריכטיגסטען אמת, מיט דער אָפענהערציגסטער אויפריכטיגקייט, האָט עס טאָקע די אמת'ע ווירקונג. און דוקא גרויסע מענשען, צדיקים, יראים ושלמים, דוקא זיי ווילען הערען מוסר. אַזוי, למשל, ווייסט מען, אַז דער ווילנער גאון ז"ל, פלעגט פון צייט צו צייט שיקען רופען דעם דובנער מגיד ז"ל, ער זאָל אים זאָגען מוסר. אָט הערט אַן אינטערעסאַנטען פאַקט וואָס האָט פאַסירט מיט דעם „שפת אמת" ז"ל:

ווי באַוואוסט האָט דער „שפת אמת" זיך ערצויגען ביי זיין זיידען דער „חידושי הרי"ם" ז"ל. איינמאָל איז ער געזעסען מיט זיינעם אַ חבר אַ גאַנצע נאַכט און געלערענט, און ערשט פאַרטאָג האָט ער זיך צוגע־לייגט שלאָפען. ווען דער זיידע האָט דערזעהן אין דער פריה, אַז דאָס איי־געל שלאָפט נאָך, האָט ער אים אויפגעוועקט און אים דערלאַנגט אַ היפ־שע פאַרציע מוסר, פאַרוואָס ער שלאָפט אַזוי שפעט, בעת ער וואָלט שוין באַדאַרפט ביז איצט האָבען געלערענט אַ צוויי שעה. דאָס אייניקעל האָט געהאָרכזאַם אויסגעהערט דעם זיידענ'ס האַרבע רייד, און נאָכדעם ווי דער זיידע האָט געענדיגט, האָט ער מיט גרויס באַשיידענהייט געענטפערט אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געלערענט, און ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט ער זיך צוגעלייגט. האָט דער זיידע געזאָגט: „ס'טייטש פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד ניט געזאָגט, וואָלט איך דאָך געווען פאַרשפּאָרט דיך צו מוסר'ען מיט אַזעלכע האַרבע ווערטער אומזיסט און אומנישט?" האָט דאָס אייניקעל אים געענטפערט:

„אין דער סדרה מטות ווערט געזאָגט, אַז ווען די בני גד און די בני ראובן האָבען געוואָלט דעם עבר הירדן, האָט משה זיי דערלאַנגט אַ גרויסע פּאַרציע מוסר, ׳האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה׳ — וואָס מיינט איר עס עפּעס, אייערע ברידער וועלען פיהרען מלחמות, און איר וועט זיך פיהרען אַ רוהיגען לעבען! נאָכדעם ווי משה האָט געענדיגט דאָס מוסר זאָגען, איז ׳ויגשו אליו ויאמרו... ואנחנו נחלץ חושים לפני בני ישראל...׳ האָבען זיי אים געזאָגט: מיר וועלען זיין די ערשטע צו קעמפען פאַר די אידען. איז דאָך די קשיא, אַז ווי באַלד זיי האָבען אין זינען געהאַט צו זיין די ערשטע צו קעמפען פאַר דעם לאַנד ישראל, פאַרוואָס זשע האָבען זיי עס ניט באַלד געזאָגט משה׳ן, און זיי וואָלטען אים געוועזן איינגעשפּאָרט זיי צו שטראָפען מיט די שטרענגסטע ווערטער? נאָר דער תירוץ איז, אַז ווען משה רבינו האָט זיי אָנגעהויבען מוסר׳ן, איז זיי געוועזן אַ שאָד איבערצורייסען זיינע רייד. זיי האָבען געוואָלט הערען וואָס מעהר מוסר...״

מוסר איז אונגעהויער וויכטיג. דער צוועק פון עהרליכען, אויפריכטיגען מוסר איז צו העלפען דעם צווייטען צו זיין דאָס וואָס ער דאַרף זיין, זיך אויפצופיהרען אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אים. עס זיינען, אָבער, פאַראַן מענ־שען, וואָס ווילען ניט זיין דאָס וואָס זיי דאַרפען זיין, נאָר דאָס וואָס זיי ווילען זיין. און אָפט מאָל קען דער מענש ניט זיין דאָס וואָס ער וויל זיין, און זיין גאַנצע מיה איז אומזיסט. ניט נאָר דערגרייכט ער ניט דאָס וואָס ער וויל דערגרייכען, נאָר עס אונטערמינעוועט נאָך אַפילו דאָס וואָס ער איז. אַט הערט אַ מעשה שהיה:

אין כערסאָן זיינען געוועזן צוויי חזנים, ר׳ פּנחס מינקאָווסקי, און האַלפּערין ע״ה. מינקאָווסקי איז געוועזן אַן „אַלט־מאָדישער״ איד, אַ למדן, אַ חסיד, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת׳ן שליח ציבור. זיין כוח אין חזנות איז געלעגען אין דעם „שטייגער״, אין דעם אידישען קרעכץ, און דער עיקר אין דעם נוסח, וואָס איז צעגאַנגען אין יעדען אבר. האָט ער זיך, אָבער, דוקא שטענדיג באַמיהט צו דאַווענען „מאָדערנע״. ער האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה נאָכצוטוהן די „מאָדערנע״ חזנים. ער האָט געוואָלט דאַווענען ווי אַ קאָר־חזן. דאַגעגען האַלפּערין איז געוועזן פון די „מאָדערנע״ חזנים, און ער, ווידער, האָט זיך דוקא געפלייסט צו דאַווענען וואָס אידישער. האָט דער גביר פון שטאָדט, ר׳ זלמן ראָזענטאַל ע״ה, געזאָגט אויף זיי: כערסאָן האָט צוויי חזנים. ביידע ווילען און קענען ניט. מינקאָווסקי וויל זיין אַ „גוי״ און קען ניט, און האַלפּערין וויל זיין אַ „איד״, און קען ניט.

און נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס מאַנכע מענשען באַמיהען זיך דוקא אַראָפּצוגעהן פון דעם גלייכען וועג. און דאָס האָט נאָך קיינעם ניט געטהון קיין גוטס. ווארום אַז מען געהט אויף דעם גלייכען וועג, איז אַפילו ווען מען „כאַפּט״, איז עס אַלץ ביי דעם וועג. ר׳ משה איצעל פּאָ־ניעוויזשער ז״ל, איז אַמאָל געקומען קיין איישישאָק. עס האָט געהאַלטען אַז ער זאָל דאָרט אָננעמען דאָס רבנות. ווי דער שטייגער איז, האָט ער גע־זאָגט עטליכע דרשות. ער האָט זיך מפלפל געווען מיט די לומדים פון דער שטאָדט. ער האָט, פאַרשטעהט זיך אַרויסגעוויזען געוואַלדיגע גאונות, און מען האָט אים ניט „געכאַפּט״. ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט מען אים

באַגלייט מיט גרויס כבוד עטליכע וויאָרסט פון שטאָדט. עטליכע לומדישע אידען, האָבען גראָד פאַרשפּעטיגט, האָבען זיי געכאַפּט אַ פוהר און נאָכגע־פאָהרען, ביז זיי האָבען ענדליך אים אָנגעיאָגט. ווען זיי זיינען צוגעקומען, האָבען זיי מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטהון: „רבי, דאָס מאָל האָבען מיר אייך „געכאַפּט". האָט דער רבי זיי צוריק געענטפערט מיט אַ שמייכעל: „אמת, אָבער ביי דעם וועג ".

און אַז אַ מענש פיהרט זיך ווי אַ מענש, איז ער שטענדיג ביים וועג, איז ער שטענדיג אין אָרדנונג. ר' חיים צאַנזער ז"ל האָט אַמאָל געפרעגט ביים טיש אַ חסיד, צי דער משמש האָט אים ניט פאַרטיילט, און געגעבען עסען. האָט דער חסיד געענטפערט אַז ער איז ניט געקומען צום רבי'ן עסען. האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון: די נשמה קומט אויך ניט אויף דעם עולם עסען. פונדעסטוועגען, אַז מען גיט איר ניט קיין עסען, אַנטלויפט זי...

דער זעלבער ר' חיים צאַנזער ז"ל, האָט זיך אַמאָל צוגעקיהלט און שטאַרק געהוסט. האָט מען אים געהייסען טרינקען טיי. איינמאָל צו שלש סעודות, האָט ער זיך שטאַרק פאַר'דבקה'עט, און ער האָט געפראַוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זיין זוהן ר' ברוך ז"ל, וואָס האָט אים שטאַרק אָפּגעהיט זיין געזונט, האָט געהייסען דערלאַנגען טיי, אָבער דער רבי איז געווען פאַר־טהון אין הויכע ענינים, און ער האָט זיך ניט צוגעריהרט צו דער טיי. דער זוהן האָט אים עטלעכע מאָל דערמאָנט, אָבער דער רבי האָט עס אַפילו ניט געהערט. ווען דער זוהן האָט אים שטאַרק צוגעדרינגען, האָט דער רבי זיך אָנגערופען: „וואָס ווילסטו פון מיר? אין עולם האצילות טרינקט מען ניט קיין טיי!" האָט דער זוהן אַ שמייכעל געטהון, „אמת, טאַטע, אָבער אין עולם האצילות הוסט מען ניט"...

מסעי

מיר, פון די הייַנטיגע דורות, מיינען דאָך אַז נאָר מיר וואַנדערען, אַז נאָר מיר זיינען שטענדיג מיט דעם וואַנדער־שטאָק אין דער האַנד אונטערוועגס. איז דאָס פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער טעות. ניט נאָר האָבען שוין אונזערע אבות, אברהם, יצחק, יעקב און משה רבינו געוואַנדערט. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, ווי נאָר עס איז באַפרייט געוואָרען פון דער מצרים׳שער קנעכטשאַפט, האָט אָנגעהויבען צו וואַנדערען. אין דער סדרה „מסעי״ אַליין, זיינען אויסגערעכנעט צוויי און פערציג ערטער. קוקט אַריין אין די „ויסעו־ויחנו״ וועט איר זעהן. שוין אין דעם ערשטען יאָר נאָך זייער פאַרלאָזען מצרים, האָבען די אידען דורכגעמאַכט ניט ווייניגער פון פערצען מסעות.

און צוליב וואָס טאַקע רעכענט די תורה אויס אַלע מסעות, אַלע „עטאַפען״? זאָגט דער מדרש, און רש״י ז״ל אָנהויב סדרה „מסעי״, משל למלך... מען קען דאָס פאַרגלייכען צו אַ מלך וועמענס זוהן איז קראַנק געוואָרען, און ער האָט אים געפירט פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער צו די פאַרשיידענע דאָקטוירים. נאָכעהר, ווען ער איז שוין געפאָרען מיט דעם זוהן צוריק אַ היים, דורך די זעלביגע שטעדט, האָט ער אים געזאָגט: „זעהסטו מיין קינד, אָט אין דער שטאָדט האָבען מיר גענעכטיגט, אין דער שטאָדט האָסטו געהאַט קאָפּ שמערצען, און אַזוי ווייטער. דערפאַר רעכענט די סדרה אויס די ערטער, צו דערמאָנען די אידען, וואָס עס האָט מיט זיי פאַסירט אין די פאַרשיידענע ערטער.

און אַפילו דער נאָמען פון אַן אָרט ווייזט אָן אויף אַ געוויסע היסטאָרישע פאַסירונג. האָט נעמט, למשל, דעם פסוק „ויסעו מרתמה״. וואָס מיינט מרתמה? זאָגט רש״י ז״ל אויף דעם אָרט, אַז דער אָרט הייסט „רתמה״ על שם לשון הרע של מרגלים... ווי עס ווייזט אויס, האָט משה געשיקט די מרגלים אויסצוקוקען דאָס לאַנד ישראל פון יענעם אָרט. און ווי באַוואוסט האָבען דאָך די מרגלים, אַ חוץ יהושע בן נון און כלב בן יפונה, גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל. באַמערקט רש״י ז״ל, אַז דער אויסדרוק „רתמה״ נעמט זיך פון דעם וואָרט „רתמים״, וואָס געפינט זיך אין תהלים קכ. ג־ד: מה יתן ומה יוסיף לך לשון רמיה, חצי גבור שנונים, עם גחלי רתמים.

און פאַר וואָס טאַקע רעכענט אויס די סדרה אַלע רייזעס, עטאַפען, וואו די אידען אָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער וואַנדער־וועג? איז הערט זשע וואָס דער רמב״ם (רבי משה בן מימון) ז״ל זאָגט אין ספר מורה נבוכים: אין די שפּעטערע דורות, וועלען זיך דאָך געפונען „וואוילקענענדיגע״ וואָס וועלען זיך מסתמא באַמיהען צו מאַכען די נסים צו „קליין געלט״. זיי וועלען טענה׳ן, אַרגומענטירען, ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז פערציג יאָר נאָכאַנאַנד האָבען די אידען געקאָנט אויסהאַלטען אין אַ וויסטער מדבר אָהן עסען,

אָהן טרינקען, און זיך ערנעהרען בלויז פון מן וואָס איז געפאַלען פון דעם הימעל, און פון וואַסער פון דעם „באר מרים״, פון מרים׳ס ברונעם?! ניט אַנדערש, נאָר זיי האָבען זיך שטענדיג איינגעאָרדענט אין אַזעלכע מדבריות וואָס האָבען זיך געפונען לעבען אַ ישוב, שטעדט, דערפער, און זיי פלעגען קויפען עסענוואַרג פון די דאָרטיגע איינוואוינער. דערפאַר האָט די תורה געפונען פאַר נויטיג אויסצורעכענען אַלע ערטער, כדי די צוקונפטיגע גענעראַציעס זאָלען זיך קענען איבערצייגען אַז אַט די דאָזיגע ערטער זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג ווילדע וויסטענישען, וויסטע מדבריות, זעהר ווייט פון ישובים. איז דאָך קלאָר אַז בדרך הטבע איז אונמעגליך אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זיך קענען דאָרט אויפהאַלטען צענדליגער יאָר. און אויב, ווי מיר ווייסען, זיי האָבען זיך יאָ אויפגעהאַלטען דאָרט גאַנצע פערציג יאָר, איז דאָך ניט אַנדערש, אַז דאָס איז געווען דורך נסים, אַז זיי זיינען געשפייזט געוואָרען פון הימעל.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי שפייז פון הימעל, איז הערט זשע אַ פּאָר אינטערעסאַנטע מעשיות. און די מעשיות זיינען זיך אַזוי פאַרלאָפען:

רבי שניאור זלמן, דער לאַדיר רב ז״ל האָט דערצעהלט אַז דעם מגיד׳ס אַלע תלמידים האָבען אין זינען געהאַט בלויז איין זאַך — יראה, מורא האָבען פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט. אָבער פון אַלע תלמידים האָט בלויז רבי זושא ז״ל דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון יראת שמים. און, ווי באַוואוסט איז דער רבי ר׳ זושא, אַ ברודער פון דעם רבי׳ן רבי אלימלך ליזענסקער ז״ל, באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גאָר גרויסען הייליגען. דער ריזשינער רבי ז״ל, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ווען איינער האָט בלויז דערמאָנט דעם נאָמען „רב זושא״, איז ער שוין מסוגל געוואָרען צו יראת שמים.

וואָרום זיין גאַנץ לעבען האָט דער רבי ר׳ זושא ניט אין זינען געהאַט די דאָזיגע ערדישע, זינדיגע וועלט. איז וועגען פרנסה האָט ער זיך קיינמאָל ניט געזאָרגט. אַי וועט מען דאָך דאַרפען אָנקומען צו צדקה, צו אַ מענשענס גאָב, נו, איז וואָס? אדרבה! מען דאַרף גאָר זיין צופרידען. וואָרום דער וואָס נעמט צדקה, דאַרף זיין גליקליך וואָס ער האָט געגעבען אַ מענשען די געלעגענהייט צו קענען מקיים זיין די מצוה פון צדקה, וואָס איז שקול געגען אַלע מצוות.

האָט זיך געמאַכט אַז איינער איז אַמאָל געוואויר געוואָרען אַז ביי רבי זושא׳ן אין הויז, איז ניטאָ אַפילו אַ שטיקעל טרוקען ברויט. די קינדער וויינען מיט ביטערע טרעהרען, זיי זיינען הונגעריג, און אַפילו קיין שטיקעל אַלט־געבאַקען ברויט איז ניט פאַראַן אין הויז. איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן אין הויז, און ער האָט געגעבען דער רבי׳צין אַ פּאָר מטבעות. און אַליין איז ער אַוועק אין בית מדרש, זאָגען רבי זושא׳ן מוסר פאַר וואָס ער זאָרגט ניט פאַר דער פאַמיליע.

אַריינקומענדיג אין בית המדרש האָט ער געטראָפען רבי זושא׳ן פאַרטיפט אין לערנען. האָט ער אים איבערגעשלאָגען, און אים דערלאַנגט אַ פּאָרציע מוסר: ס׳טייטש, וואָס הייסט עס! דו זיצסט און לערנסט, און אין הויז פייפט דער דלות אין אַלע ווינקעלעך, ניטאָ קיין פּיצעל ברויט!

דו זיצסט און ביזט זיך משמח, און דיין ווייב און קינדער געהען אויס ממש פון הונגער! איז וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה?!

האָט רבי זושא, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ נסתר, און מען האָט ניט געוואוסט ווער ער איז אין אמת׳ן, געענטפערט: „דאָס וואָס די קינדער הונ־גערען און וויינען, איז ריכטיג, אמת ווי דער טאָג. אָבער פאַר וואָס זאָלען זיי ניט וויינען, אַז זייער חיונה דאַרף קומען פון זושא׳ן? אַי דאָס וואָס איך פיהל זיך אַזוי שמחה׳דיג, איז אויך אין אָרדנונג. וואָרום מיין חיונה קומט דאָך ניט פון זושאַ׳ן, נאָר פון דעם שפייזער פון דער וועלט, פון דעם וואָס שפייזט יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש, ניט נאָר מענשען, בהמות, חיות, פויגעל, פיש, ווערימלאך און אַזוי ווייטער, נאָר פון דעם וואָס שפייזט אַפילו יעדער בוים, יעדער גרייזעלע, יעדער בלום״.

און ווי מיר ווייסען האָט דאָך דער דאָזיגער ר׳ זושא וואָס איז שפּעטער געוואָרען, נאָך דעם ווי ער איז נתגלה געוואָרען, דער באַרימטער רבי ר׳ זושא, אָפּגעריכט גלות. איז אַ שטיקעל צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין דער שטאָדט אָסטראָ. ער איז דאָרט געווען אַ אונטער־שמש אין בית המדרש, און זיין פּרנסה איז געווען וואָס ער פלעגט „עסען טעג״ ביי בעלי בתים. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער פאַסטען. און אַז דער גוף האָט שוין ניט געקאָנט מעהר אויסהאַלטען, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּען צו אַ בעל הבית און „איבערבייסען״.

איינמאָל, אָבער, האָט ר׳ זושא ביי זיך באַשלאָסען אַז זיין דרך טויג ניט. וואָרום דאָס מיינט דאָך אַז ער האָט ניט קיין בטחון! האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מעהר געהט ער ניט צו בעלי בתים עסען. ניין. וועט מען אים ברענגען עסען אין בית המדרש אַריין וואו ער זיצט און לערענט, איז גוט, און אויב ניט, דאַרף מען ניט. גאַנצע דריי טעג האָט ער געפאַסט. דער הונגער האָט געפּייניגט, געמאַטערט. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, ממש סכנות נפשות, און ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיין באַשלוס. מען מוז האָבען אמונה, בטחון.

איז אין הימעל געוואָרען אַ גערודער: דער צדיק פאַסט, וועמען קען מען מזכה זיין מיט אָט דער דאָזיגער גרויסער מצוה פון צו דערהאַלטען ביים לעבען דעם דאָזיגען גרויסען צדיק, דעם קדוש וטהור. אָבער אין דער גאַנצער שטאָדט האָט זיך ניט געפונען איינער וואָס זאָל זיין ראוי צו אָט דער דאָזיגער גרויסער מצוה. האָט מען „אויבען״ באַשלאָסען אים צו שפּייזען דירעקט פון דעם הימעל מיט אַזאַ מין שפּייז, אַז ער זאָל ניט קענען וויסען פון וואַנען עס קומט.

זייענדיג שטאַרק מיעד און שוואַך, האָט ר׳ זושא איינגעדרימעלט. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזעהן פאַר זיך, אַ שיסעלע קאַשע, און אַ טעפּעל וואַסער. האָט ער זיך געוואַשען, און פאַרזוכט פון דעם מאכל. דאָס עסען האָט געהאַט טעם גן עדן, און עס איז אים ממש ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. כהרף עין האָט ער זיך געפיהלט פריש, שטאַרק, נאָך שטאַרקער ווי ווען עס איז פריהער. אַזוי האָט עס זיך געצויגען אַ לענגערע צייט. ער האָט דערפיהלט אַז יעדער טאָג דערגרייכט ער אַ הע־

כערע מדרגה. ער האָט געשפּירט אַז ער שטייגט העכער אין גייסט, אין הייליגקייט. ער האָט איינגעזעהן אַז ער האָט שוין דערגרייכט אַ מדרגה וועגן וועלכער ער האָט אַפילו ניט גע׳חלום׳ט. אָבער וואָס עס האָט גורם געווען דערצו, האָט ער ניט געוואוסט.

איינמאָל אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען, איז אַריינגעקומען צו אים אַ בעל הבית, ביי וועלכען ער פלעגט „עסען טעג", און ער האָט אים געפרעגט: „זושא, וואָס איז די מעשה וואָס דו קומסט ניט מעהר עסען? געפעלט דיר ניט מיין עסען? צי ווילסטו ניט מעהר עסען ביי פרעמדע טישען? האָב איך דען דיר ניט געגעבען דאָס זעלבע וואָס איך און מיין פאַמיליע עסען? אָבער, אויב דאָס איז דיין ווילען, בעט איך דיך דו זאָלסט נעמען ביי מיר אַלע טאָג אַ פּאָר גראָשען, דו זאָלסט דיר קענען קויפען וואָס פאַר אַ שפּייז דו ווילסט". געראָדט און געטהון. דער איד האָט אים דערלאַנגט אַ מטבע. און יעדער טאָג נאָך דעם דאַווענען, פלעגט ער אים געבען די פּאָר גראָשען. אָבער ווי נאָר ר׳ זושא האָט אָנגעהויבען נעמען ביי דעם בעל הבית די פּאָר מטבעות, האָט דאָס ביסעל קאָשע מיט וואַסער אויפגעהערט זיך צו באַווייזען. אויס. ניטאָ מעהר.

דערווייל איז ר׳ זושא נתגלה געוואָרען. חסידים האָבען אָנגעהויבען פאָרען צו אים פון אַלע עקען וועלט נאָך ברכות. אָפטמאָל פלעגט ער אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַן איידעלען אופן דעם און יענעם אַז אין דעם און דעם פּרט, האָט ער זיך ניט אויפגעפיהרט ווי עס בעדאַרף צו זיין. האָט זיך געמאַכט אַז קיין אַניפּאָליע איז געקומען דער רבי ר׳ קלמיש ז״ל פון קראָקא, באַקאַנט אַלס דער „מאור ושמש". ר׳ זושא האָט געפּראַוועט טיש, און ער האָט אָנגעהויבען אַריינקוקען יעדען חסיד אין פּנים אַריין, און זיי געזאָגט וואָס פאַר אַ זינד יעדער איינער פון זיי איז באַגאַנגען. און אנשטאָט צו זאָגען יענעם אַז ער איז באַגאַנגען די און די עבירה, פלעגט ער אַ קוק טהון אויף יענעם און אַ קרעכץ טהון: אוי זושא, זושא, דעם און דעם טאָג האָסטו דאָך געטהון די און די עבירה! און פּלוצים האָט ער אַ קוק געטהון אויף ר׳ קלמיש, און אַ זיפץ געטהון: „אוי זושא, זושא, ווי קומט עס צו דיר, דו זאָלסט מזלזל זיין אין נטילת ידים?"

נאָך דעם בענטשען האָט ר׳ קלמיש געפרעגט ר׳ זושא׳ן: „וואָס אַזעלכעס האָט איר געזעהן אויף מיר, וואָס האָט אייך געמאַכט גלויבען אַז איך בין ניט מקיים די מצוה פון נטילת ידים? זענט איר מיך חושד אַז איך היט ניט אָפּ די דאָזיגע מצוה בכל פּרטיה ודקדוקיה?" האָט ר׳ זושא געענטפערט: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי זענט איר זיך נוהג נאָך דעם ווי איר כאַפּט אַ דרימעל ביי טאָג?" „וואָס הייסט ווי אַזוי? האָט ר׳ קלמיש געענטפערט, ווי אַזוי זאָל איך זיך נוהג זיין? אויף וויפיעל איך וויים ווערט אין ערגיץ ניט דערמאָנט אַז נאָך אַ בייטאָגעדיגען דרימעל איז נטילת ידים אַ חיוב". האָט ר׳ זושא אים געענטפערט: „אמת, קיין דין איז עס טאַקע ניט. אָבער איר זענט דאָך אַ חסיד. און חסידים זיינען זיך נוהג צו וואַשען די הענט אַפילו נאָך אַ בייטאָגעדיגען דרימעל, און אָט די מידה היט איר ניט אָפּ".

און אַז מיר האַלטען שוין אין דערצעהלען פון דעם רבי׳ן ר׳ זושא׳ן איז הערט זשע ווייטער: ווען ר׳ זושא פלעגט זיין אין מעזשעריטש ביי דעם מגיד ז״ל, איז ער נאָך געווען אין גאַנצען אומבאַקאַנט. אַ חסיד ווי אַלע חסידים וואָס פלעגען קומען צום מגיד. מאַכט זיך אַמאָל, און צום מגיד איז געקומען אַ באַוואוסטער רב, אַ גרויסער למדן, און נאָך אַ גרעסערער ירא שמים, צו שמועסען מיט דעם מגיד אין הויכע ענינים. און שמועסענדיג מיט דעם מגיד, האָט דער רב אַ פרעג געטהון: „די גמרא זאָגט אַז „חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה״ אַ מענש דאַרף דאַנקען, לויבען, דעם בורא עולם פאַר דעם שלעכטעך וואָס פאַסירט מיט אים, פונקט ווי ער דאַרף דאַנקען און לויבען דעם אויבערשטען פאַר דעם חסד, פאַר דעם גוטס וואָס ער טהוט מיט אים. איז עס מיר קשה, איך פאַרשטעה עס ניט, ווי קען מען הייסען אַ מענשען דאַנקען און לויבען דעם באַשעפער פאַר דעם שלעכטען, פונקט ווי פאַר דעם גוטען? קען דען געמאָלט זיין אַזאַ מענטש?

האָט דער מגיד אים געענטפערט: „אין אונזער בית המדרש געפינט זיך איינער אַ זושא, וועט ער אייך ענטפערען״. איז דער רב אַריין אין בית המדרש און האָט געזוכט זושא׳ן. אָבער זוך הייגט, זוך מאָרגען, ניטאָ קיין זושא. דערוויילע האָט איינער אַ פרעג געטהון דעם רב, צי ער מיינט ניט אַמאָל דעם אונטער־שמש וואָס קעהרט אויס אַלע טאָג די בריק (פאָדלאָגע) אין בית המדרש. איז דער רב צוגעגאַנגען צו אַן אויסגעדאַרטען, אויסגע־קוואַרטען איינגען מאַן, אַנגעטהון ממש אין שמאַטעס, מיט אַ בעזים אין האַנט, און עה האָט צו אים געזאָגט: „זייט זשע מוחל, דער מגיד זאָל לעבען האָט מיך געהייסען אייך פרעגען, ווי אַזוי קען אַ בשר ודם, אַ שטערבליכער מענש דאַנקען דעם רבונו של עולם פאַר שלעכטס וואָס ער שיקט אַן אויף אים, פונקט ווי פאַר גוטס וואָס ער גיט אים? האָט דער איינגערמאַן אים גע־ענטפערט: איך פאַרשטעה בכלל ניט פאַר וואָס דער מגיד האָט אייך געשיקט צו מיר, צו איינעם וואָס זיין גאַנץ לעבען האָט ער ניט געוואוסט פון קיין שלעכטס, צו אַ מענשען וואָס לעבט בלויז מיט חסדים, מיט בלויז גוטס פון אונזער פאָטער אין הימעל. האָט דער רב אַ טראַכט געטהון, אַ קוק גע־טהון אויף דעם אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם איינגערמאַן, און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דער מגיד ז״ל איז אויסען געווען מיט דעם וואָס ער האָט אים געשיקט צו ר׳ זושא׳ן. פאַרטיפט זיך וועט איר אויך פאַרשטעהן, די טיפקייט פון דעם דאָזיגען ענטפער.

און ווי באַוואוסט, איז ר׳ זושא געווען אַ גאָר גרויסער בעל מופת. אָבער זיינע מופתים זיינען שטענדיג געווען דער פועל יוצא פון דער מדרגה פון יראה. די שטאָדט אניפּאָליע האָט אין יענער צייט געהערט צו אַ פּריץ, וואָס האָט געהאַט גרויסע מאַכט, און ער האָט געקאָנט טהון וואָס ער וויל. און ווי מיר ווייסען האָט דאָך יעדער פּריצישער הויף געהאַט זיינע אידען, זיינע מאָשקעס. איז עס זאָל זיך ניט טרעפען ווי עס טרעפט זיך אַ מאָל, האָט מען ביי דעם פּריץ צוגע׳גנב׳עט זיין גאַנצע ציערונג. האָט דער שונא ישראל׳דיגער גלח פון יענעם אָרט איינגערעדט דעם פּריץ, אַז ניט אַנדערש נאָר אַז אידען האָבען דאָס גע׳גנב׳עט. האָט דער פּריץ אַרויסגעגעבען אַ

באַפעהל, אַז אויב אין אַ חודש צייט וועט זיך ניט אָפּזוכען די גנבה, וועט ער אַרויסטרייבען אַלע אידען, און קאָנפיסקירען זייער פאַרמעגען.

זיינען די אומשולדיגע אידען געלאָפען צו ר׳ זושא׳ן. די יללות זיינען געוועזען עד לב השמים. עפּיס אַ קליינינקייט, אַ גירוש! און ר׳ זושא מוז ברענגען די ישועה. האָט דער רבי ר׳ זושא גערופען איינעם פון די בעלי בתים וואָס איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם פריץ, און ער האָט צו אים געזאָגט: „העך זיך איין פנחס, גיה צום פריץ און בעט אים ער זאָל אָפּלעגען דעם גירוש אויף דריי חדשים, אפשר וועט זיך אין משך פון דער צייט אָפּזוכען די גנבה. און טאָמער חלילה ניט, זאָג איך אים צו אַז אויף דעם ניינציגסטען טאָג וועט ער צוריק קריגען דאָס גאַנצע ציערונג, עס וועט דערפון ניט פעהלען קיין האָר. דער פריץ האָט צוגעשטימט. די גזרה איז אָפּגעלעגט געוואָרען. אָבער די דריי חדשים זיינען אַט־אַט פאַראיבער, און פון דעם ציערונג איז קיין שפור ניט געוועזען.

ווען עס איז געקומען דער ניינציגסטער טאָג, האָט דער רבי געהייסען דעם פריץ רופען אַלע זיינע אָנגעשטעלטע, מקטן ועד גדול, פון דעם דזשאַנצע ביז דעם פאַרבעק, ווייל ער קומט אויפזוכען די גנבה. האָבען אַלע אָנגע־שטעלטע, פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען, זיך פאַרזאַמעלט אין הויף, און זיי האָבען געוואַרט אויף דעם רבי׳ן ר׳ זושא. ווען ר׳ זושא איז גע־קומען האָט ער אַ פרעג געטהון צו קיינער פעהלט ניט, צי אַלע זיינען דאָ. האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דער „שמייסער", דער וואָס האָט די אויפזיכט אויף די פערד, איז ניטאָ. האָט מען געבראַכט דעם „שמייסער". האָט דער רבי זיך געשטעלט לעבען אים, און ער האָט אָנגעהויבען זאָגען: ובכן תן פחדך על כל מעשיך, ואימתך על כל שבראות... און דער „שמייסער" האָט אָנגעהויבען צו ציטערען. און מיט אַ יאָמערליך געוויין, האָט ער אויסגעשריען אַז ער האָט צוגע׳גנב׳עט דעם אוצר, און ער האָט אים באַהאַלטען אין שטאַל. און אַט אַזוי האָט דער רבי ר׳ זושא ז״ל געראַטעוועט די דאָרטיגע אידען פון אַ גרויס אומגליק, און ער האָט מקדש געווען שם שמים ושם עם ישראל.

חזק, חזק, ונתחזק.

דברים

דברים

היינט הויבען מיר אָן אַ נייעם חומש, דעם פינפטען חומש פון די פינף חומשים, געמליך, „דבָרים". וועל איך היינטיגס מאָל אָנהויבען מיט אַ מעשה נורא, און דעם שכל דערפון וועלען מיר זעהן שפּעטער:

אַ פאַרהייראַטער מאַן, וועלכער האָט געלעבט אין דעם דרייצעהנטען יאָרהונדערט, דאָס הייסט, מיט אַן ערך זיבען הונדערט יאָר צוריק, איז פּלוצים פאַרשוואונדען. נאָכדעם ווי עס זיינען אַוועק מעהרערע יאָר, און מען האָט ניט געוואוסט פון זיין געבויין, האָט זיין אומגליקליכע פרוי, וואָס האָט געלעבט אין שפּאַניע, זיך געווענדעט צום „בית דין" פון דער שטאָדט טאָלידא, נאָך אַ „היתר", אַן ערלויבעניש, זי זאָל מעגען נאָך אַמאָל חתונה האָבען. האָבען, אָבער, די דיינים ניט ערפילט איר בקשה, און זיי האָבען געהאַלטען אין איין אָפּלעגען זייער באַשלוס, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער לעבט פאָרט ערגיץ איר מאַן, טאָר זי דאָך ניט חתונה האָבען איידער זי איז געגט פון איר ערשטען מאַן. איז די פרוי געביך געבליבען פאַר אַ צייט אַן אומגליקליכע „עגונה".

און וויפיעל באַווייזען די פרוי האָט צוגעשטעלט אַז איר מאַן איז שוין זיכער ניט צווישען די לעבעדיגע, האָט עס אַלץ ניט געהאָלפען. ווייל אין דעם בית דין איז געוועזען אַן אַלטער רב, אַ גרויסער צדיק, אַ ירא שמים, און דערצו נאָך איז ער געוועזען אַ גרויסער „מחמיר", און ער האָט ניט דערלאָזט אַז מען זאָל מתיר מאַכען דער פרוי חתונה צו האָבען.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין טאָלידאָ דער באַריהמטער גאון און מקובל ר' מאיר בן טודרוס הלוי אבולעפיא ז"ל. האָט די פרוי זיך געוואָלט ווענדען צו אים נאָך אַ „היתר". אָבער דער אַלטער פרומער דיין, האָט ניט ערלויבט דער פרוי זיך צו ווענדען צו דעם גאון וועגען דער דאָזיגער שאלה.

האָט דאָך אָבער דער קלוגער שלמה המלך שוין געזאָגט „לכל עת", אַז אויף יעדער זאַך קומט אַ צייט, איז דער אַלטער פרומער דיין, לא אליכם, קראַנק געוואָרען. האָט די פרוי אויסגענוצט די געלעגענהייט, און זי האָט זיך אַריינגעריסען צום בית דין פונקט ווען דער גאון ז"ל האָט זיך דאָרט געפונען. מיט אַ ביטער געוויין האָט זי אויסגעגאָסען איר אָנגעווייטאָגט האַרץ. שוין זעכצעהן יאָר ווי זי איז אַ וויסטע עגונה, און האָט געבעטען דעם גאון אַז ער זאָל מאַכען אַ סוף צו אירע אונערטרעגליכע ליידען.

דער גאון ז"ל איז שטאַרק גערירט געוואָרען פון דער פרוי'ס אומגליק, און ער האָט איר געהייסען אים איבערגעבען אַלע באַווייזען אַז איר מאַן איז שוין ניט צווישען די לעבעדיגע. נאָכדעם ווי די פרוי האָט אים צוגע־שטעלט אַלע באַווייזען, האָט דער גאון אַרויסגעגעבען אַ „פסק", אַז די פרוי

מעג חתונה האָבען. ער האָט געהייסען דעם בית דין זיך אונטערשרייבען, און די דיינים האָבען געפאָלגט. ווען דער אַלטער פרומער דיין איז געזונט געוואָרען, האָט דער גאון פון אים געפאָדערט אַז אויך ער זאָל זיך אונטער־שרייבען. מיט אַ צעבראָכען האַרץ האָט ער געפאָלגט, און ער האָט זיך אונטערגעשריבען געגען זיין ווילען.

די עגונה איז געווען אַ זעהר שעהנע און רייכע פרוי, האָבען שדכנים אָנגעהויבען „אָפּקלאַפּען די טירען". אָבער קיין שידוך איז ניט צושטאַנד געקומען, און מען האָט געזעהן קלאָר, אַז עפּעס אַ „געהיימע האַנט" דער־לאָזט ניט. ווייל דער אַלטער פרומער דיין, וואָס האָט געהאַלטען אַז די באַ־ווייזען זיינען ניט גענוג איר מתיר צו מאַכען צו האָבען חתונה, האָט גע־שטערט יעדען שידוך. וואָרום דער געוויסען האָט אים שטאַרק געביסען. ער האָט געהאַלטען אין איין פאַסטען, איז ניט געשלאָפען קיין נעכט, און ער האָט באַשלאָסען זיך אַרויסצולאָזען און געפינען דעם פאַרשוואונדענעם מאַן.

די פרוי האָט דערצעהלט דעם גאון אַז דער אַלטער פרומער דיין שטערט איר חתונה צו האָבען. האָט דער גאון אבולעפיא זי באַרוהיגט, און ער האָט איר געראָטען אַז זי זאָל זאָגען די שדכנים אַז זי איז זיינע אַ קרובה. און אַזוי שנעל ווי עס וועט זיך איר מאַכען אַ פּאַסענדער שידוך, קען זי דאָס דורכפיהרען ביי אים אין הויז. איז טאַקע די עגונה באַלד פאַר׳קנס׳ט געוואָרען, און עס איז באַשטימט געוואָרען אַז די חופה זאָל געשטעלט ווערען אין דעם הויז פון איר „קרוב", דעם גאון אבולעפיא.

ווען דער חופה־טאָג איז געקומען, האָט דער גאון באַפוילען אַז דער אַלטער פרומער דיין זאָל זיין דער „מסדר קידושין". ווען דער דיין האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ האַרץ־רייסענדען געוויין, און ער איז אַלץ אַרומגעלאָפען זוכען אפשר וועט ער פאָרט געפינען איר פריהערדיגען מאַן.

די שעה׳ן זיינען געגאַנגען, און ער איז אַלץ אַרומגעלאָפען זוכען דעם פאַרשוואונדענעם מאַן. פלוצים האָט ער דערזעהן אַ מאַן, וואָס לויט אַלע סימנים איז ער דער מאַן פון דער עגונה. האָט ער אים אָנגערופען ביים נאָמען, און דער מאַן האָט געענטפערט. דער דיין איז געווען זיכער אַז דאָס איז ער. האָט ער געלויבט דעם בורא עולם וואָס ער האָט אים מציל געווען פון אַזאַ האַרבע עבירה צו העלפען אַן אשת איש חתונה האָבען מיט אַ צווייטען מאַן.

דער „מאַן" האָט געפרעגט דעם דיין צי ער ווייסט וואו זיין פרוי גע־פינט זיך, און ער האָט אים געענטפערט אַז ער ווייסט, נאָר ער וואָלט וועלען אַליין זיין דער גוטער שליח אָנצוזאָגען דער פרוי די גוטע בשורה. דער־פאַר האָט ער געבעטען דעם „מאַן", ער זאָל געהן מיט אים אין זיין הויז און דאָרט וואַרטען, בעת ער אַליין וועט לויפען אָנזאָגען די גוטע בשורה. דער „מאַן" האָט מסכים געווען. דער דיין האָט אים אַוועקגעפיהרט צו זיך אין הויז אַריין, האָט אים געגעבען אַ גוטען מאָלצייט, מיט פיעל ווייך, און אַזוי ווי דער מאַן איז איינגעשלאָפען, האָט דער דיין פאַרשלאָסען די טיר,

און מיט גרויס שמחה איז ער געלאָפען צום גאון אין וועמענס הויז די חופה האָט שוין באַדאַרפט באַלד געשטעלט ווערען.

דער גאון האָט געהייסען דעם שמש אויסרופען אַז דער אַלטער פרומער דיין וועט זיין דער „מסדר קידושין״, אָבער דער דיין האָט זיך ענטזאָגט, און ער האָט אַפילו גענומען זיך אַמפּערען מיט דעם גאון אַז ער איז ניט מסכים צום „היתר״. דעם דיין׳ס שטעלונג האָט זעהר אויפגערעגט דעם גאון, און ער האָט זיך אָנגערופען צום דיין:

ווי איך זעה ביזטו געגען מיין באַשלוס מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט אַז ניט אַנדערש, נאָר אַז דו האָסט געפינען דעם פריהערדיגען מאַן פון דער כלה. און אויב יאָ, „זאָל אַ טויט קומען אויף אים״, און ער האָט באַפוילען דעם דיין צו געבען חופה וקידושין.

האָט דער אַלטער פרומער דיין ניט געהאַט קיין ברירה, און ער האָט געפאָלגט דעם גאון וואָס איז געווען דער נשיא, און ער האָט געגעבען חופה וקידושין. באַלד נאָך דער חופה איז ער געלאָפען צו זיך אַהיים צו ברענגען דעם „מאַן״ צום נשיא. אָבער קומענדיג אַהיים, איז ער ערשטוינט געוואָרען צו זעהן ווי דער „מאַן״ איז געלעגען אַ טויטער.

מיט אַ צעבראָכען האַרץ איז דער דיין באַלד צוריקגעלאָפען צום גאון, וואו אַלע מחותנים האָבען זיך נאָך געפונען, און ער האָט צו זיי געזאָגט: רבותי, מיר זיינען היינט דאָ באַגאַנגען צוויי שרעקלעכע פאַרברעכענס. ערש־טענס, האָבען מיר מסדר קידושין געווען אַן אשת איש (אַ פאַרהייראַטע פרוי). און צווייטענס, האָבען מיר גורם געווען דעם טויט פון אַ איד. וואָרום פון דער קללה פון אונזער גאון און צדיק, דער נשיא אבולעפיא, איז געטויטעט געוואָרען אַ נפש מישראל. און ער האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

זיינען, פאַרשטעהט זיך, אַלע אַנוועזענדע שטאַרק דערשיטערט געוואָרען. אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם. האָט דער גאון זיך אויפגע־שטעלט, און מיט אַ מוטיגען שמייכעל האָט ער געזאָגט צו דעם אַלטען פרומען דיין:

„ליבער פריינד, באַרוהיגט זיך. ווי איר ווייסט האָבען אונזערע חכמים ז״ל זיך שטאַרק באַמיהט „מקיל״ (גרינג) צו מאַכען פאַר אַן עגונה אַז זי זאָל קענען חתונה האָבען. אין דעם פאַל פון אַן עגונה נעמט מען אָן דאָס עדות זאָגען אַפילו פון אַזעלכע מענשען, וואָס אין אַנדערע פאַלען איז זייער עדות זאָגען ניט באַגלויבט. דאַגעגען, אָבער, געפינען מיר אַז אונזערע חכמים ז״ל האָבען שטאַרק מחמיר געווען פריי צו מאַכען אַ ווייב פון איר מאַן, כאָטש עס זיינען פאַראַן עדות וואָס זאָגען אַז זיי האָבען אַליין געזעהן דעם מאַן אין אַ לאַגע וואָס עס איז ניט מעגלעך אַז ער זאָל בלייבען לעבען, ווי למשל, ער איז אַריינגעפאַלען אין טיפע וואַסערען, אָדער אַ ווילדע חיה איז אים באַפאַלען. אין פלוג זעהט עס אויס ווי אַ סתירה, ווי קאָנטראַדיקציע, אָבער דער אונטערשייד איז אין דעם: ווען די עדים זאָגען אַז דער מאַן איז גע־שטאָרבען, מעגען זיי זיין אַפילו אונצופאַרלעסיגע מענטשען, אָבער ווי באַלד די תורה זאָגט, אַז לויט דעם דין זיינען זיי אין אַזעלכע פאַלען באַגלויבט, איז דער מאַן געוויס שוין געשטאָרבען. וואָרום

די תורה וועט שוין זעהן אַז דער מאַן זאָל ניט לעבען. אַנדערש, אָבער, איז עס אין דעם פאַל ווען די עדים זאָגען אַז דער מאַן האָט „געהאַלטען" ביי שטאַרבען. וואָרום אין אַזאַ פאַל, זאָגען אונזערע חכמים ז"ל אַז אַפילו ווען דער חלף ליגט אויף דעם האַלז איז נאָך אַלץ פאַראַן רחמים, און ער קען ניצול ווערען פון טויט. דערפאַר איז דער דין אַזוי: ווען עס האַנדעלט זיך וועגען „פיקוח נפש", וועגען ראַטעווען אַ מענשען, איז אַפילו ווען עס איז פאַראַן די מינדעסטע מעגליכקייט אַז מען קען אים ראַטעווען, מעג מען אַפילו מחלל שבת זיין אַבי צו טהון אַלץ אים צו ראַטעווען פון טויט. אָבער ווען דער „בית דין" איז מתיר אַן עגונה חתונה צו האָבען, ווייל לויט דעם דין תורה איז איר מאַן שוין ניט צווישען די לעבעדיגע, וועט שוין דער בורא עולם זעהן אַז דער מאַן זאָל ניט זיין צווישען די לעבעדיגע. און דער אמת איז אַז דער עגונה'ס מאַן איז שוין לאַנג ניט צווישען די לע־בעדיגע.

„אָבער איר, דיין, זייט דאָך אַ גרויסער חשוב אויף דעם עולם האמת. די פמליא של מעלה, דאָס הימלישע געריכט, האָט ניט געקענט צוזעהן אייער צער. אייערע טרעהרען האָבען אויפגעריהרט די עולמות העליונים, די אויבערשטע וועלטען. איז אויבען באַשלאָסען געוואָרען צו ברענגען דעם מאַן פון דער עגונה אין אייער הויז, אַז איר זאָלט זעהן מיט די אייגענע אויגען אַז ער איז טויט".

און דער גאון האָט געהייסען דעם דיין נעמען צוויי עדות און געהן אַהיים. און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דעם פאַרשלאָסענעם צימער האָבען זיי געפונען דאָס בעט אין וועלכען דער מאַן פון דער עגונה איז געשלאָפען — ליידיג. מיט אַ פרעהליך האַרץ איז דער דיין צוריקגעלאָפען צום גאון, און ער האָט זיך משמח געווען מיט אַלע געסט.

זעהען מיר דערפון, אַז סוף כל סוף מוז די גערעכטיגקייט געווינען. סאַי דער גאון און סאַי דער דיין האָבען עס ביידע געמיינט נאָר לשם שמים. דערפאַר זיינען ביידע ניט געשטרויכעלט געוואָרען.

און דאָס נעמליכע איז געווען מיט משה רבנו. אַלץ וואָס ער האָט גע־טהון, איז נאָר געווען אויסצופאָלגען כביכול'ס באַפעהל. אָפט מאָל האָט דאָס פאָלק אים ניט פאַרשטאַנען, פונקט ווי דער אַלטער פרומער דיין האָט ניט פאַרשטאַנען דעם נשיא, גאון און צדיק אבולעפיא.

איז געגאַנגען משה, און ער האָט אָנגעהויבען איבער'חזר'ן מיט די אידען די גאַנצע תורה. דערפאַר טאַקע, אגב, הייסט דער חומש דברים אויך „משנה תורה". הויבט זיך אָן די סדרה מיט „אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל". זאָגט דאַרויף דער ווילנער גאון ז"ל, אַז דאָס ערשטע וואָס משה האָט פון זיי פאַרלאַנגט איז געווען „כל ישראל", זיי זאָלען זיך האַלטען אחדות.

און משה האָט אונטערשטראָכען אַז „ה' אלקיכם הרבה אתכם... יוסף עליכם ככם אלף פעמים". באַמערקט דאַרויף רש"י ז"ל „זו משלי הוא", ערקלעהרט עס דער „פנים יפות" ז"ל אַזוי: נאָך דער זינד פון דעם „עגל הזהב", האָט כביכול געזאָגט צו משה'ן „ואעשה אותך לגוי גדול". די זעלבע ווער־טער זיינען אויך געזאָגט געוואָרען נאָך דער זינד פון די מרגלים. און אונ־

זערע חכמים ז״ל זאָגען אַז אַ מידה טובה איז פינף הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי אַ מידה פון פורעניות. קומט, אַלזאָ, אויס אַז נאָך דעם טאָפּעלטען צוזאָג פון „ואעשה אותך לגוי גדול", דאַרף טאַקע זיין „אלף פעמים".

און ווייטער זאָגט אונז די סדרה „פנו לכם צפונה... אתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו". זאָגט דאַרויף דער „כלי יקר" ז״ל אַ וואָרט וואָס גלות־אידען בכלל, און אַמעריקאַנער אידען בפרט, וואָלטען באַדאַרפט גוט אין זינען האָבען. נעמליך, ווען אידען געפינען זיך צווישען בני עשו, צווישען גוים, זאָלען זיי שטענדיג אין זינען האָבען דעם כלל פון „פנו לכם צפונה" באַהאַלטען און פאַרבאָרגען (צפון איז אויך דער טייטש פאַרבאָרגען). אויב אַ איד אין גלות האָט זיך ערוואָרבען אַביסעל רייכטום, זאָל ער דאָס ניט אַרויסווייזען, און אויפרייסען די אויגען פון די גוים. אַי, וואָלטען געוויסע אַמעריקאַנער אידען באַדאַרפט דאָס אין זינען האָבען!

אנשטאָט אויסצוגעבען צעהנדליגער טויזענטער דאָלאַרען אויף „מינק פעלצען", ווען זיי וואָלטען אויסגעגעבען דאָס געלט אויף צו ערציהען זייערע קינדער אין דעם אידישען וועג, וואָלטען דאָך זייערע קינדער ניט געווען אַזעלכע גראָבע יונגען אין אידישקייט.

אָט הערט אַ מעשה שהיה:

אַ צעפּיעשטשעט רייך אינגעל האָט געהערט ווי די מאַמע רופט דעם טאַטען חיים, האָט ער אים אויך גערופען חיים. ווען דאָס אינגעל איז אונטער־געוואַקסען, און האָט געלערענט עברי, האָט דער טאַטע אים מיטגענומען אין שוהל אַריין, און ער האָט אים, אגב, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל אים ניט רופען חיים נאָר, „פּאַפּאַ". געווען איז עס ראש השנה, און ווען עס איז געקומען צו דער שמונה עשרה, האָט דאָס אינגעלע, אנשטאָט צו זאָגען „זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלקים חיים" געזאָגט „זכרנו לפּאַפּאַ, מלך חפץ בעפּאַפּאַ, וכתבנו בספר האַפּאַפּאַ, למענך אלקים פּאַפּאַ".

ואתחנן

אין דער היינטיגער סדרה „ואתחנן", זעצט משה רבינו פארט די געשיכטע פון די פריהערדיגע פאסירונגען. ער דערמאנט נאכאמאל די אידען וועגען די מצוות. ער ווידערהאלט די עשרת־הדברות. ער זאגט זיי אן „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד". אידען זאלען געדענקען, אז עס איז פאראן בלויז איין בורא עולם. און ער גיט אויך א זאג צו די אידען „לא את אבותינו כרת ה' את הברית הזאת, כי אתנו אנחנו אלה פה היום כלנו חיים. פנים בפנים דבר ה' עמכם בהר מתוך האש". זאגען די חכמים און רש"י ז"ל אויף דעם ארט: משה האט געזאגט די אידען „איר זאלט ניט מיינען אז איך וויל אייך פארפיהרען, ווי א מעקלער טהוט עס ווען ער וויל דורכפיהרען א מסחר צווישען א פארקויפער און א קויפער. ניין. ניט בלויז מיט אונזערע אבות, מיט אונזערע אור־עלטערען, האט דער אויבערשטער געשלאסען א בונד, נאר מיט אונז אלע, מיט אלע אידען, פון אלע צייטען".

און די היינטיגע סדרה זאגט אונז בפירוש „כי עם קדוש אתה לה' אלוקיך, להיות לו לעם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה". אז די אידען זיינען א הייליג פאלק, און אז דער אויבערשטער האט אויסדערוועהלט די אידען פון צווישען אלע פעלקער אין דער וועלט אלס זיין געליעבטען אוצר.

אט דאס וואלט יעדער איד בעדארפט שטענדיג געדענקען. עס זיינען טאקע פאראן רשעים, וואס טענה'ן: ס'טייטש, וואס הייסט עס עפעס! קומען אידען און טענה'ן אז זיי זיינען „דאס אויבערשטע פון דעם 'שטויסעל'"! און עס זיינען פאראן, ליידער, טאקע אויך מאחינו בני ישראל, וואס דער „געוויסען" בייסט זיי פארוואס אידען האלטען זיך פאר אן אויסדערוועהלט פאלק. זיי האלטען אז עס פאסט ניט פאר די גוים, אז עס שאפט אנטיסעמי־טיזם, ווייל עס פארדריסט די גוים, וואס דער איד באטראכט זיך העכער פאר דעם גוי. דער דאזיגער קלאס אידען איז מעהרסטענס דער רייכער קלאס. עס זיינען פאראן גוים וואס פארגינען ניט דעם אידען זיין רייכטום. עס רעגט זיי ממש אויף, און זיי ווערען דאדורך אנטיסעמיטען. פונדעסט־וועגען האט נאך קיין איינער פון אט די דאזיגע רייכע אידען אויפגעהערט צו „מאכען געלט", ווייל עס שאפט אנטיסעמיטיזם! זאג איך נאך אמאל, אז יעדער איד, מאן און פרוי, יונג און אלט, רייך און ארעם, דארף מיט שטאלץ טראגען דעם יחוס־בריף אז מיר אידען זיינען אן „עם קדוש", אן הייליג פאלק, אן „עם סגולה", א געליעבטער אוצר, וואס כביכול אליין האט פאר זיך אויסדערוועהלט. יא, מיר זיינען אן אויסדערוועהלט פאלק! מיר דארפען אפילו זיך ניט נעמען די מיה צו „באווייזען" אז מיר זיינען דאס אויסערוועהלטע פאלק. מיר דארפען אפילו ניט באנוצען אזא שלאגענדען

באַוויז ווי, למשל, מיר זיינען דאָס איינציגע פאָלק וואָס האָט געגעבען דער וועלט אַ תורה, נביאים. נייך. מיר אידען דאַרפען ניט קיין באַוויזען. די תורה זאָגט בפירוש, אַז כביכול האָט אויסדערוועהלט דאָס אידישע פאָלק, און דאָס איז געגוג, און מעהר ווי גענוג.

און איצט, וועלען מיר לערנען אַ שטיקעלע מהר״ם שיף. מיר געדענקען דאָך נאָך פון „חדר״, אַז צו מהר״ם שיף דאַרף מען „צולייגען קאָפּ״, איז הערט זשע: משה האָט געזאָגט צום אויבערשטען „אתה החילות להראות את עבדך... אעברה נא ואראה את הארץ הטובה״. דו האָסט אָנגעהויבען... איז לאָז זשע מיך אַריבערגעהן דעם ירדן און זעהן דאָס גוטע לאַנד. דער דין איז (חושן משפט סימן רכא) אַז ווען אַ פאַרקויפער און אַ קויפער (קונה) קענען זיך ניט אייניגען אויף דעם פרייז, נעמליך, דער קונה וויל געבען ווייניגער ווי דער פאַרקויפער פאַרלאַנגט, און ער געהט אַוועק, אָבער שפּעטער קומט דער פאַרקויפער צום קונה און זאָגט צו אים „קום און נעם די זאַך״, מיינט עס, אַז דער פאַרקויפער איז מסכים צום קונה׳ס פרייז, און ער קען נישט חרטה האָבען. און פאַרקערט איז אויך דאָס זעלבע. נעמליך, אויב דער קונה קומט צום פאַרקויפער און הייסט זיך געבען דעם חפץ, הייסט עס, אַז ער איז מסכים צום פאַרקויפערס פרייז, און ער קען ניט חרטה האָבען.

אַלזאָ ווען דער אויבערשטער האָט געהייסען משה׳ן געהן קיין מצרים אויסלייזען די אידען, האָט משה אים געענטפערט: „שלח נא ביד תשלח״. טייטשען אונזערע חכמים ז״ל „ביד מי שיכניס לארץ״. נעמליך, משה האָט פאַרלאַנגט, אַז דער שליח וואָס וועט אַרויספיהרען די אידען פון מצרים, זאָל זיי אויך אַריינפיהרען קיין ישראל. און דאַן האָט דער אויבערשטער געענט־פערט „לך נחה את העם״... געה, פיהר דאָס פאָלק.

דערפאַר האָט משה רבינו איצט גע׳טענה׳ט, אין דער היינטיגער סדרה, **„אתה החילות״, דו אַליין האָסט דאָך אָנגעהויבען! ווען איך האָב דיר פאַר־**געשלאָגען אַז דער וואָס וועט די אידען אַרויספיהרען פון מצרים, דער זאָל זיי אַריינפיהרען קיין ישראל, האָסטו דאָך דער ערשטער איינגעשטימט און געזאָגט „געה פיהר דאָס פאָלק״. דו האָסט אָנגענומען מיין פאַרשלאָג. איז אויב אַזוי „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה״, לאָז זשע מיך אַריבערגעהן און זעהן דאָס גוטע לאַנד.

אַי, איז דאָך די קשיא, צו וואָס האָט משה רבינו געזאָגט „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה״? — לאָמיך אַריבערגעהן און זעהן דאָס גוטע לאַנד! עס איז דאָך קלאָר, אַז ער וועט אַריינגעהן קיין ישראל, וועט ער זעהן דאָס לאַנד. האָט שוין ר׳ מנחם מענדעל קאָצקער ז״ל געגעבען אויף דעם אַ קלוגען ענטפער. נעמליך, משה האָט געבעטען, אַז ער וועט אַריינקומען אין דעם לאַנד אַריין, זאָל ער זוכה זיין צו זעהן די גוטע זייט פון דעם לאַנד, ער זאָל זעהן „הארץ הטובה״.

אָט זיינען געקומען די מרגלים קיין ארץ ישראל. האָבען יהושע בן נון און כלב בן יפונה געזעהן בלויז גוטס. אָבער די אַנדערע צעהן מרגלים האָבען געזעהן בלויז שלעכטס. וואָס דאַרפט איר מעהר, מען דאַרף גאָרנישט צוריקגעהן אַזש צו די מרגלים וואָס האָבען געלעבט מיט אַ דריי טויזענט

פינף הונדערט יאָר צוריק. אין אונזערע אייגענע צייטען פּאַסירט אויך, אַז יעדער מענש זעהט דאָס וואָס ער ווי ל זעה ן.

אַט הערט אַ מעשה שהיה, וואָס וועט דינען אַלס אַן אויסגעצייכענטער ביישפּיעל. אַ איד אַ שוחט, אַ למדן און אַ ירא שמים, פון אַ קליין ליטוויש שטעדטעל, איז אַמאָל געפאָהרען קיין בערלין אויף אַ באַזוך צו זיינעם אַ זוהן. נו, איז וואו פאַרברענגט אַזאַ איד זיין צייט? אין דער „גרענאַדיר שטראַסע" וואו עס זיינען געווען בתי־מדרשים, ישיבות, תלמיד תורה׳ס, און וואוהין ער איז אַריינגעגאַנגען איז מען געזעסען און מען האָט געלערענט, מען האָט געדאַווענט, געזאָגט תהלים און אַזוי ווייטער. ווען ער איז געקומען אַהיים, און מען האָט אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ מין שטאָדט איז בערלין, האָט ער געענטפערט, אַז בערלין איז נאָך פרומער און אַז מען לערענט דאָרט נאָך מעהר אפילו ווי אין זיין שטעדטעל.

צו גלייכער צייט איז אויך דער „אַפּטייקער" פון זיין שטעדטעל געווען אויף אַ באַזוך אין בערלין. און דער אַפּטייקער האָט, פאַרשטעהט זיך, פאַר־בראַכט זיין צייט אויף דעם „קורפירסטענדאַם", וואו עס האָבען זיך געפונען אַלע נאַכט־קלובען, קאַבאַרייען, אויסגעלאַסענע הייזער און אַזוי ווייטער. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט מען אים געפרעגט וואָס פאַר אַ מין שטאָדט בערלין איז. האָט ער געענטפערט, אַז אַזאַ אויסגעלאַסענע שטאָדט ווי בערלין, די הויפּט־שטאָדט פון דייטשלאַנד, איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז דאָרט ניטאָ קיין אידיש לעבען. די גאַנצע שטאָדט איז פול מיט אויס־געלאַסענקייט און אַזוי ווייטער.

איז ווי איר זעהט ווענדעט זיך וואוהין איינער געהט און וואָס ער וויל זעהן. ווי זאָגען אונזערע חכמים ז"ל, מען פיהרט יעדען איינעם אין דעם וועג אין וועלכען ער וויל געהן. אַזוי איז עס געווען מיט די מרגלים. עס זיינען געגאַנגען אויסקוקען דאָס לאַנד צוועלף אויסזעהער. איז צעהן האָבען געזעהן דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט זעהן. די צעהן זיינען געווען פאַררעטער, האָבען זיי געזעהן בלויז דאָס שלעכטע. יהושע בן נון און כלב בן יפונה זיינען געווען אידישע פּאַטריאָטען האָבען זיי געזעהן בלויז דאָס גוטע.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט משה רבינו. אַט דער משה, וואָס האָט אַרויסגעפיהרט די אידען פון מצרים: אַט דער משה וואָס איז געווען דער „אדון הנביאים"; אַט דער משה וואָס האָט געשפּאָלטען דעם ים, געגעבען די אידען מן אין דער מדבר; אַט דער משה וואָס האָט געגעבען די אידען און דער וועלט אַ תורה; אַט דער משה האָט געוואָלט זעהן „הארץ הטובה". ער האָט געוואָלט זעהן די גוטע זייט פון דעם לאַנד. יעדער מענש, יעדע זאַך, יעדער ווערק, יעדער פאָלק, האָט אין זיךביידע זאַכען, גוטס און שלעכטס. דער מענטש וואָס איז בטבע אַ שלעכטער, אורטיילט די זאַך פון דער שלעכטער זייט. וויל ער ו ו י ל אורטיילען שלעכטס, זוכט ער בלויז דאָס שלעכטע. דער גוטער מענש וויל אורטיילען פון דער גוטער זייט, זוכט ער בלויז דאָס גוטע. און יעדער איינער געפינט דאָס וואָס ער זוכט.

זעהט דאָס גוטסקייט, די אַנשטענדיגקייט, די מענשליכקייט פון משה רבינו. ער האָט געוואָלט כסדר באַווייזען דעם רבונו של עולם וואָס פאַר אַ גוט פאָלק די אידען זיינען. איז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה׳ן

ער זאָל רעדען צום שטיין וועט ער געבען וואַסער, איז געגאַנגען משה און אָנשטאָט צו רעדען צום שטיין, האָט ער אים גאָר געשלאָגען. און דערפאַר האָט דער אויבערשטער אים באַשטראָפט, און ער האָט אים ניט געלאָזט אַריינפיהרען די אידען אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד. דאָס איז געווען די גרעסטע שטראָף וואָס משה רבינו האָט געקאָנט ליידען, און ער האָט געוואוסט אַז דאָס ליידעט ער פאַר די אידען. אַ סימן, אין דער היינטיגער סדרה שטעהט דאָך בפירוש „ויתעבר ה׳ בי למענכם״, אַז דער אויבערשטער האָט געשטראָפט משה׳ן פאַר דעם חטא פון שלאָגען דעם שטיין. געדענקט זשע אַז עס שטעהט „למענכם״, אַז געשטראָפט איז משה געוואָרען צוליב די אידען. געדענקט זשע, אַז משה איז ניט געשטראָפט געוואָרען צוליעב עגאָאיסטישע מאָטיווען. ער האָט ניט געזוכט, ווי מאַנכע פיהרער, כבוד צי אַנדערע פאַרגעניגענס פאַר זיך פערזענליך. נאָר ער האָט געזוכט טובת הכלל. ער האָט געזוכט דאָס וואָס איז גוט פאַר דעם גאַנצען פאָלק ישראל. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז ווי באַלד ער וועט ר ע ד ע ן צום שטיין, און דער שטיין וועט געבען וואַסער, קען דאָך דאָס שאַדען די אידען. וואָרום מען וועט דאָך קענען זאָגען: אַפילו אַ שטיין פאָלגט, ווען דער אויבערשטער זאָגט, און דאָס פאָלק ישראל פאָלגט ניט. האָט ער מיט אַ כונה ג ע ש ל אָ ג ע ן דעם שטיין. און ר׳ יונתן אייבישיץ ז״ל באַמערקט שוין, אַז משה רבינו האָט געזאָגט „למענכם״, די זינד פון שלאָגען דעם שטיין בין איך באַגאַנגען „למענכם״, צוליב אייך, כדי דער קטרוג זאָל ניט קענען זאָגען אַז אַפילו אַ שטיין איז מעהר געהאָרכזאַם פון די אידען. אַט אויף אַזוי פיעל האָט משה רבינו ז״ל זיך מקריב געווען פאַר די אידען. אפילו זיין פרעסטיזש האָט ער געשטעלט אין קאָן, אבי צו פאַרטיידיגען די אידען. אגב, ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט ער אויסגערופען, זאָלען ליבער טויזענט משה׳ס אונטערגעהן, אַבי איין איד זאָל ניט ליידען!

איז אָבער די צרה מיט אונז אידען, וואָס מיר פאַרלאָזען זיך שטענדיג אויף די משה׳ס. מיר טראַכטען זיך: נישט׳קשה, מיר קענען אָפּטהון אַלע מיאוסע זאַכען, עס וועט שוין קומען אַ משה, און ער וועט זיך אָננעמען ביי דעם רבונו של עולם פאַר אונזערע קריוודעס. און דאָס איז אַ פאַלשער צוגאַנג.

די היינטיגע סדרה זאָגט אונז „כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו״. איז אַט הערט: איינער האָט אַמאָל געשיקט אַ שליח צום חפץ־חיים ז״ל, ער זאָל בעטען ביי אים אַ ברכה פאַר זיינעטוועגען. האָט דער חפץ חיים געענטפערט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל: „אוי, וועה, איין קבצן שיקט אַ צווייטען קבצן ער זאָל אויסבעטען פאַר אים אַ ישועה ביי אַ דריטען קבצן. נו, איז דאָס ניט צום לאַכען! וואָלט דען ניט פיעל בעסער געווען ווען דער באַדערפטיגער וועגדעט זיך אַליין צו דעם אמת׳ן בעל־הישועה. צו דעם וואָס ער אַליין איז דער יעניגער וואָס קען העלפען. דער אמת׳ער בעל הישועה איז דאָך אַזוי נאָהענט, אַז יעדער מענש קען לייכט אָנקומען צו אים. וואָרום „כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו״.

איז טאַקע אמת, אַז יעדער מענטש קען פערזענליך אָנקומען צום רבונו של עולם, און ער דאַרף ניט קיין פאַרמיטלער. אָבער ווייסט איר ווער עס דאַרף יאָ פאַרמיטלער די גבירים. וואָרום דער שטייגער פון דער וועלט איז,

אַז אַזוי שנעל ווי איינער ווערט רייך, ווערט ער אַ גאַנצער תקיף, און ער מיינט, אַז ער האָט שוין אָנגענומען כביכול ביי דער באָרד. זאָגט דערויף דעם „פּנים יפות" ז"ל, אַז דאָס וואָס עס שטעהט אין דער היינטיגער סדרה „ובכל נפשך ובכל מאדך", מיינט עס, אַז אויך דאַן ווען עס געהט דיר גוט, דו ביסט געוואָרען אַן עושר, זאָלסטו ניט פאַרגעסען אַז עס איז פאַראַן אַ בורא־עולם.

און אגב וועל איך אייך איבערגעבען נאָך אַ גוטען טייטש: דער „ספר הקדוש" זאָגט: עס שטעהט „ובכל נפשך ובכל מאדך". עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס זיינען שטענדיג גרייט צו טהון אַ דבר מצוה מיט זייער גאַנצען גוף, מיט זייער גאַנצען קערפּער, מיט אַלע כוחות. זיי וועלען אייך אַוועק־געבען צייט און מיה, אָבער טאָמער דאַרף עס קאָסטען אַ פּאָר מטבעות, איז קיינער ניטאָ אין דער היים, דאָס וועלען זיי ניט טהון. עס זיינען, אָבער, פאַראַן מענשען וואָס געבען אַ נדבה איז ביי זיי דאָס גרינגסטע. אָבער טאָמער פאָדערט זיך אַרבעט, געהן, לויפען, דאָס ניט. דאָס קען מען ביי זיי ניט פּועל'ן. אָט דערפאַר זאָגט די היינטיגע סדרה „ובכל נפשך ובכל מאדך". אַ איד דאַרף אין זינען האָבען ביידע זאַכען. ער מוז זיך מקריב זיין פאַר אַ אידען מיט ביידע זאַכען, סאַי מיט געלט, סאַי מיט דעם גוף.

עקב

דרך מיר ווייסען, ווערט די תורה אויסגעטייטשט על פי פרד"ס, נעמליך, לויט פשט, רמז, דרש, סוד. דאָס הייסט, אונזער תורה איז, פשוט גערעדט, אַ שטייגער ווי גומילאַסטיק. מען קען ציהען ווי מען וויל. מען קען זי אויס־טייטשען אויף אונצעהליגע אופנים. האָבען דאָך שוין אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט „הפוך בה והפוך בה דכולא בה", אַז די תורה פאַרמאָגט אין זיך אַלץ, און וואָס מעהר מען לערענט, אַלץ מעהר געפינט מען טאַקע אין איר.

אָבער די הויפּט סיסטעמען, לויט וועלכע די תורה ווערט אויסגעטייטשט, איז „פשט", נעמליך, מען טייטשט דעם פסוק לויט דעם „פּראָסטען פשט". מען טייטשט דאָס וואָרט, ווי דער טייטש פון דעם וואָרט איז איבעראַל. עס זיינען פאַראַן ערטער אין תנ"ך וועלכע מען קען טייטשען על פי „רמז", דורך אָנווינקען. אויף פשוט אידיש וואָלט מען געקאָנט זאָגען „צווישען די שורות". מען דרינגט אַריין אין פסוק אַ וואונק אויף עפּעס אַ געדאַנק, כאָטש אין די ווערטער גופא דריקט זיך ניט אויס דער געדאַנק. נאָך אַ מעטאָדע פון טייטשען דעם פסוק איז דער „דרש", מען טייטשט אויס דאָס וואָרט אַנדערש ווי דער „פּראָסטער פשט" פון דעם וואָרט איז, און דער טייטש איז ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר ער איז באַזירט אויף אַנדערע פסוקים. די פערטע מעטאָדע איז „סוד".

האָט איינער אַמאָל געוואָלט מען זאָל אים ערקלעהרען די באַדייטונג פון פרד"ס מיט אַן אילוסטראַציע, כדי עס זאָל אים זיין לייכטער צו פאַרשטעהן. איז אָבער דער ערקלעהרער געווען אַ שטיקעל לץ, האָט ער אים געענטפערט: „אָט נעמט למשל, דעם פסוק, „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה". דער „פּראָסטער פשט" איז, אַז יעקב איז אַוועקגעגאַנגען פון באר שבע, און ער איז געגאַנגען קיין חרן. על פי „רמז" מיינט עס, אַז יעקב האָט פאַרלאָזט באר שבע און דערמיט מרמז געווען, אַנגעוואונקען, אַז ער געהט קיין חרן. דער „דרש" פון דעם פסוק איז, אַז כאָטש יעקב איז אַוועקגעגאַנגען פון באר שבע, איז ער אָבער דאָך אָנגעקומען קיין חרן. און על פי „סוד"... אָבער, אַזוי ווי עס איז אַ סוד, קען איך דיר ניט אויסזאָגען".

דערצעהל איך עס אייך אַנטקעגען דעם וואָרט „עקב". אונזערע חכמים ז"ל זאָגען, אַז „בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו". אַז אברהם אבינו האָט שוין צו דריי יאָר דערקענט אַז עס איז פאַראַן אַ וועלט־באַשעפער. אויף וואָס אייגענטליך בויען די חכמים ז"ל די דאָזיגע באַהויפּטונג? אין דער תורה ווערט עס דאָך ניט דערמאָנט? נאָר זיי דרינגען דאָס פון דעם וואָרט „עקב". דער אויבערשטער האָט, נעמליך, געזאָגט צו יצחק אבינו, אַז ער וועט אים בענטשען, מעהרען זיינע נאָכקומענדע ווי די שטערען פון דעם הימעל, „עקב אשר שמע אברהם בקולי...", דערפאַר וויל אברהם האָט זיך צוגע־

הערט צו מיין קול, און ער האָט אָפּגעהיט מיינע מצוות. דרש'ענען די חכמים ז"ל אַזוי: די צאָהל פון די אותיות פון דעם וואָרט „עקב" באַטרעפט הונדערט צוויי און זיבעציג, נעמליך: „ע" איז זיבעציג, „ק" איז הונדערט, און „ב" איז צוויי. אברהם אבינו האָט געלעבט הונדערט און פינף און זיבעציג יאָר. אַלזאָ, עקב אשר שמע אברהם בקולי, הונדערט און צוויי און זיבעציג יאָר האָט אברהם מיך געפאָלגט, איז געגאַנגען אין מיינע וועגען, האָט אָפּגעהיט מיינע מצוות און מיינע געזעצען. האָט ער שוין, פאַרשטעהט זיך, געמוזט האָבען אָנערקענט דעם בורא עולם ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר.

און די היינטיגע סדרה הויבט זיך אָן: „והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה"... און „עקב" מיינט אויך טריט. וואָלטען מיר באַדאַרפט געהן אין דעם „עקב" פון אונזער פאָטער אברהם, און זעהן אַז ווען אונזערס אַ קינד ווערט אַלט דריי יאָר, זאָל מען אים שוין אָנהויבען פיהרען אין אברהם'ס טריט, און אים אָנהויבען ערציהען אין דעם אידישען וועג. אין דער אַלטער היים האָט מען טאַקע אַזוי געטהון. ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרען דריי יאָר, האָט מען אים איינגעוויקעלט אין אַ טלית און געטראָגען אין חדר אַריין. נו, זיינען זיי טאַקע אויסגעוואַקסען אידישע אידען מיט תורה און מעשים טובים. און דער פשיסכער רבי ז"ל (מאַנכע זאָגען דער קאָצקער) האָט שוין געטייטשט „והיה עקב תשמעון", דער סוף וועט דאָך זיין אַז איר וועט זיך סאַי ווי מוזען צוהערען. איז דאָך שוין טאַקע גלייכער וואָס פריהער. וואָרום אָפּלעגען טויג ניט. הלל הזקן האָט שוין געזאָגט „ואל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה" . לעג ניט אָפּ אויף מאָרגען, אויף שפּעטער, וואָרום אפשר האָסטו גאָרניט קיין מאָרגען, קיין שפּעטער. וואָלטען די אידישע עלטערען זיך באַדאַרפט גוט אַריינטראַכטען אין דעם.

און צווישען די פילע זאַכען וואָס משה רבינו רעכענט אויס אין דער היינטיגער סדרה, וואָס דער אויבערשטער האָט געטהון פאַר די אידען, דער־מאָנט ער זיי „ויאכילך את המן", אַז ער האָט זיי געגעבען מן צו עסען. ווי באַוואוסט, האָט דאָך יעדער איד באַקומען די מאָס מן, וואָס ער האָט נויטיג געהאַט פאַר דעם געברויך. די תורה זאָגט דאָך בפירוש „איש לפי אכלו". יעדער איינער האָט געקריגען, וויפיל ער האָט באַדאַרפט. היינט אויב אַזוי, איז ווי זשע האָבען די גבירים פון יענעם דור געקאָנט מקיים זיין די מצוה פון צדקה? האָט מען דאָס שוין אַמאָל געפרעגט ר' אייזל חריף ז"ל, און ער האָט געענטפערט: ווי באַוואוסט, האָט דער מן ענטהאַלטען אַלע טעמים אין דער וועלט. האָט איינער געוואָלט פיהלען דעם טעם פון„ געבראָטענס", האָט ער געפיהלט. האָט איינער געוואָלט פיהלען דעם טעם פון געפרעגעלטע חלה (פּרענטש טאָוסט), פון שאָקאָלאָדע, האָניג, וויין, רומענישע גראַשיצע, מאַמעליגע... האָט ער געפיהלט. אַזוי ווי אָבער אָרימעלייט וייסען דאָך ניט וואָס גוט איז, האָבען די גבירים געזאָגט די אָרימעלייט וואָס פאַר אַ טעמים זיי זאָלען זיך נעמען אין זינען אַריין. און אָט דאָס איז געווען די צדקה וואָס זיי האָבען דאַן געגעבען. אגב, דאָס איז געווען אַ צדקה, וואָס האָט די גבירים גאָרניט געקאָסט.

די היינטיגע סדרה זאָגט אונז (ח, ו): „ללכת בדרכיו וליראה אותו", און אַ ביסעל ווייטער (י, יב): „ליראה את ה' אלוקיך, ללכת בכל דרכיו, ולאהבה

אותו". און נאָך אַ ביסעל ווייטער זאָגט דער פסוק (יא, כב): "לאהבה את ה' אלוקיכם, ללכת בכל דרכיו, ולדבקה בו".

אַלזאָ, אין דעם ערשטען פסוק שטעהט פריהער "צו געהן אין זיינע וועגען", און ערשט דערנאָך "צו מורא האָבען פאַר אים". אין דעם צווייטען פסוק שטעהט פריהער "צו מורא האָבען פאַר אים", דערנאָך צו געהן אין זיינע וועגען", און ערשט צום סוף "אים ליעב צו האָבען". און אין דעם דריטען פסוק ווערט געזאָגט, פריהער "אים ליעב צו האָבען", נאָכהער "צו געהן אין זיינע וועגען", און צום סוף "און זיך צו באַהעפטען אין אים". איז פאַרוואָס שטעהט דאָס לשון אַנדערש אין אַלע דריי פסוקים?

האָט שוין דער חפץ חיים ז"ל געגעבען דערויף אַ גלענצענדע ערקלער־רונג: עס זיינען פאַראַן דריי מדרגות אין דינען דעם אויבערשטען. די ערשטע מדרגה איז "יראה", מורא צו האָבען פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט. די צווייטע מדרגה, וואָס איז העכער פון דער ערשטער, איז "אהבה", ליעב צו האָבען דעם פאָטער אין הימעל. און די דריטע מדרגה, וואָס איז העכער פון די אַנדערע צוויי, איז "דבקות", זיך צו באַהעפטען מיט דעם גאַנצען האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה אין דעם אַלמעכטיגען.

ווען עס קומט צו עבודת הבורא, צו דינען דעם אויבערשטען, דאַרף אַ איד זיך געבען די גרעסטע מיה צו שטייגען אַלע מאָל העכער, צו שטייגען אַלע מאָל צו אַ העכערער מדרגה. איז צו ערשט דאַרף ער זיך געוואוינען צו געהן אין דעם אויבערשטען'ס וועגען, ביז ער וועט דערגרייכען די ערשטע מדרגה פון "יראה", פון מורא צו האָבען פאַר דעם באַשעפער. דאַן "ליראה... ולאהבה". האָסטו שוין דערגרייכט די מדרגה פון "יראה", זאָלסטו זיך באַ־מיהען צו דערגרייכען די העכערע מדרגה פון "אהבה", פון ליעב צו האָבען דעם פאָטער אין הימעל. און דאַן "לאהבה... ולדבקה בו", האָסטו שוין דערגרייכט די מדרגה פון "אהבה", פון אים ליעב צו האָבען, איז "ללכת בכל דרכיו ולדבקה בו", איז שטעל זיך ניט אָפּ, נאָר געה ווייטער אין זיינע וועגען ביז דו וועסט דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון "ולדבקה בו" — פון באַ־העפטען זיך אין אים מיט דעם גאַנצען האַרץ, מיט דער גאַנצער נשמה.

און אָט הערט ווי אונזערע גדולים האָבען געפיהלט וועגען עבודת הבורא: ר' פנחס, דער "בעל הפלאה" ז"ל, האָט אויף דער עלטער שטאַרק געליטען, לא אליכם, אויף ביידע אויגען. האָבען די פראַנקפורטער גבירים אַראָפּגעבראַכט אַ באַריהמטען ספעציאַליסט, ער זאָל אים אַראָפּנעמען דעם שטאַר פון די אויגען. אָבער דער רבי האָט מסכים געווען זיך צו לאָזען אויס־היילען בלויז איין אויג. אַז די גבירים האָבען אָנגעהויבען צושטעהן און גע'טענה'ט: ס'טייטש, רבי, אַן אויג? האָט ער געענטפערט, אַז מען וויל באמת לערנען און דאַווענען, קען מען דאָס טהון מיט איין אויג.

און צו פאַרשטעהן די העכסטע מדרגה פון "דביקות", איז כדאַי צו וויסען, אַז ר' שניאור זלמן לאַדיער, דער "רב", ז"ל, פלעגט זאָגען: "רבונו של עולם, איך וויל ניט דיין גן־עדן, און איך וויל ניט דיין גיהנם, איך וויל דיך אַליין". אָט דאָס הייסט "דביקות", זיך באַהעפטען אין דעם בורא עולם. ניט דער שכר פון טהון די מצוה איז וויכטיג, נאָר דאָס טהון גופא פון דער

מצוה איז די הויפּטזאַך. וואָרום מעשים טובים, לערנען, דאַווענען, איז דער שליאַך, די סטעזשקע, וואָס פירט צו דביקות.

איז טאַקע כדאי צו וויסען, אַז ווען אַ חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם צאַנזער רבי׳ן, ר׳ חיים, ז״ל, וואָס ער טהוט פאַר דעם דאַווענען, האָט ער געענטפערט, אַז פאַר דעם דאַווענען דאַווענט ער.

דאַרף טאַקע אַ איד כסדר אין זינען האָבען דעם באַשעפער פון דער וועלט, און אים ניט פאַרגעסען אויף קיין איין מינוט. די היינטיגע סדרה זאָגט „והיה אם שכוח תשכח את ה׳ אלוקיך...״ דערצעהלט די וועלט: ר׳ משה קאָברינער ז״ל, האָט אַמאָל באַמערקט ווי איינער פון זיינע חסידים איז לעצטענס עפּעס שטאַרק פאַר׳מרה־שחורה׳דיג. טהוט ער צו אים אַ זאָג: „די חכמים ז״ל, טייטשען, אַז „והיה״ איז אַ לשון פון שמחה. איז „והיה אם שכוח״, אויב דו וועסט פאַרגעסען אין שמחה, דאַמאָלס „תשכח את ה׳ אלוקיך״, וועסטו דאַן אויך פאַרגעסען אין אויבערשטען. וואָרום עצבות, טרויעריגקייט, מרה־שחורה׳דיגקייט, ברענגט צו יאוש, צו מוטלאָזיגקייט. מען פאַרלירט די האָפנונג, מען זעהט בלויז שוואַרץ און יאוש. און דאָס קען, חלילה, פיהרען צו לייקענען אין דעם וועלט־באַשעפער״.

האָט טאַקע ר׳ נפתלי ראָפּשיצער ז״ל, געגעבען זיינע חסידים אַ זעהר גוטע עצה. נעמליך, ער האָט זיי געראָטען ניט צו טראָגען קיין מלבוש, וואָס זיין אויבערשלאַק איז פון גאוה, דער אונטערשלאַג באַשטעהט פון כעס, און גענייט איז דער מלבוש מיט פעדים פון מרה־שחורה. און דאָס איז אַ טייער וואָרט. וואָרום גאוה איז גלאַט אַן אומווירדיגע אייגענשאַפט. כעס איז נאָך אַפילו מעהר ווי אומווירדיג. עס איז פּשוט געפעהרליך. גרימצאָרען האָט נאָך קיינעם ניט געטהון קיין גוטס. דער רמב״ם (רבינו משה בן מיימון) ז״ל, געהט אַפילו אַזוי וויט און זאָגט, אַז „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״, אַ בעל־כעסן איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט צו פרעמדע געטער. און מרה־שחורה קען, חלילה, פאַרפיהרען אַ מענשען ביז צום טיפסטען אָפּגרונד, סאַי גייסטיג, סאַי פיזיש און, פאַרשטעהט זיך, אַז אויך עקאָנאָמיש, מאָראַליש, געזעלשאַפטליך.

איז דעריבער „והיה״, אַ מענש דאַרף זיך באַמיהען צו זיין שטענדיג אין גוטער, אויפגעלעגטער שטימונג. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „לאַך, וועט די וועלט לאַכען מיט דיר; וויין, וועט די וועלט לאַכען פון דיר״. דוכט זיך בלויז אַ ווערטעל, אָבער עס שטעקט אין דעם אַ גרויסער אמת. פון אַ וויי־נענדיגען, פון אַ יאָמערדיגען, פון אַ מרה־שחורה׳דיגען מענשען, אַנטלויפט מען. בלייבט מען חלילה אַליין, פאַר׳חושך׳ט און פאַרפינצטערט. אַלזאָ, מוט, האָפנונג, אויפגעלעגטקייט, געצווימטע פרעהליכקייט, מונטערקייט, אַ שמייכעל און עהנליכעס, אָט דאָס איז דער סוד וואָס מאַכט איינעם באַליעבט ביי מענ־שען. און זיין באַליעבט ביי מענשען איז דער ערשטער שטויס צו דערפאָלג אין אַלע צווייגען, שאַטירונגען און ריכטונגען פון לעבען.

און די היינטיגע סדרה זאָגט אונז: בעת ההוא הבדיל ה׳ את שבט הלוי... על כן לא היה ללוי חלק ונחלה עם אחיו. אין יענער צייט האָט דער אויבערש־טער אָפּגעטיילט דעם שבט לוי, זיי זאָלען טראָגען דעם ארון און דינען פאַר דעם אויבערשטען. דערפאַר האָבען זיי ניט באַקומען קיין חלק אין לאַנד

ישראל. און רש״י ז״ל באַמערקט אויף דעם אָרט „בעת ההוא בשנה הראשונה לצאתכם ממצרים וטעיתם בעגל״. איז דאָך די קשיא, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס, אַז נאָך דעם, ווי די אידען האָבען געמאַכט דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט דער אויבערשטער אָפּגעשיידט דעם שבט לוי, און דערפאַר האָבען זיי ניט געקראָגען קיין נחלה אין אונזער לאַנד? אויב דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען דעם שבט לוי, אַז זיי זאָלען זיין זיינע דינער, טהון די הייליגע עבודה, און זיין די לעהרער פון פאָלק ישראל, איז דערפאַר קומט זיי ניט קיין חלק אין לאַנד גלייך מיט אַלע אידען? אדרבה ואדרבה, זיי וואָלט נאָך אפשר באַדאַרפט קומען אַ גרעסער און אַ בעסער חלק! זאָגט דערויף דער „מגיד ירחים״ ז״ל: אָט דאָס מיינט רש״י „בעת ההוא״. דאָס איז געשעהן אין יענער צייט, ווען די אידען זיינען באַגאַנגען די זינד פון דעם עגל. און די זינד פון דעם עגל זיינען די אידען באַגאַנגען נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען שטאַרק רייך געוואָרען, ווי אין פסוק שטעהט „וכסף הרביתי לה וזהב עשו לבעל (הושע ב, י). און זעהעדיג צו וואָס רייכטום קען ברענגען, האָט כביכול געוואָלט, אַז דער שבט לוי, די לעהרער, די פיהרער פון דעם פאָלק, זאָלען ניט באַזיצען קיין פאַרמעגענס.

ראה

די היינטיגע סדרה הויבט זיך אָן מיט „ראה" — זעה. די תורה זאָגט: זעהט, אידען, איך גיב אייך היינט צוויי זאַכען, ברכה און קללה. אַז איהר וועט אַריינקומען אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד, זאָלט איר אויסראָטען אַלע געצענדינערייען. און זי פאַרבאָט עטליכע מאָל אין דער היינטיגער סדרה צו עסען בלוט. מען זאָל ניט גלויבען אין פאַלשע נביאים. און זי רעכענט אויס וואָס פאַר אַ באַשעפענישען מען מעג יאָ עסען, און וועלכע מען טאָר ניט עסען; אַז מען דאַרף געבען מעשר. ווי אַזוי מען זאָל איינפיהרען און דורכפיהרען דאָס שמיטה יאָר. אַז מען דאַרף העלפען אָרימעלייט. מען זאָל היטען די ימים טובים.

איז ווי איר זעהט, איז די היינטיגע סדרה אָנגעלאָדען מיט מצוות, עצות, געבאָטען, רעגולאַציעס. אָבער צווישען די אַלע זאַכען זיינען פאַראַן צוויי ווערטער, וואָס זאָגען אונגעהויער פיל — ברכה, קללה. צוויי געוואַלדיגע עקסטרעמען, גוטס און שלעכטס. זאָגט דאַרויף דער „ספורנו" ז"ל באַלד אויף דעם אָרט, אַז מיר אידען זיינען אויך אין דעם פרט אַנדערש פון די פעלקער פון דער וועלט. די אומות העולם פיהרען אַ מיטעלמעסיג לעבען. האָט אָבער די השגחה געוואָלט אַז מיר אידען זאָלען ניט פיהרען אַ מיטעלמעסיג לעבען, נאָר אָדער זעהר גוט, אָדער אומנאַטירליך שלעכט, נעמליך: אָדער ברכה, אָדער, חלילה, קללה.

וואָרום זיך האַלטען אין מיטען איז מעשה פערד. איינער האָט אַמאָל דעבאַטירט מיט דעם צווייטען און זיך אויסגעדריקט אַז ער האַלט פון צו געהן אין מיטען, ניט צו פיעל רעכטס, און ניט צו פיעל לינקס. האָט דער צווייטער, אַן עקסטרעמיסט, אים צוגעפיהרט צום פענסטער און געזאָגט: זעהסטו, רעכטס געהען מענשען, לינקס געהען מענשען, אין דער מיט געהען פערד.

און די סדרה זאָגט: „את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה'". באַמערקט דאַרויף ר' שמשון רפאל הירש ז"ל, אַז דאָס זיין פעהיג צו הערען דעם אויבערשטען'ס וואָרט, דאָס גופא איז אַ ברכה. און „השמר לך פן תעזוב את הלוי כל ימיך על אדמתך", היט זיך, דו זאָלסט ניט פאַרלאָזען דעם לוי אויף דיין לאַנד. באַמערקט דאַרויף רש"י ז"ל: „על אדמתך, בגולה אינך מוזהר עליו יותר מעניי ישראל". נאָר אין דיין לאַנד טאָרסטו דעם לוי ניט פאַרלאָזען, אָבער אין גלות דאַרפסטו אים באַהאַנדלען ניט מעהר ווי אַנדערע אָרימעלייט. נו, און פאַר וואָס טאַקע אין גלות ניט? צי אין גלות איז ער דען אויס לוי? נאָר דער תירוץ איז, דער טעם פאַר אויסהאַלטען די לויים אין ארץ ישראל איז דאָך געווען בלויז דערפאַר, ווייל „אין לו חלק ונחלה עמך", ווייל די לויים האָבען דאָך ניט באַקומען קיין טייל אין דעם לאַנד. זיי האָבען ניט געהאַט קיין פעלדער. זיי האָבען זיך באַשעפטיגט בלויז מיט

עבודה, מיט דינען דעם בורא עולם. און עסען דאַרף דאָך אַ לעבעדיגער מענש, האָט מען זיי געמוזט שטיצן. אָבער אין גלות איז דאָך קיין שום איד ניט זיכער מיט זיין נחלה. איז דאַריבער דער לוי אין גלות ניט מעהר יחסן ווי אַן אַנדער אָרימאַן.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי „ניט פאַרלאָזען דעם לוי", איז כדאי אי־בערצוגעבען אַן אינטערעסאַנט וואָרט. ר׳ עזריה מן האדומים ז"ל דער מחבר פון „מאור עינים", האָט אַמאָל אין אַ בריוו צו זיינע תלמידים זיי שטאַרק געראָטען אַז זיי זאָלען שטענדיג לערנען די ווערק פון דעם גרעס־טען אידישען משורר ר׳ יהודה הלוי ז"ל, דער מחבר פון כוזרי, פון פילע פיוטים און שירים. און דעם בריוו, נעמליך די עצה, האָט ער געענדיגט מיט דעם פסוק פון דער היינטיגער סדרה: „השמר לך פן תעזוב את הלוי", היט זיך דו זאָלסט ניט פאַרלאָזען דעם לוי (מיינענדיג דעם דיכטער ר׳ יהודה הלוי ז"ל).

און שוין פון די ערשטע ווערטער פון דער היינטיגער סדרה איז אָפּ־צולערנען אַ מוסר השכל. „ראה אנכי", זאָגט דאַרויף דער פרימישליאַנער רבי ז"ל אַ טייער און אמת׳דיג וואָרט: נעמליך, ווען אַ מענש זאָגט „ראה אָנכי", זעה! איך בין איך, ניט גלאַט אַבי ווער, נאָר איך. ער האַלט זיך זעהר שטאָלץ, מעשה גאוה. איז דאָס מילד גערעדט, געמיינע חוצפה, און אידישקייט האַסט חוצפה. פונקט ווי אידישקייט פאַרהערליכט באַשיידענקייט, עניוות, אַזוי האַסט זי אַראָגאַנץ, חוצפה. און אידישקייט לערענט אַז מען זאָל זיך אָפּלערנען די מידה, די אייגענשאַפט פון באַשיידענקייט טאַקע פון כביכול אַליין, „וועמען׳ס באַשיידענקייט מען געפינט איבעראַל וואו מען גע־פינט זיין מעכטיגקייט".

אמת, אונזערע חכמים ז"ל זאָגען טאַקע אַז „חוצפה כלפי שמיא מהניא". אַז חוצפה העלפט געגען הימעל. דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסען אַז כביכול איז דאָך אַן אב הרחמן, אַ באַרעמהערציגער טאַטע. נו, איז וואָס טהוט אַ פאָטער וואָס האָט ליעב זיין קינד? גיט ער אים נאָך אַפילו זיינע אַראָגאַנטע, זיינע חוצפה׳דיגע פאַרלאַנגען. אָבער אין לעבען איז חוצפה זיכער אַ חסרון. אויף דער מינוט העלפט עס טאַקע אַמאָל. אָבער אין גאַנג פון לעבען, באַצאָלט עס זיך ניט.

אַפילו דער קליינטשיקער באַרג סיני האָט געזיגט איבער די ריזען בערג תבור און כרמל נאָר אַ דאַנק זיין עניוות. ווען דער אויבערשטער האָט גע־געבען די תורה צו די אידען, זיינען געקומען די מעכטיגע בערג און גע־טענה׳ט אַז זיי זיינען די העכסטע, איז דערפאַר דאַרפען זיי האָבען דעם כבוד צו דינען אַלס בימה אויף וועלכער דאָס היסטאָרישסטע און הייליגסטע שטיק אין דער וועלט זאָל געשפּילט ווערען. דער באַרג סיני, דער נידע־ריגסטער פון אַלע בערג, איז געשטאַנען פון דער וויטענס און האָט ניט גע־וואָגט זיך צו פאַרמעסטען מיט זיינע ריזיגע קאָנקורענטען. איז דווקא אָט די דאָזיגע באַשיידענקייט האָט אימפּאָנירט דעם אַלמעכטיגען, און ער האָט צוגעטיילט דעם כבוד דעם קלענסטען פון די בערג.

משה רבינו איז געווען דער גרעסטער עניו אין דער וועלט, האָט דער אויבערשטער דווקא אים פאַרטרויט מיט דער וויכטיגער מיסיע צו

באַפרייען די אידען פון דער מצרים׳שער קנעכטשאַפט, און מיט געבען די תורה צו די אידען. דווקא ירמיה הנביא וואָס האָט געזאָגט „לא ידעתי דבר כי נער אנכי״, איך קען ניט רעדען, איך קען ניט נביאות זאָגען, איך בין דאָך בלויז אַ אינגעל, דווקא אים האָט דער אויבערשטער באַשטימט אַלס זיין שליח צו די אידען. דווקא יונה הנביא וואָס איז אַזש אַנטלאָפען אויף אַ שיף פון דעם כבוד וואָס כביכול האָט אים געוואָלט צוטיילען, דווקא אים, האָט דער אַלמעכטיגער געשיקט אויף אַ וויכטיגער שליחות צו די איינוואוינער פון דער שטאָדט נינוה.

וואָרום דער כוח פון באַשיידענקייט איז געוואַלדיג מעכטיג און דויער־האַפט. און אונזערע חכמים ז״ל (אַי זיינען זיי געווען קלוג!) ראַטען טאַקע דעם מענשען ניט צו זיין, ווי דער אושאק (משקוף) פון דער טיר, וואָס דעם מענשען׳ס האַנט קען ניט דערגרייכען, נאָר ווי „די שוועל וואָס כאָטש אַלע טרעטען אויף איר, בלייבט זי דאָך אויף איר אָרט״. וואָרום חוצפה איז ווי ברענענדיג שטרוי, עס גיט אַ פלאַקער און פאַרטיג, ניטאָ מער. אָבער באַשיידענקייט, ענוות, איז ווי דער ברענענדיגער דאָרן, ער ברענט און ברענט, און ווערט ניט פאַרברענט. באַשיידענקייט איז דויערהאַפט.

דער חוצפה׳דיגער מענש איז אַ סאָרט „אסתרי בלגינא קיש קיש קריא״. ער איז ווי אַ קליינע מטבע אין אַ ליידיגער פלאַש, וואָס אַז מען טרייסעלט זי מאַכט עס אַ גערויש. ער איז אַ פוסטער מוח, שרייעט, רודערט, מאַכט אַ טומעל. איז צום אָנהויב געלינגט אים טאַקע אָפּצונאַרען אַ פּאָר מענשען, אָבער גאָר גיך זעהט מען איין אַז ער איז אַ „פוסטע כלי״. אָבער דער באַ־שיידענער מענש איז פול מיט מעלות, און ווי אַ פלאַש וואָס איז פול מיט מטבעות און מאַכט ניט קיין גערודער ווען מען שאָקעלט זי.

און די היינטיגע סדרה זאָגט אונז „כי עם קדוש אתה לה׳ אלקיך״, אַז מיר אידען זיינען אַ הייליג פאָלק. זאָגט דאַרויף דער מדרש. „לא תגרום לעם אחר להיות קדוש״. ערקלערט עס דער „דברי שער החיים״ ז״ל אויף אַ גלענצענדען אופן: ווען אידען פאַרגעסען אַז זיי זיינען די קינדער פון אונ־זערע אבות אברהם יצחק און יעקב, און דאַרפען לעבען ווי אַן „עם קדוש״, ווי אַ הייליג פאָלק, קומען די שונאי ישראל, און פייניגען זיי, ווי גוים קענען. איז דווקא דאַן פלאַקערט אויף אין זיי דאָס „פינטעלע איד״, און זיי זיינען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין און זיך מקריב זיין אויף קידוש השם.

וואָרענט אונז דערפאַר די תורה „כי עם קדוש אתה לה׳ אלקיך״. זעהט אַז איר זאָלט זיין אַ הייליג פאָלק, דורך אָפּהיטען די תורה דורך אייערע מעשים טובים, דורך אָפּהיטען די מצוות און „לא תגרום לעם א ח ר להיות קדוש״, אָבער זייט ניט גורם צו ווערען „קדושים״ דורך „עם אחר״, וואָס אַנדערע פעלקער ראַבעווען אייך, פאַרפאָלגען אייך, טויטען אייך, און דורך דעם ווערט איר קדושים. זייט קדושים דורך אייערע פּאָזיטיווע מעשים, ניט דורך אייערע נעגאַטיווע ליידען.

און עס איז כדאי צו באַמערקען אַז אָט דאָס איז דער זין פון דער ברכה וואָס מיר מאַכען יעדען טאָג, נעמליך, „שלא עשני גוי״. מיר דאַנקען דעם אויבערשטען וואָס ניט דער גוי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ איד, נאָר איך בין אַ איד, לעב ווי אַ איד, פיהר זיך ווי אַ איד, ווייל די תורה הייסט אַזוי.

און ווידער זאָגט אונז די היינטיגע סדרה אַז עס קומט צו דיר אַן אָרימאַן איז „נתן תתן לו, ולא ירע לבך בתתו לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ אלקיך...״ ווען עס קומט צו דיר אַן אָרימאַן, זאָלסטו אים געבען אַ שעהנע נדבה, „ולא ירע לבך...״ און עס זאָל דיר ניט פאַרדריסען אויב דער אָרימאַן בעט אַ גרעסערע נדבה. און אַזוי ווי דאָס איז דאָך אַ גאָר גרויסע מידה איז „בגלל הדבר הזה, יברכך ה׳ אלקיך״, אַט דערפאַר טאַקע, פאַר אַזאַ איידעלע טאַט, וועט דער אויבערשטער דיך בענטשען.

און נאָך אַ גוט וואָרט אויף „נתן תתן לו ולא ירע בתתך לו״ זאָגט דער „כלי חמדה״ ז״ל, נעמליך: אויף דעם פסוק „נתן תתן...״ זאָגט רש״י ז״ל „אפילו מאה פעמים״. דו זאָלסט אים געבען אַפילו הונדערט מאָל. האָלט אין איין געבען. ווייל, פון נאַטור אויס גלוסט זיך ניט קיין מענשען צו געבען צדקה. וואָרום אַזוי איז שוין דער מענש, וויפיעל ער פאַרמאָגט, וויל ער נאָך מער, און ער האָט ניט קיין חשק זיך צו שיידען מיט אַ פאָר מטבעות. אָבער פונקט ווי יעדע זאַך איז אַ געוואוינהייט, איז צדקה, נעמליך דאָס געבען צדקה, אויך אַ געוואוינהייט. מען גיט איינמאָל, צוויי מאָל, ווערט עס אַ נאַטירליכער ענין. און וואָס אָפטער מען גיט, אַלץ לייכטער ווערט דאָס שיידען זיך מיט דער מטבע. און אַט דאָס מיינט רש״י: „נתן תתן לו אפילו מאה פעמים״, דו מענש האַלט אין איין געבען דעם אָרימאַן צדקה, און דאַן „ולא ירע לבבך״, וועט דיר דאָס האַרץ ניט וועה טהון, ווייל דו וועסט זיך צוגעוואוינען דערצו, און „געוואוינהייט איז דאָך די צווייטע נאַ־טור״.

און ניט נאָר דאַרף מען האָבען אַן אָפענע האַנט און געבען דעם אָרי־מאַן מיט אַ פריינדליכע מינע אַ שעהנע נדבה, נאָר מען דאַרף זעהן, אַז אויך די טיר זאָל זיין אָפען, דער אָרימאַן זאָל קענען אַריינגעהן. ר׳ זונדעל סאַלאַנטער ז״ל איז אַמאָל געשטאַנען ביי דעם טויער פון זיין הויז און גע־קלאַפּט מיט אַ האַמער טשוועקעס אין דער טיר. די גאַס האָט זיך שטאַרק גע׳חידוש׳ט, און ווען מען האָט אים געפרעגט: „רבי, וואָס אייגענטליך מייסטרעוועט איר דאַ?״ האָט ער געענטפערט: „דער שלאָס איז קאַליע געוואָרען, און מאַכט זיך אַליין צו, קענען די אָרימעלייט ניט עפענען די טיר פון דרויסען״.

און ניט נאָר דאַרף מען שטיצען דעם אָרימאַן, נאָר אַפילו אין די „קאַ־סעס״ פון וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס צו שטיצען תלמידי חכמים, אָדער סתם אָנגעזעהענע מענשען, טאָר קיין געלט ניט ליגען, נאָר מען דאַרף עס באַלד צעטיילען. אין בריסק איז געווען אַ חברה „תומכי תורה״, אַן אָרגאַ־ניזאַציע וואָס האָט געשטיצט נויטבאַדערפטיגע מענשען וואָס לערנען תורה. ווען ר׳ חיים, בריסקער רב ז״ל, האָט זיך דערוואוסט אַז „תומכי תורה״ האָט ליגען מזומן געלט, האָט ער תיכף געשיקט נאָך דעם גבאי, און שטרענג געזאָגט אַז אין „תומכי תורה״ טאָר ניט ליגען קיין געלט, נאָר עס דאַרף צעטיילט ווערען אַזוי גיך ווי עס קומט אַריין.

זיינען אָבער פאַראַן וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, סאָסייעטיס, פאַראיינען, וואָס פאַרקעהרט, זיי שטאָלצירען גאָר מיט דעם פאַקט וואָס אין דער „טרע־זשורי״ איז פאַראַן „כך וכך״. זיי, ווייזט אויס מאַכען אַ מין קל וחומר מיט

אַן ערענסט, ווי למשל ר׳ יאשע בער ז״ל האָט געמאַכט בהלצה. זייענדיג רב אין סלוצק, איז געקומען צו אים דער בעל טאַקסע מיט אַ ליאַרעם, „ס׳טייטש, רבי, מען ברענגט אין שטאָדט אַריין „בשר חוץ״, פלייש פון אַנדערע שטעדט !״ „נו, איז וואָס ? וואָס איז דאָ דער געוואַלד ?!״ פרעגט דער רבי. חידוש׳ט זיך דער בעל טאַקסע : „ס׳טייטש, רבי, וואָס רעדט איר, פרעמדע שחיטה, מיר קענען דאָך ניט די שוחטים !״ האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון, „נישט קשה, נישט קשה, ניטאָ קיין שום אחריות. עס איז אַ פשוט׳ער קל וחומר : מה דאָך סלוצקער שוחטים וועלכע מיר קענען יאָ, עסען מיר פון זייער שחיטה, מכל שכן פרעמדע שוחטים וואָס מיר קענען ניט, מעגען מיר דאָך געוויס עסען פון זייער שחיטה״.

אָבער פונקט ווי מאַנכע גבירים אַזוי זיינען אויך פאַראַן וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען וואָס האַלטען צוריק די „קלינגערס״ טאָמער וועט דער אַרי־מאַן דערפון רייך ווערען, און אָט דאָס מיינט טאַקע דער פסוק אין דער היינ־טיגער סדרה : „די מחסורו אשר יחסר לו״. ר׳ אייזיל חריף ז״ל האָט אַמאָל געזאָגט וועגען אַ געוויסען גביר וואָס איז געוועזן זעהר קאַרג און האָט ניט געוואָלט געבען קיין נדבה, אַז איין פרט פון דער מצוה פון צדקה איז דער גביר דוקא יאָ מקיים. ווען מען האָט אים געפרעגט : דהיינו, וועל־כען פרט ? האָט דער רבי געענטפערט : אויף דעם פסוק „די מחסורו״ זאָגט רש״י ז״ל „ואי אתה מצווה להעשירו״ — דו דאַרפסט זאָרגען פאַר זיין גע־ברויך, אָבער דו ביזט ניט מחויב אים רייך צו מאַכען. אָט די דאָזיגע „מצוה״ היטען גבירים, און מאַנכע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, שטאַרק אָפּ. זיי שטעהען אויף דער וואַך אַז דער אָרימאַן זאָל ניט רייך ווערען, און אַנשטאָט די אינסטיטוציעס זאָלען שטאָלצירען מיט : „מיר האָבען צעטיילט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל״, שטאָלצירען זיי גאָר מיט : „מיר האָבען אין דער „טרעזשורי״ אַזוי פיעל און אַזוי פיעל״. ניט נאָר איז עס אַ נאַרישער, נאָר עס איז אַ שעדליכער שטאָלץ. אין די קאַסעס פון וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס טאָר קיין געלט ניט ליגען. מען דאַרף עס צעטיילען. זאָלען אָרימע לייט הנאה האָבען פון דער וועלט.

שופטים

דרוי נאָר מען הויבט אָן דעם ערשטען פּסוק פון דער היינטיגער סדרה „שופטים״, דערזעהט מען באַלד, וואָס פאַר אַ טייער, פאַרטגעשריטען און „מענשליך״ פאָלק מיר אידען זיינען. איז דען פאַראַן נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט אָנגעהויבען זיין עקזיסטענץ אויף דעם באַזיס פון גערעכטיגקייט? אָבער אונזער „קאָנסטיטוציע״, אונזער תורה, איז דאָך פול מיט פאַרשריפטען, דינים, מצוות, רעגולאַציעס וואָס לערנען אונז, באַפעהלען אונז, ווי זיך אויפצופיהרען מיט דעם צווייטען מענשען.

אָט זאָגט אונז די סדרה „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך... ושפטו את העם משפט צדק״... דו זאָלסט באַשטימען ריכטער אין אַלע שטעדט... און זיי זאָלען משפט׳ן דאָס פאָלק מיט גערעכטיגקייט, דו זאָלסט ניט פאַרקרומען דאָס געזעץ, דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר. „צדק צדק תרדוף למען תחיה״. טייטש איך: ווילסטו לעבען און ווילסטו האָבען אַ גייסטיגען פאַרגעניגען פון דיין לעבען, איז יאָג זיך נאָך גערעכטיגקייט. דער דאָלאַר, וואָס דו פאַרדינסט מיט גערעכטיגקייט, וועט דיר פאַרשאַפען מער פאַרגעניגען ווי הונדערט דאָלאַר וואָס דו פאַרדינסט אויף אַן אומגערעכטען וועג״. צדק צדק תרדוף... וירשת את הארץ״, טייטש איך: ווילסטו האַלטען דיין לאַנד פאַר אַן אייביגער ירושה, ווייל דאָס פאָלק ישראל זיין זיכער מיט דעם לאַנד ישראל, איז יאָג זיך נאָך גערעכטיגקייט, זעה אַלץ זאָל גע־פיהרט ווערען מיט צדק און משפט, אַזוי ווי די תורה, די נביאים און די חכמי התלמוד האָבען געבאָטען, געהייסען און געראַטען.

און דער „כלי יקר״ ז״ל טייטשט דעם „שופטים ושוטרים תתן לך״ אַזוי: דער אויבערשטער האָט געזאָגט משה׳ן: דו באַשטים אַזעלכע ריכטער, וואָס זאָלען זיין אַזוי עהרליך אַז „לך״, זיי זאָלען זיין גרייט צו משפט׳ן אַפילו דיך אַליין, אויב עס זאָל אויסקומען; ריכטער וואָס חנף׳ענען קיינעם ניט, אַפילו ניט דעם פיהרער. ווארום אַ פאָלק, וועמענס עקזיסטענץ איז ניט באַ־זירט אויף אַ פונדאַמענט פון פולשטענדיגער גערעכטיגקייט, קען ניט לאַנג אויסהאַלטען.

און אויסער דעם וואָס דאָס פאָלק מוז האָבען עהרליכע ריכטער צו משפט׳ן דאָס פאָלק מיט גערעכטיגקייט, דאַרף יעדער מענטש זיין ריכטער איבער זיך אַליין. דער גאָסטינענער רבי ז״ל פלעגט טייטשען „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״: דו, מענטש, זיי ריכטער איבער זיך אַליין, קוק אַריין „בכל שעריך״, אין דיינע אייגענע ווינקעלעך, אין דיינע צוויי הונדערט און אַכט און פערציג אברים, און דריי הונדערט און פינף און זעכציג אָדערען, און זעה און אורטייל צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

„ולא תקח שוחד". און דער ריכטער טאָר ניט נעמען קיין כאַבאַר. פרעגט די גמרא (כתובות קה, ב) „מאי שוחד"? און זי ענטפערט: שהוא חד. און רש"י ז"ל אויף דעם אָרט טייטשט „הנותן והמקבל נעשים לב אחד", דער געבער און דער נעמער ווערען איינס אין דער דעה, און דער ריכטער פסק'ענט ווי עס לוינט זיך פאַר דעם געבער. און אגב וועל איך אייך איבער־געבען אַן אינטערעסאַנטען טייטש פון דעם ב"ח ז"ל: די גמרא זאָגט אין שבת י, א: כל דיין שדן דין אמת לאמיתו... כאילו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית. ווען אַ ריכטער, אַ רב, אַ דיין פסק'ענט, אורטיילט מיט אמת, איז גלייך ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ שותף מיט כביכול ביי דער וועלט־שאַפונג. טאָמער אָבער נעמט ער שוחד (כאַבאַר), און ער איז ניט קיין דיין אמת, דאַן איז שהוא חד, בלייבט ער איינער אַליין אָהן אַ שותף.

און אַזוי ווי מיר נעמען ניט קיין שוחד, ניט איר וועט געבען און ניט איך וועל נעמען, וועלען מיר כאָטש רעדען פון שוחד, ווי זאָגט דער באַ־רימטער שריפטשטעלער שלום עליכם ע"ה, „נישטאָ קיין מילכיגס, וועלען מיר כאָטש רעדען פון מילכיגס". איז הערט זשע אַ שעהנס: אַ רוסישער „סודיאַ", ריכטער, דזשאַדזש בלעז, האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' יאָשע בער, בריסקער רב, ז"ל: „איר ווייסט, ראַווין (רבי) אונזערע געזעצען שטעהען פיל העכער פון אייערע. אָט נעמט, למשל, דאָס געזעץ געגען נעמען כאַבאַר. ווען מען ווערט געוואויר אַז אַ רוסישער ריכטער האָט גענומען כאַבאַר, באַשטע־רונג, ווערען ביידע, סאַי דער ריכטער און סאַי דער געבער, זעהר שטרענג באַשטראָפט. דאַגעגען, לויט אייער דין, ווערט בלויז דער רב, ציי דער דיין באַשטראָפט, אָבער ניט דער געבער. וואָרום לויט דעם אידישען דין איז דאָך ניט פאַרבאָטען צו געבען כאַבאַר!"

האָט דער רב ז"ל אים געענטפערט: פונקט פאַרקערט. טאַקע פון אייערע ווערטער גופא איז צו זעהן, אַז אונזער געזעץ געגען כאַבאַר איז פיל שטאַר־קער פון אייער געזעץ. וואָרום לויט אייערע געזעצען האָט דער ריכטער גאָרניט וואָס מורא צו האָבען צו נעמען כאַבאַר. אַזוי ווי לויט אייערע גע־זעצען ווערען דאָך ביידע, סאַי דער נעמער און סאַי דער געבער באַשטראָפט, איז דער ריכטער זיכער, אַז דער געבער וועט „ניט דערצעהלען פון חדר", נעמט ער „אויף וואָס די וועלט שטעהט". וואָרום ער איז דאָך זיכער, אַז עס וועט בלייבען בסוד. אָבער לויט דעם אידישען דין האָט דער דיין מורא צו נעמען כאַבאַר. וואָרום אַזוי ווי דער געבער ווערט ניט באַשטראָפט, קען ער דאָך „אויסזאָגען פון חדר". היט זיך דער דיין דיביינער, און ער נעמט ניט.

און איר הערט, דער פאַרפיהרערישער כוח פון שוחד, כאַבאַר, איז אַזוי מעכטיג, אַז עס קען פאַרפיהרען אַפילו דאַן, ווען מען ווייסט אַפילו ניט, אַז מען האָט ביי זיך כאַבאַר געלט. אָט הערט אַ מעשה שהיה: ווען דער אַפטער רב, דער „אוהב ישראל" ז"ל, איז געווען רב אין קאָלבאַסאָוו, איז ביי אים פאָרגעקומען אַ וויכטיגער דין תורה. אַ פּאָר פון די דיינים האָבען זיך געלאָזט „אָפּ'חורש'ן" — עס זאָל זיך ניט טרעפען וואָס עס קען זיך טרעפען — און זיי האָבען געהאַלטען מיט דעם געבער. דאַגעגען, דער רב, האָט שטאַרק גע־קעמפט געגען זייער מיינונג און געהאַלטען, אַז דער דין איז ניט אַזוי. האָבען

די באַשטאָכענע דיינים געראַטען זייער „קליענט״, ער זאָל אויך דעם רב „אָפּכאַבאַרעווען״. אָבער אַזוי ווי ער וועט ניט נעמען, האָבען זיי געהייסען דעם בעל דין אַריינלייגען אַ גרויסע סומע געלט, שטילערהייט, אין דעם רב׳ס מלבוש, און ער האָט אַזוי געטהון. ביי דער פּאַרטזעצונג פון דעם דין תורה, דעם צווייטען טאָג, האָט דער רב ז״ל פלוצים דערפיהלט, אַז ער הויבט אָן זיך צו נויגען צו דער דעה פון די דיינים. האָט ער איבערגעריסען דעם דין תורה, און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין תפילה טהון, אַז דער אויבערשטער זאָל אים עפענען די אויגען צו זעהן דעם אמת. ווען ער האָט צומאָרגענס אָנגעטהון זיין מלבוש, האָט ער דערפיהלט עפּעס אין קעשענע, און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן די היפשע „מאַטניא״. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך. ער האָט איינגעזעהן, אַז דער כוח פון כאַבאַר איז אַזוי גרויס, אַז עס קען ווירקען אַפילו אומבאַוואוסטזיניג, אַפילו דאַן ווען מען ווייסט אַפילו ניט, אַז מען האָט ביי זיך שוחד־געלט, און ער האָט ערקלערט צו זיך אַליין דעם פסוק: כי השוחד יעור עיני חכמים, ויסלף דברי צדיקים, אַפילו ווען מען איז ווייטער אַ צדיק און מען נעמט ניט מיט די אייגענע הענט קיין כאַבאַר, און מען האָט עס אַפילו פאַר די אויגען ניט געזעהן, איז אָבער דער כוח דערפון אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו דאַן קען עס פאַרבלענדען די אויגען און פאַרטונקלען דעם פאַרשטאַנד. אַט אַזוי מעכטיג איז דער פאַרפיהרענדער כוח פון שוחד, פון נעמען כאַבאַר.

און אַט הערט נאָך אַ מעשה, וואָס האָט אַמאָל געטראָפען מיט דעם רבי ר׳ העשעל ז״ל. ווען ער איז געווען רב אין קראָקע, האָבען צוויי גבירים גע־האַט ביי אים אַ דין תורה. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען שווערע טויזענ־טער. האָט איינער פון די בעלי דינים זיך אַביסעל „אונטערגעאיילט״, אַריין צום רב, אים דערלאַנגט אַ היפשע „אַפּוטיקי״ און געבעטען דעם רב ז״ל, ער זאָל האָבען מיט אים „איינזעהן״. דער רבי האָט גענומען דאָס געלט און אים געהייסען קומען מאָרגען. דער רב האָט באַלד געהייסען דער רבי׳צין מאַכען אַ „וויעטשערע״ כיד המלך און איינלאַדען אַלע זייערע קינדער און איי־דעמס. ווען דער עולם האָט זיך ביי דער סעודה אָנגעהויבען לאָזען „וואויל־געהן״, האָט דער רבי אַרויסגענומען דאָס געלט פון קעשענע און איבערגע־צעלט עטליכע מאָל, ער האָט געהאַלטען אין איין צעהלען און די אָנוועזענדע האָבען זיך גע׳חידוש׳ט. און דאַן האָט ער אויסגעשריען: „קינדערלעך, ווייסט איר וואָס דאָס איז? דאָס איז כאַבאַר־געלט! איר האָט שוין אַמאָל געזעהן ווי שוחד־געלט זעהט אויס? אַט אַזוי זעהט עס אויס, אַט דאָס איז עס. אַט דאָס איז אמת׳ע שוחד־געלט! און שוחד טאָר מען ניט נעמען, די תורה הקדושה פאַרבאָט עס״. און ער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די קולאַקעס (פויסטען) אין טיש, און ער האָט געשריען: „מען טאָר ניט, מען טאָר ניט! איך האָב אייך געשיקט רופען, איר זאָלט זעהן מיט אייערע אייגענע אויגען ווי אַזוי שוחד־געלט זעהט אויס, און אַנטלויפט דערפון ווי פון פייער. „ולא תקח שוחד״, און דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר, מען טאָר ניט!״ און פאַר־שטעהט זיך, אַז ער האָט באַלד געשיקט רופען דעם געבער, און ער האָט אים אויסגעזידעלט ווי עס איז אים געקומען.

און די היינטיגע סדרה אונטערשטרייכט נאָך אַמאָל, אַז אידען טאָרען ניט דינען קיין געטשקעס, און זי וואָרענט שטאַרק „לא תטע לך אשרה... ולא תקים לך מצבה"... באַמערקט דאַרויף די גמרא אין סנהדרין ז, ב „כל המעמיד דיין שאינו הגון, כאילו נוטע אשרה בישראל". זאָגט דאַרויף דער „אוצר החיים" ז"ל אַ גוט וואָרט: עס זיינען פאַראַן רבנים וואָס זיינען אין דער בחינה פון „אשרה". זיי שאָקלען זיך אויף אַלע זייטען, ווי דער בוים אשרה. זיי געהען וואוהין דער ווינד בלאָזט, היינט חנף'ענען זיי דעם, מאָרגען יענעם, ווי עס לוינט זיך. ווידער זיינען פאַראַן רבנים, וואָס זיינען ווי אַ „מצבה", ווי אַ שטיין. זיי שטעהען שטענדיג אויף איין אָרט. עס אַרט זיי ניט וואָס עס קומט פאָר אין דעם קהל'שען לעבען. זיי טראַכטען זיך, זאָל קהל זיך „שלאָגען קאָפּ אין וואַנד", אַבי איך האָב זיך מיין פרנסה, און קאָן זיך עסען מיין מאָלצייט אין רוה, זיך באָדען אין ראַקאָוועי אומגעשטערט און זיך שאָקלען אויף דעם „ראָקינג טשעיר" אויף דעם „האָטעל פאָרטש". אָט דאָס טויג ניט. אַן אמת'ער רב, וואָס נעמט זיין שטעלע ערענסט און פיהלט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם וואוילזיין פון דעם קהל'שען לעבען, אַזאַ רב וועט זיך באַטייליגען אין אַלע ענינים פון דעם קהל'שען לעבען. אָבער ער זאָל ניט זיין ווי אַן „אשרה" און זיך שאָקלען אויף אַלע זייטען, וואוהין דער ווינד בלאָזט; און ער זאָל אויך ניט זיין ווי אַ „מצבה", ווי אַ שטיין, און זיך ניט רירען פון אָרט. נאָר אין יעדען ענין באַזונדער דאַרף ער האָבען זיין מיינונג, לויט ער פאַרשטעהט וואָס עס איז בעסער, געזינטער, פאַר קהל, פאַר דעם כלל.

און צווישען נאָך פילע גוטע זאַכען זאָגט אונז די היינטיגע סדרה: און אַז דו וועסט אַריינקומען אין דעם לאַנד אַריין וואָס דער אויבערשטער גיט דיר, און דו וועסט עס ירש'ענען, און דו וועסט זיך אין דעם באַזעצען, און דו וועסט זאָגען „אשימה עלי מלך ככל הגוים . . . שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה' אלוקיך בו"...

איז דאָך די קשיא: די תורה זאָגט דאָך בפירוש „שום תשים עליך מלך" — אַז דו וועסט אַריינקומען אין דעם אידישען לאַנד זאָלסטו באַשטימען אַ מלך. איז פאַרוואָס זשע, ווען די אידען זיינען געקומען צו שמואל הנביא און האָבען געפאָדערט ער זאָל באַשטימען אַ מלך, האָט עס אים גאָר פאַרדראָסען? האָט דאָס דער „כתב סופר" ז"ל זעהר טרעפענד פאַרענטפערט. ווען די אידען זיינען געקומען צו שמואל'ן און האָבען געפאָדערט: „שימה לנו מלך לשפטנו ככל הגוים" (שמואל א, ח, ה), באַשטים פאַר אונז אַ קעניג, אַ מאָנאַרך, ער זאָל אונז משפט'ן, רעגירען איבער אונז, ווי עס פיהרט זיך ביי זיי, ביי די פעלקער פון דער וועלט, האָט עס אים פאַרדראָסען דערפאַר, ווייל זייער פאָדערונג איז ניט געווען ווייל זיי ווילען מקיים זיין די מצווה פון דער תורה, נאָר ווייל זיי ווילען זיין „מיט לייטען גלייך". וואָרום אידען דאַרפען ניט זיין „מיט לייטען גלייך". אידען דאַרפען שטעהן העכער פון „לייטען". וואָלטען די „לייטען" געווען אין אָרדנונג, איז מהיכי תיתי. אָבער ווען מיר זעהען וואָס זיי זיינען, וואָס זיי מאַכען פון דעם אויבערשטען'ס שעהן וועלטעל, ווי זיי קוילענען אויס איינער דעם צווייטען, טאָרען מיר ניט זיין ווי זיי, נאָר מיר דאַרפען שטעהן העכער, זיין אַנשטענדיגער, איידעלער,

פיינער, אַז די פעלקער פון דער וועלט זאָלען זיך אָפּלערנען פון אונז, און ניט מיר פון זיי.

און אין דער אמת'ן זיינען מיר גאָרניט שולדיג וואָס מיר ווילען שטענדיג נאָכטהון די גוים. שולדיג אין דעם איז דער ביטערער, פינצטערער, צוויי טויזענט יעהריגער גלות. אָט דער ביטערער גלות האָט אונז געמאַכט פאַרגעסען אונזער יחוס המשפחה, אַז מיר זיינען די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, אַז מיר זיינען אַן „עם סגולה", אַן אויסדערוועהלט פאָלק. מיר האָבען פאַרגעסען די וואָרנונג פון אונזער תורה, אַז „תמים תהיה עם ה' אלוקיך", אַז די הויפט־זאַך פאַר אַ אידען איז צו זיין שטענדיג עהרליך מיט דעם אויבערשטען אַפילו דאַן, ווען קיינער זעהט ניט, אַזוי זאָגט דער אלשיך ז"ל. און גלויבט מיר, אַז ער האָט געוואוסט וואָס ער זאָגט. און ר' מנחם מענדיל קאָצקער ז"ל טייטשט „תמים" — אין גאַנצען. אַ איד דאַרף זיין אין גאַנצען מיט דעם אויבערשטען, ניט אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט, ווי עס גלוסט זיך אים, נאָר שטענדיג, אין גאַנצען.

און ר' נפתלי ראָפּשיצער ז"ל האָט וועגען דעם „תמים" געזאָגט אַ גאָר „וואָזשנע", טייער וואָרט, נעמליך, אַז זעהר זעלטען טרעפט עס, אַזביידע זאַכען זאָלען געהן צוזאַמען. מערסטענטיילס איז די זאַך אַזוי: איז איינער „גאַנץ", דאָס הייסט עס פעהלט אים גאָרניט, איז „הינקט" ביי אים דאָס „אידישקייט" אָביסעל אונטער. וואָרום אַז עס געהט אים גוט, איז צו וואָס דאַרף ער דעם רבונו של עולם? זעהט איר, ווידער, איינעם ביי וועלכען „די אידישקייט" איז דוקא יאָ „גאַנץ", ער פיהרט זיך ווי אַ איד, איז אַ סימן, אַז ער אַליין איז ניט „גאַנץ", עס פעהלט אים עפּעס, פּרנסה, צי אַן אַנדער זאַך, איז געהט ער אין שוהל, דאַווענט, טהוט תשובה, גיט צדקה. איז דאַריבער „תמים תהיה עם ה' אלוקיך", ביי דעם מענטשען דאַרף הערשען אַ דאָפּעלטע „גאַנצקייט", אַפילו דאַן ווען דו אַליין ביזט „גאַנץ", עס פעהלט דיר גאָרניט, זאָלסטו אויך זיין גאַנץ מיט דעם רבונו של עולם. אַ טייער וואָרט.

און איך וועל זיך ערלויבען צו אָנטפּלעקען אַ שטיקעל פון מיין אייגענער פילאָזאָפיע: איז דאָ אַ יענע וועלט (גלויבט מיר, אַז איך צווייפעל ניט, חלילה, אין דעם קיין איין סעקונדע, נאָר לשם „אַרגומענט" זאָג איך דאָס) דאַרפען מיר טהון ווי די תורה זאָגט אונז, ווי די נביאים לערנען אונז, און ווי די חכמי התלמוד און די גאוני ישראל ראָטען אונז צו טהון. אלא די וואָס האַלטען אַז עס איז ניטאָ, איז דאַך דער מענטש ניט מעהר ווי אַ פליג, איז דאַך אויך בעסער, אַז מען לעבט אָפּ די הונדערט און צוואַנציג יאָר ווי אַ איד, דאָס הייסט, אויף אַן אַנשטענדיגען אופן. טראַכט זיך אַריין וועגען דעם.

און אַזוי ווי עס איז דאַך אָבער דאָ אַ יענע וועלט, איז הערט זשע אַ גוט וואָרט פון דעם גערער רבי'ן ז"ל: די היינטיגע סדרה זאָגט אונז, אַז אויב אידען זיינען געצוואונגען צו פיהרען אַ מלחמה, איז ווען איינער האָט זיך ערוואָרבען אַ נייע הויז און ער האָט נאָך דערפון ניט געהאַט קיין הנאה, זאָל ער ניט געהן אין מלחמה „פן ימות במלחמה, ואיש אחר יחנכנו". וואָרום טאָמער שטאַרבט ער, און אַן אַנדערער וועט געניסען זיין הויז. איז דאָס פאַר זיך אַליין אויסערגעוויינליך דעמאָקראַטיש. אָבער רש"י ז"ל זאָגט דאַרויף

„ודבר של עגמת נפש הוא זה". פרעגט דאַרויף דער גערער רבי ז"ל: צי איז דען דאָס וואָס אַן אַנדער מענטש וועט באַנייען זיין הויז אַ גרעסערער עגמת נפש, ווי דאָס וואָס דער באַטרעפענדער אַליין וועט אומקומען אין דער מלחמה? נאָר וואָס דען, עס איז אַ גרויסער עגמת נפש, וואָס אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, אַנשטאָט מהרהר צו זיין בתשובה, זאָל ער גאָר האָבען אין זינען זיין הויז, וואָס אַן אַנדערער וועט אַוועקנעמען. אַ טייערער געדאַנק.

כי תצא

מיר אידען זיינען בטבע אַ פרידליך פאָלק. מיר האָבען ליב שלום. „הידים ידי עשו", שלאָגען זיך איז עשו'ס געביט. לעבען מיר דאָך, אָבער, אין אַ גוי'אישער וועלט, קען דאָך פאָרט אַמאָל אויסקומען צו פיהרען מלחמה, הויבט זיך אָן די היינטיגע סדרה מיט „כי תצא למלחמה", אַז דיר וועט אויסקומען צו פיהרען מלחמה, און זי לייגט אַנידער רעגולאַציעס, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך אויפפיהרען, מיט געפאַנגענע און אין פאַרשידענע אַנדערע פּרטים.

און די תורה רעכענט אונז אויס אַ גאַנצען צעטעל פאַלען, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך אין זיי אויפפיהרען, וואָס באַווייזט ווידעראַמאָל ווי עטיש, ווי שעהן, ווי מענטשליך אונזערע געזעצען זיינען: און אַז דו זעהסט אַ פאַרשטויסען שעפעלע, אָדער אַ פאַרשטויסענעם אָקס, צי גלאַט אַ חפץ, זאָלסטו אים תיכף אומקערען צום אייגענטימער. און אויב דו ווייסט ניט ווער די בהמה אָדער דער חפץ געהערט, זאָלסטו עס נעמען צו זיך, און נאָכפרעגען וועמען עס געהערט, און דאַן עס אומקערן צום אייגענטימער. מען טאָר ניט אַרויסלאָזען אַ שם רע, אַ שלעכטען קלאַנג, אויף אַ פרוי. זאָגסטו עפּעס צו, זאָלסטו האַלטען וואָרט. קומסטו צו דיין פריינד אין ווינגאָרטען, מעגסטו עסען וויפיל דיין האַרץ גלוסט, „ואל כליך לא תתן"", אָבער מיטנעמען מיט זיך זאָלסטו גאָרניט. „קידנעפּען" איז שטרענג פאַרבאָטען. זאָלסט ניט באַראַבעווען קיינעם. דעם אַרבייטער זאָלסטו באַצאָהלען זיין לוין דעם זעלבען טאָג. דו זאָלסט ניט אַרויסגעבען קיין פאַלשען אורטייל. האָסטו פאַרגעסען שניט־צייט אַ סנאָפּ אין פעלד, זאָלסטו ניט געהן עס נעמען, נאָר לאָז עס איבער פאַר דעם „פרעמדען", פאַר דעם יתום אָדער אלמנה. טהו ניט אָן דעם אָקס קיין צוים ווען ער דרעשט. זאָלסט ניט האָבען קיין צווייערליי מאָסען, וואָגשאָלען, און נאָך פילע, עטישע, עסטעטישע, אויסערגעוויינליך פיינע רעגולאַציעס.

און די היינטיגע סדרה רעגולירט אויך דעם „גט". איז כדאי איבערצוגעבען אַ גוט וואָרט וועגען דעם פון דעם „נחל דבש" ז"ל: וויבאַלד אַ פרוי געהט אַראָפּ פון זינען, רחמנא לצלן, קען דער מאַן באַקומען אַ היתר פון הונדערט רבנים. און אָט דער היתר ערלויבט אים חתונה צו האָבען אָהן אַ גט, און ער איז דערמיט ניט עובר אויף דעם חרם דרבינו גרשום, וואָס פאַרבאָט אַ אידען צו האָבען גלייכצייטיג צוויי ווייבער. דער „נודע ביהודה" ז"ל האָט אין דעם פּרט אַ ביסעל פאַרלייכטערט, נעמליך, אַז דער היתר מוז ניט זיין דווקא פון הונדערט רבנים, נאָר אַ היתר פון הונדערט לומדים איז אויך גענוג. שמועסט מען יאַקבי, אַז בעוונותינו הרבים איז דאָס שוין גאָרניט קיין פאַרלייכטערונג, נאָר אדרבה, עס מאַכט גאָר דעם ענין שווערער.

ווארום היינטיגע צייטען איז פיל גרינגער צונויפצוברענגען הונדערט רבנים, איידער הונדערט לומדים.

און פארוואס מיינט איר איז עס אזוי? ווייל היינט גיט מען זיך מעהר אפ מיט גשמיות, מיט עסען, איידער ווי מיט רוחניות, מיט לערנען. און מען דארף אבער צוגעבען, אז אין פריהערדיגע דורות, האט עס אויך געקאנט פאסירען, ווען אפילו בלויז אין זעלטענע פאלען. צום „שאגת אריה" ז״ל איז אמאל געקומען א בחור נאך סוכות, ער זאל אים אריינ־נעמען אין זיין ישיבה אריין. דער רבי האט אים פארהערט, און דער בחור האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א „פוסטע כלי". פרעגט אים דער רבי: „וואו, אייגענטליך, האסטו געגעסען דעם גאנצען זומער?" וואונדערט זיך דער בחור און באמערקט: דער רבי מיינט מסתמא, וואו איך האב געלערענט. „ניין", ענטפערט דער רבי, „אז דו האסט זומער געגעסען בין איך זיכער, צי דו האסט זומער געלערענט, אין דעם בין איך שטארק מסופק".

ווארום לערנען, פליהט ניט אריין אין קאפ אריין פון זיך אליין. מען דארף דאריוף שטארק הארעווען, און „יגעתי ומצאתי" — אז מען לערענט, קען מען טאקע, איינער מעהר, איינער ווייניגער, איינער איז שארפער, איינער איז ווייניגער שארף, אבער פטור מכלום אי אפשר, עפעס בלייבט. דער בארימטער גאון ר' יאשע בער ז״ל, האט אמאל געזאגט וועגען זיין בארימטען זוהן ר' חיים בריסקער ז״ל: „דער חילוק צווישען מיר און מיין חיים'קע איז אט וואס: אז מען פרעגט מיך א קשיא, זיינען דער פרעגער און איך ביידע צופרידען. דער פרעגער איז צופרידען מיט דער קשיא, און איך בין צופרידען מיט דעם תירוץ. אבער ווען מען פרעגט מיין חיים'קען א קשיא ווייזט ער באלד אויף אז די קשיא איז גאר קיין קשיא ניט, בלייבען זיי ביידע ביי גארניט, יענער אהן א קשיא, און חיים'קע אהן א תירוץ.

און ווען ר' ברוך לייפניקער, ר' חיים צאנזער'ס שווער ז״ל, האט אמאל געזאגט א זעהר שארפען פלפול, האט ער אויסגעפיהרט, אז דאס איז זעהר דין, „דק מן הדק". האט ר' חיים א שמייכעל געטהון, און געזאגט: „עס איז אזוי דין, אז ווען מען זאל עס נאכאמאל איבערזאגען, וועט דערפון גאר־ניט בלייבען"...

איז דארף מען טאקע לערנען. מען האט דערפון גרויסע נוצען אויף ביידע וועלטען. און באזונדערס גוט איז עס טאקע אויף דער וועלט. אחוץ דעם וואס „וויסען" איז פאר זיך אליין א גוטע זאך, איז עס אויך א גוט מיטעל געגען עבירות. אז מען איז פארנומען מיט לערנען, האט מען ניט קיין צייט צו זינדיגען, און אויך ניט צו טראכטען פון זינד, וואס איז נאך אפילו ערגער פון זינד. ווי זאגען אונזערע חכמים ז״ל „הרהורי עבירה קשים מעבירה", דאס טראכטען פון זינד, איז נאך שווערער פון דער זינד גופא.

איז הערט זשע א גוט ווארט: די היינטיגע סדרה זאגט אונז „ועשית מעקה לגגך". טייטשט ר' שלמה לעבטשנער ז״ל: די תורה הייסט דעם מענטשען מאכען א צוים איבער זיין קאפ, כדי שלעכטע געדאנקען זאלען ניט קענען אריינדרינגען אין זיין מוח אריין. און אט דאס באדייט טאקע דאס ווארט מעקה, נעמליך, הרהורי עבירה קשים מעבירה, די שלעכטע געדאנקען וועגען דער זינד זיינען ערגער פון דער זינד אליין.

און פאַרשטעהט זיך אַז פונקט ווי דער מענטש טאָר ניט באַגעהן קיין זינד געגען דעם באַשעפער, אַזוי טאָר ער ניט זינדיגען געגען מענטשען. און אָפּנאַרען דעם צווייטען איז איינע פון די שווערסטע זינד. וואָרענט אונז טאַקע די הייניטיגע סדרה זעהר שטאַרק געגען דעם. זי רעכענט אַפילו אויס פּרטים. אַט, למשל, זאָגט אונז די סדרה: „לא יהיה לך בכיסך אבן גדולה וקטנה״. דו זאָלסט ניט האָבען אַ גרויס געוויכט און אַ קליין געוויכט. איז דאָך די קשיא, צו וואָס רעכענט די תורה אויס ביידע? זי האָט דאָך געקאָנט זאָגען „דו זאָלסט ניט האָבען קיין „אבן קטנה״, קיין קליין־געוויכט. צו וואָס וואָרענט זי געגען „אבן גדולה״, וויבאַלד דער קרעמער וויל אָפּנאַרען וועט ער דאָך סאַי ווי ניט האָבען קיין גרויס־געוויכט? נאָר דער תירוץ איז: דו זאָלסט ניט האָבען אַ קליין־געוויכט און אַ גרויס־געוויכט, כדי צו ווייזען דעם קונה דאָס גרויסע געוויכט, און צו וועגען מיט דעם קליינעם געוויכט.

און די תורה וואָרענט אונז שטאַרק „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳״. ווי באַוואוסט פלעגען די גוים פיהרען רעליגיעזע ויכוחים, דיסקוסיעס, מיט די אידען, און זיי פלעגען זיך שטאַרק באַמיהען צו באַווייזען אַז די אידישע רעליגיע פּרעדיגט שנאה צו די גוים. איינמאָל האָט אַ געוויסער גלח געפיהרט אַ ויכוח מיט, להבדיל, דעם „נודע ביהודה״ ז״ל, און ער האָט געבראַכט אַ ראיה, אַז דער אידישער גלויבען פלאַנצט איין שנאה צו גויים, פון דער ברכה „שלא עשני גוי״, וואָס מיר זאָגען יעדען אינדערפריה. האָט דער רב אים געענטפערט אַז די דאָזיגע ברכה האָט גאַר אַ גאַנץ אַנדערע באַ־דייטונג, און עס מיינט אַבסאָלוט ניט אַז מיר אידען דאַרפען פיינט האָבען די גוים. אַ סימן: מיר זאָגען דאָך אויך יעדען אינדערפרי „שלא עשני אשה״, נו, מיינט עס דען אַז אַ איד דאַרף פיינט האָבען די פרוי? אדרבה, די אידישע אמונה פאָדערט אַז דער מאַן זאָל ליב האָבען און שטאַרק עהרליך האַלטען די פרוי.

אגב, עס איז פאַראַן אַ טייטש, אַז „שלא עשני גוי״ מיינט מיר בעטען אַז שלא עשני — גוי, אַז ניט דער גוי זאָל מיך מאַכען פאַר אַ אידען. ניט דער אַנטיסעמיטיזם זאָל האַלטען דעם אידען ביי אידישקייט, אָדער אים צוריקברענגען צו אידישקייט. און דאָס איז אַן אמת׳דיג וואָרט. ווייסען מיר דאָך אַז דער היטלעריזם האָט צוריקגעבראַכט פילע אידען אין די אידישע רייען.

און פאַרוואָס מיינט איר זאָגט טאַקע די תורה „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳״, אַז עמון און מואב טאָר מען ניט אַריינגעמען אין דער אידישער געמיינדע, אין דער געטליכער קהילה? „על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים״, דערפאַר ווייל ווען די אידען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים האָבען זיי ניט אויפגענומען, ניט אַנטגעגען גע־גאַנגען, די אידען מיט ברויט און וואַסער. איז דאָך די קשיא: אפשר זיינען זיי געווען אַזוי אָרים אַז זיי האָבען פשוט ניט געהאַט? איז דער תירוץ: ניין, זיי האָבען יאָ געהאַט, מאַטעריעל איז זיי ניט געגאַנגען שלעכט. והא ראיה, באַמערקט ר׳ יונתן אייבישיץ ז״ל, דער זעלבער פסוק זאָגט דאָך „ואשר שכר עליך את בלעם... לקללך״, און זיי האָבען געדונגען בלעם הרשע

צו שעלטען די אידען, און זיי האָבען אים צוגעזאָגט אַז זיי וועלען אים זעהר גוט באַפּרידיגען, נעמליך, כבד אכבדך מאד, וכל אשר תאמר אעשה. איז אויף צו שעלטען אידען האָבען זיי יאָ געהאַט, נאָר ברויט און וואַסער פאַר פאַר־מאַטערטע מידע אידען האָבען זיי ניט געהאַט, איז אַזעלכע טאָר מען ניט אַריינעמען אין די אידישע רייען.

און די היינטיגע סדרה רעגולירט אויך דעם דין וועגען אַ גט, וואָס די תורה רופט אָן ספר כריתות, וועל איך אייך איבערגעבען אַ שעהנס: צו דעם ראַדזינער רבי'ן ר' גרשון הענעך ז"ל, איז אַמאָל געקומען אַ יונגע פרוי אַ גרושה, פרעגען אַן עצה: אַזוי ווי זי האָט געשריבען תנאים מיט אַ יונגען בחור, וואָס האָט אַ „גרינעם בילעט", דאָס הייסט ער איז נאָך ניט אינגאַנצען באַפּרייט פון מיליטער דינסט (אין רולאַנד), דאַרף ער זיך דאָך שטעלען צום פּריזיוו נאָכאַמאָל איבער אַ יאָר, האָט זי מורא טאָמער „גיט מען אים אָפּ" (דאָס הייסט, מען נעמט צו פאַר אַ סאָלדאַט), קען זי דאָך ניט, פאַר קיינעם געדאַכט, בלייבען אַן עגונה, איז וואָס זשע זאָל זי טהון, חתונה האָבען, צי וואַרטען? ניט טראַכטענדיג קיין סעקונדע, האָט דער רבי גע־ענטפערט: „האָט חתונה, איך גאַראַנטיר אייך אַז מען וועט אים ניט נעמען פאַר קיין סאָלדאַט".

ווען די פרוי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער רבי באַמערקט ווי די אַנוועזענדע קוקען זיך איבער פאַר'חידוש'ט, האָט ער זיך אָנגערופען: „וואָס וואונדערט איר זיך? איר מיינט אַז איך האָב עס געזאָגט ברוח הקודש? ניין, די זאַך איז גאָר פשוט: אַ „גרינעם בילעט" גיט מען דאָך בלויז אַ שוואַכען, אָדער אַ קראַנקען, ווייל מען וויל וואַרטען נאָך אַ יאָר, אפשר וועט ער געזונטער ווערען. און ווי קומט עס וואָס אַזאַ יונגע פרוי איז שוין אַ גרושה? מסתמא איז זי אַ גרויסע מרשעת (פאַראַן אויך אַזעלכע פרויען). איז אשר על כן מעג זי חתונה האָבען, און דאַרף ניט מורא האָבען אַז מען וועט אים נעמען פאַר אַ סאָלדאַט. וואָרום אויב ער איז שוין איצט אַזאַ שוואַכער, איז נאָך אַ יאָר וואוינען מיט איר, וועט ער זיכער ניט טויגען פאַר קיין סאָלדאַט".

געפינט זיך טאַקע דאָ און דאָרט אַ ווייב אַ מרשעת, אָבער די גרעסטע צאָל אידישע טעכטער זיינען פאַרט גוטע ווייבער. ניט נאָר דערגעהן זיי ניט דעם מאַן די יאָרען, נאָר זיי זאָגען אַפילו ניט קיין שלעכט וואָרט אויף אים. אַפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען געג'גט, וועט די אשת חיל ניט זאָגען קיין שלעכט וואָרט אויף איר מאַן. אַ פּאָרעל איז אַמאָל געקומען צום דיין אַז ער זאָל זיי אָפּ'גט'ן. ווי עס פיהרט זיך ביי אידען, האָט דער דיין פאַרזוכט צו מאַכען שלום, און ער האָט געפרעגט די פרוי: „וואָס איי־גענטליך האָט איהר צו אייער מאַן?" האָט זי געענטפערט, אַז זי וויל ניט רעדען אויף איהר מאַן. נאָך דעם גט, פרעגט זי דער דיין: וואָס אייגענטליך האָט איהר געהאַט צו אייער מאַן?" האָט די פרוי געענטפערט: „ער איז איצט אַ פרעמדער מענטש, און אויף אַ פרעמדען מענטשען וויל איך ניט רעדען".

פאַסט דאָס טאַקע פאַר אַ אידישער טאָכטער, אָבער גט'ן זיך טויג גלאַט ניט. אונזערע חכמים ז"ל זאָגען, אַז ווען אַ פּאָרפאָלק גט זיך פאַר־

גיסט דער מזבח טרערן. טראַכט זיך אַריין אין דעם, וועט איהר זעהן וואָס פאַר אַ שטאַרקער זאַג דאָס איז. און ווער, מיינט איהר, איז על פי רוב שולדיג אין אַ גט? דאָס פּאָרעל? ניין. מעהרסטענס זיינען שולדיג אין דעם די „כלומר׳שטע פריינד״. קוקט זיך צו, וועט איהר זעהן וויפיל אמת עס שטעקט אין דעם.

אַזוי צי אַזוי, גט׳ן זיך טויג ניט. אָפט מאָל פּאַסירט עס, אַז אַ קינד קען ווערען אַ „בן סורר ומורה, איננו שומע בקול אביו ובקול אמו״. זאָגען דאַרויף די חכמים ז״ל, אַז אַמבעסטען איז עס „שיהא קולם שוה״. מאַן און פרוי דאַרפען האָבען די זעלבע מיינונג. און דער „מגיד ירחים״ ז״ל גיט נאָך צו, אַז באַזונדערס דאַרפען עלטערען האָבען איין מיינונג ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם קינד׳ס ערציהונג. וויבאַלד אָבער די מיינונג פון די עלטערען איז צעטיילט מיט באַצוג אויף דעם קינד׳ס חינוך: דער פאָטער, למשל, וויל אים ערציהען אַלס איד, און די מוטער אַרבייט מעשים ער זאָל ערצויגען ווערען „וועלטליך״, דאַן מוז דאָס קינד אויסוואַקסען אַ בן סורר ומורה, און שולדיג אין דעם איז ניט דאָס קינד, נאָר די עלטערען אַליין. דאַרפען אידישע עלטערען צוזעהן, אַז לכל הפחות לגבי דער ערציהונג פון זייערע קינדער זאָל זיין „קולם שוה״, איין און די זעלבע מיינונג, ניט אַז יעדער פון זיי זאָל שלעפּען דאָס קינד אין אַן אַנדער ריכטונג.

און ווען אַ קינד וואַקסט אויס חלילה, אַ בן סורר ומורה, אַ שלעכט קינד, איז ניט נאָר פאַרשעהמט ער די עלטערען, נאָר ער פאַרשעהמט אַלע אידען. און פאַרשעהמען טאָר מען ניט. מבייש זיין אַ מענטשען, איז אַ גרויסע זינד.

הערט אַ שעהנס: ווען ר׳ עקיבא אייגער ז״ל איז אַלט געווען פופצען יאָר, האָט ער, ווי באַוואוסט שוין גע׳שם׳ט פאַר אַ געוואַלדיגען עלוי. זיין פאָטער ר׳ משה גינז ז״ל, האָט אים געשיקט לערנען אין דער ברעסלויער ישיבה, וואו זיין שוואָגער ר׳ זאַוועל ז״ל, איז געווען ראש ישיבה, און מען האָט דאָרט גערעדט דעם עלוי שידוכים. ר׳ יצחק מרגלית ז״ל פון ליסא איז געווען אַ גביר און אַ למדן און האָט געהאַט אַ בת יחידה, אַ מושלמת בכל המעלות, זיינעןביידע צדדים זיך צוזאַמען געפאָהרען. ר׳ יצחק האָט מיטגענומען צוויי אידען לומדים צו פאַרהערען דעם חתן. זיי האָבען גע־שמועסט מיט דעם חתן אין לערנען, געוויזען חריפות, און דער חתן האָט געשוויגען, ניט געזאָגט אַ וואָרט. אַלע האָבען זיך געוואונדערט, און עס האָט שוין געהאַלטען דערביי אַז דער שידוך זאָל ניט צושטאַנד קומען.

האָט דער פאָטער אַרויסגערופען דעם חתן אין אַן אַנדער חדר, און געפרעגט: „עקיבא׳לע, וואָס איז מיט דיר געשעהן? צי האָסטו דען ניט פאַרשטאַנען די תורה וואָס זיי האָבען געזאָגט?״ האָט דער חתן געענטפערט: „דיר, טאַטע, וועל איך דערצעהלען דעם אמת: איינער האָט געפרעגט אַ קשיא, און ער האָט פאַרזעהן אַז תוספות פרעגט עס שוין. דער צווייטער האָט גלאַט ניט פאַרשטאַנען דעם פשט אין דער גמרא. האָב איך זיי ניט געוואָלט מבייש זיין, זאָל בעסער דער שידוך ניט ווערען, איידער איך זאָל פאַרשעהמען אַ אידען״. אָט אַזוי איידעל איז אַ אידיש קינד ווען מען איז עס מחנך, ווען מען ערציהט עס, אין דעם אידישען וועג.

וואָרום פאַרשעהמען אַ מענטשען איז זעהר אַ האַרבע זינד. אַזוי גרויס זיינען די ליידען פון בושה, אַז עס קען אַפילו מכפר זיין אויף זינד. העושה דבר עבירה ומתבייש בו, מוחלין לו... (ברכות יב, ב), ווען איינער באַגעהט אַ זינד, און שעמט זיך דערמיט, איז מען אים מוחל. און די חכמים ז״ל זאָגען אויך, אַז אַ מענטש זאָל זיך ליבער לאָזען אַריינוואַרפען אין אַ קאַלך־אויווען, איידער צו פאַרשעהמען אַ מענטשען אין דער עפענטליכקייט. איז טאַקע וואויל צו אונז וואָס מיר זיינען דאָס איינציגע פאָלק אין דער וועלט וואָס איינער פון אונזערע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכען איז וואָס מיר זיינען „ביישנים״. זאָגט דאָך די גמרא בפירוש (יבמות עט, א) שלשה סימנים יש באומה זו: „הרחמנים, והביישנים וגומלי חסדים״. אידען האָבען דריי כאַראַקטער־שטריכען: זיי זיינען באַרעמהאַרציגע מענטשען, שעמעוודיג, און טהוען גמילות חסדים. און מיר וועלען ענדיגען מיט אַ וויכטיגער וואָרנונג אין דער היינטיגער סדרה.

די תורה זאָגט „זכור את אשר עשה לך עמלק... תמחה את זכר עמלק...״ די תורה זאָגט שטרענג אָן די אידען, אַז זיי זאָלען גוט געדענקען וואָס עמלק האָט זיי געטהון ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים... און אַז זיי זאָלען אויסראָטען עמלק׳ן ביז צום לעצטען. האָט אַמאָל אַ חסיד געפרעגט דעם פשיסכער רבי׳ן ז״ל: רבי, פאַרוואָס ביי דעם געבאָט פון אויסראָטען עמלק׳ן, רעדט די תורה בלשון יחיד, „לך״? עמלק האָט דאָך געוואָלט אומברענגען אַלע אידען, וואָלט דאָך די תורה בעדאַרפט זאָגען „לכם״?

האָט דער פשיסכער ז״ל געענטפערט: אַוודאי האָט עמלק געוואָלט פאַרטיליגען אַלע אידען. אָבער עס איז געשעהן אַז די אידען וואָס האָבען זיך אָפּגעטיילט פון דער מחנה, פון דעם כלל ישראל, די יעניגע האָט עמלק אומגעבראַכט. אָבער די אידען וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין דער מחנה, אַלע צוזאַמען, די אידען האָט עמלק גאָרניט געטהון. און אָט דאָס מיינט די תורה אָנצוּואוויזען, געמליך, געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטהון, ווען דו האָסט זיך אָפּגעטיילט פון דעם כלל ישראל.

אונזערע חכמים ז״ל האָבען שוין געזאָגט „אל תפרוש מן הצבור״, טייל זיך ניט אָפּ פון דעם כלל. ווער ניט קיין „ר׳ ישראל״, נאָר בלייב אַ טייל פון „כלל ישראל״. כלל ישראל איז שטאַרקער פון ר׳ ישראל.

כי תבוא

לענע וואָך האָט די סדרה אונז געלערענט „כי תצא למלחמה״, אַז איר, אידעלעך, וועט געהן מלחמה האַלטען, זאָלט איר זיך אויפפיהרען אַזוי און אַזוי... און די היינטיגע סדרה לערענט אונז „והיה כי תבוא אל הארץ״... און אַז דו, ר׳ ישראל׳יקעל, וועסט אַריינקומען אין דעם לאַנד אַריין, וואָס דער אויבערשטער האָט דיר צוגעזאָגט אויף אייביג, זאָלסטו ברענגען ביכורים, געבען מעשר; זאָלסט זיך פיהרען ווי אַ איד; לעבען אַ אידיש לעבען, לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה. וואָרום דו ביזט אַן „עם סגולה״. דיך האָט דער אויבערשטער דערהויבען איבער אַלע פעלקער. און די תורה פאַרשעלט יעדען איינעם, וואָס וועט זיך מאַכען אַפגעטער, געטשקעס און דינען צו זיי, און בענטשט די אַלע, וואָס היטען אָפּ די מצוות.

איז טאַקע דאָס ברענגען ביכורים זעהר שעהן, אָבער וויפיל איז דער שיעור פון ביכורים? וויפיל דאַרף מען ברענגען קיין ירושלים צום כהן גדול? האָט דער רמב״ם, ז״ל, שוין גע׳פסק׳נט אַז „אחד מששים״, אַ זעכ־ציקסטעל. איז דאָך די קשיא, ביכורים איז דאָך איינס פון די זאַכען „שאין להם שיעור״, אַז ברענגען ביכורים האָט גאָר קיין שיעור ניט, איז אויף וואָס פאַר אַ סמך האָט דער רמב״ם, ז״ל, אַזוי גע׳פסק׳נט? דערקלעהרט עס דער ווילנער גאון, ז״ל, אויף פאָלגענדען אופן: דער ברטנורה, ז״ל, צו מסכת כלים, פרק יב, משנה ג, זאָגט, אַז „טנא״ (אין דער סדרה שטעהט „ושמת בטנא״, מען זאָל די ביכורים אַריינטהון אין אַ טנא, אַזאַ קאָשעק) „מחזיק חצי סאה״, אַז אַ טנא האַלט אַ האַלבען סאה (אַזאַ מאָס). אין כתובות, קיא, ווערט גע׳דרש׳נט אויף דעם פסוק „ולשרקה בני אתונו״, אַז „אין לך כל אילון סרק שבארץ ישראל שאינו מוציא משוי שתי אתונות״. און די חכמים, ז״ל, זאָגען אין בבא מציעא, אַז אַן אייזעל קען טראָגען פופצען סאה. קומט דאָך אויס, אַז די פירות פון אַן ארץ ישראל בוים וועגען אַן ערך פון דרייסיג סאה. דאָס הייסט זעכציג האַלבע סאה. היינט, די תורה זאָגט אונז, אַז די ביכורים דאַרף מען אַריינלייגען אין אַ „טנא״, און אַ טנא אַנטהאַלט אַ האַלבען סאה, איז דאָך דאָס אַ זעכציגסטעל.

און געבראַכט געוואָרען זיינען די ביכורים, די ערשטע צייטיג־געוואָרענע פרוכט מיט גרויס פּאַראַד. קודם כל האָט יעדער איינער, אַפילו פרויען, קינדער, קנעכט, געמוזט מקיים זיין די דאָזיגע מצוה, אַ חוץ גזלנים, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבען פאַרזייעט אַ פעלד מיט אַ שותף, אָדער אַזעלכע, וואָס פלעגען בעאַרבייטען עמיצענס אַ פעלד בכדי צו קריגען אַ העלפט, אָדער אַ דריטעל, אָדער אַ פערטעל פון דער תבואה.

די ביכורים האָט מען בעדאַרפט ברענגען פון די בעסטע זיבען מינים: ווייץ, גערשטען, ווייַנטרויבען, פייגען, מילגרוימען, איילבירטען און טייטלען. און פון אָט די דאָזיגע זיבען מינים האָט מען געמוזט אויסקלייבען די פיינסטע,

די בעסטע. און אַזוי ווי די ביכורים זיינען באַטראַכט געוואָרען פאַר הייליג, האָט זיי אַ פּראָסטער מענטש ניט געטאָרט עסען, נאָר דער כהן גדול האָט זיי געמעגט עסען.

און צוגרייטן די ביכורים, די ערשטע צייטיג־געוואָרענע פרוכט, פלעגט מען אַזוי: ווי נאָר אַ בעל הבית האָט דערזעהן אין זיין פעלד אַ צייטיגע זאַנג, אָדער פרוכט, האָט ער דאָס אַרומגעבונדען מיט אַ פאָדים און געזאָגט: „אָט דאָס איז פאַר ביכורים“. נאָכהער פלעגט מען אַריינלייגען די פרוכט אין קאָשיקעס. מען פלעגט די קאָשיקעס זעהר שעהן אויספּוצען. מען האָט זיי אַרומגעהאַנגען מיט יונגע טייבעלעך. די רייכע פלעגען פיהרען די ערשטע צייטיגע פרוכט אין גאָלדענע און זילבערנע כלים. די אָרימערע פלעגען אויספלעכטען קערב (קאָשיקעס) פון דער קאָרע פון ווערבע־בוימער און זיי שעהן דעקאָרירען מיט פאַרשיידענע פרוכטען. דאַן פלעגען די אידען פון פאַרשיידענע געגענטען זיך פאַרזאַמלען אויף אַ באַשטימטען אָרט, און זיי האָבען אַלע צוזאַמען אָנגעהויבען מאַרשירען קיין ירושלים.

פאַר זיי האָט מאַרשירט אַן אָקס, וועלכען זיי האָבען געפיהרט פאַר אַ קרבן שלמים. די הערנער פון דעם אָקס זיינען געווען באַצירט מיט גאָלד. אַ קרוין, אויסגעפלאָכטען פון צווייגען פון איילבירט־בוימער, איז געווען אָנגעטהון אויף זיין קאָפּ. פאַר דעם אָקס איז געגאַנגען אַ קאַפּעליע מיט פלייטען, און מען האָט כסדר געשפּילט, ביז מען איז געקומען ניט וויט פון דער שטאָדט ירושלים. דאַן האָט זיך דער מאַרש אָפּגעשטעלט, און זיי האָבען געשיקט שלוחים קיין ירושלים צו לאָזען וויסען די איינוואוינער, אַז זיי קומען. און דערווייל האָבען זיי אָנגעהויבען מאַכען וואונדערבאַר שעהנע בוקעטען פון די פאַרשיידענע פרוכטען.

אַזוי שנעל, ווי די ידיעה איז אָנגעקומען קיין ירושלים, זיינען די געהילפען פון די כהנים און די אַלע יעניגע, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען אַכטונג צו געבען אויף די הייליגע זאַכען, געגאַנגען אַנטגעגען, מקבל פנים זיין די געסט. און די צאָהל פון די, וואָס זיינען געגאַנגען מקבל פנים זיין, איז געווען פונקט אַזוי גרויס ווי די צאָהל פון די אָנקומענדיגע געסט. און אַ חוץ דעם פלעגען אַלע האַנדווערקער פון ירושלים שטעהן און באַגריסען די געסט, און אויסשרייען: „אונזערע ברידער, די איינוואוינער פון דער און דער שטאָדט, זאָל אייער אָנקומען זיין מיט שלום“. דאַן האָט די קאַפּעליע אָנגעהויבען צו שפּילען ביז מען איז צוגעקומען צו דעם באַרג, אויף וועלכען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען. און אַזוי וויכטיג און פּראַכטפול איז געווען דער דאָזיגער מנהג, אַז ווען די געסט פלעגען צוקומען צום באַרג, פלעגט דער קעניג אַליין, ווי, למשל, דער קעניג אַגריפּס, נעמען אַ קאָרב אויף זיין אַקסעל און מיטמאַרשירען מיט דעם גאַנצען עולם, ביז מען איז געקומען צו דער עזרה.

קומענדיג צו דער עזרה פלעגען די לוים אָנהויבען צו זינגען: „איך וועל דיך לויבען, אָה, באַשעפער, דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערהויבען, און דו האָסט געמאַכט, אַז מיינע פיינט זאָלען זיך ניט קענען פרעהען איבער מיר“. און האַלטענדיג די קאָשיקעס אויף די אַקסלען, פלעגט מען זאָגען פאַרשיידענע פסוקים פון דער תורה. און נאָכדעם, ווי זיי האָבען געענדיגט

דאָס זאָגען די פּסוקים, האָבען זיי אַראָפּגענידערט די קערב פון זייערע אָקסלען און זיי געהאַלטען אויבען ביי דעם זוים. דער כהן פלעגט דאַן אונטערלעגען זיין האַנט אונטער דעם קויבער, אים אויפגעהויבען, און ער האָט געזאָגט אַ געוויסע פּרשה. נאָכדעם, ווי ער האָט געענדיגט, האָט ער אַנידערגעלעגט דעם קאָרב ביי דער זייט פון דעם מזבח און האָט זיך געבוקט.

און די סדרה זאָגט אונז „ובאת אל הכהן... ואמרת אליו הגדתי היום לה׳ אלקיך״... איז פאַרוואָס שטעהט עפּעס „אלקיך״. ניט „אלוקינו״, דיין אַל־מעכטיגער, ניט אונזער אַלמעכטיגער? דערקלעהרט עס דער זוהר אויף אַ זעהר אינטערעסאַנטען אופן: די אמת׳ע געטליכקייט קען אַ איד פיהלען בלויז אין ארץ ישראל, און אַזוי ווי משה רבינו איז ניט אַריינגעגאַנגען אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד אַריין, האָט ער דערפאַר ניט געקאָנט זאָגען אלוקינו.

און אגב אַ גוט וואָרט אויף דעם פּסוק „ויגר שם במתי מעט ויהי שם לגוי גדול עצום ורב״. זאָגט דאַרויף דער „מקרא מפורש״ ז״ל: „זייט מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק, זיינען מיר גרויס אין די אויגען פון די אומות העולם, פון די פעלקער פון וועלט. אונזערע פיינט האַלטען שטענדיג אין איין שרייען, אַז מיר זיינען אומעטום, אַלע פּראָפּעסיעס פאַרכאַפּען מיר, אַלע וויכטיגסטע פּאָזיציעס זיינען אין אידישע הענט. בקיצור, מיר רעגירען די גאַנצע וועלט. כאָטש אין אמת׳ען זיינען מיר דאָך בלויז „מתי מעט״, אַ זשמענקעלע פון אַ פאָלק. מיר זיינען דאָך אַפילו ניט קיין איינס פּראָצענט פון דער וועלט־באַפעלקערונג. אָבער „שם״ ביי די גוים, אין די אויגען פון די פעלקער זיינען מיר „גוי גדול עצום ורב״, אַ גרויס, שטאַרק און מעכטיג פאָלק״.

און אין איין וועגס וועל איך אייך שוין איבערגעבען אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד. צו די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסען אין באַזעל איז געקומען אַן אַמעריקאַנער ראַבאַי. די אייראָפּעאישע דעלעגאַטען, באַזונדערס די רבנים, זיינען געוועזען זעהר נייגעריג צו זעהן ווי עס זעהט אויס אַן „אמת׳דיגער״ אַמעריקאַנער גייסטיגער פיהרער. ווען זיי האָבען דערזעהן פאַר זיך אַ הויכען, זעקס פוסיגען, שטאַרקען מאַן, מיט אַ גלאַט־ראַזירטען פּנים, וואָס קען קיין אידיש ניט און אַ שטיקעל גמרא, צי אַ פּסוק חומש מיט רש״י געוויס ניט, האָט זיך איינער אָנגערופען, איצט פאַרשטעהט ער שוין דעם טייטש פון דעם פּסוק „גוי גדול עצום ורב״, אַ גוי, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער און — אַ רב.

און די סדרה זאָגט אונז: „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלוקיך בשמחה... ועבדת את אויביך... ברעב ובצמא ובעירם ובחוסר כל...״ דערפאַר, וואָס דו האָסט ניט געדינט דעם אויבערשטען מיט פרייד... וועסטו דיענען דיינע שונאים אין הונגער און אין דורשט, אין נאַקעטקייט און אין דער גרעסטער אָרימקייט. אין לעבען איז יעדער זאַך סוביעקטיוו. יעדער מענטש קוקט אויף דער וועלט דורך זיינע אייגענע ברילען. איז איינער, למשל, אַ מוצלח אין מסחר, וועט ער אייך זאָגען, אַז די בעסטע זאַך איז מסחר. איז איינער, צום ביישפּיל, אומגליקליך פאַרהייראַט, וועט ער אייך זאָגען, אַז דעם גרעסטען פעהלער וואָס איינער קען באַגעהן, איז חתונה האָבען, און אַזוי ווייטער. יעדער איינער אורטיילט דאָס לעבען לויט זיין אייגענער לאַגע. איז דאָס

זיכער אַן אמת. דאָס איז אַ פאַקט. און אַ פאַקט איז אמת. אַז ניט איז עס דאָך ניט קיין פאַקט. איז אויף דעם „ובעירום ובחוסר כל" גיט דער „המפתח" אַן אויסערסט אינטערעסאַנטע דערקלערונג, נעמליך:

ר' חיסדא זאָגט, אַז דאָס מיינט „בלא אשה". נעמליך, ניט פאַרמאָגען גאָר ניט, מיינט ניט האָבען קיין ווייב. דער וואָס האָט ניט קיין ווייב, פאַרמאָגט גאָר ניט. ר' ששת, ווידער, זאָגט, אַז דאָס מיינט „בלא שמש". אָרעם איז דער וואָס האָט ניט קיין שמש, קיין באַדינער, קיין אַרויסהעלפער. און ר' נחמן טייטשט, אַז דאָס מיינט „בלא דעת". אָרעם איז דער יעניגער, וואָס האָט ניט קיין וויסען, וואָס קען ניט לערנען, וואָס איז ניט געבילדעט. זאָגט דער „המפתח", אַז איר וועט זיך גוט צוקוקען, וועט איר זעהן, אַז יעדער איינער פון די דאָזיגע דריי ריזען האָט געטייטשט לויט זיין אייגענער דערפאַהרונג. ר' חיסדא האָט חתונה געהאַט זעהר יונג, צו זעכצעהן יאָר, און אַ ווייב האָט ער געהאַט זעהר אַ גוטע (פאַראַן אויך גוטע ווייבער), האָט ער געהאַלטען, אַז דאָס גרעסטע גליק פאַר אַ מאַן איז צו זיין פאַרהייראַט. וואָרום פון קיין ארורות, פון שלעכטע, ביטערע ווייבער (פאַראַן, ליידער, אויך אַזעלכע), האָט ער ניט געוואוסט. ר' ששת, ווידער, איז געווען לא אליכם, אַ בלינדער. האָט ער זיך, פאַרשטעהט זיך, זעהר גענויטיגט אין אַ שמש, אין איינעם, וואָס זאָל אים דערלאַנגען וואָס ער דאַרף, וואָס זאָל אים אַרומפיהרען. האָט ער געטייטשט אַז דער אָרימסטער מענטש איז דער, וואָס האָט ניט קיין שמש, קיין באַדינער. דאַגעגען ר' נחמן, וואָס איז געווען אַ „קאַבינעט מענטש", איז אים אויסגעקומען, אַז דער עיקר אין לעבען איז בילדונג, לערנען, וויסען. האָט ער געטייטשט, אַז דער אָרימסטער מענטש איז דער, וואָס איז ניט געלערענט, אַ מענטש „בלא דעת". וואָרום „אי לאו תורה, כמה נחמן בר אבא איכא בשוקא", וואָרום אויב ניט זיין באַוואָפענט מיט לומדות, מיט וויסען, מיט בילדונג, זיינען דאָך פאַראַן טויזענטער נחמן'ס!

מוז איך מודה זיין, אַז ר' נחמן'ס דערקלערונג געפעלט מיר בעסער. געוויס איז ביטער, אַז מען איז שלעכט פאַרהייראַט. וועה צו דעם, וואָס האָט אַ ווייב אַן ארורה. געוויס איז ביטער, אַז מען איז בלינד. וועה נעבעך צום בלינדען. אָבער דאָס זיינען פערזענליכע ענינים. עס איז ביטער דעם, וועמען עס טרעפט. אָבער ר' נחמן'ס דערקלערונג איז פון אַ ברייטערען, פון אַ נאַציאָנאַלען פאַרנעם. נעמליך, פון דעם שטאַנדפונקט, וואָס עס איז גוט פאַר דעם כלל ישראל, ניט בלויז וואָס עס איז גוט פאַר „ר' ישראל". און „דעת", וויסען, בילדונג, אַ שטיקעל גמרא, אַ פסוק חומש מיט רש"י, דאָס איז נוגע דעם גאַנצען כלל ישראל.

אונזער גאַנצער אידישער יחוס, באַשטעהט דאָך אין דעם וואָס מיר זיינען אַן „עם סגולה", אַ „גוי קדוש", און ווי די אַראַבער זאָגען אין זייער „ביבעל", אַן „עם הספר". אָט דאָס איז אונזער גרעסטער אוצר, אונזער גרעסטער נאַציאָנאַלער פאַרמאָג. איז ווי באַלד איינער פון אונז איז „בלא דעת", ער איז אַן איגנאָראַמוס, ער האָט גאָר ניט געלערענט און ווייסט גאָר ניט, איז ער אָרים ווי די נאַכט.

דערפאַר טאַקע האָט די אידישע לעהרע געלעגט אַזוי פיל געוויכט אויף לערנען. ווען יהושע איז געוואָרען משה רבינו'ס נאָכפאָלגער, איז ער באַ־פוילען געוואָרען: „די תורה זאָל זיך ניט אָפּטהון פון דיין מויל, און דו זאָלסט אין איר אַריינקוקען טאָג און נאַכט".

דער אידישער באַגריף וועגען לערנען, בילדונג, דערציהונג איז גלענצענד סומירט אין דעם קורץ־געפאַסטען, אָבער פיל זאָגענדיגען פסוק „אמור לחכמה אחותי את, ומודע לבינה תקרא", זאָג צו חכמה, דו ביזט מיין שוועסטער, און פאַרשטענדעניש באַצייכען אַלס פריינד, ווייל גליקליך איז דער מענטש וואָס שאַפט זיך איין חכמה, און דער וואָס ערווערבט זיך פאַרשטענדעניש.

און דערפאַר טאַקע זאָגען אונז די חכמים, ז"ל, אַז „לערנען איז גלייך צו אַלע אַנדערע מצוות". שוין מיט קנאַפּע צוויי טויזענט יאָר צוריק, ווען די היינטיגע אַזוי־גערופענע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאָך געווען ווילדע באַרבאַרען, האָבען שוין אונזערע חכמים, ז"ל, געזאָגט, אַז תורה, לערנען, וויסען, בילדונג, איז איינס פון די דריי זיילען, אויף וועלכע די וועלט עקזיס־טירט. וואָרום תורה איז ליכט, איגנאָראַנץ, עם הארצות, איז פינסטערניש. תורה, לערנען, שטעהט העכער אפילו פון מעשים טובים. געוויס זיינען „מעשים טובים" זעהר וויכטיג. אָבער תורה איז נאָך וויכטיגער. ווייל תורה ברענגט צו מעשים טובים. דער וואָס לערענט תורה; דער וואָס ווייסט וואָס אונזערע נביאים לערנען אונז; דער וואָס קען אַ שטיקעל גמרא, אַ פּסוק חומש מיט רש"י, דער וואָס ווייסט וואָס אַ הלל, אַ ר' סעדיה גאון, אַ רמב"ם, אַ ווילנער גאון, אַ ר' ישראל סאַלאַנטער, אַ ר' לוי יצחק, אַ ר' חיים בריסקער און טויזנעטער אַנדערע, זכר כולם לברכה, און יבדל ממות לחיים, אַ ר' חיים העליר נר"ו לערנען אונז, ווייסען דעם אומבאַזיגבאַרען כוח פון אונזער תורה, און ווייסען אַז נאָר „דעת", וויסען, לערנען, איז דער פונדאַמענט, דער באַזיס, די נשמה און דער גוף פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק.

און אַזוי ווי מאַנכע אידען, ליידער, פיהלען זיך גליקליך, ווען אַ גוי זאָגט עפּעס אַ גוט וואָרט וועגען אידישקייט, איז אָט הערט וואָס אַ גוי, אַ רוסישער גוי, און ניט גלאַט אַ רוסישער גוי, נאָר לעוו טאָלסטאָי, בכבודו ובעצמו, האָט צו זאָגען וועגען אידען:

„וואָס איז אַ איד? וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש איז ער, וואָס זינט ער האָט דערזעהן די ליכטיגע שיין ביז היינט צו טאָג, ווילען אַלע פעלקער פון דער וועלט אים אומברענגען און זיי קענען ניט? דער איד איז דאָס הייליגסטע באַשעפעניש. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דאָס הייליגסטע פייער פון דעם הימעל און דערמיט באַלויכטען די גאַנצע וועלט. ער איז דער אייביגער, אומדערשעפּליכער קוואַל פון וועלכען אַלע פעלקער פון דער וועלט שעפּען זייערע גלויבענס, זייערע רעליגיעס. דער איד איז דער פּיאָנער פון קולטור. ער איז דער פּיאָנער פון פרייהייט, ער איז דער סימבאָל פון רעליגיעזער און בירגערליכער טאָלעראַנץ. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גע־פּרידיגט דעם אַלערמענטשליכען פּרינציפּ 'האָב ליב דעם פרעמדען ווי זיך אַליין'. און פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין די ווילדסטע צייטען, אין די צייטען, ווען די הויפּט אַמביציעס פון אַלע פעלקער זיינען געווען צו אונטערדריקען דעם פרעמדען, צו פאַרשקלאַפען דעם פרעמדען.

דער איד איז דער סימבאָל פון אייביגקייט. זייט טויזענטער יאָרען וויל מען אים אומברענגען, פאַרניכטען, פאַרטיליגען, אויסראָטען. אָבער די בלוטיגסטע שחיטות, די גרעסטע עינוים, די גרויזאַמסטע פּאָגראָמען, די ברוטאַלסטע אינקוויזיציעס (און מיר גיבען צו די היטלעריסטישע קאַלד־אויווענס) האָבען אים ניט געקאָנט פאַרטיליגען, ווייל ער, וואָס איז אַזוי לאַנג געוועזן דער היטער פון דער געטליכער תורה, פון דער אומשטערבליכער נבואה, ער קען ניט אונטערגעהן. דער איד איז אייביג. ער איז אייביג, ווי די אייביגקייט אַליין". אַט דאָס האָט געזאָגט דער רוסישער גוי, לעוו טאָלסטאָי.

און פאַרוואָס מיינט איר איז דער איד אייביג? ווייל ער האָט אַ תורה, וואָס קיין פאָלק האָט ניט; ווייל ער האָט נביאים וכתובים, אַ תלמוד, און אַזוי ווייטער, וואָס קיין פאָלק האָט ניט. און פאַרוואָס האָבען עס ניט קיין אַנדערע פעלקער? ווייל מיר, אידען, זיינען אַן „עם סגולה", אַן אויסדערוועהלט פאָלק. אַזוי איז געוועזן דער רצון פון דעם וועלט־באַשעפער. דאַרפען מיר זעהן ניט צו פאַרשווענכען דעם אייביגען אוצר, וואָס דער בורא עולם האָט אונז פאַרטרויט, און זיין אידען אין דעם פולסטען זין פון וואָרט.

נצבים

זאָגט די היינטיגע סדרה „נצבים“: „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב“. טייטשט רבי מנחם מענדעל קאָצקער ז״ל אַזוי: יעדער איד דאַרף זיך באַמיהען, אַז דער „חיים“, דאָס לעבען, זאָל זיין צוליב דעם „טוב“, און ניט פאַרקערט. דאָס הייסט: דו זאָלסט לעבען צוליב דעם, אַז דו זאָלסט טהון גוטס, אָבער ניט טהון גוטס, כדי דו זאָלסט לעבען. ליגט אין דעם אַ זעהר שעהנער, נאָבעלער געדאַנק.

און די סדרה הויבט זיך אָן מיט „אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳...“ היינט שטעהט איר אַלע, אייערע עלצטע, אייערע שבטים, אייערע פיהרער, אייערע פרויען און קינדער פאַר דעם וואָס לעבט אייביג. נו, ווען נאָך שטעהען אַלע אידען פאַר כביכול ווי ראש השנה? ווען מיר מהאי טעמא רעדען איצט מעניני דיומא. אין די פורכטיגע טעג דאַרף אַ איד זיך אָפּ־געבען דין וחשבון. ער דאַרף זעהן, אַז דאָס קומענדע יאָר זאָל ער אויסמיידען די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען געגען אַלמעכטיגען און געגען מענטש אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר.

איז קודם כל דאַרף יעדער מענטש זעהן רחמנות האָבען אויף דעם צווייטען מענטשען. און רחמנות האָבען דאַרף מען אַפילו אויף אַ חזן. דאַוועגען ימים נוראים פאַר דעם עמוד איז זעהר שווער. עס פאָדערט פיל אָנשטרענ־גונג. דאַרף מען זעהן געבען דעם חזן אַ געלעגענהייט זיך אַביסעל אָפּצו־רוהען, וועט ער האָבען כוח צו זינגען נאָך אַ ניגון׳דעל, מזכה זיין דעם עולם מיט אַ נייעם „בראש השנה“, אַ ספּעציעלען „אדם יסודו מעפר“, צי גאָר אַ „הבן יקיר׳ל“.

און דערצו איז פאַראַן אַ גאָר טייער מיטעל וואָס קאָסט, אגב, ניט קיין געלט. דער חזן קען זיך אָפּרוהען און דער עולם כאַפּט אַריין דערוויל אַ פּאָר פיינע פיוטים. איינמאָל אַן ערב ראש השנה האָבען בעלי בתים גע׳טענה׳ט צו רבי ישראל סאלאנטער ז״ל: „רבי, דאָס ראש השנה׳דיגע דאַוועגען איז אַזוי גרויס, אַזוי פיל פיוטים, אפשר קען מען עפּעס איבערהיפּערען“. האָט דער רבי זיי געענטפערט, אַז זיי קענען איבערהיפּערען וואָס פאַר פיוטים זיי ווילען. אָבער די פיוטים צווישען מלכיות, זכרונות און שופרות זאָלען זיי אומבאַדינגט זאָגען, ווייל מוסף איז אַ זעהר לאַנגע תפילה און דאָס פאַר־מאַטערט דעם חזן. אָבער בעת קהל זאָגט די פיוטים, האָט דערוויל דער חזן אַביסעלע צייט אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם... אָט אויף אַזוי ווייט דאַרף איין איד אין זינען האָבען דעם צווייטען. טראַכט זיך אַריין, וועט איר זעהן מיט וויפיל עכטער, מענטשליכער, האַרציגער גוטסקייט דער רבי איז געווען באַשאַנקען. און אויב ניט יעדער איד קען זיין אַ גאון ווי ר׳ ישראל סאלאנטער

ז״ל, קען אָבער יעדער איד זיך ערוועקן די זעלבע מאָס גוטסקייט, די זעלבע מאָס רחמנות.

וואָס אייגענטליך איז דער אונטערשיד צווישען „כאַראַקטער״ און „רע־פוטאַציע״? דער ענטפער איז, אַז „כאַראַקטער״ איז דאָס וואָס דער מענטש א י ז. איינער איז בטבע אַ גוטער מענטש, איז וואויל און גוט צו אים. „רעפוטאַציע״ איז דאָס וואָס אַנדערע דענקען ער איז. געמליך מענטשען דענקען אַז דער און דער איז אַ פיינער מענטש. אין אמת׳ן, אָבער, אין תוך גע־נומען, איז ער גאָרניט קיין פיינער מענטש, נאָר ער „פיינט״ זיך אויס. ער נאַרט אָפּ. ער ווייסט, אַז ער וועט טהון די און די זאַך, וועט מען אים האַלטען פאַר אַ פיינעם מענטש. ער וועט קריגען אַ גוטע רעפוטאַציע. נו, שאַדען שאַדעט עס ניט, אָבער דערמיט ווערט ער נאָך ניט קיין פיינער מענטש. איז מיט דעם נייעם יאָר דאַרף יעדער איינער פון אונז זיך באַמיהען צו ווערען אַן ע כ ט ע ר , פיינער מענטש.

די בעסטע סגולה צו ווערען אַן עכט פיינער מענטש איז דינען דעם בורא עולם, און דינען אים מיט שמחה. ר׳ מענדעלע וואורקער ז״ל, ווען ער איז זיך פערגאַנגען אין דבקות, פלעגט ער זינגען:

דעם בורא מוז מען דינען,
און מען וועט אים דינען
נאָר מיט שמחה און נחת.
„הגואל ממות ופודה משחת״.

און די חסידים פלעגען ענטפערען:
דינען דעם בורא איז אַ געבאָט
און מען וועט אים דינען,
נאָר דערפאַר ווייל ער האָט
אונז אויסגעוויילט אים צו דינען.

און דער רבי פלעגט באַלד צוריק ענטפערן:
מען מוז אים דינען
און מען וועט אים דינען,
אָבער ניט ווי אַ גולם
„הדין יחידי לבאי עולם״.

געדענקט זשע, מען „מוז״ אים דינען, מען „וועט״ אים דינען, אָבער ניט ווי אַ גולם. אַי איז דאָס טייער געזאָגט! אַי איז דאָס אמת!

מען „מוז״ אים דינען. קומען צוגעהן „פריידענקער״, די וואָס זיינען „פריי״, אָבער ניט קיין „דענקער״ און געוואָלדעווען: מען מוז ניט. מיינט איר דאָך, אַז זיי „דינען״ ניט. הויבט עס זיך גאָרניט אָן. זיי דינען דווקא יאָ, נאָר אנשטאָט צו דינען דעם אַלמעכטיגען, דעם אַלגעגענווערטיגען, דעם אַלוויסענדיגען, דעם וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף, דעם וואָס איז געווען, און איז, און וועט זיין, דעם וואָס איז איינציג און האָט ניט קיין גלייכען צו זיך, דינען זיי — קאַרל מאַרקס. ווייסען מיר דאָך אַלס אַ פאַקט, אַז אין דעם פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד פלעגט מען דאָך שוין אויפ־שטעלען אַלטאַרען (איך וויל ניט זאָגען דאָס וואָרט אויף לשון קודש) צו היטלער׳ן ימח שמו.

און „מען ווערט אים דינען", זינט די וועלט שטעהט, האָבען מענטשען געדינט אַ גאָט. איינער האָט געדינט אַ שטיין, דער אַנדערער האָט געדינט אַ בוים. איינער האָט געדינט די זון, די לבנה, די שטערען, און דער אַנדע־רער האָט געדינט דעם דונער, דעם בליץ, דעם רעגען, צי גאָר אַ ים־פיש, אָדער אַן אָקס. איז געקומען אונזער פּאָטער אברהם און האָט געזאָגט: „שוטים וואָס איר זייט, צו וואָס דינען זאַכען וואָס קענען גאָרניט העלפען, וואָס קענען גאָרניט אויפטהון, וואָס זיינען טויט ווי אַלע טויטע, אָמעהר דינט דעם אַלמעכטיגען, וואָס האָט באַשאַפען די וועלט, וואָס פיהרט, רעגירט, קאָנטראָלירט דעם גאַנצען אוניווערז. און זינט דאַן, ווער עס האָט געהירען אין קאָפּ, דינט טאַקע דעם אויבערשטען, און וואויל און גוט איז צו זיי.

און אַז מען דינט דעם אַלעמעכטיגען, לערענט מען זיך שוין אויס צו זיין גוט, פיין צום צווייטען מענטש. ווארום וואָס אייגענטליך וויל דען דער רבונו של עולם? אַלץ וואָס ער וויל איז: עשות משפט, ואהבת חסד, והצנע לכת עם אלוקיך (מיכה ו, ה). ער וויל דו זאָלסט טהון גערעכטיגקייט, דו זאָלסט ליב האָבען חסד און דו זאָלסט זיין באַשיידען, געהן אין זיינע דרכים. באַמערקט זשע, אַז פון די דאָזיגע דריי זאַכען האָבען צוויי צו טהון מיט דער באַציהונג צווישען מענטש און מענטש, און בלויז איינס האָט צו טהון מיט דעם באַשעפער. און אַפילו די צוויי, וואָס האָבען צו טהון מיט די באַציהונגען צווישען מענטש און מענטש, שטעהען פריהער פאַר דעם איינעם וואָס האָט צו טהון מיט דער באַציהונג צווישען מענטש און דעם אַלמעכטיגען.

זעהען מיר טאַקע, אַז אין פאַרלויף פון אַלע דורות האָבען אונזערע גרויסע וואָרט־זאָגער געהאַלטען אין איין אונז דערמאָנען, אַז איין מענטש דאַרף זיך באַציהען צום אַנדערען מענטשען פיין, איידעל, מענטשליך. און דעם כלל זאָלט איר האָבען, אַז וויבאַלד איר טהוט אַ גוטע, פיינע, איידעלע, מענטש־ליכע, וואוילטעטיגע זאַך, געהט עס ניט לאיבוד. קודם כל האָט איר אַליין דערפון אַן הנאה. אינערליך פיהלט איר, אַז איר האָט געטהון עפּעס גוטס. און צווייטענס ווייסען אַנדערע אויך דערפון. אויב דער מענטש איז טאַקע מיט אַן אמת פיין, עהרליך, ציטערען אַפילו מלאכים.

ר' יצחק אייזיק זידיטשעווער ז"ל איז אַליין געווען בעל תקיעה. אָבער אַזוי ווי ער איז ניט געווען קיין עקספּערט אין בלאָזען שופר, פלעגען זיינע תקיעות אַרויסקומען אַביסעל הייזעריג. אַזוי הייזעריג פלעגען זיי אַרויסקומען, אַז מאַנכע דאָוועגער פלעגען האַלטען, אַז זיי האָבען מיט די תקיעות ניט יוצא געווען. פלעגען חסידים זאָגען דאַרויף: „ובשופר גדול יתקע" — אויב דער בעל תקיעה איז אַן אדם „גדול", איז ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס „קול דממה דקה ישמע", כאָטש דאָס קול פון דער תקיעה איז זעהר שטיל, פונ־דעסטוועגען „ומלאכים יחפזון, וחיל ורעדה יאחזון", הויבען דאָך אָן די מלאכים צו ציטערען דערפון, און אַ פחד און אַ ציטערניש כאַפּט זיי אַרום.

אַלזאָ, דער עיקר איז כאַראַקטער, וואָס דער מענטש איז, און ניט רעפּוטאַציע, וואָס אַנדערע דענקען אַז ער איז. ווארום דאָס וואָס דער מענטש „איז" באמת, דאָס קען קיינער פון אים קיינמאָל ניט אַוועקנעהמען. מאַנכע געפינען עס אויס פריהער, מאַנכע שפּעטער. אָבער סוף כל סוף געפינט

מען אויס און מען איבערצייגט זיך, אַז ער איז אַן עכטער, פיינער, איידעלער מענטש.

אַט הערט: דער גוטער, באַליבטער רבי לוי יצחק ז״ל פון בערדיטשעוו האָט אַמאָל באַדאַרפט אַ בעל תקיעה אויף ראש השנה. נו, פאַרשטעהט איר דאָך, אַז ווי נאָר מען איז דערפון געוואויר געוואָרען, זיינען געקומען אומ־צייליגע בעלי תקיעה, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט האָבען די זכיה צו זיין דעם צדיק׳ס בעל תקיעה. האָט דער רבי יעדען איינעם פון זיי פאַר־הערט און אים געפרעגט וואָס פאַר אַ כוונה ער האָט ביי די תקיעות. האָט, פאַרשטעהט זיך, יעדער איינער פון זיי געענטפערט וואָס מען דאַרף אין זינען האָבען על פי קבלה און אזוי ווייטער.

אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען אַ איד, וואָס איז אויך געקומען צוליב דעם זעלבען צוועק, אָבער דערזעהענדיג אַזוי פיל לומד׳ישע בעלי תקיעה, האָט ער ניט געוואָגט אַפילו זיך צו לאָזען פאַרהערען. האָט דער רבי צו אים אַ זאָג געטהון: „נו, און וואָס פאַר אַ כוונות האָט איר ביים בלאָזען שופר?״ האָט דער איד אַנגעהויבען שטאַמלען, און ער האָט געענטפערט: „רבי, איך בין אַ פשוט׳ער איד. איך האָב דריי טעכטער חתונה צו מאַכען, און איך פאַר־מאָג ניט קיין גראָשען נדן. איז ווען איך בלאָז שופר, איז מיין כוונה: רבונו של עולם, איך טהו דיין רצון און בלאָז שופר, ערפיל זשע דו, אַלמעכטיגער, מיין וואונטש, און שיק מיר צו גוטע זיווגים פאַר מיינע טעכטער״. האָט דער רבי אויסגעשריען מיט שמחה: „איר האָט אמת׳ע, גוטע כוונות, און אַזאַ בעל תקיעה דאַרף איך טאַקע״. טראַכט זיך אַריין, וועט איר פאַרשטעהן די גרויס־קייט פון דעם בערדיטשעווער, זיין עכטע מענטשליכקייט.

און אַט דאָס איז וואָס אונז פעהלט, ע כ ט ע מענטשליכקייט. עכטע מענטשליכקייט מיינט אמת׳ע, איבערגעגעבענע, אַלטרואיסטישע מענטשליכ־קייט, אַ מענטשליכקייט פון וועלכער דער וואָס פראַקטיצירט עס האָט ניט קיין פערזענליכע נוצען. די גמרא זאָגט: ציפהו לשופר זהב במקום הנחת פה, פסול. אַז מען באַדעקט דעם שפיץ פון דעם שופר וואָס מען לייגט צו צום מויל מיט גאָלד, איז דער דאָזיגער שופר פסול, און, פאַרשטעהט זיך, אַז די תקיעות זיינען פסול. זאָגט דאַרויף דער „ילקוט פנינים״ ז״ל אַ טייער, אמת׳דיג וואָרט, נעמליך: אויב דאָס מויל פון דעם שופר, פון דעם וואָס זאָגט אונז מוסר, נעמט געלט דערפאַר, איז עס דאָך ביי אים אַ געלט־זאַך, טהוט ער דאָך דאָס ניט למען האמת, נאָר פשוט פאַר פרנסה. אַזאַ שטראָפער, אַזאַ מוסר זאָגער איז פסול.

און ווי מיר ווייסען, באַצוועקט דאָס בלאָזען שופר צו דערמאָנען כביכול אין דער עקידת יצחק. און אין דעם זכות דאַרף ער האָבען רחמנות אויף אונז, און אונז אָנשרייבען אַ גוט יאָר. איז הערט זשע אַ גוט וואָרט:

ר׳ מרדכי ראַקאָווער ז״ל, אַ באַוואוסטער חסיד׳ישער וויצלינג, פלעגט זאָגען: מיט דער עקידת יצחק איז געשעהן דעם אויבערשטען אַ גאָר גרויסער נס. ווארום מה דאָך אברהם האָט ניט מקריב געווען יצחק׳ן, האַלטען מיר אין איין איינלייגען וועלטען, אַז ער דאַרף אונז געדענקען די עקידת יצחק, היינט וואָס וואָלט שוין געווען, ווען אברהם וואָלט טאַקע געווען געשאָכטען

יצחק׳ן פאַר אַ קרבן, דאַן וואָלט ער זיך דאָך שוין קיינמאָל ניט געוועזן געקאָנט אויסקויפען ביי אונז אידען.

האָט אונז אָבער די „עקידה״ סאַי ווי געטהון אַ גרויסע טובה, אפשר די גרעסטע טובה, וואָס איינער האָט אונז אַמאָל געטהון. מיר האָבען אַלץ אַ טענה צום רבונו של עולם: געדענק, אַז אברהם איז געוועזן גרייט מקריב צו זיין זיין איינציגען זוהן, און געדענק אַז יצחק איז געוועזן גרייט זיך צו לאָזען מקריב זיין. און אַזוי ווי מיר האָבען ניט קיין בעסערע אַדוואָקאַטען, איז אָט דער פאַל זעהר גוט פאַר אונז.

דער מדרש זאָגט אונז, אַז מיר האָבען געהאַט צוויי גרויסע אַדוואָקאַטען, משה רבינו און דניאל. פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער וועט דאָס ניט אָפּ־לייקענען. אָבער אַחוץ זיי איז אויך יצחק געוועזן אַ געוואַלדיג גוטער אַדוואָ־קאַט פאַר אונז. ניט נאָר דורך דער עקידה, נאָר דווקא אין אַן אַנדער ספּע־ציעלען פאַל. אָט הערט, ווי אַזוי אונזער פאָטער יצחק האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אונז:

די גמרא אין שבת פּט, ב, דערצעהלט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו יצחק׳ן „דיינע קינדער האָבען געזינדיגט געגען מיר״, האָט ער אים געענטפערט: „מיינע קינדער און ניט דיינע? בעת זיי האָבען געזאָגט „נעשה״ פאַר „נשמע״, האָסטו זיי אָנגערופען „בני בכורי״, און איצט זאָגסטו, אַז זיי זיינען מיינע קינדער און ניט דיינע?״ דאָס איז נומער איינס, און נומער צוויי, האָט יצחק גע׳טענה׳ט, וויפיל האָבען זיי אינגאַנצען געזינדיגט? וויפיל לעבט דען דער מענטש אינגאַנצען? דעם מענטשען׳ס יאָרען זיינען דאָך בלויז זיבעציג יאָר. איז נעם אַרונטער די ערשטע צוואַנציג יאָר פון דעם מענטשען׳ס לעבען, פאַר וועלכע עס קומט אים ניט קיין שטראָף, בלייבט איבער פופציג יאָר. נעם אַרונטער די נעכט, ווען דער מענטש שלאָפט, בלייבט איבער פינף און צוואַנציג יאָר. איצט רעכען אַראָפּ פון די פינף און צוואַנציג יאָר צוועלף און אַ האַלב יאָר, וואָס דער מענטש גיט אַוועק אויף דאַווענען, עסען און טרינקען און אַנדערע באַדערפענישען, בלייבט איבער צוועלף און אַ האַלב יאָר. איז אויב דו ווילסט נעמען אויף זיך אין גאַנצען די צוועלף און אַ האַלב יאָר איז גוט, און אויב ניט, נעם דו אַ האַלב אויף זיך, און איך וועל נעמען אַ האַלב אויף זיך. טאָמער אָבער וועסטו זאָגען, אַז איך זאָל נעמען אין גאַנצען אויף זיך, קען איך דיר ענטפערען, אַז איך האָב זיך דאָך מקריב געוועזן פאַר זיי (די עקידה איז גלייך ווי ער וואָלט געוועזן געשאָכטען געוואָרען), און יצחק אבינו האָט געוואונען. פאַרוואָס? ווייל אַלץ איז געוועזן מיט אַן אמת.

איז טאַקע וואויל און גוט אונז, וואָס מיר האָבען געהאַט אַזעלכע פאַר־טיידיגער ווי יצחק אבינו, משה רבינו, דניאל. אָבער, ווי זאָגען מיר אין די ימים נוראים׳דיגע תפילות „באין מליץ יושר מול מגיד פשע, תגיד ליעקב דבר חק ומשפּט״. האָט דער רבי ר׳ בונים ז״ל געזאָגט אַזוי: „באין מליץ יושר״, אויב עס געפינט זיך טאַקע ניט איינער וואָס זאָל אויף אונז מלמד זכות זיין. אויב אַלע באַשולדיגען אונז און געוואַלדעווען, אַז מיר זיינען חייב, מיר זיינען שולדיג. איז „תגיד ליעקב דבר חק ומשפּט״, מוז מען דאַן אָנווענדען דאָס געזעץ, נעמליך חק ומשפּט. און די גמרא אין סנהדרין זאָגט דאָך, אַז

„סנהדרין שראו כולם לחובה, פוטרין אותו מיד״, אַז וויבאַלד דאָס געריכט, דאָס גאַנצע געריכט, אַלע ריכטער, האַלטען, אַז ער איז שולדיג, דאַרף ער באַפרייט ווערען, וואָרום אַז כולו חייב — זכאי. איז דאַריבער וצדקנו במשפט, קומט אונז, אַז מיר זאָלען אַרויס פון דעם משפט אינגאַנצען ריין.

און אַחוץ דעם האָט דאָך שוין ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער ז״ל געזאָגט, אַז „באין מליץ יושר...״ פונקט אַזוי ווי די אידען זיינען מקיים דעם חוק ומשפט, די געזעצען פון דער תורה, כאָטש זיי ווייסען ניט קיין טעם פאַרוואָס זיי דאַרפען מקיים זיין די געזעצען פון דער תורה, אַזוי אויך דאַרף זיין דער „וצדקנו במשפט״, אַזוי אויך דאַרפסטו, רבונו של עולם, זעהן רעכט־פערטיגען די אידען, די צאן קדשים, ביי דעם דין אָהן אַ שום טעם, אָהן אַ פאַרוואָס, אָהן אַ פאַר ווען, אָהן אַ שום מאָטיוו.

וילד

דיינטיגער שבת איז דער סאַמע ערשטער שבת פון דעם נייעם יאָר, און ער הייסט שבת „שובה“, ווייל מען לייענט די הפטורה וואָס הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „שובה“. פונקט ווי שבת „נחמו“, הייסט אַזוי, ווייל די הפטורה וואָס מען לייענט דאַן הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „נחמו“.

און „שובה“ הייסט — זיך אומקערען צום רבונו של עולם. שטעהט אין הושע יד, ג׳ „קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳“. זאָגט דאַרויף דער מלבי״ם ז״ל: די ווערטער וואָס איר לערענט און זאָגט אין שוהל, אין די בתי מדרשים, זאָלט איר ניט איבערלאָזען דאָרט. נאָר „קחו עמכם“, ווען איר געהט אַוועק פון דאָרט, זאָלט איר זיי מיטנעמען מיט זיך.

און משה האָט אָנגעשריבען די תורה, און ער האָט געהייסען פאַרזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק „למען ישמעו ולמען ילמדו“, זיי זאָלען הערען און זיי זאָלען לערנען, און אָפּהיטען די גאַנצע תורה. און איצט אין די „עשרת ימי תשובה“, דאַרף יעדער איד דאָס באַזונדערס אין זינען האָבען, און טהון תשובה. און תשובה איז אַ גאָר גוט מיטעל, און איז נאָך עלטער ווי די וועלט־שאַפונג אַליין, ווייל דער אויבערשטער שיקט „די רפואה פאַר דער מכה“.

וואָרום איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, איז זי דאָך געווען בלויז וואַסער. אַ מין גרינגער פאַס האָט אַרומגערינגעלט די גאַנצע וועלט, און פון אָט דעם דאָזיגען פאַס, האָט אַרויסגעפינצטערט אַ פינצטערניש איבער דעם גאַנצען רוים. גרויסע ריזיגע פעלזען זיינען געלעגען איינגעזונקען אין דעם אָפּגרונד, און פון זיי האָט אַרויסגעשפּרודעלט וואַסער.

און ווען עס איז אויפגעגאַנגען אויף דעם אַלמעכטיגענס מחשבה צו באַ־שאַפען פון אָט דעם „תהו ובהו“ אַ וועלט, האָט ער זיך געטראַכט: ווי קען ער באַשאַפען אַ וועלט און דולדען די זינד וואָס די מענטשען וועלען זיכער באַגעהן! איז ער געגאַנגען און האָט מקדים געווען די רפואה פאַר דער מכה. ער האָט צום אַלעם ערשטען באַשאַפען „תשובה“, און ערשט דערנאָך האָט ער באַשאַפען די וועלט.

איז טאַקע „תשובה“ איינס פון די זיבען זאַכען וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פאַר דער וועלט־שאַפונג, נעמליך: די תורה, דער כסא הכבוד, דער גן עדן, דער גיהנום, תשובה, דאָס בית המקדש, און משיח׳ס נאָמען. אויסער דעם איז תשובה איינע פון די תרי״ג מצוות.

דער גרונד פּרינציפּ פון תשובה איז אַז דער זינדיגער מענטש זאָל זיך אָפּקעהרען פון זיינע שלעכטע וועגען, חרטה האָבען אויף זיינע פריהערדיגע שלעכטע מעשים, און נעמען אַלץ אויף זיך צו געהן אין גוטען וועג. זעהען מיר טאַקע ווי כביכול אַליין האָט געראַטען קין׳ען צו טהון תשובה. און מיר געפינען אַז ישמעאל, ראובן, עכן און מנשה המלך האָבען געטהון תשובה.

שלמה המלך הא̇ט ביי דער איינווייהונג פון דעם בית המקדש גע׳טענה׳ט צום אויבערשטען: ווען דיינע קינדער וועלען „זיך אומקערען״ צו דיר... ווע̇סטו זיי פא̇רגעבען זייערע זינד. אויך די נביאים הא̇בען כסדר געווא̇רענט דא̇ס פא̇לק, א̇ז זיי זא̇לען תשובה טהון, וועט זיי דער בא̇שעפער מוחל זיין זייערע זינד.

און אויף ווי וויט תשובה העלפט, קען מען זעהן דערפון וווא̇ס א̇זוי שנעל ווי די איינוואוינער פון דער שטא̇ט נינוה הא̇בען א̇נגעהויבען שרייען צום אויבערשטען, און יעדער איינער פון זיי הא̇ט זיך אומגעקערט פון זיין שלעכטען וועג, און פון דעם רויב פון זייערע הענט... און ער הא̇ט געזעהן א̇ז זיי טהוען תשובה, הא̇ט ער חרטה געקרא̇גען אויף דעם שלעכטס ווא̇ס ער הא̇ט געווא̇לט אויף זיי ברענגען, און ער הא̇ט עס טא̇קע ניט געברא̇כט.

און אויף ווי וויט דער אויבערשטער וויל א̇ז מענטשען זא̇לען טהון תשובה, קען מען זעהן דערפון, ווא̇ס ער א̇ליין הא̇ט א̇נגעכא̇פט ירבעם בן נבט ביי דער לא̇ץ און צו אים גע̇זא̇גט: טהו תשובה וועלען איך און דו און בן ישי א̇רומשפא̇צירען צוזא̇מען אין גן עדן. ערשט א̇ז ירבעם הא̇ט גע־פרעגט, ווער עס וועט געהן פא̇ראויס, און כביכול הא̇ט געענטפערט „בן ישי״, הא̇ט ירבעם געזא̇גט „אויב א̇זוי וויל איך ניט״.

און א̇זוי גרויס איז דער כוח פון תשובה, א̇ז קיין זא̇ך קען זיך ניט א̇נטקעגענשטעלען. אויב איינער איז געוועזן זיין גא̇נץ לעבען א̇ רשע, און צום סוף הא̇ט ער געטהון תשובה, איז אים דער אויבערשטער מקבל. ווען איינער טהוט תשובה, איז די עבירות ווא̇ס ער הא̇ט געטהון במזיד, אומישנע, בא̇וואוסטזיניג, ווערען אים גערעכענט פא̇ר עבירות ווא̇ס ווערען געטהון אומגערן. און מען דא̇רף שטענדיג אין זינען הא̇בען א̇ז דער כוח פון תשובה איז א̇זוי גרויס א̇ז ער קען אפילו צערייסען א̇ מענטשענ׳ס גזר דין.

און יעדער מענטש ווא̇לט בעדא̇רפט אין זינען הא̇בען א̇ז די בעסטע צייט צו טהון תשובה, איז ווען דער מענטש איז אין דער בליהונג פון זיינע יא̇רען, אין א̇ צייט ווען ער קען נא̇ך זינדיגען, ווען דער יצר הרע איז שטא̇רק אין אים, און ער איז אים דא̇ך גובר. ווי זא̇גט דא̇ס ווערטעל, „גיס בוימעל בעת דא̇ס ליכטעל ברענט נא̇ך״. ווא̇רום נא̇כדעם ווי דא̇ס קנויטעל איז פא̇ר־לא̇שען, ווא̇ס, מ׳שטייסגעזא̇גט, קען שוין דער בוימעל העלפען.

זא̇גט דא̇ך די גמרא בפירוש, א̇ז בעלי תשובה שטעהען העכער אפילו פון צדיקים, און דא̇רט וואו בעלי תשובה שטעהען קענען אפילו עכטע צדיקים, צדיקים גמורים, ניט שטעהן. אגב, ביי ר׳ יוסף שאול נא̇טא̇נזא̇ן ז״ל, לעמבערגער רב, פלעגען שטעהן די שבת׳דיגע לייכטער אויף דער שא̇פע. נו, זא̇ל עס זיך ניט טרעפען ווא̇ס עס קען זיך טרעפען, הא̇ט מען צוגע־גנב׳עט די לייכטער. ווען קהל איז געוואויר געווא̇רען, א̇ז דער רב איז געבליבען א̇הן לייכטער, הא̇ט מען בא̇לד געקויפט א̇ פא̇ר נייע לייכטער און זיי געברא̇כט צום רב. ווען דער רב הא̇ט דא̇ס דערזעהן, הא̇ט ער געזא̇גט צו דער רביצין: שטעל די לייכטער אויף דער גא̇ר העכסטער פא̇ליצע. ווא̇רום יענע לייכטער הא̇ט צוגע׳גנב׳עט א̇ צדיק, נא̇ך די לייכטער קען נא̇ך א̇ בעל תשובה קומען.

ווייסען מיר א̇ז תשובה דערנעהנטערט דעם מענטשען צו דער שכינה. א̇בער יעדער איינער דא̇רף וויסען, א̇ז ווען איינער טהוט תשובה, און נא̇כדעם

באַגעהט ער נאָך אַמאָל דיזעלבע עבירות, איז די תשובה קיין תשובה ניט. וואָרום דאָס איז פּונקט ווי ער וואָלט זיך געטובל׳ט, און געהאַלטען בעת מעשה אַ שרץ אין דער האַנט. צוערשט דאַרף ער אַוועקוואַרפן דאָס אומריינע וואָס ער האַלט אין דער האַנט, און ערשט נאָכדעם דאַרף ער זיך טובל׳ען. דאָס זעלבע איז אויך מיט תשובה. צוערשט דאַרף ער אַוועקוואַרפען אַלע שלעכטע מעשים, זיך געזעגענען מיט זיי אויף אַן אמת, און דאַן תשובה טהון, וועט עס זיכער העלפען.

און אַט, דערפון טאַקע קען מען זעהן די גרויסקייט, גוטסקייט און באַרעמהאַרציגקייט פון דעם באַשעפער פון דער וועלט. ווען מען האָט געפרעגט דער חכמה: אַז איינער זינדיגט, וואָס קומט אים דערפאַר? האָט די חכמה געענטפערט: „די זינדיגע זאָלען ליידען פאַר זייערע זינד״. ווען מען האָט געפרעגט די נבואה: וואָס פאַר אַ שטראָף קומט דעם זינדיגען? האָט זי געענטפערט: „דאָס זינדיגע נפש זאָל שטאַרבען״. ווען מען האָט געפרעגט די תורה: וואָס זאָל מען טהון מיט דעם זינדיגען? האָט די תורה געענטפערט: „זאָל ער ברענגען אַ קרבן אשם, וועט אים פאַרגעבען ווערען״. אָבער ווען מען האָט געפרעגט כביכול, האָט ער געענטפערט: „זאָל ער טהון תשובה וועלען זיינע זינד פאַרגעבען ווערען.

דערפאַר ווען אַ מענטש טהוט תשובה, דערגרייכט זי ביז צום כסא הכבוד. וואָרום דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען אַ מענטש שיסט, איז ווי ווייט דערגרייכט די פייל? אַ מייל, צוויי מייל. אָבער דער כוח פון תשובה איז אַזוי גרויס, אַז זי שפּאַלט די הימלען, און דערגרייכט ביז צום כסא הכבוד. וואָרום, קום אַליין און זעה דעם אונטערשיד צווישען כביכול און מענטש. ווען איין מענטש קריגט זיך מיט דעם צווייטען, איז אַ ספק צי ער וועט זיך וועלען איבערבעטען. און אויב אפילו ער זאָל זיך שוין יאָ וועלען איבערבעטען צוליב געלט, איז ערשט אַ פראַגע צי ער וועט זיך וועלען מיט אים איבערבעטען גלאַט מיט רייד, אָהן געלט. אָבער דער אַלמעכטיגער איז ניט אַזוי, ער בעט זיך איבער אפילו פאַר בלויז גוטע ווערטער.

איז דאָך תשובה איינס פון די דריי זאַכען, (תפלה און צדקה, זיינען די אַנדערע צוויי) וואָס קענען בטל מאַכען אַ גזרה. אָבער תשובה איז גילטיג און העלפט בלויז אַזוי לאַנג, ווי דער מענטש לעבט, און ער איז ביים זינען. קוים, אָבער, איז ער געשטאָרבען, האָט דער כוח פון תשובה זיך אויסגע־לאָזט. אַט ווי מיט יענעם רשע:

עס האָבען געלעבט צוויי רשעים, זיי האָבען ביידע געגנב׳עט, געגזל׳ט, און געטהון אַלערליי שלעכטע מעשים. האָט איינער פון זיי תשובה געטהון פאַר זיין טויט, און דער אַנדערער איז געשטאָרבען אָהן תשובה. דער וואָס האָט תשובה געטהון איז געוועזן צוזאַמען מיט די צדיקים אין גן עדן, און דער וואָס האָט ניט תשובה געטהון איז געוועזן צוזאַמען מיט די רשעים אין גיהנום. ווען דער וואָס איז געוועזן אין גיהנום האָט עס דערזעהן, האָט ער געזאָגט: „עפּעס פיהרט זיך דאָך דאָ ניט יושר׳דיג. מיר האָבען דאָך ביידע געגנב׳עט, געגזל׳ט, געטהון אַלערליי שלעכטע זאַכען, איז ער אין גן עדן און איך אין גיהנום, פאַרוואָס?״ האָט מען אים געענטפערט: דיין חבר האָט געטהון תשובה, אָבער דו האָסט ניט חרטה געהאַט אויף דיינע שלעכטע מעשים.

רופט ער זיך אָן צו זיי: „לאָזט מיך אָפּ, וועל איך תשובה טהון". ענטפערט מען אים: שוטה איינער וואָס דו ביזט! ווייסטו דען ניט אַז די וועלט פון וואַנען דו קומסט איז געגליכען צו ערב שבת, און אָט די וועלט איז געגליכען צו שבת. און ווען איינער גרייט זיך ניט אָן ערב שבת, האָט ער ניט וואָס צו עסען אום שבת.

וואָרום אַזוי לאַנג ווי דער רשע לעבט, האָפט כביכול אַלץ אפשר וועט ער פאָרט תשובה טהון. אָבער אַז ער שטאַרבט, שטאַרבט מיט אים די האָפנונג. צו וואָס קען מען דאָס פאַרגלייכען? צו אַ חברה גזלנים וואָס זיינען געזעסען אין טורמע, האָט זיך מיישב געווען איינער פון זיי, און האָט אונטערגעגראָבען די טורמע, און אַלע זיינען אַנטלאָפען. איינער פון די גזלנים, אָבער, איז געבליבען און האָט ניט געוואָלט אַנטלויפען. ווען דער עלצטער איז געקומען און האָט אים דערזעהן, האָט ער אים גענומען שלאָגען מיט דעם שטעקען, און געשריען: „דו אומגליקליכער שלים־מזל, האָסטו דען אויך ניט געקענט אַנטלויפען?" אַזוי אויך אויף יענער וועלט, זאָגט כביכול צו די רשעים: די תשובה איז שטענדיג געשטאַנען פאַר אייך, אָבער איר האָט ניט געוואָלט זיך אומקערען פון אייערע שלעכטע וועגען.

אָבער ניט אַלע מענטשען וואָס טהוען תשובה, ווערען גלייך פאַרגעבען. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע עבירות וואָס פאַר זיי קומט דאָס פאַרגעבען אָן אַביסעל שווערער. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערען גאַנצע פיר און צוואַנ־ציג פון וועלכע מיר וועלען ברענגען בלויז אַ טייל: איינער וואָס מאַכט אַנדערע זינדיגען; דער וואָס פיהרט אַראָפּ דעם צווייטען פון גוטען וועג אויפ׳ן שלעכטען וועג; דער וואָס זעהט זיין קינד זיך פאַרנעמען אויף דעם שלעכטען וועג, און ער וועהרט אים ניט: דער וואָס זאָגט „איך וועל זינדיגען און דערנאָך תשובה טהון; דער וואָס קריגט אויף די חכמים; וואָס שפּאָט אָפּ פון די מצוות; וואָס פאַרשעהמט זיינע לעהרער; האָט פיינט שטראָף־רייד; זויגט דאָס פעט פון אָרימע לייט, פון אלמנות און פון יתומים; דער וואָס גע־פינט עפּעס און איז ניט מודיע; אַ כאַבאַרניק; אַ רכילות׳ניק; אַ לשון הרע׳־ניק; אַ בעל כעסן; אַ מענטש מיט שלעכטע געדאַנקען; דער וואָס ווערט דערהויבען דורך פאַרשעהמען זיין חבר; דורך חושד זיין עהרליכע מענטשען; וואָס חבר׳ט זיך מיט רשעים, און נאָך.

און אַזוי ווי די תורה הייסט פאַסטען יום הכפור, מוז מען דאָס, פאַר־שטעהט זיך, טהון. אָבער ערב יום הכפור איז ביי אידען אַ מצוה צו עסען, פונקט ווי עס איז יום הכפור אַ מצוה צו פאַסטען. פאַר וואָס טאַקע? ווערט עס פאַרגליכען מיט אַ משל: ראובן און שמעון זיינען געבוירען געוואָרען אין איין שטאָדט. ווען זיי זיינען עלטער געוואָרען, האָט זיך איינער באַזעצט אין איין מדינה, און דער צווייטער האָט זיך באַזעצט אין אַן אַנדער מדינה. איינמאָל איז ראובן געקומען צו גאַסט צו שמעון׳ען. ביים עסען האָט שמעון געגעסען געשמאַק, אָבער ראובן האָט גאָרניט פאַרזוכט, ווייל ער איז ניט געוואוינט געווען צו דעם עסען פון יענער מדינה. אַ צייט שפּעטער איז שמעון געקומען צו ראובן׳ען, האָט ראובן געגעסען געשמאַק, בעת שמעון האָט גאָרניט פאַרזוכט, ווייל ער איז ניט געוואוינט געווען צו יענעם עסען.

יאָרען שפּעטער האָבען זיי זיךביידע צוזאַמענגעטראָפען אין זייער געבורטס־שטאָדט, און ביידע האָבען הנאה געהאַט פון דעם עסען.

אַט דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטשען. די נשמה איז פון דעם הימעל, און דער גוף איז פון דער ערד. די שפּייז פון דער נשמה איז תורה, מצוות און תפילה. דאָס עסען פון דעם גוף איז ברויט, פלייש, גרינצייג, און אַזוי ווייטער. ווען דער מענטש לערענט, דאַווענט, טהוט מצוות, האָט די נשמה הנאה, אָבער דער גוף ניט. ווען דער מענטש עסט, טרינקט, האָט דער גוף הנאה און די נשמה ניט. האָט אונז די תורה געגעבען אַ יום הכפור, אין וועלכען אי די נשמה, אי דער גוף האָבען הנאה. ערב יום הכפור איז אַ מצוה צו עסען האָט דער גוף הנאה. און די נשמה איז צופרידען, ווייל דער מענטש וועט כוח האָבען צו פאַסטען און צו טהון תשובה.

און איצט אַ משל וועגען „כל נדרי". אַ סוחר האָט אַמאָל באַדאַרפט פאָה־רען אין אַ ווייטער מדינה וועגען מסחר. אַ פּאָר טעג פאַר זיין אָפּפאָהרען, האָט ער זיך געזעגענט מיט זיינע פריינד און געבעטען זיי זאָלען אים ווינטשען הצלחה, און אַז ער זאָל בשלום אַהיים קומען. פאַר זיין אַוועקפאָהרען האָט ער שטאַרק געוויינט.

ווען פרוי און קינדער האָבען געפרעגט פאַר וואָס ער וויינט, ער פאָהרט דאָך וועגען מסחר, האָט ער געענטפערט: „איך האָב שוין געזעהן פילע מענטשען פאָהרען האַנדלען. אַ טייל האָבען אָנגעוואָרען דאָס געלט. אַ טייל זיינען געשטאָרבען אויף דעם וועג, און האָבען מער ניט געזעהן זייערע פאַמיליעס. איך פאָהר דאָך אויף דעם זעלבען וועג, איז טאָמער געזעגען איך זיך מיט אייך אויף אייביג, זאָל איך ניט וויינען?" האָבען פרוי און קינדער זיך שטאַרק צעוויינט, און געבעטען דעם אויבערשטען, זיי זאָלען זוכה זיין ווידער צו זעהן זייער מאַן און פאָטער.

דאָס זעלבע איז מיט „כל נדרי". ערב יום הכפור הויבט יעדער איד זיך אָן צו גרייטען אויף אַ ווייטע רייזע — פון דעם יום הכפור ביז איבער אַ יאָר. עטליכע טעג פריהער ווינשט ער זיינע פריינד, און זיי ווינשען אים אַן ער זאָל מצליח זיין אין דעם יאָר. ערב יום הכפור ווינשט ער פרוי און קינ־דער אַ גוט יאָר און וויינט. און ווען די קינדער וואונדערען זיך, דערצעהלט ער זיי אַז דער וועג איז אַ סכנה, וויפיל מענטשען עס האָבען לעצטען יום הכפור געזאָגט „כל נדרי", און היינט זיינען זיי אויף דעם עולם האמת. אַט דערפאַר טראָגט מען אַ קיטעל יום הכפור, עס זאָל אונז דערמאָנען אין די קליידער וואָס מיר טראָגען נאָך דעם טויט. איז ווי זשע אַזוי זאָל איך ניט וויינען? ווען פרוי און קינדער האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי שטאַרק תשובה געטהון.

פלעגט דער צדיק ר' שמעלקי ז"ל פון ניקעלסבערג געהן „פאַר כל נדרי" מיט דעם טלית איבער דעם קאָפּ פון דער טיר ביז צום ארון קודש, און מיט גרויס געוויין זאָגען דעם פסוק „כי ביום הזה יכפר עליכם..." און די משנה „אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים" — וואויל אייך אידען וואָס אייער פאָטער אין הימעל רייניגט אייך פון אייערע זינד. ער האָט געזאָגט פילע פסוקים, אָבער דורך זיין געוויין האָט דער עולם ניט פאַרשטאַנען, האָט ער דערצעהלט אַ משל:

אַ מלך האָט געהאַט אַ זוהן וואָס איז ניט געגאַנגען אין גלייכען וועג. איינער פון די האַרען האָט געהאַלטען אין איין פאַרקלאַגען דעם פּרינץ פאַר דעם מלך, און ער האָט ניט געלאָזט דעם פּרינץ איבערבעטען דעם מלך. איינמאָל איז דער האַר אַוועקגעפאָהרען. איז דער פּרינץ אַוועק צום מלך און האָט געבעטען פאַרגעבעניש, און אים צוגעזאָגט ווייטער ניט צו טהון שלעכטע זאַכען, און דער מלך האָט אים מוחל געווען.

דאָס נעמליכע איז מיט אונז אידען. אַ גאַנץ יאָר ווען אידען ווילען טהון תשובה לאָזט ניט דער שטן. ער האַלט אין איין מקטרג זיין. אָבער ווען עס קומט יום הכפור שיקט דער אַלמעכטיגער אַוועק דעם שטן.

און פאַרוואָס נעמט מען פאַר „כל נדרי" אַרויס די ספר תורה און מען זאָגט דעם פּסוק „אור זרוע לצדיק?" עס איז אַ משל צו אַ רייכען מענטשען וואָס איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם מלך, האָבען די האַרען אים שטאַרק מקנא געווען און אויסגעקלעהרט אויף אים בלבולים. איינמאָל האָבען די האַרען דערלאַנגט אויף דעם גביר אַ מסירה פאַר וועלכער עס איז אים געקומען טויט שטראַף, און דער קעניג האָט געהייסען אים איינזעצען אין געפענגעניש אין אַ פינצטערען צימער. פון גרויס צער איז ער איינגע־שלאָפען, און ער האָט פאַרגעסען אַז ער איז אין קערקער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזעהן אַז עס איז פינצטער, האָט ער געמיינט אַז עס איז נאָך נאַכט און איז ווידער איינגעשלאָפען. אַזוי עטליכע מאָל, ביז ער האָט זיך אָנגעהויבען צו וואונדערען פאַר וואָס די נאַכט איז אַזוי לאַנג.

דער מלך האָט זיך אָבער שטאַרק מצטער געווען. האָט ער באַשלאָסען צו געהן און זיך שטעלען הינטער דער טיר פון דער טורמע, אפשר וועט ער הערען פון אים אַ ווידוי אַז ער איז זיך מודה אין האָבען באַגאַנגען אַ זינד. ווייל ווען מענטשען זיינען אין צער רעדען זיי געוויינליך צו זיך אַליין. אָבער אנשטאָט צו הערען אַ ווידוי, האָט ער גאָר געהערט ווי דער אַרעסטאַנט וואונ־דערט זיך וואָס די נאַכט איז אַזוי לאַנג. האָט דער מלך צו אים געזאָגט: „שוטה, דו מיינסט אַז דו ביזט ביי זיך אין דער היים, וואו די זון לייכט אַריין. דו ביזט אין אַ פינצטערער צעל. עס איז שוין עטלעכע מאָל געווען טאָג, און דו ווייסט גאָר ניט. אויב דו ווילסט זעהן דאָס ליכט, מוזטו זיך מודה זיין אויף דיינע זינד און בעטען איך זאָל דיר מוחל זיין, וועסטו נאָך אַמאָל קענען זעהן די שיין".

דער נמשל: ווען דער אַלמעכטיגער האָט אונז אַרויסגעפיהרט פון מצרים און אונז געגעבען די תורה אויף דעם באַרג סיני, האָבען די מלאכים אונז מקנא געווען. און די פעלקער האָבען אונז ניט פאַרגינען דעם מן און דאָס וואַסער וואָס מיר האָבען געטרונקען פון דעם שטיין. זיי האָבען אונז מקנא געווען וואָס אונזערע וואויבונגען זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט וואָל־קענס, און אַ זייל פון פייער האָט אונז געלויכטען ביי נאַכט. מיר האָבען געהאַט שונאים אין הימעל און פיינד אויף דער ערד. האָבען די מלאכים אויף אונז אַזוי לאַנג מקטרג געווען, ביז דער אַלמעכטיגער האָט אונז פאַרטריבען פון אונזער לאַנד אין דעם פינצטערען גלות בבל. אָבער יענער גלות האָט געדויערט בלויז זיבעציג יאָר. דאַגעגען דער איצטיגער גלות איז שרעקליך לאַנג. שרייען מיר „שומר מה מלילה", היטער פון דער וועלט, ווי לאַנג נאָך

וועט זיין נאַכט. און ער ענטפערט: „אתא בקר וגם לילה" עס איז שוין געווען טאָג און עס איז ווידער געוואָרען נאַכט. יעדער יום הכפור ווערט ליכטיג.

ווען עס קומט די צייט פון „נעילה" איז עס דער אַלער־ערענסטער און וויכטיגסטער מאָמענט פון די ימים נוראים. אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט דאַן. און די טויערען אין די הימלען האַלטען שוין ביים פאַרשלאָסען ווערען. ווערט עס פאַרגליכען צו אַ משל:

אַ קעניג האָט געהאַט אַ גענעראַל וועלכען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. די אַנדערע האַרען זיינען געווען שטאַרק אייפערזיכטיג אויף אים, און אַלע מאָל האָבען זיי דערלאַנגט אויף אים אַן אַנדער מסירה. איין מאָל האָט דער קעניג געפיהרט אַ מלחמה און ער האָט פאַרלאָרען. האָבען די האַרען באַשולדיגט דעם גענעראַל אַז ער האָט גענומען כאַבאַר פון דעם שונא און געפיהרט שלעכט די מלחמה כדי דער שונא זאָל געווינען. דער קעניג האָט געוואוסט אַז עס איז אַ ליגען, אָבער עס האָט דאָך געפיהרט צו אַ פּראָצעס. האָט דער קעניג געהייסען איינשפּאַרען דעם גענעראַל און באַפוילען אַז דער משפט זאָל פאָרקומען אין צען טעג אַרום. אין דער שטיל האָט ער געהייסען דעם וועכטער פון דער געפענגעניש אַז ער זאָל לאָזען אָפען אַ טיר, און אויב דער גענעראַל וועט אַנטלויפען זאָל ער זיך מאַכען ניט זעהענדיג.

ווען די האַרען האָבען זיך פאַרזאַמעלט צום משפט אין דער נאַכט פון דעם צעהנטען טאָג, האָט דער קעניג עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגען. אין דער פרי האָט דער קעניג געזאָגט אַז ער האָט נאָך צייט ביז פאַרנאַכט. דערווייל האָט דער קעניג געפרעגט דעם וועכטער צי די טיר פון געפענגעניש איז אָפען, האָט ער געענטפערט אַז יאָ. פאַרנאַכט האָט דער קעניג געפרעגט דעם וועכטער צי דער גענעראַל איז אַנטלאָפען, און ער האָט אים געענטפערט אַז ניין. האָט דער קעניג געזאָגט: „אַז ער אַליין האָט אויף זיך ניט קיין רחמנות, זאָל איך אויף אים רחמנות האָבען!"

דער נמשל: דער אויבערשטער האָט אויסדערוועהלט די אידען פון אַלע פעלקער. ער האָט זיי ליבער אפילו פון די מלאכים, דערפאַר זוכט מען אויף זיי אַלערליי בלבולים. מוז דער וועלט־ריכטער פאַרפיהרען געגען זיי אַ פּראָצעס. אָבער ער לייגט עס אָפּ אויף צעהן טעג, אויף יום הכפור. דערווייל זיינען זיי געפאַנגען, ווי דער תנא זאָגט: „ומצודה פרוסה על כל החיים" — אַ נעץ איז פאַרשפּרייט אויף אַלע לעבעדיגע. דער הייליגער אָבער הייסט עפענען אַ טיר אין הימעל. אויב אידען וועלען תשובה טהון, וועט די תפלה אַרויף אין הימעל צום כסא הכבוד דורך אָט דער טיר. און אַזוי פאַרציהט ער עס ביז נעילה. איז די אידען וועלכע האָבען אויף זיך רחמנות און טהוען תשובה איז גוט. דערפאַר דאַרף יעדער איד תשובה טהון.

האזינו

האזינו השמים". טייטשט דער קאָצקער רבי ז"ל — פאַרנעמט הימליש! שטעקט אין דעם אַן אומגעהויער טיפער געדאַנק. דער געדאַנק לאָזט זיך גאָר ניט דערקלעהרען. דאָס פאַרטייטשען דעם דאָזיגען געדאַנק, וועט פּשוט שוואַכער מאַכען זיין באַדייט. דעם דאָזיגען קורצען, צוויי־ווערטערדיגען, אָבער אויסערסט טיפען זאָג, דאַרף מען איבערלאָזען צו יעדען איינעם. זאָל ער אַליין אַריינטייטשען און אויסטייטשען ווי ער פאַרשטעהט דעם טיפען שכל דערפון. אידען „פאַרנעמט הימליש"! וועט דאָס אונז פיהרען אויף דעם גלייכען וועג. עס וועט אונז היטען פון געשטרויכעלט צו ווערען.

אַז מען „פאַרנעמט הימליש" טראַכט מען פון הימלישע זאַכען, פון הויכע ענינים, פון גייסטיגע פּראָבלעמען. מען האָט דאַן אין זינען גייסט, מען קוקט אַריין אין אַ ספר, מען פיהרט זיך אידיש, מען גיט צדקה, מען טהוט גמילות חסדים, מען העלפט תורה אַנשטאַלטען. אין אַ וואָרט, מען לעבט זיך אויס אין תורה, עבודה און מעשים טובים.

ווען מען פאַרנעמט ניט הימליש, הויבט מען אַן אין זינען האָבען בלויז ערדישע, מאַטעריעלע זאַכען, מען יאָגט זיך נאָך געלט, נאָך רייכטום, נאָך שעהנע וואוינונגען, טייערע פּעלצען. און „וישמן ישורון", אַז דער אויבער־שטער העלפט איינעם, און ער דערגרייכט דאָס חומר'דיגע, דאָס מאַטעריעלע, און שליטעלט זיך פון מיאַמי־ביטש אין די בערג, און פון די בערג אין מיאַמי ביטש, איז „ויבעט", הויבט ער אָן בריקען. ער פאַרגעסט אַז דאָס האָט דער אַלמעכטיגער אים געגעבען. ער רעדט זיך איין אַז דאָס איז אַ דאַנק זיין אייגענער חכמה. דאָס רייכטום האָט ער זיך ערוואָרבען אַ דאַנק בלויז זיינע אייגענע פעהיגקייטען. איז אויב אַזוי צו וואָס זשע דאַרף ער באַגרעניצען זיינע פאַרגעניגענס. יאָגט ער זיך טאַקע בלויז נאָך אַלערליי פאַרגעניגענס. (ניט אַלע גבירים, פאַרשטעהט זיך. פאַראַן ברוך השם אַ היפּש ביסעל אויס־נאַמען). און אַז מען יאָגט זיך נאָך פאַרגעניגענס פאַרגעסט מען אידישקייט. מען פאַרגעסט דעם אָרימען, די בתי יתומים, די מושב־זקנים'ס, די תורה אַנשטאַלטען, די בתי מדרשים. עס איז דאָך אַ פאַקט אַז „דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען".

זאָגט טאַקע דער כתב סופר ז"ל, אַז דאָס איז דער טייטש פון איגרא דתעניתא — צדקתא. די מעלה פון אַ תענית איז, וואָס ווען אַ גביר פאַסט כאָטש איין טאָג, איז דעם טאָג פיהלט ער דעם טעם פון הונגער. עס איז דאַן לייכטער פאַר אים צו באַגרייפען, צו פיהלען דעם מצב פון דעם אָרימאַן. דאַן דערוועקט זיך אין אים אַ שטיקעל פליכט צו העלפען דעם נויט־באַדערפטיגען, אים צו געבען צדקה.

זאָגט אונז די סדרה „צור ילדך תשי, ותשכח אל מחללך". טייטשט ר' מנחם מענדיל קאָצקער ז"ל אַזוי: ווען דער אויבערשטער האָט דיך באַשאַפֿען האָט ער איינגעפלאַנצט אין דיר דעם „תשי", דעם כח פון פאַרגעסען, אַז דו מענטש זאָלסט פאַרגעסען די נאַרישקייטען פון דער דאָזיגער ערדישער וועלט. דו זאָלסט זיך ניט נאָך יאָגען נאָך די הבלי עולם הזה, נאָך די פוסטע נאַרישקייטען, נאָך די אַזוי גערופענע פאַרגעניגענס וואָס פאַרבלענדען דיינע אויגען, און פאַרפֿיהרען דיך. צום סוף אָבער „ותשכח אל מחללך" — וואָס אָבער טהוסטו מענטש מיט דער מדה פון שכחה? אנשטאָט אויסצונוצען די שכחה אויף צו פאַרגעסען די תאוות, די נאַרישע גלוסטעכצען, וואָס סוף כל סוף רואינירען זיי דעם מענטשען, נוצט דו גאָר אויס די שכחה אויף צו פאַרגעסען, חלילה, דעם באַשעפֿער פון דער וועלט, דעם וואָס האָט דיך באַשאַפֿען, דעם פאַר וועמען דו וועסט פריהער אָדער שפּעטער מוזען אָפּגעבען דין וחשבון!

און פון וואַנען בעמט זיך דאָס? פון דעם וואָס מיר זיינען אַ „דור תהפוכות". דאָס איינציגע ביסעלע טרייסט וואָס מיר קענען האָבען איז וואָס „דור תהפוכות", אַן איבערגעקערטער דור, אַ דור וואָס טהוט אַלץ פונקט פאַרקערט, איז ניט אונזער ערפינדונג. ניט אונזער דור האָט עס ערפינדען. אָט זאָגט דאָך די סדרה „כי דור תהפוכות המה". שוין אין משה רבינו'ס צייטען האָבען אידען געהאַלטען פון צו טהון אַלץ פאַרקערט. ליידער, זיינען מיר אידען אַ פאָלק פון איפכא מסתברא'ניקעס. זאָגט איין איד עפּעס דעם אַנדערען, ענטפֿערט ער באַלד „אפשר פאַרקערט". אמת, שולדיג אין דעם איז טאַקע דער ביטערער גלות. אין אַלע לענדער זיינען געווען געזעצען געגען אונז. דאָ זעץ זיך ניט; דאָ טאָרסטו ניט וואוינען; מיט דעם טאָרסטו ניט האַנדלען; דאָ טאָרסטו ניט לערנען. האָט דער איד שטענדיג געמוזט זוכען „פאַרקערטע" מיטלען, אַז ער זאָל יאָ קענען טהון וואָס עס איז אים, אַלס איד, פאַרבאָטען. און אין אָט די טויזענטער יאָרען פון אונטערדריקונג, האָט ער אַזוי שטאַרק פראַקטיצירט „פאַרקערטקייט", אַז „פאַרקערטקייט" איז שוין געוואָרען ביי אים אַ „גליכקייט".

און אַפילו דאָס וואָס דער איד האָט שוין יאָ געקענט טהון גלייך, האָט ער אויס פשוט'ער געוואוינהייט אויך געטהון פאַרקערט. אָט הערט אַ מעשה שהיה: דער רבי ר' בונים פון פשיסכע ז"ל, איז אַמאָל געווען אין דאַנציג. איז ער פרייטאָג צו נאַכטס געזעסען אין זיין אכסניא (גאַסטיניצע, האָטעל), וואו עס איז אויך געווען ווייןֿ צו פאַרקויפֿען, איז אַריינגעקומען אַ איד, און האָט זיך געהייסען דערלאַנגען אַ גלאָז וויין, פון בעסערען סאָרט. אַזוי ווי דער בעסערער סאָרט וויין איז געווען אין קעלער, האָט דער בעל אכסניא אַראָפּ־געשיקט אין קעלער אַריין צוויי משרתים, איינעם אַ איד, דעם צווייטען אַ גוי, זיי זאָלען ברענגען דעם געוואונטשטען וויין. ווען די משרתים האָבען זיך אומגעקערט, האָט דער איד געטראָגען דאָס אָנגעצינדענע ליכט, און דער גוי האָט געטראָגען דעם וויין. האָט דער רבי זיך אָנגערופען: אָט דאָס איז דער טייטש פון „כי דור תהפוכות המה" — אַ דור וואָס טהוט אַלץ פאַרקערט. ווען זיי וואָלטען ניט געטהון פאַרקערט, ווען דער איד וואָלט געטראָגען דעם

וויך, און דער גוי דאָס ליכט, וואָלט דאָך אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדנונג.

און אָפטמאָל טהוען מיר זאַכען פאַרקערט, ניט אויס בייזען ווילען, נאָר פּשוט ווייל מיר באַגרייפען ניט, פאַרשטעהען ניט די ריכטיגקייט פון עפּעס, קליגלען מיר זיך און טהוען פונקט פאַרקערט. דער מענטש מיינט אַז ער ווייסט שוין אַלץ, פאַרשטעהט שוין אַלץ. ווײבאַלד, למשל, ער פאַרשטעהט ניט אַ פּסוק תנ״ך, איז אַנשטאָט ער זאָל זיך געבען די גרעסטע מיה צו פאַרשטעהן, גיט ער זיך די גרעסטע מיה אויסצוטייטשען פאַרקערט. און אויב ער קען ניט, צווייפעלט ער גלאַט אין דער ריכטיגקייט פון דעם פּסוק.

ווי באַוואוסט פאַרמאָגט אין זיך אונזער תורה אַלץ. די חכמים ז״ל האָבען שוין געזאָגט הפך בה והפך בה דכולא בה, די תורה אַנטהאַלט אין זיך אַלץ. דער רמב״ן ז״ל האָט זיך אויסגעדריקט אַז אין דער שירה פון דער הײנטיגער סדרה איז אָנגעוואונקען אויף דעם נאָמען פון יעדען מענטשען און וואָס מיט אים וועט פּאַסירען. אין יענער צייט איז איינער מיט דעם נאָמען אבנר אַרויס, רחמנא לצלן, לתרבות רעה. ער האָט זיך פאַרנומען אויף שלעכטע וועגען, און האָט זיך, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, גע׳שמד׳ט.

אין אַ שטיקעל צייט אַרום האָט גראָד דער רמב״ן ז״ל אים באַגעגענט, און ער האָט אים געפרעגט די סיבה וואָס האָט אים באַוואויגען צו מאַכען אַזאַ שרעקליכען און פאַלשען טריט. האָט דער משומד געענטפערט: אַזוי ווי דער רמב״ן ז״ל האָט געזאָגט אַז אין דער שירה פון „האזינו" איז אָנגעדייטעט יעדער נאָמען, און ער האַלט עס פאַר אונמעגליך און אומגלויבליך, האָט עס אים באַוואויגען צו לייקענען אין דער תורה, און אין דער גאַנצער אידישער רעליגיע.

האָט דער רמב״ן אים געענטפערט דאַרויף, אַז דאָס וואָס ער האָט גע־דרש׳נט איז אַבסאָלוט אמת. און וואָס אַנבעלאַנגט דאָס וואָס אין דער שירה פון „האזינו" איז אָנגעוואונקען אויף יעדער נאָמען, און וואָס עס וועט מיט דעם מענטשען פּאַסירען איז אויך אמת. און בנוגע דעם נאָמען אבנר, האָט דער רמב״ן אים געזאָגט אַז אויב ער וועט גוט אַריינקוקען אין דער שירה, וועט ער זעהן אַז די דריטע אותיות פון די ווערטער... אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם, מאַכען „אבנר". און די באַדייטונג פון די ווערטער איז: איך וועל אָפּטהון זייער געדעכעניש פון דער מענטשהייט, נעמליך, זייער נאָמען, זייער געדעכעניש וועט אין גאַנצען פאַרגעסען ווערען.

זעהען מיר דערפון, אַז אפילו ווען איינער פאַרשטעהט ניט עפּעס אין אונזער תורה, וואָס האָט ניט קיין גרונט, מיינט עס נאָך ניט צו זאָגען, אַז די תורה איז ניט אויסגעהאַלטען. ניט יעדער איינער איז געבענטשט צו פאַר־שטעהן אַלץ וואָס עס שטעהט אין דער תורה געשריבען. איינער פאַרשטעהט אַ ביסעלע, אַ גרעסערער למדן פאַרשטעהט מער, נאָר אַ גרעסערער פאַר־שטעהט נאָך מעהר, און אַזוי ווייטער. האָבען דאָך אונזערע חכמים שוין געזאָגט „יגעתי ומצאתי", מוטשע זיך, האָרעווע, לערען טאָג און נאַכט, וועסטו פאַרשטעהן.

דער וואָלאָזשינער ז״ל האָט געזאָגט אַז אַמאָל קען מען לערנען צען בלאַט גמרא אין איין שעה. און אַמאָל מאַכט זיך אַז מען מוז לערנען איין בלאַט

גמרא צען שעה. ווען דער „שאגת אריה" ז"ל, איז געווען אין וואָלאָזשין, האָט ער אַמאָל געזאָגט אַ שיעור, אַזוי ווי דער „שאגת אריה" האָט געקאָנט. דער עולם, גרויסע לומדים, האָבען באַלד פאַרלוירען דעם „פאָדים", און זיי האָבען פשוט ניט געקאָנט נאָכפאָלגען די טיפקייט פון דעם חילוק. נאָך דעם ווי דער רב האָט געענדיגט, האָט ער געזאָגט צו די צוהערער מיט אַ שמייכעל: „איר ווייסט, איר זייט גרעסער פון מלאכים". האָט דער עולם זיך שטאַרק גע'חידוש'ט, וואָס הייסט עס? האָט דער „שאגת אריה" אַ שמייכעל געטהון: „מלאכים האָבען קעלבערנע פיס, און איר האָט קעלבערנע קעפּ". און אַט האָט איר עס קלאָר: די לומדים צוהערער האָבען פאַרשטאַנען אַזוי פיל און אַזוי פיל, אָבער דער גרויסער גאון, דער „שאגת אריה", האָט פאַרשטאַנען נאָך מער. און דאָס וואָס עס איז זיי ניט געווען אַזוי אינגאַנצען קלאָר, איז אים געווען קלאָר ווי דער טאָג.

וואָס דאַרפט איר מער, נעמט למשל, טעלעפאָן, ראַדיאָ, מען גיט אַ דרעה עטליכע נומערען, און מען רעדט קיין פאַריז, לאָנדאָן, מאָסקווע, ירושלים און וואוהין ניט? מען גיט אַ דרעה אַ קנעפּעל, און מען הערט מוזיק, צי אַ רעדע פון די ווייטסטע וועלט־טיילען. נו, פאַרשטעהען מיר דאָס דען מיט דעם שכל? געוויס ניט. אָבער די יעניגע וואָס האָבען עס ערפינדען, וואָס האָבען עס ענטוויקעלט, פאַרשטעהען דאָס זעהר גוט. פאַרשטעהט דער דורכ־שניטליכער מענטש די אַטאָם באָמבע? געוויס ניט. די איינשטיינס און די אַנדערע וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער ערפינדונג, פאַרשטעהען דאָס זעהר גוט, אַניט וואָלטען זיי דאָך דאָס ניט געווען געקאָנט ערפינדען. און מיר מענטשען מוזען צוגעבען אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע זאַכען ווי טעלעפאָן, טעלעוויזשאָן, ראַדיאָ, אַטאָם באָמבע, כאָטש מיר אַליין פאַרשטעהען עס ניט מיט דעם שכל. דאָס זעלבע איז מיט אונזער תורה. עס זיינען פאַראַן אין איר געדאַנקען אָדער אויסדרוקען, וואָס מיר מיט אונזערע קליינינקע קעפּלאַך פאַרשטעהען זיי ניט. דאַגעגען די גרויסע לומדים, די באַרימטע גאונים, זיי פאַרשטעהען עס פיל בעסער פון אונז. אָבער דערפאַר וואָס מיר פאַרשטעהען עס ניט, מיינט עס נאָך ניט צו זאָגען אַז עס איז ניט אמת. קודם כל דאַרף יעדער איד גלויבען אין דער אמת'קייט פון דער תורה, כאָטש ער פאַר־שטעהט ניט אַלץ. און אַז ער וועט זיך געבען די מיה צו פאַרשטעהן, וועט ער אַלע מאָל פאַרשטעהן מער.

דערפאַר טאַקע איז אונזער תנ"ך (תורה נביאים כתובים) פול מיט שטעלעס אַז מען זאָל לערנען. און אונזערע חכמים ז"ל, זאָגען אַפילו „שקולה תורה כנגד כל המצוות", אַז לערנען איז גלייך צו אַלע אַנדערע מצוות. אַז תורה לערנען, איז איינס פון די דריי זיילען אויף וועלכע די וועלט עקזיס־טירט. וואָרום „תורה אור" — תורה, תורה־אידישקייט איז ליכט. תורה איז פיל וויכטיגער פון מעשים טובים, ווייל לערנען ברענגט דעם מענטשען צו טהון גוטע מעשים.

און לערנען דאַרף יעדער מענטש, סיי יונג און סיי אַלט, סיי רייך און סיי אָרים. אָבער בעסער איז טאַקע אָנצוהויבען אין דער יוגענט. ווייל לערנען אין דער יוגענט איז גלייך ווי שרייבען אויף ריין פּאַפּיר. אָבער אָנהויבען לערנען אויף דער עלטער, איז ווי שרייבען אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיר. און

ניט נאָר מוז אַ מענטש לערנען זיין אייגען קינד, נאָר ער מוז אויך זאָרגען פאַר דער ערציהונג פון פרעמדע קינדער. פאַר אַזוי וויכטיג האַלט אידישקייט דאָס העלפען צו געבען אַן ערציהונג פרעמדע קינדער, אַז די חכמים ז״ל באַהויפּטען: „דער וואָס לערענט דעם צווייטענס אַ קינד תורה, איז גליין ווי ער וואָלט געווען זיין פאָטער״. און אויך מיידלאך דאַרף מען געבען אַ אידישע ערציהונג. עס איז אַ בפירוש׳ע גמרא „חייב אדם ללמד את בתו תורה״, אַ מענטש איז פאַרפליכטעט צו לערנען זיין טאָכטער תורה. און תורה געהט ניט בירושה. אַז מען לערענט קען מען. יעדער איד, פון וואָס פאַר אַ יחוס ער זאָל ניט שטאַמען, קען ווערען דער אָנערקענטסטער גע־לערענטער ביי אידען, אויב ער ערווערבט עס זיך.

תורה איז אונזער „עץ החיים״, אונזער לעבענס־בוים. אַ דאַנק אָט דעם לעבענס־בוים, האָבען מיר אידען באַוויזען אויסצוהאַלטען צוויי טויזענט יאָר נאָכאַנאַנד די בלוטיגסטע פאַרפאָלגונגען אין כמעט אַלע לענדער און אין אַלע דורות. אפילו ווען עס זיינען אויפגעשטאַנען די בלוטיגע נאַציס ימח שמם, און האָבען זיך פאַרמאָסטען אויסצוראָטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, האָבען זיי טאַקע באַוויזען אומצוברענגען אויף די אכזריות׳דיגסטע אופנים זעקס מיליאָן קדושים, ה׳ ינקום דמם. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָבען זיי ניט באַוויזען צו פאַרניכטען. עם ישראל חי! דאָס אידישע פאָלק לעבט! און דאָס אידישע לאַנד איז ניי־געבאָרען געוואָרען. און דאָס אַלץ איז צו פאַרדאַנקען אונזער „לעבענס־בוים״, דער אייביגער תורה, אידישקייט!

איז דאַרף יעדער איד לערנען, אַפילו דער אָרימסטער. דער בעסטער ביישפּיל איז הלל הנשיא. אָט דער פּרינץ אין ישראל איז אין זיינע אינגערע יאָרען געווען אַ האָלץ העקער. מיט אַ האַלב פון זיין פאַרדינסט, מ׳שטיינס געזאָגט, פלעגט ער ערנעהרען זיך און זיין פאַמיליע. די אַנדערע העלפט פלעגט ער באַצאָהלען שכר לימוד צו קענען לערנען אין דער ישיבה פון שמעיה און אבטליון. און ער האָט טאַקע זוכה געווען צו ווערען הלל הנשיא.

אָבער פאַרשטעהט זיך אַז אַפילו אין לערנען דאַרף מען ניט איבער־טרייבען, און עס טהון אומגעלומפּערט. אַ מענטש דאַרף האָבען אַ סדר אין לערנען, פּונקט ווי מען דאַרף האָבען אָרדנונג אין אַלע אַנדערע זאַכען אין לעבען. מען דאַרף ניט איבערכאַפּען די מאָס. און דער עיקר דאַרף מען לערנען אין צייט. ווי זאָגט דאָס ווערטעל, „סדר חצי מלאכה״, אָרדנונג שפּאָרט איין העלפט אַרבעט.

אָט הערט וואָס פאַר אַן עצה דער נצי״ב, נעמליך ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין, אָדער ווי מען רופט אים געוויינליך ר׳ הירש לייב וואָלאָזשינער ז״ל, פלעגט געבען זיינע נייע תלמידים. ווען אַ בחור פלעגט קומען קיין וואָלאָזשין לערנען, פלעגט ער אים פאַרהערען און דערנאָך פרעגען: „ווילסטו טאַקע באמת לערנען?״ „געוויס״ פלעגט דער בחור ענטפערען. „ווילסטו זיין אַ מתמיד״? האָט דער ראש הישיבה געפרעגט, און דער בחור האָט געוויינליך געענטפערט אַז יאָ. „ווייסטו, אָבער, מיין קינד, וואָס עס מיינט אַ מתמיד?״ און ער פלעגט באַלד אַליין ענטפערען, אַ מתמיד מיינט עסען אין צייט, שלאָפען אין צייט, און לערנען אין צייט״.

וזאת הברכה

מיט דער היינטיגער סדרה „וזאת הברכה" האַלטען מיר ביים סיום התורה. עס איז די לעצטע סדרה פון דער תורה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען די אידען דורך משה רבינו. און „ברכה" איז אַ זעהר וויכטיגע זאַך. ברכה איז שוין אַזוי אַלט ווי די באַשאַפונג פון דעם מענטשען.

ווי נאָר די חיות און עופות און דער מענטש זיינען באַשאַפען געוואָרען, האָט דער וועלט־באַשאַפער זיי געבענטשט מיט „פרו ורבו ומלאו את הארץ", און ער האָט געבענטשט דעם שבת. דאַן האָט ער געבענטשט נח'ן און זיינע קינדער, אברהם'ן, יצחק'ן, יעקב'ן. און דאַן האָבען מענטשען אָנגעהויבען צו בענטשען. מלכי צדק האָט (שם בן נח) געבענטשט אברהם'ן; יצחק האָט געבענטשט יעקב'ן און עשו'ן; יעקב האָט געבענטשט פרעה'ן, און פאַר זיין פטירה האָט יעקב געבענטשט זיינע קינדער. און ווי מיר זעהען פון דער היינטיגער סדרה, האָט משה רבינו געבענטשט די שבטים.

און ווען האָט משה געבענטשט די שבטים? „לפני מותו", פאַר זיין פטירה. זאָגט אונז די היינטיגע סדרה... „אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל לפני מותו". און מיר זעהען אַז ער ווערט אָנגערופען „איש האלקים" — געטליכער מענטש. איז פאַרוואָס עפּעס ווערט ער אָנגערופען „איש האלקים" — געטליכער מענטש — גראַדע פאַר זיין פטירה? ערקלעהרט עס דער „פנים יפות" ז"ל אַזוי: ערשט דאַן ווען דער מענטש האָט שוין גע־ענדיגט אַלע זיינע חשבונות מיט דעם ערדישען לעבען, ווען ער האָט שוין ניט מעהר קיין נסיונות דורכצומאַכען, ערשט דאַן קען מען אָנרופען אַ מענטשען „איש האלקים" — געטליכער מענטש.

דער „עוללות אפרים" ז"ל מאַכט אַ זעהר וויכטיגע באַמערקונג וועגען דעם. ער זאָגט אַז זיין אַן „איש האלקים", זיין געטליך, הימליש, און גלייכצייטיג זיך אויך אָפּגעבען מיט מענטשלעכע, מיט ערדישע זאַכען, מיט די אַלטעגליכע אינטערעסען פון עמך, פון דעם פאָלק, דאָ, ערשט דעמאָלט קען מען אים באַצייכענען מיט דעם העכסטען טיטול „איש האלקים" — געטליכער מענטש.

און ר' שלמה ליב לענטשנער ז"ל טייטשט דעם פסוק אַזוי: וזאת הברכה אשר ברך משה — „איש האלקים". משה האָט געבענטשט די אידען, אַז יעדער איד זאָל זיין אַן איש האלקים, אַ געטליכער מענטש. און דער אַמשי־נאָווער רבי ז"ל זאָגט אַז משה האָט געבענטשט די אידען אַז אין יעדער דור זאָל זיין אַן „איש האלקים" — אַ געטליכער מענטש.

שטעקען אין אָט די אַלע אויסטייטשונגען זעהר הויכע געדאַנקען, גע־דאַנקען וואָס אַז מען טראַכט זיך אַריין אין זיי, זעהט מען, דערפיהלט מען באַלד זייער הויכקייט, זייער טיעפזיניגקייט. אָט, צום ביישפּיעל, האָט משה געבענטשט דעם שבט ראובן „יחי ראובן ואל ימות" — ראובן זאָל לעבען

און ער זאָל ניט שטאַרבען. איז דאָך די קשיא, וואָס עפּעס דאָפּעלט? אויב מען בענטשט איינעם אַז ער זאָל לעבען, פאַרשטעהט זיך דאָך אַז דאָס מיינט ער זאָל ניט שטאַרבען! זאָגט דאַרויף דער „דבר טוב" ז"ל, אַז דאָס מיינט: עס זאָל ניט זיין קיין געשטאָרבען־לעבען. איז דאָס אַ זעהר טיעפער בליק. וואָרום עס זיינען פאַראַן פיעלע לעבענס וואָס זיינען גלייך ווי געשטאָרבען, און אפשר נאָך ערגער. זיינען דאָך פאַראַן פיעלע לעבענס, פיעלע מענטשען וואָס זיינען מקנא די טויטע. האָט ער געבענטשט דעם שבט ראובן אַז זיי זאָלען לעבען אַ לעבעדיג לעבען. אַ לעבען וואָס מען דאַרף ניט מקנא זיין די טויטע, נאָר אַ לעבען, אַ גוט לעבען, אַ גליקליך לעבען.

און אַ גליקליך לעבען מיינט טהון גוטע מעשים: העלפען נויטבאַדערפ־טיגע, שטיצען תורה־אַנשטאַלטען, וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס און עהנליכע זאַכען. דאָס הייסט: לעבען ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דעם מיט־מענטשען. אַ חיה לעבט בלויז פאַר זיך. אָבער דער מענטש, דער ציוויליזירטסטער פון אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען, דער מענטש וואָס טראָגט אויף זיך דעם צלם אלקים, ער דאַרף אין זינען האָבען דעם צווייטען מענטשען. ער דאַרף זעהען אַז אויך דער צווייטער מענטש זאָל געניסען פון דעם לעבען.

דער סטאָלינער רבי ז"ל האָט אַ מאָל אַ זאָג געטהון, שמועסענדיג וועגען חסידים: בעת זיי קומען צום רבי'ן, ווייזען זיי אַרויס בלויז דאָס „אויסען־וויינינגסטע", דאָס גוטע, אָבער דאָס געמיינע, דאָס אונמענטשליכע, דאָס באַהאַלטען זיי אינעווייניג.

אָט דאָס איז דער זין פון לעבען. אַ מענטש דאַרף אין זינען האָבען ניט בלויז זיך, נאָר אויך דעם צווייטען מענטשען. אמת, דער מענטש וואָס האָט אין זינען בלויז זיך, וואָס לעבט בלויז פאַר זיך, האָט טאַקע אַ לפי־שעה'דיגע הנאה, ער עסט גוט, ער פאַרברענגט די צייט גוט. אָבער דאָס לעבען איז דאָך קורץ. די צייט פאַרגעהט שנעל. די טעג זיינען ווי אַ שאָטען וואָס פאַרשוואונדט, ווי אַ וואָלקען וואָס פאַרוועלקט, ווי אַ חלום וואָס פליהט אַוועק. און ווען דער סוף פון דעם לעבען שטעהט אויף דער שוועל, גיט ער זיך אַ טראַכט „וואָס האָב איך אויפגעטהון?" און אין אָט דער דאָזיגער מינוט דערזעהט ער, דערפיהלט ער אַז ער איז געוועזען פאַרפיהרט. וואָס לאָזט ער איבער פאַר זיך אויף דער וועלט? ער מעג טאַקע איבערלאָזען מיל־יאָנען, אָבער וואָס לאָזט ער איבער פאַר זיך? גאָרניט. און אין אָט דער דאָזיגער מינוט וואָלט ער אַוועקגעגעבען אַלע פאַרגעניגענס וואָס ער האָט געהאַט אויף דער וועלט, אַבי ער זאָל נאָר קענען צומאַכען די אויגען אַ צופרידענער. דאַן ערשט דערפיהלט ער אַז אָפּנאַרען קען מען נאָר אַ שטערבליכען מענטשען, אָבער דעם הימעל קען מען ניט אָפּנאַרען. דער הימעל האָט געדולד, אויבען פאַרגעסט מען ניט.

אָט הערט: צו דעם רבי'ן ר' אלימלך ז"ל איז אַ מאָל געקומען אַ חסיד וואָס האָט זיך פאַרקלאָגט אַז ער האָט פלוצים פאַרלוירען דעם זכרון, און ער האָט געבעטען אַז דער רבי זאָל אים געבען אַ סגולה, אַ רפואה. האָט דער רבי אים געענטפערט אַז עס איז פאַראַן אַ רפואה — תשובה. איז דער חסיד געבליבען זיצען אַ צעדודערטער. וואָס פאַר אַ שייכות האָט זכרון מיט תשובה? און ער האָט געפרעגט דעם רבי'ן: „סטייטש, וואָס פאַר אַ

שייכות האָט תשובה מיט שכחה, מיט פאַרלירען דעם זכרון?" האָט דער רבי אים געענטפערט: „וואָס וואונדערסטו זיך? דו האָסט דאָך אַמאָל, איידער דו ביזט געוואָרען אַ גביר, געלערענט אַז תשובה איז אַזוי גרויס אַז עס דערגרייכט דעם כסא הכבוד. און אונזערע חכמים ז"ל זאָגען דאָך בפירוש: „אין שכחה לפני כסא כבודך" — אַז אויבען פאַרגעסט מען ניט.

אַי, קען דאָך איינער טענה'ן אַז ער האָט געפיהרט אַזאַ לעבען, ווייל ער האָט עס באַדאַרפט צוליב פּרנסה, און וואָס טהוט מען ניט צוליב פּרנסה? איז הערט זשע אַ מעשה: בעת דער ראַדזינער רבי ז"ל איז אַרויסגעקומען מיט דעם „תכלת", האָט ער געשיקט אַ ספּעציעלען שליח צו ר' יאָשע בער בריסקער ז"ל, אַז ער זאָל געבען אַ הסכמה דאַרויף. פאַרשטעהט זיך אַז ר' יאָשע בער ז"ל האָט אויפגענומען דעם שליח בסבר פּנים יפות. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט וועגען וואָס ער איז געקומען, האָט ער אים אַ פרעג געטהון: „גיט דער ראַדזינער רבי אַוועק דעם תכלת אומזיסט?" און דער שליח האָט געענטפערט: „ניין, עס קאָסט דאָך געלט, און דער רבי זאָל געזינד זיין, דאַרף דאָך פּרנסה". האָט רבי יאָשע בער ז"ל געענטפערט: „נו, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה: אַ איד האָט געזוכט אַ גוטען חתן פאַר זיין בת יחידה. האָט מען אים געזאָגט אַז אין יענער שטאָדט איז פאַראַן אַ בחור אַזוינס און אַזעלעכס, אַ למדן, אַ צדיק, אַן אויסנאַם אין דער וועלט, אָבער דעם נאָמען פון דעם בחור האָט מען אים ניט געזאָגט. איז דער מחותן אַוועקגעפאָרען אין יענער שטאָדט. ער איז אַריין אין בית המדרש, און ער האָט געזוכט. מען האָט געדאַווענט מנחה, מעריב. נאָכ'ן דאַווענען האָט מען זיך געזעצט לערנען. דער זייגער איז געגאַנגען. עס איז געוואָרען שפּעט. דער עולם האָט אָנגעהויבען געהן אַ היים. עס זיינען אַלע מאָל געוואָרען ווייניגער לערנער. אָבער איין בחור בלייבט איינער אַליין. דער מחותן קומט אַריין פאַרטאָג, דער בחור איז שוין דאָ. אַזוי עטליכע טעג נאָכאַנאַנד. דער בחור בלייבט דער לעצטער, און פאַרטאָג איז ער דער ערשטער.

איז דער מחותן, פאַרשטעהט זיך, געווען זיכער אַז דאָס איז אָט דער בחור וואָס איז אי אַ למדן, אי אַ צדיק, און אַזאַ בחור זוכט ער דאָך. אַלזאָ, דאָס איז זיין באַשעהרטער איידעם. געהט ער צו צו דעם בחור, און זאָגט אים: „זייט וויסען איינגערמאַן אַז צוליב אייך בין איך געקומען אַהער, ווייל איך וויים אַז איר זענט דער צדיק פון דער דאָזיגער שטאָדט. איך זוך אַ שידוך פאַר מיין טאָכטער, און איך וויל זיך משדך זיין מיט אייך, ווייל קיין בעסערען איידעם פון אייך דאַרף איך ניט".

האָט דער איינגערמאַן אַ שמייכעל געטהון, און געזאָגט: „מיט מיר ווילט איר זיך משדך זיין?! ערשטענס, האָב איך שוין ברוך השם אַ ווייב מיט קינדער. און צווייטענס, ווי קום איך צו זיין אַ צדיק און אַ למדן?". וואונדערט זיך דער מחותן און זאָגט: „וואָס הייסט, איך האָב דאָך אַליין געזעהען שוין עטליכע טעג ווי איר זענט דער לעצטער וואָס בלייבט אין בית המדרש איבער דער גמרא, און אויך דער ערשטער". האָט דער איינגערמאַן ווידער־אַמאָל אַ שמייכעל געטהון און געענטפערט: „ר' איד, דאָס איז מיין פּרנסה, איך בין דער שמש פון דעם דאָזיגען קלויז". „איר פאַרשטעהט", האָט דער

בריסקער רב ז״ל אַ זאָג געטהון צו דעם שליח, „אויב פרנסה, איז אויס צדיק״. און דעם מוסר השכל דערפון, פאַרשטעהט איר דאָך אַליין.

און אַז מיר האַלטען שוין ביי לערנען, ביי לומדות, איז הערט זשע אַ שעהנס:

אַמאָליגע יאָרען זיינען די טשעכאָסלאָוואַקישע שטאָט פּראַג און די דייטשע שטאָט פראַנקפורט אַם מאַין געווען פון די שעהנסטע, חשוב׳סטע קהלות ביי אידען. זיינען זיי אָבער ניט געווען שוה בשוה צווישען זיך. יעדע קהלה האָט זיך געהאַלטען פאַר די וויכטיגסטע. פּראַג האָט זיך געהאַלטען פאַר וויכטיגער, ווייל זי איז עלטער. פּראַג איז איינע פון די עלצטע אידישע קהלות אין איירָאפּא. פראַנקפורט, ווידער, האָט זיך געהאַלטען פאַר חשוב׳ער, ווייל זי איז געווען אַ גרעסערע קהלה ווי פּראַג.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַז פראַנקפורט האָט בעדאַרפט אַ רב. האָט די פראַנקפורטער קהלה געשיקט דריי גרויסע לומדים, זיי זאָלען אַרומפאָרען איבער דער וועלט זוכען אַ פּאַסענדען רב, וואָס זאָל זיין ראוי צו פאַרנעמען דעם פראַנקפורטער כסא הרבנות. האָבען די דריי שליחים זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און זיי זיינען, פאַרשטעהט זיך, אַריינגעפאָרען קיין פּראַג. זיי זיינען דאָרט געבליבען אויף שבת, און זיי זיינען פאַרשטעהט זיך, גע־גאַנגען אין שול אַריין דאַוונען.

אין דער פּראַגער אַלט־ניי שול איז געווען אַ מנהג מקבל שבת צו זיין אַ סך פריהער פאַר שקיעת החמה, ווען עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג. און צו קבלת שבת פלעגט מען שפּילען אויף אַ געוויסען מוזיקאַלישען אינסטרומענט. מען האָט בעדאַרפט בלויז דריקען מיט דעם פוס אויף אַזאַ מין קנאָפּ, און דער אינסטרומענט האָט געשפּילט פון זיך אַליין. געוויינליך פלעגט מען מיט אָט דער אַרבייט מכבד זיין אַ פּשוט׳ן אידען.

האָבען דאָך אָבער די גבאים פון דער פּראַגער קהלה געוואָלט אָפּלאַכען פון די פראַנקפורטער שליחים, האָבען זיי מכבד געווען איינעם פון די שליחים מיט דער דאָזיגער עובדה. דער שליח האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ גרויסער כבוד, האָט ער זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, און דער עולם האָט, פאַרשטעהט זיך, געלאַכט אין די פויסטען. שפּעטער זיינען די פראַנק־פורטער שליחים געוואויר געוואָרען וואָס פאַר אַ בזיון די פּראַגער גבאים האָבען זיי אָנגעטהון, אָבער זיי האָבען געמאַכט אַ שוויג, און זיי זיינען גע־פאָרען ווייטער.

נו, די צייט טהוט זיך איר׳ס און געהט. האָט זיך געמאַכט אַז קיין פּראַג איז געקומען אַן אורח. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטען, איז דער אורח געגאַנגען צום רב נעמען שלום. דערווייל האָבען זיי זיך צע־שמועסט אין לערנען. ווען דער רב האָט געזעהן אַז דער אורח איז אַ גרויסער למדן, האָט ער אים מכבד געווען ער זאָל האַלטען שבת אַ דרשה אין דער אַלט־ניי שול. זיינען צו דער דרשה געקומען די לומדים פון דער שטאָדט. אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד האָט דער אורח גערעדט. ער האָט אַרויסגעוויזען געוואַלדיגע חריפות, גרויס בקיאות, און האָט ממש פערגאַפט דעם עולם מיט זיין גאונות.

אָבער פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט, האָט דער אורח אָנגעהויבען זינגען עפּעס אַ ניגון. איז דער עולם געבליבען זיצען אַ פערגאַפטער: וואָס איז דאָ פּלוצים געשעהן מיט דעם אורח? איז ער חלילה אַראָפּ פון זינען?!

נאָכדעם ווי דער אורח האָט געענדיגט דעם ניגון, האָט ער אַ זאָג געטהון: „רבותי, ניט לאַנג צוריק זיינען דאָ געווען דריי שליחים פון פראַנקפורט. האָט איר אָפּגעשפּאָט פון זיי, חוזק געמאַכט פון זיי. זאָלט איר וויסען, רבותי, אַז איך בין אַ נאַכט־וועכטער אין פראַנקפורט. און אָט דעם ניגון וואָס איך האָב איצט געזונגען, זינג איך יעדע נאַכט, ווען איך שטעה אויף דער וואַך. און ווי איר ווייסט האָט אייער רב מיך מכבד געווען צו האַלטען אַ דרשה אין דער דאָזיגער שול. איצט, הערענדיג מיין דרשה, די דרשה פון אַ פּשוט'ען נאַכט־וועכטער, קענט איר שוין אַליין פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ גרויסע גאונים יענע דריי שליחים, וועלכע איר האָט מבזה געווען, זיינען געווען.

חזק, חזק, ונתחזק.

קריאה לראש השנה

די קריאה פון היינטיגען שבת דערצעהלט אונז די געשיכטע פון יצחק אבינו'ס געבורט. ניט קוקענדיג דאַריף וואָס אברהם אבינו איז דאַמאָלסט געווען הונדערט יאָר אַלט, און אונזער מוטער שרה איז שוין געווען אַ נייִנציגעריין, איז זיי געבוירען געוואָרען אַ זוהן. און עס איז פאַראַן אַ דעה, אַז יצחק איז געבוירען געוואָרען אַ „זיבעלע".

ווען שרה איז געלעגען געוואָרען, זיינען אַלע עקרות מיט איר געלעגען געוואָרען. אַלע בלינדע זיינען זעהענדיג געוואָרען. אַלע טויבע זיינען הערענדיג געוואָרען. און אַלע מענטשען האָבען געקוקט, זיך געוואונדערט, און כמעט ניט געוואָלט גלויבען. וואָרום זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, האָט קיין שום פרוי געבוירען אַ קינד צו נייִנציג יאָר, ביז אונזער מוטער שרה.

אין דער שעה, ווען דאָס קינד האָט דערזעהן די ליכטיגע שיין, האָבען זיך אַלע געפרעהט. הימעל און ערד, די זון און די לבנה, די שטערען, און די פלאַנעטען, אַלץ און אַלע האָבען זיך געפרעהט. וואָרום ווען ניט אין דעם זכות פון דעם דאָזיגען קינד, וואָלט די וועלט ניט געווען געהאַט קיין קיום. און אין יענעם טאָג האָט דער באַשעפער פון דער וועלט פאַרגרעסערט דאָס ליכט פון דעם ראָד פון דער זון אַכט און פערציג מאָל אַזוי פיל ווי דאָס ליכט פון זיבען טעג.

און אברהם האָט אַ נאָמען געגעבען זיין זוהן יצחק. די „יוד" איז געגען די „עשרת הדברות", די צען געבאָט. די „צ" איז געגען די נייִנציג יאָר וואָס שרה איז אַלט געווען, ווען זי האָט אים געבוירען. די „ח" איז געגען די אַכט טעג, ווען מען איז מל אַ אינגעל. די „ק" איז געגען די הונדערט יאָר, וואָס אברהם איז אַלט געווען. עס איז אגב כדאי צו דערמאָנען, אַז יצחק איז איינער פון די תנ"ך'ישע פערזענליכקייטען, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבען נאָך איידער זיי זיינען געבוירען געוואָרען. אברהם האָט אים געוואָלט ב אַ ל ד בענטשען, האָט ער אָבער געזעהן ברוח הקודש, אַז עשו וועט פון אים אַרויסקומען. האָט ער אים ניט געבענטשט. ער האָט זיך געטראַכט, זאָל קומען דער אייגענטימער פון דער וועלט און בענטשען וועמען ער וויל.

אויף דעם אַכטען טאָג האָט אברהם מל געווען דאָס קינד, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געבאָטען. צום סוף פון פיר און צוואַנציג חדשים האָט ער אים אַנטוואוינט. ער האָט געמאַכט אַ גאַר גרויסע סעודה. אָבער אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען זיך געשושקעט: „איר האָט געזעהן דעם אַלטען און די אַלטיטשקע, וואָס האָבען געפונען אַ קינד אין גאַס, און זאָגען, אַז דאָס איז זייער קינד?"

וואָס זשע, אָבער, האָט אונזער פאָטער אברהם געטהון? ער איז געגאַנגען און האָט איינגעלאַדען אַלע גרעסטע פון זיין דור. עס זיינען געקומען שם, עבר, אבימלך דער קעניג פון די פלשתים, פעלדמאַרשאַל פיכל און אַלע זיינע קנעכט. תרח, אברהם'ס פאָטער, און נחור, אברהם'ס ברודער זיינען געקומען פון חרן מיט זייעריגע. עוג און אַלע זיינע האַרען מיט אים, די איין און דרייסיג מלכים פון יריחו, וואָס יהושע האָט שפּעטער פאַרניכטעט, זיינען דאָרט אָנוועזענד געווען. און דער „גרויסער" פון די וועלטען איז אויך דאָרט געווען און זיך געפרעהט.

האָבען די געסט זיך אָנגערופען צו עוג'ן: „דו פלעגסט דאָך זאָגען, אַז אברהם איז אַן אימפּאָטענטער מויל־עזעל, און וועט קיינמאָל ניט האָבען קיין קינדער, נו?!" האָט ער זיי געענטפערט: „מ'שטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ מתנה דאָס איז, ווען איך זאָל אַרויפלייגען בלויז מיין פינגער אויף אים, צעקוועטש איך אים דאָך!" דאַרויף האָט כביכול געזאָגט: ביי דיין לעבען, ווי דו וועסט נאָך זעהן, אַז טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער וועלען אַרויסקומען פון זיינע קינד'ס קינדער.

און שרה האָט איינגעלאַדען זייערע פרויען. האָבען די פרויען אָפּגעטהון אַזאַ שטיקעל. אַזוי ווי מען האָט שוין געוואוסט, אַז אברהם איז יצחק'ס פאָ־טער, האָבען אָבער אַלע געזאָגט, אַז ניט שרה, נאָר איר דינסט הגר, איז די מוטער. וואָס זשע האָבען די ווייבער געטהון? יעדע איינע פון זיי האָט מיטגענומען איר קינד, און די אַם האָט זי איבערגעלאָזט אין דער היים. ווען די קינדער האָבען אָנגעהויבען צו וויינען, האָט יעדע איינע געזאָגט: „איך האָב פאַרגעסען מיטצונעמען די אַם". וואָס זשע האָט דער הייליגער געטהון? ער האָט אויסגעטריקענט די ברוסטען פון די מאַמעס. זיינען די מאַטראָנעס געקומען צו שרה'ן, געקושט דעם שטויב פון אירע שיך און האָבען געזאָגט צו איר: „טהו אַ מצווה און זויג אָן אונזערע קינדער".

איז דאָך אָבער אונזער מוטער שרה געווען אַ געוואַלדיגע צנועה, האָט אברהם געזאָגט צו איר: „איצט איז ניט די צייט צו זיין אַ צנועה. הייליג איז דעם אויבערשטענס נאָמען. זעץ זיך אַנידער אין מאַרק און זויג אָן זייערע קינדער. זאָלען זיי זיך איבערצייגען, אַז דער אַלמעכטיגער האָט אָנ־געהויבען צו טהון נסים. און אַ נס איז געשעהן מיט שרה'ן. אירע ברוסטען האָבען אָנגעהויבען צו קוועלען מיט מילך ווי צוויי קוואַלען, און זי האָט אָנגעזויגען אַלע קינדער. האָבען די אַלע מאַטראָנעס געזאָגט, אַז זיי זיינען ניט ווערט, אַז זייערע קינדער זאָלען זויגען די מילך פון אַזאַ גרויסע צדקת. און אַלע קינדער וואָס שרה האָט געזויגען, האָבען זיך מגייר געווען.

און ווי מיר ווייסען, איז ווען יצחק איז אַלט געוואָרען זיבען און דרייסיג יאָר, האָט דער אויבערשטער געוואָלט אויספּרובירען אברהם'ען, און ער האָט אים געהייסען ברענגען זיין איינציגען זוהן יצחק צו דער עקידה. אברהם האָט געפאָלגט. אָבער ווען אברהם האָט גענומען דאָס מעסער צו שעכטען זיין בן־יחיד, האָט דער מלאך מיכאל אָנגעהויבען צו שרייען: „אברהם, אברהם, וואָס טהוסטו? דו זאָלסט אים ניט טשעפּען!". אין יענעם מאָמענט האָט אברהם געזאָגט צום אויבערשטען: „האַר פון די וועלטען, איין מענטש פּרובירט אויס דעם צווייטען, ווייל ער ווייסט ניט וואָס עס טהוט זיך ביי

אים אין הארצען. אבער דו ווייסט דאך וואס יעדער מענטש טראכט און פיהלט, צו וואס זשע האסטו עס געטהון? האסטו דען ניט געוואוסט, אז איך וועל ערפילען דיין וואונטש מיט דעם גאנצען הארצען?" און דער אויבערשטער האט אים גענטפערט: „געוויס האב איך געוואוסט, אבער איך האב דיך געוואלט באקאנט מאכען אין דער גאנצער וועלט; די גאנצע וועלט זאל זעהן, אז ניט אומזיסט האב איך דיך אויסגעקליבען פון אלע פעלקער". אבער אברהם האט געענטפערט: „איך וועל ניט אראפנידערען פון מזבח, ביז איך וועל ניט זאגען אלץ וואס איך האב צו זאגען".

נאכדעם ווי אברהם האט גיזאגט אלץ וואס ער האט געוואלט, האט דער היילינער געלויבט זאל ער זיין, זיך אנגערופען: דו האסט געזאגט דאס דייניגע, און איצט וועל איך זאגען דאס מייניגע: יצחק'ס קינדער וועלען זינדיגען, און איך וועל זיי משפט'ן ראש השנה. און אויב זיי ווילען אז איך זאל זיי געפונען א זכות, און זיי געדענקען די עקידת יצחק, טא זאלען זיי בלאזען מיט אט דעם שופר.

„וואס איז אזעלכעס א שופר?", האט אברהם געפרעגט. און כביכול האט געענטפערט: „דרעה זיך אויס". ווען אברהם האט זיך אויסגעדרעהט, האט ער געזעהן א ווידער פארטשעפעט מיט די הערנער אין די דערנער. און דאס איז דער ווידער, וואס איז באשאפען געווארען פרייטאג פארנאכט פון דער וועלט-שאפונג. איז געגאנגען אברהם און האט באפרייט דעם ווידער פון די דערנער, און ער האט אים מקריב געווען אויף דעם ארט פון יצחק'ן.

און כביכול האט דאן געזאגט צו אברהם'ן: ווען דיינע קינדער, וואס וועלען אויפשטעהן נאך דיר, וועלען זיך פארטשעפען אין עבירות, און זיי וועלען נעמען די הערנער פון א ווידער און בלאזען, וועל איך געדענקען די עקידת יצחק, און איך וועל זיי מאכען גערעכט ביי דעם דין. און פונקט ווי דער שופר, מען בלאזט אריין דורך איין זייט און דאס קול געהט ארויס דורך דער אנדערער זייט, אזוי אויך דיינע נאכקומענדע. וויפיל אנקלעגער עס זאלען ניט אויפשטעהן געגען זיי, וועל איך דורך איין זייט זיי אריינפיהרען און דורך דער אנדערער זייט וועל איך זיי ארויספיהרען.

ווי מיר זעהן, איז שופר בלאזען אומגעהויער וויכטיג. אויסער דעם וואס די תורה הייסט בלאזען שופר, איז עס גלאט גוט פאר אונז אידען. ווי באוואוסט, איז ניט פאראן קיין מענטש אויף דער וועלט, וואס זאל ניט זינדיגען. איינער מעהר, איינער וועניגער, אבער א שטערבליכער מענטש זינדיגט. די תורה אליין זאגט דאך, אז עס איז ניט פאראן א מענטש אויף דער וועלט וואס זאל ניט זינדיגען. איז דאך אבער דער באשעפער פון דער וועלט א בעל הרחמים, פארט א פאטער, האט ער אונז פריהער באווארענט. ער האט אונז געגעבען א ראש השנה. און אין דעם דאזיגען יום טוב זאלען מיר בלאזען שופר, וועלען מיר אים דערמאנען אין עקידת יצחק, וועט ער אונז מוחל זיין אונזערע זינד.

דארפען אידען געדענקען, אז שופר בלאזען איז אומגעהויער וויכטיג. יעדער מאן און פרוי דארפען געהן ראש השנה אין שוהל אריין הערען שופר בלאזען. געוויס דארף יעדער איד אפהיטען ראש השנה, צי אלע אנדערע ימים טובים, פונקט ווי ער דארף אפהיטען שבת. אבער דער עיקר דארף ער,

אָדער זי, זעהן ניט צו פאַרפעהלען דאָס הערען ראש השנה בלאָזען. ניט נאָר דאַרף מען דאָס טהון, ווייל די תורה הייסט עס, נאָר מיר דאַרפען עס טהון צוליב זיך אַליין. וואָרום דאָס שופר בלאָזען דערמאָנט דאָך כביכול אין עקידת יצחק, און אַ דאַנק דעם פאַרגיט אונז דער אויבערשטער אונזערע זינד.

און אַזוי ווי ראש השנה פאַלט אַמאָל אויס אום שבת, וועל איך אייך איבערגעבען אַ גוט וואָרט פון דעם אַלעקסאַנדער רבי'ן ר' חנוך העניך ז"ל: ווען ראש השנה פאַלט אויס אום שבת, איז עס אַ גוטער טאָג. ווי באַוואוסט, איז דאָך ראש השנה אַ תיקון פאַר דעם נפש. יום טוב איז אַ תיקון פאַר דעם רוח, פאַר דעם גייסט. און שבת איז אַ תיקון פאַר דער נשמה. היינט אַז ראש השנה פאַלט אויס אום שבת, איז דער תיקון אַ פולשטענדיגער. נעמליך סאַי פאַר דעם נפש, סאַי פאַר דעם רוח און סאַי פאַר דער נשמה.

ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו ז"ל פלעגט עס אויסטייטשען אויף אַן אַנדער אופן: יום טוב של ראש השנה שהל להיות בשבת, איז עס אַ גוטער טאָג. וואָרום דער משפט מוז אויספאַלען צום גוטען. ווייל שרייבען און מחלל שבת זיין מעג מען דאָך נאָר דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך אין פיקוח נפש, אויף צו טהון גוטס, אָבער ניט פאַרקערט. און אויב מיר זיינען חלילה שולדיג, טאָר מען דאָך אויבען ניט פאַרשרייבען.

און אין דער ראש־השנה'דיגער שמונה עשרה זאָגען מיר „זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים..." געדענק אונז, אָה, האַר פון דער וועלט, צום לעבען, אָה, מלך, וואָס דו ווילסט אַז מיר זאָלען לעבען, וואָרום ניט מיר, נאָר דו ווילסט דאָך, אַז מיר זאָלען לעבען. מיר זאָגען דאָך בפירוש „מלך חפץ בחיים". דו פאַרלאַנגסט דאָך, אַז מיר זאָלען לעבען. און אַ לעבעדיגער מענטש דאַרף דאָך האָבען צום לעבען. דו, רבונו של עולם, אַליין האָסט דאָך אונז גע־צוואונגען דערצו, געגען אונזער אייגענעם רצון. מיר האָבען דאָך ניט געוואָלט געבוירען ווערען. עס שטעהט דאָך בפירוש „בעל כרחך אתה חי", אַ מענטש ווערט געבוירען געגען זיין אייגענעם ווילען. איז אויב דו, רבונו של עולם, האָסט עס געוואָלט, איז וואָס זשע פאַר אַ טענות קענסטו האָבען צו אונז? אויב דו האָסט געוואָלט, אַז מיר זאָלען לעבען, מוזטו דאָך זעהן, אַז מיר זאָלען האָבען צום לעבען. דו ביזט דאָך אונזער טאַטע, אונזער פאָטער. נו, האָסטו שוין געזעהן אַ טאַטען וואָס וויל, אַז זיין קינד זאָל ניט האָבען קיין פרנסה?! אַזוי זאָגט דער „תולדות אדם", און דאָס איז זעהר ריכטיג.

און, ווי באַוואוסט, זאָגען מיר אין דער ראש השנה'דיגער שמונה עשרה „ובכן תן פחדך"... האָט ר' נפתלי ראָפשיצער ז"ל געזאָגט דאַרויף אַ טייער, אמת'דיג וואָרט. נעמליך, עס זיינען פאַראַן אידען, וואָס ווען זיי זאָגען ימים נוראים „ובכן תן פחדך", האָבען זיי אין זינען נאָר געלט. וואָרום די אותיות פון „פחדך" באַטרעפען הונדערט און צוועלף, פונקט ווי די אותיות פון „געלט".

און איצט הערט נאָך אַ גוט וואָרט: אין שמות כא, זאָגט דער פסוק אם יום או ימים יעמוד לא יוקם כי כספו הוא. זאָגט דאַרויף ר' חיים יוסף דוד אזולאי (דער חיד"א) ז"ל, אַז דאָס געהט אַרויף אויף די ספעציעלע ימים נוראים'דיגע שוהל־אידען. „אם יום", אויב ער איז אַ איד, וועלכען מען טרעפט אין שוהל „יום", בלויז איין טאָג, נעמליך יום הכפור. אָדער „אם יומים יעמוד", אויב ער איז אַ איד, וועלכען מען טרעפט אין שוהל „יומים",

צוויי טעג אַ יאָר, נעמליך, ראש השנה. „לא יוקם", ביי אַזעלכען וועט דאָס אידישקייט ניט האָבען אַ לאַנגען קיום. „כי כספו הוא", וואָרום אַזאַ שטייגער איד קומט אין שוהל אַריין מתפלל זיין נאָר צוליב געלט. ער וויל מער געלט. ער וויל ווערען אַ גרויסער עושר.

און אַזוי וויר מיר זאָגען ראש השנה „יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה". זאָגט דאַרויף ר' שלמה לענטשיצער ז"ל, אַז „טובה" אַליין איז ווייניג. וואָרום אויך אויף אַ שלעכטע זאַך מוז דאָך אַ איד זאָגען „גם זו לטובה". די חכמים ז"ל זאָגען דאָך בפירוש „כשם שמברכים על הטובה, כך מברכין על הרעה". פונקט ווי מען דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר אַ גוטע זאַך, אַזוי דאַרף מען אים דאַנקען פאַר אַ שלעכטע פּאַסירונג. בעטען מיר דערפאַר ראש השנה אויף אַ שנה טובה, אַז עס זאָל אויך זיין „ומתוקה", עס זאָל טאַקע זיין אויף אַן אמת אַ גוט, זיס יאָר.

און ראש השנה זאָגען מיר „למוחל עונות בדין". זאָגט דאַרויף דער „נהר שלום" ז"ל אַ טייער וואָרט, נעמליך, „בדין". עס איז ביי דעם אויבער־שטען אַ דין מוחל צו זיין אַלע אידען זייערע זינד. און, ווי באַוואוסט, טאָר מען דאָך ניט משנה זיין אַ דין.

און איצט וועל איך אייך איבערגעבען אַ שעהנעם עפּיזאָד, וואָס צייגט, אגב, אַז אידישע קינדערלאַך זיינען שוין גאָרניט קיין נאַראָנים. ווען דער רבי ר' העשיל ז"ל איז נאָך געווען אַ גאָר קליין אינגעלע, האָט אים זיין פאָטער איינמאָל „געכאַפּט", ווי ער איז געשטאַנען פאַר תקיעת און האָט געגעסען. האָט דער פאָטער אים געזאָגט מיט פאָטערליכער ליבע:

„העשעלע, פאַר תקיעות?"

איז העשעלע ניט נתפעל געוואָרען, און ער האָט געענטפערט:

„טאַטע, מיר אידען זוכען דאָך מבלבל צו זיין דעם שטן. דער גאַנצער ענין פון בלאָזען שופר איז דאָך נאָר צוליב דעם מיר זאָלען פאַרדרעהען דעם שטן דעם קאָפּ, ער זאָל ניט וויסען, וואו ער האַלט אין דער וועלט. איז מיר איינגעפאַלען אַ גוט מיטעל. ווען דער שטן וועט זעהן, אַז איך עס, וועט ער דאָך מיינען, אַז מיר האַלטען שוין נאָך תקיעות, וועט ער זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן, און ער וועט מעהר ניט מקטרג זיין אויף אידען.

ערשטער טאָג סוכות, חול המועד

סוכות איז דער פאַרשידענאַרטיגסטער פון אַלע אונזערע ימים טובים. ער איז אויך דער רייכסטער אין „צערעמאָניעס“ פון אַלע אַנדערע ימים טובים. ער האָלט גאַנצע ניין טעג און איז אָנגעפּיקעוועט מיט פילע סימבאָלען. ערשטענס, טאַקע די סוכה אַליין, און ר׳ שלמה לייב לענטשער, ז״ל, פלעגט זאָגען, אַז סוכה איז די איינציגע מצווה, אין וועלכער דער מענטש קען אַריין מיט אַלע אברים. הייגט: דער לולב, דער אתרוג, דער הדס, די ערבות,„ די אושפיזין, נעמליך די געסט אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד, וואָס באַזוכען די אידען אין די סוכות; שמחת בית השואבה, און די גמרא דערצעהלט דאָך, אַז פאַרצייטענס פלעגט די שמחה פון „שואבה“ (שעפּען וואַסער פאַר דעם מזבח) זיין אַזוי גרויס, אַז דער, וואָס האָט די דאָזיגע שמחה ניט בייגעוואוינט, דער האָט אויף זיין גאַנץ לעבען ניט געזעהן קיין שמחה; נו, און די הושענות, די הקפות, און טאַקע שמיני עצרת. אייגענטליך האָט דאָך סוכות באַדאַרפט זיין בלויז אַכט טעג, נאָר כביכול האָט געזאָגט צו זיינע קינדער „קשה עלי פרידתכם“, מיר איז שווער אייער אָפּשיידען זיך פון מיר, איז טהוט מיר צוליב און פייערט נאָך אַ טאָג. נו, וואָס זשע טהוט מען ניט פאַר אַ פאָטער, בפרט נאָך פאַר דעם פאָטער אין הימעל, פרעהען מיר זיך נאָך אַ טאָג.

און ווי מיר ווייסען, האָט יעדער אידישער מנהג, יעדער סימבאָל, יעדע צערעמאָניע, אַ וויכטיגע באַדייטונג. אויסער דעם, למשל, וואָס די תורה הייסט האָבען סוכות די פיר מינים, נעמליך, אתרוג, לולב, הדס און ערבה, שטעלען די דאָזיגע פיר מינים מיט זיך פאַר אחדות, אייניגקייט. פּונקט ווי דער לולב, די הדסים און ערבות זיינען געבונדען צוזאַמען, און ווען מען מענטשט אתרוג, האַלט מען אַלע פיר מינים צוזאַמען, אַזוי דאַרף דאָס אידישע פאָלק, דער רייכער און דער אָרימאַן, דער תלמיד חכם און דער פּשוט׳ער מענטש, נעמליך, דער גאַנצער כלל־ישראל, זיך האַלטען צוזאַמען.

וואָרום אחדות, אייניגקייט, איז דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק. עס איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז קיין פאָלק אונטער דער זון קען עקזיסטירען אַלס פאָלק, פרעזערווירען זיינע ספּעציפישע אייגענשאַפטען, פיהרען אַן אייגענאַרטיגען לעבען און ניט פאַרשלונגען ווערען פון די אַרומיגע פעלקער, אויב דער ווינקעלשטיין פון דעם באַטרעפענדען פאָלק רוהט ניט אויף דעם באַזיס פון אחדות. אַ פאָלק, וועמענס לעבענס־נערוו פולסירט ניט מיט „אייניגקייט“, אַ נאַציע, וועמענס אָדערען־בלוט באַשטעהט ניט פון אחדות־קאָרפּוסקלען, מוז סוף כל סוף אָפּגעווישט ווערען פון דעם ערד־קוגעל אַלס אַזעלכעס. עס מוז פריהער אָדער שפּעטער פאַרלירען

זיינע ספּעציפישע, אייגנטימליכע אייגנשאַפטען, און דערמיט אויך זיין עק־זיסטענץ אַלס פאָלק. דער משל אַז אַ בינטעל צוזאַמענגעבונדענע ריטלעך קען דער שטאַרקסטער מענטש ניט צעברעכען, בעת איינציגווייז קען עס אפילו אַ קינד באַווייזען, איז טאַקע אַזוי פּשוט, אַזוי עלעמענטאַר; אָבער גלייכצייטיג איז עס אַזוי טיף אמת׳דיג.

און אויב איינִיגקייט איז אַזוי אומגעהויער וויכטיג פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף זיין אייגענעם באָדען, איז עס פון דער גרעס־טער וויכטיגקייט פאַר אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין אַ צוויי צענדליג יאָר־הונדערטער צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע עקען אוןווינקעלעך פון דער וועלט; פאַר אַ פאָלק, וואָס איז איבעראַל, אין יעדער לאַנד, אַן אומבאַ־דייטענדע מינאָריטעט, ווי עס איז דער פאַל מיט „ישראל סבא״, מיט דעם אַלטען ישראל׳יק.

אמת, מיר האָבען שוין טאַקע היינט צוריק אונזער אייגען לאַנד. אָבער מיר מוזען אין זינען האָבען, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם אידישען פאָלק איז נאָך אַלץ צעזייט און צעשפּרייט צווישען די פעלקער פון דער וועלט. דאָס גלות אידענטום איז היינט צו טאָג נאָך אַלץ מעהרערע מאָל מער ווי דאָס ישראל אידענטום. דערווייל שטעהען מיר ערשט בלויז ביי דער אתחלתא דגאולה, ביי דעם אָנהויב פון אונזער אויסלייזונג. און ביז דער גאולה שלמה וועלען נאָך מיליאָנען אידען לעבען אין גלות לענדער. דאַרפען מיר געדענקען, אַז סוכות סימבאָליזירט אחדות, און נאָר אחדות, אידישע איינִיגקייט, תורה׳־דיגע אחדות קען אונז אויפהאַלטען אין גלות ווי אידען.

עס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די נאַציאָנאַלע דורפאַלען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געליטען אַפילו ווען עס איז געזעסען אויף אונ־זער אייגענעם באָדען, „יעדער איינער אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים״, זיינען גרעסטענטיילס געווען דער רעזולטאַט פון אינערע צעשפּליטערונג. און וואָלטען מיר, אידען, אין גלות איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינגעזעהן, אַז אונזער „זיין״, אָדער חס ושלום „ניט זיין״, איז הויפּטזעכליך אָפּהענגיג פון דער מאָס אחדות, וואָס עקזיסטירט אין אונזערע רייען, דאַן וואָלט אין גלות אונזער מערכה געווען אַ פיל גינסטיגערע.

און עס איז באמת מערקווירדיג, ממש אַ רעטעניש, אַז דווקא דאָס פאָלק, וועמענס גאַנצע לעבענס־פילאָזאָפיע און וועלט־אַנשויאונג הויבט זיך אָן מיט, און איז באַזירט אויף „אחד״, דווקא דאָס פאָלק וואָס איז געווען דאָס ערשטע צו פּראָקלאַמירען צו דער גאַנצער מענטשהייט, אַז די אַלמעכטיגקייט איז אין „אחד״, דווקא אָט דאָס פאָלק איז כמעט דער „טשעמפּיאָן״ פון צעשפּליטערט־קייט, פון אינערע צעריסענקייט, פון אומצעהליגע פאַרטייען און פאַרטייעלעך.

יעדער איד וואָלט בעדאַרפט אין זינען האָבען, אַז אחדות איז דער באַראָמעטער, דער מאָסשטאָב פון אַ פאָלקס שטאַרקייט. איינִיגקייט איז דער סוד פון אַ פאָלקס עקזיסטענץ. געוויס איז אונזער טויזענטער־יאָר אַלטע רעליגיע אונזער שטאַרקסטער וואָפען געגען אונזערע בלוטיגע שונאים אין גלות אין פאַרלויף פון קנאַפּע צוויי טויזענט יאָר. זיכער איז דער „קיום האומה״, אונזער עקזיסטענץ אַלס אידען, דער פועל יוצא, דער רעזולטאַט פון „קיום הדת״, פון אונזער רעליגיע. עס איז קיין ספק ניט, אַז אונזער

טויזנטער־יאָר אַלטע, רייכע קולטור, ליטעראַטור, מצוות מעשיות, אינטענ־סיוו אידיש־רעליגיעז לעבען זיינען שטענדיג געווען אונזער מעכטיגסטער שוץ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק, און אונזער שטאַרקסטער כלי־זיין געגען די גרויזאַמסטע פאַרפאָלגונגען און ברוטאַלסטע אונטער־דריקונגען. אָבער מיר מוזען געדענקען, אַז בעת „דת", רעליגיע, איז די נשמה פון דעם אידען, אָהן וועלכען ער קען ניט אָטעמען אַלס איד, איז „אחדות", איינינקייט, דער קערפער, אָהן וועלכען די נשמה קען זיך ניט האַלטען.

און אחדות מוז זיין געבויט אויף אַ פּאָזיטיווען, קאָנקרעטען פונדאַמענט און ניט אויף אַ נעגאַטיווען באַזיס. עס איז קיין שום ספק, אַז די נאַצי־מגפה האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסען גראַד איינינקייט אין דעם אידישען לעבען. אָבער אַן איינינקייט, וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון דער נאַבעלער אידע־אָלאָגיע פון אידישקייט; אַן איינינקייט, וואָס באַרוהט בלויז אויף „געגען־אַנטיסעמיטיזם" אנשטאָט אויף „פאַר אידענטום"; אַן איינינקייט, וואָס שיילט זיך אַרויס פון פאַרפאָלגונגען; אַן איינינקייט, וואָס ציהט איר יניקה פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס, אַן „אחים לצרה"־דיגע אחדות — אַזאַ אחדות איז אַן אַבנאָרמאַלע דערשיינונג, און איז במילא געפעהרליך פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק אַלס אַ פאָלק. דער לאָגישער קאָנסעקווענץ פון אַזאַ טרויעריגער דערשיינונג מוז זיין, אַז מיט דער פאַרשווינדונג פון קאָנצענטראַציע לאַגערס, פון אַנטיסעמיטיזם, פאַרשווינדט אויך די אחדות. און דאָס מוז, פריהער אָדער שפּעטער, אונטערגראָבען, חלילה, די עקזיסטענץ פון אידען אַלס אידיש פאָלק.

און אחדות מוז הערשען ניט נאָר אין די ברייטע מאַסען, ניט נאָר דאַרף „עמך" זיין פאַראייניגט, נאָר טאַקע אויך די פיהרער, די וואָרט־זאָגער מוזען מאַכען איינינקייט פאַר זייער אויסגאַנגס־פּונקט. די אידישע געשיכטע איז, ליידער, רייך אין ביישפּילען, ווי טייער עס האָט אָפט געקאָסט דעם אידישען פאָלק די צעשפּליטערונג פון די אידישע פיהרער אין פאַרשיידענע דורות. מען דאַרף אין זינען האָבען, אַז אַ ל ע אידען, פיהרער פּונקט ווי די גע־פיהרטע, זיינען פאַראַנטוואָרטליך איינער פאַר דעם אַנדערען. „כל ישראל ערבים זה בזה". און אַ איד, אפילו אַ פיהרער, האָט קיין מאָראַליש רעכט צו ברעכען אחדות און מאַכען שבת פאַר זיך. ווען מענטשען שטעלען די אידייע העכער פון דעם איך'יזם, דעם נויטיגען צוועק פאַר דעם כלל העכער פון פּער־זענליכע אַמביציעס; אַזוי שנעל, ווי מען באַטראַכט דעם כלל ישראל וויכטיגער פון ר' ישראל, און אחדות צוליב אַלטרואיזם העכער פון צעשפּליטערונג צוליב עגאָאיזם, דאַן מוזען אַלע וועגען פיהרען צו דעם געוואונטשטען פּונקט. „אל תפרוש מן הצבור" איז אַ קאַרדינאַלער פּרינציפּ אין דער אידישער לעהרע. און פאַרגעסט ניט, אַז אַזוי שנעל ווי איינער טיילט זיך אָפּ פון דעם כלל, איז ניט נאָר ווערט דער כלל אָרימער מיט אַ פריינד, מיט אַ מיטאַרבייטער, נאָר ער ווערט רייכער מיט אַ שונא, מיט אַ געגנער.

נאָט אייך אַ ביישפּיל פון אונזער צייט: אידען האָבען ממש איינגעלייגט די וועלט מיר זאָלען צוריק באַקומען אונזער לאַנד ישראל. זיינען געקומען די טרויעריג באַקאַנטע „ נ י ש ט " ־ ראַבאַיס (פּראָטעסט ראַבינער) און האָבען זיך אָפּגעטיילט. איז ניט נאָר זיינען זיי קיין ציוניסטען, נאָר זיי זיינען

געוואָרען אַ נ ט י ־ ציוניסטען, קעמפער געגען אונזער צוויי טויזענט יאָ־ריגער האָפנונג, פאַר וועלכער צענדליגער אידישע דורות האָבען אַזוי פיל מקריב געווען.

דאַרפען מיר אין זינען האָבען, אַז דער יום טוב סוכות סימבאָליזירט אייניגקייט, אחדות. ניט נאָר זיינען די פיר מינים דער סימבאָל פון אחדות, נאָר די סוכה גופא דערמאָנט אונז אין דער וויכטיגקייט פון אייניגקייט. ווען אונזערע חכמים ז"ל זאָגען, אַז בעת די אידען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט זיי דער אַלמעכטיגער אַרומגערינגעלט מיט אַ וואָלקען ווי אַ סוכה, די מצריים זאָלען ניט קענען צוטרעטען צו זיי, ווינקען זיי דערמיט אָן, אַז ווען דאָס ג אַ נ צ ע פאָלק ישראל איז אַרומגענומען מיט דעם זעלבען אידעאַל, מיט אַ שטרעבונג צו איין און דעם זעלבען צוועק, דאַן קען אַפילו אַזאַ מעכ־טיגער שונא, ווי די מצריים זיינען געווען אין יענע צייטען, זיי גאָר ניט טהון.

און סוכות, דער יום טוב וואָס סימבאָליזירט אייניגקייט, איז שוין אַזוי אַלט ווי דער פאָטער פון דעם אידישען פאָלק, נעמליך אברהם אבינו. אונזערע חכמים ז"ל זאָגען, אַז אברהם האָט געפייערט סוכות. ער האָט אויפגעשטעלט סוכות פאַר זיך און פאַר זיינע קנעכט, און ער איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט צו פייערען דעם יום טוב סוכות. ער האָט אויפגעשטעלט אַ מזבח, אַרום וועלכען ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ לולב זיבען מאָל אַ טאָג. אויך יצחק אבינו און יעקב אבינו האָבען אָפּגעהיט דעם יום טוב סוכות.

און סוכות איז ניט בלויז אַ רעליגיעזער, נאָר אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער יום טוב. ווי די תורה דערצעהלט אונז, האָט דער אויבערשטער געהייסען משה'ן זאָגען די אידען אַזוי: זאָג די קינדער פון ישראל, אַז פופצען טעג אין דעם זיבעטען חודש (תשרי, צעהלענדיג פון ניסן) איז סוכות... פופצען טעג אין זיבעטען חודש, ווען איר נעמט אַראָפּ די תבואה פון דעם פעלד, זאָלט איר פייערען זיבען טעג יום טוב צום אויבערשטען... יעדער איינער פון אייך זאָל זיצען זיבען טעג אין סוכות, כדי אייערע דורות זאָלען וויסען, אַז ווען איך האָב אַרויסגעפיהרט די אידען פון מצרים, האָב איך זיי גע־מאַכט וואוינען אין סוכות. איז סוכות איינער פון די דריי ימים טובים אויף וועלכע די אידען, וואָס האָבען ניט געוואוינט אין ירושלים, פלעגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים. און דער־יום טוב איז אויך באַקאַנט אַלס „חג האָסיף", נעמליך, דער יום טוב, וואָס פאַלט אויס אין דער צייט, ווען מען זאַמעלט איין די תבואה פון דעם פעלד.

האָט דאָך שוין דער זוהר (אין פרשה נשא) געזאָגט „הכל תלוי במזל", האָבען טאַקע אונזערע ימים טובים מזל. מען פייערט זיי אויף דעם שעהנסטען אופן. אָבער „חול המועד" האָט אפנים ווייניגער מזל. אין דעם גאַנצען יאָר זיינען פאַראַן בלויז צוויי חול המועד'ן, און דאָך האָט דאָס פאָלק צו זיי עפּעס אַ „וואָכעדיגע" באַציהונג. ווער מאַכט עס עפּעס אַ ווענזען פון „חול המועד?" אין דער אמת'ן, אָבער, איז חול המועד שוין גאָר ניט אַזוי וואָכעדיג ווי פילע מיינען. דאָס קען מען זעהן דערפון, וואָס די הויפּט מצוות, די הויפּט כאַ־ראַקטעריסטיקען פון דעם באַטרעפענדען יום טוב מוזען אָפּגעהיט ווערען מיט אַבסאָלוטער גרינדליכקייט און גענויאיקייט אויך חול המועד. אַזוי, צום ביישפּיל, איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון פסח צו עסען מצה און ניט

קיין חמץ. איז אַט די מצוה, וואָס מאַכט דעם יום טוב פאַר פסח, חל מיט דער זעלבער האַרבקייט אויך אויף חול המועד פסח. דער עיקר כאַראַקטער־ריסטיק, די הויפט מצוה פון סוכות, איז קודם כל די סוכה, און דאַן דער אתרוג, דער לולב. זיינען אַט די מצוות חל מיט דער זעלבער שטרענגקייט פון דעם אידישען דין אויך אויף חול המועד סוכות.

עס איז אפילו פאַראַן אַ מיינונג, אַז חול המועד איז האַרבער פון ראש חודש, חנוכה און פורים. און אויף ווי ווייט די חכמים, ז"ל, האָבען באַטראַכט חול המועד אַלס יום טוב, קען מען זעהן דערפון, וואָס זיי האָבען פאַרבאָטען צו שטעלען חופות אום חול המועד, ווייל מען טאָר ניט אויסמישען די שמחה פון יום טוב מיט אַן אַנדער שמחה. „אין מערבין שמחה בשמחה". אָט, למשל, איז בעסער ניט צו שרייבען חול המועד. און דערפון נעמט זיך טאַקע, אַז ווי באַלד איינער מוז אומבאַדינגט עפּעס שרייבען חול המועד און ער קען עס ניט אָפּלייגען, דרעהט ער איבער די פען, עס זאָל כאָטש זיין אַביסעל „אַנדערש". מיט געוויסע אויסנאַהמען טאָר מען חול המועד ניט וואַשען קיין וועש. און די יעניגע, וואָס טהוען חול המועד קיין שום מלאכה, זיינען זיך נוהג ניט צו לייגען קיין תפילין, ווייל זיי באַטראַכטען חול המועד פאַר אַ ריכטיגען יום טוב.

און איצט אַ פּאָר פיינע טייטשען: עס ווערט געזאָגט, אַז דער אתרוג האָט דעם זעלבען טעם ווי דער בוים, אויף וועלכען ער וואַקסט. נעמליך, די פרוכט האָט דעם זעלבען טעם ווי דער בוים. זאָגט דאַרויף דער „דרשות אל עמי" ז"ל אַז דערפאַר טאַקע האָט די תורה אַזוי שטאַרק מקפיד געווען אויף דער דאַ־זיגער פרי. דאָס איז אַ רמז, אַז יעדער אידען'ס הויפּט אויפגאַבע דאַרף זיין צו זאָרגען דערפאַר, אַז זיינע קינדער זאָלען געהן אין זיינע גוטע דרכים. אַז דאָס קינד זאָל האָבען דעם זעלבען טעם וואָס דער טאַטע.

און פאַרוואָס איז מען אַזוי מקפיד, אַז די פיר מינים זאָלען זיין פון ארץ ישראל? דערקלעהרט עס ר' צבי יחזקאל מיכעלזאָן אַזוי: „אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי". „אעלה" זיינען די ראשי תיבות (די ערשטע אותיות) פון אתרוג, ערבה, לולב, הדס. דערפאַר דאַרף אַ איד זיך באַ־מיהען, אַז די פיר מינים, איבער וועלכע ער בענטשט, זאָלען קומען פון אונזער לאַנד ישראל.

עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז אויף יענער וועלט וועט פון דער פעל פון דעם לויתן געמאַכט ווערען אַ סוכה. און די, וואָס וועלען זוכה זיין, וועלען זיצען אין איר. האָט אַ משכיל אַמאָל געוואָלט אַ „קיבוץ" טהון ר' ישעיה פראַגער, ז"ל, און האָט אים געפרעגט: „ווי אַזוי וועט מען מעגען מאַכען אַ סוכה פון דעם לויתן'ס פעל? פעל איז דאָך איינס פון די זאַכען, וואָס זיינען מקבל טומאה, און מיט אַזאַ זאַך טאָר מען דאָך זיך ניט באַדעקען?" האָט דער רב אים געענטפערט: „עס איז דאָ אַ בפירוש'ע משנה אין כלים „כל שבמים טהור", אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין וואַסער, איז ריין.

הושענא רבה, שמיני עצרת, שמחת תורה

די מיר ווייסען, האָט סוכות אַ פינפטען טאָג חול המועד, באַקאַנט אַלס הושענא רבה. און אַזוי ווי הושענא רבה נעמט דאָך יעדער איד אַרויס דאָס „גוטע קוויטעל", וועלען מיר זעהן, וואָס אונזער אַלטער אוצר האָט צו זאָגען וועגען דעם. אין דער משנה ליטעראַטור איז דער דאָזיגער טאָג באַקאַנט אַלס „חבוט חריות", און די משנה באַשרייבט עס אַזוי:

הינטער דער שטאָדט ירושלים איז געווען אַ קאָלאָניע מיט דעם נאָמען „מוצא". און געהייסען האָט זי אַזוי, ווייל זי איז באַפרייט געוואָרען (יצא) פון דעם קעניגליכען שטייער. איז פלעגט מען אַראָפּנידערען אין יענער קאָלאָניע אָנקלייבען ערבות, זיי אַרומשטעלען אַרום דעם מזבח, מיט די קעפּ־לאַך אַריבערגעבויגען איבער דעם מזבח, און מען פלעגט בלאָזען שופר. אַלע טאָג פלעגט מען אַרומגעהן אַרום דעם מזבח איין מאָל, און מען האָט געזאָגט „אנא ה' הושיעה נא, אנא ה' הצליחה נא". אָבער הושענא רבה, פלעגט מען אַרומגעהן זיבען מאָל, און ביי דעם אַוועקגעהן, האָט מען געזאָגט צו דעם מזבח: „דיר, מזבח, פּאַסט הערליכקייט".

אויב הושענא רבה איז אויסגעפאַלען שבת, האָט מען זיך אויך אַזוי נוהג געווען. נאָר מען פלעגט אָנגרייטען די ערבות ערב שבת, און זיי אַריינלעגען אין גאָלדענע בעקענס פול מיט וואַסער, כדי זיי זאָלען ניט פאַרוויאַנעט ווערען. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז מען פלעגט ברענגען פאַר־טריקענטע פּאַלמען־צווייגען, און זיי אָפּקלאַפּען נעבען דעם מזבח. און אָט דעם דאָזיגען טאָג האָט מען גערופען „חבוט חריות", דער טאָג אין וועלכען „מען שלאָגט צווייגען". און די קינדערלאַך פלעגען באַלד נאָך דעם „שלאָגען", אַרויסשלעפּען די לולבים פון זייערע געשטעלען, און זיך אַ נעם טהון עסען די אתרוגים.

הושענא רבה ווערט אויך אָנגערופען „יום הושענא". ערשט אין די שפּעטערדיגע צייטען האָט מען אים אָנגעהויבען רופען הושענא רבה. און אָט דעם נאָמען האָט ער געקראָגען, ווייל אין דעם טאָג פלעגט דער חזן זיך אַוועקשטעלען מיט אַ ספר תורה אין דער האַנט, און ער איז געשטאַנען ווי אַ מלאך, בעת דאָס פאָלק איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים זיבען מאָל. און ווייל יעדען טאָג איז מען אַרומגעגאַנגען בלויז איינמאָל און אין דעם טאָג גאַנצע זיבען מאָל, האָט מען דעם טאָג אַ נאָמען געגעבען דער „גרויסער הושענא".

דער מנהג פון שלאָגען הושענות איז זעהר אַלט. עס איז אַפילו פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס איז אַ „הלכה למשה מסיני". לויט אַן אַנדער מיינונג, איז עס אַ מנהג נביאים. עס האָט אַפילו געפירט צו אַ מיינונגס פאַרשידענהייט צווישען די פירושים און די ביתותים, צי מען מעג שבת שלאָגען הושענות. אויף אַזוי ווייט וויכטיג האָבען די חכמים ז"ל געהאַלטען הושענא רבה, אַז

ווען דער נשיא הלל ב״ר יהודה, וואָס איז געווען דער צעהנטער דור פון הלל הזקן, איז געווען געצוואונגען צו מאַכען אַ קאַלענדאַר, ווייל דער מלך קאָנסטאַנטינוס, וואָס איז געווען פונקט אַזאַ רשע, ווי זיין פאָרגענגער אדריאַנוס, האָט פאַרבאָטען מקדש צו זיין דעם חודש דורך עדות, האָבען הלל און זיין בית דין צוגעזעהן, אַז ראש השנה זאָל ניט אויספאַלען אין אַ זונטאָג, כדי הושענא רבה זאָל ניט אויספאַלען אום שבת.

און אגב דאַרף מען געדענקען, אַז הושענא רבה איז דער טאָג, ווען מען נעהמט אַרויס דאָס „גוטע קוויטעל״. ראש השנה ווערט יעדען מענטשען׳ס שיקזאַל פאַרשריבען. יום הכפורים ווערט עס פאַר׳חתם׳עט, פאַרזיגעלט. אָבער דער גמר דין איז ערשט הושענא רבה. הושענא רבה ווייסט מען ערשט דעם רעזולטאַט פון די „פורכטיגע טעג״. האָט דאָך שוין דער אויבערשטער געזאָגט צו אברהם אבינו: מיין נאָמען איז „אהיה״. די צאָהל פון די אותיות „אהיה״ באַטרעפט איין און צוואַנציג. דו, אברהם, ביזט דער איין און צוואַנ־ציגסטער דור פון אדם הראשון. הושענא רבה איז דער איין און צוואַנציגסטער טאָג אין תשרי. איז ווען עס וועט קומען הושענא רבה און דיינע קינדער וועלען האַלטען „שמאָל״ מיט דעם דין, וועלען זייערע זינד פאַרגעבען ווערען אין דעם זכות פון אונז דריי.

די גרויסע וויכטיגקייט פון הושענא רבה קען מען אויך זעהן דערפון, וואָס דער פסוק „ואותי יום יום ידרושין״, זיי זוכען מיך אַלע טאָג, טייטשט אַ גמרא אין ירושלמי, אַז דאָס מיינט מען ראש השנה און הושענא רבה.

און אין די הושענות זאָגען מיר „הושענא גולה וסורה, הושענא דמתה לתמר״. זאָגט דאַרויף דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל ז״ל אַ גוט וואָרט: גולה וסורה, כאָטש דו, האָר פון דער וועלט, האָסט פאַרטריבען די כנסת ישראל, און דו האָסט זיי דערווייטערט פון דיר, איז אָבער דמתה לתמר, איז זי, די כנסת ישראל, דאָך געגליכען צו תמר׳ן. ווען יהודה איז פון איר אַוועק, האָט זי זיך בשום אופן ניט געוואָלט שיידען פון אים. זי האָט אָנגעווענדט פאַרשיידענע מיטלען צוריק אַריינגענומען צו ווערען אין זיין הויז. און זי האָט עס ענדליך דערגרייכט.

און מיר זאָגען אויך אין די הושענות „הושענא למען נאמן בית... סלע הך ויזובו מים״. און, אגב, אין דער תפילה פון „גשם״, זאָגען מיר „על הסלע הך ויצאו מים, בעבורו חון חשרת מים״. איז דאָך די קשיא, וואָס פאַר אַ זכות איז דאָס? אדרבה, מיט שלאָגען דעם שטיין, ער זאָל געבען וואַסער, איז דאָך משה גאָר באַגאַנגען אַ זינד, און ער האָט דערפאַר ניט אַריינגעפיהרט די אידען קיין ארץ ישראל! ערקלערט עס ר׳ מנחם מענדעל וואָרקער ז״ל אַזוי: משה איז אומישנע באַגאַנגען די זינד פון שלאָגען דעם שטיין, אנשטאָט רעדען צו אים, כדי דערמיט צו פאַרמאַכען דעם קטרג דאָס מויל, ער זאָל ניט קענען טענה׳ן פאַר דער פמליא של מעלה, פאַר דעם הימלישען געריכט, אַז אַפילו אַ שטיין איז געהאָרכזאַמער פון די אידען. און מיר דערמאָנען עס אין דער תפילה, וואָרום טהון אַן עבירה פאַר די אידען׳ס וועגען, איז אין זיך גופא אַ גרויסע צדקות, און אַפילו אַ גרויסער זכות.

און מיר זאָגען אויך „הושענא שלש שעות״. וואָס אייגענטליך מיינט עס? ערקלערט עס ר׳ יעקב יצחק ז״ל פון לובלין אויף פאָלגענדען אופן:

די גמרא אין שבת פט, דערצעהלט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו יצחק׳ן „בניך חטאו״, דיינע קינדער האָבען געזינדיגט, האָט יצחק געענטפערט: האַר פון דער וועלט, וויפיל יאָהרען זיינען דעם מענטשען׳ס לעבען? זיבעציג יאָר. איז נעם אַראָפּ די ערשטע צוואַנציג יאָר, פאַר וועלכע אַ מענטש פאַרברענגט אין דאַווענען, עסען, טרינקען, און אַזוי ווייטער, אַ העלפט, נעמליך פינף און צוואַנציג יאָר, פאַר די נעכט ווען אַ מענטש שלאָפט, ווארום דאַן זינדיגט ער דאָך ניט, האָבען מיר אַ קימא לך פון בלויז פינף און צוואַנציג. דערפון נעם אַראָפּ צוועלף און אַ האַלב יאָר וואָס אַ מענטש פאַרברענגט אין דאַווענען, עסען, טרינקען, און אַזוי ווייטער, בלייבט שוין צוועלף און אַ האַלב? ווען מען זאָל אַליין דעם זעלבען חשבון וואָס יצחק האָט געמאַכט לויט די יאָרען מאַכען לויט די טעג, קומט אויס אַזוי: דער מעת לעת האָט פיר און צוואַנציג שעה, ווען מען נעמט דערפון אַראָפּ אַ העלפט, נעמליך די נעכט, בלייבט איבער צוועלף. און אַז מען רעכענט אַרונטער דערפון אַ העלפט פאַר דאַווענען, עסען און אַזוי ווייטער בלייבט איבער זעקס. אַ העלפט דערפון האָט יצחק גענומען אויף זיך, בלייבט איבער דריי שעה, איז אָט דאָס בעטען מיר, נעמליך, הושענא שלש שעות.

אגב, אַ איד איז אַמאָל געקומען צו ר׳ יצחק אלחנן ז״ל פרעגען אַן עצה צי ער זאָל פאָהרען קיין אַמעריקע. האָט דער רב אים געפרעגט, ווי עס געהט אים אין פרנסה, און דער איד האָט געענטפערט: „מיט פרנסה, רבי, קומט מען ווי עס איז דורך, עס פעהלט אָבער דאָס שטיקעלע הצלחה, מען זאָל קענען אָפּשפאָרען אַ רובעל״. האָט דער רבי אים געענטפערט: „אויב אַזוי דאַרפט איר ניט פאָהרען. פאַרשטעהט איר, צו „הושיעה נא״ מאַכט מען „נענועים״. מען דרעהט זיך אַהין און אַהער. אָבער צו „הצליחה נא״ מאַכט מען ניט קיין „נענועים״, מען שטעהט אויף אַן אָרט״.

אייגענטליך האָט דאָך סוכות באַדאַרפט זיין בלויז אַכט טעג. פאַרוואָס זשע פייערען מיר ניין טעג? ווייל כביכול האָט געבעטען די אידען, זיי זאָלען אים באַוויליגען נאָך איין טאָג ספּעציעל פאַר אים. איז צו וואָס זשע קען מען דאָס פאַרגלייכען? צו אַ קעניג וואָס האָט איינגעלאַדען זיינע קינדער אויף אַ שמחה. ווען די צייט פון דער שמחה האָט זיך געענדיגט, און די קינדער האָבען זיך געוואָלט צעפאָהרען, יעדער איינער אין זיין שטאָדט, האָט דער קעניג זיי געבעטען זיי זאָלען זיך פרעהען מיט אים נאָך איין טאָג. אַזוי אויך האָט דער אַלמעכטיגער געזאָגט צו די אידען: „קשה עלי פרידתכם״, מיר איז שווער אייער אָפּשיידען זיך פון מיר. און ער האָט זיי געבעטען זיך צו פרעהען מיט אים אַן עקסטראַ טאָג.

זאָגט דאַרויף ר׳ יהושע בן לוי: אייגענטליך וואָלט דאָך דער „עצרת״ פון סוכות באַדאַרפט זיין פופציג טעג פון סוכות, פונקט ווי שבועות, וואָס הייסט אויך עצרת, איז פופציג טעג פון פסח. נאָר פאַרוואָס זשע טאָקע ניט? קען מען דאָס פאַרגלייכען צו אַ קעניג וואָס האָט געמאַכט אַ שמחה. ער האָט געהאַט טעכטער וואָס האָבען געהייראַט און געוואוינט אין אַ שטאָדט ניט ווייט פון זיין הויפּט־שטאָדט. און ער האָט געהאַט טעכטער וואָס ער האָט פאַרהייראַטעט אין אַ שטאָדט, וואָס האָט זיך געפונען זעהר ווייט

פון דער הויפּט־שטאָדט. איז מיט די יעניגע וואָס האָבען געוואוינט ניט ווייט פון זיין שטאָדט, האָט ער זיך געקאָנט פרעהען, ווען ער האָט געוואָלט. אָבער מיט די טעכטער, וואָס האָבען געוואוינט זעהר ווייט, האָט ער זיך ניט געקאָנט פרעהען יעדען טאָג. איז ווען ער האָט געמאַכט אַ שמחה, האָט ער זיי געבעטען צו פאַרלענגערען די שמחה נאָך אַ טאָג. אַזוי אויך מיט די אידען. פסח איז דער סוף פון דעם ווינטער, און דער אָנהויב פון דעם זומער. די וועגען זיינען גוט (סימבאָליש גערעדט), קען מען אָפּלייגען שבועות אויף פופציג טעג. דאַגעגען סוכות איז דאָך ענדע זומער. עס הויבט זיך אָן דער ווינטער, ווינט, רעגען, שניי, פראָסט. די וועגען זיינען שלעכט. איז ווי זשע קען דער באַרעמהאַרציגער פאָטער אין הימעל מטריח זיין דעם אַלטען ישראל'ק? דאַריבער האָט ער געבעטען, אַז די אידען זאָלען פייערען דעם עקסטרא טאָג פאַר אים טאַקע באַלד, און ניט אָפּלייגען אויף שפּעטער.

די זיבעציג אָקסען וואָס מען איז מקריב סוכות, איז דאָך געגען די זיבעציג פעלקער. האָט דער אויבערשטער געבעטען, מען זאָל מקריב זיין שמיני עצרת איין אָקסעל, ער זאָל זיך פרעהען מיט זיין פאָלק ישראל. איז דאָס פאַרגליכען צו אַ קעניג וועמען זיינע קנעכט האָבען געמאַכט אַ סעודה. נאָך דער סעודה האָט דער קעניג געזאָגט צו זיין בעסטען פריינד, ער זאָל אים מאַכען אַ קליין סעודה'לע, ער זאָל קענען דערפון האָבען אַן אמת'ע הנאה. זאָגט דאַרויף רבי יוחנן, אַז וועה איז צו די געצענדינער וואָס וויסען ניט וואָס זיי האָבען פאַרלוירען. וואָרום אַזוי לאַנג ווי דאָס בית המקדש איז גע־שטאַנען, האָט דער מזבח מכפּר געווען, אָבער איצט וואָס וועט מכפּר זיין אויף זייערע זינד?

אין דער קריאה פון שמיני עצרת לייענען מיר: „וקרא עליך אל ה' והיה בך חטא". אַז דו וועסט זעהן, אַז שמיטה, ווען מען טאָר ניט מאָהנען קיין חובות, איז נאָהענט, און דו וועסט ניט וועלען באָרגען אַן אָרימאַן, וועט ער רופען צום אויבערשטען, און דו וועסט האָבען אַ זינד. איז פאַרוואָס זשע טאַקע זאָל ער באַשטראָפט ווערען, אַז מאָהנען טאָר ער ניט, און דער אָרימאַן וועט דאָך אַליין ניט באַצאָהלען? קען מען דאָס פאַרענטפערען מיט אַ משל:

עס איז געווען אַ רייכער סוחר, וואָס פלעגט פיהרען געשעפטען מיט ווייטע לענדער, און ער פלעגט אַהין פאָהרען מיט שיפען פול געפּאַקט מיט סחורה. זייענדיג פרום, פלעגט ער אויך מיטנעמען אויף דער רייזע ספרים צום לערנען. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער שטורם, און דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילען יעדען רייזענדען אַריינצוואַרפען אַביסעל סחורה אין ים אַריין, כדי לייכטער צו מאַכען פאַר דער שיף. ווען דער סוחר האָט געוואָלט אַריינוואַרפען די ספרים, האָט איינער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל אַריינוואַרפען דווקא די ספרים, וואָס איז אונזער לעבען, און ער האָט אים געראַטען אַריינצוואַרפען אַביסעל סחורה.

דער נמשל דערפון איז דאָס: דעם גביר'ס הוצאה אויף זיין הויזגעזינד איז זעהר גרויס. זיין צדקה איז פאַרהעלטניסמעסיג גאַנץ קליין. ווען די געשעפטען געהען ניט אַזוי גוט, איז דאָס ערשטע וואָס ער הויבט אָן צו שפּאָרען, איז פון צדקה. אַז עס קומט דאָס שמיטה יאָר, דו וועסט זיין

און עס וועט ניט וואַקסען, קיין חובות טאָרסטו ניט מאַהנען, ווערסטו דאָך וועלען שפּאָרען און ניט לייהען דעם אָרימאַן, איז לייענען מיר שמיני עצרת וקרא עליך... וועט דער אָרימאַן פרעגען, פאַרוואָס שפּאָרסטו דוקא פון אים, און דאָס איז דאָך טאַקע אַ זינד.

אום די זאַך נאָך קלאָהרער צו מאַכען, גיט אונז אונזער ליטעראַטור נאָך אַ משל: אַ גביר האָט אַמאָל געטומען אַן איידעם אויף קעסט. דער גביר איז געוועזען אַ שלעכטער מענטש און אַ קאַרגער, האָט ער געהאַלטען אין איין פייניגען דעם איידעם. ער האָט אים ניט געגעבען גענוג עסען, און זיך כסדר געקריגט מיט אים. דער איידעם האָט פאַרלוירען פיל וואָג, אויסגעזעהען בלאַס, אָבער ער האָט געשוויגען. מאַכט זיך, אַז דער גביר האָט געהאַט אַ פּראָצעס מיט דעם מעיאָר פון דער שטאָדט. האָט ער געזוכט איינעם וואָס איז אַ חשוב ביי דעם מעיאָר, ער זאָל זיי אויסגלייכען. ווען דער גביר איז געוואויר געוואָרען, אַז זיין איידעם'ס פעטער איז אַ חשוב ביי דעם מעיאָר, האָט ער אים געבעטען געהן צו זיין פעטער, ער זאָל אים אַרויסהעלפען. ווען דער איידעם איז געקומען צו זיין פעטער, און דער פעטער האָט געזעהן ווי בלאַס ער איז, האָט ער אים געפרעגט, צי ער האָט שלעכטע קעסט, אָדער אַנדערע שברת הלב. ביי דעם פעטער זיינען דאַן גראָד געווען עטלעכע מענטשען, און זיי האָבען דערצעהלט אַז דער גביר איז אַ זעהר שלעכטער מענטש. ווען דער פעטער האָט געהערט נאָך וואָס דער איידעם איז געקומען, האָט ער געזאָגט: „גוט, איצט וועל איך זיך מיט אים אָפּרעכענען. איך וועל געהן צום מעיאָר, וועט ער אַלץ פון אים אַוועקנעמען".

דער נמשל: דאָס זעלבע איז אויך מיט צדקה. דער אַלמעכטיגער גיט אַ מענטשען רייכטום, בכדי ער זאָל שפּייזען אָרימעלייט. אַז דער עושר איז אַ קאַרגער און וויל ניט געבען קיין צדקה, ווערט דער אָרימאַן מאָגער און בלאַס. טרעפט, אַז ווען דער גביר ווערט קראַנק און מען רופט אָרימעלייט, זיי זאָלען זאָגען תהלים און מתפלל זיין פאַר זיינעט געזונט, זאָגען די מלאכים, אַז די אָרימעלייט זעהען אויס אַזוי שלעכט, ווייל דער גביר גיט זיי ניט קיין צדקה. ווערט כביכול אין כעס און באַשטראָפט דעם גביר נאָך מעהר. ראָט די תורה דעם גביר, ער זאָל זעהן אַז די אָרימעלייט זאָלען האָבען וואָס צו עסען. וואָרום אַז דו וועסט זיך געפינען אין אַ צרה און דו וועסט זאָגען דעם אָרימאַן: „וקרא עליך אל ה'", ער זאָל רופען פאַר דיינעטוועגען צום אויבערשטען. און דער אַלזעהענדער וועט זעהן ווי שלעכט דער אָרימאַן זעהט אויס, „והיה בך חטא", וועט ער דיר עס רעכענען פאַר אַ זינד. אָבער אַז דו וועסט געבען צדקה, וועט דער אויבערשטער דיך בענטשען מיט אַלעם גוטען.

„ביום השמיני עצרת תהיה לכם", דעם אַכטען טאָג סוכות זאָל זיין ביי אייך אַן אויפהאַלטונג פון מלאכה. ווייסען מיר, אַז די זיבעציג אָקסען זיינען געווען מכפּר צו זיין אויף די פעלקער, און דעם אַכטען טאָג האָט כביכול געוואָלט, אַז די אידען זאָלען מקריב זיין פאַר אים אַ קליינעם קרבן, בלויז איין אָקס, וואָס זאָל מכפּר זיין אויף דעם פאָלק ישראל. איז דאָך אַ קשיא פאַרוואָס פאַר די פעלקער איז מען מקריב גאַנצע זיבעציג אָקסען, און פאַר די אידען בלויז איין אָקס? און נאָך אַ קשיא: פאַרוואָס איז מען

מקריב פאַר די פעלקער פריהער, און דערנאָך ערשט פאַר די אידען? ווערט דאָס פאַרענטפערט מיט אַ משל:

איינער האָט גענומען אַ צווייטע פרוי. ער האָט געהאַט אַ זוהן פון זיין ערשטער פרוי. און די פרוי האָט געהאַט עטליכע זיהן פון איר ערשטען מאַן. איינמאָל איז דער פאָטער אַוועקגעפאָהרען אויף עטליכע וואָכען. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געגעבען פריהער דער פרוי'ס קינדער שעהנע מתנות, און דערנאָך האָט ער געגעבען זיין אייגען קינד אַ קליינע מתנה. דערביי איז גראָד געשטאַנען אַ פרעמדער מענטש, האָט עס אים זעהר פאַרדראָסען. האָט ער אים געפרעגט: „ערשטענס, פאַרוואָס עפּעס גיסטו דיין פרוי'ס קינדער פריהער און דערנאָך ערשט דיין אייגען קינד; און צווייטענס, פאַרוואָס גיסטו זיי קאָסטבאַרע מתנות און דיין אייגען קינד גיסטו אַ זעהר ביליגע מתנה?" האָט דער פאָטער געענטפערט: „איך וועל דיר זאָגען דעם טעם. מיין ווייב'ס קינדער האָבען זיך געפרעהט מיט מיין קומען, אָבער ניט מיט מיר. ווייל זיי געהערען ניט מיר, נאָר זייער מוטער. אָבער אַזוי ווי זיי ווייסען, אַז איך וועל זיי ברענגען מתנות, האָבען זיי זיך געפרעהט מיט די מתנות. האָב איך זיי געבראַכט גענוג מתנות זיי זאָלען זיך פרעהען, און איך האָב זיי געגעבען פריהער, כדי זיי זאָלען פאַרטיג ווערען און אַוועקגעהן. דאַגעגען, מיין קינד האָט זיך געפרעהט מיט מיר, ניט מיט די מתנות, וואָרום ווען נאָך האָט ער אויף דער וועלט אַחוץ מיך? האָב איך אים דאַריבער געגעבען אַ קליינע מתנה, מיט וועלכער עס לוינט זיך גאָר ניט צו פרעהען. און ער איז פרעהליכער פון מיין ווייב'ס קינדער. דאָס ווייזט זיי, אַז ער פרעהט זיך ניט מיט דער מתנה, נאָר טאַקע מיט מיר".

דער נמשל: דאָס זעלבע איז געווען ווען דאָס בית המקדש איז גע־שטאַנען. ווען דער יום טוב סוכות איז געקומען, האָבען אַלע געוואוסט, אַז דער וועלט ריכטער קומט משפט'ן די וועלט, וויפיל רעגען עס זאָל זיין. האָבען אַלע פעלקער זיך געפרעהט מיט דעם אויבערשטען'ס קומען אויף דעם יום טוב. האָט ער געהייסען פריהער געבען די פעלקער מתנות. מען זאָל מקריב זיין פאַר זיי זיבעציג אָקסען, זיי זאָלען מכפר זיין אויף זייערע זינד. און צולעצט האָט ער געהייסען געבען זיין איינציגען זוהן ישראל אַ קליינע מתנה, בלויז איין אָקס, צו ווייזען דער וועלט, אַז ביי די אידען איז דער עיקר שמחה נאָר מיט דעם השם יתברך. און שמיני עצרת און שמחת תורה פרעהען זיך די אידען ניט מיט עולם הזה, נאָר מיט דער תורה צו ווייזען, אַז אונזער שמחה איז מיט אונזער פאָטער אין הימעל. וואָרום אויסער אים האָבען מיר דאָך קיינעם ניט אויף דער וועלט.

„ביום השמיני עצרת תהיה לכם". זאָגט דאַרויף ר' משה ליב סאַסעווער ז"ל: ראש השנה און יום הכפורים האָבען מיר תפלה געטהון פאַר דעם נפש. מיר האָבען זיך אָפּגעגעבען בלויז מיט הימלישע זאַכען. שמיני עצרת איז דער ערשטער טאָג, ווען מען בעט אויף ג ש ם. מען הויבט אָן זאָרגען פאַר מאַטעריעלע זאַכען, פאַר באַדערפעניששען פון גוף וועגען. מען הויבט אָן זאָרגען פאַר דעם „לכם". און דאָס איז טאַקע דער טייטש פון „שמיני רגל בפני עצמו". שמיני עצרת איז דער יום טוב, ווען מען הויבט אָן צו זאָרגען „פאַר זיך".

און מיר ווילען ענדיגען מיט אַ שמחת תורה׳דיג פאָלקס־ווערטעל: מיט „חתן תורה“ איז מען געוויינלעך מכבד אַ גביר, אַזעלכען וואָס נעמט כמעט קיינמאָל ניט אַ ספר אין דער האַנט אַריין. אַזאַ איינער איז אַ חסיד׳ישער חתן. אַ גאַנץ יאָר זעהט ער זיך ניט מיט דער כלה.

קריאה ליום א׳ של פסח

מיט אַ דריי טויזענט פינף הונדערט יאָר צוריק האָבען אונזערע אור־עלטערען געפייערט דעם ערשטען פסח אין מצרים. זייט דאַן פייערען אידען איבער דער גאָרער וועלט, יאָר איין יאָר אויס, דעם ליבען, שעהנעם יום טוב פסח. דער טאַטע איז אַ מלך, די מאַמע איז אַ מלכה, קניידלאך, כרעמזלאך און אַביסעלע וויין, געפינט זיך, ברוך השם אין יעדער אידיש הויז, און מען פיהרט די מלוכה. היינטיגען שבת איז די שמחה אַ דאָפּעלטע, אי שבת, אי פסח. אָבער אַזוי ווי פסח איז דאָך, אָבער, פאָרט בלויז איינמאָל אַ יאָר, וועלען מיר היינטיגס מאָל שמועסען מעניני דיומא.

דעם אמת געזאָגט, וואָלטען מיר געווען באַדאַרפט שוין יענע וואָך זאָגען עפּעס וועגען פסח. די גמרא זאָגט דאָך בפירוש „שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח״. און אין דער אַלטער היים פלעגט מען זיך טאַקע אַזוי נוהג זיין. אַ גאַנץ יאָר פלעגט דער רב ניט האַלטען קיין דרשות. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געלערענט. בלויז צוויי שבתים אין יאָר פלעגט ער האַלטען אַ דרשה, נעמליך שבת הגדול, און שבת שובה. איז הערט זשע אַ מעשה:

ווען ר׳ צבי הירש בערלינער ז״ל איז געווען רב אין מאַנהיים, דייטש־לאַנד, האָט ער איינמאָל ניט געהאַלטען קיין דרשה שבת הגדול. דער עולם האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. האָבען איינִיגע בעלי בתים זיך אַנגענומען מיט מוט און געפרעגט דעם רב, פאַרוואָס ער האָט געענדערט דעם מנהג. האָט דער רב זיי געענטפערט: די חכמים ז״ל האָבען געזאָגט „שואלין ודורשין״. איז די כוונה אַז „שואלין״, ווען מען פרעגט ביים רב שאלות, „ודורשין״ דאַרף דער רב פאַר פסח דרש׳ענען. ער דאַרף דערקלעהרען דעם עולם די דינים פון פסח. אָבער אַזוי ווי אין מאַנהיים זיינען ניט פאַראַן קיין „שואלין״, מען פרעגט קיינמאָל ניט דעם רב קיין שאלה, דאַרף אויך ניט זיין קיין „דורשין״, דאַרף דער רב ניט דרש׳ענען.

אגב, איינמאָל האָט דער זעלבער ר׳ צבי הירש ז״ל געהאַלטען שבת הגדול אַ לומדישע דרשה, דערקלעהרט די דינים און הלכות פון פסח, געזאָגט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, און אַזוי ווייטער. און נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די דרשה, האָט ער אַ זאָג געטהון צום עולם: און זייט ווי׳סען, רבותי, אַז אויך „טרפה־וואורשט״ איז חמץ!...

און אַזוי ווי מיר אידען זיינען דאָך אַן „עם הספר״, האָבען מיר לכבוד פסח אַ ספּעציעלע הגדה. די אידישע ימים טובים זיינען ניט בלויז טעג פון בעטען צום אויבערשטען, און זיך אויסלעבען רעליגיעז, נאָר זיי טראָגען אויך געוויסער מאָס אַ „ליטעראַרישען״ כאַראַקטער.

אָט למשל, סוכות, דער יום טוב וואָס זאָגט אָן דעם סוף פון די זומער־דיגע ליכטיגע טעג און ראָמאַנטישע נעכט, און דעם אָנהויב פון כמורנעם

ווינטער, און אויך אויף דער נשמה ווערט אַביסעלע טרויעריג, לייענט מען אין שוהל דאָס פעסימיסטיש־פילאָזאָפישע בוך קוהלת. פורים ווערט גע־פייערט אויף דעם שעהנעם און ווירדיגען אופן, ווי דערצעהלען דעם אור־שפרונג און די געשיכטע פון דעם יום טוב.

פסח, דער יום טוב פון בעפרייאונג, דער יום טוב וואָס זאָגט אָן דאָס קומען פון דעם ליבען פריהלינג, לייענט מען „שיר השירים", אַ ליבעס־געדיכט וואָס האָט ניט זיין גלייכען אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. און אַז מען „פאַרליבט" זיך פסח, פּאַסט צו שטעלען אַ „חופה" שבועות. לייענט מען שבועות, אַ צייט ווען אַלץ בליהט, לעבט און וואַקסט, די מייסטער־האַפטע אידיליע „רות" וואָס שילדערט אַזוי איינדרוקספול דעם צוזאַמענ־קונפט פון דעם רייכען גוטבאַזיצער און ריכטער בועז מיט דער אָרימער זאַנגען־קלויבערין רות. און פסח, דער יום טוב פון פרייהייט, דער יום טוב וואָס מיר פייערען אַלס אָנדענק פון יענע גליקליכע טעג ווען די אידען זיינען באַפרייט געוואָרען פון דער עגיפּטישער קענכטשאַפט, און געוואָרען אַ פריי, זעלבסטשטענדיג פאָלק, איז פּריווילעגירט מיט אַ ווערק וואָס איז פערפאַסט געוואָרען ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגען צוועק. און דאָס דאָזיגע ווערק, די „הגדה של פסח", וואָס איז דורכגעווייקט מיט טרערען און וויין, איז באמת אַן אוניקום אין דער רעליגיעז־היסטאָרישער אידישער ליטע־ראַטור.

די הגדה באַשטעהט פון דריי הויפּט־טיילען. געוויסע טיילען זיינען כמעט אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק, און ווי דער יום טוב פסח. דעם סאַמע ערשטען פסח האָבען די אידען געפייערט אין מצרים, אין דער לעצטער נאַכט פאַר זייער פאַרלאָזען דאָס לאַנד, וואָס האָט זיי פערשקלאַפט און גע־פייניגט גאַנצע צוויי הונדערט און צען יאָר.

דער מנהג צו דערצעהלען ביי דעם סדר די געשיכטע פון אונזער פאָלקס באַפרייאונג פון דער עגיפּטישער קענכטשאַפט, דאַטירט צוריק צו יענער היסטאָרישער פּאַסירונג, און איז באַזירט אויף דעם פסוק והגדת לבנך ביום ההוא לאמור, בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים (שמות יג, ח) — און די זאָלסט דערציילען דיין זוהן אין יענעם טאָג, אַז עס איז דערפאַר וואָס דער אַלמעכטיגער האָט מיר געטהון, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. דער צוועק פון דער הגדה איז, אַלזאָ, צו דערצעהלען דעם הויז־געזונט די געשיכטע פון ישראל'ס באַפרייאונג פון מצרים, אין איינקלאַנג מיט דעם תנ"ך'ישען געבאָט והגדת...

די דריי הויפּט־טיילען פון דער הגדה זיינען: די געשיכטע פון דער באַפרייאונג, געבעטען און לויב־געזאַנגען, און ברכות. די הגדה איז ניט פערפאַסט געוואָרען פון איין מענטשען. אורשפּרינגליך איז די הגדה געווען פיל קלענער, ווי מיר האָבען זי היינט צו טאָג. אין פאַרלויף פון דורות זיינען אַלע מאָל צוגעקומען נייע הימנען. אין אַ געוויסען זין איז, אַלזאָ, די הגדה אַן אַנטאָלאָגיע פון אידישער רעליגיעז־היסטאָרישער ליטעראַטור וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין פאַרשיידענע צייטען אין מעהרערע לענדער. אַזוי, צום ביישפּיל, אַנטהאַלט די הגדה אויסצוגען פון תנ"ך, פון דער משנה (צווייטער יאָרהונדערט) פון תלמוד ירושלמי (דריטער יאָרהונדערט), (פון תלמוד

בבלי פיפטען יאָרהונדערט) פון מדרשים פון פאַרשיידענע צייטען, און פון דער מיטעלאַלטערליכער ליטורגיע.

די „אנשי כנסת הגדולה״ האָבען קאָמפּילירט און רעדאַגירט די פאַר־שיידענע תנ״ך־טיילען, און די רבנ׳ישע אינטערפּרעטאַציעס אין דער צייט פון בית שני. די תנאים, די פאָרפאַסער פון דער משנה, האָבען אינקאָר־פּאָרירט געוויסע טיילען. אין דער צייט פון די אמוראים, די פאַרפאַסער פון דער גמרא, איז דער ערשטער טייל פון דער הגדה שוין געווען אין דער פאָרמע, ווי מיר האָבען זי היינט צו טאָג. דער צווייטער טייל, אָבער, האָט געהאַלטען אין איין פאַרגרעסערט ווערען, דורך פאַרשיידענע ליטורגישע פּאָעמעס און לידער.

איינס פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלאך איז די אַלעגאָריע פון די „ארבעה בנים״, די פיר זיהן וואָס רעפּרעזענטירען „די פיר פאַרשיידענע שטעלונגען צו רעליגיע. דאָס באַליבטע ליד „חד גדיא״, וואָס איז פאַרפאַסט אין אַראַ־מעאיש, און דערמאָנט, אגב, אין דעם ענגלישען פאָלקס לידעל „דהי האָוז וויטש דזשעק בילט״, איז ווייזט אויס אַריין אין דער הגדה ערשט צום סוף פון דעם זעכצענטען יאָרהונדערט.

דער אינהאַלט פון „חד גדיא״ איז גאָר איינפאַך. אָבער עס זיינען פאַראַן תלמידי חכמים וואָס האַלטען אַז אין דעם געדיכט שטעקט אַ גאָר טיפער זין. עס זאָל, נעמליך, אויסדריקען דעם זעלבען געדאַנק וואָס הלל הזקן האָט אויסגעדריקט אין זיין קלאַסיש וואָרט „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון״ — אַז קיין שלעכטע האַנדלונג בלייבט ניט אומבאַשטראָפט. פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט קומט אויס אַז „חד גדיא״ איז באַגרינדעט אויף דעם תלמוד׳ישען פּרינציפּ (בבא בתרא י, א): צען שטאַרקע זאַכען זיינען באַשאַפען געוואָרען אין דער וועלט, אייזען איז שטאַרקער פון דעם באַרג, פייער איז שטאַרקער פון אייזען, וואַסער איז שטאַרקער פון פייער, און אַזוי ווייטער. „חד גדיא״ וויל, אַלזאָ, אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז דער אויבערשטער איז מעכטיגער פון אַלץ.

עס זיינען פאַראַן מיינונגען אַז „חד גדיא״ אַנטהאַלט טיפע רמזים און סודות. און די וואָס ערקלעהרען עס ווי אַן אַלעגאָריע זאָגען אַז דאָס ציגעלע איז דער אַלטער ישראל. דער טאַטע רעפּרעזענטירט דעם אויבערשטען. די צוויי גילדען שטעלען מיט זיך פאָר די צוויי לוחות הברית, אָדער משה און אהרן. מיט דער קאַץ מיינט מען אשור. דער הונט סימבאָליזירט בבל. דער שטעקען שטעלט מיט זיך פאָר פּערזיע. דאָס פייער איז יון. דאָס וואַסער סימבאָליזירט רוים. דער אָקס איז סאַראַצינס וואָס האָט איינגענומען ארץ ישראל. דער שוחט רעפּרעזענטירט די קרייצצוגלער. דער מלאך המות איז טערקיי. צום סוף וועט קומען דער אַלמעכטיגער און וועט אויסלייזען דאָס איינציגע ציגעלע, נעמליך, דאָס אידישע פאָלק.

ווי יעדער אידישער יום טוב, איז פסח זעהר רייך אין רעליגיעזע צערעמאָניעס. שוין פאַר פסח מוז מען בודק חמץ זיין, ווייל אַזוי ווי ברויט איז דאָך דאָס הויפּט־לעבענס־מיטעל פון אַ גאַנץ יאָר, און גלאָט אַזוי עס אַרויסוואַרפען, וואָלט דאָך געווען אַן אומדאַנקבאַרע טאַט, באַגלייטען מיר עס מיט אַ ברכה.

שבת און יום טוב לייגט מען געוועהנליך צוויי חלות פאַר דער „המוציא". דאַגעגען פסח לייגט מען דריי מצות. דאָס איז פשוט דערפאַר ווייל אַ „המוציא" מוז מען דאָך מאַכען איבער צוויי (לחם משנה). דעם אפיקומן ברעכט מען דאָך אָפּ איידער מען מאַכט אַ „המוציא". מוז מען דערפאַר האָבען דריי מצות. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע דערקלעהרונגען.

וועגען דער באַדייטונג פון אליהו הנביא׳ס כוס זיינען פאַראַן מעהרערע פאַרשיידענע טעמים. די פּאָפּולערע מיינונג איז אַז אַזוי ווי די פיר כוסות סימבאַליזירען די פיר אויסלייזונגס־אויסדרוקען וואָס כביכול האָט באַנוצט אין זיין געשפּרעך מיט משה׳ן, נעמליך: והוצאתי אתכם, והצלתי אתכם, וגאלתי אתכם, ולקחתי אתכם. און עס איז דאָך אָבער פאַראַן אַ פינפטער גאולה־אויסדרוק — „והבאתי אתכם". גיסט מען דאַריבער אָן אַ פינפטען כוס, און מען טרינקט אים ניט, ווייל אויף דער פאַרווירקליכונג פון דער דאָזיגער הבטחה, וואַרטען מיר ביז אליהו הנביא וועט קומען.

און איצט הערט נאָך אַן ערקלעהרונג. בענטשען דאַרף מען דאָך מיט אַ כוס וויין. איז פאַראַן אַ פלוגתא אין דער גמרא, צי ביי די סדרים דאַרף מען, אַחוץ די פיר כוסות, בענטשען ברכת המזון איבער אַ באַזונדער כוס. די דאָזיגע פלוגתא איז געבליבען אין דער גמרא אומפאַרענטפערט. און אויף אַ ספק אין דין אין תלמוד, וואָס בלייבט אומפאַרענטפערט איז „תיקו" — תשבי יתרץ קושיות ואבעיות. גיסען מיר אָן אַ פינפטען כוס, וואָס וואַרט אויף אליהו הנביא׳ס אורטייל. און דערפאַר הייסט ער „אליהו הנביא׳ס כוס".

טרינקען מיר אַלזאָ די פיר כוסות אין אָנדענק פון די פיר אויסלייזונגס־אויסדרוקען וואָס כביכול האָט באַנוצט אין זיינע געשפּרעכען מיט משה רבינו. און איצט הערט נאָך אַן אינטערעסאַנטע מיינונג, כאָטש די מיינונג איז וויניגער פּאָפּולער פון דער ערשטער. אַלזאָ: אין דער געפענגעניש, אין וועלכער מען האָט איינגעזעצט יוסף הצדיק אין מצרים צוליב דעם בלבול, וואָס פוטיפר׳ס ווייב האָט אויף אים געמאַכט, האָט מען אַ שטיקעל צייט שפּעטער אויך איינגעזעצט פּרעה׳ס אויבערטרינקמייסטער, און דעם הויפּט־בעקער. האָבען זיי דערצעהלט יוסף׳ן חלומות, וואָס האָבען זיי שטאַרק באַאומרוהיגט. און דער טרינק־מייסטער האָט געזאָגט: מיר האָט זיך גע־חלום׳ט, אַז פאַר מיר איז אַ ווייַנשטאָק מיט דריי צווייגען... און פּרעה׳ס בעכער איז געווען אין מיין האַנט, און איך האָב אויסגעקוועטשט די וויינ־טרויבען אין פּרעה׳ס בעכער, און איך האָב דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעה׳ס האַנט. דאַרויף האָט יוסף געענטפערט אַז אין דריי טעג אַרום, וועט אים פּרעה צוריקגעבען די שטעלע, „און דו וועסט דערלאַנגען פּרעה׳ס בעכער אין זיין האַנט ווי פריהער". אַזוי ווי די דאָזיגע דערקלעהרונג האָט שפּעטער געפיהרט צו יוסף׳ס באַפרייאונג פון געפענגעניש. און ווען ניט יוסף וואָלטען מיר דאָך אין גאַנצען אפשר ניט געווען אין מצרים. טרינקען מיר פיר כוסות אַלס אָנדענק דערפון, וואָס דער אויסדרוק „כוס" ווערט פיר מאָל דערמאַנט אין דעם חלום מיט דער דערקלעהרונג.

ווי באַוואוסט, איז מען זיך נוהג ביי דעם סדר צו עפענען די טהיר ביי „שפוך חמתך". איז דאָס דערפאַר ווייל פאַרצייטענס פלעגט מען האַלטען אָפען די טהיר די גאַנצע נאַכט. וואָרום וואָס פאַר אַ זינען וואָלט עס געהאַט

צו זאָגען „כל דכפין״, ווער עס איז הונגעריג זאָל אַריינקומען עסען, און גלייכצייטיג האַלטען די טיר פאַרשלאָסען!

צווייטענס, פסח איז דאָך „ליל שמורים״, די נאַכט ווען כביכול אַליין האָט געהיט די אידען אין מצרים, און מען דאַרף אַפילו קיין קריאת שמע ניט לייענען אין דער נאַכט.

דריטענס, כדי אליהו הנביא זאָל קומען און זעהן אונזער שטאַרקע אמונה. אין מיטעלאַלטער, ווידער, האָט מען צוליב די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען געהאַלטען פאַרמאַכט די טיר. און אַזוי ווי מען האָט פאַרשפּרייט דעם בלוט בלבול אויף אידען אַז זיי קנייטען די מצות מיט קריסטלאַך בלוט, און די שונאי ישראל פלעגען זיך אַריינבּרעכען אין די אידישע הייזער ביים סדר, עפענט מען די טיר, ערשטענס צוליב דעם „ליל שמורים״, צווייטענס, אליהו הנביא זאָל קומען אָנזאָגען די גאולה, דריטענס אונזערע שונאים זאָלען זעהן אַז דער בלוט בלבול איז אַ פאַלשער.

איינער פון די שעהנסטע מנהגים וואָס איז פאַרבונדען מיט פסח איז דער מנהג פון „מעות חטין״, פון טיילען אָרימעלייט געלט זיי זאָלען האָבּען אויף פסח מצות, וויין... דער מנהג איז געבּויט אויף פאָלגענדעס:

אין תלמוד איז פאַראַן אַ מיינונגס־פאַרשיידענהייט ווענען ווען עס וועט קומען די גאולה שלמה. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטען אַז די אויסלייזונג וועט פאַרקומען אין חודש תשרי. אַנדערע האַלטען אַז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות אין דעם חודש ניסן. ווי מיר ווייסען, העלפען „צום״, „קול״, „ממון״ (פאַסטען, בעטען, צדקה) צו דער גאולה. און אַזוי ווי תשרי דאַווענט מען געננוג, און מען פאַסט, איז פסח גיט מען כאָטש צדקה.

אַי פאַרוואָס גיט מען טאַקע ניט אויך סוכות „מעות חטין״, סוכות איז דאָך נאָך אַ לענגערער יום טוב פון פסח. פסח איז אַכט טעג, און סוכות איז דאָך ניין טעג? איז הערט זשע אַ גוט ווערטעל:

לגבּי פסח שטעהט בפירוש אין דער תורה „שבעת ימים מצות תאכלו״, זיבען טעג זאָלט איר עסען מצות. דאָס איז אַ בפירושער געבּאָט. מוז מען זעהן אַז אויך דער אָרימאַן זאָל האָבען מצות אויף פסח. אָבער מיט באַצוג אויף סוכות זאָגט די תורה „בסוכות תשבו שבעת ימים״ — איר זאָלט זיצען אין סוכה זיבען טעג. נו, זאָלען די אָרימעלייט זיצען אין סוכה געזונטערהייט אַזוי לאַנג ווי זייער האַרץ גלוסט, ווער לאָזט זיי ניט!

און אין דער הגדה זאָגען מיר צווישען אַנדערעס, „ואת ערום ועריה״... איז הערט זשע אַ שעהנס: אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו ר׳ חיים צאַנזער ז״ל. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער גביר האָט ער דערצעהלט דעם רבּי׳ן ווענען זיינע געשעפטען. אין איין וועגס האָט ער אויך דערצעהלט דעם רבּי׳ן, אַז ער האָט בדעה אויסצוקויפען אַ געוויסען מאַיאָנטעק וואָס געהערט צו אַן אַנדער אַרענדאַר. האָט דער רבּי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און אַ פרעג געטהון דעם רייכען חסיד, נו, וואָס איז מכח מסיג גבול זיין? עפּיס אַ קליינ־קייט אָוועקנעמען פון אַ אידען פּרנסה! היתכן! ווי קומט עס צו דיר! האָט דער חסיד זיך צעקאָכט: וואָס רעדט איר, רבּי, יענער איז אַן אפיקורס, אַן

אוכל טריפה׳ניק, ניט קיין שבת ניט קיין יום טוב, אַן אמת׳ער פושע ישראל! אדרבה, אַזאַ איינעם איז גאָר אַ מצוה צו באַגראָבען!

האָט דער רבי אַ טראַכט געטהון און זיך אָנגערופען צו אים: אויף דעם פסוק „ואת ערום ועריה״ זאָגען די חכמים ז״ל, אַזוי ווי די אידען זיינען „ערום ועריה״ נאַקעט פון מצוות, זיי האָבען נאָך ניט געהאַט קיין מצוות, האָט כביכול זיי געגעבען „דם פסח״ און „דם מילה״, בלוט פון פסח, און די מצוה פון מל זיין. איז דאָך די קשיא: דם פסח איז דאָך געגעבען געוואָרען די אידען נאָך דער מכה פון חושך, פון פינצטערניש. און די חכמים ז״ל זאָגען דאָך, אַז אין דער צייט פון דער מכה פון „חושך״ זיינען די אידען געווען פאַרנומען מיט באַגראָבען די רשעים, די אפיקורסים, די פושעי ישראל, וואָס זיינען אויסגעשטאָרבען אין די „דריי טעג פון פינצטערניש״. איז ווי באַלד אַזוי, זיינען דאָך די אידען דאַמאָלס ניט געווען נאַקעט פון מצוות. אדרבה, זיי האָבען זיך דאָך עוסק געווען אין אַ גאָר גרויסער מצוה! זיי האָבען דאָך באַגראָבען די פושעים. מוז מען, אַלזאָ, דערפון דרינגען, אַז „באַגראָבען״ אַ אידען, אַפילו אַ פושע ישראל, איז ניט אַזאַ גוואַלדאָוונע מצוה, ווי דו מיינסט.

און איצט הערט נאָך אַ שעהנס: אין דער שטאָדט סלאָנים איז געווען אַ איד, אַ גרויסער בעל מחלוקת, מיט יעדען איינעם האָט ער זיך אַרומגע־קריגט. האָט דער דאָרטיגער רב ר׳ אייזעלע חריף ז״ל באַשלאָסען אים צו באַשטראָפען. זיינען געקומען צום רב בעלי בתים, זיך איינגעשטעלט פאַר אים, און האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דאָס טהוט ער בלויז לשם שמים. האָט דער רב זיך אָנגערופען: אַז מיר קוקען אַריין אין „חד גדיא״ זעהען מיר אַז אַ העלפט פון זיי זיינען שולדיג, און אַ העלפט זיינען אומשולדיג. דאָס ציגעלע איז אונשולדיג. די קאַץ וואָס עסט אויף דאָס ציגעלע איז שולדיג. דער הונט איז אונשולדיג, וואָרום ער נעמט זיך דאָך אָן פאַר דער עוולה געגען דעם ציגעלע. און אַזוי ווייטער. און אַז מען געהט אַזוי כסדר, קומט אויס אַז דער מלך המות איז אונשולדיג. וואָרום אויך ער האָט זיך אָנגענומען פאַר יושר. פרעגט זיך וואָס זשע וויל כביכול פון אים? נאָר דער תירוץ איז: ווער בעט דיך, דו זאָלסט זיין דעם אויבערשטענס „סטראַפּעטש״, נעם זיך ניט אָן פאַר יושר, און שעכט ניט קיין מענטשען!

קריאה לשבת חול המועד של פסח

דער זוהר אין פרשה נשא זאָגט „הכל תלוי במזל, ואפילו ספר תורה בהיכל״, אַז אַלץ און יעדער דאַרף האָבען מזל, אַפילו אַ ספר תורה. איז דאָס טאַקע אַן אמת׳דיג וואָרט. אַ לויט מזל איז פיל בעסער פון אַ פונט שטערלינג.

אָט נעמט, למשל, ימים טובים. פסח איז אַכט טעג. איז פון די ערשטע צוויי טעג מאַכט מען דאָך אַ גרויסען וועזען. עפיס אַ קלייניגקייט, די סדרים! דער טיש איז געדעקט טאַקע ווי פאַר מלכים, היינט די הגדה, דאָס זינגען. און די צווייטע טעג פסח ווערען טאַקע ניט געפּראַוועט מיט אַזוי פיל פּאַראַד ווי די ערשטע טעג, אָבער ניט ווייניגער ווי די אַנדערע ימים טובים.

דאַגעגען פון חול המועד מאַכט מען ניט קיין באַזונדערען וועזען, כאָטש עס זיינען פאַראַן בלויז צוויי חול־המועד׳ס אַ יאָר. אָבער כאָטש דאָס פּאָלק באַציהט זיך „וואָכעדיג״ צו חול המועד, איז אָבער חול המועד גאָרניט אַזוי „וואָכעדיג״ ווי פילע מיינען. אַז חול המועד איז אַ וויכטיגער יום טוב, קען מען זעהן דערפון, וואָס די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון דעם באַטרע־פענדען יום טוב מוז אָפּגעהיט ווערען מיט אַבסאָלוטער גרינדליכקייט. די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון פסח, צום ביישפּיל, זיינען די מצות. איז די מצוה פון מצה חל אויף חול המועד פסח מיט דער זעלבער האַרבקייט ווי אויף פסח. די הויפּט שטריכען פון סוכות זיינען די סוכה, דער אתרוג און דער לולב, זיינען די דאָזיגע מצוות חל אויף חול המועד סוכות מיט דער זעלבער שטרענגקייט.

אָט, למשל, טאָר מען ניט שטעלען אַ חופה חול המועד, ווייל מען טאָר ניט צונויפמישען די שמחה פון דעם יום טוב מיט אַן אַנדער שמחה (אין מערבין שמחה בשמחה). מען איז זיך, צום ביישפּיעל, נוהג ניט צו שרייבען חול המועד. און דערפון נעמט זיך טאַקע דאָס, וואָס ווי באַלד איינער מוז אומ־באַדינגט שרייבען חול המועד, און קען עס ניט אָפּלייגען, דרעהט ער איבער די פען, עס זאָל זיין אַ שטיקעל שינוי.

אַלזאָ, חול המועד איז אויך אַ יום טוב. און אין אַ געוויסער מאָס האָט ער דוקא יאָ אַ שטיקעלע מזל. אָט, לייענט מען שבת חול המועד „שיר השירים״. מיר אידען זיינען אַ „ליטעראַריש״ פאָלק. איז אַז עס קומט אַ יום טוב, לייענען מיר ספּעציעלע אויסצוגען פון תנ״ך, און אַמאָל אפילו אַ גאַנצען ספר פון תנ״ך. פסח פאַלט אויס אין פריהלינג. שיר השירים שטעלט מיט זיך פאַר יוגענטליכקייט. לייענט מען שבת חול המועד פסח שיר השירים, וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָלטען פאַר „קודש קדשים״. און אָט דער פאַקט אַליין וואָס חול המועד פסח האָט זוכה געווען אַז מען זאָל אין אים לייענען אָט דעם הייליגען תנ״ך ספר, באַווייזט שוין אַז חול המועד איז ניט אַזוי „וואָכע־דיג״ ווי מאַנכע מענטשען דענקען.

און אין דער היינטיגער קריאה ווערט צווישן אַנדערעס געזאָגט „לא תבשל גדי בחלב אמו", אַז מען טאָר ניט קאָכן קיין ציגעלע אין זיין מוטער'ס מילך. דריי מאָל ווערט דאָס דאָזיגע געבאָט איבערגע'חזר'ט אין דער תורה. זיינען דאַרויף פאַראַן פילע פירושים. אָבער מיר ווילן בלויז באַמערקן, אַז דערפון נעמט זיך דער איסור פון בשר בחלב, פלייש מיט מילך. פליישיגס און מילכיגס צוזאַמען טאָר מען ניט קאָכן און ניט עסן. עס איז טריפה.

און אַז עס מאַכט זיך אַ שאלה פון דעם סאָרט, דאַרף מען, פאַרשטעהט זיך, פרעגן אַ רב. איז אָט הערט אַ מעשה: ר' חיים ראַפּאָפּאָרט ז"ל האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט אַ דייטשן ראַבינער, וואָס איז געווען אַ זעהר קנאַפּער למדן, אָבער אין וועלטליכע קענטעניסן האָט ער זיך דוקא יאָ אויסגעקאָנט. האָט דער „הערר ראַבינער" זיך געהאַלטן שוין אַ ביסעל צו האָפערדיג געגען דעם „אַלט-מאָדישען" רב. ר' חיים האָט פאַרפיהרט מיט אים אַ שמועס, און אים געפרעגט: „וואָס טהוט איר אַז מען קומט אייך פרעגן אַ שאלה?" „וואָס הייסט וואָס איך טהו?", פאַרוואונדערט זיך דער ראַבינער, „איך מאַך טריפה".

„איז הערט-זשע אַ מעשה", רופט זיך אָן ר' חיים: „אַן אַרענדאַר פלעגט שעכטן גענז, און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ שאלה איז ער געפאָהרען אין שטאָט אַריין צום רב. כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסער טרחה. איינמאָל איז צו אים אין קרעטשמע פאַרפאָהרען אַ איד אַ וויצלער, פונקט ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ שאלה. האָט ער געזאָגט דעם אַרענדאַר: איך האָב פאַר אייך אַן עצה. די תורה זאָגט „לכלב תשליכון אותו", אַז טריפה געהערט צום כלב, צום הונט. איז לייגט אַנידער די גאַנז פאַר דעם כלב. וועט ער עסן, איז טריפה, און אויב ניט, איז עס כשר. איז דעם אַרענדאַר געפעלען די עצה. אַלע האָבען זיך אַרומגעשטעלט. דער כלב האָט געשמעקט פון אַלע זייטען, געקוקט „נאָסקאָס" אויף די אַרומשטעהענדע, און ער האָט די גאַנז ניט אָנגעריהרט.

„כשר, כשר", איז געוואָרען אַ שמחה, און מען האָט די גאַנז אויפגעגעסען.

אָבער וואָס ווייטער, האָט דער כלב זיך צוגעוואוינט, און ניט מורא גע־האָט פאַר אַרומשטעהענדע מענטשען. און ווי נאָר מען האָט אים אַנידער־געלייגט אַ גאַנז, צו זעהען צי זי איז טריף, האָט ער זי אויפגעגעסען ניט איבערלאָזענדיג קיין ביינדעל. דער אַרענדאַר האָט געזעהען אַז אויף דעם כלב קען ער זיך ניט פאַרלאָזען, איז ער געפאָרען אין שטאָדט אַריין צום רב.

„וואו ביזטו געווען ביז איצט?", פרעגט דער רב. און דער אַרענדאַר האָט געענטפערט: „ביז איצט האָט מיין כלב גע'פסק'ענט". „איז וואָס-זשע ביזטו געקומען צו מיר?" האָט דער רב געפרעגט. צו ווען דען זאָל איך קומען, אַז דער כלב מאַכט שטענדיג טריפה, האָט דער אַרענדאַר געענטפערט".

איז דאָס טאַקע ניט שלעכט אַריינגעזאָגט. און אַחוץ דעם ווייסען מיר דאָך, אַז טריפה מאַכען כשר טאָר מען אויך ניט. ראשית דאַרף מען האַלטען אַ אידען'ס גראָשען טייער. ווארום ניט אַזוי לייכט קומט ער אים אָן. צווייטענס, קען דאָס טריפה מאַכען אַמאָל פאַרשטערען דעם אידען אַ שבת צי אַ יום

טוב. דריטענס, איז עס גלאַט ראַטזאַמער זיך ניט אַנצוהויבען מיט אַ בהמה. אַט הערט אַ מעשה שהיה:

ר׳ ליפּע מירער ז״ל איז, ווי באַוואוסט, געווען אַ גרויסער מקיל אין שאלות. ער פלעגט זיך געבען די גרעסטע מיה צו געפינען אַ וועג כשר צו מאַכען, אויב נאָר עס איז געווען מעגליך על פּי דין. דאַגעגען, ר׳ ירוחם ליב, „דער מינסקער גדול״ ז״ל, איז דוקא געווען אַ מחמיר. איינמאָל האָבען זיי זיך ביידע באַגעגענט. און שמועסענדיג אַזוי אין לערנען, האָט דער „גדול״ פאַרגעהאַלטען ר׳ ליפּע׳ן פאַרוואָס ער איז אַזאַ מקיל. האָט ר׳ ליפּע אים געענטפערט: „איך, אַז איך בין אַ מקיל, איז טאָמער ווער איך חלילה נכשל און מאַך אַ טריפה זאַך כשר, וועל איך איבער הונדערט יאָר האָבען אַ דין תורה מיט אַ אידען, פאַרוואָס איך האָב אים מאכיל טריפה געווען. נו, איז מיט אַ אידען קען מען שוין ווי עס איז דורכקומען. אָבער איר זענט דאָך אַ מהמיר. איז טאָמער מאַכט איר פון כשר טריפה, וועט איר דאָך איבער הונדערט יאָר האָבען אַ דין תורה מיט אַן אָקס. ער וועט אייך שלעפּען צו אַ דין תורה פאַר וואָס איר האָט אים טריף געמאַכט, און צוגענומען פון אים זיין תיקון אַז אידען זאָלען אים עסען און מאַכען אַ ברכה...״

זיינען היינט אויך פאַראַן צווישען רבנים אַזעלכע וואָס זיינען מקיל, און אַזעלכע וואָס זיינען מחמיר. און פאַרשטעהט זיך, אַז זיי פסק׳ענען אַלע על פּי דין, ווייל זיי קענען זיך אויס אין די „דריבנע אותיות׳לעך״, און גיבען זיך די גרעסטע מיה קיינעם ניט מכשיל צו זיין. אַנדערש אָבער איז עס מיט אַט די „דייטשע ראַבינערלאַך״. און מהאי טעמא, טאַקע, האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער ז״ל אַמאָל זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַ פיינע שטעלע.

ווען מען האָט געעפענט אין ווילנע דעם „ראַבינער סעמינאַר״, האָט מען פאַרגעשלאָגען ר׳ ישראל׳ן ער זאָל ווערען „אינספּעקטאָר״. מען האָט, אָבער, ביי אים בשום אופן ניט געקאָנט פּועל׳ן, און אָט פאַרוואָס: „מיר זעהען״, האָט דער רב געזאָגט, „אַז ווען אַן אָרימאַן קומט צום רב מיט אַ שאלה, לייגט ער אַוועק דאָס עסען, און ענטפערט גלייך. אויב די שאלה איז אַ שווערע, קלערט ער, קוקט אין ספרים און מאַטערט זיך כשר צו מאַכען, כדי דער אָרימאַן זאָל ניט האָבען קיין היזק. ווען די שאלה קומט פון אַ גביר, איילט ער זיך ניט אַזוי, און שטעלט זיך ניט אַזוי איין זי כשר צו מאַכען. אַנדערש אָבער איז דער פאַל מיט אַ דאָקטאָר. רופט מען אים צו אַ גביר, לויפט ער תיכף ומיד, אַפילו אין מיטען דער נאַכט. רופט מען אים צו אַן אָרימאַן, געפינט ער אַלערליי תירוצים ניט צו געהן. און אַז ער געהט שוין יאָ, טהוט ער דאָס אָהן חשק, ממש ווי געצוואונגען. איז פון וואַנעט נעמט זיך עס וואָס רבנים האָבען ליב אָרימעלייט, און דאָקטורים האָבען ליב גבירים?

נאָר דער תירוץ איז גאָר פשוט: אַ רב לערענט ניט צו ווערען אַ רב. ער לערענט ווייל אַ איד דאַרף לערנען. זאָפּט ער איין אין זיך די טיפע מאַראַל פון אונזער תורה, וואָס איז געבויט אויף יושר און גערעכטיגקייט, וואָס געביט דעם אידען צו העלפען דעם אָרימאַן, דעם נויט־באַדערפטיגען. און אויב עס קומט אים אויס צו ווערען אַ רב, פיהרט ער זיך ווייטער לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה. דאַגעגען אַ דאָקטאָר, שטודירט לכתחילה צו זיין אַ דאָקטאָר. ער שטודירט ניט מעדיצין אויס רחמנות צו היילען קראַנקע,

נאָר צוליב פּראָפעסיע. ער לערענט דאָקטאָריע צוליעב געלט און כבוד. איז ווען ער ווערט אַ דאָקטאָר, האָט ער ליעבער גבירים, ווייל פון זיי באַקומט ער בעסער באַצאָלט. איז געקומען דער „ראַבינער סעמינאַר" און וויל מאַכען רבנות פאַר אַ פּראָפעסיע, וואו יונגעלייט זאָלען לכתחילה לערנען רבנות אַלס אַ פאַך. אַזעלכע רבנים וועלען דאָך זיכער זיין ווי דאָקטוירים. זיי וועלען חנף'ענען די גבירים און ווייכען פון אָרימעלייט. איז, פאַרשטעהט זיך, אַז אין דעם וויל איך ניט האָבען קיין חלק".

פאַרטראַכט זיך אַביסעל אין דעם, וועט איר זעהן וויפיל מאָראַלישקייט, וויפיעל עטישקייט, וויפיעל אידישע שעהנקייט עס שטעקט אין דעם דאָזיגען בליק... און, וויפיעל אמת! אך, וויפיעל אמת!

און אַלץ נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס מאַנכע פון אונז מאַכען דעם עיקר פאַר אַ טפל, און דעם טפל פאַר אַן עיקר. אָט הערט אַ מעשה:

ר' לייב אַמסטערדאַמער ז"ל איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט, אין וועלכער אידישקייט איז געוועזן אין אַ נידעריגען שטאַנד. גראָד איז דאַן גע־ווען ראש חודש אייר, און ער האָט געהאַט יאָהרצייט נאָך זיין פאָטער ז"ל, האָט ער אין שוהל געבעטען דעם גבאי צו דאַווענען פאַר דעם עמוד. אָבער דער פרנס האָט ניט געוואָלט. האָט ער אים דערצעהלט ווער ער איז, אָבער דער פרנס האָט גע'טענה'ט אַז עס איז אַ בפירוש'ע תקנה אין פנקס ניט צו לאָזען קיין אורח דאַווענען ראש חודש פאַר'ן עמוד, מעג ער זיין איך ווייס ווער. האָט ר' לייב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, און ער האָט געדאַווענט מיט דעם עולם. נאָך דעם דאַווענען איז ער צוגעגאַנגען צום גבאי, און ער האָט אים געזאָגט: „ווי איך זעה איז אַ תקנה פון פנקס ביי אייך זעהר הייליג, איז וואָלט איך אייך וועלען ראַטען נאָך עפּעס אַריינ־צושרייבען אין פנקס אַריין". „דהיינו וואָס?" פרעגט דער גבאי. „די עשרת הדברות", האָט ר' לייב געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

וואָלטען מיר אידען אָפּגעהיט דעם עיקר, וואָלט אידישקייט געוועזן אַ סך שטאַרקער, און אידענטום אַ סך שטאַנדהאַפטיקער. זיינען אָבער, לײדער, פאַראַן אידען, וואָס ביי זיי איז דער טפל גאָר דער עיקר. בפרט נאָך ווען עס קומט צו געלט, איז גאָר ניט פאַראַן קיין גרענעץ. געלט איז דאָך בלויז אַ מיטעל צום לעבען, זיינען אָבער פיעלע מענטשען נאַריש גענוג צו לעבען צוליעב געלט. און אַז איינער מאַכט שוין מיליאָנען, שלאָפט ער מעהר ווי אין איין בעט? טראָגט ער דען מעהר ווי איין אנצוג אויף איין מאָל? אָבער אַנשטאָט צו באַשטימען אַ געוויסע צייט צו לערנען עפּעס, אַריינצוקוקען אין אַ ספר און צו האָבען אַ גייסטיגען פאַרגעניגען, ווערט ער אַ שקלאַף צום געלט, און אַלע מאָל ווערט ער מעהר און מעהר פאַרשקלאַפט, און דאָס געלט, די קאַלטע מטבע, ווערט הערשער איבער אים. זיי פאַרגעסען, אַז דאָס אמת'ע גליק שטעקט אין דעם „השמח בחלקו". נאָר דער מענטש וואָס איז צופרידען מיט דעם וואָס ער פאַרדינט, איז גליקליך. און דאַגעגען, רייכטום פאַרשאַפט גאָר זעהר אָפט עגמת נפש. ווי זאָגען אונזערע חכמים ז"ל „מרבה נכסים מרבה דאגה". וואָס מעהר רייכטום, אַלץ מעהר זאָרגען.

עס זיינען, פאַרשטעהט זיך, אויך פאַראַן אידען, וואָס האַלטען דוקא יאָ פון דעם „השמח בחלקו". אָט האָט איר אַ ביישפּיעל: דער פראַנקפורטער

רב, ר׳ אברהם אביש ז״ל, האָט פאַר זיין פטירה אָנגעזאָגט אַז מען זאָל נעמען ר׳ עוזר קלעמענטאָווער ז״ל, דעם „אבן עוזר״, פאַר זיין ממלא מקום. ווען די גבאים זיינען נאָך דער שבעה געקומען קיין קלעמענטאָוו צו ר׳ עוזר מיט דעם כתב רבנות, און האָבען קיינעם ניט געטראָפען אין הויז, זיינען זיי אַרויס אויף דעם הויף. האָבען זיי דאָרט געזעהן ווי די רביצין מעלקט אַ ציג, און דער רב שטעהט דערנעבען. דערזעהענדיג די אורחים, האָט דער רב זיי אַריינ־געבעטען אין הויז אַריין. און ווען זיי האָבען אים דערלאַנגט דאָס כתב רבנות, האָט ער זיך אָנגערופען: „איך זאָל פאָהרען קיין פראַנקפורט? צי פעהלט מיר דען עפּעס חלילה אין קלעמענטאָוו? אָט, האָב איך ברוך השם אַ ציג, און פרנסה. ווען איך זאָל האָבען צוויי ציגען, וואָלט איך געהאַט פרנסה בריוח״...

אַדער נעמט דעם פאַל: ר׳ משה קרעמער ז״ל, רב אין ווילנע, האָט גע־האַט אַ קראָם אין מאַרק, דאָס ווייב איז געשטאַנען אין קלייט, און ער איז געזעסען טאָג און נאַכט און געלערענט. ווען ער איז געוואָרען רב אין ווילנע, האָט ער אויסגענומען אַ תנאי, אַז ער זאָל ניט באַקומען קיין שכירות, נאָר ער וועט זיך ווייטער ערנעהרען פון דער קראָם. אַ קורצע צייט נאָך זיין ווערען רב, האָט ער באַמערקט אַז דאָס ווייב פיהרט דאָס הויז אַ ביסעל ברייטער ווי פריהער. האָט ער זי געפרעגט פון וואַנען דאָס נעמט זיך, צי נעמט זי ניט אַמאָל שכירות אָהן זיין וויסען. האָט זי אים געענטפערט אַז ניין, נאָר אַז זינט ער איז געוואָרען רב, לייזט זי אין קראָם מעהר, ווייל מעהר מענטשען קומען קויפען. האָט דער רב אויסגערעכענט וויפיעל ער דאַרף האָבען אויף דער הוצאה. דאַן האָט ער אָנגעזאָגט דער רביצין אַז אַזוי שנעל ווי זי זעהט אַז זי האָט שוין פאַרדינט פרנסה אויף דער גאַנצער וואָך, זאָל זי צומאַכען די קראָם, אַפילו ווען עס איז זונטאָג בייטאָג, און האַלטען פאַרמאַכט אַ גאַנצע וואָך. אַנדערע אידישע קרעמער דאַרפען אויך פאַרדינען אויף חיונה!

אָט דאָס הייסט זיך געפיהרט אידיש. און נאָר אַזאַ מענטש קען פיהרען אַ גליקליך לעבען. ער איז צופרידען מיט דעם וואָס ער האָט, און האָט נאָך אַ באַזונדער פאַרגעניגען וואָס ער שטערט ניט דעם צווייטען צו פאַרדינען אויף זיינע באַדערפענישען. ווען יעדער איד זאָל זיך אַזוי פיהרען, וואָלט קיינעם גאָרניט געפעהלט, און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וואָלט געווען איין גליקליכע פאַמיליע.

איז פאַרוואָס זשע מיינט איר איז עס ניט אַזוי? פשוט דערפאַר, ווייל מיר אידען זיינען פון נאַטור אויס עקסטרעמיסטען. מיר זיינען אַ פאָלק פון „ענטוועדער — אָדער״. איינער וויל אַריינכאַפּען די גאַנצע זון אין אַ רעשעטע. וויפיעל ער זאָל ניט פאַרדינען איז אים אַלץ ניט גענוג. אָן אַנ־דערער ווידער איז שוין צו גוט, ער איז שטענדיג גרייט אָוועקצוגעבען דעם לעצטען ביסען. אָבער זאָרגט ניט, עס זיינען פאַראַן אויך חכמים. אַז מען שמועסט אַז מיר זיינען אַן „עם נבון וחכם״ איז דאָך ניט שייך.

אָט הערט עפּעס: ר׳ חיים צאַנזער ז״ל איז אַמאָל געשטאַנען ביי דעם פענסטער און אַרויסגעקוקט. איז פאַרבייגעגאַנגען זיינער אַ חסיד, האָט ער אים אַריינגערופען און געפרעגט: „וואָס וואָלסטו געטהון, ווען דו געפינסט אַ טייסטער מיט רענדלאַך?״ „וואָס הייסט וואָס? איך וואָלט עס באַלד צוריק־

געגעבען", ענטפערט דער חסיד. „ביזט אַ שוטה", האָט דער רבי באַמערקט. האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, אַריינגערופען אַ צווייטען און אים געשטעלט די זעלבע פראַגע, און יענער האָט געענטפערט: „איך וואָלט עס געוויס צוגענומען". „ביזט אַ רשע", האָט דער רבי אים געזאָגט. האָט ער אַריינגערופען אַ דריטען און אים געפרעגט דאָס זעלבע, און יענער האָט געענטפערט: „לאָם איך נאָר קודם כל געפינען". „דו ביזט אַ חכם", האָט דער רבי אַ שמייכעל געטהון.

קריאה ליום ח׳ של פסח

אין דעם פיוט פון די צווייטע טעג פסח זאָגען מיר צווישען אַנדערעס: „אז יהפוך אל עמים שפה ברורה יחד...״ נעמליך אַז ווען משיח וועט קומען, וועלען אַלע פעלקער פון דער וועלט רופען דעם אויבערשטענס נאָמען. זיי וועלען אַוועקוואַרפען די עבודה זרה, זייערע זילבערנע און גאָלדענע געטש־קעס. זיי וועלען אַלע ווערען איין פאָלק, און די אידען וועלען זיין איין פאָלק. איז הערט זשע אַ משל פון „משלי יעקב״ ז״ל:

דאָס קען מען פאַרגלייכען צו אַ גרויסען גביר און צו אַ גרויסען רב. אין אַ שטאָדט האָט געוואוינט אַ גרויסער גביר וואָס האָט זיך ניט געפיהרט ווי אַ פיינער, עהרליכער, אַנשטענדיגער איד דאַרף זיך פיהרען. וואָרום אַזוי איז שוין דער שטייגער פון געוויסע גבירים. אַז מען האָט די „קלינגערס״, ערלויבט מען זיך שוין צו טהון זאַכען וואָס מען דאַרף ניט טהון. מען פאָלגט דעם יצר הרע, און מען לאַכט פון דער וועלט.

האָט דער דאָזיגער גביר געהאַט אַ בן יחיד. אין שטאָדט איז, פאַרשטעהט זיך, געוועזען אַ רב, אַ איד אַ גרויסער למדן, אַ ירא שמים, און געשטאַמט האָט ער פון אַ יחוס׳דיגער פאַמיליע.

האָט דער דאָזיגער רב געהאַט אַ טאָכטער, אַ שעהנע, אַ פיינע, עהרליכע, גוטע אידישע טאָכטער ווי עס פּאַסט פאַר אַ רב׳ס אַ קינד. אין שטאָדט איז געוועזען אַ שדכן, אַ איד מיט אַ גלייכען קאָפּ. האָט זיך אים געלעגט אויף דעם שכל, אַז דאָס וואָלט געוועזען אַ זעהר פּאַסיגער שידוך. עס וואָלט געקאָנט זיין תורה וגדולה במקום אחד. אַ גביר׳ס אַ זוהן און אַ רב׳ס אַ טאָכטער, וואָס קען נאָך זיין בעסער!

האָט דער שדכן זיך געטראַכט צו וועלכען צד געהט מען פריהער? און ער האָט באַשלאָסען צו געהן פריהער צום גביר. וואָרום דער רב וועט דאָך זיכער וועלען דעם שידוך. אַ איד אַן אָרימאַן, וועט ער זיכער וועלען אויסגעבען זיין טאָכטער פאַר אַ רייכען איידעם. געטראַכט און געטהון, איז ער אַוועק צו דעם גביר און האָט אים פאַרגעשלאָגען דעם רב׳ס מיידעל. האָט אָבער דער גביר אים אָפּגעזאָגט. צו וואָס טויג אים אַן אָרים מיידעל, אַז ער קען אַ שידוך טהון מיט אַ גביר׳יש קינד. דער שדכן האָט זיך „געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט״. ער האָט געהאַלטען אין איין באַווייזען וואָס פאַר אַ יחוס דאָס איז פאַר אים. אַ גאון׳ס אַ טאָכטער, אַ טייער קינד, אַ פרומע, עהרליכע אידישע טאָכטער, ממש די צדקות אַליין, אַ טייערע נשמה. אָבער דער גביר האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע. ער וויל אַ רייכען שידוך, געלט, און רק געלט.

איז דער שדכן אַוועקגעגאַנגען צום רב, זיך אָפּרעדען אַ ביסעל פון האַרצען. ער האָט אים דערצעהלט, אַז ער האָט פאַרגעשלאָגען דעם גביר

דעם שידוך, אָבער ער וויל בשום אופן ניט. האָט דער רב זיך אָנגערופען: „געלויבט השם יתברך וואָס דער גביר וויל ניט דעם שידוך. ווארום געלט איז אַ געוואַלדיגער יצר הרע. וואָלט דער גביר געוואָלט דעם שידוך, וואָלט איך דאָך מסתמא מסכים געווען. רייכטום איז אַ יצר הרע. וועלכער פאָטער וואָלט עס ניט וועלען חתונה מאַכען זיין טאָכטער פאַר אַ רייכען אידעם, בפרט אַזאַ אָרימאַן ווי איך! אָבער ווי מיר וויסען, איז דאָך דער גביר, ממש אַ „הולטאַי", איז דאָך מסתמא דער זוהן אויך ניט בעסער. ווארום דאָס עפּעלע פאַלט דאָך, געוויינליך, ניט ווייט פון דעם בוימעלע. און וואָלט ער מסכים געווען צום שידוך, וואָלט דאָך דער בליאַסק פון זיינע מטבעות מיר פאַרבלענדעט די אויגען. איז געלויבט השם יתברך וואָס ער וויל ניט. און דאָס איז זיכער אַ הימעל זאַך. ווייל דער אויבערשטער וויל ניט אַז צדיקים זאָלען זיך באַהעפטען מיט רשעים".

און אָט דאָס מיינט דער פּייטן מיט די ווערטער „אז יהפוך אל עמים שפה ברורה"... אַפילו דאַן ווען משיח וועט קומען, און אַלע פעלקער פון דער וועלט זועלען ווערען איין פאָלק, וועלען נאָך אַלץ די אידען בלייבען אַ פאָלק פאַר זיך.

יאָ, מיר אידען מוזען בלייבען אַ פאָלק פאַר זיך. ווען מיר זעהען ווי אַזוי די אַנדערע פעלקער מערדערען איינער דעם אַנדערען. ווען מיר זעהען ווי די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי ניט גענוג. ווען מיר זעהען אַז זינט זיי זיינען געוואָרען פעלקער, פיהרען זיי כסדר מלחמה איינער מיט דעם אַנדערען. ווען מיר זעהען אַז יעדער איינער פון זיי וויל באַהערשען די גאַנצע וועלט. ווען מיר זעהען אַז צוליב נאָך עטליכע מייל ערד, צוליב אויל פעלדער און עהנליכע זאַכען, זיינען זיי באַרייט צו שיקען זייערע בעסטע, אינגסטע קינדער אויף די שלאַכט-פעלדער, און שפּייזען מיט זיי די מערדערליכע קאַנאָנען, האַרמאָטען. ווען מיר זעהען אָט דאָס אַלץ, דאַרפען מיר דאַנקען השם יתברך. דאַרפען מיר זיין גליקליך וואָס מיר זיינען אַן „אתה בחרתנו" פאָלק. אַ פאָלק, וואָס וויל שלום אויף דער וועלט. אַ פאָלק וואָס פאַרשטעהט אַז דער באַשעפער האָט באַשאַפען אַ וועלט וואָס פאַרמאָגט פון אַלץ גענוג פאַר יעדער פאָלק. דאַרפען מיר זיך פיהלען גליקליך וואָס מיר זיינען אַן „עם הספר", אַ פאָלק וואָס האָט געגעבען דער וועלט אַ תורה, אַ ליטעראַריש פאָלק, און ניט אַן „עם הסייפא", און ניט אַ שווערד-פאָלק. און ניט אַ פאָלק וואָס פאַר אַ שפּאַן ערד, איז עס באַרייט צו שיקען אירע בעסטע, אינגע קינדער אויף דעם שלאַכט-פעלד, אַלס שפּייז פאַר די טויטענדיגע מלחמה-וואפען.

און אין דעם זעלבען פּיוט זאָגען מיר „ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד". דערקלעהרט עס דער „משלי יעקב" ז"ל מיט אַ משל: אין יענעם טאָג וועט דער באַשעפער זיין איין, און זיין נאָמען וועט זיין איינציג. אָבער ווען וועט זיין אָט דער טאָג? קען מען דאָס פערגלייכען צו אַ פאָטער וועלכער האָט געהאָט אַ קינד, וואָס ער האָט זעהר ליב געהאָט. מאַכט זיך אַמאָל, און דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרען אין אַ ווייטער מדינה. קומענדיג אַ היים, האָט ער מיטגעבראַכט זיין קינד אַ מתנה, אַ זייגערעל. דער פאָטער האָט דעם קינד געוויזען דאָס טייערע זייגערעל, אָבער ער האָט אים עס ניט געוואָלט

געבען. פרעגט דאָס קינד: „טאַטע, ווען וועסטו מיר געבען דאָס זייגערעל?״ האָט דער פאָטער געענטפערט: „איך וועל עס דיר געבען ווען איך וועל וועלען״. די צייט שטעהט ניט, און דאָס קינד האָט, פאַרשטעהט זיך, געוואָלט דאָס זייגערעל, האָט דאָס אינגעלע אַלע טאָג געפרעגט: טאַטע ווען וועסטו שוין מיר געבען דאָס זייגערעל?״, און דער פאָטער האָט געגעבען דעם זעלבען ענטפער: „ווען איך וועל וועלען״. האָט דאָס קינד זיך אָנגערופען: „דו זאָגסט דאָך אַז דו האָסט מיך ליב, אָבער איך זעה אַז דו האָסט מיך גאָר פיינט. וואָרום ווען דו זאָלסט מיך ליב האָבען, וואָלסטו מיר, לכל הפחות, געזאָגט ווען דו וועסט עס מיר געבען״. האָט דער פאָטער געזאָגט דעם אינגעלע: „איך וועל דיר זאָגען: אַ זייגערעל איז אַ זעהר דעליקאַטע זאַך. אויף אַ זייגערעל דאַרף מען זעהר גוט אַכטונג געבען. עס האָט אַ זעהר דעליקאַטע מאַשינעריע: שפּראַנדזשינעס, רעדעלאַך, און אַז מען גיט ניט גוט אַכטונג אויף דעם, קען מען עס צעברעכען, און אויס זייגערעל. וועל איך עס דיר געבען דאַן, ווען איך וועל זיין זיכער אַז דו ביזט גענוג פעהיג און פאַר־אַנטוואָרטליך דאַרויף אַכטונג צו געבען״.

דער נמשל איז: השם יתברך זאָגט צו די אידען: משיח וועט קומען, און ער וועט אייך אויסלייזען פון דעם ביטערען גלות. פרעגען די אידען: ווען וועט שוין משיח קומען און אונז אויסלייזען? אָבער דער רבונו של עולם זאָגט זיי ניט קיין באַשטימטע צייט. איז אַז עס קומט יום טוב, און די אידען טענה׳ן צו אים: „סטייטש, דו האָסט דאָך אונז אַמאָל געזאָגט אַז דו האָסט אונז ליב. איז אויב דו האָסט אונז טאַקע באמת ליב, פאַר וואָס זשע זאָגסטו אונז ניט ווען משיח וועט קומען און אונז אויסלייזען פון דעם ביטערען גלות? ענטפערט זיי דער באַשעפער פון דער וועלט: „פון מיינעט וועגען — ביום ההוא... פון מיינעט וועגען קען ער קומען אַפילו היינט. עס ווענדט זיך בלויז אין אייך. אין דעם טאָג ווען איר וועט איינזעהן אַז... ה׳ אחד ושמו אחד״, אין דעם טאָג וועט ער קומען.

און אין דער היינטיגער קריאה זאָגען מיר שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך... כברכת ה׳ אלוקיך... דריי מאָל אַ יאָהר, נעמליך, פסח, שבועות, סוכות, דאַרפען אַלע מאַנסביל געזעהן ווערען פאַר דעם אויבערשטען. פאַר די מענטשען וואָס האָבען ניט געוואוינט אין ירושלים, איז דאָס ניט געווען אַזוי לייכט. באַהנען, עראָפּלאַנען, אויטאָמאָבילען זיינען דאַן ניט געווען. קיין שאָסייען אויך ניט. די רייזע קיין ירושלים איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. אָבער וויינִיגסטענס דריי מאָל אין יאָהר זיינען אידען עולה רגל געווען קיין ירושלים. (אגב, אַלס הלצה קען מען אפשר זאָגען אַז אונזערע „יום טוב אידען״, נעמליך די אידען וואָס געהען אין שוהל אַריין בלויז יום טוב, באַזירען זייער „מנהג״ אויף דעם דאָזיגען פסוק).

איז הערט זשע וואָס דער „משלי יעקב״ ז״ל האָט צו זאָגען וועגען דעם: כביכול האָט געזאָגט צו די אידען דריי מאָל אין יאָהר זאָלען אַלע מענער געזעהען ווערען פאַר דעם אַלמעכטיגען. „כברכת ה׳ אלוקיך״, דערפאַר וועט דער אויבערשטער דיך בענטשען.

קען מען דאָס פאַרגלייכען צו איינעם וואָס האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ גענעראַל, מיט וועלכען ער איז געווען גוט באַקאַנט, אַז ער וואָלט זעהר גע־

וואָלט זעהן דעם קעניג. ער וואָלט געווען דער גליקליכסטער מענטש אין דער וועלט, ווען ער האָט די זכיה צו זעהן דעם הערשער פּנים צו פּנים. איז געגאַנגען דער גענעראַל און האָט עס איבערגעגעבען דעם קעניג, און ער האָט אים געבעטען, ער זאָל ערפילען דעם יעניגענס פאַרלאַנג. האָט דער מלך איינגעשטימט, און ער האָט געהייסען יענעם קומען אין פּאַלאַץ אַריין.

ווען יענער איז געקומען, האָט דער קעניג אים אַריינגערופען אין אַ באַזונדער צימער. נאָכדעם ווי דער באַזוכער האָט געקוקט אויף אים אַ פּאָר מינוט, האָט דער קעניג זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון דעם צימער. האָט דער באַזוכער געבעטען דעם קעניג צו בלייבען נאָך אַ פּאָר מינוט, ווייל ער וויל אים דאַנקען פאַר דעם גליק וואָס ער האָט אים פערשאַפען. איז דער קעניג געבליבען נאָך אַ פּאָר מינוט. און דער באַזוכער האָט אים געדאַנקט.

ווען דער קעניג האָט געוואָלט אַוועקגעהן, האָט דער באַזוכער אים ווידער געבעטען צו בלייבען נאָך אַ פּאָר מינוט, ווייל ער וויל אים נאָך אַמאָל באַדאַנקען פאַר דעם גרויסען פאַרגעניגען וואָס ער האָט אים צוגעטיילט. האָט דער קעניג זיך אָנגערופען: „דו האָסט דאָך מיר שוין געדאַנקט איינמאָל". האָט דער באַזוכער געענטפערט: „אדוני קעניג, ווען איך האָב דיר אויס־געדריקט מיין דאַנק, האָב איך דאָך דיך נאָכאַמאָל געזעהן, דאַרף איך דאָך דיר דאַנקען פאַר האָבען געזעהן דיין פּנים נאָכאַמאָל". זאָגט צו אים דער קעניג: „אַז דו וועסט מיר איצט דאַנקען, וועסטו דאָך אויך זעהן מיין פּנים נאָכאַמאָל. וועסטו דאָך אויך פאַר דעם מאָל וועלען דאַנקען, וועט עס דאָך זיין אָהן אַ סוף". האָט דער באַזוכער זיך אָנגערופען: „געוויס וועט דערצו קיין סוף ניט זיין. דערפאַר בעט איך דיך, אדוני מלך, נעם מיך אַריין אין פּאַלאַץ אַריין, מאַך מיך פאַר אַ דינער, וועל איך קענען שטענדיג זעהן דיין פּנים, און איך וועל דיך אייביג לויבען און דאַנקען.

דער נמשל דערפון איז: השם יתברך האָט געהייסען די אידען קומען און געזעהן ווערען פאַר אים דריי מאָל אין יאָהר. פאַר דעם וועלען זיי גע־בענטשט ווערען. און אַז זיי וועלען געבענטשט ווערען, דאַרפען זיי דאָך דאַנקען און לויבען דעם אויבערשטען פאַר די ברכות מיט וועלכע ער האָט זיי באַשאָנקען. און ווען אידען לויבען דעם אויבערשטען ווערען זיי געבענטשט. און ווען זיי ווערען געבענטשט, לויבען זיי דעם אַלמעכטיגען. אַזוי וועט קיינ־מאָל ניט אויפהערען די ברכה פון דעם אַלמעכטיגען, און דאָס לויב געזאַנג פון די אידען, ביז די שכינה וועט אייביג רוהען אויף דעם פאָלק ישראל.

עס זיינען, אָבער, פאַראַן לײדער אידען וואָס האַלטען אַפילו ניט פון געהן דריי מאָל אַ יאָהר אין שוהל אַריין. זיי איז ליבער צו שטעהן שבת און יום טוב אין קראָם. זיי טראַכטען זיך מסתמא: זיי אַרבייטען זעקס טעג אַ וואָך, איז פאַר וואָס זשע עפּיס פאַרשעהמען שבת, צי יום טוב!...

איז אַ איד פון אַ קליין רוסיש שטעדטעל געקומען קיין ניו יאָרק. שוין אין דער אַלטער היים האָט ער געהערט אַז אין אַמעריקע איז „הפקר אַ וועלט". אידען האַלטען אָפּען די געשעפטען שבת און יום טוב. זייענדיג אַ זעהר פרומער איד, האָט ער ניט געוואָלט גלויבען, סאידען ער וועט עס זעהן מיט די אייגענע אויגען. דעם ערשטען שבת, באַלד נאָך דעם עסען האָט ער זיך געלאָזט אין גאַס אַריין, זעהן צי עס איז אמת. דערווייל האָט ער דערזעהן

אַ שעהן „אויפגעפּוצט” פּענצטער פון אַ גרויס געשעפט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטען די שעהנע שפּילצייג. קומט אַרויס פון קראָם אַ מאַן, גלאַט ראַזירט, אָהן דעם היטעל, מיט אַ שרייבהעגטעל אונטער דעם אויער. דער איד האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ קריסט.

באַלד, אָבער, רופט זיך אָן דער קרעמער צום אידען אויף פּראָסט מאַמע לשון: „פּעטער, מיר האָבען היינט אַ ספּעציעלען אויספאַרקויף, איר קענט היינט קריגען ביי אונז ׳ווילדע מציאות׳”. דער איד האָט קוים געגלויבט זיינע אייגענע אויערען. ער האָט זיך אַ טראַכט געטהון, וועה צו אים וואָס ער האָט דערלעבט צו זעהן אַזאַ זאַך. קומענדיג צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופען צום קרעמער: „שעהמט איר זיך ניט צו פאַרשוועכען דעם הייליגען שבת בפרהסיא, עפענטליך! שעהמט איר זיך ניט צו פיהרען מסחר אום שבת!” האָט דער קרעמער אים געענטפערט: „ר׳ איד, אָט דאָס רופט איר אָן מסחר (ביזנעס)? גלויבט מיר אַז איך פאַרקויף אַלץ מיט היזק, און דאָס רופט איר אָן מסחר, ביזנעס!”

און איצט הערט אַ פּאָר גוטע ווערטלאך: אידען וואָס עסען שמורה־מצה, עסען ניט קיין „געבראָקטס”. איז פאַרשטעהט זיך אַז זיי עסען ניט קיין קניידלאך. אחרון של פּסח ערלויבען זיי זיך יאָ צו עסען קניידלאך. דערצעהלט מען אַז אהרון של פּסח, האָט דער „איד הקדוש” געהייסען דערלאַנגען צום טיש קניידלאך, און ער האָט געזאָגט: קריעת ים סוף איז דאָך געווען דעם זיבעטען טאָג פּסח. איז אחרון של פּסח ביינאַכט, דאָס הייסט נאָך קריעת ים סוף, אַ מצוה צו עסען קניידלאך. עס שטעהט דאָך בפירוש אין פּסוק (תהלים לג, ז) „כונס כנד (קנייד) מי הים”...

אַלע מנהגים און צערעמאָניעס וואָס מיר היטען אָפּ, זיינען אַלס זכר פון עפּיס. די פּסח׳דיגע מנהגים זיינען, פאַרשטעהט זיך, ניט קיין אויסנאַם. אָט, למשל, די „זרוע” איז אַלס אָנדענק, אַלס זכר פון דעם קרבן פּסח. אַזוי ווי מיר זיינען דאָך היינט ניט מקריב קיין קרבן פּסח, סימבאָליזירט עס דער „זרוע”. מיר עסען מצה אַלס זכר „שלא הספיק בצקם להחמיץ”, אַלס אָנדענק וואָס דאָס טייג וואָס די אידען האָבען מיטגענומען מיט זיך ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט ניט באַוויזען זויער צו ווערען. מיר עסען „מרור” אַלס זכר פון „וימררו את חייהם”, וואָס די מצריים האָבען פאַרביטערט דאָס לעבען פון די אידען. פרעגט די וועלט אַ קשיא: פאַרוואָס טהוען מיר ניט עפּיס וואָס זאָל זיין אַלס זכר פון דעם „רכוש גדול”, פון דעם גרויסען פאַרמעגען וואָס די אידען האָבען מיטגענומען פון מצרים? ענטפערט דאַרויף אַ פאָלקס ווערטעל: ווייל פון דעם „רכוש גדול” איז שוין לאַנג ניט געבליבען קיין זכר...

קריאה ליום ב׳ של שבועות

דיינטיגער שבת איז דער צווייטער טאָג שבועות. שבועות האָט דער אויבערשטער געגעבען די תורה צו די אידען. איז דער יום־טוב באַקאַנט אַלס „זמן מתן תורותינו״. האָט ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו ז״ל אַמאָל געזאָגט אַז: „זמן מתן תורותנו״ איז געווען די צייט, ווען דער אַלמעכטיגער האָט געגעבען די אידען די תורה אויף דעם באַרג סיני. אָבער קבלת התורה איז אַלע מאָל, אומעטום, צו יעדער צייט, נעמליך לערנען די תורה דאַרף מען שטענדיג.

דערפאַר טאַקע האָט דער דובנער מגיד ז״ל אַפילו שבועות אַריינגע־קוקט אין אַ ספר. אַט הערט. דער מגיד איז אַמאָל געווען ביים רבי׳ן אין לובלין אויף שבועות. האָט דער רבי, ווי דער מנהג איז, געזאָגט די ערשטע נאַכט תיקון, אָבער דער מגיד איז געזעסען און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. האָט דער רבי געפרעגט דעם מגיד: סטייטש? האָט דער מגיד אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט: איך וועל אייך ענטפערען, ווי מיין שטייגער איז, מיט אַ משל:

„אַ שווער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין איידעם, אַז אַזוי ווי ער האָט שוין אָפּגעגעסען קעסט, זאָל ער זוכען אַ מסחר. ניט וויסענדיג זיך צו וואָס צו נעמען, האָט דער שווער צו אים געזאָגט: „געה אַרויס אין מאַרק אַריין, זעה וואָס אַלע טהוען, און טהו אויך דאָס זעלבע״. האָט דער איידים גע־פאָלגט. זעהענדיג ווי די קראָמען האָבען שילדען וואָס רעקלאַמירען די סחורה, האָט דער איידעם געדונגען אַ קראָם, אַרויסגעהאָנגען אַ שילד, אָבער קיין סחורה האָט ער ניט אַריינגעלייגט אין קראָם אַריין. קונים זיינען דוקא גע־קומען, אָבער קויפען איז ניט געווען וואָס. קומט דער איידעם אַהיים און באַקלאָגט זיך פאַר זיין שווער, אַז ער האָט געטהון וואָס אַלע טהוען, אָבער אַלע לייזען געלט, און ער לייזט ניט קיין פּרוטה. האָט דער שווער אים געענטפערט: „נאַריש קינד, די אַנדערע קרעמער הענגען אַרויס אַ שילד צו לאָזען וויסען וואָס פאַר אַ סחורות זיי האָבען אינעווייניג אין דער קראָם. אָבער דו האָסט אַרויסגעהאָנגען אַ שילד, בעת אין קראָם האָסטו ניט קיין ברעקעל סחורה!״

„דאָס נעמליכע״, האָט דער מגיד ווייטער געזאָגט, „איז מיט זאָגען תיקון. תיקון באַשטעהט דאָך פון אויסצוגען פון תנ״ך. דאָס איז דאָך בלויז די שילד וואָס זאָגט אָן וואָס פאַר אַ סחורה מיר האָבען איינגעהאַנדעלט אויף דעם באַרג סיני. איז מילא איר לובלינער רבי, פאַרמאָגט אין זיך די גאַנצע תורה, קענט איר זיך פאַרגינען אַרויסצושטעלען אַ שילד. אָבער איך האָב דאָך אַ ליידיגע קראָם, פאַרמאָג ניט קיין תורה, קען איך ניט יוצא זיין מיט בלויז אויפהענגען אַ שילד. און אַזוי ווי קבלת התורה איז דאָך שטענדיג און אומעטום, קוק איך אַריין אין אַ ספר״.

און איידער דער באַשעפער פון דער וועלט האָט געגעבן די אידען די תורה, האָט ער זי אָנגעבאָטען צו די קינדער פון עשו. האָבן זיי אַ פרעג געטהון: „וואָס שטעהט אין איר געשריבען?״ האָט כביכול געענטפערט: „לא תרצח״, דו זאָלסט ניט הרג׳ענען קיין מענטשן. האָבען זיי געזאָגט: „ביין, אונזער פאָטער עשו איז געבענטשט געוואָרען מיט דער ברכה „ועל חרבך תחיה״, אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבען, איז ווי זשע קענען מיר מקבל זיין די תורה?״ איז כביכול געגאַנגען צו די קינדער פון עמון און מואב, צו די קינדער פון ישמעאל, און ווי נאָר זיי האָבען דערהערט, אַז די תורה זאָגט „לא תגנוב״, „לא תנאף״, האָבען זיי זיך אָפּגעזאָגט און ניט געוואָלט מקבל זיין די תורה. ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעבאָטען די אידען די תורה און האָט אָנגעהויבען מיט „אנכי...״, האָבען די אידען באַלד איינגע־וויליגט אָנצונעמען די תורה.

האָט אַמאָל אַ משכיל געפרעגט דעם ראַדזינער רבי׳ן ר׳ גרשון העניך ז״ל: „פאַרוואָס רבי, האָט דער אויבערשטער געענטפערט די אומות העולם, אַז אין דער תורה שטעהט געשריבען „לא תרצח״, „לא תגנוב״, און צו די אידען האָט ער אָנגעהויבען מיט „אנכי״? ווען דער אַלמעכטיגער וואָלט געווען צו די אומות העולם געענטפערט מיט „אנכי״, קען דאָך גאַנץ מעגליך זיין, אַז זיי וואָלטען געווען מקבל געווען די תורה?״

האָט דער רבי אים געענטפערט: „דער שטייגער פון דער וועלט איז, אַז ווען אַן אָנגעזעהענער מענטש גיט אויס זיין טאָכטער צו איינעם, וואָס שטאַמט פון גנבים, גזלנים, וואָרענט ער דעם חתן, אַז ער גיט אים זיין טאָכטער מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל ניט געהן אין זיינע עלטערענס וועגען. אָבער ווען מען טהוט אַ שידוך מיט איינעם, וואָס שטאַמט פון אַ פיינער פאַמיליע, איז אַזאַ וואָרנונג איבעריג. איז די פעלקער פון דער וועלט האָט דער אויבערשטער געדאַרפט וואָרענען מיט „לא תגנוב״... אָבער פאַר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב וואָלט אַזאַ וואָרנונג ניט געהאַט קיין שום זין. און צווייטענס: די פעלקער פון דער וועלט שרייבען און לייענען פון לינקס צו רעכטס, האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט, לייענענדיג פון לינקס צו רעכטס, זיינען די ערשטע געבאָטען געווען „לא תרצח״... דאַגעגען די אידען שרייבען און לייענען פון רעכטס צו לינקס, האָט כביכול זיי פאַרגע־לייענט פון רעכטס צו לינקס, איז דאָס ערשטע געבאָט אויסגעקומען „אנכי״.

און כאָטש די אידען האָבען טאַקע מקבל געווען די תורה, האָט משה רבינו דאָך בעדאַרפט זיי אויפוועקען פון שלאָף צו געהן צום באַרג סיני. אויף דעם פסוק „ויוצא משה את העם לקראת האלקים״, זאָגט דער מדרש, אַז משה רבינו איז אַרומגעגאַנגען און האָט געוועקט די אידען פון שלאָף, זיי זאָלען געהן מקבל זיין די תורה. איז דאָך די פראַגע, וואו קומט עס, אַז אין אַזאַ מאָמענט, פאַר קבלת התורה, זאָלען די אידען זיך גאַר לייגען שלאָפען? נאָר אַזוי ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז כביכול איז אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה צו אַלע פעלקער פון דער וועלט, זיינען זיי געווען זיכער, אַז די גוים וועלען זי מקבל זיין. האָבען זיי זיך מייאש געווען און זיך געלייגט שלאָפען. און דערפאַר טאַקע איז מען זיך נוהג ניט צו שלאָפען די ערשטע נאַכט שבועות.

זיינען מיר זיכער שטאַרק, וואָס מיר אידען האָבען מקבל געווען די תורה. און אַפילו משכילים זיינען אויך צופרידען דערמיט. דער מלבי"ם ז"ל האָט אַמאָל באַמערקט אין שוהל, ווי איינער אַ משכיל, וואָס איז ניט געווען „איבער־ריג פרום", האָט ביי דער עליה געמאַכט די ברכה „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו" מיט זעהר אַ מתיקות'דיגען ניגון, און ער האָט זיך ממש געקוויקט מיט יעדען וואָרט. האָט דער מלבי"ם זיך אָנגערופען: ניט אומזיסט פרעהט ער זיך. עס איז באמת אַ גליק וואָס די תורה איז געגעבען געוואָרען בלויז אונז, קענען מיר טהון מיט איר וואָס מיר ווילען, יאָ אָפּהיטען, ניט אָפּהיטען. אָבער ווען די תורה וואָלט געווען געגעבען געוואָרען אויך די גוים, דאַן וואָלטען דאָך אַפילו די אַפּיקורסים געמוזט אָפּהיטען אַלץ וואָס שטעהט אין איר געשריבען, וואָרום אידען האָבען, ליידער, אַ טבע נאָכצוטהון די גוים. (ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך).

און אַזוי ווי שבועות איז דער תורה סעזאָן, די צייט, ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען די אידען, פלעגט דער ריזשינער רבי ז"ל ניט זאָגען קיין תורה אַ שבת פאַר שבועות. ער פלעגט זאָגען: „איך פיהל זיך ווי אַ פויער פאַר שניט; די אַלטע תבואה איז שוין אויסגעגאַנגען, און קיין נייע איז נאָך ניטאָ". אַ טייער וואָרט.

און אַזוי ווי שבועות איז אויך די צייט פון פעלד־אַרבייט, לערענט אונז די היינטיגע קריאה ווי אַזוי מען דאַרף געבען מעשר (אַ צעהנטעל) פון דער תבואה; ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין מיט דעם שמיטה יאָהר; ווי אַזוי מען זאָל זיך באַציהען צו אַן אָרימאַן. „כי פתוח תפתח את ידך לו... נתן תתן לו ולא ירע לבבך". און אויף דעם „נתן תתן לו" זאָגט רש"י ז"ל: „אַפילו מאה פעמים", אפילו הונדערט מאָהל. באַמערקט דאַרויף דער „לוח ארז" ז"ל: אויב דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו געבען פיעל, וועט שוין במילא זיין „ולא ירע לבבך בתתך לו", וועט דיר שוין במילא ניט וועה טהון דאָס האַרץ ווען דו גיסט אים, ווייל „געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור" — הרגל נעשה טבע.

און נאָך די אַלע רעגולאַציעס וואָס די היינטיגע קריאה לערענט אונז, גיט זי אונז אַ זעהר טייערע עצה, נעמליך „והיית אך שמח", און דו זאָלסט נאָר זיין פרעהליך. ווען די תורה זאָל אַנטהאַלטען ניט מעהר ווי בלויז די דאָזיגע דריי ווערטער, וואָלט דערפאַר אַליין זיך שוין געלוינט זי מקבל צו זיין. גאָר פשוט, אַז מען איז פרעהליך, זאָרגט מען ניט. און טאַקע, צו וואָס זיך זאָרגען?

אַ איד וואָס האָט געהאַנדעלט מיט פעל איז אַמאָל געקומען צו ר' מאיר'ל פרימישליאַנער ז"ל און האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז ער האָט איינגעהאַנדעלט פאַר עטליכע טויזענט רובעל פעלען, און די פרייזען האָבען פלוצים אָנגעהויבען פאַלען. עס שטעהט אים אַלזאָ צו פאַרלירען זיין גאַנץ פאַרמעגען. האָט דער רבי אים געטרייסט און געזאָגט, אַז ער זאָל ניט זאָרגען, אַז ניט נאָר וועט ער ניט פאַרלירען, נאָר אדרבה, ער וועט נאָך גאָר פיל פאַרדינען. וואָרום אַזוי שטעהט בפירוש אין מגלת אסתר, נעמליך: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון", אַז אידען האָבען אורה (פעל), איז ששון ושמחה, דאַרפען זיי זיין פרעהליך, לעבעדיג און לוסטיג. וואָרום „ויקר", עס וועט

טייערער ווערען. די פרייזען וועלען שטייגען. אַלזאָ, רבותי, „והיית אך שמח״ — נאָר ניט געזאָרגט. ווי געהט דאָס לידעל:

שוין אַוועק דער נעכטען,
נאָך ניטאָ דער מאָרגען,
בלייבט דאָך בלויז דאָס פּיצעלע היינט,
איז צו וואָס זשע זאָרגען?

אויסער דער קריאה „עשר תעשר״ און אקדמות לייענט מען ימים טובים אין די בתי מדרשים געוויסע טיילען פון תנ״ך, וואָס זיינען מיט טיפען געשמאַק צוגעפּאַסט צו יעדען באַטרעפענדען יום טוב.

אַזוי, למשל, סוכות, דער יום טוב וואָס זאָגט אָן דעם סוף פון די ליכטיגע, וואַרימע זומער טעג און די ליבע, ראָמאַנטישע נעכט, און איז גלייכצייטיג מודיע דאָס אָנקומען פון דעם כמורנעם, קאַלטען, פּראָסטיגען ווינטער מיט זיינע לאַנגע פינצטערע נעכט, לייענט מען דאָס פּעסימיסטיש־פילאָזאָפישע בוך קהלת. פּורים פייערט מען מיט לייענען די געשיכטע פון דעם יום טוב. פּסח, דער יום טוב וואָס פאַלט אויס אין פריהלינג, אַ צייט ווען די לופט אַפילו איז פול מיט ליבע, ווען די פויגעל אין די וועלדער זינגען שירה, ווען אַפילו די פרישע, גרינענקע גראָזעלאַך שמייכלען אַזוי ליבליך איינס צום אַנדערען, לייענט מען „שיר השירים״, דאָס בעסטע ליבעס־געדיכט וואָס די וועלט פאַרמאָגט, און וועגען וועלכען דער תנא רבי עקיבא האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז ניט ווערט ווי דער טאָג אין וועלכען „שיר השירים״ איז געגעבען געוואָרען די אידען.

און אַז מער „פאַרליעבט״ זיך פּסח, דאַרף מען דאָך שטעלען שבועות „חופּה״. לייענט מען טאַקע שבועות, אין אַ צייט ווען אַלץ בליהט, גרינט, לעבט און וואַקסט, די מייסטערהאַפטע, נאַאיוו־דערצעהלטע אידיליע „רות״, וואָס שילדערט אַזוי איינדרוקספול דעם צוזאַמענקום פון דער אָרימער זאַנגען־קלייבערין, די פערציג־יאָהריגע אלמנה רות, מיט דעם רייכען גוט־באַזיצער און ריכטער, דעם אַכציג יאָהריגען בועז.

און די פיר קורצינקע קאַפּיטלאַך פון מגילת רות און דער מדרש דער־צעהלען אונז, אַז ווען אין ארץ ישראל האָט אויסגעבראָכען אַ הונגער אין דער צייט פון די ריכטער, האָט אלימלך גענומען זיין פרוי נעמי און זיינע צוויי זיהן מחלון און כליון, און האָט זיך אַוועקגעצויגען קיין מואב. דאָרט האָט מען דעם אַנגעזעהענעם אידען אלימלך צוגעטיילט גרויס כבוד, און זיינע זיהן האָט מען געמאַכט פאַר גענעראַלען.

האָט אָבער כביכול געצאָרענט, וואָס אלימלך האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל, כדי אויסצובעסערען זיין לאַגע, איבערלאָזענדיג די אידען אויף הפקר, און נאָך אַ פיהרער דערצו. איז אויף אים נגזר געוואָרען טויט שטראָף, כאָטש ער האָט געשטאַמט פון גרויסען יחוס, פון נחשון בן עמינדב, וואָס איז געווען דער ערשטער אַריינצושפּרינגען אין ים אַריין, ווען די אידען זיינען אַרויס פון מצרים. און אַזוי ווי זיינע צוויי זיהן האָבען זיך ניט אָפּגעלערענט דערפון אַ מוסר השכל, און האָבען נאָך חתונה געהאַט מיט מואב׳שע פרויען, ערפּה און רות, זיינען אויך זיי געשטאָרבען.

ווען נעמי האָט געהערט, אַז דער הונגער אין ארץ ישראל האָט אויפ־געהערט, האָט זי באַשלאָסען צוריקצוגעהן אין איר היימלאַנד, און האָט גע־הייסען אירע שנורען געהן צוריק צו זייערע עלטערען. איז ערפה אַהיים געגאַנגען, אָבער רות האָט געוואָלט געהן מיט נעמי׳ן, ווייל זי האָט זיך ניט געאיילט אומצוקערען אין איר פאָטער׳ס הויז, וואָס איז געווען פול מיט געצענדינערייי.

האָט די געטרייע שוויגער נעמי צו איר גע׳טענה׳ט: דו זעהסט דאָך אַליין ווי שווער עס איז צו זיין אַ איד. מיר מוזען אָפּהיטען שבת, האָבען מזוזות אויף די טירען. מיר האָבען זעקס הונדערט און דרייצען מצוות. אָבער רות האָט געענטפערט: „וואוהין דו וועסט געהן, וועל איך געהן. דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין באַשעפער איז מיין באַשעפער״.

זיינען די שוויגער און די שנור געגאַנגען קיין בית לחם. כדי זיך צו ערנעהרען. און רות איז געגאַנגען אין די פעלדער קלייבען זאַנגען, און האָט געטראָפען צו בועז׳ס פעלדער. ווען בועז האָט באַמערקט די גרויסע צניעות פון רות, האָט ער זי אָנגעהויבען מקרב צו זיין. ער האָט איר געגעבען אָנצו־הערען, אַז פון איר וועט אָפּשטאַמען מלכות בית דוד. ער האָט איר געגעבען זעקס מעסטלאך גערשטען, אַן אָנצוהערעניש אַז פון איר וועלען אָפּשטאַמען דוד המלך, משיח, דניאל, חנניה, מישאל און עזריה.

און נאָכדעם ווי בועז׳ס ברודער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי אויסצולייזען, איז בועז אַוועק צו דעם טויער פון דעם בית דין פון דעם סנהדרין, און ער האָט זי אויסגעלייזט, און זי גענומען פאַר אַ פרוי. בועז איז פריהער געווען דער פאָטער פון דרייסיג זיהן און דרייסיג טעכטער, אָבער זיי זיינען אַלע אויס־געשטאָרבען, און זיין ווייב איז געשטאָרבען דעם טאָג, ווען רות איז געקומען קיין בית לחם.

אָט אַזוי איז די אָרימע זאַנגען־קלייבערין רות געוואָרען אַ אידישע פרוי, און די ווייב פון דעם רייכען ריכטער בועז וואָס איז געווען אַ „גדול הדור״ און האָט גע׳משפט די אידען זיבען יאָר.

רות האָט אים געבוירען אַ אינגעלע עובד. עובד איז געווען דער פאָטער פון ישי. ישי איז געווען דער פאָטער פון דוד המלך. האָט רות זוכה געווען צו זיין די עלטער־באָבע פון דעם גרויסען אידישען מלך דוד. און זי, אַליין אַ גלגול פון הבל, און אַן אָפּשטאַמלינג פון דעם קעניג בלק, האָט זוכה געווען אַז אין אַלע בתי מדרשים איבער דער גאַנצער וועלט זאָל מען לייענען יעדען שבועות איר לעבענס־געשיכטע. און אגב די מגילה רות ענט־האַלט פינף און אַכציג פסוקים, פונקט ווי די צאָהל פון די אותיות פון בועז.